STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07024

# DRITER OYSTRALISH-YIDISHER ALMANAKH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דריטער
# אויסטראַליש-יידישער
# אַלמאַנאַך

„קדימה"

מעלבורן 1967

# THIRD AUSTRALIAN-JEWISH ALMANAC

**Published by:**
**Jewish Cultural Centre & National Library "KADIMAH"**
**to mark its 55th Anniversary**
**DECEMBER 1911 — DECEMBER 1966.**

**MELBOURNE** **1967**

Printed by "Autoprint" in Melbourne.

★

**אַרויסגעגעבן פון דעם יידישן קולטור־צענטער**
**און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה" אין מעלבורן**
**צום 55־יאָריקן יובל פון דער אינסטיטוציע**
**דעצעמבער 1911 — דעצעמבער 1966**

רעדאַקציע־קאָלעגיע: קולטור־קאָמיסיע פון דער „קדימה"
רעדאַקציאָנעל־טעכנישע לייטונג: ל. פרידמאַן
הילף: ש. טיגעל
געזעצט און מאָנטירט פון ב. האַניגמאַן.

דרוקעריי „יידישע פּאָסט" אין מעלבורן

# אינהאַלט:

זייט

הקדמה — — — — — — — — — — — — — — 5

## „קדימה"

ל. פרידמאַן: 55 יאָר „קדימה" — — — — — — — — — 9
ל. פ.: כבוד דעם אָנדענק פון פּיאָנערן און טוער
פון דער „קדימה" — — — — — — — — — — — 36
חיים ראָזענשטיין: דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז
ביי דער „קדימה" אין מעלבורן — — — — — — — 38

## יידיש לעבן אין אויסטראַליע

סענדער בורשטין: יידיש לעבן אין מעלבורן — — — — 59
א. צימערמאַן: יידן, יידישקייט און יידן אין סידנעי — — 91
א. טראַי: יידיש לעבן אין פּערט — — — — — — — 100
שמואל בענעט: אונטערגעגאַנגענע יידישע ישובים
אין אויסטראַליע — — — — — — — — — — — 105
הערץ בערגנער: דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט
אין אויסטראַליע — — — — — — — — — — — 113

## ווי אַנדערע זעען אונדז

ד"ר חיים שאָשקעס: מיט יידן אין אויסטראַליע — — — 131
יעקב פּאַט: ווי יידן לעבן אין אויסטראַליע — — — — — 137
מלך ראַוויטש: „קאָנטינענטן און אָקעאַנען" — — — — 157
מענדל מאַן: אַ פּאַטאַמאָרגאַנאַ ביים ראַנד פון אַ מדבר — 163
ד"ר בערל פרימער: אַ בליק אויף יידיש מעלבורן — — — 173

## דערציילונג, ליד און דראַמע

הערץ בערגנער: דער בטלן (דערציילונג) — — — — — 179
אברהם ציקערט: בלויער שפּיגל; שטערן...; שליחות
(לידער) — — — — — — — — — — — — — 200
מ. אייזענבוד: די מצה־מאַשין (אַ קאַפּיטל פון בוך
„ניעסוויזשער יידן") — — — — — — — — — — 203
י. מ. לעווין: די עקידה; עלנטע גאַסן (לידער) — — — 216

זייט

י. האַניג: די דריי עסערס (פעליעטאָן) — — — — — — — 222
יצחק ווינער: וועלט און מענטש; לופט־אַנגריף;
גערזעגענונג (לידער) — — — — — — — — — — — 227
שבע גלאַס־ווינער: כל נדרי אין אוישוויץ — — — — — — 229
ל. פרידמאַן: מאַדאַם אדלער (דראַמע) — — — — — — 233

## עסייען

י. קערש: די ראָל פון וועלטלעכקייט אין יידישן לעבן — 277
חיים ראָזענשטיין: אָפּגענאַרטע געוויסן
און קיום יידישקייט — — — — — — — — — — 293
יוסף סאָלוויי: פּראָבלעמען פון יידישן לעבן — — — — 314
יצחק קאַהאַן: יעקב ווייסליץ — דער וועטעראַן
פון דער יידישער בינע (צו זיינע פופציק יאָר
טעאַטראַלער טעטיקייט) — — — — — — — — — 321
הערש מינץ: יידן־פּיאָנערן איןווירטשאַפטלעכן לעבן
פון אויסטראַליע — — — — — — — — — — — 342
גדליה שאַיאַק (טשאַרנעזאַן): שוואַרץ און ווייס
אין אויסטראַליע — — — — — — — — — — — — 349
שמעון מירעלס: מיניאַטורן — — — — — — — — — 372
מ. באַלבערישסקי: די יידישע קאַטעדרע ביים
ווילנער אוניווערזיטעט (געווידמעט דעם אָנדענק
פון די פאַרפּייניקטע נח און פאולאַ פרילוצקי) — — 376
י. אָרבאַך: די שטורמישע טראַנספאָרמאַציע
פון די שטעט און שטעטלעך אין מדינת ישראל
(רייזע־איינדרוקן) — — — — — — — — — — — 384
בן־ציון פּטקין: דפים מיומן — — — — — — — — — 389

צום אָנדענק פון אונדזערע זעקס מיליאָן קדושים — — — — — 401

באַגריסונגען צום 55־יאָריקן יובל פון „קדימה" — — — — — 403

פאַרצייכעניש פון בילדער, וואָס גייען אריין אין דעם אַלמאַנאַך — 454

# הקדמה

דרייסיק יאָר טיילן אַפּ דאָס דערשיינען פון דעם דריטן אויסטראַליש-יידישן אַלמאַנאַך פון דעם ערשטן אַלמאַנאַך, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1937 און איז געווען דאָס ערשטע געדרוקטע יידישע בוך אין אויסטראַליע. זינט דאַן זענען דאָ אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ ריי יידישע ביכער פון באַזונדערע מחברים און אַ צאָל יידישע פובליציסטיש-ליטעראַרישע זשורנאַלן.

עס זענען נאָך דערשינען צוויי יידישע זאַמלביכער: דער צווייטער אויסטראַליש-יידישער אַלמאַנאַך און דער „צושטייער". דער „צושטייער" איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1944. זינט דאַן זענען מער קיין יידישע זאַמלביכער נישט דערשינען.

פאַר די לעצטע 20 יאָר האָט זיך די צאָל יידן אין אויסטראַליע פאַרטאָפּלט. עס זענען צוגעקומען אַ היפּש ביסל אינטעלעקטועלע כוחות און די גרופּע פון יידישע פען-מענטשן איז באַדייטנד אויסגעוואַקסן. אַט די פען-מענטשן פאַרעפנטלעכן טיילמאָל זייערע שאַפונגען אין די היגע יידישע וואָכן-צייטונגען און אין די היגע פעריאָדישע זשורנאַלן. פון צייט-צו-צייט דרוקן זיי זייערע שאַפונגען אין די אויסלענדישע אויסגאַבעס. עס האָט אָבער געפעלט די גאַנצע צייט אַ גרעסערע ליטעראַרישע אויסגאַבע, וווּ די היגע יידישע שרייבער וואָלטן געקאָנט פאַרעפנטלעכן זייערע ווערק.

דער דריטער אויסטראַליש-יידישער אַלמאַנאַך פילט אויס אָט דעם בלויז. ער האָט געגעבן יעדן איינעם אין אונדזער ישוב, וואָס האָט עפּעס ממשותדיקס צו זאָגן אין וועלכער עס איז פאָרם — ליד, דערציילונג, דראַמע אָדער עסיי — צו זיין פאַרטראָטן אין דעם בוך. אַזוי אַרום רעפּרעזענטירט דער אַלמאַנאַך כמעט אַלע יידישע שעפערישע כוחות אין אונדזער ישוב, וועלכע באַנוצן זיך מיט מאַמע-לשון — יידיש — ביים שרייבן.

אויב געוויסע היגע יידישע שרייבער זענען נישט פאַרטראָטן אין דעם אַלמאַנאַך (און אַזעלכע זענען פאַראַן), איז עס נישט אונדזער שולד. דער אַלמאַנאַך איז געווען אָפן פאַר יעדן יידישן פען-מענטש אין אויסטראַליע.

צוויי אָנטיילנעמער אין דעם אַלמאַנאַך — חיים ראָזענשטיין און מענדל באַלבערישסקי — זענען נפטר געוואָרן אַ קורצע צייט פאַרן דערשיינען פון דעם בוך. יעדער פון זיי האָט אויף זיין אופן געגעבן אַ גרויסן צושטייער פאַר דעם יידישן קולטור־לעבן פון אונדזער ישוב. כבוד זייער אָנדענק!

דער אַלמאַנאַך ווערט אַרויסגעגעבן דורך דעם יידישן קולטור־צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה". ער דערשיינט צו דעם 55־יאָריקן יובל פון דער אינסטיטוציע. דעריבער ווערט אַ טייל פון דעם בוך געווידמעט דער „קדימה", וועלכע האָט געשפּילט און שפּילט נאָך עד היום אַ גרויסע ראָל ביים פורעמען דעם גייסטיקן פּנים פון אונדזער ישוב.

עס זענען אויך געמאַכט געוואָרן באַמיאונגען צו געבן אין דעם בוך אַן אַלגעמיין בילד פון אונדזער ישוב, פון זיין געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, זיין איצטיקן צושטאַנד און זיינע פּערספּעקטיוון אין דער צוקונפט. אין דער אָפּטיילונג גייען אויך אַריין איינדרוקן, וואָס אונדזער ישוב האָט געלאָזן אויף די געסט, וועלכע האָבן באַזוכט אויסטראַליע און אַ קאַפּיטל זכרונות פון מלך ראַוויטש, וועלכער האָט אין די 30קער יאָרן פיל מיטגעווירקט צו דער גייסטיקער אַנט־וויקלונג פון היגן ישוב. אָט די איינדרוקן און זכרונות דערגענצן, אין אַ געוויסן זין, אונדזערע אייגענע שילדערונגען און אָפּשאַצונגען.

אַזוי אַרום וועט דער אַלמאַנאַך געבן די יידן אין דער וועלט אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן אונדזער ישוב און וועגן אונדזערע שעפערישע כוחות. גלייכצייטיק האָפן מיר, אַז דער אַלמאַנאַך וועט זיין אַ באַשיידענער צושטייער צו דער יידישער ליטעראַטור אין דער וועלט.

מיר גיבן איבער דאָס בוך אין רשות פון דעם יידישן לייענער אין אויסטראַליע און אין דער וועלט מיטן גלויבן, אַז ער וועט דאָ געפינען אַ היפּש ביסל מאַטעריאַל צו באַרייכערן זיין וויסן וועגן אונדזער ישוב און טיילווייז וועגן איצטיקן יידישן לעבן בכלל.

**רעדאַקציע־קאָמיסיע**

„קדימה"

ל. פרידמאַן

# 55 יאָר „קדימה"

## יידישער ישוב אין מעלבורן פאַר דער אַנטשטייאונג פון „קדימה"

די געשיכטע פון דער „קדימה" איז ענג געבונדן מיט דער געשיכטע פון דעם יידישן ישוב אין מעלבורן.

דאס ארגאניזירטע יידישע לעבן האט זיך דא אנגעהויבן אין די ערשטע יארן פון דער אנטשטייאונג פון דער קאלאניע וויקטאריע. די קאלאניע איז געשאפן געווארן אין די 30־קער יארן פון 19־טן יארהונדערט און שוין אין יאר 1840 האט אין מעלבורן עקזיסטירט א מנין. די יידישע באפעלקערונג האט דאן געציילט בלויז ארום 60 פערזאן. זיבן יאר שפעטער טרעטן שוין צו די יידן אין מעלבורן צו בויען א שול, וועלכע איז טיילווייז אויסגעפארטיקט געווארן אין יאר 1853. צו יענער צייט האט די יידישע באפעלקערונג אין מעלבורן דערגרייכט אדאנק דעם „גאלד־ראש" אנדערהאלבן טויזנט נפשות. די שול, וועלכע האט זיך געפונען אין סיטי, אין בערק סט. אויף א פלאץ, געשאנקען דורך דער רעגירונג, איז פארגרעסערט געווארן אין 1858, ווען די יידישע באפעל־קערונג איז געשטיגן צו קנאפע 2500 נפשות און איז ווידער איבערגעבויט געווארן אין יאר 1877.

אין די 70־קער יארן ווערן אויסגעבויט נאך צוויי שולן: די „איסט־מעלבורן שול" אין אלבערט סט. און די שול אין סט. קילדא, וועלכע איז געווארן איבערגעבויט עטלעכע מאל און באקומען דעם נאמען די „סט. קילדא שול".

די בערק סט. שול האט אין די 70־קער יארן ארגאניזירט א טעגלעכע יידישע שולע, ווו רעליגיע און העברעאיש זענען געווען א טייל פון דער אלגעמיינער בילדונג. נאך אן עקזיסטענץ פון 20 יאר איז די שול געשלאסן געווארן צוליב מאנגל אין פינאנסן. נאכמיטאג־ און זונטיק־קלאסן זענען די גאנצע צייט געווען טעטיק ביי די עקזיסטירנדיקע שולן, ווו מ'האט די קינדער געלערנט לשון קודש און דאווענען.

עס האט אויך עקזיסטירט א יידישע פילאנטראפישע געזעלשאפט, וועלכע איז געגרינדעט געווארן אין 1840 און איז שפעטער איינצקע מאל רעארגאניזירט געווארן. די געזעלשאפט האט געהאלפן נויט־באדערפטיקע

און קראַנקע יידן, ווי אויך געגרינדעט דעם מושב זקנים א. נ. פון משה מאַנטעפיאָרע אין 1870.*)

## די אַנטשטייאונג פון דער „קדימה"

אין 1911, ווען די „קדימה" איז געגרינדעט געוואָרן, האָט די יידישע באַפעלקערונג אין מעלבורן געציילט אַרום פינף מיט אַ האַלבן טויזנט נפשות. דאָס געזעלשאַפטלעכע יידישע לעבן האָט זיך הויפּטזעכלעך קאָנ־צענטרירט אַרום די עקזיסטירנדיקע שולן. קיין וועלטלעכע יידישע אָרגאַ־ניזאַציעס, חוץ דער פילאַנטראָפּישער געזעלשאַפט און דער „יידישער פרויען וווילטעטיקער געזעלשאַפט", האָבן נישט עקזיסטירט. דער דאָמי־נירנדיקער עלעמענט אין דעם יידישן ישוב זענען געווען די יידן פון ענג־לאַנד, וועלכע האָבן זיך אויסגעלעבט אין ענגליש און אין דער ענגלישער קולטור. זייער יידישקייט האָט זיך באַגרענעצט צו אָפּהיטן (און דאָס אויך טיילווייז) דעם יידישן רעליגיעזן לעבנס־שטייגער. קיין נאַציאָנאַל יידיש באַוווסטזיין אין דעם נייעם זין פון וואָרט האָט דאָ כמעט נישט עקזיס־טירט.**)

אין אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט, באַזונדערס נאָך 1905, האָט די יידישע עמיגראַציע פון פּוילן און רוסלאַנד אָנגעהויבן אָהער צו ברענגען אַן עלעמענט מיט אַן אַנדערער וועלט־ און ייד־אַנשויאונג, וועלכע איז געווען פרעמד און אומבאַקאַנט די איינגעזעסענע היגע יידן.

עס איז געווען די צייט פון דעם גרויסן יידישן קולטור־רענעסאַנס אין מזרח־אייראָפּע. עס האָבן זיך שוין בולט אויסקריסטאַליזירט די נייע יידישע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידייען. די יידישע און העברעאישע ליטעראַטורן האָבן אָנגעהויבן זייער רומפולן באַרג־אַרויף און פאַנאַנדערבלי. גרויסע יידישע מאַסן זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ קאַמף פאַר אַ פריי, פּאָליטיק און נאַציאָנאַל יידיש לעבן. דער קאַמף איז געפירט געוואָרן מיט גרויס עקשנות און מיט פיל קרבנות. דער רעאַקציאָנערער רעזשים אין צאַרישן רוסלאַנד האָט פאַרשטאַרקט די רדיפות קעגן די יידן. פּאָגראָמען און שחיטות האָבן זיך געמערט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע יידישע עמיגראַציע קיין מערב־אייראָפּע און אַמעריקע און אַ קליינער שטראָם פון אָט דער עמיגראַציע איז געגאַנגען קיין אויסטראַליע.

*) גענויער וועגן דער תקופה זע ניומאַן ה. ראָזענטהאַליס אַרטיקל „יידישע קהילות אין אויסטראַליע" אין ערשטן אויסטראַליש־יידישן אַל־מאַנאַך.

**) זע שלמה וויניס אַרטיקל „די מעלבאָרנער „קדימה" אין ערשטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך.

אַט די אימיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע מיט די נייע, פּראָגרעסיווע אידייען, האָבן דאָ געטראָפן אַן אידייאישן מדבר. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט אויסלעבן אין די עקזיסטירנדיקע יידישע אינסטיטוציעס און האָבן אָנגעהויבן מאַכן באַמיאונגען זיך אויסצולעבן אויף אַ פּאָלקסטימלעכן, וועלטלעכן אופן.

דער ערשטער פּרווו אויף דעם געביט איז געווען דאָס שפּילן יידיש טעאַטער. שוין אין יאָר 1909 זענען געשטעלט געוואָרן אייניקע פאָרשטע־לונגען, ווי „כינקע פּינקע" („גבריאל"), „זשידאָווקאַ" און אַנדערע. עס איז איבעריק צוגעבן, אַז דער קינסטלערישער און קולטורעלער ניוואָ פון די פאָרשטעלונגען איז געווען אַ גאַנץ נידעריקער, אָבער אַ געוויסע ראָל אין צוגרייטן דעם באָדן פאַר אַ יידישער פּאָלקסטימלעכער קולטור־טעטיקייט, האָבן זיי געשפּילט.*)

דער דראַנג צו שאַפן אַ וועלטלעכע יידישע קולטור־אינסטיטוציע, ווו די ניי־געקומענע אימיגראַנטן זאָלן זיך קענען צונויפקומען און דורכ־דיסקוטירן זייערע פּראָבלעמען, איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. אָבער היות זיי זענען געווען נאָך „גרין" אין דעם לאַנד און נישט פאַר־מאָגט די נויטיקע פינאַנסיעלע מיטלען, האָבן זיי געמוזט אַנקומען צו אייניקע היגע תושבים און אין רעזולטאַט פון אַזאַ געזעלשאַפטלעכער קאָמבינאַציע פון יידישע פּאָלקסטימלעכע אימיגראַנטן מיט ענגלישע אָדער אַנגליזירטע יידן איז דעם 26טן דעצעמבער 1911 געגרינדעט געוואָרן די יידישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה", וועלכע איז געוואָרן דער ערשטער יידישער קולטור־צענטער אין אויסטראַליע. לויט די זכרונות פון איינעם פון די גרינדער פון דער אינסטיטוציע, אייזיק הורוויץ, וועלכער געפינט זיך איצט אין ישראל, אין קבוץ כפר גלעדי, איז די באַגייסטערונג פון די אָנטיילנעמער אין דער ערשטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג געווען זייער גרויס. „אַלע האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז עס ווערט אויפגעטאָן עפּעס גרויסעס, אַז עס ווערט געשאַפן זייער וויכטיקעס, אַז עס ווערט געלייגט דער פונדאַמענט פאַר וויכטיקע קולטור־אויפטוען אין דער צו־קונפט".**)

אין דעם ערשטן פּעריאָד פון דער אַנטשטייאונג פון דער אינסטי־טוציע האָבן אַ באַדייטנדע ראָל געשפּילט: י. ראַבלין ע"ה — איר ערשטער

---

*) זע שמואל וויסבערגס אַרטיקל „יידיש טעאַטער זוכט נייע וועלט טיילן" אין ערשטן אויסטראַליש יידישן אַלמאַנאַך און חיים ראָזנשטיינס אַרטיקל „יידיש טעאַטער אין אויסטראַליע" אין דעם צווייטן אַלמאַנאַך

**) זע א. הורוויצעס אַרטיקל „די אַנטשטייאונג פון דער „קדימה" אין צווייטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך.

פּרעזידענט; מ. זעלטנער ע"ה — איר צווייטער פּרעזידענט; נ. מאַשין ע"ה; די ברידער טעפּט ע"ה; א. ניומארק ע"ה; אהרן בר־כהן ע"ה; ד"ר מ. א. שאליט ע"ה; ה. הויזי ע"ה; ר. ראָטבערג ע"ה; א. הורוויץ און אנדערע.

אַז די „קדימה" איז שוין דאַן געווען אַ נויטוועגדיקייט ווייזט דער פאַקט, אַז ביי דער ערשטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג זענען געווען אַנ־וועזנד אַרום 80 מיטגלידער, ביי דער צווייטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אין אַפּריל 1912 — 100 מיטגלידער און אין דעצעמבער 1912 ציילט די אינסטיטוציע 200 מיטגלידער. נעמענדיק אין אַכט, אַז די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג האָט באַטראָפן אין יענער צייט אַרום 5,500 נפשות, איז די צאָל מיטגלידער גאָר אַ גרויסע.

די „קדימה" ווערט גלייך פון איר אַנטשטייאונג אַ לעבעדיקער צענטער פון יידישער קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. און ווייל צו דער אינסטיטוציע ווערט אַרויסגעוויזן אַזאַ שטאַרקער אינטערעס, קומען אין איר פאַר אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ גאָר שטאַרקע קאַמפן וועגן באַשטימען איר כאַראַקטער און פּנים. דער קאַמף קומט פאָר הויפּטזעכלעך צווישן די פאָלקסטימלעכע עלעמענטן און די איינגעוואַנדערטע, פאַרענגלישטע יידן. די לעצטע ווילן, אַז די אינסטיטוציע זאָל זיין אונטערן איינפלוס פון די ראַביים און דער הויפּט־ציל זאָל זיין „אויסמענטשלען" די ניי־געקומענע, באַקענען זיי מיטן אויסטראַלישן לעבנס־שטייגער, ענגלישער ליטעראַטור א.א.וו. די יידישע אימיגראַנטן דאַקעגן ווילן פירן די „קדימה" אין אַ מאָדערנעם יידישן גייסט, אויף אַ פאָלקסטימלעכן וועג. אויך צווישן זיי קומט פאָר אַ גאַנץ שאַרפער קאַמף. אַ טייל איז פאַר יידיש אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך און וויל פירן די טעטיקייט פון דער „קדימה" אויסשליסלעך אין יידיש, דאַקעגן אַנדערע אַנערקענען העברע־איש אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך און ווילן, אַז די רעפעראַטן אין „קדימה" זאָלן געהאַלטן ווערן דווקא אין דער שפּראַך. ד"ר מ. שאליט, איינער פון די ערשטע טוער פון „קדימה", אַליין אַ הייסער משכיל, שרייבט וועגן דעם באַריכות אין זיינע זכרונות (ליידער נישט פאַרעפנטלעכט). אַפילו דער נאָמען פון דער „קדימה" איז געווען אין אָנהויב אַ העברע־אישער „בית ספרים עברי לאומי". שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן צו באַנוצן דעם יידישן נאָמען „יידישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק".

דער קאַמף איז געווען אַ גאַנץ אָנגעשטרענגטער און האָט געפירט צו פיל קריזיסן אין די ערשטע יאָרן פון דער „קדימה"־עקזיסטענץ. דאָך מערקט זיך אַ כסדרדיקע אַנטוויקלונג פון דער אינסטיטוציע. דער פאָלקס־טימלעכער עלעמענט באַקומט די אויבערהאַנט, יידישע רעפעראַטן ווערן געהאַלטן וואָס אַמאָל אָפטער. דער לאָקאַל פון דער אינסטיטוציע אויף

59 בערק סט., פּאַרגרעסערט זיך אויף 5 צימערן, די לייענערשאַפט אין דער ביבליאָטעק וואַקסט. עס באַזוכן דעם לייען־זאַל דורכשניטלעך העכער 100 פּערזאָן א וואָך. דער לאָקאַל ווערט צו קליין און אין אָקטאָבער 1915 ווערט די „קדימה" אַריבערגעפירט אין קאַרלטאָן.*)

## די „קדימה" אין דראַמאָנד סטריט, קאַרלטאָן

מיטן אַריבערגיין פון דער „קדימה" אין דער יידישער געגנט פון קאַרלטאָן, אויף דראַמאָנד סטריט 313, ווערט איר טעטיקייט נאָך מער אינטענסיוו. עס הויבן זיך אָן סיסטעמאַטישע רעפעראַטן אין יידיש וועגן מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ, אחד העם, ביאַליק, פרוג, קאָנצערטן פון יידישער פאָלקס־מוזיק א.א.וו. אונטער דער אָנפירונג פון דער „קדימה" ווערט אויך געזאַמלט אין 1916 א סומע פון 950 פונט לטובת די יידן אין די מלחמה־לענדער.

עס זעט אויס ווי די „קדימה" האָט שוין געפונען איר אייגנאַרטיקן וועג פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. אָבער גראָד אין דער צייט שוואַכט זיך אָפּ איר טעטיקייט און זי ווערט כמעט ווי פאַרשוווּנדן.

די ערשטע וועלט־מלחמה און דאָס אָפּשטעלן זיך פון דער יידישער אימיגראַציע האָט א דעצידירנדיקן איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון דער אינסטיטוציע. איר טעטיקייט ווערט געוואַלדיק אָפּגעשוואַכט. אין די יאָרן 1917—1918 פירט זי זייער א שוואַכע טעטיקייט און אין אָנהויב 1919 ווערט זי אָנגעשלאָסן צו דער ציוניסטישער געזעלשאַפט „התחיה" און הערט אויף צו עקזיסטירן ווי א זעלבסטשטענדיקע אינסטיטוציע. ווי שלמה ווין גיט איבער אין זיינע זכרונות**) איז עס געשען צוליב דעם, וואָס א געוויסער עלעמענט פון די „קדימה"־מיטגלידער, האָט געוואָלט אין רעזולטאַט פון דער זיגרייכער רוסישער רעוואָלוציע אַריינוואַרפן די אומפּאַרטייאישע אינסטיטוציע אין די אָרעמס פון די „לינקע". די ציוניסטן האָבן דערצו נישט געוואָלט דערלאָזן און אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אין יאַנואַר 1919 ווערט אָנגענומען א פאָרשלאָג, אַז די „קדימה" ווערט פאַראייניקט מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע „התחיה".

ביז 1926 איז די „קדימה" פאַראייניקט מיט דער „התחיה" און פירט נישט קיין זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט. דאָך ווערט געפירט א

---

*) גענויער וועגן דער תקופה זע שלמה וויניס אַרטיקל „די מעלבאָרנער „קדימה" אין ערשטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך און ב. וואַרשאַווסקיס „די „קדימה"", אין צווייטן אַלמאַנאַך.

**) ערשטער אויסטראַליש־יידישער אַלמאַנאַך, זייט 313.

געוויסע סעפּאַראַטע טעטיקייט פון דער „קדימה" אינערהאַלב דער „התחיה". אַזוי דערמאַנט ישראל שער אין זיינע זכרונות וועגן פּרץ הירשביינס באַזוך אין 1921 (אין ערשטן אַלמאַנאַך), אַז דער קבלת־פּנים פאַר הירשביינ'ען איז פאַרגעקומען אין דער „קדימה", הגם אין יענער צייט האָט אָפיציעל אַזאַ אינסטיטוציע נישט עקזיסטירט. עס קומען פאָר סיסטעמאַטישע לעבעדיקע צייטונגען, אַנגעפירט פון א. נ. בר־כהנ'ען און ל. זשאַבינסקי'ען. עס האָט עקזיסטירט אַ „קדימה"־כאָר, וועלכער האָט געזונגען יידישע לידער אונטער דער אָנפירונג פון ש. בריליאַנט.

אין 1922 ווערט געגרינדעט מיט דער איניציאַטיוו פון די „קדימה"־מיטגלידער די „יידישע אויפנאַם־געזעלשאַפט" (דזשואיש וועלקאַם־סאָסייטי), וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אויפנעמען און איינאָרדענען די ניי־געקומענע אימיגראַנטן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו קומען קיין אויסטראַליע אין גרעסערע צאָלן נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט. דער ערשטער פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט איז געווען א. ש. ראָוז און סעקרעטאַר א. נ. בר־כהן.

די פאָלקסטימלעכע עלעמענטן אין און אַרום דער „קדימה"־„התחיה" זענען נישט געווען צופרידן פון דעם „שידוך" און אין 1926 איז געקומען צו אַן אָפענעם ברוך. די „קדימה" האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער „התחיה" און איז געוואָרן צוריק אַ זעלבסטשטענדיקע אינסטיטוציע.

## די „קדימה" בויט אַן אייגענע געביידע

פון דעם מאָמענט, ווען די „קדימה" טיילט זיך אָפּ פון דער „התחיה", הויבט זיך אָן אַ ווידעראויפלעבונג פון דער אינסטיטוציע. עס הויבט זיך אָן אַ נייער צושטראָם פון יידישער אימיגראַציע, וועלכער פאַרגרעסערט די „קדימה"־מיטגלידערשאַפט. מיט דער אינסטיטוציע פירט אָן אַן איבערגעגעבענער קאָמיטעט מיט ש. בריליאַנט'ן אַלס פּרעזידענט. שפּעטער ווערט פּרעזידענט זיין פרוי, רייזל בריליאַנט.

די גרויסע צאָל אונטערנעמונגען אין „קדימה" ווערן געפירט הויפּטזעכלעך אין יידיש. עס ווערן איינגעאָרדנט רעפעראַטן וועגן יידישער און וועלט־ליטעראַטור, געשיכטע, קונסט א.א.וו. באַזונדערס טעטיק אויף דעם געביט זענען: א. נ. בר־כהן ע"ה, ל. זשאַבינסקי ע"ה, ה. מינץ, ס. בורשטין און א. הורוויץ.

עס ווערט אויך זייער אַקטיוו דער דראַמאַטישער קרייז ביי דער „קדימה" אַדאַנק די באַמיאונגען פון מ. שעכטער און שפּעטער יעקב גינטער ע"ה. עס ווערט אויפגעלעבט דער „קדימה"־כאָר אונטער דער




די „קדימה״ - געביידע

אנפירונג פון ש. בריליאנט און עס ווערן איינגעאָרדנט מוזיקאַליש־וואָקאַלישע אוונטן, וועלכע ציען צו א גרויסן עולם.

דער לאָקאַל אויף 313 דראָמאָנד סט. ווערט צו קליין און עס אַנטשטייט א געדאַנק צו בויען אַן אייגענע גרויסע געביידע. אונטער דער ענערגישער אַנפירונג פון די פּרעזידענטן שלמה וויז און שפּעטער אהרן פּאַטקין, פירט דער „קדימה״־קאָמיטעט אַ גרויסע אַקציע פאַרן בוי־פאָנד.

צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי צילע גראָסבי גיט מ. גראָסבי פאַר דעם בוי־פאָנד א סומע פון 1000 פונט, וועלכע ער פאַרגרעסערט שפּעטער אויף 1.250 פונט. אדאַנק דער נדבה און פיל גרעסערע און קלענערע באַשטייערונגען ווערט געקויפט א פּלאַץ אין לייגאָן סט., קאַרלטאָן און מ׳טרעט צו צו בויען א גרויסע געביידע.

אין סעפּטעמבער 1932 ווערט געלייגט מיט גרוים פייערלעכקייט דער גרונטשטיין פאַר דער נייער געביידע. אָט ווי עס באַשרייבט ש. וויז (אין ערשטן אויסט.־יידישן אלמאַנאַך) די שטימונג אויף דער פייערונג:

„אויף דעם פּלאַץ — א גרויסע מאסע יידן. די זון קארגט נישט מיט איר ביישטייער צו אונדזער שמחה. די געמיטער זענען הייטער. מען לייגט דאָך צום ערשטן מאָל א גרונטשטיין פאר א היים פון יידישער קולטור אין דעם ווייטן לאנד. אלעמענס הערצער פלאטערן ממש מיט יום־טובדיקן געפיל״.

די געביידע האט געקאסט ארום 5000 פונט און אין מערץ 1933 איז פארגעקומען די פייערלעכע דערעפענונג פון דער געביידע ביי א פול־געפאקטן זאל.*) דער לאנגיאריקער טרוים פון א שיינער געביידע פאר דער יידישער קולטור־אינסטיטוציע אין מעלבורן ווערט פארווירקלעכט.

## די פארברייטערטע טעטיקייט אין דער נייער „קדימה״־געביידע

מיטן אריבערציען זיך אין דער נייער געביידע ווערט די טעטיקייט פון דער „קדימה״ פארשטארקט און פארברייטערט. פאר איר טעטיקייט זארגט אן איבערגעגעבענער קאמיטעט אונטער דער אנפירונג פון ישראל שער. עס ווערט באשטימט דער ערשטער געצאלטער סעקרעטאר אייזיק הורוויץ. עס וואקסט די ביבליאטעק. דער לייען־זאל ווערט גוט באזוכט. כמעט יעדן זונטיק קומען פאר אונטערנעמונגען, מערסטנטייל אין יידיש. עס ווערן געהאלטן רעפעראטן אויף פארשידענע טעמעס. די „קדימה״ רעאגירט אויף אלע וויכטיקע געשעענישן אין יידישן און אלגעמיינעם לעבן. עס קומען אויך פאר קאנצערטן פון א הויכן קינסטלערישן ניוואָ. אייניקע פון די קאנצערטן ווערן איבערגעגעבן דורכן ראדיא. עס אנט־שטייט א יוגנט־סעקציע, וועלכע פירט אן ענערגישע און ברייטע טע־טיקייט.

באזונדערס ווערט טעטיק און באקומט א גרויס פעלד פאר ארבעט דער טעאטער־קרייז ביי דער „קדימה״. דער גרויסער טעאטער־זאל מיט העכער 400 זיץ־פּלעצער, די מאדערנע בינע מיט פאסיקע ליכט־עפעקטן און דעקאראציעס גיבן דעם קרייז א מעגלעכקייט צו הויבן קינסטלעריש די טעאטער־אויפפירונגען. עס ווערן געשטעלט אויף דער בינע פון דער „קדימה״ צענדליקער פיעסעס פון גאר א הויכער קינסטלערישער מדרגה אונטער דער רעזשי פון יעקב גינטער, י. ראטמאן, א. ברייזבלאט און נתן גינטער. דער קרייז דערהויבט זיך צו א גאר הויכער מדרגה ווען עס

---

*) א גענויע באשרייבונג פון דער פייערונג פון לייגן דעם גרונט־שטיין און פון דער דערעפענונג פון דער געביידע געפינט זיך אין צווייטן אויסטראליש־יידישן אלמאנאך אין דעם ארטיקל „די „קדימה״, פון ב. ווארשאווסקי.

קומען קיין מעלבורן די צוויי וועלט־באַקאַנטע אַרטיסטן: **יעקב ווייסליץ** און שפּעטער **רחל האָלצער.***)

מיטן אָנקומען פון דעם דיכטער און שרייבער **מלך ראַוויטש** קיין מעלבורן אין 1933 אויף אַ קורצן באַזוך און דערנאָך אין **1935 אויף** אַ לענגערער צייט, ווערט די טעטיקייט פון דער „קדימה" **נאָך מער פאַר**־שטאַרקט. ער האַלט אַ גאַנצע ריי רעפעראַטן אין „קדימה" **און אָרגאַניזירט** סיסטעמאַטישע וועכנטלעכע לעקציעס וועגן יידישער ליטעראַטור, **וועלכע** ווערן שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַ פאָלקס־אוניווערזיטעט, **אָנגעפירט דורך** די „פריינד פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן".

**מלך ראַוויטש** גיט די אָנרעגונג צו שאַפן די **ערשטע יידישע שול** אין מעלבורן א. נ. פון י. ל. פּרץ און איז איר ערשטער **פאַרוואַלטער. די** שול האָט אַ לאַנגע צייט געפירט איר טעטיקייט אין דער „קדימה". **כמעט** אַלע צימערן פון דער „קדימה" האָבן אין משך פון **לאַנגע יאָרן געדינט** אַלס „קלאַסן" צו פירן די לימודים. נאָכן אויסבויען **אַן אייגענע געביידע** פאַרלאָזט די שול די „קדימה".

**מלך ראַוויטש** האָט אויך געגעבן די אָנרעגונג **צום אַרויסגעבן דאָס** ערשטע יידישע בוך אין אויסטראַליע אין 1937, **דעם אויסטראַליש־יידישן** אַלמאַנאַך, וועלכן ער האָט רעדאַגירט. דאָס בוך איז **דערשינען אַדאַנק** דער הילף פון א. ש. ראָוז, ישראל שער, **שמחה בריליאַנט און שלמה וויז,** וועלכע זענען דאַן געשטאַנען ביי דער אָנפירונג פון „קדימה".

די „קדימה" ווערט דער צענטער פון יידישן **קולטור־לעבן אין מעל**־בורן און די נייע געביידע ווייזט זיך אַרויס צו **קליין. אין 1938, בעת** ר. ראָטבערג איז געווען פּרעזידענט, ווערן **אַדאַנק זיין ענערגישער טע**־טיקייט איינגעקויפט צוויי שכנותדיקע געביידעס. **אין איינער פון זיי ווערט** שפּעטער איבערגעפירט די ביבליאָטעק און דער **לייען־זאַל. עס ווערט** אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן און טיילווייז געשאַפן **אַ בוי־פאָנד אויף איבער**־צובויען און פאַרגרעסערן די עקזיסטירנדיקע **געביידע. ליידער ווערט דער** פּלאַן נישט רעאַליזירט.

## „קדימה" בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה

א באַזונדער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער „קדימה" **איז די** צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די „קדימה", **אונטער דער אָנ**־

*) געווען וועגן יידישן טעאַטער אין מעלבורן זע צוויי טן אויסט־ יידישן אַלמאַנאַך „יידיש טעאַטער אין אויסטראַליע", פון חיים ראָזנשטיין.

פירונג פון די פּרעזידענטן י. אַקנאַ*) און שפּעטער אַלעק מאַשין ע"ה, גיט זיך אָפּ אַ דין וחשבון פון דער ראָל, וועלכע זי דאַרף שפּילן אין דעם קאַמף מיט דעם בלוטיקן שונא פון יידישן פאָלק — היטלער־דייטשלאַנד.

אַלס סעקרעטאַר אַרבעט דאָן מיט גרויס איבערגעגעבנקייט און פּאַכמענישקייט בונם וואַרשאַווסקי ע"ה.

נאָך פריער, בעת היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, רופט די „קדימה" אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג קעגן די נירנבערגער יידישע געזעצן און שטיצט די אַקציע צו באָיקאָטירן דייטשע סחורות.

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה שטיצט די „קדימה" דעם רויטן קרייץ און מגן דוד אדום דורך איינאָרדנען ספּעציעלע אונטערנעמונגען פאַר דעם צוועק. זי שטיצט מיט אַ גרויסן פאַרנעם די „פרייהייטס"־הלוואות און שפּעטער די „נצחון"־הלוואות, וועלכע ווערן פאַרווענדעט אויף מלחמה־נויטן. זי שיקט די אויסטראַלישע זעלנער מעבר לים ספּעציעלע פּעקלעך („העמפּערס") און באַזאָרגט די יידישע זעלנער אין דער אויסטראַלישער אַרמיי מיט יידישע און ענגלישע ביכער.

אין אַפּריל 1942 ווערט איינגעאָרדנט דורך דער „קדימה" אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אין שייכות מיטן פאַרזונקען פון דער שיף „סטרומאַ". אַ שאַרפע פּראָטעסט־רעזאָלוציע ווערט געשיקט צו דער ענגלישער רעגירונג.

ענדע 1942 קומט פאָר אין „קדימה" אַ ריזיקע פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג קעגן נאַצישע שחיטות איבער יידן אין אייראָפּע. דער זאַל פון „קדימה" קען נישט אַריינעמען דעם גאַנצן עולם, וועלכער פילט אויך אויס דעם קאָרידאָר און דעם אויבערשטן זאַל. די פאַרזאַמלונג האָט אַן אָפּקלאַנג אויך אין דער אַלגעמיינער ענגלישער פּרעסע.

אין 1942, צום 30־טן יובל פון דער „קדימה" דערשיינט דער צווייטער אויסטראַליש־יידישער אַלמאַנאַך, אונטער דער רעדאַקציע פון הערץ בערגנער, פּנחס גאָלדהאַר, בונם וואַרשאַווסקי און הערש מינץ.

אין מיטן יאָר 1944, בעת ל. פינק איז געווען פּרעזידענט, קומט פאָר אַן ענדערונג אין דעם צוזאַמענשטעל פון „קדימה"־קאָמיטעט. די דאָזיקע ענדערונג ווערט פאַראורזאַכט צוליב דער שטעלונג פון „קדימה"־קאָמיטעט צו די פּראָיעקטירטע רעזאָלוציעס אויף דער סידנעיער קאָנפערענץ פון יידישן וועלט־קאָנגרעס (אויסטראַלישע אָפּטיילונג). אין די דאָזיקע רעזאָלוציעס ווערט, צווישן אַנדערע, אויסגעדריקט אונטערשטיצונג

---

*) י. אַקנאַ איז דער ערן־אַדוואָקאַט פון „קדימה" פאַר די לעצטע טשלעכע צענדליק יאָר.

פאַר דער פּאָליטיק פון דער יידישער אַגענץ צו זיכערן אַ יידישע „קאָמאָנ־וועלט" אין פּאַלעסטינע. דער „קדימה"־קאָמיטעט האָט געהאַלטן, אַז דער פּאַראַגראַף האָט אַ ריין פּאָליטישן אַספּעקט און רופט אַרויס שאַרפע חילוקי־דעות, דעריבער האָט ער נישט גענומען קיין שטעלונג אין דער פראַגע. דאָס האָט אַרויסגערופן אומצופרידנקייט ביי אייניקע עקזעקוטיוו־מיטגלידער, וועלכע האָבן רעזיגנירט פון קאָמיטעט. עס איז גערופן גע־וואָרן אַן אויסעראָרדנטלעכע פאַרזאַמלונג וועגן דעם ענין. די פאַרזאַמלונג האָט געהאַט אַ זייער שטורמישן פאַרלויף און האָט געמוזט אָפּגעלייגט ווערן. אויף דער פאָרזעצונג פון דער פאַרזאַמלונג איז אומדירעקט אויס־געדריקט געוואָרן אומצוטרוי צו דעם קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך אָנגע־געבן אין דעמיסיע און אויף זיין אָרט איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייער קאָמיטעט מיט י. גינזבורג אַלס פּרעזידענט.

## וווּקס פון דער אינסטיטוציע נאָך די מלחמה־יאָרן

דער צושטראָם פון דער נייער יידישער אימיגראַציע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, צווישן אַנדערע אויך פון אַ צאָל יידישע אינטעלעקטועלע כוחות, איז גורם געווען צו אַ שטאַרקן וווּקס פון דער אינסטיטוציע. די צאָל מיטגלידער וואַקסט כסדר און אין 1950 קומט פאָר אַ גרויסע פייערונג לכבוד דעם 1000טן מיטגליד. די מיטגלידערשאַפט האַלט אין שטייגן און אין 1954 ציילט די אינסטיטוציע העכער 1300 מיטגלידער.

עס שטייגט אויך די צאָל לייענער אין דער ביבליאָטעק און די צאָל געלייענטע ביכער אין 1950 איז איבער 5000 און אין 1954 — העכער 6000. נאָך אין 1949 ווערט די ביבליאָטעק איבערגעטראָגן פון דער הויפּט־געביידע אין אַ באַזונדערער געביידע, ווו עס געפינט זיך אויך דער לייען־זאַל.

פריער איז דער אַמט פון ביבליאָטעקאַר נישט געווען קיין געצאָלטער און איז געווען פרייוויליק אויסגעפירט דורך אַ ריי איבערגעגעבענע טוער, ווי די פריינד ס. בורשטין, מ. שעכטער און אַנדערע. מיט דער פאַרגרע־סערונג פון דער צאָל ביכער און לייענער איז דער פּאָסטן געוואָרן אַ געצאָלטער.

די ביבליאָטעקאַרן האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרויסע איבערגעגעבנקייט צו זייער אַרבעט, ווי די פריינד מ. וויינשטיין, י. באַגאַטין, ד. ניסענבוים און ש. פּאַדעס, וועלכער האָט אויך אויסגעפירט אַ גאַנצע ריי אַנדערע פונקציעס פאַר דער אינסטיטוציע, באַזונדערס אין שייכות מיטן טעאַטער און איז פאַרבונדן מיט דער „קדימה" אַ 40 יאָר.

## ל. פרידמאַן

אין 1953 האָט איבערגענומען די פאַרוואַלטונג פון דער ביבליאָטעק דער ביבליאָגראַף ב. עזראַוויטש, וועלכער האָט געווידמעט דער דאָזיקער אַרבעט פיל צייט און ענערגיע און האָט די ביליאָטעק מוסטערהאַפט אָר־גאַניזירט.*)

עס קומען פאַר כמעט יעדן זונטיק גוט באַזוכטע אונטערנעמונגען. די צאָל באַזוכער א יאָר אויף „קדימה"־אונטערנעמונגען גרייכט צו 12.000 און צוזאַמען מיט די אונטערנעמונגען פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע קומען פאָר אין „קדימה", אַריינרעכענענדיק אויך דעם באַזוך אין לייען־זאַל, גרייכט די צאָל ביז 42.000 פּערזאָנען.

דער „קדימה"־קאָמיטעט, אונטער דער אָנפירונג פון י. האָניג, א. פּערל און שפּעטער י. ריימער אַלס פּרעזידענטן, מאַכט גרויסע אָנשטרענ־גונגען צו פירן א לעבעדיקע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. אַלס סעק־רעטאַר אַרבעט דאָ מיט גרויס איבערגעבנקייט דער יונגער דיכטער יאָסל בירשטיין. נאָך זיין פאַרלאָזן אויסטראַליע צו באַזעצן זיך אין ישראל, נעמט איבער דעם אַמט ל. פרידמאַן, געוועזענער רעדאַקטאָר פון דער „יידישע פּאָסט", וועלכער איז ביי דער דאָזיקער אַרבעט ביזן היינטיקן טאָג.

די „קדימה" רעאַגירט אויף די געשעענישן אין דער וועלט און, דער עיקר, אין יידישן לעבן. אין 1945 אָרדנט זי איין צום ערשטן מאָל א פייערונג צום יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. אין די שפּעטער־דיקע יאָרן אָרדנט זי איין די געטאָ־פייערונגען צוזאַמען מיט דעם „באָאַרד אָף דעפּיוטיס" אין צוויי זאַלן גלייכצייטיק: אין דעם זאַל פון „קדימה" און אין דעם סעמיועל מייערס האַל. היות ביידע זאַלן זענען נישט אימשטאַנד אַריינצונעמען דעם גרויסן עולם, ווערט זינט 1957 איינ־געאָרדנט דורך דעם „באָאַרד" און דער „קדימה" איין גרויסע געטאָ־פייערונג אין דעם מעלבורנער טאַון־האָל.

דאָס אַנטשטיין פון מדינת ישראל און איר קאַמף פאַר עקזיסטענץ באַקומט א בולטע אָפּשפּיגלונג אין דער „קדימה"־טעטיקייט. עס קומען פאָר פיל אוונטן, געווידמעט ישראל. עס ווערט איינגעאָרדנט א פייערונג לכבוד דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, א פייערונג צום ערשטן יאָר פון מדינת ישראל, צום צווייטן יאָר און א באַזונדערע פייערונג צום דערגרייכן דעם ערשטן מיליאָן יידן אין ישראל. עס ווערן געהאַלטן פיל רעפעראַטן און סימפּאָזיומס אויף ישראל־טעמעס.

אין דער צייט ווערט אויך אויפגעלעבט די אַרבעט פון טעאַטער־

*) זינט 1958 איז דער ביבליאָטעקאַר י. דאַרעמבלאַט.

קרייז ביי דער „קדימה". מיטן שטראם פון דער נייער אימיגראציע קומען צו פרישע ארטיסטישע כוחות, צווישן אנדערע קומען די ארטיסטן מילא וויסליץ, משה פאטאשינסקי און אויך יהודה גרינהויז ע"ה, וועלכע טרעטן ארויס מיט אייגענע קאנצערטן און שפילן צוזאמען מיטן קרייז.

אין 1948 איז אויף דער איניציאטיוו פון „קדימה" גערופן געווארן א יידישע קולטור־קאנפערענץ, אין וועלכער עס האבן זיך אויך באטייליקט א ריי פארשטייער פון סידני. די קאנפערענץ האט געדויערט צוויי טעג. עס זענען אויסגעהערט געווארן א ריי רעפעראטן און אויסגעארבעט גע־ווארן א גאנצע ריי רעזאלוציעס. די ווירקונג פון דער קאנפערענץ איז ליידער נישט געווען קיין לאנג־דויערנדיקע. הגם עס איז אויסגעוויילט געווארן א קערפערשאפט, וועלכע האט געזאלט ווייטער פארזעצן די ארבעט, איז קיין קאנקרעטע ארבעט נישט געטאן געווארן צוליב אינער־לעכער צעריסנקייט. אין א קורצער צייט ארום האט די קערפערשאפט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

## איבערברוך אין דער „קדימה"־טעטיקייט

אין 1951 קומט פאר אן איבערברוך אין דער „קדימה"־טעטיקייט. עס ווערן באזייטיקט פון דער „קדימה"־פארוואלטונג די „לינקע" פאר־שטייער, הויפטזעכלעך צוליב זייער שטעלונג צו דער טראגישער לאגע פון די יידן אין סאוועט־רוסלאנד. אין דעם יאר ווערט אויך אויפגעלייזט די „קדימה"־יוגנט־סעקציע, וועלכע ווערט אין יענער צייט אנגעפירט פון „לינקע" עלעמענטן. דער „קדימה"־קאמיטעט באמיט זיך אויפצו־קלערן דער יוגנט־סעקציע, אז זי דארף פירן אן אלגעמיינע יידישע אר־בעט און נישט קיין לינק־פארטייאישע. היות די יוגנט זאגט זיך אפ צו קאאפערירן מיט דעם קאמיטעט, ווערט גערופן אן אויסערארדנטלעכע אלגעמיינע פארזאמלונג, וועלכע נעמט אן א באשלוס אויפצולייזן די יוגנט־סעקציע און גלייכצייטיק צו שאפן א נייע יוגנט־ארגאניזאציע.

עס האט זיך שפעטער ארויסגעוויזן, אז די אקטיווע יידישע יוגנט גרופירט זיך אין פאליטישע ארגאניזאציעס און עס איז אוממעגלעך צו שאפן אן אפאליטישע יוגנט־ארגאניזאציע, ווי די „קדימה" וואלט זיך געוווּנטשן. ווילנדיק, אז די יוגנט זאל געניסן פון דער „קדימה"־געביידע, איז דערלויבט געווארן צוויי יוגנט־ארגאניזאציעס — די „הבונים" און דעם „סקיף" — צו פירן א טייל פון זייער טעטיקייט אין לאקאל פון דער „קדימה".

זינט 1952 ווידמעט די „קדימה", אונטער דער פרעזידענטשאפט

פון י. האניג, ס. בורשטין און שפּעטער ב. פּאַטקין, פיל אויפמערקזאַמקייט דער טראַגישער לאַגע פון יידן אין ראַטנפאַרבאַנד.

אין 1953 ווערט איינגעאָרדנט אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג אין שייכות מיט דעם דאָקטוירים־פּראָצעס אין מאָסקווע און סלאַנסקי־פּראָצעס אין פּראַג. אין 1954 און אין די שפּעטערדיקע יאָרן ווערן איינגעאָרדנט אַ ריי אוונטן, געווידמעט דער פאַרניכטונג פון יידישער קולטור אין רוסלאַנד.

די „קדימה" באַמיט זיך צו האַלטן וואַך די עפנטלעכע מיינונג וועגן דער געפאַר פון יידישן קולטור־„גענאָציד" אין סאָוויעט־רוסלאַנד. די דאָזיקע אַקציע ווערט געפירט נאָך מער אינטענסיוו זינט 1956, ווען עס ווערט אָפיציעל באַקאַנט די ידיעה וועגן אומברענגען די סאָוויעטישע יידישע שרייבער און קינסטלער. די „קדימה" נעמט די איניציאַטיוו צו רופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע וויכטיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס. עס ווערט איינגעאָרדנט אַ גרויסע טרויער־פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס קומט צום אויסדרוק דער צער און טרויער צוליב דער דערמאָרדונג פון די בעסטע יידישע שרייבער און קינסטלער אין סאָוויעט־רוסלאַנד און עס ווערט אָנגענומען אַ שאַרפער פּראָטעסט קעגן אָט דער רוצחישער האַנדלונג און אַ פאָדערונג צו באַנייען דאָרט דאָס יידישע קולטורעלע און רעליגיעזע לעבן. די דאָזיקע אַקציע ווערט אויך פאַרגעזעצט אין די ווייטערדיקע יאָרן.

אין די יאָרן הויבט אָן די „קדימה" אַן אַקציע פאַר דעמאָקראַטיזירן דעם „באָאַרד אָף דעפּיוטים". אין 1952 ווערט גערופן וועגן דער פראַגע אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג. די „קדימה" קומט אַרויס מיט דער לאָזונג, אַז דער „באָאַרד" דאַרף געוויילט ווערן דורך אַלגעמיינע, דירעקטע, גלייכע, געהיימע און פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן. די אַקציע ווערט אויך געפירט אין די ווייטערדיקע יאָרן און הגם קיין פולע דעמאָקראַטיזאַציע פון „באָאַרד" ווערט נישט דערגרייכט, ווערט דאָך געמאַכט אַ היפּשער פאָרשריט אין דער ריכטונג.

אין 1954 ווערט איינגעאָרדנט אַ גרויסער „משפּט" איבער דער אַסימילירטער יידישער יוגנט. דער „משפּט" איז איינגעאָרדנט געוואָרן לויט אַלע כּללים פון געריכטוועזן מיט פּראָקוראָרן, פאַרטיידיקער, עקספּערטן און עדות און האָט געדויערט צוויי אָוונטן. די אונטערנעמונג איז באַזוכט געוואָרן דורך 500 פּערזאָנען דעם ערשטן אָוונט און 400 דעם צווייטן אָוונט, צווישן זיי פיל יוגנטלעכע. דער „משפּט" האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג נישט נאָר אין מעלבורן, נאָר אויך אין אויסלאַנד. די פּרעסע אין ישראל („דבר" און „זמנים"), אין אַרגענטינע („די




„קדימה"-קאָמיטעט ביים אַריינגאַנג פון דער „קדימה"-געביידע
אין יאָר 1953

פון רעכטס צו לינקס (ערשטע ריי): א. ראָזענבעס, ח. ראָזענבעס, ס. בורשטין, מ. ראָט(פאַרב); (צווייטע ריי): י. זאַקס, י. שער, ה. מיאָדאָווניק, י. פושעט, ב. עזראָוויטש; (דריטע ריי): י. האָניג, ב וואַרשאַווסקי, נ. גריפענבערג; (פערטע ריי): ש. פאָדעס (אַדמיניסטראַטאָר), ל. פרידמאַן (סעקרעטאַר), ב.י. ראָזען.

פּרעסע״) און אין אַנדערע לענדער האָבן געבראַכט געניגע באַריכטן פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג.

די קולטור־טעטיקייט פון דער אינסטיטוציע ווערט כסדר אויסגע־ברייטערט און נעמט אַרום רעפעראַטן, סימפּאָזיומס „לעבעדיקע צייטונ־גען״, אַקאַדעמיעס צו פאַרשידענע געלעגנהייטן, פייערלעכע אָוונטן, קאָנ־צערטן און אַנדערע אונטערנעמונגען. אַ צייט איז אויך געפירט געוואָרן אַ שטודיר־קרייז פון יידישער קולטור־געשיכטע.

די צאָל פּערזאָנען, וועלכע טרעטן אַרויס אויף די אונטערנעמונגען איז גאַנץ באַדייטנד. עס נעמען אַנטייל אין זיי די פריינד: ה. באַכראַך, ס. בורשטין, ה. בערגנער, ש. גאָלדשטיין, ח. גורט, י. גיליגיטש, י. האָניג, י. וויסליץ, ה. מינץ, י. סאָלוועי, ב עזראַוויטש, ב. פּאַטקין, ד״ר מ. פערשטענדיג, ל. פרידמאַן, י. קאַהאַן, י. קערש, י. ראַפּאַפּאָרט, הרב ד״ר י. ראַפּאַפּאָרט, י. ריימער, י. שפּערלינג און אַנדערע.

די טעטיקייט פון טעאַטער־קרייז ביי דער „קדימה״ דערגרייכט איר הויך־פּונקט אין 1952/3, ווען עס זענען געשטעלט געוואָרן פינף פּיעסעס (צוזאַמען 22 פאַרשטעלונגען) אונטער דער רעזשי פון יעקב וויסליץ און רחל האַלצער. די פאַרשטעלונגען זענען באַזוכט געוואָרן דורך העכער 7000 מענטשן.

אַ זייער גרעסטן יאָר פאַרן יידישן טעאַטער איז אויך געווען דאָס יאָר 1955, ווען עס זענען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן אַהער דורך דעם טעאַטער־קרייז זיגמונט און ראָזאַ טורקאָוו. עס זענען געגעבן געוואָרן אין דעם יאָר אין דער „קדימה״ עטלעכע און דרייסיק פאַרשטעלונגען און וואָרט־קאָנצערטן, וועלכע זענען באַזוכט געוואָרן פון קנאַפּע 9000 מענטשן.

עס דאַרף אויך פאַרצייכנט ווערן דער באַזוך פון חיה׳לע גראָבער אין 1956/57, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט אַן אויפלעבונג אין היגן טעאַטער־לעבן.

עס איז ווערט אויך דערמאָנט צו ווערן דער באַזוך פון אידאַ קאַ־מינסקאַ, רות טורקאָוו־קאַמינסקאַ, מאיר מעלמאַן און קאַראָל לאַטאַוויטש פון פּוילן אין 1960. דער קורצער באַזוך האָט אַריינגעבראַכט אַ יום־טוב־דיקייט אין היגן ישוב און האָט אויפגעלעבט די אַרבעט פון דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז, וועלכער האָט מיטגעשפּילט מיט די געסט.

אין 1964 האָט אַן אויפלעבונג אין דער טעטיקייט פון דעם קרייז אַריינגעפירט דער גאַסט־רעזשיסער יוסף שיין, וועלכער האָט געשטעלט דאָ דריי פּיעסעס.



„קדימה"-קאָמיטעט מיטן גאַסט-רעדנער דוד בער מאַלקין אין יאָר 1963.
ערשטע ריי זיצן (פון רעכטס צו לינקס): ל. טשערני, ב. עזראָוויטש, י. שפערלינג, י. ריימער, ד.ב. מאַלקין,
ס. בורשטין, ח. ראָזענבעס, פרוי ע. טאַבאַטשניק, פ. אַלטמאַן.
מיטלסטע ריי: מ. גרינבערג, ב. פאַטקין, ל. פרידמאַן מ. שוואַרצבערג, ז. באָרנשטיין, נ. גריפענבערג, נ. סמוזשיק,
אויבערשטע ריי: מ. ווילענסקי, י. טשיזשיק, ש. שוואַרץ, פ. קרישטאַל, ש. ריכטער, ח. באָרענשטיין.

אין 1965 זענען געקומען אויף דער איינלאַדונג פון דער „קדימה" שמעון דזשיגאַן און כוכבה הררי. זייערע פאָרשטעלונגען זענען באַזוכט געוואָרן פון קנאַפּע 8000 מענטשן.

## געסט־רעדנער און אַרטיסטן מעבר לים

זינט אַנהויב 50־קער יאָרן פּילט די „קדימה" אַ נויטווענדיקייט צו ברענגען פון אויסלאַנד אַלס געסט־רעדנער באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט. דער ציל איז אַריינצוברענגען אַן אויפלעבונג אין היגן יידישן לעבן. פיל פּרוון ווערן געמאַכט אין דער ריכטונג. אין 1952 ווערט געפירט אַ לענגערע קאָרעספּאָנדענץ מיט ה. לייוויק'ן. דער דיכטער האָט אָנגענומען די איינלאַדונג, אָבער רעזיגנירט פון דעם באַזוך צוליב געזונט־טעמים.

אין 1955 באַזוכן אונדזער ישוב אויף דער איינלאַדונג פון דעם טעאַטער־קרייז ביי דער „קדימה", ווי עס איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, די אַרטיסטן זיגמונט און ראָזאַ טורקאָוו.

אין 1956 קומט דער ערשטער גאַסט־רעדנער אין דער פּערזאָן פון יעקב פּאַט ע"ה; אין 1957 — ד.ב. מאַלקין ע"ה; אין 1958 ווײַלט דאָ דער שרייבער לייב ראָכמאַן, וועלכער האָלט אייניקע רעפעראַטן אין „קדימה". אין 1960 קומט דער זינגער סידאָר בעלאַרסקי און דער פּרעלעגענט יעקב מאַלקין, אין 1961 גיט אייניקע רעפעראַטן אין „קדימה" ד"ר חיים שאָשקעס ע"ה, שפּעטער קומט אַלס גאַסט־רעדנער דער דיכטער אברהם סוצקעווער, אין 1962 קומט מענדל מאַן, אין 1963 — ווידער ד. ב. מאַלקין. אין 1964 — פּראָפ. עזריאל נאַקס און דער רעזשיסער יוסף שיין, אין 1965 — ד"ר בערל פרימער, און אין 1966 — לוי שאַליט.

די באַזוכן פון די געסט־רעדנער און אַרטיסטן האָבן אַריינגעבראַכט אַ גרויסע אויפלעבונג אין אונדזער ישוב. די רעפעראַטן פון די געסט־רעדנער ווערן מאַסנווייז באַזוכט. יעדער רעדנער ווערט געהערט פון 3000—6000 מענטשן. זייערע באַזוכן ווערן פאַרוואַנדלט אין גרויסע מאַניפעסטאַציעס פאַרן יידישן לשון און פאַר יידישער קולטור — אַ מין התעוררות־קאַמפּיין פאַר יידיש און פאַר יידישן קיום.

## „קדימה" אין שלום־עליכם־יאָר

אין יאָר 1959 איז די „קדימה"־טעטיקייט געשטאַנען אונטערן צייכן פון שלום־עליכם־יאָר אין שייכות מיטן הונדערטסטן געבוירנטאָג פון דעם גרויסן שרייבער.

## געסט־רעדנער



יעקב מאַלקין ביים אָנקומען קיין מעלבורן אין 1960
פון ר. צו ל.: ל. פרידמאַן, י.ריימער, י. מאַלקין, ס. בורשטין



קבלת־פנים פאַרן דיכטער אברהם סוצקעווער אין 1961
פון ר. צו ל.: י. פייגלין, ב. עזראָוויטש, ל. פרידמאַן,
א. סוצקעווער, ס. בורשטין, פ. בלאָק (פאַרשטעלט),
י. ראַפּאָפּאָרט (באַגריסט).



פּראָפ. עזריאל נאַקס ביים אָנקומען קיין מעלבורן אין 1964
פון ר. צו ל.: ח. ראָזענבוים, פּראָפ. ע. נאַקס, י. ריימער, ס. בורשטין

א גאַנצע ריי אונטערנעמונגען זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין שייכות מיט דעם שלום־עליכם־יאָר. דער „קדימה"־טעאַטער־קרייז האָט געגעבן 5 פאָרשטעלונגען פון „טביה דעם מילכיקער". עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אָוונט, געווידמעט שלום־עליכמ׳ס יאָרצייט. עס איז געהאַלטן געוואָרן אַ רעפעראַט וועגן שלום־עליכמען און עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ שלום־עליכם־אויסשטעלונג, וועלכע איז באַזוכט געוואָרן פון קרוב צו 500 פּערזאָנען, צווישן זיי 150 יוגנטלעכע. אויף דער אויסשטעלונג איז געוויזן געוואָרן שלום־עליכמ׳ס לעבן אין ליכט־בילדער און עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אויספאַרקויף פון יידישע ביכער.

צו באַצייכענען די דאַטע פון 100 יאָר שלום־עליכם האָט די „קדימה" אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן זשעטאָן, ווי אויך אַ מאַרקע, וואָס איז געקלעפּט געוואָרן אויף די בריוו, וואָס די „קדימה" האָט אַרויסגעשיקט אין משך פון יאָר.

די „קדימה" איז אויך געווען באַטייליקט אין אַ קאָמיטעט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן ביים „באַארד אָף דעפּיוטיס" דורכצופירן די שלום־עליכם־פייערונגען. דער וויכטיקסטער אויפטו פון דעם קאָמיטעט איז געווען דאָס אַרויסגעבן אַ שיינע שלום־עליכם־בראשור פאַר עלטערע קינדער אין די יידישע שולן. די דאָזיקע בראשור איז דערשינען אַדאַנק דער אַקטיווער מיטהילף פון דער „קדימה" דורך רעדאַגירן די בראשור און פינאַנסירן איר אַרויסגעבן.

## די פינאַנסן פון דער „קדימה"

די „קדימה" איז אין איר כאַראַקטער אַ פאָלקס־אינסטיטוציע. זי האָט זיך די גאַנצע יאָרן געשטיצט אין איר טעטיקייט קודם־כל אויף די פאָלקסטימלעכע עלעמענטן אין אונדזער ישוב. קיינמאָל נישט געהאַט קיין מעצענאַטן, וואָס זאָלן איר שטיצן מיט אַ ברייטער האַנט. אַן אויסנאַם איז געווען מ. גראַסבי, וועלכער האָט געגעבן אויף צו בויען די געביידע פון דער „קדימה" אַ גרעסערע סומע געלט און ש. וויז. עס זענען אויך נישט אָפּגעשריבן געוואָרן פאַר דער „קדימה" קיין גרעסערע געלטער אין די ירושות. דער איינציקער אויסנאַם איז די ירושה נאָך נתן גינטער ע"ה, וועלכער האָט געלאָזן דער „קדימה" און נאָך אייניקע יידישע אינסטיטוציעס אין מעלבורן אַ גרעסערע סומע געלט און די ירושה נאָך ראובן ראָטבערג ע"ה.

די הויפּט־הכנסה פון דער „קדימה" איז שטענדיק געווען דער מיטגלידס־אָפּצאָל און די באַשטייערונגען פון די פריינד פון דער אינס־



א ווינקל פון דער שלום-עליכם-אויסשטעלונג אין „קדימה" אין 1959

טיטוציע. דאָס שאַפן פינאַנסיעלע מיטלען צו דעקן דעם בודזשעט פון דער אינסטיטוציע איז געווען אַ פּראָבלעם, מיט וועלכן אַלע „קדימה"־קאָמיטעטן האָבן זיך פאַרנומען. אויב די „קדימה" איז אָנגעגאַנגען מיט איר טעטיקייט אין משך פון די פינף צענדליק יאָר, האָט זי עס צו פאַרדאַנקען אין דער ערשטער ריי די ברייטע יידישע פאָלקס־קרייזן, וועמען די אינסטיטוציע איז ליב און טייער און וועלכע האָבן צוגעטראָגן יאָר־אייז, יאָר־אויס זייערע באַשיידענע, אָבער פאַר דער „קדימה" זייער וויכטיקע, באַשטייערונגען.

די קאָמיטעטן פון דער „קדימה" פלעגן איינאָרדענען פאַרשידענע פינאַנסיעלע אונטערנעמונגען ווי באַזאַרן, „רעפלס", אָדער אונטערנע־מונגען פון קולטור־פינאַנסיעלן כאַראַקטער ווי קאָנצערטן, טאַנץ־אָוונטן, בעלער א.א.וו. צו שאַפן די נויטיקע פינאַנסן. שפּעטער זענען איינגעפירט געוואָרן די א"ג „קדימה"־חדשים, בעת עס איז געפירט געוואָרן אַ ספּע־ציעלע באַשטייערונגס־אַקציע פאַר דער אינסטיטוציע. אין די לעצטע יאָרן זענען איינגעאָרדנט געוואָרן יערלעכע „קדימה"־אָוונטן, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג. די „קדימה"־אָוונטן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מאַניפעסטאַציעס פאַר יידיש און יידישער קולטור און האָבן אַריינגעבראַכט גלייכצייטיק די נויטיקע פאָנדן פאַר דעם בודזשעט פון דער אינסטיטוציע. עס דאַרפן דאָ דערמאָנט ווערן די ערן־קאַסירער, וועלכע האָבן פיל מי אָפּגעגעבן דער „קדימה" צו זיכערן איר פינאַנסיעלן קיום, אָנהויבנדיק פון ד"ר מ. שאַליט ע. וויז, פּ. לאַסיקאַ ע"ה, מ. סילמאַן, י. פּושעט, פּ. בלאָק, א. ניירענס ע"ה, טש. דיקי ע"ה, מ. ראָט(פּאַרב), ש. ראָט(קאָפּ), ה. מיאַדאַווניק און ענדיקנדיק מיט ל. טשערני, וועלכער האָט פאַרנומען דעם פּאָסטן אַ ריי יאָרן און נישט געקוקט אויף זיין הויכן עלטער, אויסגעפירט די אַרבעט מיט פיל איבערגעגעבנקייט.

אין פאַרשידענע צייטן האָבן עקזיסטירט ביי דער „קדימה" פרויען־גרופּעס, וועלכע האָבן געהאָלפן צוגרייטן און פאַרשענערן די „קדימה"־אונטערנעמונגען און געזאָרגט פאַר דער ווירטשאַפט פון דער אינסטיטוציע. באַזונדערס טעטיק זענען געווען אויף דעם געביט און אָנגעפירט מיט די גרופּעס האָבן די פרויען ר. בריליאַנט און ר. שער.

אויך לעצטנס האָט עקזיסטירט אַזאַ פרויען־גרופּע אונטער דער אָנ־פירונג פון פרוי ע. טאַבאַטשניק.

עס איז ווערט נאָך צוצוגעבן, אַז די „קדימה" האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די דייטשע שילומים־געלטער, נישט ווילנדיק צו באַנוצן זיך מיט די מיטלען, וואָס קומען פון דייטשלאַנד, פאַר איר טעטיקייט.




**אויף דער פייערונג פון 50 יאָר „קדימה" אין דעצעמבער 1961**

פון רעכטס צו לינקס: פרוי בעלער, נ. בעלער, פרוי צ. פרידמאַן, ל. פרידמאַן, י. ריימער, ס. בורשטין (רעדט), פרוי פ. בורשטין ע"ה, מ. נוסבוים, פרוי נוסבוים.

ל. פרידמאַן

## דער 50־יאָריקער יובל

ביים סוף פון 1961 איז די „קדימה" אריין אין דעם 50־טן יאר פון איר עקזיסטענץ. אין שייכות מיט דעם האט די „קדימה" פּראָקלאַמירט א יובל־יאָר און עס איז געשאפן געווארן א יובל־קאָמיטעט, אין וועלכן עס זענען אריין פארשטייער פון די וויכטיקסטע היגע יידישע אינסטיטוציעס. דער יובל־קאָמיטעט האָט איינגעאָרדנט א יובל־באַנקעט אַלס ארייַנפיר צום יובל־יאָר. דער באַנקעט, וועלכער האָט געטראָגן א פייערלעך־יום־טובדיקן כאראקטער, האָט צוגעצויגן א גרויסן עולם פון פריינד און פארערער פון דער „קדימה".

אין 1962 איז איינגעאָרדנט געווארן א יובל־קאָנצערט, אין וועלכן עס האבן אָנטיילגענומען כמעט אַלע יידישע ארטיסטישע כוחות אין מעלבורן. דער קאָנצערט האָט געהאַט א גרויסן דערפאָלג.

## דער פּראָיעקט פון איבערטראָגן די „קדימה"

זייענדיק אין קאַרלטאָן איז די „קדימה" יארן לאַנג געווען אין צענטער פון היגן יידישן ישוב. אָבער אין די לעצטע יאָרן האָט זיך דער ישוב אין מעלבורן צעשפּרייט איבער די מזרחדיקע און דרומדיקע פארשטעט און די „קדימה" איז, אין א געוויסן זין, געבליבן אין דער זייט. אויך די געביידע פון דער „קדימה" איז געווארן פארעלטערט.

דער קאָמיטעט פון „קדימה" אונטערן פאָרזיץ פון ס. בורשטין האָט פיל צייט געווידמעט דער לאַגע פון דער אינסטיטוציע און אין 1958 געקומען מיט א פאָרשלאָג צו דער יערלעכער פארזאמלונג וועגן איבערטראָגן די „קדימה" אין אַן אָרט, וואָס זאָל זיין מער צוגעפּאַסט פארן גאַנצן ישוב. דער פאָרשלאָג האָט פאָראויסגעזען אויפצובויען א נייע, פּאַסיקע געביידע מיט א מאָדערנעם טעאטער־זאַל, ביבליאָטעק און לייען־זאַל. הגם דער פאָרשלאָג האָט געהאַט פיל אַנהענגער, האָט ער אָבער נישט באַקומען די צושטימונג פון דער מערהייט מיטגלידער.

אין 1961 איז גערופן געווארן אַן אויסערארדנטלעכע פארזאמלונג פון די מיטגלידער וועגן דער זעלבער פראַגע. א טייל מיטגלידער איז געווען פאַר בויען א נייע „קדימה"־געביידע, א טייל פאַר אַנשליסן זיך אין דעם „קאָמיוניטי־צענטער", וואָס דער ציוניסטישער ראַט האָט בדעה צו בויען. דאָס מאָל האָבן געשטימט פאַרן פאָרשלאָג פון איבערטראָגן די „קדימה" זייער א גרויסע צאָל אַנוועזנדע מיטגלידער, אָבער די נויטיקע קוואַליפיצירטע מערהייט פון 75% שטימען האָט ער נישט באַקומען.

דער געדאַנק פון איבערטראָגן די אינסטיטוציע אין א מער פּאַסיקן פּלאַץ איז נישט אויפגעגעבן געווארן. א באַזונדערן אינטערעס האָט



**אַקאַדעמיע צום יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ-אויפשטאַנד**
**אין שטאָט-ראַט פון מעלבורן אין יאָר 1965**

אויבן רעכטס: זעקס קינדער פון פאַרשידענע יידישע שולן צינדן אָן זעקס ליכט צום אָנדענק פון די זעקס מיליאָן קדושים.
דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז פירט אויס אַ מאָנטאַזש פון געטאָ־לידער און רעציטאַציעס.

אויבן לינקס: דער פּרעזידיום־טיש. אין הינטערגרונט דאָס בילד פון ראַפּאַפּאָרט׳ס מאָנומענט צום אָנדענק פון וואַרשעווער געטאָ מיט די געהעריקע אויפשריפטן.

אונטן: אַ טייל פון דעם גרויסן עולם אין זאַל.

אַרויסגעוויזן צו דעם דער „קדימה"־קאָמיטעט אין די לעצטע יאָרן אונטער דער אָנפירונג פון י. ריימער.

די יערלעכע און גלייכצייטיק אויסעראָרדנטלעכע פאַרזאַמלונג אין פעברואַר 1964 האָט ענדלעך אָנגענומען כמעט אַן איינשטימיקן באַשלוס צו פאַרקויפן די עקזיסטירנדיקע געביידעס פון דער „קדימה" און צו בויען אַ נייע געביידע אויף דער דרומדיקער זייט פון דער יאַראַ.

די „קדימה" איז געקומען צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער פעדע־ראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן צו בויען געמיינזאַם אַ נייעם יידישן קולטור־צענטער א.ג. פון די זעקס מיליאָן קדושים און אין אַנהויב 1965 איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פאַרהעלטנישמעסיק דערפאָלגרייכע עפנטלעכע אַפּיל־אַקציע.

עס האָט אויסגעזען, אַז די נייע געביידע וועט ענדלעך אויסגעבויט ווערן, אָבער אומדערוואַרט איז אויסגעבראָכן אַ נייער קריזיס אין דער פראַגע.

עס איז אָנגעקומען אַ ווענדונג פון ציוניסטישן ראַט צו בויען אַ געמיינזאַמען צענטער אויפן פּלאַץ, וווּ עס געפינט זיך דער זיץ־אָרט פון ראַט און טראָגט דעם נאָמען „בית ווייצמאַן". דער קאָמיטעט האָט די ווענדונג דעבאַטירט אַ לענגערע צייט און צום סוף איבערגעגעבן די פראַגע צו באַשטימען אַן אויסעראָרדנטלעכער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג. די מערהייט מיטגלידער אויף דער פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 23.11.66, האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן בויען די „קדימה" אויפן פּלאַץ פון „בית ווייצמאַן". די פאַרזאַמלונג האָט אָבער אויך בטל געמאַכט דעם אָפּמאַך מיט די לאַנדסמאַנשאַפטן. אַזוי אַרום איז די פראַגע פון איבערטראָגן די „קדימה" ווידער געבליבן הענגען אין דער לופטן.

נישט געקוקט אָבער אויף די אַלע שוועריקייטן, איז צו האָפן, אַז אין דער נישט־ווייטער צוקונפט וועט אויפגעשטעלט ווערן אַ נייע „קדי־מה"־געביידע און דער אינסטיטוציע וועט געגעבן ווערן אַ מעגלעכקייט פון ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג אין פעברואַר 1965 האָט געביטן דעם נאָמען פון דער „קדימה" פון „יידישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה" אויף „יידישער קולטור־צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק ,קדימה".

## די „קדימה" היינט־צו־טאָג

היינט־צו־טאָג ציילט די „קדימה" אַרום 1500 מיטגלידער. זי פאַר־מאָגט אַ ביבליאָטעק פון העכער 8000 ביכער, פון דעם מער ווי 5000 אין יידיש מיט אַ היפּשער צאָל לייענער. זי אָרדנט איין אָפטע קולטור־אונטערנעמונגען פון פאַרשידנאַרטיקן כאַראַקטער. ביי דער „קדימה" גע־

פינט זיך א טעטיקער טעאַטער־קרייז, וועלכער האַלט לעבעדיק דאָס יידישע גערעדטע וואָרט דורך פאַרשידענע טעאַטער־אויפפירונגען.

די „קדימה" איז היינט נישט די איינציקע אינסטיטוציע אין מעלבורן, וואָס פאַרנעמט זיך מיט יידישער קולטור־אַרבעט, ווי זי איז געווען אין די פריערדיקע יאָרן. עס פירן א קולטור־אַרבעט, הגם אין א באַגרענעצטן פאַרנעם, די לאַנדסמאַנשאַפטן, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, דאָס י. וואַקס־קולטור־הויז, די שולן א.א.וו.. דאָך בלייבט די „קדימה" די צענטראַלע יידישע קולטור־אינסטיטוציע אין מעלבורן און אפילו אויסער מעלבורן, ווייל גאַנץ אָפט העלפט זי אַרום די יידישע ישובים אין אַנדערע אויסטראַלישע שטעט הן מיט מאַטעריאַלן, הן מיט לעקטאָרן, באַזונדערס מיט די געסט־רעדנער פון אויסלאַנד, וועלכע זי „לייט אוים" סידנעי און פּערט.

לײדער לעבן מיר איצט אין א צייט פון א קולטור־קריזיס אין דער גאַנצער וועלט און באַזונדערס ביי יידן. דאָס באַשווערט געוואַלדיק די אַרבעט פון דער אינסטיטוציע. עס איז אומגעהויער שווער צו פירן א קולטור־טעטיקייט, ווען דער אַרום ווייזט נישט אַרויס פאַר דער דאָזיקער אַרבעט דעם געהעריקן אינטערעס.

די צייט איז אויך נישט מיט אונדז. די צאָל טוער ווערט כסדר קלענער און די טוער, וועלכע זענען אַקטיוו, ווערן מידער און שוואַכער. די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע פאַרשטאַרקט זיך, באַזונדערס ביי דער יוגנט. דאָך שטייט נישט אָפּ די „קדימה" אין איר אַרבעט און זוכט כסדר נייע פאָרמען פאַר איר קולטור־טעטיקייט.

די באַדייטונג פון דער „קדימה" איז פיל גרעסער ווי פון א קולטור־געזעלשאַפט. זי איז געבליבן ביז היינטיקן טאָג די אינסטיטוציע, וועלכע גרופּירט אַרום זיך דעם פאָלקסטימלעכן עלעמענט אין אונדזער ישוב און איר וואָרט ווערט באַטראַכט ווי די שטים פון די פאָלקסטימלעכע יידן אין מעלבורן.

די „קדימה" העלפט פורעמען דאָס גייסטיקע פּנים פון אונדזער ישוב, הן דורך איר וואָר־איין, וואָר־אויס׳יקע קולטור־אַרבעט, הן דורך די פאַרשידענע אַקציעס, וועלכע זי נעמט אונטער אין וויכטיקע פראַגן, וואָס זענען נוגע דעם היגן ישוב, ווי אויך דעם אַלגעמיינעם יידישן לעבן אין דער וועלט, ווי צ.ב. די אַקציע צו דעמאָקראַטיזירן דעם היגן „באַארד אָף דעפּיוטיס", דאָס קעמפן פאַר חשיבות פון יידיש, די כסדרדיקע וואַכזאַמקייט לגבי דעם גורל פון די סאָוויעטישע יידן א.א.וו.

אין דעם געפלעכט פון די פאַרשידענע כוחות, וואָס ווירקן ביים געשטאַלטיקן דעם צוקונפטיקן אויסזען פון אונדזער ישוב, שפּילט די „קדימה" א דעצידירנדיקע ראָל מיט איר אויסגעשפּראָכענעם יידיש־נאַציאָנאַלן און פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער.

# כבוד דעם אָנדענק פון די פּיאָנערן און טוער פון דער „קדימה״

אין משך פון דער לאַנגיאַריקער עקזיסטענץ פון דער „קדימה״ זענען געווען פיל טוער, וועלכע האָבן געווידמעט זייערע כוחות און אָפּגעגעבן צייט און ענערגיע אויף צו שטאַרקן און אַנטוויקלען די אינסטיטוציע. פיל פון די דאָזיקע טוער זענען שוין נישטאָ. זיי זענען אַוועק אין דער אייביקייט, אָבער זייער אָנדענק איז געבליבן טייער ביי די, וועמען די „קדימה״ און דאָס יידישע קולטור־לעבן בכלל איז נאָענט, ווייל אָן זייער אומדערמידלעכער אַרבעט און איבערגעגעבנקייט וואָלט אונדזער היגע גייסטיקע לעבן אויסגעזען פיל, פיל אָרעמער.

צו די דאָזיקע פאַרשטאָרבענע טוער געהערן: **יהושע ראַכלין** — איינער פון די גרינדער פון דער „קדימה״ און איר ערשטער פּרעזידענט; **אברהם סטאָן** — ערשטער וויצע־פּרעזידענט פון „קדימה״; **נ. מאַשין** — איינער פון די „קדימה״־גרינדער; **ז. פּרעס** — איינער פון די גרינ־דער פון „קדימה״ און אַ מיטגליד פון קאָמיטעט זינט 1912; **מ. און ה. טעפּט** — גרינדער פון „קדימה״ און קאָמיטעט־מיטגלידער זינט איר אַנטשטייאונג; **אהרן ניסן בר־כהן** — איבערגעגעבענער טוער פון „קדי־מה״ זינט איר אַנטשטייאונג, אָפטער לעקטאָר אין „קדימה״ ביז זיין טויט אין 1934. אַ לערער פון בארוף, האָט ער פיל אויפגעטאָן אויפן געביט פון פאַרשפּרייטן דאָס יידישע און העברעאישע וואָרט אין מעל־בורן; **א. ניומאַרק** — אַ מאָלער און סקולפּטאָר, איבערגעגעבענער „קדי־מה״־טוער זינט איר אַנטשטייאונג; **משה גראָסבי** — אַ נדבן, וועמען אין אַ גרויסער מאָס האָט מען צו פאַרדאַנקען די איצטיקע „קדימה״־געביידע; **פּנחס גאָלדהאַר** — ערשטער יידישער שרייבער אין אויסטראַ־ליע, פּיאָנער פון יידישן געשריבענעם וואָרט אין אונדזער ישוב, אָפטער לעקטאָר אין „קדימה״ און מיטגליד פון „קדימה״־קאָמיטעט אין משך פון אַ ריי יאָרן; **יאַנקל גינטער** — פּיאָנער פון יידישן טעאַטער אין מעלבורן, מיטגליד פון „קדימה״־קאָמיטעט אין משך פון אַ ריי יאָרן; **שלמה ווערטהיים** — איבערגעגעבענער געזעלשאַפטלעכער און ציוניסטישער עסקן, פּרעזידענט פון „התחיה״ און „קדימה״ אין 1923; **אַרטור ראָוז** — געזעלשאַפטלעכער עסקן, לאַנגיאַריקער אַקטיווער טוער פון „קדימה״־קאָמיטעט; **מאיר זעלטנער** — פּרעזידענט פון „קדימה״ אין די יאָרן 1912 — 1916; **ד״ר אהרן פּאַטקין** — אַ באַקאַנטע פּער־זענלעכקייט, וואָס האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן ביים אַנטוויקלען דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין פון היגן ישוב, פּרעזידענט פון „קדימה״ אין די יאָרן 1927 און 1929; **משה יעדוואַבינסקי** — איבערגעגעבענער

„קדימה"־טוער, לאַנגיאָריקער קאָמיטעט־מיטגליד: **נחמן סובאָוואָלסקי** — קולטור־טוער, מיטגליד פון „קדימה"־קאָמיטעט און ערן־סעקרעטאַר אין משך פון איינציקע יאָר: **מ. האָניג** — לעקטאָר אין „קדימה", אַ געוויסע צייט איר ערן־סעקרעטאַר: **בער י. ראָזען** — שרייבער, לעקטאָר און קולטור־טוער, מיטגליד פון „קדימה"־קאָמיטעט אין משך פון אַ ריי יאָרן: **אברהם פּערל** — קולטור־טוער און לעקטאָר, לאַנגיאָריקער „קדימה"־טוער, מיטגליד פון קאָמיטעט, פּרעזידענט פון „קדימה" אין יאָר 1947; **הערש הויזדאָרף־הויזי** — אַקטיווער טוער פון „קדימה", לאַנגיאָריקער מיטגליד פון קאָמיטעט זינט דער אַנטשטייאונג פון דער „קדימה"; **ד"ר מ. שאַליט** — איינער פון די „קדימה"־גרינדער, קולטור־טוער און לעקטאָר פון די ערשטע יאָרן פון דער „קדימה"־עקזיסטענץ; **בונם וואַרשאַווסקי** — שרייבער, לעקטאָר און קולטור־טוער, איבערגעגעבענער טוער פון „קדימה" און איר לאַנגיאָריקער סעקרעטאַר; **ישראל שער** — איינער פון די טעטיקסטע און איבערגעגעבנסטע עסקנים און בויער פון דער „קדימה", איר פּרעזידענט אין די יאָרן 1934 און 1936: נתן און **שרה גינטער** — יידישע אַרטיסטן, וועלכע האָבן פיל געהאָלפן צו אַנטוויקלען דאָס היגע יידישע טעאַטער, נתן גינטער האָט געלאָזן דער „קדימה" אַ גרעסערע סומע געלט אין זיין צוואה; **יצחק זעמעל** — קולטור־טוער און אַן איבערגעגעבענער „קדימה"־טוער, מיטגליד פון קאָמיטעט אין משך פון אַ ריי יאָרן; **לייב זשאַבינסקי** — לערער און לעקטאָר, איבערגעגעבענער „קדימה"־טוער, באַזונדערס אין די 20־קער יאָרן; **אַלעק מאַשין** — קולטור־טוער און איבערגעגעבענער טוער פון „קדימה" אין משך פון גאָר לאַנגע יאָרן, איר פּרעזידענט אין די יאָרן 1941 און 1942; **מאַניע זאַכאַרין** — אַ לאַנגיאָריקע ערן־סעקרעטאַרין פון דער „קדימה", אַן איבערגעגעבענע טוערין פון דער אינסטיטוציע אין די 20־קער און 30־קער יאָרן; **ראובן ראָטבערג** — איינער פון די גרינדער פון דער „קדימה", אַן איבערגעגעבענער טוער פון דער אינסטיטוציע אין משך פון לאַנגע יאָרן און איר פּרעזידענט אין 1938 און 1948. **טשאַרל דיקי, אהרן ניירענס, פּנחס לאַסיקאַ** — ערן־קאַסירער פון „קדימה" אין משך פון אַ ריי יאָרן.

די אויבן־אויסגערעכנטע טוער און פיל אַנדערע האָבן אויף פאַרשידענע אופנים מיטגעווירקט און געהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון דער „קדימה". זיי האָבן דערמעגלעכט איר עקזיסטענץ אין משך פון העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט. אָן זיי וואָלט די אינסטיטוציע, מיט וועלכער יידיש מעלבורן איז שטאָלץ, אינגאַנצן נישט עקזיסטירט אָדער נישט געקאָנט דערגרייכן דאָס, וואָס זי האָט דערגרייכט.

כבוד זייער אָנדענק!

ל. פּ.

חיים ראָזנשטיין

# דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז ביי דער „קדימה" אין מעלבורן

סוף 1942 איז דערשינען דער „צווייטער אויסטראַליש־יידישער אַל־מאַנאַך", אין וועלכן ס'איז געדרוקט מיין אַרבעט „יידיש טעאַטער אין אויסטראַליע", וואָס האָט געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו דערציילן די געשיכטע פון יידישן טעאַטער אויפן ווייטסטן קאָנטינענט.

צו יענער צייט, 1942, האָט דאָס יידישע אויסטראַליע געציילט אַרום דרייסיק טויזנט נפשות, אַ העלפט פון וועלכע זענען געווען אַסימילירטע יידן פון ענגליש־דייטשן שניט: יידן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין שייכות מיט דער יידישער שפּראַך, און אוודאי נישט מיט דער יידישער קולטור.

דאָס, וואָס קאָן און דאַרף אָנגערופן ווערן יידיש לעבן, אַזוי ווי מיר פאַרשטייען עס, איז ביז דעמאָלט אויסגעטראָגן געוואָרן נישט מער ווי דורך עטלעכע טויזנט יידישע יידן, צעשפּרייטע איבער די פיר גרעסטע אויסטראַלישע שטעט: מעלבורן, סידנעי, פּערט און בריזבעין. כדי צו זיין גענויער, קומען אייגנטלעך אין באַטראַכט נאָר די ערשטע דריי שטעט, ווייל בריזבעין האָט בלויז עטלעכע יאָר אַרויסגעוויזן אַ סימן פון יידיש לעבן, און דווקא אויפן געביט פון יידישן טעאַטער. מיט דער צייט, ווען דער יידישער עמיגראַציע־שטראָם, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט זיך פאַרשטאַרקט און איז, קודם־כל, געגאַנגען אין די צוויי גרעסטע שטעט, איז אויך פּערט אַרויסגעפאַלן פון צעטל פון יידיש־יידישער טעטיקייט, און עס זענען געבליבן בלויז מעלבורן און סידנעי. פון די צוויי שטעט פאַרנעמט מעלבורן דעם אויבנאָן אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן, ספּעציעל אין דעם יידיש־יידישן סעקטאָר. עס וועט נישט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז ווען נישט דאָס יידישע מעלבורן מיט אירע, היינט־צו־טאָג, קנאַפּע צוואַנציק טויזנט יידישע יידן, וואָלט בכלל שווער געווען צו רעדן וועגן אַ יידישער קולטור־טעטיקייט אין אויסטראַליע.

דאָס אויבן־געזאָגטע איז נישט קיין אויסדרוק פון לאָקאַלן פּאַטריאָטיזם, נאָר אַ פעסטשטעלונג ווו און דורך וועמען אונדזער יידיש־אַרבעט




**טעאַטער־קרייז א.נ. „ייִדישע בינע" אין יאָר 1930**

פון רעכטס צו לינקס (אין פראָנט): רחל זאַקס, ש. פּאָדעס, שושנה זאַקס. (ערשטע ריי): יהודית סילמאַן, חיה סעגאַל, יעקב גינטער בערל ראָזענבערג, לייב זשאַבינסקי, יוסף ווייט, חסיה זאַקס. (צווייטע ריי): פּייוול יעדוואַב, נחמה בערענסאָן שלמה מענדעלסאָן, שפּרינצע סילמאַן (נייהויז), ראָזנער, שמואל אַלאָני, צייפּריס, מאַניע ראָזענבלאַט, חיה באַרג.

ווערט דאָ היינט אויסגעטראָגן. ווייל דאָרט, וווּ ס'איז פאַראַן גוטער ווילן און איניציאַטיוו, איז דאָ פּלאַץ פאַר אַ ברייט־פאַרצווייגטער יידישער קולטור־אַרבעט, אַפילו אין אַזאַ ווייט־פאַרוואָרפענעם וועלט־טייל, ווי אויסטראַליע.

מיין אַרבעט אין צווייטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך האָט גע־הייסן: „יידיש טעאַטער אין אויסטראַליע", אָבער זייט סוף 1941 איז ווייניק וואָס פאַראַן צו שרייבן וועגן יידיש טעאַטער אין אַנדערע שטעט אויסער מעלבורן, און דערפאַר דער נאָמען אינעם קעפּל: „דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז ביי דער „קדימה" אין מעלבורן", וועמענס טעטיקייט מיר ווילן דאָ אַרומרעדן.

די גרינדער פונעם קרייז, וועמענס ערשטער פאָרזיצער איז פאַר לאַנגע יאָרן געווען יעקב גינטער, און, צו יענער צייט, דער זייער אַקטיווער מרדכי שעכטער, האָבן זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו שפּילן גוט יידיש טעאַטער. אין די ספּעציפישע עמיגראַציע־באַדינגונגען, ספּעציעל אין אַ קליינעם יידישן קיבוץ, איז לייכטער אַנצונעמען אַזאַ באַשלוס, ווי אים אויסצופירן. ווייל גוט יידיש טעאַטער דאַרף אַ ספּעציעלן עולם: אַן עולם וואָס פאַרשטייט און האָט אַ באַדערפעניש פאַר דעם מין אויפ־פירונגען.

אין אַ גרויסן יידישן קיבוץ איז פאַראַן אַן עולם פאַר אַלערליי מינים יידיש טעאַטער, אָבער אין אַ קליינער יידישער קהילה איז אַזאַ מין סעגרעגאַציע אַ גאָר שווערער ענין. אַגב ווייסן מיר פון לאַנגער דער־פאַרונג, אַז טעאַטער־גייער, ביי אַלע פעלקער, זוכן קודם־כל אין טעאַטער פאַרווייַלונג, און גייען נישט גערן זען אַן ערנסטע פאָרשטעלונג. דאָס יידישע מעלבורן האָט, אין דעם פאַל, נישט געקאָנט זיין קיין אויסנאַם, און דאָך איז דעם דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז ביז איצט געלונגען צו פירן אַ טעטיקייט, וועלכע איז כמעט אַן אויסנאַם אין דער יידישער טעאַטער־וועלט.

סיי דער רעפּערטואַר, סיי דער ניוואָ פון די אויפפירונגען זענען מייסטנס געשטאַנען אויף אַ הויך, וועלכן אַ יידישער טעאַטער־קרייז האָט, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, זעלטן ווו ערגעץ דערגרייכט.

די אַ ווערטער פון אָנערקענונג זענען פאַר דעם קרייז אַלס אַזעלכן, פאַר אירע צוויי הויפּט־רעזשיסערן: די קינסטלער יעקב ווייסליץ און רחל האָלצער, ווי אויך פאַר די צוויי־דריי טוזנט געשווירענע יידישע טעאַ־טער־גייער, וועלכע האָבן דאָ געהאָלפן אויפהאַלטן גוט יידיש טעאַטער.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן נאָך אַ נאָמען, וועלכן מיר אַלע האָבן זייער אַ סך צו פאַרדאַנקען, אויב מיר רעדן וועגן יידישער קולטור־אַרבעט אין



**דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז אין אָנהויב פערציקער יאָרן**

ערשטע ריי (פון רעכטס צו לינקס): ראָזע אובאָר, רחל לעוויטאַ, דאָראַ ראָטמאַן פייגע מראָצקי, מילאַ ווייסליץ, יוכבד ווייסליץ, יעקב ווייסליץ, רחל האָלצער, יעקב גינטער, סאָניאַ ראָזענבערג־דאַווידאָוויטש, מאָטל ראָטפּאַרב.

צווייטע ריי: מאַריאַן דאָמבראָווסקי, זיגמונד ברוסטמאַן, יהודית סילמאַן, שמואל מיגדאַלעק, צבי גערשאָוו, ישראל ראָטמאַן, ישראל קראַוואַט, חוה מילעצקי, שמואל האָכגעלערנטער, חנה לייט, דוד ווייסליץ, חיים ראָזענשטיין, טויבע גינטער, לאה צוקער, לואי יעדוואַב, מרים ראָכלין.

דריטע ריי: בנימין גאָלדשטיין, חוה עסטרייך, אברהם וואַלד, טעם פּאָדעס, נתן פּאָגעל, רחל וואַלד, אייזיק לאַנגזאַם, שמואל קינג, יאַשאַ שער, בערל ראָזענבערג, ישראל בלוטאַל. (אויפן בילד שלמה ווין).

מעלבורן. דאָס איז די „קדימה", די זייער פאַרדינסטפולע יידישע קולטור־אינסטיטוציע, אַ דאַנק וועלכער ס'איז מעגלעך געווען פאַר די אַלע יאָרן אַנצוגיין מיט יידיש טעאַטער אין וייטן אויסטראַליע. דער אָפּיציעלער נאָמען פון דעם טעאַטער־קרייז וועגן וועלכן מיר רעדן איז: „טעאַטער־קרייז אויפן נאָמען דוד הערמאַן ביי דער „קדימה". אָן דער „קדימה"־היים וואָלט, וואַרשיינלעך, קיין גוט יידיש טעאַטער אין מעלבורן (לייען: אויסטראַליע), נישט געקאָנט עקזיסטירן.

מיר האָבן אויך געהאַט פאַר די יאָרן, וועלכע דער באַריכט נעמט אַרום, אַ רייע חשובע יידישע טעאַטער־געסט פון אַנדערע לענדער. זיגמונט טורקאָוו מיט זיין פרוי ראָזאַ האָבן דאָ געשפּילט אַ גאַנצן סעזאָן. אידאַ קאַמינסקאַ האָט דאָ געשטעלט צוויי פּיעסן, ווי אויך אָן אוונט פון איין־אַקטערס. צוזאַמען מיט פרוי קאַמינסקאַ זענען געקומען פון יידישן מלוכה־טעאַטער אין פּוילן די אַרטיסטן: מאיר מעלמאַן, רות טורקאָוו־קאַמינסקאַ און קאַראָל לאַטאָוויטש. חיהלע גראָבער האָט דאָ געהאַט די פּרעמיערע פון איר פּיעסע: „אויף פרידלעכער ערד". יוסף שיין האָט ביי אונדז געשטעלט דריי פּיעסעס. שמעון דזשיגאַן האָט אויפגעפירט דריי רעוויו־פּראָגראַמען. צוזאַמען מיט דזשיגאַנען איז אויפגעטרעטן די ישראל־זינגערין כוכבה הררי. יעדער פון די דערמאַנטע געסט־קינסטלער האָט, אויף זיין אופן, בייגעטראָגן עפּעס אייגנאַרטיקס צו דער היגער טעאַטער־אַרבעט, צוגעגעבן קאָליר און שוווּנג.

אין צווייטן אַלמאַנאַך האָב איך געשריבן: „מיר האָבן נישט גע־האַלטן פאַר נויטיק זיך אָפּצושטעלן אויף דער פראַגע: דערפאָלג פון דער אָדער יענער פּיעסע. און דאָס דערפאַר, ווייל אין די היגע באַדינגונגען, וו אַ פּיעסע ווערט נישט מער געשפּילט ווי צוויי מאָל, איז אָביעקטיוו שווער פעסטצושטעלן, וועלכע פּיעסע האָט געהאַט דערפאָלג און די סיבות פון איר דערפאָלג". היינט איז די לאַגע אַן אַנדערע. אַ פּיעסע ווערט איצט געשפּילט נישט ווייניקער ווי 4—5 מאָל, און אויב זי געפעלט, ווערט זי אפילו געשפּילט צען מאָל. די צאָל באַזוכער פון יעדער אויפ־פירונג וואַקלט זיך צווישן טויזנט ביז איבער צוויי טויזנט. אַ טייל פּיעסעס ווערן באַנייט נאָך עטלעכע יאָר און ווערן ווידער געשפּילט מיט אַ באַדייטנדיקן דערפאָלג.

אין דורכשניט האָט דער טעאַטער־קרייז צוויי פּרעמיערעס אַ יאָר. אָבער אונדזער טעאַטער־עולם וואָלט גערן אויפגענומען אפילו פיר אויפ־פירונגען אַ סעזאָן. צוויי גרונט־שוועריקייטן זענען גורם די באַגרע־נעצטע צאָל פּרעמיערעס:

א) — דער מאַנגל אין אַ פּאַסיקן רעפּערטואַר;

ב) — די באַגרענעצטע אַרבעטס־מעגלעכקייטן פון דעם טעאַטער־

## געסט-אַרטיסטן



**זיגמונט און ראָזאַ טורקאָוו ביים אָנקומען קיין מעלבורן אין 1955**

פון רעכטס צו לינקס: לאה צוקער, ד. ניסענבוים, ש. האָכגעלערנטער, ש. טיגעל, צ. גערשאָוו, זיגמונט טורקאָוו, ראָזאַ טורקאָוו, י. ראָטמאַן, מ. צעפּראָוו, יאַשאַ שער, רחל בעקער.



**יידישע אַרטיסטן פון פוילן אויף אַ קבלת פנים אין „קדימה" אין 1960**

פון רעכטס צו לינקס: קאַראָל לאַטאָוויטש, י. ווייסליץ, ר. האָלצער, מאיר מעלמאַן, ס. בורשטין, אידאַ קאַמינסקאַ, רות קאַמינסקאַ.



**יוסף שיין ביים אָנקומען קיין מעלבורן אין יאָר 1964**

פון רעכטס צו לינקס: רחל לעוויטאַ, ס. בורשטין, יוסף שיין, ב. ווינער, ש. טיגעל, טויבע גינטער, י. שער.

קרייז אַלס רעזולטאַט פון די ספּעציפישע היגע באַדינגונגען. דאָס צו־גרייטן אַ פּיעסע דויערט עטלעכע חדשים, שוין אָפּגערעדט פון אַנדערע, נישט פאָראויסגעזעענע שטערונגען.

מיט דעם געזאָגטן בין איך נישט אויסן געווען צו מינערן דעם ווערט און באַדייט פון דער אַזוי וויכטיקער טעאַטער־אַרבעט פון דעם דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז. איך בין בלויז אויסן געווען אַנצווייזן אויף דער אייגנאַרטיקייט פון די היגע באַדינגונגען, וועלכע קאָמפּליצירן, אין אַ גרויסער מאָס, די טעטיקייט פון יידיש טעאַטער אין מעלבורן. און ווייל די טעאַטער־טעטיקייט איז אַזוי קאָמפּליצירט, דאַרף נאָך מער אונטערגעשטראָכן ווערן דער פאַרדינסט פון דעם „קדימה"־טעאַטער־קרייז, וועלכער היט אַזוי טריי אָפּ דעם נאָמען — דוד הערמאַן — איינעם פון די שענסטע בויער און שעפער פון גוטן יידישן טעאַטער.

* * *

אין צווייטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך האָב איך דעם באַריכט פון טעאַטער־רעפּערטואַר פאַרענדיקט מיט דער דאַטע פון סוף 1941. דאָס איז געווען די צייט, ווען יאַפּאַנס אַריינטרעטן אין קריג האָט איבער־געטראָגן די פראָנט־ליניעס פון דער מלחמה נאָענט צו די ברעגעס פון אויסטראַליע. דאָס לאַנד האָט זיך גענומען פיבערהאַפט גרייטן צום פאַר־טיידיקן. מענער, ביז עטלעכע פערציק יאָר אַלט, זענען אַוועק אין דער אַרמיי, און די יידן, נישט־בירגער אין מיליטער־עלטער, זענען אַריינגע־צויגן געוואָרן אין ספּעציעלע הינטער־פראָנט־פאָרמאַציעס. עס האָבן אויך אָנגעהויבן אָהער דערגיין די גרויל־ידיעות פון דער וויטער אייראָפּע וועגן די נאַצישע מערדערייען איבער דער יידישער באַפעלקערונג. אין די באַ־דינגונגען איז דעם טעאַטער־קרייז שווער געוואָרן אָנצוגיין מיט זיין אַרבעט. פאָרשטעלונגען זענען זעלטן פאָרגעקומען. אַ טייל פון דער טעאַ־טער־טעטיקייט איז געווען געווידמעט פאַרשידענע יידישע און נישט־יידישע מלחמה־הילפס־פאָנדן און אַפילו. דער־אַ צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטן ביז די שפּעטערע פערציקער יאָרן. דער נייער עמיגראַציע־שטראָם, פון די גע־ראַטעוועטע פון היטלער־גיהנום, האָט אויך אַהערגעבראַכט אַ גרופּע פּעאיקע אַמאַטאָרן, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין טעאַטער־קרייז. די דוד הערמאַן־גרופּע, אַ שטאַרק אויסגעוואַקסענע, האָט באַנייט איר טעטיקייט. אויך די פּעריפעריע פון יידישע טעאַטער־אָפּנעמער איז גע־וואָרן פיל גרעסער ווי פאַר דער מלחמה.

דער רעפּערטואַר־באַריכט, וועלכן מיר גיבן דאָ ווייטער, באַציט זיך בלויז צו דער טעטיקייט פון דעם דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז ביי דער „קדימה" און נעמט אַרום די יאָרן 1942—1965.

דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז ביי דער „קדימה"



## רחל האָלצער




אַ פּלאַקאַט פון „שמאַטעס" פון ה. לייוויק, אויפגעפירט צו לייוויקס ערשטן יאָרצייט דורך דעם דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז. רעזשי: רחל האָלצער.



**אויפן קבלת־פּנים־אָוונט פאַר שמעון דזשיגאַן און פרוי און כוכבה הררי אין 1965.**

עס זיצן (פון רעכטס צו לינקס): ל. לאַסקי, כוכבה הררי, י. ריימער, שמעון דזשיגאַן, פרוי דזשיגאַן.

עס שטייען (פון רעכטס צו לינקס): ש. טיגעל, רחל האָלצער, י. שער, ל. פרידמאַן, ס. בורשטין, י. לעוויטאַן, י. שפּערלינג.

# דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז ביי דער „קדימה"

| יאָר | פּיעסע | מחבר | רעזשי | יידיש | געשפּילט פאָרשט. |
|---|---|---|---|---|---|
| 1942 | „דער שאטן" | ד. ניקאדעמי | רחל האלצער | ה. ראזנשטיין | 2 |
| 1942 | „א מיליאן צרות" | ו. קאטאיעוו | יעקב ווייסליץ | | 1 |
| 1943 | „שווער צו זיין א ייד" | שלום־עליכם | יעקב ווייסליץ | | 1 |
| 1944 | „דער מבול" | ה. בערגער | יעקב ווייסליץ | | 1 |
| 1944 | „200.000" | שלום־עליכם | יעקב ווייסליץ | | 1 |
| 1945 | „אונדזער ערד" | א. אשמאן | יעקב ווייסליץ | ה. גורט | 5 |
| 1947 | „אונדזער ערד" | א. אשמאן | יעקב ווייסליץ | ה. גורט | 2 |
| 1947 | „שווער צו זיין א ייד" | שלום־עליכם | יעקב ווייסליץ | | 1 |
| 1947 | „דער פאטער" | א. סטרינדבערג | רחל האלצער | | 2 |
| 1948 | „מירעלע אפרת" | י. גאָרדין | רחל האלצער | | 4 |
| 1948 | „די כישופמאכערין" | גאָלדפאַדען־מאנגער | א. ברייזבלאט | | 3 |
| 1948 | „פרוי אדוואקאט" | ל. ווערנעיל | רחל האלצער | ה. ראזנשטיין | 2 |
| 1949 | „גאָט, מענטש און טייוול" | י. גאָרדין | י. גרינהויז | | 4 |
| 1949 | „די כישופמאכערין" | גאָלדפאַדען־מאנגער | א. ברייזבלאט | | 1 |
| 1949 | „גרינע פעלדער" | פּרץ הירשביין | מרדכי שעכטער | | 2 |
| 1950 | „בערבות הנגב" | י. מאָסינזאָן | רחל האלצער | ל. סוכאָוואָלסקי | 7 |
| 1950 | „גאָט, מענטש און טייוול" | י. גאָרדין | י. גרינהויז | | 1 |
| 1950 | רעווי־אָוונט | | משה פּאָטאַשינסקי — מ. ווייסליץ | | 1 |
| 1951 | „200.000" | שלום־עליכם | יעקב ווייסליץ | | 2 |
| 1951 | „אונדזער ערד" | א. אשמאן | יעקב ווייסליץ | ה. גורט | 2 |
| 1951 | „מירעלע אפרת" | י. גאָרדין | רחל האלצער | | 1 |
| 1952 | „דריי פּרויען" | מאַראַז־שטשעפּקאָווסקאַ | רחל האלצער | ה. ראזנשטיין | 3 |
| 1952 | „קידוש השם" | שלום אַש | יעקב ווייסליץ | | 6 |
| 1952 | פּרץ־פאַרשטעלונג | י. ל. פּרץ | יעקב ווייסליץ | | 2 |
| 1952 | „פּרנסה" | ה. גאָטעספעלד | יעקב ווייסליץ | | 6 |
| 1953 | „מאַראַם דולסקאַ" | ג. זאַפּאָלסקאַ | רחל האלצער | ה. ראזנשטיין | 7 |
| 1953 | „בית הלל" | משה שמיר | יעקב ווייסליץ | ה. גורט | 4 |
| 1953 | „דער דאָרפס יונג" | ל. קאָברין | יעקב ווייסליץ | | 4 |
| 1953 | „דער פּאָעט איז בלינד געוואָרן" | ה. לייוויק | יעקב ווייסליץ | | 2 |
| 1954 | „הערשעלע אָסטראָפּאָלער" | י. גערשנזאָן | יעקב ווייסליץ | | 7 |
| 1954 | „מיט אָפענע אויגן" | ל. מלאך | רחל האלצער | | 8 |
| 1955 | „אַנקל מאָזעס" | שלום אַש | זיגמונט טורקאָוו | | 6 |
| 1955 | „זינג מיין פאָלק" | זיגמונט טורקאָוו | זיגמונט טורקאָוו | | 10 |
| 1955 | „אויף די מויערן פון ירושלים" | י. בר יוסף | זיגמונט טורקאָוו | | 7 |
| 1955 | שלום־עליכם אקטן | שלום־עליכם | זיגמונט טורקאָוו | | 2 |
| 1956 | „רויטע רויזן" | א. דע־בענעדעטי | רחל האלצער | ה. ראזנשטיין | 9 |
| 1956 | „שרגי פּיוויש גייט קיין נגב" | י. סלע | יעקב ווייסליץ | י. טאָוב | 4 |
| 1956 | „200.000" | שלום־עליכם | יעקב ווייסליץ | | 3 |
| 1957 | „דער דיבוק" | ש. אנסקי | יעקב ווייסליץ | | 6 |
| 1957 | „אויף פרידלעכער ערד" | חייעלע גראַבער | חייעלע גראַבער | | 5 |
| 1957 | „די גרעפין פון פּאַלאַץ" | ל. גאָלדבערג | יעקב ווייסליץ | י. טאָוב | 7 |
| 1958 | „דער אוצר" | דוד פּינסקי | משה פּאָטאַשינסקי | | 8 |
| 1958 | „די הילצערנע שיסל" | ע. מאָריס | יעקב ווייסליץ | א. צימערמאַן | 10 |
| 1959 | „טביה דער מילכיקער" | שלום־עליכם | יעקב ווייסליץ | | 5 |
| 1960 | „דער טויט פון סעילסמאַן" | אַרטור מילער | יעקב ווייסליץ | י. מעצקער | 9 |
| 1960 | „ביימער שטאַרבן שטייענדיק" | א. קאַסאָנאַ | אידאַ קאַמינסקאַ | | 2 |
| 1960 | „מירעלע אפרת" | י. גאָרדין | אידאַ קאַמינסקאַ | | 3 |
| 1960 | איינאַקט־אָוונט | | אידאַ קאַמינסקאַ | | 2 |
| 1961 | „א מולדיקער שטריק" | מייקל ברעט | רחל האלצער | ה. ראזנשטיין | 7 |
| 1962 | בעקליין־צענטער | א. גילנער | יעקב ווייסליץ | | 10 |
| 1963 | „די כישופמאכערין" | גאָלדפאַדען־מאנגער | א. ברייזבלאט | | 11 |
| 1963 | „שמאָטעס" | ה. לייוויק | רחל האלצער | | 8 |
| 1964 | „זיין נאָמען רעדט שוין פאַר זיך" | אפרים קישון | יוסף שיין | | 8 |
| 1964 | „די בלאָנדזשענדיקע שטערן" | שלום עליכם | יוסף שיין | | 12 |
| 1964 | „צוויי קוני לעמל" | אברהם גאָלדפאַדען | יוסף שיין | | 7 |
| 1965 | „פרוי אדוואקאט" | ל. ווערנעיל | רחל האלצער | | 9 |
| 1965 | „גוט יום־טוב" | רעוויע | שמעון דזשיגאַן | | 3 |
| 1965 | „פּריש, געזונט און משוגע" | רעוויע | שמעון דזשיגאַן | | 3 |
| 1965 | „זאָל זיין צום גוטן" | רעוויע | שמעון דזשיגאַן | | 3 |

די כראָנאָלאָגישע רשימה פון די אויפפירונגען שטיצט זיך אויף די מאַטעריאַלן, וועלכע ס'איז מיר געלונגען צונויפצוזאַמלען.

א טייל פון די דערמאַנטע דאָ אויפפירונגען האָט דער דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז אויך געשפּילט אין סידנעי, מייסטנס בלויז צו איין פאַר־שטעלונג.

די טעטיקייט פון קרייז נעמט אויך אַרום איינאַקטער־ און רעווי־אָוונטן, אויפטריטן אינעם היגן מושב־זקנים און קאָנצערטן לטובת פאַר־שידענע הילפס־אינסטיטוציעס. דער קרייז האָט אויך אַנטיילגענומען אין פאַרשידענע אַקאַדעמיעס, אַלערליי יובל־פייערונגען, פּורים־אָוונטן און אַנדערע אונטערנעמונגען. עס וואָלט פאַרנומען צו פיל פּלאַץ אויסצורע־כענען אַלע אימפּרעזעס, וועלכע ברענגען אַריין אַזוי פיל יום־טובדיקייט אינעם היגן יידישן לעבן.

מיר האַלטן פאַר נויטיק צו ברענגען א רשימה פון די אַקטיווע קרייז־מיטגלידער, וועמענס מי אויפצוהאַלטן די יידישע קולטור אין מעל־בורן איז ביז גאָר וויכטיק. פרויען לויטן א"ב: איינהאָרן פראַנקאַ, ברוסט־מאַן סטעלאַ, בעקער רחל, בלושטיין לאה, גינטער טאַבע, זילבערמאַן חוה, זיידנבערג גיטל, לייט חנה, לעוויטאַ רחל, לוסטיק אידאַ, מילעצקי חוה, מאַנדעלבוים ריטאַ, סילמאַן יהודית, פריימאַן מיראַ, צוקער לאה, קאַכען פנינה, קאַטלאַזש חנה, ראָטמאַן דאָראַ, ראַכלין מרים, שטאַרד חיה'לע, שוויאַטלאַ חוה.

מענער: בלושטיין יעקב, ברוסטמאַן זיגמונט, גערשאַוו צבי, דעסויער יעקב, האָכגעלערנטער שמואל, וויגושין אברהם, טיגעל שיע, לעווין יעקב, לוסטיק בערל, מיגדאַלעק שמואל, מילכמאַן יעקב, סיוואַק פּיוול, פּאַדעם ישעיה, צעפּראַוו מאיר, ציקערט אברהם, קינג שמעון, ראָזענבערג בערל, ראָטמאַן ישראל, רייכשטיין שמחה, שוואַרץ שלום, שוואַרץ שמואל, שמערלינג מענדל, שעכטער מרדכי און שער יאשא, דער פאָרזיצער פונעם טעאַטער־קרייז.

ביי דער געלעגנהייט דאַרף ספּעציעל דערמאָנט ווערן דער נאָמען פון אַרכיטעקט ראָבערט ראָש, דעם שעפער פון אָריגינעלע דעקאָראַציע־פּראָיעקטן, ווי אויך די נעמען אהרן גורוויטש און מרדכי שעכטער פאַר זייערע ביז גאָר אינטערעסאַנטע דעקאָראַציע־אַרבעטן פאַר א רייע אויפ־פירונגען פון דעם דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז.

די זייער באַגאַבטע טענצערין רות בערגנער האָט איינגעשטעלט א רייע כאָרעאָגראַפישע נומערן פאַר פאַרשידענע אויפפירונגען. זי איז אויך אויפגעטרעטן אין עטלעכע „קדימה"־אונטערנעמונגען און געגעבן אייגענע טאַנץ־קאָנצערטן.




רות בערגנער פירט אויס אַ טאַנץ אויף אַ באַל פון טעאַטער־קרייז.



ש. טיגעל און ש. מיגדאַלעק אין „צוויי קוני לעמל"
אין יאָר 1964. רעזשי: יוסף שיין.

חיים ראָזנשטיין

ווער עס וועט אויפמערקזאַם לייענען דעם צעטל פֿון די געשפּילטע מחברים, מוז קומען צום אויספֿיר, אַז דעם דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז קומט אַן אָרט ביי דער מזרח־וואַנט פֿון גוטן יידישן טעאַטער.

ס׳איז נישט מיין אויפֿגאַבע און נישט דאָ איז דער פּלאַץ צו געבן אַפֿילו אַ קורצן איבערזיכט וועגן דעם קינסטלערישן ווערט פֿון די דערמאָנטע דאָ אויפֿפֿירונגען. **די ווייט גרעסטע מערהייט פֿון זיי איז געווען רייף און גוט יידיש טעאַטער.**

מיין אַרבעט וואָלט נישט געווען פֿאַרענדיקט, ווען כ׳זאָל נישט, כאָטש אין עטלעכע ווערטער, רעזומירן די טעטיקייט פֿון דעם דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז ביי דער „קדימה" פֿאַר די לעצטע 22 יאָר.

טעאַטער, אַפֿילו דאָס בעסטע, גייט קיינמאָל נישט אויף אַ גלייכער ליניע. צוליב פֿאַרשידענע סיבות מוז עס ערגעץ־ווו טיילמאָל געשטרויכלט ווערן. עס קאָן נישט זיין אַנדערש. די טעטיקייט פֿון אַ טעאַטער־קרייז גייט אוודאי נישט אויף אַ גלייכער ליניע. דאָ זענען פֿאַראַן אַן אַ שיעור מער סיבות פֿאַר אַלערליי שטרויכלונגען. אָבער ווען מען נעמט אין אַכט, אַז טראָץ אַלע שוועריקייטן און שטערונגען, און אַזעלכע זענען פֿאַראַן אויף טריט און שריט, געלינגט אַ טעאַטער־קרייז זיך צו האַלטן אויף אַ באַדייטנדיקער קינסטלערישער הויך, הייסט עס, אַז ער האָט אַ סך דערגרייכט: אַז ער דערפֿילט אַ זייער וויכטיקע קולטור־פֿונקציע.

דאָס יידישע קולטור־לעבן איז מעלבורן וואָלט געווען אַ סך אָרעמער און טרויעריקער, ווען נישט דער דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז — דער טרעגער פֿון לעבעדיקן יידישן וואָרט: ווען נישט די איבערגעגעבענע חברה שפּילער — די טרייע דאַוונער פֿון אונדזער שענסטן פֿאָלקס־ספֿר: — ספֿר יידיש.

* * *

מיר האָבן זיך אויבן ברייטער אָפּגעשטעלט אויף דער טעטיקייט פֿון דעם דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז, אָבער דאָס בילד פֿון יידישער טעאַטער־אַרבעט אין מעלבורן וואָלט נישט געווען פֿול, ווען מיר זאָלן נישט דערמאָנען אַ רייע אויפֿטריטן פֿון פֿאָלגנדע אַרטיסטן:

משה פּאָטאַשינסקי און מילאַ וויסליץ, ביידע געראַטעוועטע פֿון קאָנצענטראַציע־לאַגערן, האָבן נאָכן אָנקומען קיין מעלבורן, געגעבן עטלעכע קליינקונסט־אָוונטן. פּאָטאַשינסקי האָט אויך אויפֿגעפֿירט מיטן קרייזן אַ פּיעסע און אַ רעוויו. ביידע אַרטיסטן האָבן אָנטיילגענומען אין פֿאַרשטעלונגען מיטן דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז און אין אַ רייע „קדימה"־אונטערנעמונגען.



**אַ טייל פון דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז און איייניקע פריינד פון קרייז צוזאַמען מיט רחל האָלצער און יוסף שיין אין 1964.**

ערשטע ריי: (פון רעכטס צו לינקס): מ. ראָכלין ח. קאָטלאַזש ט. גינטער, רחל האָלצער, יוסף שיין, ג. זיידמאַן, ר. צעפראָוו, ש. טיגעל.

צווייטע ריי: ל. פרידמאַן, ה. בערגנער, ח. ראָזענשטיין ס. מיגדאַלעק, ש. האָכגעלערנטער, י. מילכמאַן, ש שוואַרץ, ז. ברוסטמאַן מ. צעפראָוו.

דריטע ריי: י. שער, ש. שער ש. מיגדאַלעק, ח. לייט, ג. טיגעל, א. וויגושין ר. לעוויטאַ



אַנטיילנעמער אין „בית הלל" פון משה שמיר.
(איבערזעצונג: ח. גורט)
געשפּילט אין 1953.

רעזשי: יעקב ווייסליץ.

פון ל. צו ר.: יעקב לעווין, מילא ווייסליץ, יעקב ווייסליץ, רחל בעקער און יאַשאַ שער.



אַ סצענע פון „אַ מזלדיקער שטרייק" פון מייקל ברעט אין 1961.
איבערזעצונג: ח. ראָזענשטיין. רעזשי: רחל האַלצער.
פון ר. צו ל.: פנינה קאָכען, שיע טיגעל, רחל האַלצער און יאַשאַ שער.

דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז ביי דער „קדימה"



דאָס בילד איז דערשינען אין דער טעגלעכער צייטונג „מעל־בורנער העראַלד" אין יאָר 1964, אין שייכות מיט דער 50־יאָריקער עקזיסטענץ פון דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז.

דאָס בילד ווייזט איינעם פון די לאַנג־יאָריקע שפילער פון טעאַטער־קרייז יאַשאַ שער מיט איינער פון די יונגע מיט־גלידער פון קרייז חוה זילבערמאַן אין שלום־עליכמס „די בלאָנדזשענדיקע שטערן". רעזשי: יוסף שיין.






אויבן: אַ ריזיקער פּלאַקאַט פאַרן „פּאַלעי"־טעאַטער וועגן די פאָר־שטעלונגען פון שמעון דזשיגאַן און כוכבה הררי מיט די שפּילער פון טעאַטער־קרייז.
ביי דער זייט: כוכבה הררי.

אין מיטן: אַ טייל פון די אָנטייל־נעמער אין די פאָרשטעלונגען: (פון ר. צו ל.): ש. טיגעל, ד. קליינמאַן, ר. לעוויטאַ, ש. דזשי־גאַן, ר. מאַנדעלבאום, ש. מיג־דאַלעק.

אונטן: שמעון דזשיגאַן.

שרה און נתן גינטער און יהודה גרינהויז, פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, זענען אויסער אין אַ רייע פּיעסעס, אויפגעטראָטן מיט אייגענע רעוויעס און געזאַנג־אָוונטן.

אברהם ברייזבלאַט און פייוול סיוואַק, דער לעצטער פון „יונג־טעאַטער" אין ווארשע, זענען אויפגעטראָטן מיט אַ רייע וואָרט־ און געזאַנג־קאָנצערטן. א. ברייזבלאַט האָט אויך געשטעלט מיטן קרייז אַ גאָלדפאָדן־פּיעסע.

ראַיאַ זאַמינאַ, ראובן שוויאַטלאַ און דעני קליינמאַן זענען אויפגעטרעטן אויף פאַרשידענע קאָנצערטן מיט יידישע און העברעאישע לידער. שוויאַטלאַ און זאַמינאַ האָבן אויך געגעבן גאַנצע לידער־אָוונטן.

דער גאַסט־קינסטלער פון אַמעריקע, דער באַקאַנטער זינגער סידאָר ביעלאַרסקי, איז אויפגעטראָטן מיט גרויס דערפאָלג אין אַ רייע לידער־קאָנצערטן.

די פּיאַניסטין מרים ראַכלין, אַ לאַנגיאָריקער געטרייער פריינד פון דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז, האָט מיטגעאַרבעט אין אַ גאַנצע רייע אויפפירונגען.

די אַקאָרדיאָן־ און פּיאַנאָ־באַגלייטערין פרידאַ ווילענסקי האָט אָנטיילגענומען אין פאַרשידענע קאָנצערטן און טעאַטער־אָוונטן.

אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישע טעאַטער־אויפפירונגען האָבן געשריבן: מ. באַלבערישסקי, ה. בערגנער, א. זבאַר, ה. מוניז, ל. פרידמאַן, י. קאַהאַן, י. קערש, י. ראַפּאַפּאָרט און ג. שאַיאַק.

און צום סוף אַ וואָרט וועגן „הבימה פּלעיערס", אַ טעאַטער־גרופּע, וועלכע האָט אויפגעפירט אַ רייע פּיעסעס אין ענגליש מיט יידישע פּראָבלעמען. צווישן אַנדערע אויך: „האָום אָף דע ברעיוו" פון אַרטור לאָרענץ און „מאָלי" פון גערטרוד בערג, רעזשיסירט דורך רחל האַלצער.

דאָס איז געווען אַ גרופּע יונגע טאַלענטירטע שפּילער. נאָך עטלעכע יאָר טעאַטער־אַרבעט איז דער „הבימה פּלעיערס"־קרייז זיך פונאַנדערגעפאַלן. אַ שאָד. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס קיינער פון דער גרופּע, כ'מיין די וועלכע האָבן גערעדט אַ גוטן יידיש, איז נישט אַריבער אין יידישן טעאַטער.

מעלבורן, יאַנואַר, 1966.

# יידיש לעבן
# אין אויסטראַליע

סענדער בורשטין

# יידיש לעבן אין מעלבורן

דער יידישער ישוב אין מעלבורן ציילט היינט־צו־טאג איבער 30 טויזנט נפשות. אין פארגלייך מיט אנדערע יידישע ישובים אין דער וועלט איז ער פארהעלטנישמעסיק א קליינער, דאך קען ער זיך נישט פארשעמען מיט זיין פארצווייגטער נעץ פון אינסטיטוציעס פון נאציאנאלן, רעליגיעזן, דערציערישן און הילפס־כאראקטער לגבי פיל גרעסערע יידישע ישובים.

אויך סידנעי ציילט כמעט די זעלבע צאל יידן. אויך זי פארמאגט ענלעכע יידישע אינסטיטוציעס. דער דארטיקער ישוב איז עלטער ווי דער מעלבורנער, דאך וועלן די סידנעיער יידן, פארליבטע אין זייער היים־שטאט, מוזן צוגעבן, אז אין מעלבורן קלאפט דער דופק פון יידישן לעבן פיל שטארקער און אימפולסיווער און איז פילפארביקער און קאלירפולער ווי אין סידנעי.

פארשידן זענען געווען די סיבות, וואס האבן גורם געווען די אנדערש־קייט פוןביידע שטעט. אין דער צייט, ווען דער סידנעיער ישוב באשטייט אין זיין מערהייט פון בריטיש־דייטשישן „סטאק" און ווייניקער פון מזרח־אייראפע, איז דער צוזאמענשטעל פון מעלבורנער ישוב פונקט א פארקערטער. די גרויסע נאציאנאלע און סאציאלע אידייען, וואס האבן ארומגעכאפט דאס יידישע פאלק אין מזרח־אייראפע, אין רוסלאנד און פוילן ביים סוף פון 19־טן יארהונדערט, האבן זיך מיטן שטראם פון דער יידישער עמיגראציע איבערגעטראגן אהער. נאך מער איז דאס גע־קומען צום אויסדרוק בעת דער לעצטער, נאכמלחמהדיקער עמיגראציע. אין דער צייט, ווען קיין סידנעי זענען געגאנגען יידן פון אונגארן און דייטשלאנד, זענען קיין מעלבורן געקומען פוילישע יידן. זיי האבן גע־האלפן פורעמען און געשטאלטיקן דעם כאראקטער פון דעם קיבוץ. נישט ווייניקער האט אויך געהאלפן דאס, וואס פערזענלעכקייטן פון א גרויסן קולטור־געזעלשאפטלעכן ווערט האבן זיך באזעצט צייטווייליק אדער אויף שטענדיק אין מעלבורן. זיי האבן מיט זייער נאציאנאל־דערציערישער ארבעט משפיע געווען אויף דער אנטוויקלונג פון ישוב.

* * *

אין די ווייטערדיקע קאפּיטלען וועט געמאַכט ווערן א פּרווו צו געבן אין קורצע שטריכן דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון יידישן ישוב אין מעלבורן.

## די ערשטע שפּראָצונגען

די שפּראָצונגען פון יידיש לעבן אין מעלבורן, ווי אין אויסטראַליע בכלל, מערקן זיך אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט. פאַרשטענדלעך, אַז אין יענער צייט, דריקט זיך עס אויס כמעט אויס־שליסלעך אין א רעליגיעזער פאָרם. אָבער שוין אין די 50־קער יאָרן פון זעלבן יאָרהונדערט, ווייזט זיך די נויטווענדיקייט פאַר סאָציאַ־לער הילף און עס ווערט געשאַפן די יידישע פילאַנטראָפּישע אָרגאַני־זאַציע מיטן ציל ,,צו העלפן אָרימע און עלנטע מיטגלידער פון יידישן גלויבן". שפּעטער איז איר טעטיקייט אויסגעברייטערט געוואָרן. און עס ווערט געשאַפן די ,,מאָנטעפיאָרע היים". וועגן דער לעצטער וועט אונדז נאָך אויסקומען שפּעטער צו שרייבן. אין די 80־קער יאָרן ווערט אויך געשאַפן די יידישע גמילת־חסדים־קאַסע. בכלל דרייט זיך דאָס יידישע לעבן אין יענער צייט מערסטנטייל אַרום די שולן, כשר־פלייש ענינים און פאַרשידענע קהילהשע מחלוקתן. ס'איז ווערט ביי דער געלעגנהייט צו ציטירן שלמה ווינ'ען, א פּיאָנער פון אונדזער ישוב. ער שרייבט אין ערשטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך וועגן יענער צייט:

> ,,די דעמאָלטדיקע היגע יידישע באַפעלקערונג איז לרוב באַ־שטאַנען פון צוויי סאָרטן: פון איין זייט אויסגעשפּראָכענע אַסימי־לאַטאָרן, אַזוי־גערופענע ,,יאַהודים", און גלאַט עם־הארצים. פּונקט ווי עס איז דער שטייגער אין אַלע ענגליש־יידישע ישובים, האָבן דאָ אויך עקזיסטירט יידישע פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן און א נאָכ־מיטאָג־און זונטיק־שולע פאַר רעליגיעזע לימודים. און — פאַרשטייט זיך — אַלע אַנדערע כלי־קודשדיקע קלאָפּערגעציגן. און דאָס אַלץ איז געשטאַנען אונטער דעם שטאַרקסטן איינפלוס פון די קלעריקאַלן און יאַהודים און על־כולם האָט איבער אַלץ געבושעוועט דער גייסט פון אַסימילאַציע. דער הויפּט־ציל פון די דעמאָלטדיקע פירער איז געווען צו אַנגליזירן דעם היגן ישוב און אים האַלטן אונטער דער השפּעה פון די רעליגיעזע אַנשטאַלטן".

אַזוי גייט דאָס יידישע לעבן ביזן אָנפאַנג פון היינטיקן יאָרהונדערט.

אייניקע יאָרן פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה באַ־ווייזט זיך א נייער עלעמענט צווישן יידישע אימיגראַנטן. געקומען זענען



די אַלטע געביידע פון מושב זקנים א.נ. פון משה מאָנטעפיאָרע




דער נייער פליגל פון מושב זקנים א.נ. פון משה מאָנטעפיאָרע, אויסגעבויט אין 1964

זיי פון פוילן, רוסלאנד, פאר זיי איז די ארטיקע ווירקלעכקייט געווען לחלוטין א פרעמדע. געווען זענען דאן צייטן פון דער פארשטארקטער אנטיסעמיטישער רעאקציע אין צארישן רוסלאנד נאך דער פארשפילטער רעוואלוציע פון 1905, פול מיט אנטוישונגען פון איין זייט און סימנים פון פאנאנדערוווקס פון מאדערנע סאציאלע און נאציאנאלע באוועגונגען ביי יידן פון דער צווייטער זייט.

אט די פרישע פויליש־רוסישע אימיגראנטן האבן מיט זייער אימפעט און ענערגיע אריינגעבראכט א נייעם גייסט אין יידישן לעבן, באהויכט מיט נאציאנאלע און סאציאלע אידייען פון מזרח־אייראפעאישן יידנטום. זיי זענען דאס געווען די פיאנערן פון א יידיש־וועלטלעך און נאציאנאל־פאלקסטימלעך לעבן אין מעלבורן. אין יענער צייט ווערט געגרינדעט די „קדימה". מיר קלייבן זיך נישט דא צו שרייבן די געשיכטע פון דער „קדימה", וועגן איר איינפלוס אויפן ארום. וועגן איר ראָל ווערט געשריבן אויף אן אנדער ארט אין דער דאזיקער אויסגאבע. עס דארף אבער אונטערגעשטראכן ווערן, אז ארום דער „קדימה" האבן זיך געזאמלט די אלע, וועלכע האבן געהאלפן מאדערניזירן און פארוועלטלעכן דאס היגע יידישע לעבן.

## דער באזוך פון פרץ הירשביין

אין די יארן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געקומען א קריזיס אין דער געזעלשאפטלעכער קולטור־ארבעט. פיל פון די דעמאלטדיקע פאלקס־יידן האט באהערשט אן אפאטיע און גלייכגילטיקייט. פונקט ווי די ערד מוז זיך יעדעס יאר באנייען דורך אקערן און זייען, אזוי מוז אויך א געזעלשאפטלעכער באדן זיך באנייען מיט פרישע שטראמען פון מענטשלעכער ענערגיע. אנדערש אנטשטייט א סטאגנאציע. און דא האט זיך די יידישע אימיגראציע איננאנצן אפגעשטעלט.

שרייבט וועגן יענער צייט ישראל שער, איינער פון די פיאנערן און טוער אין יענער עפאכע אין דעם שוין דערמאנטן ערשטן אויסטראליש־יידישן אלמאנאך:

„גראד דעמאלט איז דאס יידישע קולטורעלע לעבן ביי אונדז, צוליב עטלעכע סיבות, געווען זייער אפגעשטאנען. אונדזער קולטור־ארגאניזאציע, די „קדימה" האט עקזיסטירט, אבער מער אויף דעם פאפיר, ווי אין דער ווירקלעכקייט. די יידישע געזעלשאפטלעכע און קולטור־טוער זענען געווען צעריסן. מיינונגס־פארשידנהייטן זענען אויסגעבראכן. א טייל פון זיי האט לחלוטין געשטרייקט. דער אנדערער טייל האט געשוויגן מער ווי גערעדט, און גערוט מער ווי עפעס

געטאָן אין דער אָדער אין יענער פאָרם — פּאַסיוו זענען אַלע געווען".

ס׳האָט געדאַרפט געשען אַ נס, וואָס זאָל אַרויסבריינגען דעם ישוב פון דער גלייכגילטיקייט און אַפּאַטיע. און דער נס איז געשען.

דער שרייבער פּרץ הירשביין מיט זיין פרוי אסתר שומיאַטשער קומען סוף 1920 אַלס געסט צו די מעלבורנער פאָלקס־יידן. דאָס איז געווען אַ ווענד־פּונקט אין דעם לעבן פון דעם היגן יידישן ישוב.

שרייבט ישראל שער אין דעם זעלבן אַלמאַנאַך וועגן הירשביינס וויזיט:

„די ידיעה פון הירשביינס באַזוך האָט אַלעמען עלעקטריזירט, אַלעמען פאַרבונדן, צווישן יאָ און ניין אַלעמען אויסגעגלייכט, אַלעמען אויפגעוועקט צו באַנייטער טעטיקייט. אַלע האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז אַלע רייבונגען דאַרפן פאַרשווינדן, אַלע חילוקי־דעות דאַרפן געשטעלט ווערן אין אַ זייט — און דאָס קומען פון הירשביינען איז אַ יום־טוב, און אַ יום־טוב דאַרף עס ווערן. באַלד איז אויך פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז דער בעסטער פּלאַץ אויפ־צונעמען אַזאַ גאַסט איז די „קדימה". די, וואָס האָבן נאָר געהאַט, אָדער מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים מיט זיך אַ ביסל חוש פאַר קולטור־אַרבעט און געזעלשאַפטלעכקייט, זענען באַלד פול גע־וואָרן מיט אַמביציעס צו באַווייזן דעם גאַסט, אַז כאָטש עס דאַכט זיך אים זיכער, אַז ער קומט אויף אַן אינדזל און אַ מדבר דערצו, אין קולטורעלן זינען — איז דאָך עפּעס אויפגעטאָן געוואָרן. די נאָענטקייט פון הירשביינס באַזוך איז געוואָרן ממש אַ דינאַמישע קראַפט, וואָס האָט אַלעמען אונטערגעטריבן".

נאָך די לאַנגע מלחמה־יאָרן פון פולשטענדיקער איזאָלאַציע, איז הירשביין געווען די ערשטע שוואַלב פון דער גרויסער יידישער וועלט, וואָס איז געקומען אין דעם ווייטן, פאַרוואָרפענעם אינדזל פון יידישן לעבן. ער האָט געבראַכט אַ פּריש־צאַפּלדיקן, לעבעדיקן גרוס פון דער שעפערישקייט פון יידיש־לאַנד. ער האָט אַריינגעגאָסן אַ נייעם שטראָם געזעלשאַפטלעכע ענערגיע אין דער פאָלקס־עדה פון מעלבורן, וואָס איז געווען דורשטיק נאָך אַ ניי יידיש וואָרט.

הירשביין איז סך־הכל געווען אין מעלבורן פינף וואָכן. ער האָט אָבער איבערגעלאָזן איינדרוקן, מיט וועלכע דער ישוב האָט זיך גע־שפּייזט אין משך פון יאָרן. עס דאַכט זיך, בלויז אַ קורצער באַזוך פון אַ שרייבער, אָבער וואָסערע טיפע וואָרצלען, וואָס פאַראַ השפעה ער האָט געלאָזט אינעם ישוב!

## די „וועלקאַם סאָסייטי"

אין דער אַלטער היים, אין פּוילן, קומען אין די צוואַנציקער יאָרן שווערע צייטן פאַר יידן. די גראַבסקי־רעגירונג, ווילנדיק ראַטעווען די שווערע עקאָנאָמישע און פינאַנסיעלע לאַגע פון לאַנד, פירט אַ שטייערן־פּאָליטיק, וואָס ליגט זיך מיט דער גאַנצער לאַסט אויף די פּלייצעס פון דער שטאָטישער און ממילא יידישער באַפעלקערונג, וואָס זי איז אויסן געווען. דאָס האָט ממש רואינירט דעם יידישן מיטלשטאַנד און אויך אַנדערע שיכטן. עס האָט דערפירט צו פאַרגרעסערטער יידישער עמיגראַציע. אַ טייל פון די דאָזיקע עמיגראַנטן איז אויך געקומען קיין אויסטראַליע און די מערהייט פון זיי קיין מעלבורן.

כדי צו העלפן דעם נייעם שטראָם אימיגראַנטן, שאַפט זיך ביי דער שוין פון פריער עקזיסטירנדיקער „קדימה", אַ נייע אינסטיטוציע, די א"ג „וועלקאַם־סאָסייטי", וואָס העלפט לינדערן די עלנטקייט פון די פריש־געקומענע, דורך אויפנעמען זיי ביי די שיפן און שאַפן פאַר זיי אַרבעטס־פּלעצער. ביי דער געלעגנהייט איז ווערט אונטערצושטרייכן די ראָל פון דער גמילת־חסדים־קאַסע, וואָס האָט מיט אַנפּראָצענטיקע הלוואות געהאָלפן די אימיגראַנטן זיך שטעלן אויף די אייגענע פיס.

## פרישע אימיגראַנטן — נייע אידייען

מיטן שטראָם פון דער א"ג גראַבסקי־„עליה", קומט סוף פון די צוואַנציקער יאָרן, צווישן אַנדערע, אויך אַ נייער עלעמענט, וואָס איז דורכגעגאַנגען אין דער אַלטער היים אַ „שול" פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פאַר מאָדערנער יידישקייט, באַפליגלט מיט דער אידייע פון וועלט־באַפרייאונג.

דער שרייבער פון די שורות איז אויך געווען איינער פון אָט דער אימיגראַציע. און ער שרייבט וועגן יענער צייט אין דעם בוך „10 יאָר יידישע שול", אין דעם אַרטיקל „רוי־ערד ווערט צעאַקערט":

„פון איין אָרט האָט מען יאָ געזען אַ ליכטיקן שטראַל, דאָס איז געווען די „קדימה". אין דעם גרויסן גייסטיקן מדבר איז די „קדימה" געווען ווי אַן אָאַזיס, וווּ מ'האָט געקאָנט דעם טרוקענעם, ברענענדיקן צונג מיט אַ גייסטיק יידיש וואָרט דערפרישן. די „קדימה" האָט געהאַט דעמאָלט אַ ביבליאָטעק פון אייניקע הונדערט יידישע, ווי אויך אין אַנדערע שפּראַכן, ביכער. עס פלעגן אויך זיין פון צייט צו צייט יידישע צייטונגען און זשורנאַלן פון דער גאַרער וועלט. יעדן זונטיק פלעגט מען זיך צונויפקומען אין דעם אַמאָליקן זאַל אויף 313 דראַמאָנד סטריט, קאַרלטאָן, לייענען אַ פּרק פּרץ, שלום עליכם, אַ פאַרלעזונג איבער אַ

יידישן שרייבער, א יאָרצייט איבער א פאַרשטאָרבענעם יידיש־געזעל־שאַפטלעכן טוער, אַמאָל אויך א קאָנצערט. אַלץ צוזאַמען איז געווען אָרומגעוועבט מיט קליינע ציוניסטיש־באַפאַרבטע שטער. מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט די גאַנצע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. אין אַלגעמיין האָט עס אויסגעזען ווי א מין „קאָנגרעגיישן״. אַז ס'איז דאָ א סט. קילדאַ שול, א בערק־סט. שול, א קאַרלטאָן שול, איז אויך דאָ א „קדימה״־שול. אויב א גרינער, א פרישער אימיגראַנט האָט געבעטן א דיסקוסיע איבער יידישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען, מיט וועלכע ס'האָט אַזוי גע־פיבערט דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן אין דער אַלטער היים, האָט געהייסן אָנרירן דעם קדשי קדשים פון דער אַבסאָלוטער אומפּאַרטייאיש־קייט פון דער „קדימה״, אָפּטרעטן פון אויסגעטראָטענעם וועג פון „קדימה״ שולחן ערוך, ד.ה. זיך מישן רח'לן, אין פּאָליטיק. אַז „קדימה״ זאָל מיט מער דרייסטקייט און געזעלשאַפטלעכן מוט מאַכן א פּרווו זיך קעגנשטעלן די יאַהודיש־אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, האָט אויסגעזען ווי מאַכן שיער נישט א רעוואָלוציע. אין קורצן, די „קדימה״ אין יענער צייט איז זיך געזעסן אויפן אָלימפּ פון ריינער, בלוי־ווייס־באַפאַרבטער אומפּאַרטייאיש־קייט און ס'האָט איר געפעלט די דינאַמישקייט פון א מאָדערנער יידיש־געזעלשאַפטלעכער קולטור־טעטיקייט״.

„די „קדימה״ מיט אַלע אירע חסרונות איז פאָרט געווען דעמאָלט דאָס איינציקע קולטור־ווינקעלע, וווּ פרישע אימיגראַנטן מיט קולטור־געזעלשאַפטלעכע נייגונגען האָבן זיך געקאָנט גייסטיק און געזעלשאַפטלעך אין א געוויסער מאָס אויסלעבן. זיי האָבן אָבער אויף קיין איין מאָמענט נישט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז די לאַגע דאַרף בלייבן אַזוי פאַר־גליווערט״.

אויף דעם אָרט דאַרף דערמאָנט ווערן די ראָל פון פאַרשטאָרבענעם ד״ר אהרן פּאַטקין. אַליין א פרישער אימיגראַנט, איז נאָר־וואָס געהאָט געקומען קיין מעלבורן, ווו ער האָט זיך באַזעצט. אַלס געזעלשאַפטלעכער טוער אין אַמאָליקן רוסלאַנד פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און שפּעטער אין בערלין, ווו ער איז געווען פאַרבונדן מיט דער קאָלאָניע פון דער יידישער עמיגראַנטישער אינטעליגענץ, האָט ער מיט זיין דערפאַרונג און וויסן געהאָלפן אויסברייטערן די האָריזאָנטן פון דעם יידישן לעבן אין מעלבורן.

מיר, די יידיש־סאָציאַליסטישע עלעמענטן, זענען ווייטער געבליבן מיטגלידער פון דער „קדימה״, אָבער פּאַראַלעל מיט איר אַנטשטייט א נייער קלוב, וואָס גרופּירט אַרום זיך עלעמענטן מיט א יידיש־וועלטלעכער און נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער באַפאַרבונג. עס קומט פאָר א פאַראייני־



י. ל. פרץ-שולע

קונג פון פארשידענע ריכטונגען מיט בונדיסטיש־קאמוניסטישע טענדענצן און עס ווערט דעמאלט געגרינדעט דער א"ג „אויסטראַלישער געזערד". דאס געשעט אין יאר 1931. מען קען נישט זאגן, אז דער פראגראם פון דער נייער אינסטיטוציע האט אַלעמען באפרידיקט. ס'איז געווען א פרווו פון קענגזייטיקע קאמפראמיסן.

דער נײַ־געגרינדעטער קלוב, סיי מיט זײַן ערנסטקייט, סיי מיט זײַן ארבעט, האט צוגעצויגן זייער פיל פריינד און האט געהאט די בעסטע אויסזיכטן אויסצוואקסן אין א שיינער יידיש־וועלטלעכער, סאציאַליס־טישער קולטור־אינסטיטוציע. ליידער האבן די קאמוניסטן אנגעהויבן צו פירן די אינסטיטוציע אויף די וועגן פון דער „גענעראַל־ליניע" און האבן טעראריזירט די יעניקע, וועלכע האבן געוואגט צו האבן אן אנדערע מיינונג, ביז ס'איז געקומען צו אן אפענער שפאלטונג. ווען זיי האבן דעם שרייבער פון די שורות אויסגעשלאסן. דאס האט דערפירט צו דעם בארג־אראפ פון דעם „געזערד", און אין א קורצער צייט שפעטער האט ער זיך געמוזט אינגאנצן שליסן.

## דער קאָמיטעט „פריינד פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן אין פוילן"

די בונדיש־געשטימטע, ווי אויך אנדערע נאַציאָנאַל־וועלטלעכע יידן גיבן נישט אויף זייער דראנג צו געזעלשאפטלעכער ארבעט אויפן היגן באָדן. זיי ארגאניזירן זיך אויף דאס ניי און שאפן א קאמיטעט, וואס איז אריין אין דער געשיכטע פון אונדזער ישוב א.נ. „פריינד פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן אין פוילן".

דער דאזיקער קאמיטעט האט אריינגעשריבן א הערלעך קאפיטל פון קולטור־געזעלשאפטלעכער ארבעט. אַן אינסטיטוציע, אַן אַן אדרעס, אבער יעדער האט געוווסט, וווּ זי געפינט זיך. א געזעלשאפט, אַן א געשריבענער קאנסטיטוציע, און אַלע האבן געוווּסט אירע צילן. כאטש אפיציעל האט זיך דער קאמיטעט פארנומען מיט זאמלען מאטעריעלע הילף פארן יידישן שול־וועזן אין פוילן, איז אבער נישט געווען קיין איין געזעלשאפטלעכע, אדער קולטור־וועלטלעכע אקציע, אין וועלכער דער קאמיטעט זאָל זיך נישט באטייליקן, ווי — באיקאט אויף היטלער־דייטשלאנד, הילף פאר דער קעמפנדיקער שפאניע א.ד.ג. אדאנק דער דאזיקער ארבעט האט זיך זײַן געזעלשאפטלעכער האריזאנט אויסגעברייטערט און ער האט אויסגע־איבט א שטארקן איינפלוס אויפן ארום און געלאזט טיפע ווארצלען אינעם ישוב. ווען מיר קוקן היינט צוריק צו יענער צייט, קען מען פעסטשטעלן, אז דער קאמיטעט פון „די פריינד פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן אין

פוילן" האָט אויך אַ אומדירעקטן אופן משפּיע געווען דעם גאַנג פון דער „קדימה".

מיטן אויסברוך פון דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט דער קאָמיטעט פּאַקטיש אויפגעהערט צו עקזיסטירן, ווייל אַנדערע פּראָבלעמען זענען אַנטשטאַנען, אָבער זיינע איינפלוסן זענען געבליבן. אין דעם וויטערדיקן גאַנג פון דער אַרבעט וועט אונדז נאָך אויסקומען צו שרייבן וועגן דער ווירקונג פון דעם קאָמיטעט.

אין יענער צייט האָט שוין עקזיסטירט א טעאַטער־קרייז א.נ. „יידישע בינע", אונטער דער אַנפירונג פון יאַנקל גינטער, וואָס פלעגט שפּילן מאָדערן יידיש טעאַטער. נישט דאָ איז דער פּלאַץ אויספירלעך וועגן דעם צו שרייבן, אָבער ס'איז אָן שום ספק, אַז דער דאָזיקער טעאַטער־קרייז האָט פיל בייגעטראָגן צו דערציען אונדזער ישוב אין נאַציאָנאַלן זין און צו באַקומען דורך אַרץ פאַר אונדזער מאָדערנער יידישער קולטור.

היות דער מענטשן־מאַטעריאַל פון די ביידע גרופּן, סיי פון „די פריינד פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן אין פוילן", סיי פון דעם טעאַטער־קרייז א.נ. „יידישע בינע" איז געווען כמעט דער זעלבער, פלעגן אָפט פאַרקומען געמיינזאַמע זיצונגען, שאַפנדיק אַזוי אַרום א צוויי־איינִיקייט. זיי האָט דאָס יידישע מעלבורן צו פאַרדאַנקען דעם באַזוך פון דעם דיכטער מלך ראַוויטש און דאָס באַזעצן זיך פון יוסף גיליגיטש, יעקב וויסליץ און שפּעטער רחל האַלצער. זיי האָבן, בלי שום ספק, א שטוים געטאָן אונדזער ישוב פאָראויס אין קולטורעלן און נאַציאָנאַל־וועלטלעכן זין.

## מלך ראַוויטש, יוסף גיליגיטש, יעקב וויסליץ, רחל האַלצער

דער דיכטער מלך ראַוויטש האָט צוויי מאָל באַזוכט אויסטראַליע. דאָס ערשטע מאָל קומט ער אין 1933, בלויז אויף זעקס חדשים, ווען ער האָט אַדורכגעפירט א געלט־אַקציע פאַר די „ציש"א"־שולן אין פוילן. די באַדייטונג פון זיין שליחות איז געווען נישט בלויז דאָס שאַפן מאַטעריעלע הילף פאַר די יידישע שולן אין פוילן, נאָר פיל מער. דער ישוב האָט זיך צום ערשטן מאָל באַקענט מיט די פּראָבלעמען פון א יידישער שול אויף יידיש. אין 1935 קומט ראַוויטש צום צווייטן מאָל און באַזעצט זיך אויף צוויי יאָר. מיר האַלטן דעם פּעריאָד פאַר א ווענד־פּונקט אינעם יידישן לעבן פון מעלבורן. ראַוויטש איז דער שאַפער פון דער יידישער שול, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן אין די שפּעטערדיקע יאָרן ווי די י. ל. פּרץ־שול. ער האָט אויך דערמוטיקט די קליינע גרופּע אָרטיקע שרייבער צו נעמען זיך צו דער פּען, ווי דעם פּריצייטיק פאַרשטאָרבענעם פּנחס גאָלדהאַר, א.א.

(אגב איז גאָלדהאַר אויך געווען אַ מיטגליד פון דער גרופּע „פריינד פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן אין פּוילן״).

אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון ראַוויטשן און אונטער זיין רעדאַקציע דערשיינט דער ערשטער אויסטראַליש־יידישער אַלמאַנאַך. דאָס איז געווען דאָס ערשטע יידישע בוך, וואָס איז דערשינען אין אויסטראַליע. אין מעלבורן האָט ראַוויטש פאַרענדיקט זיין בארימט בוך לידער „קאָנטינענטן און אָקעאַנען״. ער איז דער ערשטער „קאַפּיטאַן קוק״, וואָס האָט אַנטדעקט אויסטראַליע פאַר דער יידישער וועלט. אַדאַנק זיינע בריוו, געדרוקט אין דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג״, האָט מען געפונען אַ ניי לאַנד פאַר יידישער עמיגראַציע. אין 1935 זענען די טויערן פון אויסטראַליע, צוליב דער ווירטשאַפטלעכער לאַגע פון לאַנד, געווען געשלאָסן, אָבער ווען מיט צוויי, דריי יאָר שפּעטער ווערן די באַדינגונגען לייכטער, מערקט זיך טאַקע אַ פאַרגרעסערטע יידישע אימיגראַציע קיין אויסטראַליע.

אין 1938 באַזעצט זיך יוסף גיליגיטש אין מעלבורן. פריער פירט ער דורך אַ געלט־אַקציע פאַר די „ציש״א״־שולן אין פּוילן, שפּעטער נעמט ער איבער די לייטונג פון דער יידישער שול. (ראַוויטש האָט שוין דעמאָלט געהאַט פאַרלאָזט אויסטראַליע). אונטער זיין אָנפירערשאַפט און אַדאַנק דער פאַרגרעסערטער יידישער אימיגראַציע, איז די קליינע יידישע שול, וואָס האָט די ערשטע צייטן געהאַט ס׳ה 30 קינדער, אויסגעוואַקסן צו צוויי שולן: די י. ל. פּרץ־שול און די שלום עליכם־שול, מיט צוויי קינדער־גערטנער אין צוויי אייגענע גרויסע געביידעס, ווו עס לערנען זיך 500 קינדער. גיליגיטשעס נאָמען איז געוואָרן אידענטיפיצירט מיט דער שול: די עלטערן פלעגן זי רופן די גיליגיטש־שול. ער איז געוואָרן דער אָנער־קענטער לעקטאָר וועגן פּראָבלעמען פון יידישער ליטעראַטור, קולטור און פּעדאַגאָגיק. הונדערטער און טויזנטער האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע לעקציעס.

זאָל ביי דער געלעגנהייט דערמאָנט ווערן איין עפּיזאָד וועגן דער ראָל פון דער יידישער שול, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין דער יובל־אויסגאַבע „25 יאָר י. ל. פּרץ־שול אין מעלבורן״:

„געווען איז דאָס אין דער מלחמה־צייט. דער קינדער־כאָר, אונטער דער אָנפירונג פון פריינד פּנחס שאַרף האָט געהאַט איינגע־זונגען פיל פאָלקס־לידער, מיט וועלכע נישט איין כאָר פון דער־וואַקסענע האָט געקאָנט שטאָלצירן. האָט מען זיך געוואָנדן צו דער לאָקאַלער מלוכהשער ראַדיאָ־סטאַציע, צי זיי זענען גרייט צו דער־לויבן דעם שול־כאָר צו געבן אַ ראַדיאָ־אוידיציע. מען האָט זיך גע־קווענקלט, אָבער שפּעטער האָבן זיי איינגעשטימט. דער אָרקעסטריר

האט געהאט א גרויסן דערפאלג. מיט א יאר שפעטער, מיט פרישע לידער האט מען זיך נאך אמאל געוואנדן וועגן אן אווידיציע. זיי זענען גלייך מסכים געווען. אבער די אויספירונג איז געווען א ביסל אנדערש, — מען האט געזונגען פון דער „קדימה"־געביידע. דער זאל איז געווען אנגעפאקט מיט הונדערטער צוהערער, אבער בעתן זינגען — א טויט־שטילקייט. דאס יידישע ליד איז דאס מאל געווארן טראנסמיטירט, נישט בלויז איבער גאנץ אויסטראליע, נאר אויך צו אלע פאציפישע אינדזלען, וווּ ס'האבן זיך דעמאלט געפונען די אויסטראלישע און אמעריקאנער ארמייען. דער דערפאלג — א קאלאסאלער. אין מיטן פון אונדזער גרויסן חורבן, ווען יידיש לעבן איז פארגאזעוועט געווארן, האט מען געקאנט הערן אויף די כוואליעס פון ראדיא איבער דער גארער וועלט דאס געזאנג פון יידישן ליד, אז מיר לעבן ווייטער...

„מיר האבן דערהאלטן פיל דאנק־בריוו נישט בלויז פון מעלבורן, נאר אויך פון דער גרויסער וועלט פאר דער גרויסער הנאה, וואס מיר האבן פארשאפט".

אין דעם זעלבן יאר קומט אויף א באזוך דער קינסטלער יעקב ווייסליץ און מיט א יאר שפעטער די בינע־קינסטלערין רחל האלצער. די וועלט־מלחמה האט ביידע פארהאלטן אין אויסטראליע און שפעטער איז שוין נישט געווען צו וועמען צוריק צו פארן... עס דארף דא אונטערגעשטראכן ווערן זייער גרויסער צושטייער פארן היגן יידישן נאציאנאלן קולטור־לעבן. מיט זייערע ווארט־קאנצערטן און טעאטער־פארשטעלונגען, מיט זייערע ארויסטריטן אויף גרויסע יידישע אימפרעזעס האבן זיי געוועקט דורך ארץ צום יידישן ווארט.

## הילף און אימיגראציע

עס רוקן זיך אונטער די יארן פון אונדזער גרויסן פאלקס־חורבן. פון דער אלטער היים, פון פוילן, קומען אן טרויעריקע גרוסן. דאס לאנד ווערט פאשיזירט, די יידישע פאלקס־מאסן פאופעריזירט. די פליכטן צו העלפן אונדזערע ברידער וואקסן. עס שאפט זיך א קאמיטעט א.נ. „פויליש־יידישער הילפס־פאנד", אונטער דער אנפירונג פון פארשטארבענעם ארטור ראוז. עס ווערן געזאמלט הונדערטער פונטן.

אין דער זעלבער צייט אנטשטייט א ברענענדיק פראבלעם פון עמיגראציע פאר יידישע פליטים פון דייטשלאנד, עסטרייך, טשעכאסלאוואקיע. צענער טויזנטער יידן, זענען געצוווּנגען צו אנטלויפן פון נאצי־רעזשים,

ווי פון א פייער. וווהין צו לויפן איז נישטא. די טויערן פון די אימי־גראציע־לענדער זענען כמעט געשלאסן. עס ווערט אן אינטערנאציאנאל פראבלעם, מיט וועלכן די דעמאקראטישע וועלט מוז זיך פאראינטערעסירן.

אויף דער עוויאנער קאנפערענץ אין 1938, וואס איז ספּעציעל פאר דעם צוועק גערופן געווארן, פארפליכטעט זיך די אויסטראלישע רעגירונג ארויסצוגעבן 15 טויזנט אריינפאר־דערלויבענישן אין משך פון דריי יאר, צו פינף טויזנט יערלעך. די אויסטראלישע רעגירונג און די ארטיקע עפנטלעכע מיינונג בכלל, איז נישט געווען גענייגט צו א גרעסערער, נישט־בריטישער אימיגראציע. צוליב דעם מלחמה־אויסברוך אין 1939 באווייזן זיך צו ראטעווען ס"ה 7500 פליטים. צוויי דריטל פון זיי באזעצן זיך אין סידנעי, די רעשט אין מעלבורן. אין דער זעלבער צייט מערקט זיך אן אימיגראציע פון פוילישע יידן, וועלכע באזעצן זיך אין מעלבורן, פונקט אין א פארקערטער פראפארץ.

אויב די יידיש־פוילישע אימיגראציע איז געווען א נארמאלע, „גע־ספאנסערט" פון די ארטיקע קרובים, האט די יידיש־דייטשע אימיגראציע געמוזט אנקומען צו גענזעלשאפטלעכער הילף. פאר דעם צוועק שאפט זיך א קאמיטעט א.נ. „וועלפער־סאסייטי".

די מלחמה ברעכט אויס און די גאנצע אימיגראציע איז אפגעשטעלט געווארן. עס באווייזן זיך בלויז צו ראטעווען עטלעכע זיבעציק פליטים פון פוילן, וועלכע זענען אנגעקומען אהער דורך רוסלאנד און יאפאן.



די געביידע פון יידישן הילפס־פאנד

עס וואלטן זיכער נאך פיל מער געקאנט זיך ראטעווען, אויב יאפאן וואלט נישט אריין אין דער מלחמה. די אלע, וועלכע זענען דארטן גע־בליבן שטעקן, זענען שפעטער אינטערנירט געווארן אין א געטא אין שאנכיי.

בעת דער מלחמה איז פארגעקומען נאך אן עמיגראציע, מיר וועלן זי אנרופן א „מאדנע", א פיינלעכע אימיגראציע, וואס איז געווען כאראק־טעריסטיש פאר יענער צייט. פיל דייטשע יידן, וועלכע האבן זיך גערא־טעוועט פון זייער „היים" קיין ענגלאנד, זענען דארטן בעת דער מלחמה אינטערנירט געווארן אלס בירגער פון שונאס לאנד... אזוי ווי ענגלאנד, צוליב דער געשפאנטער לאגע אין לאנד, האט מורא געהאט צו האבן ביי זיך א „פרעמדן" עלעמענט, האט מען זיי צוזאמען מיט געפאנגענע סאל־דאטן איבערגעשיקט קיין אויסטראליע און דא אויף דאס ניי אינטערנירט אין ספעציעל באשטימטע לאגערן. פארשטייט זיך, אז דער ארטיקער יידישער ישוב האט אלץ געטאן, כדי צו באפרייען די יידן און זיי ווערן אלע מיט דער צייט באפרייט. אזוי האבן זיך אויף א דראמאטישן אופן געראטעוועט אין אויסטראליע טויזנטער דייטשע יידן.

## נאכמלחמהדיקע פראבלעמען — הילף און אימיגראציע

די בלוטיקע מלחמה ענדיקט זיך און אונדזער טראגעדיע אנטפלעקט זיך אין איר גאנצן גרויל. דער מעלבורנער ישוב דערפילט מיט אלע



ווארשטאט פאר עלטערע מענטשן ביים יידישן הילפס-פאנד

זיינע חושים, אַז עס דאַרף אַלץ געטאָן ווערן, כּדי צו ראַטעווען די שארית הפּליטה, סיי דורך דירעקטע הילף מיט געלט, מעדיקאַמענטן און פּעקלעך, סיי דורך אימיגראַציע און רעהאַביליטאַציע. דער באַדן פאַר דער אַרבעט איז שוין צוגעגרייט געוואָרן פיל פריער, איידער דער בלוטיקער פאַרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן. אונטער דער אָנפירונג פון לעאָ פינק אַנטשטייט אַ הילפס־פאַנד־קאָמיטעט, וואָס שרייבט אַריין אַ הערלעך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אונדזער ישוב. צענדליקער און צענדליקער יידן האָבן זיך געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון דעם קאָמיטעט. מיר קענען נישט אויסרעכענען אַלעמען, וואָס האָבן צוגעלייגט אַ האַנט, אָבער פאַר איינעם ווילן מיר מאַכן אַן אויסנאַם: דער פאַרשטאַרבענער דוד אַבזאַץ. ער איז אין יענער צייט געווען די טרייב־קראַפט, דער דינאַמישער מאָטאָר פון דער אַרבעט. דאָס יידישע מעלבורן, פּראָפּאָרציאָנעל גענומען צו דער גרויס פון ישוב, איז געווען אויפן ערשטן אָרט אין דער יידישער וועלט אין געבן הילף. דאָס האָבן באַשטעטיקט די יידישע הילפס־אינסטיטוציעס, ווי דער „דזשאָינט" און „האיאַס". דער הילפס־פאַנד איז אויסגעוואַקסן אין די שפּעטערדיקע יאָרן צו איינער פון די פונדאַמענטאַלסטע אינסטיטוציעס פון אונדזער ישוב. גענויער וועגן אים וועט נאָך שפּעטער אויסקומען צו דערציילן.

דערווייל זאַמלט זיך די גרעסטעוועטע שארית הפּליטה אין פּוילן און אין די פאַרשידענע לאַגערן אין דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער. עס איז געקומען די צייט זיי איבערצוזידלען. אויך אויסטראַליע דאַרף אַריינגעמען אַ טייל פון זיי. דער פּרעזידענט, מר. מייזעל, פון דעם מעלבורנער „עד־וויזאָרי־באָרד" (אַזוי האָט דעמאָלט געהייסן אונדזער קהילה) ווענדעט זיך מיט אַ מעמאָראַנדום צום דעמאָלטיקן אימיגראַציע־מיניסטער פון דער לייבאָר־רעגירונג, מר. אַרטור קאַלוועל, צו דערמעגלעכן אַ געוויסע יידישע אימיגראַציע, וואָס זאָל טיילווייז לינדערן די אָנגעווייטאָקטע פּראָבלעמען פון דער שארית הפּליטה. די ווענדונג האָט געטראָפן אויף אַ גינסטיקן באָדן אין דער נאָכמלחמהדיקער אָריענטאַציע.

אין די אויסטראַלישע רעגירונגס־קרייזן איז אין יענער צייט פאַרגעקומען אַן ענדערונג אין דער אימיגראַציע־פּאָליטיק. ביז דער מלחמה איז די לייבאָר־פּאַרטיי, ווי די גאַנצע אויסטראַלישע עפנטלעכע מיינונג, געווען קעגן אַ פאַרגרעסערטער אימיגראַציע בכלל, און פון אַ נישט־בריטישער בפרט. מ'האָט געהאַלטן, אַז די פרעמדע עלעמענטן, די „פאַר־ריינערס", נעמען צו דעם אַרבעטס־פּאָסטן און דאָס ביסן פון מויל פון די אויסטראַליער, נישט טראַכטנדיק, אַז דער אויסטראַלישער קאָנטינענט איז אַזוי גרויס ווי אייראָפּע מיט ס"ה זיבן מיליאָן מענטשן. אין צפון,

אין אזיע געפינט זיך א מיליארד מענטשן מיט א שנעלן נאטירלעכן צו־וווקס, וואס זוכן פרישע אויסוואנדערונגס־פלעצער. מען האט געלעבט אין א „פולס־פאראדייס" און מ'האט זיך דערביי געטראכט, אז דער ענגלישער פלאט וועט שוין פארהיטן אויסטראליע פון א פרעמדער אינ־וואזיע.

פינצטערע וואלקנס האבן זיך אבער אויסגעשפרייט איבערן אויסטראַ־לישן הימל, ווען דער יאפאנישער פלאט האט זיך אין דער לעצטער מלחמה דערנענטערט צו די אויסטראלישע ברעגעס. די מוטער־ענגלאנד, וואס איז אליין געווען איינגעטונקען איבערן קאפ אין אירע אייגענע דאגות סיי אין אייראפע, סיי אין אפריקע, האט כמעט גארנישט געקאנט העלפן אויסטראליע. איר פלאט, וואס איז געשטאנען אין מאלאיא און סינגאפור און האט געדארפט פארהיטן אויסטראליע פון אן עווענטועלן איבערפאל פון צפון, איז צעזעצט און דערטרונקען געווארן פון דעם יאפאנישן לופט־פלאט. די יאפאנישע עראפלאנען האבן באמבארדירט דעם אויסטראלישן צפון־פארט, דארווין. עלנט, איינזאם און פארלאזן איז גע־בליבן דער גרויסער אויסטראלישער קאנטינענט אין זיין גורלדיקער שעה. בלויז א נס האט געראטעוועט דאס לאנד פון דער יאפאנישער אינוואזיע. אמעריקע האט אין געציילטע וואכן אריבערגעפירט א מיליאניקע ארמיי קיין אויסטראליע און פארהאלטן דעם פאראויסמארש פון די יאפאנער.

די דאזיקע טעג פון גרויסער סכנה האבן געגעבן א ביטערע און באלערנדיקע לעקציע. די רעגירונגס־קרייזן, ווי בכלל אלע פאליטישע פאר־טייען זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די לאגע מוז ראדיקאל געענדערט ווערן, און דער באגאנגענער פעלער מוז אויסגעבעסערט ווערן: אויסטראליע מוז אויף שנעל באפעלקערט ווערן, סיי דורך א נאטירלעכן צוווקס, סיי דורך אימיגראציע.

אין דער צייט איז אנגעקומען אונדזער מעמאראנדום צו עפענען די טויערן פון אויסטראליע פאר א יידישער איינוואנדערונג. די ווענדונג איז געווען אויף דער ליניע פון דער נייער פאליטיק, דערביי מוז אונטער־געשטראכן ווערן, אז דער אימיגראציע־מיניסטער, קאלוועל, האט זיך ארויסגעוויזן נישט בלויז פאר א גרויסן שטאטס־מאן, נאר אויך א גרויסער הומאניטאריער אין באצוג צו אונדזערע ספעציפישע יידישע פראבלעמען, פאר וועלכע מיר זענען אים דאנקבאר.

אדאנק דער נאכמלחמהדיקער אימיגראציע איז אונדזער ישוב שטארק געוואקסן. ער האט זיך פאר די לעצטע 15—16 יאר מער ווי פארטאפלט. פון קארגע דרייסיק טויזנט נפשות איז ער דערגאנגען צו איבער זעכציק טויזנט.

א גרויסע ראָל האָבן דערביי געשפּילט די ניי־אַנטשטאַנענע לאַנדס־מאַנשאַפטן, ווי די ביאַליסטאָקער, לאָדזשער, וואַרשעווער, זשעלעכאָווער, ראַדאָמער און פיל אַנדערע. דער סענטימענט און בענקשאַפט צו דער היים־שטאָט האָט דערמעגלעכט דאָס קומען פון הונדערטער און טויזנטער אימיגראַנטן. די איינגעזעסענע יידן האָבן אין זייער מערהייט פאַרלוירן אין דעם חורבן די אייגענע קרובים און די פּליטים האָבן קיינעם נישט געהאַט דאָ. עס איז אָבער געווען גענוג, וואָס מען האָט זיך געקאַנט פון אַמאָל, אָדער אפילו בלויז אַן אָנווייזונג, אַז מען שטאַמט פון דער זעלבער שטאָט, עס זאָל אַלץ געטאָן ווערן, כדי די וואַנדערונג פון אַ לאַנדסמאַן זאָל באַפרידיקט ווערן. אייניקע לאַנדסמאַנשאַפטן, ווי די ביאַליסטאָקער, און אַ געוויסע צייט שפּעטער אויך די וואַרשעווער און ראַדאָמער, האָבן געקויפט גרויסע הייזער, כדי צו דערמעגלעכן די נייע אימיגראַנטן צו זייער קומען צו האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ. ווען מען נעמט אין אַכט דעם דוחק אין וווינונגען אין יענער צייט, וועט מען פאַרשטיין וואָס פאַרא גרויסע הילף עס איז געווען פאַר די פריש־געקומענע. די לאַנדס־מאַנשאַפטן האָבן אויך געשאַפן אייגענע פאָנדן צו העלפן זייערע לאַנדס־לייט אין פאַל פון אַ נויט, אָדער שטעלן זיי אויף די פיס דורך איינאָר־דענען אַ געשעפט אָדער אַ וואַרשטאַט.

אויך די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין מעלבורן האָט פאַרדינסטן ביים מאַכן פּערמיטן. זי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט באַקומען פון מיניס־טער קאַלוועל פּערמיטן פאַר עטלעכע דרייסיק שאַנכייער פּליטים, וואָס האָבן זיך געפונען דאָרטן די גאַנצע צייט פון דער מלחמה. הונדערטער און הונדערטער יידן פון פאַרשידענע לאַגערן זענען דאַנקבאַר דער בונדי־שער אָרגאַניזאַציע פאַר ברענגען זיי קיין אויסטראַליע. ספּעציעלע פאַר־דינסטן ביים באַקומען פּערמיטן פאַר די דאָזיקע פּליטים האָט געהאַט דער פאַרשטאָרבענער יעקב וואַקס.

## די ראָל פון הילפס־פאָנד

איבער די אַלע הילפס־גרופּן שטייט דער מעלבורנער הילפס־פאָנד, וואָס קאָאָרדינירט און פירט פּאַקטיש אָן מיט דער גאַנצער הילפס־אַרבעט, וואָס איז אויסגעוואַקסן צו אַ ריזן־פאַרנעם אין דעם נאָכמלחמהדיקן פּעריאָד. דורך דעם הילפס־פאָנד זענען געקומען טויזנטער יידן פון פאַר־שידענע לאַגערן, פון דייטשלאַנד און פון וויטן רוסלאַנד און פּוילן. פאַר פיל פון זיי באַזאָרגט דער „דזשאָינט" און „האַיאַס" די רייזע־הוצאות. דער הילפס־פאָנד האָט געקויפט פינף גרויסע הייזער און איינגעאָרדנט

זיי אלס „האסטעלס”, ווו עס האבן געפונען א ציטווייליקע היים פיל פון די נײ־געקומענע. די „איינוווינער” פון די הייזער האבן זיך כסדר געטוישט, ווייל די „אלטע” האבן געדארפט פריי מאכן דעם פלאץ פאר די פריש־צוגערייזטע. אייניקע פון זיי ווינען דארט ביזן היינטיקן טאג, ווייל זיי האבן נישט קיין מעגלעכקייטן צוצוקומען צו א זעלבסטשטענדיקער וווינונג.

דאס אימיגראציע־געזעץ האט פאראויסגעזען, אז א „פערמיט” אריינצוקומען קיין אויסטראליע קען מען באקומען נאר פאר נאענטע קרובים, ביז א קוזין און נישט ווייטער. די סיבה איז געווען, דער אימיגראנט זאל נישט פאלן צו לאסט דער מלוכה ד.ה. דער קרוב איז פאר אים פאראנטווארטלעך. אבער ווו נעמט מען אזוי פיל נאענטע קרובים, און ראטעווען דאס, וואס איז געבליבן, האט מען געמוזט. זענען אנטשטאנען נאענטע קרובים, קוזינען... דער אימיגראציע־דעפארטאמענט האט פארשטאנען און געקוקט אויף דעם דורך די פינגער. אויסער דעם האט די רעגירונג ארויסגעגעבן „פערמיטן” פאר פיל יידן, וואס זענען געווארן „געספאנסערט” דורך דער צענטראלע פון אויסטראלישן יידנטום. דער „האיאס” און „דזשאינט”, וועלכע האבן אנגעפירט מיט דער רעהאביליטאציע און איבערזידלונג פון די יידן אין די לאגערן, האבן פארטיילט א טייל פון זיי קיין סידנעי, און א טייל קיין מעלבורן. אויך סידנעי האט שוין אין דער צייט געהאט אירע „האסטעלס”. ווען אבער די שיפן מיט די פליטים האבן פאראנקערט אין מעלבורן אויף א טאג, כדי ארופצולאזן די „מעלבורנער”, האבן די „סידנעיער” אין פיל פאלן געזאגט — „מיר פארן נישט ווייטער, מיר ווילן אויך פארבלייבן אין מעלבורן”. אלע אונדזערע ארגומענטן, אז אין סידנעיווארטן אויף זיי אויך גוטע יידן, אז דארטן זענען דא „האסטעלס” מיט ארבעטס־פלעצער, אז די מעלבורנער „הייזער” זענען איבערפולט און מיר קענען זיי נישט אויפנעמען, האבן נישט געהאלפן. מ׳האט געמוזט אויף שנעל לויפן צו דער שיף ארויסצונעמען פון די שיף־קעלערן זייער באגאזש.

ביים הילפס־פאנד עקזיסטירט א שטענדיקע סאציאלע הילפס־קאמיסיע, וואס גיט דירעקטע הילף וועלכנטלעך יעדן איינעם פון די נײ־געקומענע און אפילו שוין לאנג־איינגעזעסענע אין פאל פון קראנקהייט, אדער ארבעטסלאזיקייט. כדי צו האבן א באגריף צו וואס פארא פארנעם עס דערגייט די סאציאלע הילף, קען דינען די פאלגנדיקע ציפער: אין דעם יאר 1962/63 איז פארטיילט געווארן א סומע פון קנאפע דרייסיק טויזנט פונט.

ביי דעם קאמיטעט איז אויך דא א פאנד פאר הלוואות. ווען מ׳זאל

צוזאַמענרעכענענדיק אַלע עקזיסטירנדיקע פאָרמען פון הלוואות, וואָס געפינען זיך אונטער דער אַפּוטרופּסות פון הילפס־פאָנד, ווי די גמילת־חסידים־קאַסע, גאַראַנטיעס אין בענק פאַר אַז „אָווערדראַפט" א.א., באַרגט מען אויס אין איין יאָר איבער 200 טויזנט פונט.

מ'האָט אויפגעבויט אַ קינדער־אַנשטאַלט פאַר יתומים און פאַרלאָזענע קינדער פאַר 80 טויזנט פונט. איצט איז דער הילפס־פאָנד צוגעטראָטן בויען דירות פאַר עלטערע מענטשן (עס האָט נישט קיין שייכות מיטן מושב־זקנים־הויז) אין ווערט פון 100 טויזנט פונט. ס'איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ וואַרשטאַט פאַר אַלטע לייט, וואָס זענען נישט אימשטאַנד צו אַרבעטן אין אַ נאָרמאַלער פאַבריק. ס'איז אָבער נויטיק, זיי זאָלן זיין באַשעפטיקט ביי אַן אַרבעט צו באַרואיקן זייערע נערוון. זייער איינקונפט דעקט בלויז אַ העלפט פון די פּאַקטישע אויסגאַבן. די רעשט ווערט סובסידירט פון הילפס־פאָנד. ביים היינטיקן טאָג זענען באַשעפטיקט אין דעם וואַרשטאַט ביי 53 עלטערע מענטשן פון ביידע געשלעכטער.

זאָל ביי דער געלעגנהייט דערמאָנט ווערן אויך דאָס מושב־זקנים־הויז א.נ. די מאָנטעפיאָרע היים. זי עקזיסטירט שוין ביי אַ הונדערט יאָר, זי איז אויסגעוואַקסן אין פאַרלויף פון דער צייט צו אַ גרויסער און וויכטיקער אינסטיטוציע. לעצטנס איז צוגעבויט געוואָרן אַ פרישער פליגל פון 4 שטאָקן אין ווערט פון 200 טויזנט פונט. צו דער דערעפענונג פון דעם נייעם בנין איז געקומען דער פּרעמיער־מיניסטער, סער ראָבערט מענזיס צו באַגריסן אין נאָמען פון דער אויסטראַלישער פעדעראַלער רעגירונג. היינט־צו־טאָג זענען דאָרטן דאָ ביי הונדערט עלטערע מענטשן און ס'איז פאָראויסגעזען צו קענען אַריינעמען אַרום 150.

אויך דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט אין אַמעריקע האָט בייגעשטייערט אין געבן הילף דער נייער יידישער עמיגראַציע. אין דער שטיל. דורך דער פאַרמיטלונג פון פאַרשטאַרבענעם יעקב וואַקס, האָט מען געטיילט דירעקטע הילף נויט־באַדערפטיקע. דער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט אויך אַסיגנירט פיר טויזנט פונט צו דער דיספּאָזיציע פון הילפס־פאָנד צו קויפן אַ הויז פאַר אַ „האָסטעל" צו באַזעצן פרישע אימיגראַנטן.

## וווּקס פון ישוב

אין דעם נאָכמלחמהדיקן פּעריאָד זענען קיין מעלבורן אַריינגעקומען אַרום 18 טויזנט יידישע אימיגראַנטן, וואָס האָבן מער ווי פאַרטאָפּלט אונדזער ישוב. זייענדיק אין זייער מערהייט פּוילישע אָדער מזרח־אייראָפּעאישע יידן בכלל, האָבן זיי משפיע געווען מיט זייער מענטאַליטעט



דער גרויסער יידישער ספאָרט-קלוב „איידזשעקס" אין מעלבורן

און פארנעם דאס היגע יידישע לעבן, געבנדיק עס א מער פאלקסטימלעכן און יידישלעכן כאראקטער. זיי האבן אין פיל הינזיכטן געענדערט דאס פנים פונעם ישוב. אויב ביז איצט פלעגן די גאנצע דעה אין היגן געזעל־שאפטלעכן לעבן האבן די אסימילאטאריש־יאהודישע עלעמענטן, האבן די לעצטע אנגעהויבן צו שפילן די צווייטע פידל.

מיט דעם פאנאנדערוווקס און פאנאנדערבוי פון דער שטאט קומט אויך פאר אן אנדערע עמיגראציע. מען פארלאזט די אלטע שטאט־ראיא־נען, ווי קארלטאן, בראנזוויק א.א. און מען באזעצט זיך אין ניי־אנט־שטאנענע פארשטעט, אין פריש־אויפגעבויטע הייזער. עס אנטשטייען דארט פרישע רעליגיעזע קאנגרעגאציעס מיט אייגענע שולן און רבנים, און ביי זיי א רייי דערציאונגס־אנשטאלטן. מיר האבן איצט שוין נישט בלויז די פריער־דערמאנטע צוגאב־שולן ווי די י.ל. פרץ און שלום עליכם־שולן, נאר פיל אנדערע, וואס שטייען אונטערן איינפלוס פון פארשידענע געזעלשאפטלעכע און רעליגיעזע ריכטונגען, ווי קאולפילד תלמוד תורה, עלוואוד תלמוד תורה, טעמפל בית ישראל, ליובאוויטשער ישיבה, עדת־ישראל, מוריה־קאלעדזש, מאונט סקאפוס שול, ביאליק־שול און פיל אנ־דערע. מיר קענען זיך נישט אפשטעלן אויף יעדער שול באזונדער, דאס וואלט פארנומען צו פיל פלאץ. אבער וועגן איינער מוז מען מאכן אן אויסנאם. דאס איז די טעגלעכע שול א.נ. „מאונט סקאפוס".

עס קענען זיין פארשידענע מיינונגען וועגן כאראקטער פון דער שול, צי זי באפרידיקט מיט איר דערציאונגס־פראגראם דעם יידיש־וועלטלעכן און נאציאנאלן סעקטאר פון אונדזער ישוב. נישט דא איז דער פלאץ וועגן דעם צו רעדן. מען מוז אבער צוגעבן, אז די שול איז א גרויסער דערציאונגס־אנשטאלט, מיט אייגענע שול־געביידעס אין ווערט פון איבער א האלבן מיליאן פונט. איר יערלעכער בודזשעט באטרעפט ארום 200 טויזנט פונט. דארט לערנען זיך 15 הונדערט קינדער — פון קינדערגארטן ביזן ארויסלאז־קלאס. שוין געהאט אייניקע מאטורע־ארויס־לאזן. דער פאקט, וואס יידישע קינדער באקומען זייערע אלגעמיינע און יידישע דערציאונג אין אן אייגענער יידישער סביבה האט א גרויסע בא־דייטונג פארן קאמף קעגן אסימילאציע.

מען מוז מיט צופרידנקייט פעסטשטעלן, אז כמעט פיר טויזנט קינדער באקומען אין דער אדער אנדערער פארם א יידישע דערציאונג. בלויז א קליינער טייל באקומט בכלל נישט קיין שום יידישע דערציאונג. די אלע שול־בנינים, וואס זענען אויפגעבויט געווארן ספעציעל פאר יידישער דערציאונג דערגייען אין ווערט ביז איין מיליאן פונט.



דער לאָקאַל פון דער יידישער קונסט־געזעלשאַפט א.נ. פון בן־אורי

סענדער בורשטין

## די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט

די יוגנט אין מעלבורן איז אַרגאַניזירט אויף אַ געהעריקן אופן. ס'איז כמעט נישטאָ קיין איין יוגנטלעכער, וואָס זאָל אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער פאָרם נישט געהערן צו אַ געוויסער יידישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. דאָס האָט אַ גרויסע באַדייטונג אין צעמענטירן נאַציאָנאַל אונדזער ישוב און אפשר אויך די סיבה פון דעם, וואָס עס קומען פאָר אַזוי ווייניק געמישטע חתונות. ווי פאַרביק ס'איז אונדזער יידיש לעבן, אַזוי פאַרשידנאַרטיק זענען אויך די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס: — די אומפּאַרטייאישע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „איידזשעקס" מיט אַ גרויסער מיטגלידערשאַפט, די רעליגיעזע בני־עקיבא, די ציוניסטישע „הבונים", „השומר־הצעיר" און „בית"ר", „סקיף"־„צוקונפט" ביים „בונד" א.א. די אַלע יוגנט־גרופּן פירן אַן אינטענסיווע טעטיקייט. ווען עס קומען די זומער־פעריען אָרדנט יעדע יוגנט־אָרגאַניזאַציע איין איר אייגענעם זומער־לאַגער, וווּ די יוגנטלעכע פאַרברענגען אייניקע וואָכן צוזאַמען אונטער דער אויפזיכט פון זייערע פירער.

נאָך מער פילפאַרביק איז דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון די דערוואַקסענע מיט אַלע קאָנסעקווענצן פון רעליגיעזע און פּאַרטייאיש־פּאָליטישע שטרייטן. אין דער רעליגיעזער וועלט קומט פאָר אַ גרויסע „מלחמה" צווישן די אָרטאָדאָקסישע יידן, וועלכע באַשטייען הויפּטזעכלעך פון מזרח־איראָפּע און די ליבעראַלן פון עסטרייך־טשעכאָסלאָוואַקיש־דייטשן אָפּשטאַם. נישט דאָ איז דער פּלאַץ צו באַהאַנדלען זייערע חילוקי־דעות. ס'איז נישט בלויז אַן אויסטראַלישער ענין. אויך אין אַמעריקע קומען פאָר די זעלבע מחלוקותן. ס'איז בלויז ווערט צו דערמאַנען אַ פאַקט, וואָס אילוסטרירט ווי ווייט עס דערגייט צווישן זיי די שנאה. אַן אָרטאָדאָקסישער רב האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוטרעטן אויף אַ געטאָ־טרויער־אוונט, ווייל פון דער זעלבער טריבונע האָט אויך געדאַרפט רעדן דער רב פון דער ליבעראַלער שול... לעצטנס איז די באַציאונג פון די אָרטאָדאָקסן צו די ליבעראַלן געוואָרן עטוואָס מער טאָלעראַנט.

אין דעם וועלטלעכן סעקטאָר גייט אויפן ערשטן אָרט לויטן אייגפלוס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיט אַלע אירע ריכטונגען, ווי די אַלגעמיינע ציוניסטן, מזרחי, רעוויזיאָניסטן, פּועלי־ציון און וויצ"א. זיי אַלע זענען פאַרטראַטן אין דעם ציוניסטישן סטייט־ראַט. זייער געזעלשאַפטלעכע אַרבעט באַשטייט הויפּטזעכלעך אין זאַמלען געלט פאַר ישראל, וואָס ברענגט גרויסע סומען. דער ישראל־אַפּיל, קרן־קימת און וויצ"א זאַמלען העכער 300 טויזנט פונט יערלעך. אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט איז אָנגעשלאָסן אין די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

די בונדישע ארגאניזאציע איז אויסגעוואקסן אין דעם נאכמלחמה־דיקן פעריאָד צו אַ גרויסן געזעלשאַפטלעכן כוח. בונדיסטן זענען טעטיק אין היגן יידישן לעבן. מען זעט זיי אין אַ ריי יידישע ארגאַניזאַציעס, ווי „קדימה", יידישע שולן, הילפס־פאַנד, לאַנדסמאַנשאַפטן א.א.

מיר האָבן נאָך אַ פּאָליטישע גרופּע, דער א"ג „פּראָגרעסיווער צענ־טער", אונטערן איינפלוס פון יידישע קאָמוניסטן און דעם „קאָנסול צו באַקעמפן אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם", — אַ לינקע פראָנט־ארגאַניזאַציע. זיי זענען היינט איזאָלירט און מען לאָזט זיי נישט צו צו דער אָנפירונג פון די יידישע אינסטיטוציעס. געווען אָבער אַנדערע צייטן אין דער נישט־לאַנגער פאַרגאַנגענהייט, ווען זיי האָבן באַהערשט דאָס יידישע לעבן און באַלעבאַטעוועט אין דער „קדימה", „באָרד אָף דעפּיוטיס" א.א. דער שטראָם פון דער נייער אימיגראַציע פון די סאָוויעטישע פאַרשיקונגס־לאַגערן מיט זייערע ביטערע דערפאַרונגען פון רוסלאַנד, און די פאַרטיי־ליקונג פון דעם נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן לעבן פון דעם יידיש־סאָוויעטישן ישוב האָבן ענדלעך אַ סוף געמאַכט צו זייער ממשלה.

ביי דער געלעגנהייט דאַרף דערמאָנט ווערן די גרויסע ראָל, וואָס דער שרייבער י. ראַפּאַפּאָרט האָט געשפּילט אינעם קאַמף מיט דער „יעווע־סעקציע". ער איז געקומען צו אונדז פון שאַנכיי, וווּ ער האָט פאַרבראַכט די מלחמה־יאָרן. זיין באַזעצן זיך אין מעלבורן איז געווען אַ גרויסער געווינס פאַרן ישוב. ער האָט דאָ אַרויסגעגעבן אייניקע ביכער עסייען וועגן ליטעראַטור. אַלס רעדאַקטאָר פון די „יידישע נייעס" און שפּעטער פון דער „יידישער פּאָסט" (דאָס זענען די צוויי יידישע צייטונגען, וואָס דערשיינען וועכנטלעך אין מעלבורן), האָט ער מיט זיין וועכנטלעכן קאָלום „אין פינטל אריין" פיל מיטגעהאָלפן צו ווייזן דעם אמתן פּנים פון קאָ־מוניזם.

די לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן אין די לעצטע יאָרן באַקומען אַן אַלגע־מיינע ארגאַניזאַציאָנעלע ראַם מיט דער אַנטשטייאונג פון דער פעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן. אַדאַנק דעם איז זייער צאָל אויסגעוואַקסן צו העכער 20. זיי גיבן זייער צושטייער צו פאַרשידענע טעטיקייטן פון דעם ישוב, און, דער עיקר, האַלטן אויף די קולטור־טראַדיציע פון מזרח־אייַ־ראָפּעאישן יידנטום.

פון די פיל נישט־אויסגערעכנטע אינסטיטוציעס דאַרף איינע אויס־געטיילט ווערן. דאָס איז די „בני ברית", וואָס ווירקט צווישן די ענגליש־רעדנדיקע יידן. פאָרמעל איז זי אַ „לאָדזש", אָבער פאַקטיש איז זי אַן אינסטיטוציע מיט אַ פאַרצווייגטער קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעַ־טיקייט אין ענגליש. זי פאַרמאָגט אַן אייגענע שיינע געביידע.

אין די לעצטע יארן איז געשאפן געווארן די יידישע קונסט־געזעל־שאפט, וועלכע ציילט עטלעכע הונדערט מיטגלידער, צווישן זיי א גרע־סערע צאל יוגנטלעכע. די געזעלשאפט פארנעמט זיך מיט פארשפרייטן קונסט צווישן יידן פון אונדזער ישוב און פירט איר ארבעט אין ענגליש, האט צו פארצייכענען א ריי דערפאלגרייכע אונטערנעמונגען, באזונדערס אויפן געביט פון בילדער־אויסשטעלונג און טעאטער־אויפפירונגען.

עס בלייבט צו זען, צי די געזעלשאפט וועט זיך איינבירגערן אין לעבן פון אונדזער ישוב, אדער זי וועט זיין בלויז א פארבייגייענדיקע דערשיינונג, ווי פיל אנדערע יידישע גרופעס, וועלכע האבן עקזיסטירט אין מעלבורן און זענען פארשוואונדן געווארן.

אויף דעם ארט וואלט מען געדארפט שרייבן וועגן דער ראל פון דער „קדימה" אין יידישן לעבן, אבער ווי עס איז שוין דערמאנט גע־ווארן, ווערט וועגן איר געשריבן אין דער אויסגאבע באזונדער.

## „באארד אף דעפיוטיס"

די יידישע קהילה אין אונדזער ישוב ווערט רעפרעזענטירט דורך דעם א"ג „באארד אף דעפיוטיס". דאס איז די צענטראלע אינסטאנץ פון מעלבורנער קיבוץ. ווען מען זאגט „קהילה", דארף מען דאס נישט פאר־שטיין אין דעם לעגאל־רעכטלעכן זין, ווי זי איז געווען אמאל אין דער אלטער היים. דארט איז זי געווען יורידיש גאראנטירט דורך דער מלוכה. אלע יידן האבן געמוזט צו איר געהערן. די „קהילה" האט געקאנט בא־שטייערן אירע מיטגלידער און אויפמאנען דורך א געריכט, אויב עמיצער האט זיך אפגעזאגט דעם עטאט צו באצאלן. אנדערש איז דא. זי באשטייט פון א פרייוויליקן אנשלוס פון די יידישע אינסטיטוציעס און קאנגרע־גאציעס, וואס דעלעגירן זייערע פארשטייערס אין „באארד". אזעלכע „באארד אף דעפיוטיס" געפינען זיך אין יעדער הויפט־שטאט פון די בא־זונדערע אויסטראלישע שטאטן, חוץ אין מעלבורן, אויך אין סידניי, בריזביין, אדעלייד און פערט. אלע צוזאמען בילדן די אלגעמיינע אויסט־ראליש־יידישע רעפרעזענטאנץ, דעם א"ג „עקזעקוטיוו־קאנסול פון אויסט־ראלישן יידנטום". די אויסטראלישע רעגירונג און אנדערע אפיציעלע קערפערשאפטן רעכענען זיך מיט דער דאזיקער רעפרעזענטאנץ. אין דער הינזיכט האט דאס אויסטראלישע יידנטום פיל ווייטער אוואנסירט ווי דער יידישער ישוב אין די פאראייניקטע שטאטן פון צפון אמעריקע. דארטן האלט נאך ווייט פון האבן איין רעפרעזענטאנץ, וואס זאל קענען רעדן אין נאמען פון גאנצן אמעריקאנער יידנטום.

אין דער פארמירונג פון די „באארד אף דעפיוטיס" אין די אלע

שטעט, ווי אויך ביים שאפן דעם „עקזעקוטיוו־קאנסול" האט גרויסע פארדינסטן מר. מאָריס אשכנזי פון מעלבורן. א באוווסטער אדוואקאט נישט בלויז ביי יידן, ווי אויך מר. סיד איינפעלד פון סידנעי, געוועזע־נער לייבאר־דעפוטאט אין אויסטראלישן פארלאמענט.

די אויפגאבן פון דעם „באארד" זענען — צו קאארדינירן און רעגו־לירן די פארשידענע טעטיקייטן פון די עקזיסטירנדיקע יידישע אינסטי־טוציעס, וואס ווירקן און באדינען די אלע נויטן און באדערפענישן פון קיבוץ, ווי דערציאונג, סאציאלע הילף, קולטור־ארבעט, רעליגיעזע באַ־דערפענישן, סטאטיסטיק א.א.; פארטיילן אפיל־פעריאדן פאר געלט־זאמ־לונגען; קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם; „פאבליק־ריליישנס"־ארבעט און פיל אנדערע אויפגאבן.

דער „באארד אף דעפיוטיס" איז נישט קיין דעמאקראטיש־געוויילטע אינסטיטוציע אין דעם מאדערנעם זין פון ווארט: איין פערזאן — איין שטים. די דעלעגאטן ווערן געשיקט פון די אינסטיטוציעס, אזוי ווי מען קען זיין און מ'איז א מיטגליד אין פארשידענע אינסטיטוציעס, ווערט די זעלבע פערזאן צווייפאכיק אדער דרייפאכיק פארטראטן. דאס שאפט א נישט־פראפארציאנעלע פארטרעטונג און דער רעזולטאט איז, אז די רעפרעזענטאנץ שפיגלט נישט אפ די פאקטישע געזעלשאפטלעכע כוחות פון ישוב.

לאנגע יארן איז אנגעגאנגען א גרויסער שטרייט אינעם „באארד" און אויך אויסער אים, צו דעמאקראטיזירן די צענטראלע אינסטיטוציע. דעם קאמף האבן אנגעפירט די פארשטייער פון דער „קדימה", יידישע שולן, ווי בכלל דער יידיש־רעדנדיקער סעקטאר. דער דאזיקער קאמף איז טיילווייז געקרוינט געווארן מיט דערפאלג. צו די עקזיסטירנדיקע פאר־שטייער פון די אינסטיטוציעס ווערן געוויילט איצט דורך דירעקטע וואלן דעלעגאטן, וועלכע מוזן באקומען א מינימום פון 150 שטימען. אזעלכע וואלן קומען פאר יעדע צוויי יאר.

## דער קאמף פאר יידיש

דער פלענום פון „באארד" איז געווארן די טריבונע, וווּ עס קומען צום אויסדרוק אלע פראבלעמען פון אונדזער ישוב. דער צוזאמענשטעל פון „באארד" איז שוין היינט נישט דער זעלבער ווי אמאל אין „אדוויי־זערי־באארד", דער פארגייער פון „באארד אף דעפיוטיס", וווּ די יאהודים האבן געהאט די דעה. מיטן אנקומען פון דער לעצטער אימיגראציע האט מען אנגעהויבן צו זען דארט פרישע מענטשן מיט נייע אידייען. זיי האבן אנגעהויבן צו באנוצן אויף די זיצונגען די יידישע שפראך. דאס

איז נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט. ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסער קאַמף צו געבן בירגער־רעכט דעם יידישן לשון. היינט רעדט מען אין „באָארד״ יידיש און די יידישע רעדעס ווערן גלייך איבערגעזעצט אויף ענגליש, ווייל די ענגליש־רעדנדיקע יידן, וועלכע פאַרשטייען נישט קיין יידיש, ווילן אויך וויסן, וואָס די יידיש־רעדנדיקע האָבן צו זאָגן...

דער קאַמף פאַר יידיש אין „באָארד״ און אויסער אים האָט פיל געהאָלפן צו הויבן די חשיבות פון דער שפּראַך אין דעם ישוב. ביז לעצטנס פלעגט מען זעלטן הערן אַ יידיש וואָרט אויף עפנטלעכע פאַר־זאַמלונגען; מען האָט געהאַלטן פון דער לאָזונג — „שטופּט זיך נישט מיט יידיש אין דרויסן״. היינט קומט נישט פאָר כמעט קיין איין עפנט־לעכע אונטערנעמונג אָן אַ יידישער רעדע. פאַרקערט, די יידישע רעדע איז די אַטראַקציע. ס׳איז ווערט ביי דער געלעגנהייט צו דערציילן אַ כאַראַקטעריסטישן פאַל: מיט איניקע יאָר צוריק האָט מען עפנטלעך געזעגנט דעם ישראל־קאָנסול, מרדכי נוראָק, צו זיין פאַרלאָזן אויס־טראַליע. ער רעדט אַ זייער שוואַכן יידיש, אָבער ביים געזעגענען זיך, ווילנדיק אויסדרוקן זיינע געפילן, האָט ער נאָך אַ פּראַכטפולן ענגליש און גוטן העברעאיש, גערעדט אויך איניקע מינוטן אין זיין שלעכטן יידיש. דער יידישער עולם האָט אים דערפאַר אָפּגעדאַנקט מיט אַ גרויסער אָוואַציע.

## סאָציאַלער צוזאַמענשטעל פון ישוב

ווי עס איז שוין פריער אָנגעוויזן געוואָרן, באַשטייט די מערהייט פון דעם מעלבורנער קיבוץ פון ניי־געקומענע. יידן זענען אַ פּעאיק פאָלק און פאַרמאָגן די אייגנשאַפט פון קענען זיך אַריינפּאַסן אין פאַרשידענע באַדינגונגען. נוצן זיי טאַקע אויס די גוטע ווירטשאַפטלעכע קאָניונקטור פון לאַנד און באַווייזן זיך עקאָנאָמיש נישט שלעכט איינצואָרדענען.

די צאָל פון יידישע אַרבעטער איז אַ קליינע. די מערהייט פון ישוב האָט אייגענע אונטערנעמונגען און איז באַשעפטיקט אין טעקסטיל, שניי־דעריי און אַנדערע צווייגן פון לייכטער אינדוסטריע, איז האַנדל אָדער זענען פּראָפעסיאָנאַלן. זיי זענען אַ ווערטפולער טייל פון אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן לעבן, הגם זיי בילדן ס״ה נישט מער ווי אַ האַלבן פּראָצענט פון דער גאַנצער אויסטראַלישער באַפעלקערונג. און ווייל די יידן זענען עקאָנאָמיש נישט שלעכט סיטואירט, האָבן זיי באַוויזן אויפצובויען אין אַ קורצער צייט אַ ריי דערציאונגס־אַנשטאַלטן און בתי־מדרשים. זיי רופן זיך פאַרהעלטנישמעסיק נישט שלעכט אָפּ אויף די אַפּילן און געלט־זאַמלונגען; ס׳איז געוואָרן אַנצוויזן, אַז מעלבורן איז מנדר אויף פאַר־

שידענע הילפס־צוועקן, פאַר ישראל אָדער אַרטיקע הצטרכותן, ביז א האַלבן מיליאָן פונט א יאָר.

אמת, דער וועלטלעכער סעקטאָר קען זיך נישט באַרימען, אַז ער האָט פיל אויפגעטאָן ביים בויען זיינע אינסטיטוציעס. ער דאַרף עס נאָך באַווייזן ביים רעאַליזירן דעם פּראָיעקט פון איבערטראָגן די „קדימה" אין א נייער געגנט, וווּ עס געפינט זיך איצט דער רוב מנין ובנין פון מעלבורנער ישוב. ס'איז נאָך נישטאָ ביי די מעלבורנער יידן די טראַדיציע פון מעצענאַטן, וועלכע זאָלן מנדר זיין מיט א ברייטער האַנט אויף קולטור־צוועקן, ווי אַרויסצוגעבן א יידיש בוך א.ד.ג. אמת, עס זענען דערשינען פיל יידישע ביכער אין מעלבורן (אין סידנעי קיין איין יידיש בוך), ווי צ.ב., פון שרייבער־עסייאיסט י. ראַפּאַפּאָרט אייניקע ביכער, פון נאָוועליסט הערץ בערגנער אייניקע ביכער. א בוך דערציילונגען פון



דער מצבה-מאָנומענט אויפן קאַרלטאָנער בית-עולם אין מעלבורן צום אָנדענק פון די זעקס מיליאָן קדושים, אויפגעבויט אין 1963

יונג־פארשטארבענעם פנחס גאלדהאר, א בוך עסייען פון יצחק קאהאן, א באנד לידער פון י.מ. לעווין, צוויי ביכער פון הרב ד״ר י. ראפאפארט, אבער כמעט אלע ביכער זענען דערשינען מיט דער הילף פון געזעלשאפטלעכע קאמיטעטן.

## יידן אלס בירגער פון לאנד

אויסטראליע איז א דעמאקראטיש לאנד און אלע זיינע בירגער, סיי איינגעזעסענע, סיי פריש־געקומענע געניסן פון די זעלבע רעכט. דער דעמאקראטישער פרינציפ פון גלייכבארעכטיקונג ווערט דורכגעפירט אויף הונדערט פראצענט. אמת, עס זענען געווען אנדערע צייטן, פאר דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווען מ'האט מיט חשד געקוקט אויף א נייגעקומענעם. היינט איז אנדערש. די רעגירונגס־קרייזן און די טעגלעכע פרעסע פירן א דערציאונגס־ארבעט צווישן די אויסטראליער זיי זאלן העלפן די אימיגראנטן איינבירגערן זיך וואס שנעלער אין דעם לאנד.

נאך מער, אויב מיט יארן צוריק האט מען געפרעדיקט, אז די נייגעקומענע דארפן זיך וואס שנעלער אסימילירן, אפזאגן זיך פון זייער אלטער קולטור־ירושה, הערט מען לעצטנס אנדערע טענער. אפילו די פירער פון די צוויי גרויסע פאליטישע פארטייען, — פון דער ליבעראלער און דער לייבאר־פארטיי, — האלטן, אז די פארשידענע עטנישע גרופן דארפן נישט אויפגעבן זייערע נאציאנאלע קולטורן. פארקערט, די פארביטיט פון אנדערע קולטורן וועט נאך מער פארשטארקן און רייכער מאכן די אויסטראלישע קולטור. דער פרינציפ פון קולטור־פלוראליזם ווערט אלץ מער און מער רייפער.

דאס אויבנגעזאגטע האט אויך, פארשטייט זיך, א שייכות צו דער יידישער מינדערהייט. ס'איז נישטא קיין שום דיסקרימינאציע לגבי די יידן. אלע פאליטישע פארטייען פון לאנד, פון רעכטס ביז לינקס, זענען פריי פון יעדער אנטיסעמיטישער באפארבונג. אמת, עס זענען פאראן קרייזן, וועלכע נעמען נישט אריין יידן אין זייערע קלובן, אבער דער מין אנטיסעמיטיזם טראגט נישט קיין מאסן־כאראקטער און איז נישט כאראקטעריסטיש פארן לאנד.

יידן האבן געשפילט א גרויסע ראל אין דער געשטאלטיקונג פון אלגעמיינעם אויסטראלישן לעבן. דער שעפער פון דער אויסטראלישער קאנסטיטוציע איז געווען דער ייד סער אייזיק אייזיקס. ער איז אויך געווען דער ערשטער אויסטראלישער „דזשענעראל־גאווערנאר", ד.ה. דער פארטרעטער פון דער בריטישער קרוין אין אויסטראליע. דער ייד מאנאש איז געווען דער גענעראל פון דער אויסטראלישער ארמיי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. אגב זענען זיי ביידע געווען מעלבורנער תושבים.

מיר האבן היינט יידן פארלאמענטאריער, וועלכע פארטרעטן ביידע גרויסע פאליטישע פארטייען, סיי אין פעדעראלן, סיי אין שטאט־פארלאמענטן. באראן שניידער איז א פארשטייער פון די ליבעראלן אין וויקטאריע־פארלאמענט. דער שוין פריער־דערמאנטער סיד איינפעלד איז געווען א לייבאר־דעפוטאט אין פעדעראלן פארלאמענט. סעם קאהען איז א לייבאר־סענאטאר. לײדער איז געווען א גרויסער קאנפליקט צווישן דעם לעצטן און דעם „באארד אף דעפיוטיס" צוליב זיין ארויסטריט אין סענאט אין ענין פון רוסישן יידנטום. ווען דאס דאזיקע אנגעווייטאקטע פראבלעם איז דארטן באהאנדלט געווארן, האט ער דארטן געזאגט, אז אויסטראליע דארף זיך נישט אריינמישן אין די אינערלעכע ענינים פון ראטנפארבאנד, אז די רוסישע יידן, אלס בירגער פון זייער לאנד, דארפן זיך אליין אויסקעמפן זייערע נאציאנאלע און רעליגיעזע רעכט אן אונדזער הילף. נישט דא איז דער פלאץ צו שרייבן וועגן זיין ארויסטריט. דער פאקט אבער וואס סעם קאהען איז ארויסגעשטעלט געווארן אלס דעפוטאט אין סענאט פון דער לייבאר־פארטיי, באווייזט, אז זי איז פריי פון יעדן מין אנטיסעמיטיזם.



די טורעק שול.

סענדער בורשטין

## אויספירן

ווי זעען אויס די פערספעקטיוון פון יידישן לעבן דא? מיר האבן זיך באמיט צו באווייזן דעם אנטוויקלונגס־וועג פון מעלבורנער ישוב, דעם פאנאנדערוווקס פון זיינע אינסטיטוציעס, זיין פארווארצלען זיך אין אלגעמיינעם עקאנאמישן לעבן. ס'איז א דעמאקראטיש לאנד, אן קיין שום דיסקרימינאציעס. אמת, די אויסטראליש־ענגלישע קולטור, אלס די קולטור פון דער מערהייט, שלינגט אלץ מער איין די קולטורן פון די באזונדערע נאציאנאלע גרופן, צווישן זיי אויך די יידישע. ס'איז אבער נישטא קיין צוואנג־אסימילאציע; עס זענען נישטא קיין נאציאנאלע, רע־ליגיעזע אדער ראסן־פאראורטיילן. פולע דעמאקראטיע שליסט נישט אויס די עקזיסטענץ פון נאציאנאלע מינדערהייטן מיט זייער שפראך און קול־טור. דארפן מיר אויסנוצן די דאזיקע באדינגונגען. די פרייהייט פון לאנד גיט אונדז די מעגלעכקייט צו ווידמען זיך דעם יידישן געביט. קאמף קעגן אסימילאציע און פאר נאציאנאלער עקזיסטענץ און אייגענע שעפערישקייט דארפן ווערן די קאמף־פאזיציעס פון יעדן באוווסט־זיניקן ייד.

נאך מער: ביז דער לעצטער נאציאנאלער קאטאסטראפע האבן מיר, דער אויסטראלישער ישוב, ווי בכלל די יידן איבער דער גארער וועלט, געצויגן זייער יניקה פון מזרח־אייראפעאישן, הויפטזעכלעך פון פוילישן יידנטום. דאס דאזיקע יידנטום איז מערדערלעך פארשניטן און פאר־ניכטעט געווארן. אין דער צייט איז אנטשטאנען מדינת ישראל. ס'איז אויך אויסגעוואקסן א גרויסער פינף־מיליאניקער יידישער ישוב אין צפון־אמעריקע, ווי אויך קלענערע יידישע ישובים אין די לענדער פון דרום־אמעריקע. אויך דער אויסטראלישער יידישער ישוב איז אויסגעוואקסן ביז איבער זעכציק טויזנט נפשות, פון וועלכע מער ווי א העלפט געפינען זיך אין מעלבורן. פארשניטן איז ליידער געווארן דער בוים פון יידיש־לעבן מיט זיינע ווארצלען, מיט אלע זיינע ניואנסן און קאלירן. עס אנט־שטייען צווייגן פון יידישע ישובים איבער דער גארער וועלט. אויף אונדז ליגט איצט די גרויסע נאציאנאלע אויפגאבע ווייטער צו שפינען דעם גאלדענעם פאדעם פון אונדזער נאציאנאל יידיש לעבן.

* * *

דער מחבר פון דעם ארטיקל האט זיך נישט געשטעלט פאר אן אויפגאבע צו געבן אלע אספעקטן פון היגן יידישן לעבן. דער עיקר איז אים געגאנגען אין געבן דעם אנטוויקלונגס־גאנג פון היגן ישוב, וואס איז אים גוט באקאנט הויפטזעכלעך פון זיין אייגענער דערפארונג פאר די לעצטע 37 יאר.

א. צימערמאַן

# יידן, יידישקייט און יידיש אין סידנעי

די יידישע באַפעלקערונג אין סידנעי באַטרעפט איצט — אין 1966 — 28 טויזנט יידן, מיט אַ 5 טויזנט יידן ווייניקער ווי די יידישע באַפעלקערונג אין מעלבורן.

די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַרטאָפּלט נאָך דער מלחמה און דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אויך גילטיק פאַר סידנעי.

דער סאָציאַלער צוזאַמענשטעל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין סידנעי איז אָבער אַנדערש ווי אין מעלבורן. אין סידנעי באַטרעפן די מזרח־אייראָפּעאישע יידן אַ 40% פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג און 60% זענען מערב־אייראָפּעאישע און אין אויסטראַליע געבוירענע יידן. אין מעלבורן איז די סאָציאַלע קאָנפיגוראַציע אומגעקערט: די מזרח־אייראָפּעאישע יידן באַטרעפן 60%. דער דאָזיקער סאָציאַלער פענאָמען האָט, חוץ אַנדערע, אַ גרויסע השפּעה אויף דער לאַגע און אויף דער אַנטוויקלונג פון פאָלקסטימלעכער יידישקייט אין סידנעי.

עקאָנאָמיש גענומען לעבן די יידן אין סידנעי, ווי אין גאַנץ אויסטראַליע, אין גוטע באַדינגונגען און זענען איינגעגלידערט אין האַנדל און אין דער לייכטער אינדוסטריע.

סידנעי איז די גרעסטע שטאָט אין אויסטראַליע מיט 2 מיליאָן 200 טויזנט איינוווינער און ליגט אויף דעם מזרחדיקן ברעג פון פּאַסיפיק. די שטאָט איז רחבותדיק, זוניק, האָט אַ דינאַמישן אַמעריקאַנער טעמפּאָ און אויך דאָס איז אַ נאַטירלעכע דאַמבע קעגן דער מעגלעכקייט פון געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן אויסלעבן זיך פון די סידנעיער יידן.

דאָס אויסטראַלישע פאָלק, וואָס איז פּאָליטיש און דעמאָגראַפיש געווען געבונדן מיט ענגלאַנד, האָט איבערגענומען, אין דעם קורצן אָפּשניט פון זיין געשיכטע, ענגלישע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי אויך די קולטור, שפּראַך און לעבנס־שטייגער. היינט, אין די 60־קער יאָרן זוכט עס דעם וועג צו אַ זעלבסטשטענדיקער נאַציאָנאַל־קולטורעלער פיזיאָנאָמיע. און עס איז נישט קיין ספק, אַז עס וועט געפינען דעם וועג צו אַ זעלבשטענדיקער נאַציע אויך אין נאַציאָנאַל־היסטארישן און קולטורעלן זין.



די גרויסע שול אין סידנעי

עס איז דעריבער נאַטירלעך, אַז אויך די יידישע באַפעלקערונג האָט געשאַפן קולטורעלע, געזעלשאַפטלעכע, רעליגיעזע און חינוך־אינסטיטוציעס ענלעכע צו די ענגלישע. סידנעי איז אין דעם זין נישט קיין אויסנאַם. די קהילה (באָארד אַף דעפּיוטים), די סינאַגאָגעס, די אינסטיטוציע פון די ראַביים מיט דעם טשיף־ראַביי אין ענגלאַנד אַלס פּוסק אחרון אין פאַר־שידענע „עקלעזיאַסטישע" שטרייטן — אַט דאָס אַלץ איז געבויט לויט דעם באַקאַנטן ענגלישן נוסח.

אין אויסטראַליע זאָגט מען, אַז מעלבורן איז אַ יידישע שטאָט און סידנעי איז פאַרגוייִשט. און הגם אין אַ געוויסער מאָס איז וואָר, אַז סידנעי איז ווייניקער יידיש ווי מעלבורן, זענען דאָך פאַראַן אין סידנעי גאַנץ אָנזעעוודיקע מאַניפעסטאַציעס פון אַ געראנגל פאַר אַ בעסער, מער יידיש לעבן. די דאָזיקע מאַניפעסטאַציעס קומען צום אויסדרוק אין דעם צוזאַמענשטעל פון דער קהילה, וווּ יידישע יידן פאַרנעמען אַ גרעסערן פּלאַץ, פאַרלויפיק בלויז אין צאָל און נישט אין איכות. דאָס זעלבע אויך אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. די לעצטע ווערט אין סידנעי מער פּאָלקסטימלעך און הויבט אָן צו ווערן אַ דערפרייענדיקער פאַקטאָר פאַר די, וועמען דער נאַציאָנאַלער, פאָלקסטימלעכער אויפבוי פון יידיש סידנעי ליגט אַזוי נאָענט צום הארצן. אַ גוטע אילוסטראַציע פון דעם געזאָגטן קען זיין דער פאַקט, אַז היינט־צו־טאָג שטייען צוויי נאַציאָנאַלע, מזרח־אייראָפּעאישע יידן אין דער שפּיץ פון דער סידנעיער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע און פון דער וויצ"אָ.

די צווייטע מאַניפעסטאַציע פון דעם געראַנגל פאַר אַ פאָלקסטימ־



בני - ברית - הייזער אין סידנעי פאַר עלטערע מענטשן

לעך יידיש לעבן אין סידנעי איז דער חינוך. און כאָטש אין דעם זין איז סידנעי ווייט, ווייט צוריקגעשטאַנען לגבי מעלבורן, באַקומען דאָך היינט ביז 5 טויזנט קינדער (פון א 7 טויזנט משפחות, וואָס בילדן דאָס יידישע סידנעי) א מער אָדער ווייניקער יידישע דערציאונג. עס איז לײדער אמת, אז דער גרעסטער טייל עלטערן באַגנוגנט זיך מיט א שעה „סקריפּ־טשערס" א וואָך אין די אַלגעמיינע שולעס, טוט דאָך דער „עדיוקיישן באָארד" א וויכטיקע ארבעט אין דעם אויפבוי פון תלמוד־תורות, ווו



מוריה טאָג־שול אין סידנעי

יידישע קינדער לערנען 8-7 שעה א וואך יידישע לימודים, פון קינדער־גארטנס, העברעאישע קורסן פאר דערוואקסענע א.א.וו.

א גרויסע, נאציאנאלע דערציערישע ארבעט טוט די „מוריה"־טאג־שול, וועלכע האט שוין א 300 קינדער און איז דערפירט געווארן ביז צו דעם מאטורע־ארויסלאז. אויך די ישיבה מיט א 50 קינדער, ווו עס ווערט געלערנט תורה אויף יידיש, האט אריינגעבראכט א רוח החיים אין דעם אפגעשטאנענעם סידנעי. די צווייטע טאג־שול א.נ. פון מלך דוד האט גוטע אויסזיכטן אויף אנטוויקלונג און קען ווערן א גרויסער צענטער פון יידישן חינוך.

דאך איז די מערכה פון יידישקייט אין סידנעי נישט קיין גוטע און זי וועט זיין נישט קיין גוטע כל זמן די מזרח־אייראפעאישע יידן וועלן נישט אויפוואכן צו א נאציאנאל, פול יידיש לעבן און כל זמן, וואס איז פיל וויכטיקער, זיי וועלן אליין נישט מיטקעמפן מיט די ווייניקע, וועלכע שטייען אין דעם פאדערפראנט פון קאמף פאר דער פארשטארקונג פון יידשקייט אין סידנעי.

דאס אויבנגעזאגטע איז חל פארן גאנצן אויסטראלישן ישוב. דער אלטער פזמון, אז „מיר זענען אזוי ווייט פון די וועלט־צענטערן פון יידישן לעבן" איז נישט מער חל היינט. מיט דער מאדערנער מאסן־קאמוניקאציע איז יעדער ישוב היינט „אין צענטער" פון יידישן לעבן און אלע „צענטערן" קענען און דארפן בילדן איין יידיש פאלק. מיט שלאף־פילן צו בארואיקן זיך אליין, אז מיר לעבן אין „א העק פון דער וועלט" וועט מען נישט אויפבויען יידיש לעבן.

נאך א גרעסערער שאטן פאלט אויף דעם סידנעיער ישוב וואס שייך דער מערכה פון יידיש. די מזרח־אייראפעאישע יידן האבן נישט אויסגע־נוצט זייער נאציאנאלן פאטענציאל אין סידנעי און, מיט אויסנאמען, איבערגעלאזן דעם רודער פון געזעלשאפטלעכן לעבן צו די אנטי־פאלקס־טימלעכע כוחות פון דער מינדערהייט, וואס עס בילדן די אויסטראלישע יידן. פאר זיי איז יידיש פרעמד און אומדערלאזבאר אין עפנטלעכן לעבן. יידיש פאלקסטימלעך לעבן הייסט ביי זיי גייסטיקער געטא און. די מערב־אייראפעאישע יידן זענען די מיטלויפער פון די הערשנדיקע אויסטרא־לישע יידן.

אין דער יידישער קהילה טאר מען נאך אלץ נישט רעדן קיין יידיש אויף עפנטלעכע זיצונגען און אין ביורא פון דער קהילה זוכט מען אז איבערזעצער ווען עס קומט א בריוו, געשריבן אין יידיש און מען ענטפערט אויף ענגליש. דאס באנוצן יידיש אין עפנטלעכן לעבן איז נישט קיין זעלבסטפארשטענדלעכקייט, נאר עס מוז זיך לויגען ווי צ.ב. אין דער

צייט פון אַן אַפּיל. קיינער באַקעמפט נישט דעם דראַזיקן אוטיליטאַרן, ציניש־שענדלעכן צוגאַנג צו אונדזער נאַציאָנאַלן לשון. בלויז אויף די געטאָ־אוונטן איז געלונגען דעם צוגאַנג צו ענדערן.

יידישע קולטור, יידיש לשון און יידיש קאָלעקטיוו לעבן איז פאַראַן אין סידנעי אין זייער אַ באַגרענעצטער מאָס און די אַסימילאַציע אין אַלע אירע פאָרמען פאַרפלייצט דאָס יידישע לעבן. דער זכר פון אַ נאַציאָנאַל לעבן ווערט אַפּגעווישט און לאָזט איבער אויפן פעלד נאָר אַ פילאַנטראָפּישע טעטיקייט אָדער אַן אַפּיל־אַקטיוויטעט.

ווען מען וואָלט מיך געפרעגט צוויי פראַגן אין שייכות מיט דעם נישט־פרייִלעכן בילד, וואָס איך האָב אַקאָרשט געמאָלן: זענען די אויסט־ראַלישע יידן אין סידנעי אַזעלכע רשעים לגבי יידיש, אַז זיי ווילן יידיש זאָל אונטערגיין? און די צווייטע פראַגע: זענען די יידן אין סידנעי אַזוי אַנטי־יידיש, אַז זיי ווילן זיך באַוווסטזיניק אַסימילירן און אויסשליסן זיך פון כלל ישראל? — וואָלט איך אויף ביידע פראַגן געענטפערט מיט אַן אַנטשיידענעם „נ יי ן". די חשיבות פון יידיש איז געפאַלן נישט דער־פאַר, ווייל די אויסטראַלישע יידן זענען שונאים פון יידיש, נאָר דערפאַר, וואָס ביז גאָר נישט לאַנג צוריק האָבן די יידישע יידן אין סידנעי גאָר נישט געקעמפט פאַר דער חשיבות פון יידיש און פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון דער פאָלקסטימלעכער יידישער קולטור. דער אויסטראַלישער ייד האָט דעם איינדרוק, אַז דער גאַנצער טומל אַרום יידיש איז נישט מער ווי אַ קאַפּריז פון אַ פּאָר אינטעלעקטואַלן. „וווּ זענען אייערע יידישע מאַסן?" — פרעגן מיך נאָך היינט גוטע אויסטראַלישע יידן, כלל־טוער מיט וואַרעמע יידישע הערצער.

אויף דער פראַגע, צי די יידן זענען אַסימילירט אין סידנעי, אָדער ווילן זיך אַסימילירן, מוז מען ענטפערן נעגאַטיוו. די היימישע יידישקייט ליגט טיף איינגעבאַקן אין הערצן פון יעדן, אַלנפאַלס, מזרח־אייראָפּעאישן יידן, עס איז נאָר פאַרגליווערט געוואָרן, אַטראָפירט, אומטעטיק צוליב פאַרשידענע טעמים.

עס איז נישט דאָ דער פּלאַץ צו באַלויכטן די פאַרשידענע סיבות, פאַרוואָס דער קאַמף פאַר דער חשיבות פון יידיש איז אַזוי שווער. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש נישט בלויז פאַר דעם ישוב אין סידנעי. דאָס זעל־ביקע געשעעט אין אַלע ישובים אין אויסטראַליע מיט געוויסע אונטערשיידן און אפילו אין קלענערע און גרעסערע ישובים אין דער וועלט.

ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, האָט זיך די לאַגע אין סידנעי פאַרבעסערט. עס פילט זיך שוין, וואָלט איך געזאָגט, אַן ערב־מאַבילי־זאַציע פון די פאָלקסטימלעכע כוחות אין דעם ישוב. די פאַרבעסערונג




דער צענטער פון נאַציאָנאַלן ראַט פון יידישע פרויען אין סידנעי

מערקט זיך דערוויַיל בלויז אויף דעם קולטור־געביט. וועט געלונגען די פּאַר טוער, וועלכע גרופּירן זיך אַרום די פאַרשידענע חינוך־אינסטיטוציעס, אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אין פאָלקס־צענטער אויפצובלאָזן די פונקען פון יידיש און יידישקייט, וועלכע זענען טיף באַהאַלטן אין דעם ישוב, באַזונדערס ביי די מזרח־אייראָפּעאישע יידן, דאַן וועט דער סידנעיער ישוב האָבן דאָס רעכט צו קוקן מיט האָפענונג אין דער צוקונפט.

וויל איך ענדיקן די קורצע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם ישוב אין סידנעי מיט עטלעכע אַלגעמיינע געדאַנקען וועגן דער לאַגע פון וועלט־יידנטום, פון וועלכע סידנעי איז, נאָך אַלעמען, בלויז אַ קליינטשיקער טייל.

איך מיין, אַז סידנעיער פּראָבלעמען זענען אייגנטלעך פּראָבלעמען פון דעם גאַנצן יידישן ישוב אין אויסטראַליע, וועמענס פּראָבלעמען ווידער זענען ענלעך צו די פּראָבלעמען פון כמעט אַלע ישובים פון אונדזער וועלט־פאָלק.

די יידישע וועלט באַוועגט זיך היינט אַדאַנק צוויי כוחות, וועלכע זענען טיילמאָל סטאַטיש, טיילמאָל דינאַמיש, אָפּט זיך באַקעמפנדיקע, אָבער שטענדיק רעאַלע. דאָס זענען די צענטריפוגאַלע, פון צענטער־לויפנדיקע און די צענטריפּעטאַלע, צו דעם צענטער שטרעבנדיקע כוחות. ישראל האָט באַוויזן צו דעם יידישן מקור שטרעבנדיקע כוחות, וועלכע רייסן מיט זיך מיט, צו אונדזער פרייד, גרויסע מאַסן פון היינטיקן יידנטום. דער דאָזיקער גורלדיקער כוח אינספּירירט דאָס יידישע פאָלק אין דער גאַנצער וועלט און חתמעט זיין גאַנג אין דער וועלט־געשיכטע. צו אונדזער פרייד שאַפט דאָס יידנטום אין ביידע אַמעריקעס ווערטן אין יידיש, וועלכע גייען אַרויס פון די ראָמען פון קאַלקולאַציע און מוזן באַצייכנט ווערן ווי אַ נס: נס יידיש, נס יידישע ליטעראַטור, נס יידישקייט.

עס זענען אָבער אויך פאַראַן אין אונדזער צעשפּרייטקייט פון יידישן מקור אַנטלויפנדיקע כוחות, וועלכע אַטראַפירן די יידישע פּעריפעריע און שניידן זיך אַריין ווי אַ בייסנדיקער זשאַווער אין דעם נאַציאָנאַלן לעבן פון די קלענערע ישובים, באַזונדערס דאָרט, וווּ עס הערשן פרייע דעמאָקראַטיעס. דער דאָזיקער זשאַווער איז מסוגל צו וואַקסן, צו ווערן שטאַרקער און אָפּצושוואַכן אונדזער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלן קיום און גייסטיקן המשך.

קעגן אָט די דעסטרוקטיווע כוחות מוז געווענדעט ווערן אונדזער ענערגיע, נישט אַזוי פיל צו באַקעמפן אַסימילאַציע, כאָטש דאָס איז אויך זייער וויכטיק, ווי צו שאַפן נייע קעמערלעך פון נאַציאָנאַלער ענערגיע, נייע מאַגנעטישע פעלדער פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ, פון נאַציאָנאַלער אייניקייט און פון יידישע גייסטיקע ווערטן. נישט נאָר באַקעמפן דעם אונ־

טערגאַנג פון די שוואַכע, נאָר שאַפן אַ נייעם אויפבלי, אַ נייע יצירה פון יונגע און גלויביקע, פון די יורשים פון די נביאים, פון די מכביער, רמב"ם און יהודה הלוי, בעל שם־טוב און ביאַליק, הירש לעקערט און פּרץ, פון די קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ און פון דער באַפרייאונגס־מלחמה אין ישראל.

ווען דאָס וועט געשען — און מיר גלויבן, אַז עס וועט געשען, — וועט דער יידישער גייסט לייכטן אויף אייביק.

## א. טראַי

# יידיש לעבן אין פּערט

דאָס יידישע לעבן אין פּערט מיט 38 יאָר צוריק, ווען דער שרייבער פון די שורות איז אהין אנגעקומען, האָט זיך קאָנצענטרירט הויפּטזעכלעך אַרום דער שול און דעם ציוניסטישן קלוב. ביי דער שול האָט עקזיסטירט א „סאַנדיי סקול", מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט ראַבּיי פרידמאַן. אין קלוב פלעגט מען זיך טרעפן צוויי מאָל אין וואָך, ווו מ'פלעגט דיס־קוטירן וועלט־און היימישע פּראָבּלעמען. איין מאָל אין וואָך איז די דיסקוסיע געפירט געוואָרן אין העברעאיש.

די ציוניסטן פון יענער צייט זענען נישט צופרידן געווען פון דעם יידישן חינוך, וואָס זייערע קינדער האָבן באַקומען אין דער „סאַנדיי סקול" און זיי האָבן געגרינדעט א צווייטע שולע, צו וועלכער זיי האָבן אַראָפּגע־בראַכט א לערער פון ארץ־ישראל. אָבער נאָך צוויי יאָר איז דער לערער צוריקגעפאָרן און עס איז געבליבן ביים אַלטן.

אין יענער צייט זענען געווען טעטיק צוויי יידישע אַמאַטאָרישע טעאַטער־קרייזן, איינער אָנגעפירט פון משה בערענזאָן און דער צווייטער פון אָסקאַר טוי. נאָך א געוויסער צייט האָבן זיך די קרייזן פאַראייניקט און אין משך פון לאַנגע יאָרן געשפּילט יידיש טעאַטער.

א גרויסן צושטייער פאַר יידישער קולטור־אַרבעט האָט געגעבן דער חזן ה. גראַבּאַווסקי, וועלכער איז אָנגעקומען קיין פּערט פון ביאַליסטאָק און האָט פאַרביטן דעם חזן קאַוואַדלאָ, וואָס האָט זיך באַזעצט אין מעל־בורן.

יידיש לעבן אין פּערט האָט געליטן פון דעם וואָס די יידישע אימי־גראַציע איז נישט געגאַנגען אהין. בלויז געציילטע יידישע משפחות האָבן זיך דאָרט באַזעצט אין די 30־קער יאָרן. האַרט פאַרן יאָר 1939 האָבן זיך אין פּערט באַזעצט אַרום 100 יידישע פאַמיליעס פון דייטשלאַנד, זיי האָבן אָבער נישט אָנטיילגענומען אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. זייער איינפלוס אין יידישן לעבן פון דער שטאָט האָט זיך געלאָזט פילן פיל שפּעטער, אין די 50־קער יאָרן.

אין 1939 איז ראַבּיי פרידמאַן נפטר געוואָרן און א געוויסע צייט איז די פּערטער קהילה געבליבן אָן א רב. חזן גראַבּאַווסקי און שוחט



די ק"ק שארית ישראל שול אין פערט



די „כרמל"-שול א.נ. פון גדל קארסונסקי אין פערט

זוּף האָבן אָנגעפירט מיט דער שול ביז עס איז אָנגעקומען פון אַדעלייד דער רעווערענד רובין זאַקס. יונג און ענערגיש האָט ער זיך גלייך אַרייַנגעוואָרפן אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווערנדיק דער פּרעזידענט פון ציוניסטישן קלוב. מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער אַוועק אין דער אַרמיי אַלס יידישער טשעפּלען.

נאָך דער מלחמה האָט זיך די מאַטעריעלע לאַגע פון די יידן איז פּערט באַדייטנד פאַרבעסערט. יידן האָבן אָנגעהויבן צו לעבן באַקוועמער, זיך איינגעשאַפן שיינע הייזער און אויטאָס. צוגלייך מיטן וווילשטאַנד איז אָבער אויך געוואַקסן די אַסימילאַציע. די קינדער זענען גרויס געוואָרן און אין די יידישע הייזער האָט מען אָנגעהויבן צו רעדן ענגליש. יידישע קולטור־אַרבעט האָט פאַרנומען וואָס ווייטער אַלץ מער אַ קלענערן אָרט אין לעבן פון ישוב. די ציוניסטישע אַרבעט האָט זיך הויפּטזעכלעך אויסגעדריקט אין זאַמלען געלט פאַר ארץ ישראל. דער קרן קימת האָט אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע אַרבעט און די פריערדיקע מנהיגים פון קלוב זענען געוואָרן די פירער פון קרן קימת. טוער ווי ראַזען, צייטלין און אַנדערע האָבן אָפּגעגעבן פיל מי און צייט דער דאָזיקער אַרבעט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פונדאַמענט, וואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געשאַפן מיט יאָרן צוריק, איז געווען אַ געזונטער. דער ישוב האָט זיך זייער גוט אָפּגערופן אויף די זאַמלונגען. צענדליקער טויזנטער פונט זענען געשאַפן געוואָרן אין אונדזער קליינעם ישוב. די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן מיט גרויס איבערגעגעבנקייט דורך דעם „פּאַטער" פון דער פּערטער „קהילה" מאיר ברעקלער ע"ה און זיינע צוויי פּלימעניקעס אַלעק און סעסיל צוזאַמען מיט אַן אַרבעטזאַמען און איבערגעגעבענעם קאָמיטעט. נעמענדיק אין אַכט, אַז די יידישע באַפעלקערונג אין פּערט ציילט אַרום 3000 נפשות, באַשטייערט זיך אונדזער ישוב פּראָפּאָרציאָנעל פיל מער ווי די גרעסערע ישובים אין מעלבורן און סידני.

יאָרן לאַנג האָט מען געזאַמלט געלט בלויז פאַר איין ציל — ישראל. אין די 50־קער יאָרן איז אויפגעשוומען אַ נייַ פּראָבלעם — די צוקונפט פון יונגן דור. די אַסימילאַציע ווערט שטאַרקער, די געמישטע חתונות האַלטן אין שטייגן. עפּעס האָט געמוזט געטאָן ווערן כדי אויפצוהאַלטן יידישקייט ביי די קינדער און יוגנט. און גראָד דער צווייטער דור, מערסטנטייל שוין דאָ געבוירענער, האָט אָנגעהויבן אַ קאַמפּיין צו זאַמלען געלט פאַר לאָקאַלע צוועקן. אונטער דער אָנפירונג פון דזשאַ ראַזען און דזשעק קראַסנאַשטיין ווערט געקויפט אַ באָדן פון 15 אַקער, וווּ עס ווערט אויסגעבויט דער „מכבי" ספּאָרט־פּלאַץ. גאָר גיך ווערט דער פּלאַץ אַ זאַמלפּונקט פאַר יידישע בחורים און מיידלעך.



די לעבעראַלע שול א. נ. טעמפל דוד אין פערט



דער „זעליגסאָן קינדערגאָרטן" אין פערט

אין די לעצטע יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן א באַוועגונג צו שאַפן א יידישע טאָג־שול. עס איז געעפנט געוואָרן א יידישער קינדערגאָרטן א.נ. „זעליגסאָן קינדערגאָרטן” און שפּעטער די „כרמל”־שול, וועלכע האָט שוין 5 קלאַסן. אומגעפער 40% פון אַלע יידישע קינדער פון דעם באַ־טרעפנדן עלטער באַזוכן די „כרמל”־שול, וועלכע טראָגט איצט דעם נאָמען פון גדל קאַרסונסקי.

מען האָט אויך נישט פאַרגעסן אַן די אַלטע לייט. אויף דעם זעלבן ספּאָרט־פּלאַץ האָט מען מיט א 3 יאָר צוריק אויסגעבויט א מושב זקנים, וועלכער ווערט באַטראַכט אַלס דער בעסטער אין גאַנץ מערב־אויסטראַ־ליע. עס געפינען זיך דאָרט 30 יידישע אַלטע לייט. א גרויסן חלק אין אויפשטעלן די אינסטיטוציע האָבן ד״ר מאַרלי און די פרוי לובער סמיט.

דער מושב זקנים טראָגט דעם נאָמען פון מאַרים זעפערט. די פרוי זעפערט האָט זיך באַשטייערט מיט 5000 פונט צו פאַראייביקן דעם נאָמען פון איר מאַן. א צווייטע גרעסערע באַשטייערונג איז געקומען פון דוד האָפמאַן צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון זיין פאַרשטאָרבענעם זון.

מיט א צען יאָר צוריק האָבן נייע ווינטן אָנגעהויבן צו בלאָזן אין יידישן לעבן פון פּערט. די יידן פון דייטשלאַנד, וועלכע האָבן זיך באַ־זעצט אין פּערט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען געוואָרן טעטיק און אָנגעהויבן שפּילן א דעציזירנדיקע ראָל ביי דער גרינדונג פון דער ליבעראַלער שול א.נ. טעמפּל דוד. די טרייבנדע כוחות פון דער באַוועגונג זענען קורט גאָטשאַלק און ד״ר ראַן טאַפּט. עס האָט זיך אָנגעהויבן א ביטערער געראַנגל צווישן די אָנהענגער פון דעם טעמפּל און פון דער אָרטאָדאָקסישער שול. היינט־צו־טאָג האָט זיך שוין דער טעמפּל דערוואָרבן א שטאַרקע פּאָזיציע אין דעם ישוב און ער האָט שוין א נייע געביידע.

דאָס יידישע פּערט איז ליידער נישט געוואַקסן ווי אַנדערע יידישע ישובים אין אויסטראַליע. די יידישע אימיגראַציע נאָך דער מלחמה, אַזוי ווי אין די פריערדיקע יאָרן, האָט אויסגעמיטן אונדזער שטאָט און די צאָל יידן אין פּערט איז געבליבן די זעלבע ווי פאַרן קריג. יידישע קולטור־אַרבעט איז שטאַרק איינגעשרומפּן געוואָרן. עס עקזיסטירט נאָך דער „יידישער קולטור־קרייז”, וווּ צוזאַמען מיט די אַלטע תושבים ווי ראַזען און חזן גראַבאָווסקי זענען טעטיק ייִנגערע תושבים ווי ד״ר איינהאָוויצי, פּטאַק, שטיין, סילווער, קוטשינסקי און אַנדערע. דער קרייז טרעפט זיך יעדע פּאָר חדשים און דיסקוטירט פאַרשידענע יידישע פראַגן.

עס זעט נישט אויס, אַז יידיש וועט אָנהאַלטן לאַנג אין פּערט. מיר האָפן אָבער, אַז דער יידישער באַוווסטזיין וועט פאַרשטאַרקט ווערן דורך דער „כרמל”־שול און דער טעטיקייט פון דעם יונגן דור. די קומענדיקע 12־10 יאָר וועלן דעצידירן די צוקונפט פון אונדזער ישוב.

שמואל בענעט

# אונטערגעגאַנגענע יידישע ישובים אין אויסטראַליע

א באַזונדערן צוביטער האָבן די אַמאָליקע יידישע ישובים אין אויסט־ראַליע, וועלכע האָבן געלעבט און געשפּרודלט אין דער ראָמאַנטישער עפּאָכע פונם 19־טן יאָרהונדערט. עס איז מיר נישט איין מאָל אויסגע־קומען צו באַזוכן די פאַרשווונדענע יידישע קהילות אין טאַסמאַניע, אין האָבאַרט און לאַנצעסטאָן. זיי האָבן אויף מיר געמאַכט א טיפן איינדרוק מיט דער רייכער און פאַרביקער פאַרגאַנגענהייט. די שיינע, פּרעכטיקע שול־בנינים שטייען פאַר׳יתומ׳טע און זאָגן עדות אויף די פאַרשווונדענע אַמאָליקע יידישע ישובים, וועו די באַרנעטס, דזשאָזעפס און קאָהענס האָבן געשפּילט א ראָל אין דעם אַלגעמיינעם אויסטראַלישן לעבן.

## באַלאַראַט

באַלאַראַט — די „גאָלדענע" שטאָט פונם 19־טן יאָרהונדערט — איז אַנטשטאַנען צוליב א גליקלעכן צופאַל. א „דיגער" (גאָלד־גרעבער) האָט דאָרט אַנטדעקט גאָלד. די „גאָלדענע" נייעס האָט זיך באַלד פאַר־שפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט.

פון אַלע עקן וועלט האָבן אָנגעהויבן שטראָמען עמיגראַנטן קיין אויסטראַליע. אין וויקטאָריא, וו באַלאַראַט געפינט זיך, זענען שטעטלעך געוואָרן אויסגעליידיקט פון מענטשן. טויזנטער מעלבורנער איינוווינער האָבן אוועקגעוואָרפן זייערע באַשעפטיקונגען, געקויפט לאָפּאַטעס מיט שיסלען און זיך געלאָזט קיין באַלאַראַט, צו די גאָלד־גרובנס.

היינט, גייענדיק איבער די ברייטע באַלאַראַטער גאַסן, וועלכע זענען שטיל און רואיק, קאָן מען זיך קוים פאָרשטעלן, אַז מיט הונדערט יאָר צוריק האָט אויף די זעלבע גאַסן פּולסירט א רייך און קאָלירט לעבן פון מענער מיט בערד, מיט רויטע העמדער, מיט לעדערנע שטיוול און שווערע טוכענע קאָפּעליושן.

אין 1853 זענען שוין אין באַלאַראַט געווען 15 טויזנט איינוווינער, איין יאָר שפּעטער — 28 טויזנט. דאָס אַנטדעקטע גאָלד האָט אין יענער

צייט פילפאַכיק איבערגעשטיגן די אוצרות פון אַלע אַנדערע גאָלד־גרובנס אין דער וועלט.

באַלאַראַט האָט זיך דעריבער שיין־נגיד׳יש צעבליט מיט פּרעכטיקע הייזער, קירכעס, טעאַטערס און דענקמעלער נאָך די ערשטע פּיאָנערן. א ספּעציעלער דענקמאָל איז אויפגעשטעלט געוואָרן פאַר דעם שטיק גאָלד, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַנטדעקט געוואָרן. אויף דער באַלאַ־ראַטער הויפּט־גאַס שטייט דער דענקמאָל אין דער פאָרם פון א מאַרמאָר־קאָלומנע, מיט אַן אויטענטישער קאָפּיע פון דעם גרויסן שטיק גאָלד.

דער כישוף פון גאָלד האָט צו זיך געצויגן. פאַרשידענע עלעמענטן זענען געקומען קיין באַלאַראַט, צווישן זיי אויך אחינו בני ישראל, וועלכע האָבן דאָ געשאַפן איינעם פון די עלטסטע יידישע קיבוצים אין אויסט־ראַליע.



ביים אַריינגאַנג צו דער באַלאַראַטער שול

עס זענען נישט פאַראַן קיין גענויע היסטאָרישע דאַטעס ווען די ערשטע יידן זענען אָנגעקומען קיין באַלאַראַט. פון די פאַרבליבענע דאָקומענטן, וואָס זענען געפונען געוואָרן אין דער אַלטער באַלאַראַטער שול, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז יידן זענען שוין געווען תושבים אין באַלאַראַט אין 1853, ד.ה. מיט הונדערט און צוועלף יאָר צוריק. דער אימיגראַנטן־עלעמענט איז באַשטאַנען מערסטנס פון יונגע מענטשן, אוואַנטורע־זוכער, און אַזעלכע וואָס האָבן געוואָלט ווייט אַוועקפאָרן פון די אַנטי־יידישע פאַרפאָלגונגען אין אייראָפּע.

די באַלאַראַטער יידן האָבן זיך פאַרנומען מיט מסחר און מיט מלאכה. זיי האָבן אויך אויסגעקויפט גאָלד וואָס איז געפונען געוואָרן אין די גרובנס.

יידן פון פאַרשידענע לענדער האָט פאַראייניקט די אמונה. אין א יום־כיפור זענען זיי זיך צוזאַמענגעקומען אין א האָטעל, וואָס האָט געהערט צו א יידישן אייגנטימער און זיי האָבן זיך געפילט ווי ברידער פון איין פאַמיליע.

אין 1855 איז אויפגעשטעלט געוואָרן א צייטווייליקע שול אין א הילצערנער געביידע. אין 1861 איז אויפגעבויט געוואָרן א געמויערטע שול. די פייערלעכקייטן פון דעם חנוכת־הבית איז געווען באַשריבן געוואָרן אין דער דעמאָלטיקער ענגלישער פּרעסע אין באַלאַראַט און עס האָט זיך אין אים באַטייליקט א גרויסער עולם פון יידן און קריסטן.

די יידישע קהילה אין באַלאַראַט האָט אין יענער צייט באַקומען א יערלעכע סובסידיע פון דער רעגירונג צוגלייך מיט אַלע אַנדערע יידישע קהילות אין וויקטאָריאַ. זי האָט זיך דערויבער געקאָנט אַנטוויקלען און אַנגאַזשירן א רב פון ענגלאַנד. דער ערשטער רב (אין 1855) איז געווען רעוו. אייזיקס, אַן ענגלישער ייד. די אַנדערע רבנים זענען אויך אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון ענגלאַנד. זיי זענען געווען אָרטאָדאָקסישע יידן און געפירט די קהילה אויפן אָרטאָדאָקסישן שטייגער.

די באַלאַראַטער יידן האָבן געשפּילט א וויכטיקע ראָל אינעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט אויף אַלע געביטן. טשאַרלעס דייט, דער גרינדער פון דער יידישער קהילה, האָט גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דעם „עאורעקאַ״־אויפשטאַנד און געווען שטאַט־פּרעזידענט און מיטגליד פון וויקטאָריער פּאַרלאַמענט. אויך אַנדערע פיר יידן האָבן פאַרנומען דעם אַמט פון שטאַט־פּרעזידענט אין באַלאַראַט.

מען קאָן נאָך אַנטרעפן שפּורן פון אַמאָליקן יידישן לעבן אין באַלאַראַט. געשעפטן טראָגן יידישע נעמען, ווי: קאָהען, לעווי און דזשייקאָב.

אויך נעמען פון באלאראטער גאסן זענען אנגערופן געווארן אויף פאר־דינסטפולע יידישע תושבים. עס איז פאראן אין באלאראט א לעווי באז־סטאציע, א שטיינפעלד־גאס, דייט׳ס פערעיד א.א.וו.

דער לאנגזאמער אונטערגאנג פון דער יידישער קהילה האט זיך אנגעהויבן ביי דער ענדע פון 19־טן יארהונדערט און ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין 1914 איז די קהילה כמעט געווען ווי אויסגעליידיקט. דער לעצטער רב פון באלאראט איז געווען רעוו. מאנ־דעלבוים. נאך זיין טויט, אין 1941, האט דער שול־קאמיטעט באשלאסן נישט מער צו אנגאזשירן א רב פאר דער קליינער עדה יידן.

א טרויעריק געפיל נעמט־ארום ווען מען שפאצירט אויף די באלא־ראטער גאסן און באזונדערס אין דער „יידישער" געגנט, נעבן דער פראכטפולער סינאגאגע, ווו עס האט אמאל עקזיסטירט א פולסירנד יידיש לעבן, מיט יידישע „אלרייטניקעס", גבירים, גאלד־גרעבערס און פשוט׳ע יידן פון א גאנץ יאר.

דאס גאלד אין די באלאראטער גאלד־גרובנס האט זיך אויסגעלאזט, און צוזאמען מיטן גאלד אויך די גאלדענע גליקן פון די באלאראטער יידן, וועלכע האבן פארלאזט די פראווינציעלע שטאט זוכן בעסערע גליקן אין די גרויסע שטעט. זיי האבן אבער איבערגעלאזט הינטער זיך א מאנומענט פון דער פארגאנגענהייט — א זכר פון יידישע וואנדערונגען — די איינזאמע, פאר׳יתומ׳טע שול, — א שטומער עדות פון א ישוב, וואס האט אמאל געלעבט און איז כמעט ווי אונטערגעגאנגען.

## האבארט (טאסמאניע)

די געשיכטע פון יידן אין טאסמאניע איז אזוי אלט ווי די געשיכטע פון דער ענגלישער קאלאניזאציע פון דעם אינדזל. אין 19־טן יארהונדערט איז דאס אינדזל באנוצט געווארן פון ענגלאנד אלס א שטראף־קאלאניע פאר פארשיקטע. שוין אין דעם ערשטן טראנספארט פון פארשיקטע האבן זיך געפונען יידן. טייל פון זיי זענען שפעטער באפרייט געווארן און האבן זיך פארנומען מיט האנדל.

צוזאמען מיט דעם ערשטן שטראם פון אימיגראנטן אין 1817, זענען אויך געקומען די יידן, די לייוויס, סאלאמאנס און לאזארוסעס, וועלכע האבן אין די שפעטערדיקע יארן געשפילט א גרויסע ראל אין דער עקא־נאמישער אנטוויקלונג פון לאנד. דער ערשטער טעאטער אין טאסמאניע איז געגרינדעט געווארן פון א ייד מיטן נאמען בנימין לייווי.

דער ערשטער יידישער תושב, וועגן וועלכן עס זענען פאראן אפי־ציעלע ידיעות, איז געווען ברוך וואלפארד. ער האט אנגעגעבן א פעטיציע

צו דער רעגירונג, אין וועלכער ער האָט געבעטן אַ פּלאַץ פאַר אַ יידישן בית החיים אין האָבאַרט אין 1828. די רעגירונג האָט געגעבן איר הסכמה דערויף.

אין 1832 איז אָנגעקומען קיין האָבאַרט אַן עמיגראַנטן־שיף, אויף וועלכער עס האָט זיך געפונען אַ גרופּע פון אַ הונדערט יידן. צוזאַמען מיט די פאַרשיקטע יידן האָט די צאָל יידן אויפן אינדזל באַטראָפן דאַן 132. אָנגעפירט פון יוסף בן יהודה סאָלאָמאָן האָבן זיי געשאַפן אַ מנין, אַ חברה קדישא און אַ געזעלשאַפט צו העלפן די פאַרשיקטע.

אין אָנהויב 1841 איז אָנגעקומען אַ גרופּע אָרטאָדאָקסישע יידן פון ענגלאַנד, וועלכע האָט זיך ענערגיש גענומען אויפצובויען אַ פּערמאַנענטע שול. דער פּלאַץ איז געשאָנקען געוואָרן פון דעם ייד סאָלאָמאָן. נדבות זענען געזאַמלט געוואָרן אויך צווישן קריסטן. די גרעסטע נדבה איז געקומען פון סער מאָזעס מאָנטעפיאָרע. די שול איז אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1845. זי איז פון די ערשטע שולן, וואָס זענען אויסגעבויט געוואָרן אין אויסטראַליע. ווי אַ צירונג שיינט זי אַרויס פון דער גרויער אַרגייל סט. נאָך היינט קען מען זען די לוקסוסדיקע אויסשטאַטונג פון דער שול. דער בעלעמער, ארון קודש און די בענק זענען גוט פּרעזערווירט. אין 1845 איז אויך געעפנט געוואָרן ביי דער שול אַ ביבליאָטעק



די שול אין האָבאַרט

און א העברעאישע שולע. די רעגירונג האט געגעבן א יערלעכע סובסידיע אויסצוהאלטן די שול. דער ערשטער רב איז געווען הערמאן העלצעל, וועלכער איז אנגעקומען אויף דעם פאסטן אין 1853.

אין 1854 איז די צאל יידן אין האבארט באטראפן שוין 435, פון זיי 186 פארשיקטע. די אלגעמיינע צאל פארשיקטע צו יענער צייט האט באטראפן 60 טויזנט. יידישע פארשיקטע פלעגן באזוכן די שול אין די שבתים און ימים טובים און פלעגן באקומען מאלצייטן פון דער קהילה אן א אפצאל. עס איז אויך געלונגען דעם דעמאלדיקן ראש הקהל, מר. נאטאן צו באפרייען די יידישע פארשיקטע פון ארבעט אין די שבתים און ימים טובים.

דער ישוב ווערט אבער אלץ קלענער און קלענער. יידן וואנדערן ארויס פון האבארט קיין מעלבורן און סידנעי. פון 435 יידן אין 1854 פאלט זייער צאל צו 84 אין 1891. עס קומען אן פארשידענע רבנים, זיי האלטן זיך אבער נישט לאנג אויף דעם פאסטן, ווייל דער קליינער ישוב קען זיי נישט אויסהאלטן. גאנץ אפט איז שווער צונויפצוזאמלען א מנין און די שול ווערט געשלאסן א לענגערע צייט.

די לאגע האט זיך טיילווייז פארבעסערט ווען א גרעסערע צאל יידישע פליטים פון דייטשלאנד איז אנטלאפן פון די היטלער־רדיפות און איז אנגעקומען קיין האבארט אין די 30־קער יארן. זיי האבן אריינגעבראכט א ביסל לעבן אין דער אונטערגייענדיקער קהילה.

היינט־צו־טאג באשטייט דער יידישער ישוב אין האבארט פון עטלעכע צענדליק משפחות. זיי באמיען זיך אויפצוהאלטן דאס געזעלשאפטלעכע און רעליגיעזע יידישע לעבן.

דער אלטער יידישער בית־עולם איז פארקויפט געווארן מיט א צייט צוריק צום שטאט־ראט. ער איז נישט באנוצט געווארן אין משך פון 50 יאר און די מצבות זענען פולשטענדיק איינגעזונקען געווארן אין דער ערד.

## לאנצעסטאן

אויך די צווייטע גרעסטע שטאט אין טאסמאניע, לאנצעסטאן האט פארמאגט א יידישן ישוב מיט העכער 100 יאר צוריק. אין 1835 האבן די דארטיקע יידן געשאפן א חברה קדישא. צען יאר שפעטער האבן זיי אויפגעבויט א שול אויף איינער פון די הויפט־גאסן פון דער שטאט, א בכבודיקע געביידע, וועלכע געפינט זיך נאך היינט אין א גוטן צושטאנד. אויך אויף דער שול האט מען געזאמלט נדבות ביי יידן און קריסטן. דער טעקסט אויף דעם אנטהילונגס־טאוול איז פאלגנדער: „אין דעם דריטן טאג פון תשרי 5605 זינט דער אנטשטייאונג פון דער וועלט



אינערלעכער אויסזען פון דער שול אין האָבאַרט

און אין דעם 8־טן יאר פון דער הערשאפט פון דער קעניגין וויקטאריא ווערט דאס דאזיקע הייליקע הויז געווידמעט דעם אלמעכטקן גאט דורכן גובערנאטאר פון טאסמאניע און דער לאיאלער יידישער געמיינדע אין לאנצעסטאן".

די קהילה אין לאנצעסטאן האט זיך נישט געקאנט דערלויבן צו האבן ביי זיך א רב, אבער א שוחט און מוהל האט זי יא געהאט. ער האט אויך פארנומען דעם אמט פון חזן אין שול. דער רב פון האבארט, רעוו. העלצעל פלעגט אפט באזוכן לאנצעסטאן.

די מאקסימאלע צאל יידן, וואס לאנצעסטאן האט דערגרייכט איז געווען 150 אין יאר 1857. אין די ימים טובים און באזונדערס יום־כיפור פלעגט די צאל זיך פארגרעסערן מיט די יידן פון דער ארומיקער געגנט.

אין סאוט סטריט געפינט זיך דער יידישער בית־עולם, וועלכער איז דורך דעם שטאט־ראט פארוואנדלט געווארן אין א קינדער־שפיל־פלאץ. די מצבות זענען פולשטענדיק איינגעזונקען געווארן.

ביים היינטיקן טאג געפינט זיך אין לאנצעסטאן א קליינע עדה יידן, וועלכע האלט די שול אין ארדענונג און באמיט זיך אויפצוהאלטן א יידיש לעבן.

הערץ בערגנער

# דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט אין אויסטראַליע

עס איז שווער צו שרייבן וועגן א יידישער ליטעראַטור אין אויסטראַ־ליע. עס זענען געווען און ס'זענען דאָ נאָך איינצלנע שרייבער אויפן היגן קאָנטינענט, וואָס גיבן זיך אָפּ כמעט אויסשליסלעך מיט ליטעראַטור, כאָטש זיי קאָנען זיך פון דעם נישט מפרנס זיין. זיי זענען שרייבעריש אַקטיוו, האָבן אַרויסגעגעבן ביכער און זענען פאַרבונדן מיטן יידישן שעפערישן וואָרט בכל תפוצות ישראל. די איבעריקע פּען־מענטשן שרייבן בלויז פון צייט צו צייט אין די היגע צוויי וואָכן־צייטונגען וועגן געזעל־שאַפטלעכע פראַגן, וועגן אַקטועלע ענינים, וועגן פּאָליטיק און זיי פאַר־נעמען זיך אויך מיט פּראָבלעמען פון ליטעראַטור.

אָבער צי קאָנען די עטלעכע שעפערישע שרייבער צוזאַמען מיט די אַנדערע פּען־מענטשן ברענגען דעם פרילינג פון דער יידישער ליטעראַטור אין אויסטראַליע? צי זענען פאַראַן דאָ־הי די ליטעראַרישע שטרעמונגען, וואָס זאָלן זיין א סטימול צו פּראָדוקטיווקייט און נייע פאָרמעסטונגען? צי קומט צום אויסדרוק אויף א געגנוג ברייטן אופן די אויסטראַלישע אייגנאַרטיקייט און די נייע ווירקלעכקייט אין די ווערק פון דעם רוב היגע דיכטער און פּראָזאַאיקער?

פונדעסטוועגן האָט דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט ביי אונדז א ווירקנדיקע קראַפט אויפן ישוב און מען דאַרף זיך אויף דעם אָפּשטעלן און דאָס אָפּשאַצן. א סך נעמען וועל איך מוזן אויסרעכענען, כדי אויף אַן אינפאָרמאַטיוון אופן צו געבן דאָס אַלגעמיינע בילד פון דעם יידישן שאַפן דאָ־הי. איך וועל דעם אַרטיקל איינטיילן אין פיר חלקים און אַרויס־ברענגען באַזונדערע פעריאָדן פון דער אַנטוויקלונג און אויפשטייג פון דער יידישער ליטעראַרישער ווירקונג. דער ערשטער פעריאָד איז די צייט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה; דער צווייטער — ערב און בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה; דער דריטער פעריאָד — נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה; פערטער פעריאָד — די היינטיקע צייט.

## ערשטער פּעריאָד — די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה

דער ערשטער ערנסטער יידישער שרייבער, וואָס האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַרן בנין פונעם יידישן וואָרט אין אויסטראַליע איז געווען פּנחס גאָלדהאַר. ער איז געקומען אַהער אין יאָר 1928. כאָטש ער האָט אין זיין היים־שטאָט לאָדזש געשריבן פּאָעזיע, האָט ער מער דאָ קיין לידער נישט געשריבן. ער האָט אָנגעהויבן צו דרוקן דערציילונגען פון אויסטראַלישן לעבן, פון די היגע יידן, וואָס קענען זיך נאָך נישט אַריינ־פּאַסן אין דער נייער סביבה. די דערציילונגען צייכענען זיך אויס מיט זייערע שטאַרקע רעאַליסטישע בילדער, רייכן אינהאַלט און זאַפטיקער שפּראַך. פּנחס גאָלדהאַר האָט אויך רעדאַגירט א צייט לאַנג א יידישע וואָכן־צייטונג און איז מיט רעכט באַצייכנט געוואָרן ווי דער פּיאָנער פון יידישן וואָרט אין אויסטראַליע. עטלעכע יאָר פאַר זיין טויט האָט ער פאַרעפנטלעכט א בוך „דערציילונגען פון אויסטראַליע", וואָס איז זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון דער קריטיק. נאָך זיין טויט האָבן חברים־שרייבער אַרויסגעגעבן זיינס א בוך דערציילונגען, עסייען און אי־בערזעצונגען פון דער אויסטראַלישער ליטעראַטור.

צוזאַמען מיט גאָלדהאַרן האָבן געווירקט נאָך ליטעראַרישע כוחות אין מעלבורן און דאָס זענען געווען: א.נ. בר־כהן און אהרן פּאַטקין. בר־כהן איז געווען אן אמתער אידעאַליסט און א קעמפער פאַר יידישער קולטור אין ביידע שפּראַכן: יידיש און העברעאיש. ער האָט געשריבן לידער און עסייען. ער איז געקומען קיין אויסטראַליע פאַר גאָלדהאַרן און איז פריצייטיק געשטאָרבן. אהרן פּאַטקין איז געווען א פּאָל־בלוטיקער פּובליציסט און זשורנאַליסט. ער האָט געשריבן טעמפּעראַמענטפולע און קעמפערישע אַרטיקלען וועגן פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען און פאַרעפנטלעכט פון צייט צו צייט עסייען וועגן ליטעראַטור און טעאַטער. האַרט פאַר זיין טויט האָט ער אַרויסגעגעבן א בוך אין ענגליש וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער רוסיש־יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין יענער צייט האָט זיך אויך באַוויזן א. פּערל אין דער היגער פּרעסע.

הערש מינץ איז אָנגעקומען קיין אויסטראַליע נאָך פּאַטקינען און גאָלדהאַרן. ער האָט א צייט לאַנג געלעבט אין סידנעי, אַדעלאַיד, ווו ער איז געווען א לעקטאָר אין אוניווערזיטעט. כאָטש ער האָט נישט געלעבט פּערמאַנענט אין מעלבורן, איז ער פאַרבונדן געווען גייסטיק מיט דער שטאָט, וואָס איז די ירושלים דאויסטראַליע. הערש מינץ שרייבט באַ־לערנדיקע אַרטיקלען אויף געשיכטלעכע טעמעס וועגן יידישע קהילות אין אויסטראַליע. ער האָט ליב געשיכטע, אָבער ער פאַרעפנטלעכט גאַנץ

אַפּט וואָרטפולע עסייען וועגן ליטעראַטור, וואָס איז אויך זיין געביט; ווייל ער איז אַן ערודיט און איז אויסגעבונדן מיט דער יידישער, העברעאישער און וועלט־ליטעראַטור. ס׳איז אַרויס זיינס אַ בוך אין ענגליש „די געשיכטע פון יידן אין דרום־אויסטראַליע״.

אין די דרייסיקער יאָרן זענען דאָס רוב יידישע שעפערישע כוחות געווען פאַרטרעטן דער עיקר אין דעם ערשטן יידישן אַלמאַנאַך. דעם אַלמאַנאַך האָט רעדאַגירט דער דיכטער מלך ראַוויטש, וואָס האָט באַזוכט אויסטראַליע אין שליחות פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פּוילן. מלך ראַוויטש האָט דאָ געלעבט עטלעכע יאָר און געווירקט ליטעראַריש. ער האָט געשריבן ליריש־דירנדיקע לידער און קאַליקפולע אַרטיקלען וועגן אויסטראַליע און איינע פון זיינע ליטעראַרישע אַמביציעס איז געווען צו פאַרעפנטלעכן הי אַן אַלמאַנאַך, וואָס זאָל זיין דער אָנהויב פון אַ יידיש־אויסטראַלישער ליטעראַטור.

אין דעם אַלמאַנאַך זענען פאַרעפנטלעכט אַרבעטן פון אַ צאָל שרייבער און אַפילו פון געזעלשאַפטלעכע טוער. ס׳איז דאָרטן פאַראַן אַ רייזע־בילד פון פּרץ הירשביין וועגן אויסטראַליע, וואָס ער האָט באַזוכט אין יאָר 1921. הירשביין איז געווען דער ערשטער גרויסער יידישער שרייבער, וואָס האָט צוגעשלאָגן צו די ברעגעס פונעם פינפטן קאָנטינענט און ער האָט סטימולירט דאָס קולטור־לעבן אין מעלבורן, וואָס האָט זיך נאָך געפונען אין די וויקעלעך. אין דעם אַלמאַנאַך איז דאָ אַן עסיי פון לייב זשאַבינסקי ע״ה. זיין נאָמען טרעפן מיר שפּעטער אָפט אין דער פּרעסע אין מעלבורן. אייזיק הורוויץ האָט אין ערשטן אַלמאַנאַך נישט געשריבן, אָבער ער האָט פאַרעפנטלעכט זיינע זכרונות אין צווייטן אַלמאַנאַך און אין די וואָכן־צייטונגען. אויך סענדער בורשטין און י. האַניג האָבן אין ערשטן אַלמאַנאַך נישט געשריבן, אָבער זייערע נעמען דערשיינען גאַנץ אָפט אין דער לאָקאַלער פּרעסע. סענדער בורשטין שרייבט וועגן אינערלעכער פּאָליטיק און וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אויסטראַליע און נעמט שטעלונג אין פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע פראַגן. י. האַניג שרייבט ערנסטע עסייען, זכרונות און הומאָרפולע פעליעטאָנען, וווּ ער שטעלט אַוועק די יידישע געזעלשאַפט אין אַ קרומען שפּיגל.

כאָטש נישט אַלע שרייבער האָבן אָנטייל גענומען אין ערשטן יידישן אַלמאַנאַך, איז אָבער דאָס זאַמל־בוך געווען אַ וויכטיקע דאַטע אינעם היגן קולטור־לעבן און האָט צוגעגעבן אָנזען דער ליטעראַרישער משפּחה. מען איז געוואויער געוואָרן אין דער וועלט, אַז ס׳איז צוגעקומען אויף דער יידישער מאַפּע אַ נייער קאָנטינענט, וווּ די יידישע ליטעראַטור האָט זיך גענומען אויספּיקן.

## צווייטער פעריאָד — ערב און בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה

א יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אַנגעקומען קיין מעל־בורן א גרופּע יידישע שרייבער, וואָס האָט דאָס היגע קולטור־לעבן צוגע־געבן מער שוואונג און עס אַרויסגענומען פון די אַביסל פּראָווינציאַנעלע באַדינגונגען, וואָס האָבן געהערשט אויף דער יידישער גאַס. די שרייבער זענען נישט געווען אָרגאַניזירט, נאָר באַזונדערע יחידים זענען געקומען כמעט אין דער זעלבער צייט, ווען אין פּוילן האָט דער פאַשיסטישער רעזשים פאַרצויגן אַלץ שטאַרקער די פּעטליע אויפן האַלדז פון די יידישע בירגער.

ס׳זענען דעמאָלט געקומען: בונם וואַרשאַווסקי, א. זבאַר, ש. מאַראַנץ, י. גיליגיטש, י. קאַהאַן, ח. ראָזנשטיין, ש. בענעט, י. בירשטיין און דער מחבר פון די שורות. פון ליטעראַטור האָבן זיך די שרייבער נישט געקאָנט מפרנס זיין, אָבער דער שאַפונגס־דראַנג האָט זיך פון זיי נישט אָפּגעטון. ביי די שווערסטע אומשטענדן האָבן זיי ווייטער געשריבן און פאַרעפנט־לעכט זייערע זאַכן אין דער וואָכן־צייטונג „די אויסטראַלישע יידישע נייעס״, וואָס עס האָט רעדאַגירט דעמאָלט חיים רובינשטיין ע״ה, א ייד א תלמיד־חכם און א משכיל. חיים רובינשטיין האָט אין דעם וואָכן־בלאַט געשריבן אויפקלערערישע לייט־אַרטיקלען, וואָס האָבן געהאַט זייערע געשווירענע לייענער. ער האָט אויך געפּרוווט אַרויסגעבן א ליטעראַרישן זשורנאַל, כדי איינצוזאַמלען און צו געבן א גייסטיקן דאַך איבערן קאָפּ די ניי־אַנגעקומענע פּען־מענטשן. דער זשורנאַל האָט אָבער נישט געהאַט קיין אריכת־ימים.

די ניי־אַנגעקומענע פּען־מענטשן האָבן, יעדער אויף זיין שטייגער, צוגעטראָגן זייער צושטייער צום היגן יידישן שאַפן. בונם וואַרשאַווסקי ע״ה פאַרעפנטלעכט א פּאָעמע „די פאַרלוירענע בת־מלכה״, וואָס איז אַן איבערדיכטונג פון ר׳ נחמן בראַסלאַווערס „מעשה מאבידת בת־מלך״. דאָס בוך האָט אויסגענומען ביים לייענער און געהאַט א גוטע קריטיק. א. זבאַר שרייבט אַרטיקלען און עסייען וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען, וואָס האָבן א שייכות צו קונסט. באַזונדערס וואַרעם און מיט אָפענע אָרעמס נעמט ער אויף אין דער פּרעסע די קולטור־שליחים, וואָס קומען באַזוכן אונדזער ישוב. א. זבאַר באַזיצט א גוטע פּעדער און זיין צוגאַנג צו דער טעמע איז כמעט אַלעמאָל ענטוזיאַסטיש און מיט יוגנטלעכן ברען. יצחק קאַהאַן איז אַן ערנסטער עסייאיסט. ער טראַכט אַלעמאָל גוט אַדורך זיינע טעמעס. אַז ער באַהאַנדלט א שרייבער, שטודירט ער פריער גוט אַדורך זיינע ווערק און אַלץ וואָס איז וועגן אים געשריבן געוואָרן און ערשט שפּעטער גיט ער זיין אייגענע אָפּשאַצונג און פּירוש. מחמת דעם

זענען זיינע ארבעטן וואגיק און ערנסט. לעצטנס איז דערשינען דאָ זיין בוך „פונקען און פלאַמען".

בעת מען רעדט מיטן פעדאַגאָג י. גיליגיטש, וועלכער איז דער פאַר־וואַלטער פון דער י. ל. פרץ־שול אין מעלבורן, האַלט ער זיך נישט פאַר קיין שרייבער. אָבער דאָס איז זיכער מחמת עניוות, וואָרן ער באַרייכערט אונדזער פרעסע מיט אַרטיקלען וועגן פעדאַגאָגיק און אַנדערע קולטור־פּראָבלעמען. ש. מאַראַנץ איז אַ פעדאַגאָג, וואָס האָט זיך אין אויסטראַליע גענומען צו דער פעדער. ער איז שוין געווען רעדאַקטאָר פון ביידע וואָכן־צייטונגען — פון „די יידישע פּאָסט" און „די אויסטראַלישע יידישע נייעס" — וו ער האָט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען, וואָס האָבן זיך אויס־געצייכנט מיט אינפאָרמאַטיווער רייכקייט און זאַכלעכקייט. ח. ראָזנשטיין שרייבט עסייען, אָבער דער עיקר באַהאַנדלט ער טעאַטער־פּראָבלעמען, אין וועלכע ער איז אַ בקי און ער האָט געשריבן אַזאַ אַנגעזעענע אַרבעט ווי ס'איז די געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין אויסטראַליע. ער האָט פאַרעפנטלעכט צוויי פּיעסן: „מגילת ברוך טראַסק" און „די דריטע זייט פון מעדאַל". ש. בענעט שיקט קאָרעספּאָנדענצן וועגן אויסטראַליע קיין אויסלאַנד און דרוקט יעדע וואָך פעליעטאָנען אין דער לאָקאַלער פרעסע. אויך ק. ברוקס דרוקט פון צייט צו צייט פעליעטאָנען אין די היגע אויס־גאַבעס.

דאָס רוב יידישע ישובים האָבן אַן איבערוואָג פון דיכטער אין זייער ליטעראַטור — אָבער מיר האָבן קיין דיכטער נישט געהאַט. וועל איך דאָ אַרויסהייבן יאָסל בירשטיין, דעם יונגן טאַלענטירטן דיכטער, וואָס האָט פאַרעפנטלעכט אַ בוך לידער וועגן יידישער איינזאַמקייט אין אויסטראַ־ליע „אונטער פרעמדע הימלען". בירשטיין איז היינט אין ישראל און איז דער מחבר פון ראָמאַן וועגן קיבוץ־לעבן „אויף שמאָלע טראָטואַרן", וואָס האָט געהאַט אַ סך דערפאָלג. אויך ק. שאַרף האָט פאַרעפנטלעכט אַ בוך לידער אין מעלבורן.

במשך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט געלעבט אויפן פינפטן קאָנטינענט ד"ר נחמן שטיינבערג, וואָס איז געקומען אַהער מיטן פּראָיעקט צו באַזעצן יידן אין קימבערליי — אַ נישט־באַוווינטער, כמעט מדברדיקער שטח. ער האָט פאַרעפנטלעכט אין שייכות מיט זיין פּראָיעקט אַ בוך „געלעבט און געחלומט אין אויסטראַליע", וו ער שילדערט דאָס לאַנד אין אַ פּובליציסטיש־בילדערישער שפּראַך, פול מיט שבחים פאַר דער רייכקייט פון דער נאַטור.

צו יענער צייט איז דערשינען דער צווייטער אויסטראַליש־יידישער אַלמאַנאַך, אַ מין המשך פון ערשטן, וואָס די קולטור־אינסטיטוציע

„קדימה" האט ארויסגעגעבן. עס האבן זיך ארום דעם אלמאנאך גרופירט א ריי שרייבער. די רעדאקטארן פונעם אלמאנאך זענען געווען: פנחס גאלדהאר, בונם ווארשאווסקי, הערש מינץ און דער מחבר פון דעם ארטיקל.

באלד נאכן אלמאנאך איז דערשינען דאס זאמלבוך „צושטייער" מיט דער באטייליקונג פון שרייבער־פּליט אברהם שולמאן, וואס איז אנגעקומען אהער פון שאנכיי בעת דער מלחמה. דעמאלט איז אויך אנגעקומען יעקב וואקס, וואס איז געווען געזעלשאפטלעך און שרייבעריש טעטיק. די נאענטע מיטארבעטער פונעם „צושטייער" זענען געווען פנחס גאלדהאר, אהרן פאטקין, אברהם שולמאן, יאסל בירשטיין. מיט זיין אימפולסיווקייט און רירעוודיקייט האט שולמאן זייער פיל אויפגעטאן פארן ישוב. א טאלענטירטער עסייאיסט און זשורנאליסט, איז ער נישט בלויז אליין געווען זייער אקטיוו ליטעראריש, נאר ער האט אויך סטימולירט, אז אנדערע זאלן דאס זיין. שולמאן איז געווען א פערמאנענטער מיטארבעטער פון „די אויסטראלישע יידישע נייעס", וו ער האט געדרוקט פיינע פעליעטאנען און הומארעסקעס. ער איז געווען דער איניציאטאר פונעם „צושטייער" און שפעטער פון דעם חודש־זשורנאל „אויפבוי", וואס איז דערשינען לפי ערך צוויי יאר צייט אן איבערייס. „אויפבוי" איז רעדאגירט געווארן פון א קאלעגיע און איז געווען די היים פארן רוב היגע פעןֿ־מענטשן. דער שרייבער פון די שורות האט אין די צוויי אויבנדערמאנטע פעריאדישע אויסגאבן פארעפנטלעכט צוויי ראמאנען, וואס זענען שפעטער דערשינען אין בוך־פארם. אין „צושטייער" האט זיך געדרוקט „צווישן הימל און וואסער", וואס איז דערנאך דערשינען אין ענגליש און איז אויסגעצייכנט געווארן מיט א גאלדענעם מעדאל פארן בעסטן בוך פונעם יאר. אין „אויפבוי" האט זיך געדרוקט אין המשכים „א שטאט אין פוילן". נאך פאר די ראמאנען איז ארויס זיינס א בוך דערציילונגען „דאס נייע הויז".

## דריטער פעריאד — נאך דער צווייטער וועלט־מלחמה

נאך דער צווייטער וועלט־מלחמה האט זיך די שרייבער־משפחה אין מעלבורן ווידער פארגרעסערט מיט כוחות, וואס זענען געקומען פון שאנכיי, פון רוסלאנד, פון פוילן און פון די שארית־הפליטה־לאגערן אין דייטשלאנד. דאס רוב פון שרייבערס איז דורכגעגאנגען די היטלעריסטישע שבעה־מדורי־גיהנום און געהאפט דא צו געפינען א מקום־מקלט.

אזוי גיך ווי אויסטראליע האט נאך דער מלחמה אויפגעמאכט אירע טויערן זענען אהער געקומען פון שאנכיי: י. ראפאפארט און בער י. ראזען.



א גרופע יידישע שרייבער אין מעלבורן אין אנהויב פופציקער יאָרן
פון רעכטס צו לינקס (ערשטע ריי): א. זבאַר, י. וואַקס ע״ה, י. ראַפּאָפּאָרט, ג. שאַיאַק, מ. באַלבערישסקי, י. שפּערלינג.
(צווייטע ריי): י. קאַהאַן, ל. פרידמאַן, י. וויצענטאָווסקי, אַ. פּשעדבאָרסקי, י. אָרבאַך.

י. ראפאפארט איז א באקאנטער קריטיקער און ער האט אין פוילן פארנומען א בכבודיק ארט אין דער יידישער ליטעראטור. ער האט דארט פארעפנטלעכט א ריי ביכער מיט קריטיק, ווו ער האט געמאכט א שפאציר איבער דער יידישער ליטעראטור און איבער גרויסע שטחים פון דער וועלט-ליטעראטור. אין מעלבורן איז ראפאפארט ממשיך זיין שרייבערישע קאריערע און ער איז דא ווייטער שטארק פראדוקטיוו. כ'וועל אויסרע־כענען די ביכער, וואס י. ראפאפארט האט פארעפנטלעכט די לעצטע יארן: „ערשטער שניט נאכן שטורעם", „העלדן און קרבנות פון דער אי־בערגאנגס-צייט", „טראפנס גלויבן", „אויסגעריסענע בלעטער", „תנ"ך־אימפראוויזאציעס", „פייערלעך אין נעפל", „זוימען אין ווינט". צוויי ביכער זענען פרעמירט געווארן. חוץ דעם וואס ראפאפארט פארנעמט זיך מיט אנאליטישער קריטיק און ער באהאנדלט שרייבער און ביכער אין דער יידישער פרעסע אין אויסלאנד און אין די היגע אויסגאבעס, האט ער א צייט לאנג רעדאגירט „די אויסטראלישע יידישע נייעס". ער האט איצט זיין שטענדער אין „די יידישע פאסט", ווו ער איז רעדאקטאר און שרייבט לרוב וועגן פאליטישע און געזעלשאפטלעכע פראבלעמען. בער י. ראזען איז געקומען קיין מעלבורן מיט א סטאזש פון א שרייבער, וואס האט הינטער זיך א בוך דערציילונגען „רויע ערד" און יארן דערפא־רונג אלס זשורנאליסט. ער האט געשריבן הי זיינע פארטרעטן וועגן יידישע שרייבער און ארטיקלען וועגן יידישע אקטועלע פראגן. די פארטרעטן פאר־מאגן א בענקענדיקן נאסטאלגיע-טאן און די ארטיקלען א ווארעמען אטעם. ראזען איז אין מעלבורן געגאנגען פאראויס. ער האט אנגעשריבן דא צוויי ביכער: „טלאמאצקע 13" און „פארטרעטן". נאך זיין פריצייטיקן טויט האט א גרופע פריינד ארויסגעגעבן זיינע „געקליבענע שריפטן".

ס'האט נישט לאנג געדויערט און ס'זענען אנגעקומען קיין אויסטרא־ליע שרייבער פון די די.פי.-לאגערן אין דייטשלאנד, פון פראנקרייך, פון רוסלאנד, און פון אנדערע מקומות, ווו די מלחמה האט זיי פארטריבן. עס האבן זיך כמעט אין איין צייט באזעצט אין מעלבורן: שבע גלאס־ווינער מיט איר מאן דעם דיכטער י. ווינער, מ. אייזענבוד, י. שפערלינג, י. וויצענטאווסקי, א. פשעדבארסקי, מ. באלבערישסקי. זיי אלע האבן אנגעהויבן צו דרוקן וועגן זייערע ענויים-קשים אין די בלוטיקע ימי־היטלער.

שבע גלאס-ווינער דרוקט דערציילונגען דאס רוב וועגן די פארניכ־טונגס-לאגערן, ווו זי איז אליין געווען. די דערציילונגען פארמאגן א סך געפיל און זענען רירנדיק, כאטש זי מיידט אויס הויכע טענער. מ. אייזענ־בוד פארעפנטלעכט דערציילונגען וועגן שטעטל אין דער אלטער היים און




**ערשטע יידישע קולטור-קאָנפערענץ אין אויסטראַליע
אין יאָר 1948**

אויבן: דער פרעזידיום־טיש. (פון רעכטס צו לינקס): ש. גאָלדשטיין, ש. ראָט, ישראל שער ע"ה, ה. מונץ (פירט דעם פאָרזיץ), י. ריימער, ח. ראָזענבעס, י. לענג, ב. ראָזען.

אין מיטן: אייניקע רעדנער אויף דער קאָנפערענץ: א. מאַשין ע"ה, ד"ר ב. סוראָוויטש ע"ה, ד"ר א. צימערמאַן, י. ראַפּאָפּאָרט.

אונטן: אַ טייל פון דעם גרויסן עולם אין זאַל.

וועגן זיינע נע־ונד יארן אין ראטנפארבאנד. ער איז א גוטער אבסערוואטאר און שילדערער. ער האט ארויסגעגעבן צוויי ביכער: „געלעבט הינטער קראטן" און „ניעסוויזשער יידן"; י. שפערלינג דרוקט ארטיקלען און רעפארטאזשן, וואס צייכענען זיך אויס מיט א לעבעדיק־בילדערישער שפראך. ער שרייבט וועגן זיינע נע־ונעד־יארן אין אוזבעקיסטאן און וועגן די די.־פי.־לאגערן אין דייטשלאנד. א. פשעדבארסקי האט אנגעהויבן מיט לידער און האט זיך איבערגעווארפן אויף דערציילונגען. י. וויצענטאווסקי דרוקט רעצענזיעס וועגן ביכער. מ. באלבערישסקי האט זיך ענערגיש גענומען אקלימאטיזירן אינעם היגן יידישן ישוב און עס זענען אים באלד קלאר געווארן די אלע פלאנטערנישן פון דער מעלבורנער געזעלשאפט. ער האט גענומען זאגן זיין מיינונג אין דער פרעסע.

אין יענער צייט, ווען די רעשטלעך לעבן־געבליבענע יידן האבן פארלאזט אייראפע און האבן עמיגרירט אין די מעבר־לים־לענדער, זענען אויך די ניצול־געווארענע שרייבער מיטגעגאנגען מיט זיי. קיין אויסטראליע האבן אנגעהויבן אנצוקומען שיפן מיט פליטים און צווישן זיי אויך שרייבער. כ׳וועל דא דערמאנען גדליה שאיאק און אברהם ציקערט. שאיאס באנוצט זיך כמעט מיט אלע ליטערארישע פארמען. ער שרייבט דערציילונגען, לידער, דראמעס, ארטיקלען. ער האט ארויסגעגעבן א בוך דערציילונגען „אין שאטן פון האקן־קרייץ", ווו ער שילדערט מיט איבערצייגנדיקע בילדער די גרויליקע טעג, ווען פוילן איז באפאלן געווארן פון די היטלערישע חיילות. דאס בוך געהערט צו די ערשטע חורבן־ביכער אין אונדזער ליטעראטור. שאיאק האט רעדאגירט לאנגע יארן „די יידישע פאסט". חוץ „אין שאטן פון האקן־קרייץ", האט ער פארעפנטלעכט נאך עטלעכע ביכער אין פארמלחמהדיקן פוילן. א. ציקערט איז א מאדערנער פאעט, וואס קען זיך גוט אויס אין אלע שטרעמונגען פון דער היינטצייטיקער פאעזיע און ער ווייסט וויאזוי די שטרעמונגען צו אדאפטירן און צו פאראייגענען. זיינע לידער פארמאגן שוואונג — דער פערז איז עלאסטיש און פארביק.

צו דער חורבן־ליטעראטור, וואס איז געדרוקט געווארן דא־הי, דארף מען צורעכענען דאס בוך פון רפאל רייזנער „דער אומקום פון ביאליסטאקער יידנטום". אויך ל. פרידמאן האט ארויסגעגעבן א בראשור וועגן זיין היים־שטאט מעזריטש אונטער דער דייטשער אקופאציע. ל. פרידמאן — א געוועזענער אספיראנט פון ייוו"א — איז געוועזן איינער פון די ערשטע רעדאקטארן פון „די יידישע פאסט" און אונטער זיין געוויסנהאפטער רעדאקציע איז די צייטונג געשטאנען אויף א ניווא, ווייל ער איז א זשורנאליסט וואס ווייסט צו וואס ער צילט און וואס ער וויל.



ה. לייוויק טרויער-אָוונט אין 1963
פון רעכטס צו לינקס:
ה. בערגנער (רעדט), י. שפערלינג, ס. בורשטין, י. קאַהאַן, ה. מונץ, י. גיליגיטש.

ווי עס איז צו זען האָבן זיך די רעדאַקטאָרן פון די צוויי וואָכן־ציַיטונגען אָפּט געביטן — אָבער לעצטנס איז שוין י. רובינשטיין היפּשע יאָרן רעדאַקטאָר פון „די יידישע נייעס", ווו ער שרייבט אונטער פאַרשידענע נעמען. כאָטש די ציַיטונגען לעבן נישט בשלום צווישן זיך און נישט אַלע שרייבער האָבן די זכיה צו דרוקן אין ביידע ציַיטונגען אין דער זעלבער ציַיט, איז הרב י. ראַפּאַפּאָרט פּריווילעגירט. ער דרוקט אין ביידע ציַיטונגען זיינע בקיאותדיקע עסייען וועגן די מנהיגי־הדור אין אונדזער געשיכטע. לעצטנס האָט ער אַרויסגעגעבן צוויי ביכער אין יידיש. אפנים, אַז ד"ר מ. פערשטענדיג געהערט אויך צו די אויסנאַמען, ווייל מיר טרעפן זיינע פּיקחותדיק־בליציקע קאָמענטאַרן וועגן יידישער־און וועלט־פּאָליטיק אין ביידע וואָכן־בלעטער.

## פּערטער פּעריאָד — די היינטיקע ציַיט

מעלבורן האָט נישט קיין מזל צו אירע ליטעראַרישע זשורנאַלן. זיי גייען אויף און ווייזן זיך שיין — אָבער איידער זיי צעבליִען זיך מיט שפע, הויכן זיי אויס די נשמה. דעם זעלבן גורל האָט אויך געהאַט דער ליטעראַרישער זשורנאַל „מעלבורנער בלעטער", וואָס דער שרייבער־פאַראיין האָט אַרויסגעגעבן. אַרום דעם זשורנאַל האָבן זיך גרופּירט דיכטער און פּראָזאַאיקער און עס וואָלט דאָ אוודאי געפונען אַ היים י. קערש, וועלכער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געקומען פון פּוילן. י. קערש, וואָס איז פון בארוף אַ פּעדאַגאָג, שרייבט קריטיק. זיינע עסייען וועגן ליטעראַטור, און אויך וועגן פילאָזאָפיע, פאַרמאָגן אַ איינפאַל און אַ געוואַגטקייט און האָבן אַ צוגעגרייטע באַזע פון וויסן. אינעם ליטעראַרישן זשורנאַל, וואָס האָט נישט מאריך ימים געווען, וואָלטן זיכער אויך געפונען אַ פּלאַץ דער פאָלקלאָריסט י. טאַוב, און י. מ. לעוויז, וואָס האָט פאַרעפנטלעכט לעצטנס אַ בוך געפּילפּולע לידער „טריבע הימלען" און דער טיכטיקער ביבליאָגראַף ב. עזראַוויטש, וואָס וואָלט מיט זיין ענטוזיאַזם פאַרן יידישן בוך, פּיל צושטייער געגעבן צו דער אויסגאַבע.

אויב דער דערמאָנטער זשורנאַל האָט נישט געהאַט קיין אריכת־ימים, האָט די אויסגאַבע „אונדזער געדאַנק", וואָס איז „בונדיש" אָריענטירט, יאָ אַ לאַנג לעבן און דערשיינט פּערמאַנענט. צו די הויפּט־מיטאַרבעטער פון „אונדזער געדאַנק" געהערן די זשורנאַליסטן ה. באַכראַך, י. אַרבאַך און ב. ווינער. דער זשורנאַל האָט אַ פּיעטעט פאַר יידיש און אַן אָפענע טיר פאַר ליטעראַטור.

לעצטנס דערשיינט דאָ אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע „דער לאַנדסמאַן", אַרויסגעגעבן פון דער פעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, אַרום וועלכן




אויף דעם פייערלעכן י. ל. פּרץ-אָוונט אין „קדימה" צו פּרצ'עס 50-יאָריקן יאָרצייט.

**אויבן:**
פּרעזידיום־טיש. (פון רעכטס צו לינקס): מ. אייזענבוד, ל. פרידמאַן, י. מ. לעווין, ה. בערגנער, ש. באַכראַך (פון טשילע), הרב ד"ר י. ראַפּאַפּאָרט, י. שפערלינג, י. ריימער און י. קאַהאַן (האַלט אַ רעפעראַט).

**אין מיטן:**
אַ טייל פון דער י. ל. פּרץ־אויסשטעלונג, — מיט ב. עזראָוויטש און ש. טיגעל, וועלכע האָבן געגרייט די אויסשטעלונג.

**אונטן:**
אַ טייל פון דעם גרויסן עולם אין זאַל. משה פּאָטאַשינסקי רעציטירט „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק".



אויפֿן אָוונט לכבוד י. ראַפּאָפּאָרט צום דערשיינען פֿון זיין בוך „תנ"ך־אימפּראָוויזאַציעס" אין יאָר 1961.

(פֿון רעכטס צו לינקס): י. ריימער, י. גיליגטש, ש. ווין, פּרוי ראַפּאָפּאָרט, י. ראַפּאָפּאָרט, פּרוי פּ. בורשטין, ס. בורשטין (רעדט), ל. פֿרידמאַן, ב. עזראָוויטש, ה. באַכראַד.



אויפֿן אָוונט לכבוד מ. אייזענבודם בוך „ניעסוויזשער יידן" אין יאָר 1965.

(פֿון רעכטס צו לינקס): ה. באַכראַד, י. קערש, מ. אייזענבוד (רעדט), י. ריימער, רחל האָלצער, י. גיליגיטש, ב. עזראָוויטש, ש. באַכראַד (פֿון טשילע).



**אַנטיילנעמער אויף דעם אָוונט לכבוד הערץ בערג־נערס בוך „ווו דער אמת שטייט אײַן", אין 1965.**

פון ר. צו ל.: פרידמאַן, פ. בלאַק, הערץ בערגנער, רחל האָלצער, י. קערש, י. ריימער און י. קאַהאַן.



**אויפן אָוונט לכבוד יצחק קאַהאַנס בוך „פונקען און פלאַמען", אין 1965.**

פון ר. צו ל.: ל. פרידמאַן, ש. באַכראַך (טשילע), י. קערש (רעדט), ה. בערגנער, י. ריימער, יצחק קאַהאַן און פרוי חנה קאַהאַן.

עס גרופּירט זיך אַ טייל פֿון די היגע יידישע שרייבער. לאָמיר האָפֿן, אַז דער זשורנאַל וועט האָבן אריכת־ימים.

עס דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן דער דיכטער מ. זאַלצמאַן, וועלכער האָט געלעבט אין מעלבורן איייניקע יאָרן נאָכן אַרויספֿאָרן פֿון פּוילן. זאַלצמאַן האָט אַרויסגעגעבן אין פּוילן אַ בוך לידער. ער איז אַ ליריש־צאַרטער דיכטער, וואָס טוט תּפֿילה בלחש.

עס מוז דאָ געזאָגט ווערן, אַז נישט בלויז מעלבורן, וואָס איז די ירושלים דאַויסטראַליע, האָט פֿאַרכאַפּט אינגאַנצן פֿאַר זיך דאָס יידישע וואָרט, נאָר אויך סידנעי פֿאַרמאָגט אַ ליטעראַרישע גרופּע. דאָס ערשטע אָרט אין דער גרופּע געהערט צו ד״ר א. צימערמאַן, וואָס איז אַ שטענ־דיקער מיטאַרבעטער אין „די אויסטראַלישע יידישע נייעס". צו זיין חשוב און וואָגיק וואָרט הערט מען זיך שטאַרק צו. אין סידנעי לעבן אויך: דער פּראָדוקטיווער פּעליעטאָניסט ש. מירעלס, דער ביבליאָגראַף מ. אַלעקסאַנדער און דער עסייאיסט ה. בערעזניאַק.

צום סוף וויל איך אויך דערמאָנען, אַז דער מחבר פֿון דעם אַרטיקל האָט לעצטנס פֿאַרעפֿנטלעכט דריי ביכער, וואָס גיבן זיך אָפּ אינגאַנצן מיט דער אויסטראַלישער טעמאַטיק — אַ בוך דערציילונגען „דאָס הויז פֿון דזשייקאָב אייזיקס" און אַ ראָמאַן „ליכט און שאָטן". דער ראָמאַן, וואָס איז פּרעמירט געוואָרן, איז איבערגעזעצט געוואָרן אין ענגליש דורך עליק ברייזבלאַט. דאָס דריטע בוך איז אַ באַנד דערציילונגען „ווו דער אמת שטייט איין", אַרויסגעגעבן מיט דער פֿינאַנסיעלער הילף פֿון ס. בורשטין און זיינע זין צום אָנדענק פֿון פֿייגע בורשטין ע״ה.

---

כ׳האָב זיך באַמיט צו געבן אַן אָביעקטיוו בילד פֿון דעם יידישן געדרוקטן וואָרט אין אויסטראַליע. עס איז נאָך צו פֿרי צו זאָגן, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ יידישע ליטעראַטור אויפֿן פֿינפֿטן קאָנטינענט — אָבער עס זענען דאָ פּאָטענציאַנעלע מעגלעכקייטן, אַז דאָס זאָל געשען אין דער נאָענטער צוקונפֿט. ווען די יידישע שעפֿער אין מעלבורן וואָלטן אַרויס־געוויזן מער גוטן ווילן און געפֿונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך, וואָלטן זיי געהאַט אַ שטענדיקע ליטעראַרישע טריבונע, ווו זיי וואָלטן געקאָנט פֿאַר־עפֿנטלעכן זייערע זאַכן און נישט געדאַרפֿט אָנקומען צו פֿרעמדע טישן. עס זענען דאָ סימנים לויט דער אָפּגעטוענער אַרבעט, אַז פֿון די פֿאַר־זייטע קערנער פֿונעם יידישן געדרוקטן וואָרט וועלן אַמאָל אויפֿגיין אין אויסטראַליע די זאַנגען פֿון אַ יידישער ליטעראַטור.

# ווי אַנדערע
# זעען אונדז

ד״ר חיים שאָשקעס

# מיט יידן אין אויסטראַליע

## (איינדרוקן פון א באַזוך)

אין זומער פון יאר 1961, בין איך צום דריטן מאָל געפֿלויגן קיין אויסטראַליע.

די ערשטע צוויי וויזיטן זענען געווען אין שליחות פון דער עמי־גראַציע־געזעלשאַפט „האיאס" און דער דריטער אין שליחות פון „ייווא".

מיט צוועלף יאר צוריק האָט אויסטראַליע פאַרמאָגט נאָר אַכט מיליאָן מענטשן, כאָטש דער שטח אירער איז אַזוי גרויס ווי פון די פאַראייניקטע שטאַטן. איצטער פאַרמאָגט שוין אויסטראַליע מער ווי צען מיליאָן איינוווינער, — א גרויסער צו־וווּקס אין רעזולטאַט פון דעם אינטענסיוון זוכן פון אימיגראַנטן, וואָס די רעגירונג האָט דורכגעפירט דורך ספּעציעלע קאָמיטעטן אין אַלע נאָך־מלחמה לאַגערן.

די יידישע באַפעלקערונג איז מיט צוועלף יאר צוריק געווען אַזוי גרויס ווי עפּעס מער פון פערציק טויזנט. איצט (כן ירבו) ווערט זי גע־רעכנט אויף קרוב זיבעציק טויזנט, — אויך א באַדייטנדער צו־וווּקס, נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די אויסטראַלישע רעגירונג האָט נישט געשיקט קיין ספּעציעלע קאָמיסיעס אין די לאַגערן אויסצוזוכן יידישע אימיגראַנטן...

דער רעזולטאַט איז, אַז דאָס יידישע פאָלקס־לעבן אין אויסטראַליע, ספּעציעל אין מעלבורן, האָט דורך דעם ניי־געקומענעם פרישן אימי־גראַנטן־שטראָם, זיך צעבליט און פאַרשטאַרקט.

אין מעלבורן האָט זיך די צאָל יידן, זינט מיין ערשטן באַזוך, כמעט ווי פאַרטאָפּלט און ציילט איצט מער ווי 30 טויזנט נפשות; אין סידנעי לעבן אַרום 25 טויזנט נפשות. די איבעריקע אין פּערט (3 טויזנט); בריזביין — 2 טויזנט; אַדעלייד — אַרום טויזנט פינף הונדערט, און אין קלענערע צאָלן זענען יידן צעוואָרפן איבערן גאַנצן שטח פון לאַנד. אַמווייניקסטנס זענען זיי אויפן אינדזל טאַסמאַניע (ווייניקער ווי הונ־דערט נפשות).

די יידישע קהילות זענען אָרגאַניזירט אין דער פאָרם פון ראַיאָן־באָארד אָף דעפּיוטיס (רעפּרעזענטיווע ראַטן), וועלכע זענען אַלע פאַר־אייניקט אין א צענטראַלן ראַט, וואָס בייט זיין זיץ פּעריאָדיש: אַמאָל

אין מעלבורן, אַמאָל אין סידנעי. און אויסער דעם איז פאַראַן אַ פּאַר־שפּרייטע נעץ פון פילאַנטראָפּישע, ציוניסטישע, דערציערישע און ספּאָרט־אינסטיטוציעס, און אַ סך אַנדערע, וואָס נעמען אַריין אין זיך בוכשטעבלעך אַלע צווייגן פון דער יידישער עלטערער און יוגנט־באַפעלקערונג.

פאַר איינעם, וואָס קומט פון אַמעריקע, ווו דאָס יידיש געזעל־שאַפטלעך לעבן איז אַזוי כאַאָטיש אָרגאַניזירט, איז געווען אַ נחת־רוח זיך צוזען, ווי די זיבעציק טויזנט יידן אין אויסטראַליע, אייגנטלעך אַזוי פיל יידישע נפשות ווי אַ 2־3 גאַסן־בלאָקן ערגעץ אין ברוקלין, איז אַזוי מוסטערהאַפט אָרגאַניזירט.

פאַרשטייט זיך, איך פאַרנעם זיך נישט אין די ראַמען פון איין אַרטיקל צו געבן אַפילו אַ קאָנדענסירטן בילד פון פיל־פאַרביקן יידישן לעבן אין אויסטראַליע: וועל איך זיך מוזן באַגרענעצן דאָס מאָל צו דעם קרייז פון יידן, וואָס לעבן זיך אויס אָדער ווייזן אַרויס אַן אינטערעס אין יידיש.

לאָמיר אָנהויבן פון דער אינסטיטוציע, וועמענס **פופציק־יאָריקער** יובל איז אויסגעפאַלן אין דעצעמבער 1961.

מיט פופציק יאָר צוריק זענען קיין יידיש־רעדנדע יידן אין אויסט־ראַליע כמעט נישט געווען: דער קליינער ישוב איז באַשטאַנען מערסטנ־טייל פון יידן, געקומענע פון ענגלאַנד.

נאָך דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, אין יאָר 1905, האָט זיך אָנ־געהויבן דער ערשטער גרעסערער שטראָם פון רוסלאַנד און פוילן, און זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך די נייע תקופה פון יידישן רענעסאַנס, וואָס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אין דער אַלטער היים. זענען שוין געקומען ציוניסטן און סאָציאַליסטן, אייניקע יידישע שרייבער און אַ ביסל דער־ציערס. מיט זייער מיטאַרבעט איז די „קדימה״ מיט פופציק יאָר צוריק געשאַפן געוואָרן. עס האָט געדאַרפט ווערן און איז טאַקע געוואָרן די אינסטיטוציע, ווו די נייע אימיגראַנטן האָבן זיך אויסגעלעבט יידיש־פאָלקסטימלעך און האָט געדינט אַלס פעסטונגס־וואַנט קעגן דער אַסי־מילאַציע. דער ניי־געקומענער יידיש־רעדנדיקער עלעמענט האָט די „קדימה״ איבערגענומען און זי איז געוואָרן די „מוטער״ פון אַ ריי ערנסטע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען אין אויסטראַליע אויפגעשטאַנען אין משך פון די אַלע יאָרן: „די יידישע הילפס־פאָנדן״, וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל ביים העלפן איינאָרדענען די ניי־אָנגעקומענע, — די י. ל. פּרץ שול (אין יאָר 1935), די שלום עליכם שול און, אין די דרייסיקער יאָרן, די פרעסע אויף יידיש. איצט פאַרמאָגט מעלבורן צוויי

ייִדישע וואַכנצייטונגען מיט אַ גרויסן קרייז לייענער און אויף אַ באַ־דייטנדן ליטעראַרישן ניוואָ.

פון „קדימה" אויס האָבן זיך אָרגאַניזירט צענדליקער לאַנדסמאַנ־שאַפטן (די ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט, למשל, פאַרמאָגט אַן איי־גענע געביידע, רייכע ביבליאָטעק א.ד.ג.).

די פאָרלעזונגען, וואָס „קדימה" אָרדנט איין אין ייִדיש פון אייגענע און פון דער פרעמד איינגעלאַדענע שרייבער און לעקטאָרן, זענען זייער פּאָפּולער און ווערן מאַסנווייז באַזוכט. נישט אַלע מאָל קאָן דער גרויסער זאַל אַריינגעמען אַלע צוהערער, ווי דאָס איז געווען דער פאַל, בעת אַלס געסט זענען געקומען די שרייבער א. סוצקעווער און ד. ב. מאַלקין פון ישׂראל און אויך דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות.

אגב, איז כאַראַקטעריסטיש צו דערמאָנען דעם פאַקט, וואָס בעת מיין אייגענער פאָרלעזונג וועגן אַ באַזוך אין ראַטן־פאַרבאַנד, זענען די צוהערער געקומען מיט אייניקע הונדערט אייגענע אויטאָמאָבילן, וואָס כאַראַקטעריזירט אויך אין אַ געוויסער מאָס די מאַטעריעלע פּראָספּעריטי פון ייִדיש־רעדנדן טייל פון ישוב, ספּעציעל די ניי־געקומענע, וואָס האָבן זיך ביסלעכווייז, אָבער גענוג שנעל, אַרויפגעאַרבעט.

ייִדיש האָט זיך אויך דורכגעבראָכן אַ וועג אויף די זיצונגען פון מעלבורנער „באַאַרד אָף דעפּיוטיס", ווו פאָרשטייער פון „קדימה", לאַנדסמאַנשאַפטן און די ייִדישע שולן רעדן ייִדיש.

אויך אַ ליובאַוויטשער ישיבה פאַר אייניקע הונדערט תּלמידים, איז די לעצטע יאָרן געשאַפן געוואָרן אין מעלבורן. פאַרשטייט זיך, זענען די לימודים קודם פאַרטייטשט אויף ייִדיש, און די ישיבה איז דעריבער אויך אַ שטאַרקער פּאָזיטיווער פאַקטאָר, נישט נאָר אויפן ייִדישן, נאָר אַפילו אויפן ייִדישיסטישן פראָנט. עס איז ווערט אויך צו דערמאָנען דעם „מאַונט סקאָפּוס", דעם ייִדישן לערן־אַנשטאַלט אויף ענגליש, מיט אַ צאָל שעהן אויף העברעאיש, ווו לערנען זיך און ווערן דערצויגן אין נאַציאָנאַלן גייסט 1500 קינדער, אויך אַנדערע טאָג־שולן („מוריה", עדת ישׂראל) און ניין קינדער־גאָרטנס.

ספּעציעלע ייִדיש־זונטיק־שולן זענען טעטיק אין די סינאַגאָגעס און טעמפּלען. צוזאַמען, קאָן מען זאָגן, אַז זעלטן ווען אַ ייִדיש קינד געפינט זיך אין מעלבורן אויסער די ראַמען פון אַ געוויסער דערציאונג אין ייִדישקייט.

ערגער איז די לאַגע אין סידנעי, ווו די אַסימילאַציע־שטראָמען זענען שטענדיק שטאַרקער געווען ווי אין מעלבורן. פאַראַן דאָרט איין טאָג־שולע (ענגליש־העברעאישע) פאַר אַרום צוויי הונדערט שילער און אויסער

דעם, באַקומען אַרום צוויי טויזנט יידישע קינדער איינמאָל אַ וואָר אַ סכום יידישע דערציאונג.

עקאָנאָמיש איז די לאַגע פון די יידן אין אויסטראַליע אַ צופרידנ־שטעלנדע. נישטאָ קיין צר־פיל מיליאָנערן, ווי אין דרום־אַפריקע אָדער אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אַ פּאַלק פון מיטלשטאַנד, אינדוסטריאַ־ליסטן און קרעמער. עס איז ווערט פונדעסטוועגן צו באַמערקן, אַז דווקא אַ ריי ניי־געקומענע פון די לאַגערן אין דייטשלאַנד און רוסלאַנד האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט צו גרויסע עשירות אַ דאַנק זייערע פעאיקייטן, וואָס זיי האָבן נאָך אַרויסגעוויזן אין דער אַלטער היים פאַרן חורבן. (די טוך־פאַבריקאַנטן פון ביאַליסטאָק, די לעדער־פאַבריקאַנטן פון ראַדאָם א.ד.ג.).

* * *

און לאָמיר דערציילן די טרויעריק־ראָמאַנטישע געשיכטע פון יידישן ישוב אויפן אינדזל טאַסמאַניע, וועלכער איז אַ באַשטאַנד־טייל פון אויס־טראַלישן קאָנטינענט.

געאָגראַפיש גענומען, איז טאַסמאַניע דער לעצטער נאָרמאַל־באַוווינ־טער פונקט פון מענטשלעכן ישוב אויפן ערד־קוגל. פון טאַסמאַניע ביזן זיד־פּאָל ציט זיך דער שטח פון אייז־בערג, ביזן אַנטאַרקטיק און די נישט־אויסגעפאָרשטע אייז־קאָנטינענטן אַרום דרום־פּאָליוס. ביז איך געפלויגן דריי שעה פון מעלבורן ביז טאַסמאַניעס הויפּט־שטאָט האָבאַרט. נישט, חלילה, אין שליחות פון „ייוואָ״, ווייל קיין יידן זענען שוין אויפן אינדזל כמעט נישטאָ. עס זענען געבליבן בלויז עטלעכע צענדליק. אָבער דער אוניווערזיטעט אין האָבאַרט האָט געהאַט אַ דיסקוסיע וועגן ישראל־אַראַבישע באַציאונגען און אַ גוטער פריינט אין מעלבורנער אוניווערזי־טעט האָט מיך רעקאָמענדירט פאַרשטעלן דעם יידישן צד.

אין האָבאַרט אייגנטלעך איז דאָך געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער יידישער ישוב אויפן אויסטראַלישן קאָנטינענט. דאָס איז געווען מיט 130 יאָר צוריק. דער יידישער ישוב פון גאָר אַמאָל האָט שוין, אין יאָר 1844, אויסגעבויט אַ שיינע סינאַגאָגע פאַר די אייניקע הונדערט יידן. די סינאַגאָגע איז די עלטסטע און אָריגינעלסטע אין אויסטראַליע: זי איז אין דער פאָרם פון אַן אַלט־עגיפּטישן טעמפּל און זי פאַרמאָגט אַ פּנקס, אין וועלכן איך געפינט נעמען פון די גרינדער: די נייטאַנס, דזשייקאָבס, בענדזשאַמינס, אייבראַהאַמס... איך האָב געזען אייניקע פון די דאָזיקע נעמען אויף די שילדן פון די רייכע געשעפטן אין האָבאַרט (און אויך אין מעלבורן און סידני). אָבער די אייגנטימער זענען שוין לאַנג קיין יידן נישט, זיך אויסגעמישט און אויסגעשמד׳ט.

ס'קומען נאָר אין אַ יום־כפור דאַווענען דאָ אין שול אַ 15־20 יידן, פון די 40, וואָס זענען געבליבן. ס'קומט דאָ אַלע שבת נאָר איין־און־איינציקער ייד, וואָס שטאַמט פון פראַנקפורט, טוט אָן דעם טלית, עפנט דעם ארון־קודש, נעמט ארויס אַ ספר און לייענט אַ ביסל פון דער סדרה. דאָס דאַוונט ער מיט אַן אומגעזעענעם „מנין" מתים. ער הערט זייער זאָגן „אמן"...

און די סינאַגאָגע איז אַזוי לוקסוסדיק אויסגעשטאַט פון אַמאָליקע צייטן. און דער ארון־קודש שיינט מיט פרישן גאָלד אַרום. ס'שטייען אינעווייניק פיר ספרי־תורות, מיט פאַרביקע סאַמעטענע מענטעלעך, אויף וועלכע עס זענען אויסגענייט נעמען פון מנדבים, וואָס זייערע קינדער זענען שוין לאַנג, לאַנג אַוועק אין קריסטלעכע טעמפּלען.

האָב איך, קוקנדיק אויף די דאָזיקע פאַר'יתום'טע ספרי־תורות, פאַרשטאַנען אַזוי גוט דעם מאמר חז"ל: „הכל תלוי במזל, אפילו ספר־תורה שבהיכל"... (אַלץ דאַרף האָבן מזל, אפילו די ספר־תורה אין טעמפּל).

* * *

דער קאָנטראַסט אָבער צווישן שפּרודלדיקן יידנטום אין מעלבורן און די סימנים פון אונדזער עבר אין טאַסמאַניע, זענען דער בעסטער באַווייז און טרייסט, אַז נישט אין טעמפּלען גייט דאָ און נישט אין שטענדיקע אדרעסן, נאָר אין באַוועגלעכן גייסט פון פאָלק ישראל, וואָס בלאָנדזשעט און געפינט זיין אייביקן וועג און ציל.

**יעקב פּאַט**

# ווי יידן לעבן אין אויסטראַליע

## (איינדרוקן פון א באַזוך אין יאָר 1956)

שפּעט אין אָוונט, נאָך א לעקציע זענען מיר געזעסן א גרופּע יידן אין דער גרויסער גאַסט־לאָבי פון האָטעל „סאַוואָי־פּלאַזאַ", ביי א גלעזל קאַווע. אין ווינקל, ביי דער פּיאַנאָ, איז געזעסן א פּיאַניסט און גע־שפּילט באַכס מוזיק. מען קומט אַהער אין דער שעה צו די ביר־טישלעך — אויסטראַליער טרינקען ביר נאָך די טעאַטער־פאָרשטעלונגען. ביי אונדזער טיש זיצן יידן און רעדן וועגן יידישן לעבן אין אויסטראַליע. איך לערן פּליסיק אָט די תורה.

יידן, געקומענע אַהער דורך נסים — ווילנער יידן, וואָלקאָווישקער, לאָדזשער, לובלינער, וואַרשעווער, באַוואונדערן אליין זייער בלייבן לעבן, זייער מאַכן דאָ פּרנסה בריווח, זייערע אייגענע הייזער און קאַרס. מען דערציילט נסים וועגן יידן אין אויסטראַליע:

— אָט האָב איך נישט לאַנג געלייענט — זאָגט איינער — וועגן אַן אויסטראַלישן ייד, וועגן וועלכן עס האָט געזאָגט לאָיד דזשאָרדזש נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַז ווען די מלחמה וואָלט געדויערט לענגער, וואָלט דער ייד געוואָרן דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון אַלע אַליאירטע אַרמייען: אַזוי איז ער נאָר געווען דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אויסטראַלישער אַרמיי.

דערציילט אַן אַנדערער מיט שטאָלץ:

— אין 1918 האָט מאָנאַש געפירט 60 טעג די קאָנטער־אָפענסיווע קעגן ווילהעלמס אַרמיי און געבראַכט צו איר צוזאַמענברוך. נאָכן זיג פון די אַליאירטע האָט ער געפירט א פּאַראַד־מאַרש איבער לאָנדאָן מיט פינף טויזנט אויסגעצייכנטע אויסטראַליער, הויך־געוואַקסענע סאָלדאַטן.

— זיין עלטער־פעטער, דער יידישער היסטאָריקער גרעץ, איז מסתמא מיט אים מיטגעגאַנגען... — וויצלט זיך א למדן ביי אונדזער טיש.

רופט זיך אָפּ דער ציוניסט:

— אין 1928 איז מאָנאַש געוואָרן פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אויסטראַליע.

זאָגט דער בונדיסט ביי דעם זעלבן טיש:

— איר רעדט וועגן איינצלנע אויסגעצייכנטע יידן צווישן גוֹיים. מיך אינטערעסירן מער די 20,000 יידן, וואָס האָבן זיך נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה באַזעצט אין אויסטראַליע, זיך איינגעאָרדנט און מאַכן אַ לעבן. דאָס איז מער ווונדער און מער כּוח, ווי צו ווערן אַ גענעראַל.

לערן איך סיי ביי דעם טיש, סיי ביי אַנדערע טישן, אין אַ סך יידישע הייזער, אויף יידישע צוזאַמענקונפטן וועגן דעם, ווי אַזוי יידן מאַכן אַ לעבן אין אויסטראַליע.

* * *

סידנעי איז דער הויפּט־פּאָרט פון אויסטראַליע. עס דערמאָנט אַן סאַן פראַנציסקאָ — גאַסן באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ. מיין חבר מענדל כּשר, פון סקערניעוויץ און סידנעי, איז שוין צוויי צענדליק יאָר פאַרליבט אין סידנעי. ער האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט, ער מוז מיר וויזן אַלע אירע שיינקייטן, אירע 21 רחבותדיקע, ווייסע ים־ביטשעס. מיין ביאַליסטאָקער חבר באַצקל דייוויס האָט מיר געוויזן די שיינקייטן פון דער סביבה מיילן אַרום: בערג, טייכן, וועלדער, וואַסערפאַלן.

מיין וווינונג אין סידנעי איז געווען אין אַ האָטעל, וואָס שטייט אין דער שיינער ביטש־געגנט באָנדיי. אין מיין קעגנוואַרט האָט מען דאָרטן אויך געפּראַוועט יידישע חתונות און בר־מצוות. בעת איינער אַ בר־מצווה האָב איך דאָרטן געפירט אַ שמועס מיטן אַמבאַסאַדאָר פון ישראל און מיטן פּרעזידענט פון קהל איינפעלד. דאָ, אין דער געגנט, וווינען אַ היפּש ביסל יידן.

איך בין געווען אין סידנעי אַ וואָך צייט; געהאַלטן לעקציעס, פאַרבראַכט אויף אויפנאַמעס אין פּריוואַטע הייזער, געווען אין סידנעיער שול, אין יידישן פאָלקס־צענטער; פאַרבראַכט מיט די באַלעבאַטים פון דער יידישער קהילה; אין פּראַכטפולן הויז פון אַ ביאַליסטאָקער ייד; פאַרבראַכט מיט די בונדיסטן פון שטאָט, און אומעטום האָב איך געהערט דאָס זעלבע:

— ביי אונדז אין סידנעי איז שענער; ביי זיי, אין מעלבורן, איז בעסער. די שיינקייט איז קיינעם נישט, איז פון גאָט אַליין. די בעסערקייט מאַכן די מענטשן.

מעלבורן ליגט אויך צופוסנס פון פּאַציפישן ים. אַ שטאָט מיט פּאַרקן, אַלייען, פּאַלמעס, ספּאָרט־פּלעצער. די פּאַטריאָטן פון מעלבורן האָבן מיך געפירט זען דאָס געצעלט פון קאַפּיטאַן קוק — פון דעם פּיאָנער פון אויסטראַליע. מיינע צוויי לאָדזשער פריינד, מ. סילמאַן און ט. גינטער, האָבן מיך געפירט איין מאָל און נאָך אַמאָל, געוויזן די שיינקייטן פון זייער שטאָט מעלבורן, וואָס „לאָדזש האָט געמעגט הייצן ביי איר

די פּעטשערע", שוין צוליב דעם, ווי זיי זאָגן, וואָס „דאָרט זענען געווען פּאַליאַקן און דאָ זענען אויסטראַליער".

דער פאָרזיצער פון „קדימה", בן־ציון פּאַטקין, דער ציוניסט, האָט מיט מיר געלערנט די תורה פון די מעלבורנער גאַסן, פון מעלבורנער יידן און מעלבורנער געשיכטע; און יצחק קאַהאַן, דער בונדיסט פון פּוילישן קליינעם שטעטל, איינער פון די באַקאַנטע לעקטאָרן און שרייבער אין שטאָט, האָט מיט מיר געלערנט די יידישע פּראָבלעמען פון דעם ישוב. 5,800 יידן זענען געקומען צו מיינע לעקציעס און פאַרזאַמלונגען און איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו לערנען פון זיי יידיש לעבן אין דעם גרעסטן יידישן צענטער פון אויסטראַליע. איך בין געזעסן ביי 31 גאַסט־טישן אין 31 יידישע היימען. בראַווע, טייערע יידן. יונגע, מיטליאַריקע, עלטערע, מענער און פרויען, זייערע זין און טעכטער. איך האָב געזען און געפילט זייער ליבשאַפט צו זייער נייער און פרייער היים, איך האָב דאָרטן געלערנט דעם געמיט און שטייגער־לעבן פון די יידן אין אויסטראַליע. „אונדזער דעמאָקראַטיע איז אַן אַנגלאָ־זאַקסישע" — לערנט מיט מיר דער יונגער לאָדזשער וועבער בונים ווינער, וואָס איז אויך אַקטיוו אין דער אויסטראַלישער לייבאָר־פּאַרטיי.

עס איז מיר שטאַרק געבליבן אין זכרון וואָס איינער פון מיינע דאָרטיקע פריינד הערשל באַכראַך האָט מיר געזאָגט: „ווי נאָר כ'האָב געשטעלט מיין פוס נאָך דעם שאַנכייער גלות, האָב איך צו מיר געזאָגט: „דאָ בין איך פון דאָס ניי געבוירן געוואָרן". ער האָט עס מיר גע־זאָגט נישט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר דער מערהייט פון די ניי־געקומענע.

איך מוז איינהאַלטן מיין פעדער נישט צו פאַרשלעפּן די לעזער צו די שיינקייטן פון אויסטראַליע — צו איר נאַטור, צו אירע בערג און וואַסערן, צו אירע שטעט און פאַרשטעט, ווייל מיר וועלן זיך נישט קאָנען פון זיי אַרויסכאַפּן, לאָמיר אַריבערגיין צום עיקר — ווי אַזוי מאַכן דאָרטן אַ לעבן אונדזערע יידן?

* * *

„געוויס האָבן מיר דאָ אונדזערע יידישע פּראָבלעמען" — האָט מיר געזאָגט אַן אָרטאָדאָקסישער פּירער פון דער קהילה אויף דער זיצונג פון „באָאַרד אָף דעפּיוטיס": שולן, דערציאונג, אַסימילאַציע. נעמט אייך אָבער אַריין אין קאָפּ און פאַרשרייבט אין אייער ביכל: אין אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט זענען געווען ביי די יידן אין אויסטראַליע 50 פּראָצענט געמישטע חתונות, און אַזוי איז נאָך היינט אין דער קליינער קהילה פון

פערט: אבער אין סידנעי זענען היינטיקס יאר געווען 12 פראצענט גע־מישטע חתונות, און אין מעלבורן — נאר 3 פראצענט! פארוואס? פרעגט אייערע פוילישע יידן. זיי האבן אונדז געראטעוועט. עס איז געווען א סכנה מיר זאלן ווערן אויסגעמישט.

דאס אלטע יידישע ווערטל: „די פרנסה איז שווער ווי קריעת ים־סוף", איז דא מער נישט גילטיק. אלע האבן פרנסה נישט שפאלטנדיק דעם ים. 40 פראצענט פון אלע יידן זענען באשעפטיקט אין דער קליידער־אינדוסטריע, סיי אלס ארבעטער און סיי אלס ביזנעס־לייט. יידן ארבעטן אויך ביי טריקאטאזש, ביי שיך, מעבל, אין פרוכט־געשעפטן, ביים הייזער־בוי. דאס לאנד איז יונג. „וואס מען זאל נישט אנהויבן טאן, אבער מיט שכל, פארזיכטיק, וועט מען דא מצליח זיין" — **אזוי האט מיר געזאגט** איינער פון די אינטעליגענטסטע יידן אין מעלבורן, ח. גורט, גראד ביי א שמועס וועגן הימלישע ענינים — **וועגן חסידות און קבלה.**

גאנץ אנדערש איז אין אויסטראליע דער טעמפא פון דער ארבעט ווי ביי אונדז אין אמעריקע. אין אויסטראליע כאפט מען נישט, מען האט צייט, מען יאגט זיך נישט.

אין דורכשניט פארדינט א בעל־מלאכה 15־20 פונט א וואך, גענוג אויף אן אנשטענדיק אבער באשיידן לעבן. וויל זיין ווייב נישט איינזיצן אין שטוב, וויל צוהעלפן אין דער פרנסה — און דאס איז נישט שווער — עפנט זי א קליינעם סטאר, דעמאלט קומט אריין אין דער פרנסה מער מזל־ברכה.

איינער פון די בעסטע סימנים פון דער עקאנאמישער איינגעארדנט־קייט פון די יידן אין אויסטראליע איז די גרויסע צאל אייגענע הייזער ביי די ניי־געקומענע. איך האב נישט געפירט קיין סטאטיסטיק, ביי מיר זענען אבער פארצייכנט נאענט צו דריי צענדליק אייגענע הייזער פון ניי־געקומענע — פון שטריקער, וועבער, שניידער, שלאסער. דאס זעלבע וועגן אייגענע קארס.

איך האב שוין דערמאנט, אז איך בין געווען א גאסט ביי 31 טישן אין מעלבורן און סידנעי. ארום יעדן טיש האבן זיך שטענדיק געפונען ארום 20־30 געסט. נאך דער פיינער סעודה זענען געקומען געסט אויף „טיי". עס זענען געווען הייזער, ווו עס זענען געקומען איבער הונדערט געסט. דעמאלט האט מען סערווירט טישן פון כל־טוב.

וואס טוען יידן ארום טישן? — פריער שמועסט מען, דערציילט מען, נאכדעם ווערט מען פריילעך, מען זינגט יידישע לידער — אט די אלע פאלקס־ און ארבעטער־לידער, וואס מען האט געבראכט פון דער אלטער היים.

אַט שטייט איצט פאַר מיר לעבעדיק די שמחה אין הויז פון דעם פּוילישן חבר ס. בורשטין אין מעלבורן. זיין הויז איז גרויס, שיין און רחבותדיק. זיינע קינדער — סטודענטן, גייען אין זיינע וועגן. ער איז צווישן די ערשטע בויער פון הויז אויפן נאָמען פון יעקב וואַקס. די שטוב איז איבערפולט סיי מיט מענטשן, סיי מיט פרייד. אַזוי פיל באַקאַנטע פּנימער און שלום-עליכמס פון אַזוי פיל שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. עס איז דאָ אַ זיווג פון פּוילן, אויסטראַליע און אַמעריקע. מיט דער שמחה פירט אַן דורך איר האַרמאָשקע און לעבעדיקן געזאַנג די יונגע ווילנעריין פרידע ווילענסקי, פלימעניצע פון פאַטי קרעמער, פרוי פונם גרינדער פון „בונד״, אַלעקסאַנדער קרעמער, וועלכע איז אומגעקומען אין ווילנער געטאָ זינגענדיק די „שבועה״. זי, פרידע, זינגט, שפּילט, שטורעמט אויף דעם עולם. און אַליין איז זי דאָך געקומען פון די נאַצי־לאַגערן, דורכגע־גאַנגען אַלע פּיינען. היינט איז זי די פרוי פון דעם שטילן, באַשיידענעם, האַרציקן מרדכי ווילענסקי. אין אַ קורצער צייט האָט זי באַוויזן צו ווערן די פאַרליידי אין אַ גרויסער קליידער־פאַבריק. איר מאַן אַרבעט אַלס דרוקער אין אַן אַרטיקער יידישער צייטונג. איך דערצייל די איינצלהייטן, ווייל אַט די איינצלהייטן, מיין איך, גיבן אַ בעסער בילד פון דער יידישער איינאָרדנונג.

איך קען גוט די פליטים פון פּוילן: פון לאָדזש, ביאַליסטאָק, מלאַווע, פון וואַרשע. עס איז געווען ביי מיר אַן אויסטעראַליש געפיל ביי די טישן, אין זייערע קאַרס איבער די וועגן פון אויסטראַליע. עס איז געווען אַ צונויפמיש פון זייערע געשיכטעס פון די געטאָס, פון די לאַגערן און פאַר־שיקונגען מיט די געשיכטעס פון זייער נייעם לעבן אין אויסטראַליע. מען איז געבליבן נאָך דער מלחמה צעבראָכן. וועמענס קינדער עס זענען פאַרברענט געוואָרן, וועמענס מאַן עס איז אומגעקומען, וועמענס פרוי איז אַוועק אין פייער. עס האָט געדריקט דער אומעט. מען איז געבליבן אַליין אויף דער וועלט און לעבן מוז מען. יעדעס גרעזל האָט דאָך זיין מלאך, וואָס שלאָגט עס: וואַקס! — האָט מען געמאַכט נייע פאַרבינדונגען, נייע זיווגים, זענען געקומען נייע קינדער אויף דער וועלט. דורך נסים האָט מען זיך דערשלאָגן קיין אויסטראַליע, אַריין אין די פאַבריקן, אין ביזנעס, איינגעקויפט אייגענע הייזקעס, קאַרס, געשאַפן קרייזלעך, אָר־גאַניזאַציעס, געבויט אינסטיטוציעס. און אַט זיצן מיר אַלע ביי די טישן און זינגען אויס די לידער פון דער אַלטער היים:

„אין דער קוזשניע ביי דעם פייער...״

יאָ, עס איז געווען אַ גרויסע קוזשניע מיט אַ הייסן פייער.

נישט אַלע וווּנדן קאָנען פאַרהיילט ווערן, ווען מען בלייבט זאַלבע־

צווייט, זאַלבעדריט אָדער ביחידות. אַט זיצט מיט מיר ח' איציק גילבערט פון בעלכאַטאָוו, פּוילן, היינט אין סידנעי. אַן אומעט ליגט אין זיינע אויגן. ער רעדט מיט אַזוי פיל שטילקייט. ער האָט צו מיר אַ בקשה: זיינס אַ קינד, וואָס איז אין אָנהויב פון דער מלחמה אַלט געווען זעקס חדשים, איז אָפּגעגעבן געוואָרן אויף איבערצולעבן צו אַ גייסטלעכן אין לובלינער געגנט, אין דאָרף יאַנינאַ. לאָזט עס אים נישט רוען. ער אַליין, דער בעלכאַטאָווער יונגער ייִד, איז פּאַרטיזאַנער געוואָרן אין רוס־לאַנד. זיין פרוי איז אומגעקומען אַלס אַ פּאַרטיזאַנערין אין אַ וואַלד. ער פילט בחוש, אַז זיין זון לעבט ערגעץ. ער וועט אפשר אויסוואַקסן אַ גוי, אַ פּאָליאַק. „העלפט מיר, העלפט מיר געפינען מיין זון...״

איציק גילבערט פון בעלכאַטאָוו איז נאָר אַ ביישפּיל.

זיץ איך מיט מיינע לאַנדסלייט, די ביאַליסטאָקער. מען רעכנט אין מעלבורן 500 ביאַליסטאָקער משפּחות מיט דריי טויזנט נפשות. אַמאָל אין ביאַליסטאָק וואָלטן זיי פּאַרנומען אפשר צען גאַסן. די מער־הייט פון זיי איז גוט איינגעאָרדנט. איך בין צווישן ביאַליסטאָקער, וואָס דערציילן אויסטערלישע געשיכטעס: איז מען געגאַנגען פון ביאַליסטאָק איבער רומעניע, די באַלקאַנען, דורכן מזרח, דורך כינע, קיין אויסטראַ־ליע. געקומען אַהער, געבויט הייזער, פאַבריקן, מסחרים. געהאָלפן אויפ־שטעלן אַ טעקסטיל־אינדוסטריע. האָבן די ביאַליסטאָקער, ווי זייער שטיי־גער, געבויט אַ ביאַליסטאָקער צענטער, אַן אייגן הויז מיט אַ גרויסן



דער ביאַליסטאָקער צענטער אין מעלבורן

גאָרטן, א קינדער־היים, דירות פאַר ניי־געקומענע משפּחות, הילף פאַר ביאַליסטאָקער אין ארץ־ישראל.

איך בין מיט די לאָדזשער. 500 לאָדזשער זענען מיט מיר אויף א יזכור־פאַרזאַמלונג. די לאָדזשער האָבן דאָ אויפגעבויט א טריקאָטאַזש־אינדוסטריע, סוועטערס, זאָקן און מאַכן א לעבן. די יזכור־פאַרזאַמלונג פון די לאָדזשער איז אָנגעזאַפּט מיט טרויער און בענקשאַפט. און נאָך דער פאַרזאַמלונג אַזוי פיל אייגענע מענטשן, חברים, פריינד. מען דערמאָנט זיך די פאַרגאַנגענהייט: מיר האָבן זיך באַגעגנט אין דער לאָדזשער פיל־האַרמאָניע אויף פּיעטרקאָווער גאַס, אויף נאַרוטאָוויטש־גאַס, אין אונ־דזערע שולן. צי געדענקט איר, צי געדענקט איר? צי דערקענט איר מיך?

אַזוי מאַכן יידן א לעבן אין אויסטראַליע.

## רבנים, חנוך, יידישע שולן אין אויסטראַליע

א פרום יידיש ווילִיאַמסבורג, ווי אין ניו־יאָרק, איז אין מעלבורן אָדער אין סידנעי נישטאָ. עס באַמיען זיך אָבער די פרומע יידן צו טאָן פאַר פרומער יידישקייט, אַזוי ווי זיי פאַרשטייען עס. זיי האָבן שוין א היפּש ביסל אויפגעטאָן, הגם עס גייט צו גאַנץ שווער.

איך בין געגאַנגען שמועסן מיט מענטשן וואָס זענען גרינטלעך באַ־קאַנט מיט דעם ענין.

— מיר האָבן דאָ אויף 25,000 יידן נאָר זעקס רבנים — האָט זיך געקלאָגט פאַר מיר אַן אָרטאָדאָקסישער מנהיג — אין דער צייט ווען



די ישיבה־טאָג־שול ·ין מעלבורן

אין יאָהאַנעסבורג, דרום־אַפריקע, זענען דאָ 34 רבנים אויף 28,000 יידן; אין מאַנטשעסטער, ענגלאַנד, זענען דאָ 30 רבנים אויף 32,000 יידן; און אין וויניפּעג, קאַנאַדע — 22 רבנים אויף 17 טויזנט יידן. ווי־זשע קאָנען יידן פרום זיין אָן מדריכים?

אין מעלבורן זענען דאָ ניין שולן צום דאַווענען און אַכט קליינע שולכלעך, וואָס הייסן „שטיבעלעך". אין אויפטראַג פון חינוך־קאָמיטעט האָבן די רבנים אין מעלבורן דורכגעפירט אַן אויספאָרשונג און פעסטגע־שטעלט, אַז צו דער לעצטער כל־נדרי זענען אין אַלע מעלבורנער סינאַ־גאָגעס געווען 11,000 יידן, פון זיי 2,000 אין די רעפאָרם־שולן. דעם 1־טן טאָג ראש־השנה זענען געווען 9,000 יידן, דעם צווייטן טאָג — נאָר 5,600. נאָך וויניקער ווי אין סידני.

— און שבת? — האָב איך געפרעגט.

— שבת קומען אין אַלע שולן פיר פּראָצענט פון דער יידישער באַ־פעלקערונג.

און די טענה איז אַזאַ: „וואָס פאַר אַ יידן זענען עס, וואָס קומען קיינמאָל שבת נישט אַריין אין שול?"

כשר פלייש קויפן אין מעלבורן 2,800 יידישע פאַמיליעס. פון זיי היטן נישט אָפּ קיין כשרות 1,800 משפחות.

מען האָט אויפגעציילט נאָר 1,000 פאַמיליעס, וועמענס היימען עס זענען 100 פּראָצענט כשר און פסח קומט דאָרט נישט אַריין קיין חמץ.

עס איז אויך דאָ אַ חשבון פון די מקוואות. מיין אָרטאָדאָקסישער שמועסער זאָגט מיט באַדויערן:

— נאָר 180—200 פרויען קומען אין די מקוואות; אַלע אַנדערע קומען אוים אָן זיי.

זיין עצה איז, אַז עס וואָלטן געדאַרפט אַראָפּקומען רבנים פון דער וועלט — פון אַמעריקע, פון ארץ־ישראל — אויפצורודערן די יידן, אָבער קיינער קומט נישט.

אויב די אָרטאָדאָקסישע יידן האָבן נישט צו פיל באַוויזן אומצוקערן דעם עולם צו פרומקייט און צו כשרות, האָבן זיי אָבער אַ היפּש ביסל באַוויזן אויפטאָן אויפן געביט פון חינוך, חדרים און תלמוד־תורות.

אין תלמוד־תורות אין מעלבורן לערנען 700 תלמידים 9 שעה אַ וואָך. עברית ווערט דאָרט פאַרטייטשט אויף יידיש. די ליובאַוויטשער ישיבה איז אַלט צוויי יאָר. זי איז אַ פולע טאָג־שול מיט 49 תלמידים. עס זענען געעפנט געוואָרן נאָך צוויי קליינע תלמוד־תורות, וווּ מען לערנט ווי אין די אַמאָליקע חדרים. די שול „עדת ישראל" איז געגרינדעט גע־



די קאָולפילד־שול אין מעלבורן




יבנה־טאָג־שול אין מעלבורן



בית־רבקה טאָג־שול אין מעלבורן

ווארן דעם לעצטן יאר און זי האט 60 תלמידים. דארט ווערט אויך עברית פּארטייטשט אויף יידיש.

די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט אין מעלבורן געגרינדעט א העב־רעאישע נאכמיטאג־שול אויפן נאמען פון ח. נ. ביאליק.

דריי טויזנט יידישע קינדער לערנען יידישע רעליגיע אין ספּעציעלע קלאסן ביי די אלגעמיינע רעגירונגס־שולן.

שול־ספּעציאליסטן אין מעלבורן האבן מיר אנגעגעבן פאלגנדיקע אינטערעסאנטע פאקטן וועגן דעם וווקס פון דער שול־טעטיקייט אין פארלויף פון די לעצטע דריי יאר.

אויף זונטיק־קלאסן האט מען מיט דריי יאר צוריק אויסגעגעבן 10,000 פונט, דעם לעצטן יאר — 22,500. מיט דריי יאר צוריק האבן אין זיי געלערנט 16 לערער, דעם לעצטן יאר — 45. מיט דריי יאר צוריק האבן אין דורכשניט די קינדער געלערנט אין די שולן צוויי און א האלב יאר, איצט — פיר יאר.

פארשידנארטיק און פארשידנווערטיק איז די יידישע בילדונג — די אלגעמיינע שולן, זונטיק טאג־שולן, נאכמיטאג־שולן, פולע שולן, צו־גאב־שולן. וועלכער איז דער בעסטער וועג וואס פירט צום יידישן אויס־לעבן זיך, צום יידישן קיום — עס איז נישט פאר מיר צו פסקענען, דאס וועט פסקענען דאס לעבן.

יעדע נאציאנאלע גרופּע אין יידיש לעבן טוט און דארף טאן לויט איר גייסט און איבערצייגונג: ערגעץ־ווו אויף מיטן די וועגן וועט מען זיך באגעגענען.

אין מיין ארטיקל וועל איך זיך באזונדער אפּשטעלן אויף דער גרעסטער שול־אינסטיטוציע, חוץ דער יידיש־וועלטלעכער ריכטונג — אויף דער שול „הר־הצופים". זי עקזיסטירט שוין זיבן יאר, א פולע שול. די אלגעמיינע לימודים ווערן געפירט דורך אויסטראלישע לערער, מייסטנס נישט־יידן. העברעאיש און געשיכטע ווערט געלערנט דורך יידישע לערער. אויף העברעאישע לימודים ווערן באזארגט לערערס פון ישראל. דער בודזשעט פון דער שול ווערט צום גרעסטן טייל געדעקט דורך שכר־לימוד. די קינדער, אין זייער מערהייט, שטאמען פון מיטל־קלאס. די שול האט 648 תלמידים — יינגלעך און מיידלעך צוזאמען. זיי לערנען דארטן פון 9 אינדערפרי ביז 4 בייטאג. אין דער שול ארבעטן 48 לערער.

די שול־געביידע פון „הר־הצופים" איז גרויס און רחבותדיק. די תביעות־קאנפערענץ האט באשטימט א שטיצע פאר דער שול־געביידע פון 36,000 פונט, אויסצוצאלן אין פארלויף פון דריי יאר. איך בין דארט געווען גאנץ פרי, פאר ניין אזייגער, דאס איז די צייט ווען די



קיו-שול אין מעלבורן



מוראַבין-שול אין מעלבורן

תּלמידים קומען אַז פון אַלע שטאָט־טײלן מיט באָסעס, מיט קאַרס, מיט דער באַן. תּלמידים אין עלטער פון 5 ביז 17 יאָר. עס איז געווען אַ גרויסאַרטיק בילד צו זען דעם צושטראָם פון די קינדער פון אַלע זײַטן אויפן פרײַען און שײנעם פּלאַץ פון דער שול „הר־הצופים". פּונקט צו דער שעה איז דער גרויסער אַסעמבלי־זאַל פול געוואָרן מיט תּלמידים, הונדערטער קינדער, ײנגלעך און מײדלעך. פּנים אל פּנים די קינדער זענען געזעסן איבער צוויי צענדליק לערערס — ײדן און נישט־ײדן, אַלע אָנגעטאָן אין שוואַרצע קאַפּאָטעס, איבער זײ — פּעלערינעס; די ײדן מיט יאַרמעלקעס אויף די קעפּ, די גוײם מיט בלויזע קעפּ. די ײנגלעך אויף די בענק — מיט פאַרביקע יאַרמעלקעס. עס איז די ערשטע שעה פון דער פײַערלעכקײט פאַר דעם אָנהויב פון די לימודים. אַלע שטעלן זיך אויף. די קינדער מיט די לערער זאָגן מודה אני, נאָכדעם אַ קאַפּיטל תּהילים — דעם אויסטראַלישן נאַציאָנאַלן הימן. נאָכן הימן די „התקוה". דער דירעקטאָר פון דער שול האַלט אַ קורצע רעדע פאַר די קינדער. ער לײגט אויך מיר פאָר צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער. איך באַגריס די קינדער.

איך האָב באַזוכט די קלאַסן. איך האָב זיך מײסטנס אינטערעסירט מיט די קלאַסן, ווו מען לערנט ײדישקײט. און דאָס ווערט געלערנט אויף העברעאיש. איך בין אין אײנעם פון די קלאַסן. דער לערער לערנט מיט התמדה מיט די קינדער אַ פּאָר פּסוקים אין חומש, פון דער סדרה שמות. ער קנעלט מיט זײ אַרײַן וועגן שבת. דער לערער לערנט עס מיט די קינדער, זאָגט זײ אָן שטרענג, אויסשרײַענדיק די ווערטער פון חומש:

— שבת טאָר מען נישט קאָכן, טאָר מען נישט באַקן!...

פירט זיך דערנאָך אַ שמועס צווישן דעם לערער און מיר:

— ווי פאַרבינדט איר — אַזוי פרעג איך אים — דאָס, וואָס איר לערנט מיט די קינדער פון דער הײליקער תּורה, מיט דעם, וואָס זײ זעען אין זײערע הײזער? — זײערע מאַמעס צינדן פײַער, קאָכן, באַקן.

אַ שווערע שאלה. דער לערער ווײס טאַקע נישט. אפשר קאָן איך אים געבן אַ עצה? — נײן, איך קאָן אים קײן עצה נישט געבן. ער דאַרף זי אַלײן זוכן.

מען האָט בײַ מיר געפרעגט נאָכדעם מײַן מײנונג וועגן דער שול. האָב איך אויף דעם געענטפערט: גרויס, שײן, אָרדענונג, דיסציפּלין. אָבער די אַטמאָספער איז קיל, אויב נישט קאַלט.

— די אויוונס זענען נישט געווען געהײצט — האָט מען מיר געזאָגט. אַ קאַלטער טאָג. בײַ אונדז איז איצט ווינטער...

— נישט די קעלט מײן איך.



די גרויסע הר-הצופים-שול אין מעלבורן

## יעקב פאַט

* * *

לערנט מען אויך יידיש אין „הר־הצופים" — האָב איך געפרעגט דעם דירעקטאָר, אברהם פייגלין.

איך ווער געוואר, אַז אַרום דעם יידיש־לימוד אין „הר־הצופים" איז געווען אַ קאַמף און דער קאַמף האָט זיך געענדיקט מיט אַ דורכפאַל פון די יידיש־אָנהענגער. די פשרה איז געווען, אַז יידיש זאָל נישט זיין פאַרפליכטנד, מען זאָל לערנען יידיש נאָר אויב די קינדער און עלטערן ווילן עס פאָדערן. דאָס האָט געמיינט דעגראַדאַציע פאַר יידיש. עס האָט געהייסן, אַז די עלטערן האָבן געדאַרפט גיין פאָדערן און קעמפן, אַז די קינדער זאָלן האָבן אַ צוגאָב־לימוד. איז יידיש אַ יתום ביים „הר־הצופים".

איך האָב פאַר מיר אַ זאַמלונג פון תלמידים־אַרבעטן פון „הר־הצופים", אַרויסגעגעבן סוף 1954. זי טראָגט צוויי נעמען — „עכא" אויף ענגליש און „הד הנוער" אויף העברעאיש. צווישן אַ גרעסערער צאָל תלמידים־אַרבעטן אויף ענגליש, געפין איך 8 אַרבעטן אויף העברעאיש און דריי אויף יידיש. מען האָט נאָך דעמאָלט יידיש געלערנט אין דער שול.

וועגן וואָס שרייבן די קינדער אויף העברעאיש? — וועגן מדינת ישראל און ישראל־אַפּיל, וועגן אַ חלום צו וווינען אין ארץ־ישראל, אַן איבערדערציילונג פון אַ העברעאיש ביכל, וועגן אַ טראַנספּאָרט פון אָרענדזשעס פון ארץ־ישראל אין אַנדערע לענדער. זייער העברעאישער לשון איז אַ גאַנץ אָרעמער. וועגן וואָס שרייבן די קינדער אויף יידיש? מיר האָבן דאָ בלויז דריי אַרבעטן. איינע איז וועגן דעם „פּאַרטיזאַנען־הימן". דער תלמיד, מענדל בראַט, פאַרענדיקט זיין פיינע באַשרייבונג אַזוי:

„די צוואה פון דעם דיכטער־פּאַרטיזאַן איז מקוים געוואָרן. מיר זינגען דאָס הייליקע ליד, דעם הימן, אויף פאַרזאַמלונגען, ווו נאָר מיר פאַרזאַמלען זיך. דער דאָזיקער הימן וועט גיין ווי „אַ פּאַראָל פון דור צו דור".

אַ צווייטע אַרבעט איז פון דעם תלמיד מאיר יאַנאָווער וועגן יידיש. ער שרייבט אַזוי:

„איך האָב ליב די יידישע שפּראַך, ווייל אין איר רעדן מיינע עלטערן, אונדזער משפּחה, מיליאָנען יידן אין פאַרשידענע לענדער, אין דער גאַנצער וועלט. די יידישע ליטעראַטור איז זייער אַ רייכע. איך האָב געלייענט שיינע לידער פון מאָריס ראָזענפעלד, אברהם רייזען, דערציילונגען פון י. ל. פּרץ און שלום עליכם". דער זעלבער תלמיד איז שטאָלץ מיט דעם, וואָס אין דער „מאָונט סקאָפּוס שול" — „הר־הצופים" שול

אין אויסטראַליע, ווערט געלערנט יידיש און די יידישע ליטעראַטור אַלס א לימוד. זיין באַשרייבונג ענדיקט ער מיט א פערז:

„אין מאונט־סקאָפּוס שול
לערנען מיר א סך,
ענגליש, פיזיק, יידיש,
העברעאיש און תנ״ך״.

די דריטע יידישע אַרבעט איז וועגן פּרילינג, פון דעם תלמיד אַרנאָלד שטיינבאַק, אין וועלכער עס ווערט, צווישן אַנדערן, אַזוי געזאָגט:

„איך האָב ליב ווען די זוניקע שטראַלן פאַרגיסן, פאַרפלייצן אונדז אַלע״.

אין דעם זעלבן זאַמלהעפט איז דאָ אַן אַרטיקל פון דעם לערער א. קלאַג וועגן דער שול. ער שרייבט מיט התלהבות וועגן העברעאיש. ער רופט אויס צו די קינדער און עלטערן: „לערנט עברית!״ אָבער קיין וואָרט נישט וועגן יידיש.

ווען די דירעקטאָרן פון דער שול האָבן באַגרינדעט זייער פאַרלאַנג צו באַקומען מיטלען פון דער תביעות־קאָנפערענץ, האָבן זיי געזאָגט, אַז די מערהייט פון די תלמידים זענען זין און טעכטער פון פּליטים. יאָ, איך האָב געזען צווישן די תלמידים א היפּשע צאָל קינדער פון פּליטים, וועמענס עלטערן האָבן זיך שוין גוט איינגעאָרדנט אין אויסטראַליע. איך האָב דאָרט נישט געהערט זייער שפּראַך, נישט געהערט דעם יידישן לשון.

## יידן און זייער קולטור־אַרבעט אין אויסטראַליע

דער „קדימה״־זאַל אויף לייגאָן סטריט. איז איבערפולט שוין דאָס אַכטע מאָל. עס שטייען מענטשן אויף די טרעפּ און אין קאָרידאָר; און עס זענען נישטאָ קיין פּלעצער. האָט מען דערלויבט זיך צו זעצן אויף דער סצענע. נאָר וואָס זענען געקומען די מענטשן אַהער? וואָס ווילן זיי דאָ הערן?

און מען הערט געשפּאַנט. מען הערט וועגן פינף מיליאָן יידן אין דער גרויסער, ווייטער אַמעריקע, וועגן דער אַלגעמיינער און יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועגן יידישע פּראָבלעמען און דערגרייכונגען, וועגן דער יידישער ליטעראַטור, מכוח מדינת־ישראל און תפוצות ישראל. עס איז מער נישט קיין איינפאַכער פאַרזאַמלונגס־זאַל. עס מאַכט אַן איינ־דרוק פון א גרויסן פול־געפּאַקטן חסידים־הויז. עס זידט, אין דער שטיל

קאַכט אַ קעסל. עס איז אַ שטילער גערויש פון הערצער — דאָ, אין ווייטסטן ווינקל פון דער וועלט.

ווער איז אַט דער יונגער און מיטליאַריקער עולם אין זאַל, די מענער און פרויען? — אַלע זענען זיי געקומען אַהער גראַטעוועטע פון חורבן פוילן: דאָס זענען שיריים פון די פוילישע טישן — פון גער און קוטנע, פון סאַרנע און פּלאַצק, פון לובלין און ביאַליסטאָק, פון וואַרשע און לאָדזש — ביי יעדערן איז קאָפּ און האַרץ אַ געמיש פון זכרונות, פון נאָסטאַלגיע. דאָ זיצן יידן, וואָס זענען געקומען פון די דייטשע לאַגערן, פון די סיבירער סטעפּעס, פון טורמעס, פון קאַלד־אויוונס, — געקומען נאָך אַלע זייערע גלגולים און וואַנדערונגען, אין אַ לאַנד, וואָס איז דע־מאָקראַטיש, וואָס איז געבענטשט מיט אַ שטאַרקער אַרבעטער־באַוועגונג, וו מען ווייסט נישט פון קיין אַנטיסעמיטיזם. מען איז דאָ געקומען אַ ביסל צו זיך. מער וואַנדערן וועט מען נישט — אַזוי גלייבט מען. מען האָט אויפגעשטעלט נייע משפּחות: עס וואַקסן די דאָ־געבוירענע קינדער — דער אויסלייז פון די, וואָס זענען אַוועק אין די פייערן.

זיצט מען אין זאַל, צוזאַמענגעטוליעטע און מען שעפּטשעט:

— אַזוי ווי אַמאָל ביי אונדז אין לובלין.

— ווי אין בזשעזשין.

* * *

ווער און וואָס איז די „קדימה"? — דאָס איז דאָס צענטראַלע הויז פון די יידיש־וועלטלעכע יידן. איר אָפיציעלער נאָמען איז: „יידישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה". זי איז שוין אַלט 45 יאָר. אירע גרינדער זענען געווען די דעמאָלסט אָראָפּגעקומענע עמיגראַנטן פון רוס־לאַנד און פוילן.

געווען אַ צייט, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען עס האָט באַהערשט אַן אַפּאַטיע די מיטגלידער פון „קדימה". זי וואָלט אפשר אונטערגעגאַנגען, ווען נישט די אימיגראַציע פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. איצט האָט די „קדימה" 1,300 מיטגלידער. צו אירע פאַרשידענע אונטערנעמונגען, סימפּאָזיומס, פאַרזאַמלונגען, טעאַטער־פאַרשטעלונגען, קומט דער יידיש־רעדנדיקער טייל פון דער באַפעלקערונג.

די „קדימה", וועמענס הויפּט־טעטיקייט איז אויפן געביט פון דער יידישער קולטור, איז אויך טעטיק ביי יידיש־נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפט־לעכע ענינים. אַזוי האָט זי, למשל, אָרגאַניזירט פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען קעגן די „ראַבישע מעשים לגבי יידן, באַטייליקט זיך אין דעם ישראל־קאַמפּיין, פּראָטעסטירט קעגן דער פאַרניכטונג פון דער יידישער קול־

טור און די יידישע שרייבער אין סאַוויעטן־רוסלאַנד, פירט אַ קאַמף פאַר דעמאָקראַטיזירן די יידישע געמיינדע — דעם „יידישן באָארד אָף דעפּיוטיס", אין וועלכן זי האָט אירע דעלעגאַטן.

אין זאַל פון „קדימה" קומען אויך פאָר פאַרזאַמלונגען און אונטער־נעמונגען פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, שול־קאָנצערטן, מיטינגען פון פאַר־שידענע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען — „בונד", פּרויען־פּיאָנערן, קרן־קימת, סאָציאַליסטישער קינדער־פאַרבאַנד. אויך געטאָ־יזכור־אָוונטן.

די „קדימה" האָט אַ טעאַטער־גרופּע אַמאַטאָרן, וואָס פירן אויף פּיעסן אונטער דער דירעקציע פון יעקב וויסליץ אָדער רחל האָלצער — באַקאַנטע יידישע קינסטלער פון פּוילן. שונד־פּיעסן זענען ביי זיי אויס־געשלאָסן. די טעאַטער־פאָרשטעלונגען האָבן אין פאַרגאַנגענעם יאָר באַ־זוכט 8,950 פּערזאָן.

די „קדימה" האָט פאָרשטייער אין שול־ראַט, וווּ זי פירט אַ קאַמף קעגן דער גרעסטער שול, „הר־הצופים", ווי עס דריקט זיך אויס דער קאָמיטעט פון „קדימה": פאַר אַ „געהעריקער נאַציאָנאַלער דערציאונג": קעגן דעם וואָס דאָרטן ווערט „מינימיזירט נישט נאָר יידיש, נאָר אויך העברעאיש"; קעגן דעם, וואָס די שול „הר־הצופים" ווערט „ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין אַן אַלגעמיינער שול, ווו די יידישע שפּראַך שפּילט אַ צווייטראַנגיקע ראָל".

35,780 יידן האָבן באַזוכט אַלע אונטערנעמונגען פון „קדימה" אין פאַרלויף פון פאַרגאַנגענעם יאָר — זאָגט מיט שטאָלץ דער סעקרעטאַר פון „קדימה", ל. פרידמאַן, אין זיין באַריכט.

פּרעזידענט פון דער „קדימה" איז דער ציוניסט בן־ציון פּאַטקין, אַ יידישער קולטור־מענטש, אַן אָנהענגער פון יידיש.

אין קאָמיטעט באַטייליקן זיך אָנהענגער פון פאַרשידענע יידישע פּאָליטישע, נאַציאָנאַלע ריכטונגען. איך וועל באַזונדערס פאַרצייכענען די אַקטיוויקייט פון די מעלבורנער בונדיסטן אין „קדימה". דער „בונד" האָט אין מעלבורן אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע פון אייניקע הונדערט מיט־גלידער, און אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע; און עס איז וויכטיק זייער אַקטיווע באַטייליקונג אין דער „קדימה". די האַרמאָניע צווישן די פאַרשידענע גרופּן, די קעגנזייטיקע קאָאָפּעראַציע איז די מזל־ברכה פון „קדימה". זאָל דאָס נאָר לאַנג אָנהאַלטן.

צו דער מחנה „יידישע יידן" דאַרף מען צורעכענען די צוויי וועכנט־לעכע צייטונגען: די „יידישע נייעס", אונטער דער רעדאַקציע פון י. רובינשטיין, און „די יידישע פּאָסט", אונטער דער רעדאַקציע פון ג. שאַיאַק. די צייטונגען שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין יידישן לעבן פון לאַנד.

די ענינים פון דער יידישער שול און ליטעראַטור געפינען דאָרט געהעריקע אָפּקלאַנגען. די יידישע צייטונגען צוזאַמען מיט זייערע ענגלישע אויסגאַבן, קומען אַרויס אין אַלע יידישע הייזער. מאַטעריעל שטייען זיי אויף די אייגענע פיס.

* * *

פון דער מחנה יידיש־וועלטלעכע יידן וואַקסן אַרויס זייערע וויכטיקסטע אינסטיטוציעס. איך מיין די שולן און די קינדער־גערטנער: פּרץ־שול, פּרץ־קינדערגאַרטן, שלום עליכם־שול, שלום עליכם־קינדערגאַרטן.

די י. ל. פּרץ־שול עקזיסטירט שוין 20 יאָר. ווען דער היינטיקער פּאַרוואַלטער פון דער שול, יוסף גיליגיטש, האָט איבערגענומען די פאַרוואַלטונג אין 1938, זענען אין דער פּרץ־שול געווען בלויז 38 קינדער. הייגט גרייכט זייער צאָל 250 אין דער שול און 32 אין קינדערגאַרטן. די קינדער קומען אַהין פון 25 פּאַרשטעט, אין באַסעס, אין קאַרס — די מערהייט פון יידיש־רעדנדיקע עלטערן.

אין דער שלום עליכם־שול לערנען 160 קינדער, און אין קינדערגאַרטן — 35 קינדער; צוזאַמען נאָענט צו 200.

אין ביידע שולן לערנט מען מיט די קינדער צוויי טעג א וואָך — זונטיק און מיטוואָך. שבת לערנט מען נישט. מען לערנט פון צוויי מיט א האַלב ביז דריי שעה א טאָג. ביידע שול־אינסטיטוציעס, אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ און אויפן נאָמען פון שלום עליכם, געפינען זיך אין אייגענע בנינים. עס איז געווען מיין מזל אַנצוקומען אין מעלבורן פּונקט דעמאָלט, ווען מען האָט זיך געגרייט צו א גרויסן יום־טוב — צום הנוכת הבית פון דעם נייעם, פּראַכטפולן בנין פון דער פּרץ־שול, עס איז פּאַרטיק געוואָרן דאָס שיינע הויז פון גלאָז און שטיין, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דעם קדוש אַרטור זיגעלבוים.

די פּרץ־שול איז בהדרגה געוואַקסן, באַזונדערס די לעצטע יאָרן. מען האָט געמוזט האָבן א גרויס הויז. עמד פון דער פּרץ־שול די עלטערן, די סביבה, די טוער, א מחנה בונדיסטן, מיטן גוטן ברודער און חבר, דעם געוועזענעם לאָדזשער וועבער סילמאַן אין דער שפּיץ האָבן זיך געשטעלט בויען דאָס הויז. מען האָט געבויט מיט דער גרעסטער איבערגעגעבנקייט.

דער בנין באַטרעפט 25,000 פונט. צוזאַמען מיט דעם דערמאָנטן לאָדזשער וועבער סילמאַן איז געווען דער לערער־וועטעראַן פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן אין ווילנע, יוסף גיליגיטש, אין דער שפּיץ. ער איז קנאַפּע 20 יאָר אין אויסטראַליע.

ווען איך בין געקומען איז דער בנין שוין געווען פאַרטיק. עס האָט מיך געפירט אים זען מיין אַלט־באַקאַנטער חבר פון וואַרשע, בויער פון „אָרט" און שול־עסקן — חיים ראָזענבעס. איך גיי איבער די פּראַכטפולע, ליכטיקע און זוניקע קלאַסן, איבער די זאַלן פון הויז, איבערביידע גרויסע שטאָקן. איך באַוואונדער דעם גאָרטן, דעם שפּיל־פּלאַץ. איך מאַך שהחיינו.

איז דער בנין ווי דער בנין. דער עיקר אָבער די פולע קלאַסן מיט יידישע קינדער, דער קינדערגאָרטן מיט 3—4־יאָריקע שרעטעלער, זינגנדיקע און טאַנצנדיקע. יידיש לשון קלינגט אַרוים פון אַלע קלאַס־צימערן. איך בין געווען ביי די לימודים פון געשיכטע, ליטעראַטור, יידיש. דער דערמאָנטער יוסף גיליגיטש, מיינער אַן אַלטער חבר פון דער יידישער שול אין ווילנע, האָט מיך געפירט איבער די קלאַסן. צוזאַמען האָבן מיר געשמועסט מיט די קינדער, זיי אויסגעפרעגט, אויסגעהערט, געהערט זייערע דערציילונגען און לידער, זייערע שמועסן, דיסקוסיעס איבער וויכטיקע פראַגן. איך בין געווען אַנטציקט. יוסף גיליגיטש האָט געקוקט מיט טרערן פון פרייד אין זיינע אויגן. איך האָב געפונען נאָר צוויי ווערטער צו זאָגן:

— יישר כחך, חבר יוסף!

איך בין געזעסן אין שפּיל־זאַל פון קינדערגאָרטן — אַ פּראַכטפולער, רחבותדיקער זאַל, באַגאָסן מיט זון. איין לערערין שפּילט אויף דער פּיאַנע, קינדער זינגען און פּליעסקען מיט די הענטלעך און מיט זיי טאַנצט זייער לערערין — צלובה קרישטאַל.

איך געדענק דיך, צלובה פון אונדזער קינדערגאָרטן אין וואַרשע, אויף קאַרמעליצקע גאַס. איך ווייס דיין גאַנג איבער רוסלאַנד. איבער כינע, אַזש ביז אַהערצו, ביז אויסטראַליע.

איך בין געווען אין דער שלום עליכם שול. און דאָס זעלבע. אַן אייגענע געביידע. די שול־טוער פּלאַנירן צו בויען אויף איר גרויסן און ברייטן פּלאַץ אַ נייע געביידע: די אַלטע איז צו קליין: אַלע קלאַס־צימערן זענען פול מיט קינדער.

ווער איז דער פאַרוואַלטער פון דער שלום עליכם שול? דער ווילנער בינע־קינסטלער יעקב ווייסליץ.

עס זענען נישט געווען אין אויסטראַליע גענוג לערערס. האָט מען אויסגעשולט נייע, יונגע, געוועזענע טוער פון דער יוגנט אין פּוילן, תלמידים, וואָס האָבן געענדיקט מעלבורנער יידישע שולן. מען האָט אָרגאַניזירט פּעדאַגאָגישע קורסן. און אַט זענען נייע לערער, וואָס לערנען מיט די קינדער.

די שולן האָבן אַרום זיך אַ גוטע עלטערן־מאַסע. 75 פּראָצענט פון בודזשעט ווערט געדעקט פון שכר־לימוד. אין די זונטיק־פּרימאָרגנס זענען די שולן, די גערטנער אַרום די שולן, די וואַרט־צימערן, אַ מין קלוב פאַר די עלטערן. זיי ברענגען די קינדער אין זייערע קאַרס אָדער מיט באַסעס.

איך הער די באַהאַונטקייט פון די קינדער אין אַן עלטערן קלאַס אין יידישן פאָלקלאָר, אין יידישע פאָלקס־לידער. איך בין אין אַ קינדער־גאָרטן, ווו עס ווערט געפּראַוועט — דאָס איז אַ מנהג אָזאַ ביי זיי מיט יעדן קינד — דער געבורטסטאָג פון אַ תלמידה. רחלע מיטלבערג איז פינף יאָר אַלט; זענען אַלע געקומען צו איר יום־טוב — תלמידים און לערער.

איך האָב הנאה פון זיין אין קלאַס, ווו די לערערין איז שולמית שער, אַליין אַ געוועזענע שילערין פון דער ווילנער יידישער רעאַל־גימנאַזיע און איצט אַ לערערין אין דער פּרץ־שול.

איך האָב שוין דערמאָנט דעם חנוכת־הבית פון דער פּרץ־שול. הונדערטער מענטשן אַרום די ווייס־געדעקטע טישן. עס איז נישט אַ הנוכת־הבית בלויז פון איין שול. עס איז שמחת תורה פאַר דער גאַנצער יידיש־וועלטלעכער מחנה. איך הער די באַגריסער — די פאָרשטייער פון דער אַלגעמיינער יידישער געזעלשאַפט, אַ פאָרשטייער פון דער ציוניס־טישער פעדעראַציע, אָפּגערעדט שוין פון פאָרשטייער פון די לערער, פון די עלטערן, פון „בונד", פון דער יוגנט. איך הער דעם קאָנצערט, די אַרויסטרעטונגען פון די יונגע תלמידים. די אַרויסטרעטונגען ווי די אַרויס־טרעטונגען. די רעדעס זענען געווען האַרציקע. צעשטראַלטע פּנימער. עס איז געווען אַ גרויסער יום־טוב פאַר די יידן אין מעלבורן.

## מלך ראַוויטש

# „קאָנטינענטן און אָקעאַנען"

### (פונעם „מעשה־בוך פון מיין לעבן")

קאָנטינענטן און אָקעאַנען איז דער טיטל פון דער פּאַרנעמיקסטער לידער־זאַמלונג מיינער, זי האַלט 356 זייטן און איז דערשינען אין פאַרלאַג פון די „ליטעראַרישע בלעטער" אין וואַרשע, מיט דער דאַטע 1937.

בשעת איך האָב דאָס בוך צונויפגעשטעלט — האָב איך געוווינט אין אויסטראַליע — דעם קאָנטינענט, וואָס נאָר דורך אַ מינימאַלן־שבמינימאַלן צופאַל האָב איך באַקומען מיט אים — מיט אַט דעם קאָנטינענט — דעם ערשטן קאָנטאַקט, אָבער זינט דעמאָלט שפּילט ער ממש אַ גורלדיקע ראָלע אין מיין לעבן און אין לעבן פון מיין משפּחה.

כדאי צו דערציילן דעם צופאַל — און איך טו עס שוין נישט דאָס ערשטע מאָל, נאָר מען קען פון אים לערנען זייער אַ סך, וויאַזוי עס גייט צו דער סדר פון אונדזער וועלט בכלל און דער סדר פון יעדן יחידס לעבן בפרט, מחמת יעדער יחיד איז דאָך אַ וועלט, און נישט נאָר אַ וועלט פאַר זיך, נייערט טאַקע די גאַנצע וועלט...

הערט־זשע דעם צופאַל, קליין ווי אַ מאַנדל — און די רעזולטאַטן פאַר מיר — גרויס ווי דער כדור הארץ... בין איך אַמאָל געשטאַנען אין ביוראָ פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע, דער „ציש"א", נאַוואָליפּקי 41, וווינונג 6 — פאַר וועלכער איך האָב שוין, אין יאָר 1931, דורכגעפירט דערפאָלגרייך אַ געלט־קאַמפּאַניע אין דרום־אַפריקע, און איך האָב געבעטן: שיקט מיך ערגעץ, שיקט מיך ווידער, איך וועל ברענגען גוטע רעזולטאַטן! האָט מיר חיים שלמה קאַזשדאַן — דער דעמאָלטיקער פאַרוואַלטער פון „ציש"א" — געזאָגט: — אָבער ווו זאָלן מיר אייך שיקן? אין אַפריקע זענט איר שוין געווען און אין דרום־אַמעריקע איז ערשט נישט לאַנג אונדזער שליח געווען. האָב איך געזאָגט: אויסטראַליע! האָט קאַזשדאַן נאָכגעקוקט און געזען, אַז די „ציש"א" האָט בכלל נישט קיין אַדרעסן אויף דעם פינפטן קאָנטינענט. און צו די אויסטראַלישע יאַהודים וועלן נישט אַפּעלירן די אידעאַלן פון

די וועלטלעכע שולעס אין יידיש. איז מיר איינגעפאלן אז אידעע און איך בין אריינגעגאנגען אין דער אדמיניסטראציע פון דער „פאלקס־צייטונג" און דארט געפונען א נאמען פון א חבר, וואס אבאנירט אזש צוויי עקזעמפלארן פון דער צייטונג. און אט דאס האט דעצידירט. עטלעכע חדשים שפעטער בין איך שוין געווען אויף דער אלטער פראנ־צויזישער שיף „וויל־ד'־אמיאן", וואס האט מיך געפירט קיין אויסטראליע. און איצט די מעשה.

די לעצטע לידער־זאמלונג מיינע איז דערשינען נאך אין ווין, אין יאר 1921, צו מיינע 27 יאר. און אט איז שוין 1937, און איך בין שוין 44 יאר אלט. יענע לידער־זאמלונג פון 1921 האט געטראגן דעם נאמען „נאקעטע לידער" און אין דער הקדמה דארט האב איך געשריבן, אז דאס איז די לעצטע לידער־זאמלונג מיינע. עס האט מיך געצויגן צו פארנעמיקע ווערק, צו דראמעס, צו פאעמעס, צו עסייען, צו ראמאנען אפשר. איך האב טאקע זינט דעמאלט שוין ארויסגעגעבן פאעמעס און דראמעס און עסייען. אבער מיט לידער איז מיר געגאנגען ווי יענעם שיכור, וואס טרינקט אלע טאג דאס „לעצטע־שבלעצטע" גלעזעלע זיינס. און אזוי פאוואליע, פאוואליע יאר־אריין און יאר־ארויס, ליד־אריין און ליד־ארויס, האב איך אנגעשיכורט גוטע עטלעכע הונדערט לידער — און א גרויסן טייל אויך געדרוקט אין צייטונגען און צייטשריפטן.

און אז איך האב אמאל פונאנדערגענומען אין אויסטראליע אלע מיינע בינטלעך מיט כתבי יד — האב איך באמערקט, אז זיי נעמען ממש טעמאטיש ארום די גאנצע וועלט — אלע קאנטינענטן און אלע אקעאנען.

געוווינט האב איך דעמאלט אין מעלבורן, אין א גרויסער שטוב, אין אן אלטן הויז, אויפן ערשטן שטאק מיט א לאנגן באלקאן אין פראנט. די גאס: ראיאל־פארעיד.

און כאטש די מייסטע פון די לידער זענען שווער ווי די שטיינער פון טרויער אליין, וואס מיט אים זענען זיי פול — מיך, זייער מחבר, ביים בלעטערן זיי, האט ארומגעכאפט א גרויסע שאפערישע פרייד — און איך בין ארויסגעלאפן אויפן באלקאן און געהאלטן אין דער שטילער נאכט א רעדע אין דער טונקלקייט אריין. ראיאל־פארעיד איז געווען א שטילע, ברייטע, לאנגע גאס און קיינער האט מיין שגעון נישט באמערקט. און גערעדט האב איך: — האסט ארומגענומען אלע קאנטינענטן און אלע אקעאנען אין דיינע לידער — בינד זיי צוזאמען אין א בוך. עס וועט זיין א יידיש וועלט־בוך, אן אוניווערסאל בוך — עס האט געלוינט זיך צו פארשווערן אין דער הקדמה צו די „נאקעטע לידער" מער קיין

לידער־ביכער נישט ארויסצוגעבן און צו ווארטן 17 יאר — נאך 17 יאר קענסטו דיר שוין מתיר נדר זיין, און דיין בוך זאלסטו רופן „נאקעטע וועלט־לידער" — און א דינע לבנה, עטלעכע טעג נאכן מולד — מיטן פארקערטן פנים פון דער דרומדיקער העמיספער — האט גענטפערט שטיל ווי נאר א בת קול פון דער לבנה קען זיין: מתיר נדר מתיר נדר — נאקעטע וועלט־לידער, נאקעטע וועלט־לידער — און איך בין אוועק פון באלקאן און איינגעשלאפן גליקלעך ווי נאר א יידישער פאעט קען זיין מיט א וויזיע פון א נייעם בוך לידער, וואס די גאנצע וועלט ווארט דאך אויף דעם...

טאג און נאכט האב איך — זינט יענעם נאכטלעכן באשלום — געארבעט אויף דעם בוך — אבער דעם טיטל האב איך געענדערט — איך ווייס אליין נישט פארוואס. נאר היינט באדויער איך פארוואס דאס בוך רופט זיך נישט „נאקעטע וועלט־לידער", ווייל איז תוך זענען די לידער אין דעם בוך טאקע אזוי — —

און אט איז ווידער א נאכט — א פאר חדשים שפעטער — ווידער בין איך אליין אין מיין גרויסן, כמעט פוסטן, צימער. א בעט — ביכער־שאפעס צונויפגעשטעלט פון עפל־קעסטלעך, א שווערע שטול, וואס איין גאט ווייסט פון וואנעט זי האט זיך צו מיר גענומען. דערצו א גרויסער, שווערער, שטארק אפגעריבענער קיך־טיש. פון וואנעט דער קיך־טיש האט זיך צו מיר גענומען — ווייס איך גראד יא: דא אנומלט האט מיר די פרוי פון מיינעם א פריינד געוויזן א נייעם מאדערנעם קיך־טיש אין איר קיך. מיין ערשטע פראגע איז געווען: וו איז דער אלטער טיש? אויפן הויף, צום ארויסווארפן. איך האב א קוק געטאן אויף דעם פאר־משפטן טיש און האב אזש א ציטער געטאן — פון אזא טיש חלום איך... ווארפט ארום דעם טיש צו מיר אין מיין שטוב! איר מיינט עס אויף אן אמת? אויף אן אמת! אויף צו מארגנס איז דער טיש געווען ביי מיר.

אט אויף דעם קיך־טיש ליגן איצט צען בינטלעך לידער: אזיאטישע, אמעריקאנישע, אפריקאנישע, אייראפעאישע, אויסטראלישע, אקעאנישע, פאציפישע, און אידעאישע, וועגעטארישע, יידישע, איז־פיר־ווענטישע.

שרייב איך אן אויף א טאוול מיט גרויסע אותיות: קאנטינענטן און אקעאנען — נעם צונויף אלע צען בינטלעך לויט א סדר — א געא־גראפישן און אן אידעאישן און איך בינד זיי צונויף מיט א בלויען באנד, וואס איך האב מיר פריער פארגרייט — און איך גיב א קוק אויפן זייגער — עס איז צוויי פארטאג. און עס כאפט מיך ארום אי א מוראדיקע איינזאמקייט און אי א פרייד אן א גרעניץ. איך מוז, איך

מוז, איך מוז איצט, תיכף — צערייסן די קייט פון דער איינזאַמקייט און טיילן מיט עמיצן די פרייד.

איך לויף אַרויס אויף מיין באַלקאָן — וואָלט דאָ איצט די לבנה געווען, וואָלט איך מיט איר געטיילט די איינזאַמקייט און די פרייד פון אַ יידישן פּאָעט, וואָס האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט אַ ניי בוך לידער, און דערצו אַזאַ, וואָס עס פּאַסט זיך טאַקע, אַז עס זאָל פאַרענדיקט ווערן אויפן ווייטסטן און איינזאַמסטן קאָנטינענט. אָבער קיין לבנה איז נישט געווען און שטאָט איר נאָר שווערע וואָלקן־קלומפּן כמעט ביז צו מיין באַלקאָן אַראָפּ. איז מיין פרייד פאַרשוווּנדן און די נאָגנדיקע איינזאַמקייט איז נאָך גרעסער געוואָרן. איך מוז, איך מוז זי איצט מיט עמיצן טיילן. אַזיסט וועל איך משוגע ווערן. אָבער מיט וועמען? ווו נאָר איך וועל איצט אָנקלאַפּן — וועט מען אָדער מיינען, אַז עפּעס אַ גרויס אומגליק איז מיט מיר פאַרלאָפן, אָדער איך בין אפשר טאַקע גאָר משוגע געוואָרן.

און דאָ פאַלט מיר איין, אַז אַ פּאָר שטילע, ברייטע גאַסן ווייט פון מיר, וווינט פנחס גאָלדהאַר. אייגנטלעך — אין יענעם יאָר — דער איינציקער, גאָט־געבענטשטער דערציילער אין יידיש אין אויסטראַליע. ער איז אַ לאָדזשער, פון פרנסה וועגן פאַרנעמט ער זיך מיט פאַרבן־קאַכעריי און שטאָפּן־פאַרבעריי. ער אַרבעט אין אַן אייגן פאַבריקל צוזאַמען מיט זיין פאָטער און ברידער. ער איז אַ שוווער־פאַרהאַרעוועטער מענטש, אָבער זיינע אייגענע האָבן איינזעעניש מיט אים — לאָזן אים שרייבן אַפּט ביז טיף אין דער נאַכט און אויף צו מאָרגנס שפּעטיקן אין פאַבריק אַריין. עס נעמט אַרום אַ חשק צוצולויפן צו גאָלדהאַרן. דער אייביק גוטמוטיקער — מיט זיין אייביק מאָדנעם שמייכל אויפן פּנים — וועט נישט בייז זיין אויף מיר — און, דער עיקר, ער וועט פאַרשטיין. ער איז אַ מענטש מיט אַ קינסטלערישער נשמה. ער האָט אַ האַרץ פאַר יענעמס משוגעתן, ווייל ער איז אַליין קאַפּאַבל צו באַגיין אַזעלכע מעשים. אָבער ווי האָב איך אַ רעכט דעם שווער־פאַרהאַרעוועטן צו וועקן?

גיט מיך אַ שטופּ עמיץ מיט אַן אומזעבאַרן פינגער — ווי גע־ווייִנטלעך אין אַזעלכע פאַלן. אפשר איז דער ביינערדיקער פינגער פון אַ שד, און אפשר אַ ראָזע פולכנע פינגערל פון אַ מלאך. און איך מאַך שטיל אויף די טיר, אַז מיינע באַלעבאַטים זאָלן נישט דערהערן. די גאַסן זענען שטיל, שטיל. יעדער שריט מיינער הילכט אין מיינע אויערן ווי די שריט פון אַ גנב אין זיינע. די מייסטע לאַמטערנס זענען שוין אויסגעלאָשן — ווי געוויינטלעך צו פאַרטאָג צו. די וואָלקנס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נאָך נידעריקער. און דאָ גייט אַ יידישער פּאָעט און אונטערן

אָרעם אַ פּאַק פּאַפּיר מיט אַן אויפשריפט „קאָנטינענטן און אָקעאַנען". ער איילט זיך. ער איז נישט זיכער צי וועט ער נישט באַלד גיין צוריק אויפן זעלבן וועג, ווייל אפשר וועט ער פאָרט נישט האָבן קיין כוח אין הארצן צו וועקן איצט זיין חבר פנחס גאָלדהאַר.

אַ גאַס אַריין און אַ גאַס אַרויס און אָט דאָרט איז דאָס קליינע גערטנדל ביי דער האָלצערנער הייזקע, וווּ עס וווינען די גאָלדהאַרס — און — ווונדער איבער ווונדער — אַ פּאַס ליכט צעשפּרייט זיך איבער דער גאַס. איך וואָלט געקענט שווערן, אַז ער קומט פון גאָלדהאַרס פענצטער. און אָט איז טאַקע דאָס שטיבל און דורכן פענצטער זע איך — הינטער אַ פירהענגל — גאָלדהאַרס סילועט־שאָטן. איך עפן שטיל דאָס טירל פון גערטנדל. גיי צו צום פענצטער און גיב אַ שטילן קלאַפּ, אַזאַ מילדן קלאַפּ, וואָס איז פול מיט ליבשאַפט, וואָס קען בשום אופן נישט איבערשרעקן. גאָלדהאַר צעגערט אַ רגע — דאַכט זיך עס איז, אַז עמיץ קלאַפּט אין פענצטער? ניין, עס דאַכט זיך נישט — מען קלאַפּט טאַקע. שטייט ער אויף, פאָרזיכטיק רוקט ער אָפּ דאָס פירהענגל — און איך ברענג נאָענט דאָס פנים מיינס צו דער שויב — ער זאָל עס דערקענען. ער דערקענט טאַקע — אָבער ער האָט זיך קענטיק נישט דערשראָקן. ער עפנט שטיל דאָס פענצטער:

— ראַוויטש?

— ראַוויטש!

— ?

— עס איז גאָרנישט — איר וועט פאַרשטיין — איך האָב נאָר־וואָס פאַרטיק געמאַכט ביזן לעצטן פּינטל דאָס לידער־בוך מיינס — „קאָנטינענטן און אָקעאַנען„ — און איך האָב עס געמוזט, געמוזט, גע־מוזט עמיצן ווייזן, זאָגן — איר וועט פאַרשטיין — אַז נישט וואָלט איך משוגע געוואָרן פון איינזאַמקייט ביז אין דער פרי — איר וועט פאַר־שטיין — אָט איז עס — און דער בונט פּאַפּירן, פּעסט צונויפגעשנורט ליגט אויפן פענצטער־פּאַראַפּעט.

גאָלדהאַר צוקושט זיך מיט מיר — און אים אויך פילט אָן עפּעס אַ מאָדנע שמחה — און דער עיקר — עס געפעלט אים עפּעס דער גאַנצער ענין. און אויך ער דערפילט אין אָט דער נאַכטיקער באַגעגעניש פון יידישע שרייבער דאָס טראַנסצענדענטאַלע, וואָס די יידישע ליטעראַ־טור טראָגט אין זיך.

— מיר מוזן עפּעס אויסטרינקען צוליב דער געלעגנהייט!

אָבער איך וויל ערשטנס נישט אַריינגיין אין שטוב — קיינעם נישט וועקן — און צווייטנס טרינק איך דאָך נישט.

— זאָל זיין — צוויי קלאָרע גלעזער וואַסער!

שטילערהייט ברענגט ער די שענסטע צוויי קרישטאָל־גלעזער, וואָס ער האָט שטילערהייט געקענט געפינען אין דער פינצטערער קיך, אָנ־געפילט מיט פרישן וואַסער פון קראַן, שטעלט זיי אויפן פּאַראַפּעט.

— לחיים!

* * *

עס איז געווען אפשר דער הערלעכסטער באַנקעט, וואָס איך האָב ווען עס איז אין לעבן מיטגעמאַכט — איבער אַ נײַ בוך, אָדער איבער אַן אַלטער דאַטע...

טייערער מענטש — טייערער חבר — פּנחס גאָלדהאַר — אין די הימלען — נישט דערשריבענער אויף דער ערד — איאָ, אַז עס איז געווען אַ הערלעכער מאָמענט. נאָר פאַרוואָס ביזטו אַזוי פּלוצלונג צו דיינע 46 — אין יאָר 1947 — אַוועק? אפשר וואָלסטו מיר צוגעהאָלפן, דערמאָנט אַ פאַרגעסענעם פּרט אין אָט דער מעשה. ביזט דאָך נישט בייז אויף מיר, וואָס איך האָב די מעשה דאָ פאַרשריבן.



מלך ראַוויטש און הערש מינץ אין אַדעלייד אין יאָר 1933.

## מענדל מאַן

# אַ פּאַטאַמאָרגאַנאַ בײַם ראַנד פֿון אַ מדבר

**(אײַנדרוקן פֿון אַ באַזוך אין יאָר 1962)**

די ליִיגאַן־סטריט אין מעלבורן שנײַדט דורך דעם טייל שטאָט, וואָס רופֿט זיך קאַרלטאָן. אַז מען פֿאַרקירעוועט רעכטס אָדער לינקס פֿון דער גאַס, זעט מען די אַמאָליקע ייִדישע געסלעך. דאָ זענען געבליבן די בתּי־מדרשים, עטלעכע שולן און די גרויסע געבײַדע פֿון „קדימה“־ביבליאָטעק. די ייִדן האָבן זיך צעשפּרייט אין ווײַטע, רײַכע פֿאָרשטעט. עס איז אַכט אוונט. מיין אויטאָ האָט נישט וווּ צו פּאַרקן, בײַדע זײַטן גאַס זענען באַשטעלט פֿון טונקעלע קאַרס. אומענדלעכע שורות. דאָס זענען געקומען די מעלבורנער ייִדן הערן אַ לעקציע אויף ייִדיש. אַ פֿולער זאַל. איך חידוש זיך: דאָס זענען דאָך די היימישסטע, די נאָענטסטע ייִדן צום נעכטיקן פּוילישן שטעטל. דער זעלבער ביאַליסטאָקער ייִדיש. דער זעלביקער ניגון פֿון די טשעכאַנאָווער, פֿון די מלאַווער, פֿון די וואַרשעווער. אפֿילו די פּנימער זענען די זעלביקע. נאָר די פֿרויען האָבן זיך געענדערט. זיי טראָגן מאָדערנע קליידער, צירונג און טרײַבן די קאַרס.

די מעלבורנער האָבן ליב, אַז דער רעדנער רעדט פֿולע צוויי שעה, אַז ער העלפֿט זיך נישט אַרויס פֿון קיין „פּאַפּירל“, אַז ער רעדט פֿון „אויסנווייניק“. דאָ הערשן נאָך די געזעצן פֿון די „פּאַראַיינען“ און „לאַנדסמאַנשאַפֿטן“... קאַלן“ אין אַמאָליקן פּוילן. די נײַע אימיגראַציע דאַטירט זיך פֿון יאָר 1928. זיי זענען געקומען ווי יונגטלעכע, שנײַדער־געזעלן, אַ „האַנט“ אין אַן אָרעם וואַרשטאַטל. זייער ייִדישקייט איז באַשטאַנען אין אַ יאָר־צוויי חדר און „אוונט־קורסן“ ווו אַ „באַוווסטזיניקער“ און אויפֿגעקלערטער האָט זיי געלערנט ייִדיש. איצט פֿירן זיי „פֿעקטאָרים“. זיי האַלטן איטאַליענישע נייטאָרינס, גריכישע צושנײַדער, אוקראַיִנישע שוואַרץ־אַרבעטער און „יאַקישע“ בוכהאַלטערן. זיי זענען געוואָרן נישט נאָר פֿאַבריקאַנטן אין באַקלייד־אינדוסטריע, נאָר אויך בויער פֿון פֿלעטס, אויפֿקויפֿער פֿון פֿלעצער און אימפּאָרטערן פֿון יאַפּאַנישע סחורות...

זיי זיצן אין גרויסן זאַל פֿון „קדימה“ צווישן די שיפֿס־ברידער,

מיט וועלכע זיי זענען געקומען מיט דרייסיק יאָר צוריק. עס געפינען זיך אין זאַל די, וואָס מען האָט אַראָפּגעבראַכט נאָכן חורבן: געשיקט אַ פּערמיט אין אונרא־קעמפּס פון דייטשלאַנד פאַר אַ ווייטן קרוב, פאַר אַ לאַנדסמאַן, זיי האָבן זיך אויך „אַרויפגעאַרבעט". אַ ביסל צו שנעל זאָגן די אַלט־איינגעזעסענע און קענען נישט מוחל זיין, שטילערהייט, וואָס די „גרינע" זענען אַזוי גיך „אויסגעגרינט" געוואָרן. עס איז נישט אַזוי אַ טענה קעגן די אַריינגעקומענע נאָך דער מלחמה, ווי אַ טענה צום גורל, וואָס ער איז געווען אַזוי ביטער צו זיי בעת זיי האָבן באַטראָטן די אויס־טראַלישע ערד.

* * *

עס וועט זיין אַ טעות צו מיינען, אַז אַלע יידן אין אויסטראַליע זענען גליקלעך און רייך.

איך האָב געזען טרויעריקע, אַפּאַטישע פּנימער פון מענטשן, וואָס זענען אַנגעקומען צו אַ לעצטער סטאַציע פון זייער נע־ונד און זיי זענען אַנטוישט געוואָרן. אַן אומענדלעכע ווייסטעניש פון אַ נעכטן און אַ מדבר, וואָס שפּרייט זיך ממש פון די שוועלן פון דער אייגענער היים. אַ טאָפּלטער מדבר, וואָרום עס איז נישטאָ מיט וואָס אויסצופילן די טעג און נעכט. נישטאָ קיין טעם און קיין אינהאַלט אין לעבן. די קינדער זענען אַוועק אַפילו ווען זיי זענען נאָך אין שטוב. ווי נאָר זיי ווערן גרויס, דערווייטערן זיי זיך פון די עלטערן. זענען זיי געבליבן אַליין. ממש אַליין. די אויסטראַליער זענען העפלעכע, גוטמוטיקע, פריינטלעכע, נאָר פאַרשלאָסענע. קיין גויים קומען נישט אויף יידישע שמחות און יידן גייען נישט אויף גוייִשע שמחות. איזאָלירטע היימען. אַפילו אין מסחר באַגעגנט מען זיך גאָר ווייניק מיט זיי. דרייסיק יאָר אין אויסטראַליע, און דאָס רוב איז נאָך אַפילו נישט איבערגעטראָטן די שוועל פון אַ נישט־יידיש הויז. די ענגליש־רעדנדיקע יידן, וואָס בלויז אין מעלבורן זענען זיי אַן ערך 40 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג, זענען אויך אָפּגעזונדערט. זוכט מען יידישקייט אויף די לאַנגווייליקע „פּאַרטיס". עמיצער פאַרציט אַן אַלט יידיש פאָלקס־ליד און דער טרויער רייסט ממש אויף דאָס האַרץ.

זיצן קנאַפּע 500 מעלבורנער יידן אין אַ זאַל און הערן מיך רעדן יידיש. נישט נאָר די מענטשן, נאָר איך אַליין טראָג זיך איבער ווי אויף פליגל צו יענע יאָרן פון די דרייסיקער אין די פּוילישע שטעטלעך. איך רייד צו זיי פון „אויסנווייניק", איך פיל ווי מיין האַרץ שלאָגט שטאַרקער און דאָס אייז פון מיין זכרון ווערט צעטייעט. איך צעפּלאָם זיך מיט

יענעם פּייער, וואָס זײַנע פֿונקען זענען נאָך פֿון די צײַטן ווען עס האָט דערוואַכט דער ייִדישער פֿאָלקס־מענטש און געקומען בױען די מאָדערנע וועלטלעכע ייִדישע קולטור און ליטעראַטור. און אַז ס'ברענען אױס אָפּלאַ־דיסמענטן, שפּיר איך מײַנע טרערן, מײַן פֿרייד, וואָס איך האָב אויסגע־כּישופֿט אַ חלום פֿון נעכטן אין דער ביטערער וואָר פֿון אונדזערע טעג.

יאָ. דאָס איז דער עכאָ פֿון אַ נעכטן. די פֿאַטאַמאָרגאַנאַ פֿון אַ פֿול ייִדיש לעבן, וואָס איך האָב אַנטדעקט ביי די ראַנדן פֿון דעם גרויסן אויסטראַלישן מדבר.

ווען עס איז אויסגעקומען צו זען אַזאַ מיראַזש אין אַ מדבר, דער ווייס ווי עכט, ווי רעאַל זי קען איבערשפּיגלען בלײַענדיקע שטעט און דערפֿער, טײַכן און קוואַלן, וואָס זענען מער נישטאָ, וואָס זענען אויס־געטריקנט געוואָרן און פֿאַרוויסט.

* * *

אין אַ רחבֿותדיק ייִדיש הויז. מענטשן גיבן מיר שלום. איך דריק הענט פֿון צענדליקער ייִדן. מיטאַמאָל אַ שווערע האַנט פֿון אַ ייִד מיט אַ טונקל־ברוין פּנים. אַ געקאַרבטס. אַ מענטש אין די זעכציקער.

— פֿון וואַנען איז אַ ייִד?

— אַ בריסקער. די שטאָט, וווּ עס איז דאָס ערשטע מאָל געפֿאַלן דאָס וואָרט: „נישט שלום און נישט מלחמה".

ער שמייכלט אַנגענעם. כ'זע פֿאַר זיך אַן אַרבעטס־מענטש.

— דאָס שטייט פֿאַר אײַך אַ וואַלד־העקער — זאָגט מיר דער ייִד.

אַ וואַלד־העקער אין אויסטראַליע? אַ ייִדישער וואַלד־העקער?

מיר זענען געזעסן לאַנגע שעהן צוזאַמען און געשמועסט וועגן די אויסטראַלישע אויקאַליפּטן־וועלדער, אור־וועלדער, וווּ די קרוינען זענען באַדעקט מיט שניי. אַן אַרבעטער אין אַ טאַרטאַק, וווּ מען צעזעגט ביימער וואָס זענען דיק צוויי מעטער. דרײַסיק יאָר ווי ער אַרבעט אין די אויס־טראַלישע וועלדער.

דערנעבן זיצט אַ צווייטער ייִד. ער איז שוין אַריבער די זיבעציקער. דאָס איז איינער פֿון די ייִדישע קאָלאָניסטן פֿון אַ ייִדיש דאָרף, וואָס איז אויפֿגעקומען מיט אַ פֿינף און דרײַסיק יאָר צוריק און איז אונטער־געגאַנגען. דער נאָמען פֿון דאָרף איז געווען בערעק.

עס זענען געווען פּיאָנערישע פּאַרמעסטן צו דעראָבערן אין אויס־טראַליע די ערד און דעם וואַלד דורך ייִדישער פּראַצע.

דערנעבן שטייט אַ ייִד וואָס איז געוואָרן אויסטראַליעס מומחה פֿון וואָל. ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט ביכער וועגן שעפּסן־צוכט, וועגן רויען וואָל

און אייגנשאַפטן פון דעם אויסטראַלישן מדבר, וואָס קען האָדעווען די שעפּסן־סטאַדעס.

און אינטערעסאַנטער שמועס מיט ערד־מענטשן. אַרום זאַמלען זיך ייִדן: שניידער, סוחרים, פּלעט־בויער, מעקלער, קאָנפעקציאָנערן און טרי־קאָטאַזשניקעס. די, וואָס האָבן נאָך אַפילו נישט באַוויזן אַריינצוגיין מיט ביידע פיס אין אויסטראַלישן לעבן, די, וואָס האָבן נאָך נישט געזען דעם איינגעבוירענעם און קענען נישט דעם נאָענטסטן שכן — דעם אויסטראַ־ליער.

זיי הערן זיך צו מיט חידוש צו די רייד פון די עטלעכע פּאַרהאָ־רעוועטע מענטשן פון דער ערד און פון וואַלד און פון סטעפּ מיט נייגער און מיט אַ פּאַרבאַהאַלטענעם איראָנישן שמייכל. נעבעך. צו גאַרנישט דערגאַנגען. אָוועקגעפּטרט די יאָרן און ס'געזונט...

* * *

זאָגט צו מיר אַ ייִד, אַ געקומענער מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט פון רוסלאַנד: — איך בין געווען מיין גאַנץ לעבן אַ ייִדישער פּויער אין אויסטראַליע. האָט איר געהערט פון ייִדישן דאָרף אין וויקטאָריע, בערעק? איך בין געווען איינער פון אירע ערשטע קאָלאָניסטן.

קוק איך אויף דעם ייִד, זע זיין ברוין פּנים, די קאַרבן אויף זיין שטערן, די הענט וואָס ליגן אויף זיינע קני און הער זיך צו ווי ער רעדט צו מיר אַ דווינסקער ייִדיש.

— בערעק איז געווען אַ ייִדיש דאָרף. מיר האָבן באַאַרבעט די פעל־דער, געפּלאַנצט פּרוכט־ביימער, געהאָדעוועט שעפּסן. איין נחלה איז געווען אָפּגערוקט פון דער אַנדערער אויף מיילן. איי, עס איז געווען אַ שיינער חלום צו פאַרוואַנדלען כאָטש אַ טייל פון אויסטראַלישן ייִדישן ישוב אין לאַנדווירטן.

אין דרויסן רעגנט. דער ייִד זיצט קעגנאיבער מיר און שווייגט. איך האָב גרייט הונדערטער פראַגן, נאָר כ'פרעג זיי נישט, וואָרום ווען עס גייט דער אויסטראַלישער פרילינגס־רעגן ווילט זיך שווייגן. דער קאָקאַ־בורא־פויגל האָט זיך צעזונגען. זיין שאַרף צוויטשעריי צערייסט די שטיל־קייט.

— באַלד וועט אויפהערן רעגענען — זאָגט צו מיר דער ייִד. — איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה וועגן אַ ייִדישן „סוועגמען".

— אַ סוועגמען? — פרעג איך נייגעריק.

— איר ווייסט נישט וואָס דאָס איז אַ „סוועגמען"? איך דערקען

אויף דעם זקנס פנים די שטילע הנאה פון איינעם, וואס דערציילט דיר עפעס אַ חידוש און אַנטפּלעקט פאַר דיר אַן אומבאַקאַנטע וועלט.

— אַ „סוועגמען" איז אויף פּשוטן יידיש אַ נע־ונדער, אַ בראַדיאַגע. עס איז אָבער דאָ אַ גריטנלעכער אונטערשיד. דער אונטערשיד איז דער וואס דער „סוועגמען" איז אַן אַקטיווער מענטש מיט אַ קאַלאָסאַלן חלום, אַ פאַנטאַסטישן. זיין חלום איז — גאָלד. ער וואַנדערט אַרום, מיט אַ קליין קלומעקל, וואס באַשטייט פון אַ זיפּ, פון אַ קעסעלע און אַ טאָרבע. ער גייט איינער אַליין דורך וויסטע וועגן און אומוועגן, דורך זאַמד־פעלדער און ער זוכט גאָלד. ער גראָבט ערד, זיפּט זי דורך און אויב די הימלען זענען גוט צו אים — געפינט ער אין דער זיפּ נאָך טעג לאַנגע דורכזייען די ערד, אַ קערנדל גאָלד. ער טרויט זיך נישט צו גיין מיט נאָך אימעצן. אַ „סוועגמען" האָט נישט קיין קאָמפּאַניע. ער איז אַליין. ניין, נישט אַליין. ער איז מיט זיין גאָלד־חלום, אַ פרוי קען אים נישט באַגלייטן. זי איז פאַלש און פאַרפירעריש אַזוי ווי דער גאָלד־קאַשמאַר. אַ חבר איז אומזיכער. ער וועט דיך באַרויבן. וועסט זיך נישט קענען צעטיילן מיט די קערנדלעך גאָלד. און אויב ער וועט עס אַנטדעקן, וועט ער דאָס גאָלד אויסבאַהאַלטן און אין די נעכט אַליין שלייכן זיך צום פעלד, נעמען דאָס אַנטדעקטע פאַרמעגן און נעלם ווערן. נישט ווייניק „סוועגמענער" האָט מען געפונען מיט דורכגעשניטענע העלדזער. כ'האָב אַליין געזען אַמאָל אַזאַ מענטש ליגן ביים ראַנד פון וועג און דער גרויער פויגל מיט דעם געלן שנאָבל האָט אים אויסגעפּיקט די שוואַרצאַפּלען.

— אַזוי האָט גערעדט צו מיר דער אַלטער ייד.

* * *

„איינמאָל איז געקומען אין מיין פאַרם אַ הויכער אויסגעדאַרטער מענטש מיט אַ שוואַרצער קאַלטענעוואַטער באָרד און געבעטן אַ ביסל מילך. איך האָב געוווּסט, אַז זייט עטלעכע טעג האַלט ער זיך אויף אַ פּאָר מייל פון מיר אין אַ טאָל, וווּ אין ווינטער און האַרבסט ריזלט אַ וואַסער־אָדער. איך האָב גלייך דערקענט, אַז דאָס איז אַ „סוועגמען". איך האָב אים אַריינגעבעטן אין שטוב. ביי דער שוועל האָט ער זיך אָפּ־געשטעלט, אַ קוק־געטאָן אויף דער מזוזה און געזאָגט אויף יידיש: איך בין אַ ייד. שלום־עליכם אייך.

— פון וואַנען שטאַמט אַ ייד? — האָב איך אים געפרעגט.

— פון אַ פּויליש שטעטל. כ'געדענק נישט דעם נאָמען. כ'בין גע־קומען אַלס קינד...

— הערט אויף צו זוכן גליקן. ווערט א פאַרמער. איר קענט באַקומען אַרבעט ביי מיר.

דער ביינערדיקער מענטש איז געווען ווי אַן יאָרן, מען האָט אים געקענט אַננעמען פאַר דרייסיק און פאַר זעכציק. פאַרוואַקסן, אָפּגעלאָזן. אויף זיין האַלדז איז געהאַנגען א שוואַרץ־שנירל. צוערשט איז מיר איינגעפאַלן, אַז צו דעם שנירל איז צוגעבונדן א צלם. דאָס מוז זיין א געשמדטער ייד. דערנאָך האָב איך מבטל געמאַכט דעם חשד.

— וואָס טראָגט איר א פּעטליע אויף זיך?

— יאָ. עס איז טאַקע א פּעטליע... כ'הענג אויף א גאָלדענעם חלום־בוים.

ער האָט צעעפנט דאָס העמד, אַרויסגענומען א געלב זעקעלע פון א שעפּסן־בלייז און אויסגעשאָטן אויפן טיש א פינף־זעקס גאָלד־קערנדלעך. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן און די ווייסלעך זענען פאַרלאָפן געוואָרן מיט א געלן שיין, אַזאַ מוטנעם ווי עס האָבן די וואַסערן פון דער יאַרא. דעם ייד האָט מען גערופן נחום. ער האָט געאַרבעט אין מיין פאַרם פיר וואָכן. איך האָב באַמערקט, אַז ער גייט אַוועק יעדן פאַרנאַכט אין סטעפּ אַריין און טראָגט אַוועק זיין פלעשל מילך. צו זון־אויפגאַנג איז ער צוריקגעקומען. פון נייגער בין איך אַוועק אין זיינע פוס־שפּורן. זיי האָבן מיך דערפירט צום טרוקענעם טייך־טאָל. צופוסנס פון א קוסט, אויסגעבעט אויף גראָז איז געלעגן א הונט און דערנעבן פינף קליינע הינטלעך, וואָס די הינטיכע האָט געהאַט. דער „סוועגמען" נחום האָט מיר געזאָגט:

— כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט דאָ אויף א חודש, אַז מיין הינטיכע זאָל האָבן די הינטלעך. זיי זאָלן אַביסל אויסוואַקסן. א דאַנק אייך פאַר די מילך. מאָרגן אין דער פרי, מיטן אויפגאַנג פון דער זון, גיי איך ווייטער. מיך רופט דאָס גאָלד, וואָס פינקלט אַרויס פון דער פינצטערער ערד. דאָס איז נישט נאָר גאָלד — דאָס איז מיין לעבן. איך זאַמל עס אין דער טאָרבע און טראָג עס אויף מיין האַרץ...

* * *

— דער רעגן האָט שוין אויפגעהערט. די זון שיינט שוין־אויף צום צענטן מאָל — האָט געזאָגט צו מיר דער אַמאָליקער קאָלאָניסט פון יידישן דאָרף בערעק.

— איר מיינט, אַז די יידישע „סוועגמענס" איז אויסטראַליע זענען נעלם־געוואָרן, פאַרשוווּנדן? ניין. איר מאַכט א טעות. איר קענט זיי דערקענען. זיי פאָרן אין שיינע קאַרס. זיי האָבן שיינע היימען. זיי האָבן גרויסע פאַבריקן. זיי טראָגן נישט מער אויפן האַלדז דאָס גאָלד־טאָרבעלע.

דער זעלבער גאלד־פיבער בושעוועט אין זיי. זייערע אדערן זענען אנגעצונדן פון א גאלד־חלום. זיי ווילן רייך ווערן דורך דער נאכט. אט די „סוועגמענס" טרעפט מען אויף די גאסן פון מעלבורן און סידניי.

## דאָס קולטור־געזעלשאַפטלעכע לעבן אין מעלבורן

עטלעכע מייל מחוץ דער שטאט מעלבורן, דארט ווו עס לויפן רחבות־דיקסטע שאסייען, אויף אן אפענעם שטח, א גרין־באבערגלטן, דערהויבן זיך עטלעכע גרויסע געביידעס. נעבן די געביידעס ברייטע פארק־פלעצער. עס שטייען איצט דארט פינף אמניבוסן און אן א שיעור אויטאס. די שפיל־פלעצער זענען פארצוימט מיט גרינע געוויקסן. די וועגן וואס פירן צו די געביידעס זענען ברייט, געשניטן לויט ארכיטעקטאנישער קונסט, מיט גראז־טעפיכער. וואס נענטער מען קומט צו, אלץ מעכטיקער זעען אויס די געביידעס. די פענצטער זענען אפענע. די באלקאנען נעמען ארום די הייזער ווי די רינגען. דאס איז נישט קיין היפער־מאדערנע ארכיטעקטור, וואס זעט אויס ווי א רעכן־העפט, נאר עפעס וואס איז אנדערש, ניי און וואס פארכאפט דיין בליק. דאס זענען די געביידעס פון דער יידישער מיטל־שול, וואס מען רופט זי „הר־הצופים". דאס איז איינע פון די מאדערנסטע און שענסטע שולן, וואס עס פארמאגט אויסטראליע. און עס וועט נישט זיין קיין איבערטרייבונג צו זאגן, אז דאס איז איינע פון די שענסטע און בעסט־אוועקגעשטעלטע שולן אין דער וועלט.

עס איז איצט אן איבעררייס. די קארידארן זענען איבערגעפולט מיט קינדער. זיי גייען איצט צו דעם געדעקטן הויף, ווייל אין דרויסן רעגנט. מיך נעמט אויף דער דירעקטאר פון דער שול. איך באזוך די קלאסן, איך קוק אריין אין די לאבאראטאריעס, אין די ביבליאטעק־צימערן, אין די קינא־זאלן, אין די קינדער־קלובן, אין די בופעט־זאלן, אין די גימנאס־טיק־האלן, אין די קאנפערענץ־זאלן. דאס איז א יידישע שול. די אונטער־ריכטס־שפראך איז ענגליש און העברעאיש. עס לערנען זיך אבער אויך נישט־יידישע קינדער. דער לערן־ניוואָ איז א הויכער. דא ארבעטן לערער, וואס האבן די שול גראדואירט. לערער פון צווישן דער אויסטראליש־געבוירענער יידישער יוגנט און לערער פון ישראל. לערער יידן און נישט־יידן.

אן אייגענע באס־פארבינדונג דערמעגלעכט צו ברענגען די שילער פון די פארווארפנסטע ווינקלען פון מעלבורן און זיי אפצופירן אהיים. פארשפעטיקט מען איין אויטאבוס, קומט אין געציילטע מינוטן אן א צווייטער. דאס איז אן אייגענע קאמוניקאציע. זי איז זייער וויכטיק פאר דער עקזיסטענץ פון דער שול, ווייל מעלבורן איז גרויס, צעווארפן.

איינע פון די גרעסטע שטעט אין שטח אין דער וועלט. אזוי טאָג נאָך טאָג ווערן הונדערטער קינדער געבראַכט אין שול אַריין.

עס איז אַ פרייד צו זען דעם שוואונג און דעם פאַרנעם פון די דרייסיק טויזנט יידן פון מעלבורן, וואָס האָבן געהאַט די אַמביציע אויפצובויען אַזאַ לערן־אַנשטאַלט, וואָס מלוכות האָבן עס נישט געקענט באַווייזן.

דאָס איז נישט די איינציקע טאָג־שול, וואָס דאָס יידישע מעלבורן האָט געבויט. עס עקזיסטירט אַ ביאַליק־שול. זי איז אָבער אין דעם פאַרנעם און אויסשטאַטונג פיל קלענער. עס עקזיסטירט נאָך אַ רעליגיעזע טאָג־שול, וווּ עס לערנען זיך הונדערטער יידישע קינדער. עס איז פאַראַן אַ ישיבה פון די ליובאַוויטשער און וואַנדערלעך־אָרגאַניזירטע צוגאָב־שולן מיטן לימוד יידיש און אויך העברעאיש. אַ צוגאָב־שול אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ, אַנגעפירט פון באַרימטן פּעדאַגאָג י. גיליגיטש און אויך אַ צווייטע צוגאָב־שול א. נ. שלום־עליכם.

אין אַ זונטיק האָב איך באַזוכטביידע שולן, האָב זיך באַקענט מיט די קינדער, מיט די לערער און מיט די שול־טוער. איך האָב געהערט דעם קלאַנג פון יידיש־לשון אין מויל פון יידישע קינדער, געבוירענע אין ווייטן אויסטראַליע און כאָטש ער האָט אָפּגעקלונגען אין מיינע אויערן אַביסל פרעמדלעך מחמת דער השפּעה פון ענגליש, האָב איך אָבער דערפילט די גרויסע ליבשאַפט ביי די קינדער צום יידישן שטאַם.

גרויס רעטעניש זענען פאַר מיר געווען די אַלערליי יידישע אָרגאַניזאַציעס און קלובן, וואָס דאָס קליינע יידישע אויסטראַליע פאַרמאָגט. ביי אַזאַ קליינער באַפעלקערונג און אַזאַ פאַרשידנפאַרביקייט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן: אַ ווייצמאַן־הויז, אַ הויז פון די „הבונים”, אַ געביירע אויפן נאָמען פון בונדישן טוער וואַקס, אַ ריזיקע געביידע פון די ביאַליסטאָקער, יוגנט־קלובן, די גרויסע יידיש־נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה” מיט אַ יידישן טעאַטער, אַנגעפירט פון רחל האָלצער און יעקב ווייסליץ.

עס איז פאַראַן אַ זייער אַקטיווע פרויען־אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען. מעלבורן פאַרמאָגט וואַרשטאַטן פאַר זקנים, וווּ זיי קענען טאָן לייכטע אַרבעט עטלעכע שעה אַ טאָג. עס איז דאָ אַ הילפס־אָרגאַניזאַציע און עס איז טעטיק דער „באָארד אָף דעפּיוטיס” — די יידישע קהילה.

איך האָב בייגעוווינט אַ זיצונג פון דער יידישער קהילה אין מעלבורן. דאָ איז נאָך די קהילה געבויט לויטן אַמאַליקן שטייגער. עס קומען פאָר וואַלן. פראַקציעס קעמפן דורכצופירן זייערע פאָרשלאָגן. דער ניוואָ פון די זיצונגען איז אַ הויכער. עס מאַכט דעם איינדרוק פון אַן עכטן יידישן פּאַרלאַמענט. דאָ ווערן נישט נאָר באַהאַנדלט לאָקאַלע פּראָבלעמען,

נאָר אויך ענינים, וואָס רירן אָן יידישע עקזיסטענץ און יידישע וועלט־ענינים.

די זיצונג פֿון דער אויסטראַלישער יידישער קהילה איז געווען אַ הייסע. שאַרפֿע אַרויסטרעטונגען פֿון די ציוניסטישע פֿאַרשטייער, פֿון בונד, פֿון די אומפּאַרטייאישע און פֿון איינעם אַ „נייטראַליסט".

איך בין ווי צוריקגעוואָרפֿן געוואָרן צו יענע ערב־מלחמהדיקע יאָרן אין פּוילן, ווו אויף דעם באָדן פֿון דער יידישער קהילה אויף גזשיבאָווסקע־גאַס אין וואַרשע האָבן זיך אָפּגעשפּילט אידייאישע געראַנגלענישן פֿון דער גרויסער וועלט.

דער פּאַרזיצער פֿירט די זיצונג לויט די שטרענגסטע כּללים פֿון פּאַרלאַמענטאַריזם. עס איז פֿאַראַן שוווּנג, ניוואָ און דער עיקר פּאַרנעם. די דיסקוסיעס זענען זאַכלעכע. די אַרויסטרעטונגען קאָנקרעטע. מען האָט זיך אויסגעלערנט זאָגן אין געציילטע ווערטער דאָס, וואָס מען דאַרף זאָגן.

די אָנפֿירער פֿון דער קהילה זענען יוריסטן, געשעפֿטס־לייט, פֿאַבּריקס־דירעקטאָרן, הויכע באַאַמטע, עטלעכע מעדיצינער. און אַרבעטער? — פֿרעג איך אימעצן. — געוועזענע אַרבעטער — ענטפֿערט מען מיר מיט אַ שמייכל.

די שפּראַך פֿון די קהילה־זיצונגען איז ענגליש. טייל אַרויסטרעטונגען זענען אויף יידיש. עס זענען אָבער פֿאַראַן אַ סך פֿון די ענגליש־רעדנדיקע, הי־געבוירענע, וואָס פֿאַרשטייען טאַקע נישט מאַמע־לשון. זיי זענען אָבער טאָלעראַנט. אויפֿן סדר־היום שטייען גורלדיקע פּראָבלעמען. אָפּטמאָל אַזעלכע, אין וועלכע עס איז אָפּהענגיק דער וווילשטאַנד פֿון ניי־געקומענע אימיגראַנטן, דער בודזשעט פֿון סאָציאַלן פֿאָנד פֿאַר די יתומים־אַנשטאַלטן, פֿאַר אַ שול. ווי קען מען זיך דערלויבן צו ריידן אַ שפּראַך, וואָס נישט אַלע פֿאַרשטייען. דער עיקר איז דאָך, אַז עס זאָל עקזיסטירן יידיש לעבן, אַז מען זאָל אויפֿהאַלטן יידישע אָרגאַניזאַציעס, אַז מען זאָל געווינען דעם נייעם דור פֿאַר יידישער אַקטיוויטעט.

איז פֿאַראַן אַ געפֿאַר פֿון אַסימילאַציע אין אויסטראַליע?

מען קען ענטפֿערן מיט זיכערקייט: ניין! אין אויסטראַליע זענען יידן — יידן און זיי וועלן בלייבן יידן.

די געפֿאַר איז נאָר אין דער אָפּשוואַכונג פֿון יידישער אַקטיוויטעט. די הויפּט־זאָרג איז צו געווינען דעם יונגן דור, ער זאָל איבערנעמען די אָנפֿירונג פֿון ישוב.

איך האָב געזען איבערגעפֿולטע זאַלן ווו מען האָט געשפּילט יידיש טעאַטער. איך האָב געזען אין אויסטראַליע געפּאַקטע זאַלן מיט יידן, וואָס

זענען געקומען הערן א ייִדיש וואָרט. איך האָב געזען טויזנטער ייִדישע קינדער, וואָס לערנען אין ייִדישע שולן, אי אויף ענגליש, אי אויף העבּ־רעאיש און אי אויף ייִדיש. איך האָב געזען צענדליקער בתּי־מדרשים מיט מתפּללים. איך האָב געזען חדרים און א ישיבה. איך האָב געהערט זינגען ביי יעדער פייערונג די „התקוה" און אין וואָקס־הויז האָט אָפּגעהילכט די „שבועה". איך האָב געהערט ייִדישע פאָלקס־לידער, וואָס עס האָבן געזונגען ייִדישע כאָרן און איך האָב באַוווּנדערט די ייִדישע ספּאָרט־קלובן, וואָס זענען באַרימט אין גאַנצן לאַנד.איך האָב געזען אמתע ייִדן, וואָס ייִדישקייט איז פאַר זיי די לופט, מיט וועלכער זיי אָטעמען און פאַר וועמען א ייִדיש בוך איז א הייליקייט.

איך האָב באַגעגנט אין אויסטראַליע ייִדישע קולטור־טוער — די שטיצע באַגלייטער פון דער ייִדישער ליטעראַטור און איך האָב געשמועסט מיט ייִדישע שרייבער, וואָס שאַפן זייערע ווערק אויף ייִדיש־לשון. עס דערשיינען צוויי ייִדישע וואָכן־בלעטער, עס גייען אַרויס פון צייט צו צייט ייִדישע ביכער און מען קען אפילו הערן א לעקציע אין העברעאיש פון א ירושלימער שליח.

א פּילפּאַרביקע ייִדישקייט, אַזוי ווי א רעגן־בויגן, דערהויבט זיך איבער דעם ווייטן וועלט־טייל אויסטראַליע.



אויפן קבלת־פּנים־אָוונט פאַר מענדל מאַן אין 1962.

(פון רעכטס צו לינקס): י. קערש, ל. פרידמאַן, מענדל מאַן (רעדט), י. ריימער, דוד טושינסקי (פון פּאַריז), ס. בורשטין.

ד"ר בערל פרימער

# א בליק אויף יידיש מעלבורן

## (איינדרוקן פון א באזוך אין 1965)

די שורות ווערן געשריבן ווען איך בין נאך אין מעלבורן. זענען זיי טאקע קורץ און אויף דערוויילן. בכלל קען מען א ישוב נישט לערנען, אפילו ווען דער „אויף איין פוס" דויערט 5 וואכן. מען דארף קענען דאס לאנד און די אלגעמיינע סביבה, אין וועלכער דער ישוב געפינט זיך. ווי אריגינעל יידיש און ווידערשטעענדיק צו השפעות א קהילה זאל נישט זיין, איז זי דאך א טייל פון קאלאריט, קולטור און לעבנסשטייגער פון דער נישט־יידישער וועלט. און אויסטראליע איז זיכער א קאמפליצירט, ברייט און גארנישט קיין פשוט לאנד. פונדעסטוועגן האלט איך זיך פאר בארעכטיקט ארויסצוזאגן איניקע מיינונגען נאך צענדליקער באגעגענישן מיט קרייזן, פובליקומס, ארגאניזאציעס און אומצאליקע געשפרעכן.

מ'קען כאראקטעריזירן דאס יידישע מעלבורן אלס א נ א ע נ ט ע ר ווינקל אין א ו ו י י ט ע ר מדינה, א קליינער ישוב מיט גרויסע אמביציעס און פארנעם. די היימישקייט פון אט דעם ישוב, זיין איינגעוואקסנקייט אין וועלטלעכער יידישקייט איז צום באוואונדערן. ס'איז פלא פלאים. אויף דעם דרומדיקסטן טייל פון ווייטסטן קאנטינענט אין דער וועלט, געפינט זיך א יידישער אאזיס, וואס דערמאנט אין זיין נוסח די ארגאנישסטע יידישע ווינקלען אין דער וועלט. ס'איז טאקע „עק־וועלט" געאגראפיש, אבער אין יידישער הינזיכט — די סאמע הארץ פון דער וועלט.

אט האט איר פאר זיך די גאנצע פאנאראמע: בתי מדרשים און שולעס, פארטייען און לאנדסמאנשאפטן, א הונדערט אינסטיטוציעס און אלע טעטיק. עס איז אן אינטענסיוו קאכעדיק יידיש לעבן, אבער נישט נאר דאס — יידיש מעלבורן איז אויך נאענט צו אלץ, וואס געשעט אין יידישן לעבן, אין דער וועלט, אין מדינת ישראל און אומעטום. דער ישוב איז קאמפעטענט און גענוי אינפארמירט וועגן אלץ וואס פאסירט אין יעדן ווינקל פון יידישער צעשפרייטקייט. דאס אויער איז צוגעשפיצט און סענסיטיוו און דאס וואכזאמע הארץ פארווישט די געאגראפישע דיסטאנצן.

דער ישוב איז עפעס העכער פון 30 טויזנט נפשות, אפילו אין אונדזער ביסל ארעמקייט איז דאס נישט קיין גרויסע צאל, אבער רעלאטיוו

גענומען איז ער איינער פון די יידישסטע און בעסטע ישובים אויף דער וועלט. ער איז פון די, וואס מען קען אנציילן אויף פינף פינגער. אט אייניקע ביישפילן גענומען פון די וועזנטלעכסטע געביטן פון יידישן לעבן: אין מעלבורן זענען טעטיק 7 יידישע טאג־שולן, וואס נעמען ארום א קימא־לן פון 2500 קינדער, ד.ה. עטלעכע פערציק פראצענט פון אלע יידישע קינדער אין שול־עלטער. דאס איז דער העכסטער פראצענט אין די תפוצות. אבער אויך אין דעם אלגעמיינעם פראצענט פון באזוך אין די יידישע שולן קען דער ישוב זיך אויסגלייכן מיט דער בארימטער מעקסיקע סיטי, ארומנעמענדיק העכער 80 פראצענט פון יידישע קינדער. אין מעלבורן דערשיינען 2 וואכן־צייטונגען אויף א זייער פיינעם און ערנסטן ניווא. די קליינע קהילה האט א גאר בכבודיקע גרופע יידישע שרייבער: דעם בארימטן עסייאיסט און ליטעראטור־קריטיקער י. ראפא־פארט, דעם גלענצנדן פראזאאיקער הערץ בערגנער, דעם תלמיד־חכם און עסייאיסט י. קאהאן און א ריי זשורנאליסטן, מיט וועלכע יעדע ערנסטע פובליקאציע וואלט זיך נישט געשעמט. אין שטאט עקזיסטירט א יידישע טעאטער־גרופע שוין 25 יאר, וואס האט זיך פארעקשנט צו געבן אן ערנסטן רעפערטואר און ציט צו, ווי אויף להכעיס, א געטרייען און אן אינטעליגענטן עולם. די ציוניסטישע פעדעראציע איז דא שטארק און איינפלוסרייך. דער „בונד" האט דא איינע פון די שטארקסטע גרופעס אין דער וועלט. העכער א מיליאן פונט א יאר ווערט דא געזאמלט אויף ישראלדיקע, אלגעמיין־יידישע און לאקאלע צוועקן.

אין געזעלשאפטלעכן לעבן איז דא אויך דא א שיטה און נישט סתם קיין אויפזאמלונג פון ארגאניזאציעס. דער „באארד אף דעפיוטיס" פירט זיך מעשה פארלאמענט. אפילו אונדזערע ליבהארציקע לאנדסמאנשאפטן האבן דא געשאפן א פעדעראציע און קריסטאליזירן זיך אלס פאקטאר. ס׳איז א מזל פון א ישוב.

דאס אלץ קען מען נישט דערקלערן נאר דערמיט וואס די בויער פון ישוב זענען געווען מזרח־אייראפעאישע יידן. א סיבה איז עס, אבער נישט די איינציקע. גיכער האבן דא געווירקט די טאטעס פונם קהל, וואס זענען געווען קולטור־גיריק און יידישלעך און וואס האבן זיך גרופירט און געטוליעט ארום דער „קדימה", נאר וועגן דעם אביסל שפעטער.

אוודאי הייסט דאס נישט, אז יידיש מעלבורן איז א טלית, וואס איז אינגאנצן תכלת. די גורלדיקע יידישע פראבלעמאטיק, די געפארן, די שאטנס האבן דעם ישוב אויך נישט אויסגעמיטן. דערוויל שטייען די יונגע, הי־געבוירענע מחוץ דער יצירה און מעשים. זייער ווייניק יונגע פנימער זעט מען אין די געזעלשאפטלעכע קרייזן, אפילו אין די, וואס זענען שוין פון לאנג אריבער אויף ענגליש. מען זעט דא אויך דעם

קינסטלעך צוגעאײַלטן פּראָצעס פון באַזייטיקן יידיש. עס איז אויך פאַראַן אַ שפּאָר ביסל אויבערפלעכלעכער „אויסטראַליאַניזם" (אַ זאַך, וואָס אַפילו אַן אמתער אויסטראַליער ווייסט נישט מיט וואָס מען עסט דאָס). מעלבורן איז אויך „באַשאָנקען" מיט אַ שפּאָר ביסל מחלוקתן, אָבער ווי איינער וואָס קען אַ ביסל דאָס יידישע לעבן אין דער וועלט, וואָלט איך מיר געוווּנטשן, אַז אומעטום זאָל אויסזען אַזוי ווי אין מעלבורן.

דאָס יידישע לעבן, די יידישע קהילה איז געגאַנגען אין אַ פאַרקערטער ריכטונג ווי מעלבורן אַליין — די הויפּטשטאָט פון וויקטאָריע. מעלבורן האָט 2 מיליאָן איינוווינער און פירט זיך ווי אַ רואיק פּראָווינץ־שטעטל, אָבער די מעלבורנער יידן האָבן אַ פאַרנעם פון אַ וועלט־מעטראָפּאָליע. ווידעראַמאָל אַ פּאָר אילוסטראַציעס: צום חג העצמאות קומען 5—6 טויזנט יידן, צו דער געטאָ־פייערונג 2—3 טויזנט יידן. די הר־הצופים־שולע זעט דאָ אויס ווי אַ גאַנצע אימפּעריע און דוכט זיך מיר, אַז ישראל האָט נישט קיין דערציאונגס־אַנשטאַלט מיט אַזעלכע געביידעס.

דער פאַרדינסט פאַרן גרויסן טאָן, פאַרן ברייטן גבירישן פאַרנעם האָט אין אַ גרויסער מאָס די „קדימה". זי האָט די ערשטע אָראַפּגעבראַכט לעקטאָרן פון ווייטע מקומות און געשאַפן אַן עולם פאַר פּילצאָליקע לעקציעס אין אַ קורצן באַזוך. איר קולטור־עקשנות און פאָלקסטימלעכע טריישאַפט האָט דעמאָקראַטיזירט די געזעלשאַפט און איר אָנגעפילט מיט אַ מחיהדיקן טעם. ווידער אַ פּאַראַדאָקס — די אַלטע און אָרעמע קאַרלטאָן־אינסטיטוציע, און נישט די גרויסע געביידעס אויף די לוקסוס־דיקע גאַסן, האָט אויפגעפּראַלט די טירן צו דער וועלט. ווייזט אויס, אַז דער רוף איז דאָ געקומען פון אינעווייניק, פון די סאַמע וואָרצלען.



ד"ר בערל פרימער ביים אָנקומען קיין מעלבורן אין יאָר 1965
(פון ר. צו ל.): פּ. אַלטמאַן, א. סאָקאָלאָוויטש ב. פאַטקין, י. לעוויטאַן,
ד"ר בערל פרימער, י. ריימער, ס. בורשטין, מ. לעווי.

דערציילונג,
ליד און דראַמע

## הערץ בערגנער

# דער בטלן

(דערציילונג)

א בינטל מענטשן איז געשטאַנען אויפן קאַרלטאַנער בית־עולם אַרום אַן אָפענעם קבר, ווו מען האָט ערשט אַראָפּגעלאָזט די מיטה מיטן מת. ס'איז געווען א גרויסע חמימה און די מענטשן איז געווען זייער היים. דער שווייס האָט זיך זיי געגאָסן איבער די פּנימער און זיי האָבן יעדעס מאָל מיט א טיכל געווישט די געדיכטע שווייסיקע טראָפּנס. דער הייסער נאָרד־ווינט, וואָס האָט שוין געבלאָזן זעקס טעג נאָכאַנאַנד, האָט שרפהדיק געבלאָנדזשעט צווישן די מצבות. דאָס גראָז איז געווען ווייס און אויס־געקראָכן און האָט זיך מיד געטוליעט צו דער געשפּאָלטן־אויסגעטרוקנטער ערד. סיי דאָס פאַרברענטע גראָז און סיי די אָנגעגליטע מצבות זענען געווען פאַרשמאַכט פון דעם הייסן ווינט און האָבן געבעטן אויף אביסל רעגן.

שטיל און אביסל הייזעריקלער־צוגעדרושעט האָט זיך אינעם אָנגעגליטן בית־עולם־הלל געטראָגן דאָס קול פון מיסטער פינקל, דעם פּרעזי־דענט פון דער „התחיה", וואָס האָט מספּיד געווען דעם מת, נאָכדעם ווי דער רעוועראַנד האָט שוין אָפּגעזאָגט די תפילות.

— ווער וועט זיין זיין ממלא מקום? ווער וועט פאַרנעמען דאָס ליידיקע אָרט, וואָס איז איבערגעבליבן נאָך אזא טייערן ייד, נאָך אזא גרויסן קולטור־טוער ווי ס'איז געווען מאַנעס רעזנער? רב מאַנעס רעזנער...—האָט זיך מיסטער פינקל מיטאַמאָל דערמאָנט, אז ס'איז דאָ שיין צו־צוגעבן דעם „רעב" — ער איז געווען ביי אונדז ווי דער עמוד־האש, וואָס האָט באַלויכטן אונדזער וועג אין דער פינסטער... ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן צעאַקערט די קרקע־בתולה פון דעם פרעמדן לאַנד און זי פאַרזייעט מיט יידישער קולטור... א דעמב איז געפאַלן! א גייסטי־קער ריז...

כאָטש די יידן, וואָס זענען געקומען צו דער לוויה פון מאַנעס רעזנער, האָבן זיך מיט ערנסט צוגעהערט צו דעם הספד פון מיסטער פינקל, האָבן זיי דאָך געוואָלט, אז ער זאָל וואָס פריער ענדיקן, וואָרן די היץ איז נישט געווען איבערצוטראָגן. אויפן בית־עולם איז געווען שטיל.

בלויז פון צייט צו צייט האט מען געהערט ווי דער הייסער ווינט רוישט צווישן די מצבות. מיטאמאל האט זיך דערטראגן א שעפטשען פון צוויי יידן, וואס זענען געשטאנען אביסל אויף א זייט.

— זע נאר, ווי ער האט זיך דאס צעלאזט דער פרעזידענט... — האט מיסטער סילווער, א לאנגער און דארער ייד, זיך אראפגעבויגן צום נידעריק־געוואקסענעם מיסטער פיינקינד — ביים לעבן האט ער אים גע־זשאלעוועט די שבחים... נעווער מיינד, ער דארף אכטונג געבן, דער פרע־זידענט, נישט געשטרויכלט צו ווערן מיט א גרייז ביים „ספיטש”. נישטא מער מאנעס רעזנער, וואס האט אים אין אלץ ארויסגעהאלפן... דאס זענען דאך מאנעס רעזנערס רייד...

— פע, ס'איז נישט שיין... איר רעדט דאך שוין לשון־הרע! דערצו נאך אויף א בית־עולם!... פון זיין גאנצער ארבעט פארן היגן ישוב האט מאנעס רעזנער געהאט וואסער אויף קאשע. ווען מען קוקט זיך אביסל מער אויף אים אום, וואלט ער אפשר נאך נישט געשטארבן... — האט געענטפערט מיסטער פיינקינד, וואס האט אנשטאט א קאפעליוש געטראגן א נאז־טיכל אויפן קאפ, באפעסטיקט מיט קנופן אין אלע פיר עקן. מיסטער פיינקינד איז נישט געווען קיין אנהענגער פון רעליגיע און אויף אלע רעליגיעזע צערעמאניעס האט ער געוואלט גיין אין בלויזן קאפ. בעת ס'איז געקומען צו גיין אויף א לוויה, נישט געדאכט זאל עס זיין, האט ער זיך געמאכט פארגעסן דעם קאפעליוש און געטראגן אויפן קאפ א טיכל.

— שא... שא... — האט זיך דערהערט א בייז קול — אפילו ביי א לוויה קענען זיי זיך נישט איינהאלטן פון רעדן! געפונען אן ארט, ווו זיך אויסצושמועסן... שא!

ווען מיסטער פינקל האט געענדיקט דעם הספד, האט זיך דער שוויים פון אים גאר שטארק געגאסן און ער האט זיך הינטערווייליעכץ אפגערוקט פון קבר. בשעת־מעשה האט ער מיט די אויגן געפארשט ביים עולם ווי זיין רעדע האט געווירקט.

פאוואליע האט מען זיך גענומען צו פארשיטן דאס קבר. אז די פאר־טרוקנט־הארטע גרודעס ערד זענען געפאלן אויף דער מיטה, האט זיך מיטאמאל דערהערט א הויכער שלוכץ, וואס איז געקומען פון דער אלמנה. זי האט די גאנצע צייט נישט געוויינט, נישט געלאזט קיין טרער, גע־שטאנען א שטייפע און מיט א טיכל זיך פארשטעלט די אויגן. מען האט זי אונטערגעהאלטן פון ביידע זייטן — פון איין זייט האט זי אונטער־געהאלטן די גויאישע שנור און פון דער צווייטער זייט די מיסיס פינקל. ערשט ווען נחמה רעזנער האט דערהערט ווי מען פארשיט דאס קבר און

די הארטע גרודעס ערד פאלן אויף דער מיטה, האט זיך ארויסגעריסן ביי איר א הויכער שלוכץ און דאס טיכל איז פייכט געווארן פון טרערן.

ביים פארשיטן קבר האט דער זון געזאגט קדיש פון א סידור ארויס. ער איז אלעמאל רויט געווארן, ווייל ער האט געמאכט פיל גרייזן און מען האט אים געמוזט אונטערזאגן און פאריכטן.

בעת די יידן זענען ארויס פונעם אייזערנעם בית־עולם־טויער, האבן זיי לייכטער אפגעאטעמט. זיי האבן דערפילט, אז זיי האבן זיך באפרייט פונם מלכות פון טויט און זיי געפינען זיך צוריק אויף דער פרייער וועלט.

— נו, מען דארף פארן צוריק צו די ביזנעס... געלאזט אלץ אויף הפקר... — האט דער הויכער סילווער זיך אנגערופן צום קליינעם פיינקינד — איר האט די קאר? כ'קען אייך געבן א „ליפט" אין שטאט אריין...

— פו, ס'איז זייער היים! ווען ווערט מען שוין פטור פונעם הייסן נארד־ווינט? ער בריט ווי פייער! — האט זיך באקלאגט מיסטער פיינ־קינד — כ'ווייס גארנישט ווי מען קען זיך איצט אומקערן אין דער פעקטארי אריין ארבעטן? די ווענט בריען פון דער היץ. ס'וואלט געווען א יושר ארויסצופארן אביסל צום ים. אבער דער מענטש איז אזוי פאר־נארט! האלט אין איין ארבעטן... צו וואס און צו ווען? איר זעט דאך שוין וואס עס איז דער סוף פון אלעמען. מען לייגט אריין אין דער ערד אריין און אלץ איז אויס...

צווישן עולם אויף דער גאס איז פאווליע געגאנגען די אלמנה, אונטערגעהאלטן פון דער גויאישער שנור און פון מיסיס פינקל. מען האט זי צוגעפירט צו מיסטער פינקלס אויטא און זי איז דארט אריין.

— מען וועט זען, צי ער וועט כאטש נחמה'ן שטיצן נאכן מאנס טויט, דער מיסטער פינקל? ער איז אנגעשטאפט מיט געלט... ער האט אלעמאל געהאט א שוואכקייט צו איר... זי איז געווען זייער א שיינע. פארמאגט א יידישן חן... פון וואס וועט זי לעבן? מאנעס האט איר נישט איבערגעלאזט קיין פעני... — האט געזאגט מיסטער סילווער.

דער אויטא מיט דער אלמנה האט זיך געלאזט אין וועג אריין. נחמה איז געפארן צו זיך אהיים. עס האט זי נישט באגלייט דער זון, ווייל ער האט געמוזט פארן צו זיך אין שטוב, כדי צו זען וואס די קליינע קינדער מאכן.

מיסטער און מיסיס פינקל זענען לאנג ביי נחמה'ן נישט געבליבן. זיי האבן געמוזט אהיימפארן. אויך איז די שנור לאנג ביי איר נישט געזעסן. זי איז געפארן אהיים און געזאלט שיקן צו איר דעם זון. נחמה איז געבליבן אליין אין שטוב און עס האט איר מיט וויטיקדיקער שארפ־קייט א שלאג געטון אין קאפ אריין, אז פון היינט אן וועט זי שוין

שטענדיק זיין אליין. מאנעס איז מער נישטא און זי וועט זיין אליין. קיינער וועט זיך נישט אומקוקן אויף איר און מען וועט אין איר פאר־געסן...

בעת קיינער איז מיט איר אין שטוב נישט געווען, האט זיך נחמה געזעצט שבעה אויף א נידעריק בענקל. זי האט זיך נישט צוגערירט צו דער טיי, וואס די שנור האט איר דערלאנגט איידער זי איז אוועק און זי געבעטן זי זאל טרינקען. זי האט זיך דערמאנט אין איר מאמען, וואס איז געזעסן שבעה נאך דעם טאטנס טויט. אבער דעמאלט זענען געווען מיט דער מאמען אלע אירע קינדער, וואס זענען געקומען צו איר זיצן שבעה. בלויז זי, נחמה, האט נישט געוואלט זיצן שבעה, כאטש ס'האט איר געשניטן ביים הארץ און זי האט נישט געוואלט אנטון קיין עגמת־נפש דער מאמען. זי האט דעמאלט געהאט א נייעם גלויבן און פון דעם נישט געוואלט אוועקגיין. פון דער גאנצער משפחה איז מער קיינער נישט געבליבן. אלע זענען אומגעקומען אין ווארשעווער געטא און אין די לאגערן. איצט זיצט זי שבעה נישט בלויז נאך מאנעסן, נאר נאך איר גאנצער משפחה...

נחמה האט געוווסט, אז עס וועלן באלד צו איר קומען מענטשן. ס'וועלן קומען די לייט פון דער „התחיה” זי מנחם־אבל זיין. ס'וועלן אויך זיכער באלד אריין צו איר די שכנטעס און ביינאכט נאך דער ארבעט וועלן קומען זייערע מענער. אבער ס'איז איר אלץ איינס געווען — זי האט נישט געוואלט קיינעם זען. נחמה'ס רויט־פארוויינטע אויגן האבן ארומגעבלאנדזשעט איבערן ארעמען מעבל פון איר וווינונג און אומעטום האט זי געזען מאנעסן. אפילו די שלעכט־געמאלענע ווענט האבן איר אים דערמאנט, ווייל ער האט זיי אליין אויסגעמאלן. אין דעם הייזל האבן זיי געוווינט זינט זיי זענען אנגעקומען קיין אויסטראליע. תחילת האבן זיי געוווינט אין איין שטוב און שפעטער האבן זיי איבערגענומען דאס גאנצע „קאטעדזשל”.

נחמה האט מיטאמאל דערפילט די היץ, ס'איז איר געווארן נישט־גוט. זי האט געוואלט אויפמאכן די טיר ארייננצולאזן אביסל לופט אין די שטובן, ווו דער דאך און די ווענט זענען געווען אנגעגליט פון דער היץ, אבער זי האט זיך דערמאנט אין דעם הייסן ווינט און געהאלטן פאר־מאכט די טיר. זי האט זיך צוריק אוועקגעזעצט אויף איר פריערדיק ארט און אירע רויט־ארומגעזוימטע אויגן האבן שטאר געקוקט אויף די ארעם־מעבלירטע שטיבלעך, ווו זי האט אפגעלעבט מיט מאנעסן א שטיק פון איר לעבן...

* * *

ס'זענען שוין פאַרביי קאַרגע דרייסיק יאָר זינט זי, נחמה, און מאַנעס זענען אָנגעקומען קיין אויסטראַליע. דעם טאָג פון זייער אָנקומען איז געווען פּונקט אַזאַ היץ ווי היינט און אַ הייסער ווינט האָט געבלאָזן שוין זעקס טעג נאָכאַנאַנד. זיי זענען נאָך דעמאָלט געווען יונג און געקומען אין דעם לאַנד מיט דער האָפענונג, אַז דאָ וועלן זיי קענען צו עפּעס צוקומען. מאַנעס איז געווען אַ לערער אין דער היים און ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט דאָ קענען לערנען מיט יידישע קינדער. נחמה, וואָס איז געווען אַ נייטאַרין און איז אַרומגעגאַנגען אין וואַרשע אַרבעטס־לאָז, האָט געגלויבט, אַז אין אויסטראַליע וועט זי האָבן אַרבעט לרוב.

באַלד נאָך זייער אָנקומען האָט זיי אַ באַקאַנטער פון וואַרשע אַריינ־געפירט אין דער שטוב, וואָס ער האָט פאַר זיי געדונגען. נאָך איידער זיי האָבן צייט געהאַט זיך אויסצופּאַקן, זענען צו זיי אַריינגעקומען עט־לעכע יידן, כדי אָפּצונעמען אַ גרוס פון דער היים. ס'זענען דעמאָלט אין מעלבורן געווען נאָך זייער ווייניק יידן און מיט יעדן ניי־געקומענעם האָט מען זיך זייער געפרייט. מ'האָט זיי פאַרבעטן אויף מיטאָג אין אַ שיין הויז און אַז ס'איז געקומען ביינאַכט, האָט מען פאַר זיי געמאַכט אַ וואַרעמען קבלת־פּנים. דאָס הויז איז אַלעמאָל פול געווען מיט יידן, וואָס זענען זיי געקומען זען. מען האָט דעקלאַמירט פּאַרצייטישע לידער און אַ קינד האָט געשפּילט אויף אַ פידל. אַלע האָבן גאָר שטאַרק געלויבט דאָס שפּילן פונעם קינד, געזאָגט אַז ס'וואַקסט אַ „דזשיניוס" און געפרעגט מבינות נחמה'ן און מאַנעסן. ראובן פינקל, וואָס מען האָט טיילמאָל גערופן „ראָבערט" און טיילמאָל „ראובן", האָט זיך אוועקגעשטעלט אין מיטן שטוב, פאַרגלייזט די אויגן, און געזונגען מיט זייער אַ סענטימענטאַל קול: „אַ מלאך וויינט", „די זון פאַרגייט אין פלאַמען" און „רייזעלע דעם שוחטס". ס'האָט אים באַגלייט עפּעס אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט זייער הויך און זייער שלעכט געגרימפּלט אויף דער פּיאַנאָ. באַטש נחמה האָט שוין פון פריער געוווּסט, אַז דאָס יידישע לעבן אין מעלבורן גע־פינט זיך נאָך אין די וויקעלעך, האָט איר פונדעסטוועגן אַ שלאָג געטון אין קאָפּ אַריין:

— אַ פּראָווינץ! אַ פאַרוואָרפענע העק! ווי וועט זי נאָך וואַרשע, וווּ עס האָט געברויזט דאָס געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע לעבן, קענען דאָ אָטעמען...

ס'איז איר זייער ענג געוואָרן און ס'האָט זיך איר געגלוסט אויס־צודרייען דעם דישעל און אַנטלויפן צוריק קיין וואַרשע. זי האָט דאָס באַלד מאַנעסן געזאָגט — אָבער ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער הערט זי נישט.

שפעט ביינאַכט האָט מען זיי געפירט צוריק אין שטוב. זיי זענען שוין געווען שטאַרק מיד, סיי פון די מענטשן און סיי פון דער היץ. נחמה האָט דערפילט, אַז אַפילו ביינאַכט ווערט דאָ נישט קילער און דער הייסער ווינט פייניקט פונקט ווי אינמיטן טאָג. די מאָסקיטן זשומען גלאַזיק־דין און נאָגן עקשנותדיק דאָס בלוט.

ווען זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן, האָט מאַנעס זיך באַלד אַראָפּ־געגליטשט פונעם געלעגער, ווייל ער האָט צוליב דער היץ נישט געקענט צומאַכן קיין אויג. נחמה האָט אַראָפּגעוואָרפן קודם דעם קאָץ, דערנאָך דאָס צודעק־ליילעך און זי איז געבליבן ליגן אין בלויזן נאַכט־העמד. זי האָט געזען ווי מאַנעסעס הויכער שאָטן שווימט הין־און־צוריק איבער דער שטוב. שפּעטער האָט זי געפילט ווי מאַנעס זעצט זיך צו איר צו אויפן בעט און זיינע לאַנגע וואַרעמע הענט גלעטן אירע האָר, איר האַלדז. ער לייגט זיך צו איר צו, פלעכט זי אַרום מיט זיינע הענט, דריקט זי שטאַרק צו זיך.

— מאַנעס, לאָז מיך געמאַך... — האָט זי שטיל געשעפּטשעט — כ'בין מיד... ס'איז אַזוי הייס. כ'חלש שלאָפן... וואָס איז דיר עפּעס אינמיטן דערינען איינגעפאַלן?

— פאַרוואָס ביזטו מיד? — האָט זיך מאַנעס אָנגערופן מיט זיין גוט קול — איך האָב דיך אַלץ ליב פונקט ווי דעם ערשטן טאָג, ווען כ'האָב דיך דערזען... האָסט געזען ווי מענטשן האָבן אונדז אַזוי וואַרעם אויפגענומען?... ווי זיי האָבן זיך געפרייט מיט אונדז? מיר וועלן דאָ נישט פאַרפאַלן ווערן... מיר וועלן האָבן אַ קינד... אינדערהיים האָבן מיר זיך נישט געקענט פאַרגינען צו האָבן אַ קינד...

אַ לאַנגע צייט זענען זיי געבליבן וווינען אין דער שטוב. מאַנעס האָט געלערנט מיט קינדער, מיט דערוואַקסענע און נחמה האָט גע־אַרבעט ביי שניידעריי אין אַ פאַבריק. ווען זי איז נאָך דער אַרבעט אַהיים־געקומען, האָט זי געקאָכט אין קאָרידאָר אויף אַ בשותפותדיק קיכל. זי האָט אָבער לאַנג נישט געקאָנט אַרבעטן, ווייל רפאליק איז געבוירן גע־וואָרן. דעמאָלט האָט זי געמוזט אויפהערן צו אַרבעטן און זיך אָפּגעבן מיט רפאליקן, וואָס איז געווען אַ געראָטן־שיין קינד, נאָר זייער ווילד. אַלץ האָט ער געוואָלט וויסן און אַלץ האָט ער געוואָלט אָנרירן מיט זיינע קינדערישע הענטלעך. ער פלעגט זיך אויך אַלעמאָל אַרויסשאַרן פון שטוב און פאַרבלאָנדזשעט ווערן אין שכנישע הייפלעך — און זי האָט אים געמוזט גיין זוכן. אין דעם הויז האָט מיט זיי געוווינט דער אַלמן לאַיד נאַרמען מיט זיין קליין טעכטערל קאָני. לאַיד איז באַלד אינדערפרי אוועקגעגאַנגען צו דער אַרבעט און האָט איבערגעלאָזט דאָס טעכטערל

אליין אין שטוב. נחמה האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה און געמוזט נאָכקוקןביידע קינדער. פאַרן גיין צו דער אַרבעט, האָט טאַקע לאַיד אַלעמאָל געזאָגט מיט אַ שולדיק שמייכעלע אויף זיין צעאַקערט, פּריי־צייטיק־פאַרעלטערט פּנים:

— קאַני איז אַ גוט קינד... אַ ניים גערל. זי וועט נישט פאַלן קיינעם צו לאַסט... וועט זיך שפּילן ביי זיך אין שטוב... רפאליק וועט האָבן קאָמפּאַני...

אָבער קאַני איז געווען בלויז גוט, ווען זי האָט געפּילט דעם פאָטער לעבן זיך — אַזוי גיך ווי לאַיד איז אַוועק, איז זי אַרומגעלאָפן איבערן קאָרידאָר, אַריינגעקראָכן אַלעמאָל אין דעם „באַנגעלאָ", וווּ עס האָט געוווינט אַן אַלט פּאָר־פאָלק און אָנגעמאַכט צרות. חוץ דעם האָבן זיך די קינדער נישט ליב געהאַט, זיך געשלאָגן, זיך געריסן ביי די האָר און זיך כסדר געוויזן די צינגלעך. טאַמער האָט זיך ווער פון די קינדער באַוויזן מיט אַ ניי שפּילעכל, איז באַלד געוואָרן אַ געוואַלד און מען האָט זיך געריסן דאָס שפּילעכל פון די הענט.

איינמאָל האָט נחמה באַמערקט ווי רפאליק שטייט ביים שפּיגל און ער באַקוקט זיך די צונג. ווען זי האָט אים געפרעגט וואָס ער באַקוקט זיך זיין אייגענע צונג, האָט איר רפאליק געענטפערט מיט גרויס ערנסטקייט אין זיין קינדעריש קולעכל:

— כ'האָב נעכטן געוויזן די צונג קאַני'ן... האָט דאָס געזען מיסטער נאָרמען און מיר געזאָגט, אַז כ'האָב זייער אַ שיינע צונג... וויל'ך זען, צי ס'איז אמת...

כאָטש נחמה האָט געוווּסט, אַז מאַנעס איז זייער מיד ווען ער קומט אַהיים ביינאַכט און זי האָט אים נישט געוואָלט אָנטון קיין עגמת־נפש, האָט זי אים פונדעסטוועגן געמוזט דערציילן וואָס פאַרא צרות זי האָט געהאַט פון די קינדער במשך פונעם טאָג. עס וואָלט גוט געווען, ווען מיסטער נאָרמען לאָזט נישט איבער דאָס טעכטערל אליין אין שטוב.

— ס'איז אָבער גוט וואָס די קינדער האָבן זיך נישט ליב... — האָט נחמה געזאָגט מיט אַ געלעכטערל — מיר קענען שוין זיכער זיין, אַז רפאליק וועט זיך נישט פאַרליבן אינעם שיקסל...

מאַנעס האָט איר קוים געענטפערט מיט אַ שמייכל, וואָס האָט אויסגעקרומט זיין בלאַס אויסגעטרוקנט מויל אַביסל אויף אַ זייט. ער איז געווען זייער אויסגעמוטשעט פונעם גאַנצן טאָג אַרומלויפן איבער די שטובן און געבן לעקציעס. די היצן זענען געווען גרויס און ס'איז שווער געווען זיך אַרומצושלעפּן מיט די טראַמווייען פון איין „סאָבערב" צום צווייטן. ער האָט אין גאַייל געגעסן דאָס מיטאָג, וואָס נחמה האָט אים

דערלאַנגט, ווייל ער האָט באַלד געזאָלט אוועקגיין אויף אַ קאָמיטעט־זיצונג פון דער „התחיה". זיין קאָפּ איז געווען פאַרטראַגן און ער האָט אַפילו נישט געפילט וואָס ער עסט. בשעת־מעשה האָט ער אַריינגעקוקט אין דער אָוונט־צייטונג, אַרויסגענומען אַלעמאָל אַן אַנדער פּאַפּיר פון דער אַנגעשוואָלענער, אָפּגעריבן־אַלטער טעקע און עס האָט נישט געפעלט קיין סך ער זאָל אויסגיסן דעם טעלער זופּ אויפן טיש. כאָטש נחמה'ן האָט עס געקאָסט שטיקער געזונט, האָט זי אים גאָרנישט געזאָגט.

רפאַליק, וואָס האָט נישט געזען דעם טאַטן אַ גאַנץ־גייענדיקן טאָג, האָט געקלעפּט צו אים, זיך געוואָלט מיט אים שפּילן. ער האָט דעם טאַטן זייער ליב געהאַט, ווייל ער האָט אים קיינמאָל נישט געמוסרט און זיך געלאָזט קריכן פון אים אויפן קאָפּ. נחמה האָט געמוזט זיין די שלעכטע. אַז רפאַליק האָט דעם טאַטן נישט אָפּגעלאָזט, האָט ער אים גענומען אויף עטלעכע רגעס אויף די קני און אים באַלד געשיקט זיך שפּילן מיט קאַני'ן.

— וואָס פאַרא שפּילן?! ער האָט זיך שוין גענוג געשפּילט! — איז נחמה אין כעס געוואָרן — זאָג אים בעסער ער זאָל זיך גיין לייגן שלאָפן!...

— גיי לייג זיך שלאָפן... — האָט מאַנעס געזאָגט — די מאַמע הייסט דיך גיין אין בעט אַריין, רפאַליק...

בעת מאַנעס האָט געשלעפּט די פּאַפּירן פון דער טעקע, איז אומ־געריכט פון דאָרט אַרויסגעפאַלן דאָס זאָרגפעליק־פאַרפּאַקטע פּעקל מיט „סענדוויטשעס", וואָס נחמה האָט אים מיטגעגעבן אינדערפרי. מאַנעסעס בלאַס־אויסגעצויגענע פּנים איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ רויטקייט, ווי מען וואָלט אים געכאַפּט ביי עפּעס אַ גנבה און ער האָט מיט זיינע לאַנגע פינגער שולדיק אַ פיר געטון איבער די געדיכט־צעשויבערטע האָר.

— כ'האָב געטרונקען אַ קאַווע אין גאַס... פאַרגעסן, אַז כ'האָב די סענדוויטשעס — האָט ער זיך פאַרענטפערט. — זיי נישט בייז אויף מיר, נחמה...

און אַז זי איז יאָ געווען בייז — וואָס האָט זי געזאָלט טון מיט אים? זי האָט אים שוין געקענט פון יאָרן און געוווּסט, אַז גאָרנישט וועט אים העלפן. בהורווייז איז ער אַפילו געווען אַ שליאַך, נאָר נאָך דער חתונה האָט ער אַביסל מער אויף זיך אַכטונג געגעבן. פונדעסטוועגן איז ער הי אום ווינטער געגאַנגען אָן אַ מאַנטל און אַז ס'איז געקומען זומער האָט ער געטראָגן דווקא אַ שווערן אַנצוג. זיינע קעשענעס זענען אַלעמאָל אָנגעפּאַקט געווען מיט פאַרשידענע כתב־ידן, בלייפעדערס, און איינמאָל האָט זי אַפילו אַרויסגעשלעפּט אַ טינטער פון זיינס אַ קעשענע.

ער פלעגט לייענען גייענדיק אין גאס און נישט איינמאל איז ער אריין אין א סלופּ און אין מענטשן.

— פּאַרדן! — האָט ער דעמאָלט אַ מורמל געטון — עסקיוז מי...

— און ער איז ווייטער געגאנגען. פאַרטיפט אין לייענען.

נאָכן עסן איז מאַנעסן נישט געבליבן קיין צייט און ער האָט זיך שטאַרק געיאָגט אויף דער זיצונג פון דער „התחיה”, כאָטש ער האָט געוווּסט, אז ער וועט קומען דער ערשטער און ער וועט דאַרפן וואַרטן ביז מען וועט זיך אנהייבן צונויפקומען. די גלייכגילטיקייט פון די מענטשן האָט אים ווי געטון, נאָר ער האָט עס געהאַלטן אין זיך, קיינעם גאָרנישט געזאָגט. טאָמער האָט ער זיך אַמאָל ארויסגעכאַפּט און זיך באַקלאָגט וועגן דעם פאַר נחמה'ן, האָט זי אים באַלד פאַרגעוואָרפן פאַר־וואָס ער נעמט זיך אַלץ אַזוי צום האַרץ און ער האָט דאָס נישט געוואָלט הערן. מ'טאָר אַזוי נישט רעדן, נאָך דערצו זי, נחמה!

נישט אין זאַך האָט מאַנעסן באַרירט, אָבער ער האָט אַלץ אַראָפּ־געשלונגען. ער האָט אַליין גענומען אויף זיך אַלע אַרבעטן, זיך פון גאָר־נישט אָפּגעזאָגט. גאָרנישט איז פאַר אים צו שווער געווען. ער האָט גע־האַלטן אין דער „התחיה” רעפעראַטן אויף אַלערליי טעמעס. ער האָט גערעדט וועגן יהודה הלוי, וועגן שפּינאָזאַ, פּרץ, מאָריס ראָזענפעלד און וועגן דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. ער האָט אויך געגעבן לעקציעס פון העברעאיש. אַז ס'איז אַמאָל געקומען צו מאַכן אַ פּאַליצע פאַר די ביכער, וואָס זענען אָנגעקומען מעבר לים, האָט ער זיך דאָס אויך אונטער־גענומען צו טון, כאָטש ער האָט צו דער אַרבעט נישט געטויגט. עטלעכע מאָל אין דער וואָך איז ער פאַרנומען געווען מיט די אָוונט־קורסן. זונטיק אינדערפרי האָט ער אַפּט אַליין צונויפגענומען די קינדער און זיי געפירט אין דער יידישער שול. בעת ער איז געשטאַנען צווישן די קינדער, וואָס האָבן אים זייער ליב געהאַט, איז זיין אַלעמאָל אַביסל איינגע־הויקערטע פּלייצע געווען שטאַרק אָנגעבויגן, אַזוי אַז ער איז נישט געווען קיין סך העכער פונעם קליינוואַרג.

— לערער... לערער... — האָט אים דאָס קליינוואַרג גערופן אין יידיש.

— פּונקט ווי אין דער היים... — האָט ער געקלערט ביי זיך — ווי חנעוודיק עס קלינגען די יידישע ווערטער אין די קינדערישע מיילעכלעך דאָ אין דער פרעמד...

די לעצטע פּאַר וואָכן איז שוין מאַנעס גאָר שפּעט אַהיים געקומען און נחמה האָט געהאַט אַז אַרבעט אַנצוּוואָרעמען דאָס איבערגעשטאַנענע עסן. אָבער מאַנעס האָט דאָס נישט באַמערקט, ווייל ער איז געווען אין

א יום־טובדיקער שטימונג. נאך כלערליי שוועריקייטן איז די „התחיה" ארויס פונעם קליינעם לאקאל ערגעץ אויף א פארוואָרפן געסל און איז אריבער אין אן אייגענעם בנין. אנשטאט צו גיין נאך די לעקציעס אהיים, איז מאנעס אפגעטרעטן אין דעם נייעם בנין — און כאטש ער האט שוין דאס אלץ געזען פריער, האט ער זיך מיט דעם אלעמאל אויפסניי געפרייט, ווי א קינד מיט א באליבט שפילעכל. ער האט אנגעצונדן אלע לאמפן אין דעם טעאטער־זאל, אין ביבליאטעק, אין לייען־צימער. בעת די יידן אין גאס האבן געזען ווי עס צינדט זיך די עלעקטרי אזוי יום־טובדיק אינמיטן דער וואך אין אלע שטובן פון דער „התחיה", האבן זיי זיך דערשראקן און זענען אריינגעלאפן קוקן וואס דא איז געשען. זיי האבן דעמאלט געטראפן מאנעסן ארומשפאנען פון איין העל־באלויכטענער שטוב אין דער אנדערער. מיט נחתדיק־שיינענדיקע אויגן, וואס האבן ארויסגעקוקט פון א צעפלאמט פנים, האט ער אלץ באקוקט און גארנישט באמערקט אז ס'איז ווער אריינגעקומען.

טיילמאל, בשעת מאנעס איז אליין געווען אין דעם נייעם בנין און ער האט איבערגעשטעלט די מעבל, איינגעסדרט די ביכער, זענען אים געקומען העלפן די מיטגלידער פונעם קאמיטעט: מיסטער פיינקינד און מיסטער סילווער. עס איז אויך צו אים אריינגעקומען דער פרעזידענט מיסטער פינקל.

אבער מאנעסעם פרייד האט נישט לאנג געדויערט. ווייל זינט מען האט אויפגעשטעלט דעם נייעם בניז, איז די „התחיה" געווען איינגעטונקען אין חובות. ס'זענען אלעמאל געקומען בריוו מיט רעכענונגען אין לאנגע און שווערע קאנווערטן, וואס האבן דערמאנט אז מען דארף צאלן די חובות. ס'האבן אפילו אנגעהויבן צו קומען ווארנונגען, אז טאמער וועלן די ראטעס נישט ווערן אפרעגולירט, וועט מען דאס הויז שטעלן אויף אן „אוקשן". אז מאנעס איז געקומען אין דער „התחיה", האט ער מורא געהאט צוצוגיין צום בריוו־קעסטל, ווייל ער האט געוווסט, אז עס ליגן שוין דארט ווייטער די גרויסע געשוואלענע בריוו מיט דערמאנונגען און ווארנונגען.

נישט אויף איין קאמיטעט־זיצונג האט מאנעס געשטופט די בריוו די מיטגלידער אין פנים אריין — אבער זיי האבן זיך געמאכט, אז זיי זעען גארנישט און אפגעשטופט אלץ פון איין זיצונג צו דער אנדערער. עס האט נישט געהאלפן אפילו וואס מאנעס האט געווארנט, אז מען גייט דאס הויז שטעלן אויף א ליציטאציע. צומיינסטן האט אפגעשלעפט אלץ דער פרעזידענט מיסטער פינקל. ער איז אלעמאל פארטון געווען מיט עפעס אנדערש, ווען מאנעס האט גערעדט צו אים. ער האט געוווסט, אז

עס וועט אויסגיין צו זיין קעשענע און אז ס'איז געקומען צו צאָלן געלט, האָט ער שוין געפונען אַזעלכע פּאַרטעלן ווי זיך פון דעם וואָס לענגער אַרויסצודרייען.

מאַנעסן האָט עס געקאָסט שטיקער געזונט. דאָס אָפּשלעפּן פון איין זיצונג צו דער אַנדערער, דאָס נישט מאַכן זיך וויסנדיק, האָט אים אַרויס־געבראַנגט פון גלייכגעוויכט. ער האָט אַזוי לאַנג געשוויגן — ביז ער האָט זיך איינמאָל אויף אַ זיצונג אויפגעשטעלט און מיט אַ שטיל, באַפּע־לעריש קול זיך אָנגערופן:

— שוין גענוג!... — האָט ער געזאָגט זייער שטיל, אָבער מען האָט געזען ווי אינעווייניק האָט ער אינגאַנצן געציטערט — מער וועל איך שוין נישט לאָזן אָפּשלעפּן! אָדער אַהין אָדער אַהער! ס'איז שוין ווייטער אָנגעקומען אַ פּאַק מיט בריוו. מען גייט דאָס הויז שטעלן אויף אַן אוקשן!...

— נעווער מיינד... נעווער מיינד... אַזוי גיך מאַכט מען נישט קיין אוקשנס... זיי קענען סטראַשען די גענדז! וואָס שייך ביזנעס לאָזט עס איבער צו מיר... איך וועל עס שוין הענדלען! — האָט אויף דער גיך אַרויסגעוואָרפן פון זיך מיסטער פינקל און ער איז שוין געשטאַנען מיטן מאַנטל אין דער האַנט, וואָרן ער האָט זיך ערגעץ זייער געאײַלט.

— איר וועט ביי מיר נישט גיין ביז איר וועט נישט אונטערשרייבן אַ טשעק! — האָט מאַנעס מיטאַמאָל אויפגעהויבן דאָס קול און די אויגן זענען ביי אים נאָך בלאַסער געוועזן ווי דאָס פּנים — זאָל זיך אייך דאַכטן, אַז איר האָט זיך אַריינגעשטעלט ניי מעבל אין שטוב אַריין!...

ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווי מאַנעס איז אַרויס פון די כּלים און אַלע האָבן זיך דערשראָקן אָנגעקוקט. אין לאָקאַל איז געוואָרן שטיל. מען האָט נישט געהערט קיין שאָרך. עס האָט זיך בלויז געהערט ווי מאַנעס אָטעמט אָביסעלע צו הויך און צו גיך. מען האָט מורא געהאַט, אַז מאַנעס האָט אָביסעלע איבערגעצויגן דאָס שטריקל און ראובן פינקל וועט זיך באַליידיקן. מאַנעס איז געשטאַנען קעגנאיבער פינקלען און אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ דראַבנע און קינסטלער געלעכטערל, וואָס האָט געזאָלט אַלץ איבערקערן אין אַ שפּאַס. דאָס געלעכטערל איז געקומען פונעם פּרעזידענט. ער האָט גענומען דאָס טשעק־ביכל אין האַנט אַריין און האָט אונטערגעשריבן אַ טשעק.

זינט דער מעשה האָט מען געמיינט, אַז ראובן פינקל וועט זיין מיט מאַנעסן ברוגז — אָבער געשען איז פּונקט פאַרקערט. מיסטער פינקל

האט אנגעהויבן צו מאנעסן צו קלעבן און מען האט זיי א סך מאל געזען צוזאמען.

נאך די זיצונגען האט איצט אפט ראבערט פינקל באגלייט מאנעסן אהיים אין זיין „שעווראלעט" און אז ס'איז געווען פרי איז ער אריין צו אים אין שטוב. אבער נחמה איז קיינמאל נישט צופרידן געווען, ווען דער מאן האט געבראנגט מיט זיך מיסטער פינקל. זי האט געהאט א חשד, אז ראבערט באגלייט מאנעסן אהיים צוליב איר און דאס איז א באליי־דיקונג פאר מאנעסן. מאנעס כאפט זיך נישט וועגן דעם, אבער זי ווייסט עס אויף זיכער. חוץ דעם האט מיסטער פינקל געבראנגט שטענדיק צוקער־לעך פאר רפאליקן און אז דאס קינד איז נאך נישט געשלאפן, האט ער זיך מיט אים געשפילט. אבער אויך דאס שפילן זיך מיט רפאליקן איז געווען צוליב איר. כאטש נחמה האט פינקלען נישט איבעריק ליב געהאט, האט זי אבער נישט פארטראגן ווען ער טרעפט זי נישט איבערגעטון און זי איז באלד אריין אין דער אנדערער שטוב זיך איבערטון און ארויפטון אויפן פנים אביסל פודער און שמינקע. אז ראבערט האט דאס באמערקט, האט ער צו זיך א שמייכל געטון, ווייל ער איז געווען זיכער, אז נחמה איז צו אים נישט גלייכגילטיק און ער האט זיך אנגערופן:

— איר דארפט זיך נישט פודערן און נישט שמינקען... איר זענט אזוי אויך שיין. א נאטירלעכע שיינקייט...

דאס האט זי גאר אויפגערעגט, ווייל ער האט געטראפן אין פינטל אריין. זי האט זיך דאך אנגעשמינקט צוליב אים, כאטש זי האט אים נישט ליב געהאט. צוליב וואס־זשע האט זי דאס געטון? ס'איז זיכער נישט בלויז מחמת דעם, ווייל אזוי איז די טבע פון די פרויען צו וועלן געפעלן יעדן איינעם. עפעס האט זי געמוזט זען אין ראבערטן. ער איז געווען פון מיטעלן וווקס, מיט א קאפ געדיכטע ברוינע האר און טונקל־בלויע אויגן, וואס זענען געווען אי מילד און אי שטרענג. זיין אויסזען האט ארויסגערופן צוטרוי צו זיך און ער האט זיך געקאנט איבערנעמען מיט יענעמס צרות. אבער אין שטאט האט מען געוווסט, אז אין די פאבריקן זיינע איז ער אויפגעצערט אויף יעדער פעני און אין זיינע הייזער איז קיינער אים נישט שולדיק חלילה קיין דירה־געלט. כאטש ער האט געזאגט אויף זיך, אז ער האט נישט ליב קיין בענקל, האט מען אים צוגעשארט אלע כבודים. ווען ער איז געקומען ערגעץ, האט ער זיך נישט געשטופט פון פארנט, נאר ס'האט זיך שוין געמאכט אזוי, אז מען האט אים באלד געזעצט פון אויבן־אן...

נחמה האט באמערקט, אז מיסטער פינקל האט אנגעהויבן צו קומען צו זיי אין שטוב אריין אפילו דעמאלט, ווען ער האט געוווסט, אז מאנעס

איז נישטאָ אין דער היים. בעת די אַנדערע יידן פונעם קאַמיטעט זענען געקומען, איז מאַנעס אַלעמאָל געווען. עס פלעגן אָפט קומען צו זיי: דער הויכער סילווער און דער קליינער פיינקינד, און זיי האָבן אַריינ־געריידט אין מאַנעסן גאַנצע שעהן וועגן גורל פון דער „התחיה". אָבער ראָבערט פינקל איז אַ סך מאָל געקומען, ווען ער האָט געוווּסט, אַז מאַנעס איז נישטאָ. באַלד אויף דער שוועל האָט ער אַרויסגענומען דאָס בייטעלע מיט צוקערלעך פון דער קעשענע און זיך געפרעגט אויף רפאַליקן.

— כ'האָב אַזוי ליב צו הערן ווי רפאַליק רעדט יידיש. — האָט ער זיך אָנגערופן אַ טראַפּעלע אין אַ פאַרלעגנהייט — אפילו דאָס שיקסל, קאַני, רעדט יידיש, אַז עס איז אַ „פּלעזשער" צו הערן... זיך אויסגע־לערנט פון רפאַליקן...

ראָבערט פינקל איז געבליבן זיצן אין הויז אַ לענגערע צייט און נחמה האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט זיך. אין שטוב איז געווען אָנגעוואָרפן און זי האָט געוואָלט אַביסעלע אַרומרוימען. חוץ דעם האָט זי געוואָלט צוגרייטן דאָס עסן פאַר מאַנעסן — אָבער ראָבערט איז געווען אין איר וועג. צי האָט ער נישט אַביסל איידלקייט אין זיך דאָס צו פאַרשטיין... מאַנעס לויפט אַרום אין גאַס, אַרבעט ביז שפּעט ביי־נאַכט און ער צעזעצט זיך דאָ ווי ביים טאַטן אין וויין־גאָרטן...

איינמאָל, ווען מיסטער פינקל האָט געוואַרט אויף מאַנעסן, האָט ער זיך געפרעגט כלומרשט אין אַ געלעכטער:

— ווו איז ער ערגעץ, דער בטלן?... אַ גאַנצן טאָג לויפט ער אַרום! וואָלט ער כאָטש געבערענגט די פּרנסה אין שטוב אַריין... איר האָט נישט געטראָפן מיטן מאַן, נחמה...

ער האָט דאָס געזאָגט כלומרשט אין אַ געלעכטער, אָבער איר האָט עס אַזאַ ברי געטון, אַז זי האָט זיך אַ הייב געטון פון אָרט. דאָס ערשטע מאָל האָט זי געהערט רופן מאַנעסן „בטלן" און זי האָט מורא באַקומען, אַז דער נאָמען קאָן זיך צו אים צוקלעבן זיין גאַנץ לעבן. אין אירע גלאַנציק־שוואַרצע, ווי אויסגעוואַשענע אויגן, האָבן אַ פינקל געטון טרערן פון איינגעהאַלטענעם כעס און דאָס דינע גלייכע נעזל איז געוואָרן ברוגזדיק־אָנגעשפּיצט. די אונטערשטע פולערע ליפּ האָט אָנגעהויבן צו ציטערן און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט גייט זי אַריינזאָגן ראָבערטן — אָבער זי האָט זיך איינגעהאַלטן און גאָרנישט געזאָגט. ערשט ווען מאַנעס איז אַהיימגעקומען, האָט זי אויסגעלאָזט צו אים דעם כעס:

— וואָס זיצט ער דאָ פּינקל, ווען דו ביזט נישטאָ?! — האָט זי פּלוצים אויסגעשאָסן.

— וואָס פרעגסטו עפּעס מיך? מן־הסתם וואַרט ער אויף מיר...

וואס ארט עס דיך, אז ער זיצט? — האט מאנעס נישט פארשטאנען וואס נחמה איז אויסן.

— ס'ארט מיך יא! זאג אים, אז ער זאל מער נישט קומען צו אונדז!

— זאג אים דו! איך קען אזעלכע זאכן נישט טון...

— ניין, דו וועסט אים טאקע זאגן! דו און נישט איך! און ווען וועלן מיר זיך שוין ארויסציען פון דער שיינער וווינונג?! כ'קען דא מער נישט אויסהאלטן! האסט דאך צוגעזאגט, אז מיר וועלן זיך ארויסציען פון דאנען! דו און דיינע צוזאגן!...

— וואס ביזטו פלוצלינג ארויסגעשפרונגען מיט דער וווינונג? וואס האט דאס אלץ צו טון מיט דער דירה? מיר וועלן זיך נאך ארויסציען פון דאנען... וועסט זען, אז כ'וועל האלטן מיין צוזאג... מיר וועלן זיך נאך אריבערקלייבן אין א נייער דירה...

* * *

מאנעס האט נישט געהאלטן זיין צוזאג און אין א נייער דירה האבן זיי זיך קיינמאל נישט אריבערגעקליבן — אבער זיי האבן איבער־גענומען דאס הויז, וווּ זיי האבן געוווינט. בשעת לאיד נארמען האט אינזינען געהאט זיך ארויסציען פון הויז, איז ער עפעס נישט דרייסט געווען צו זאגן דאס זיינע יידישע שכנים. לאיד איז געווען א מיטגליד אין דער אויסטראלישער לייבאר־פארטיי און ער האט אלעמאל געוואלט ארויסווייזן זיין פריינטשאפט צו יידן. און אז ער ציט זיך ארויס פון הויז, קומט נאך אויס, אז ער אנטלויפט פון די יידישע שכנים.

לאיד האט זיך געקווענקלט צו זאגן עפעס זיינע שכנים, אבער איינ־מאל אין א פארנאכט האט ער נחמה'ן אלץ געזאגט. זינט דעמאלט האט נישט געדויערט מער ווי א וואך און לאיד איז אוועק. ווען דער „קעריער" איז געקומען נעמען די זאכן, האט זיך פלוצים ארויסגעוויזן, אז די קינדער, וואס האבן קיינמאל נישט געהאט קיין שלום צווישן זיך, ווילן זיך גארנישט צעשיידן און קאני האלט אין איין פרעגן, צי רפאליק וועט מיט זיי מיטקומען.

תחילת איז מאנעסן שווער געווען צו צאלן דאס גאנצע דירה־געלט, נאר ער האט זיך יאקאש אן עצה געגעבן. נחמה האט אנגענומען אביסל ארבעט און אים ארויסגעהאלפן. מאנעס האט זיך דעמאלט געגרייט צו צוויי רעפעראטן און ער האט געארבעט איבער זיי גאנצע נעכט. ווען ער האט געהאלטן דעם ערשטן רעפעראט: „וואס פעלט אונדזער דור"?

— זענען אים ווייניק מענטשן געקומען הערן. ער איז געווען זיכער, אז צום צווייטן רעפעראט — „ווו גייט אונדזער יוגנט?" — וועט אים קומען הערן דאס יונגוואַרג. נאָר אויפן זאַל זענען געווען ווייניק יונגע מענטשן. רפאליק איז געווען צווישן די געציילטע יוגנטלעכע אויפן זאַל, אָבער ער איז נאָך דעמאָלט געווען א ייִנגל. באַלד דערנאָך איז אויסגע־בראָכן די מלחמה און די „התחיה"־לייט האָבן געהאַלטן, אז ס'איז די העכסטע צייט מאַנעס זאָל קומען צו א שטיקל תכלית און נישט דאַרפן לעבן פון קהלישע געלטער. ער דאַרף זיך שטעלן אויף די פיס און האָבן אַן אייגן שטיקל ביזנעס. די אַרבעט אין דער „התחיה" קען ער טון ביינאַכט. אז ער וועט נישט לעבן בלויז פון קהלישע געלטער, וועט ער ווערן אויס בטלן און זיין א לייט מיט לייטן צוגלייך! אַלע וואָס זענען געקומען מיט אים צוזאַמען קיין אויסטראַליע, האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט און וווינען אין רייכע הייזער. וואָס וועט מאַנעס טון, אז די ייִדן וועלן אויפהערן צו קומען אין דער „התחיה"? ייִדן ווילן בעסער זיצן אין דער היים און מאַכן א קערטל, אָדער ווילן זיך צוהערן צום ראַדיאָ!

צומיינסטנס פון אַלע האָט זיך מיסטער פינקל צעריסן דעם יאָש־טשיק, אז מאַנעס זאָל זיך שטעלן אויף די פיס און ער איז אַמאָל גע־קומען צו אים מיט א שטאַרק סודותדיקן אויסדרוק אויפן פּנים. ער האָט זיך דעמאָלט אַרומגעדרייט א פּאָר מאָל איבער דער שטוב מיט גיכע טריט, ווי איינער וואָס גרייט זיך צו עפּעס, דערנאָך איז ער שטיין גע־בליבן לעבן מאַנעסן און אים געשטופּט געלט אין דער האַנט אַריין. כאָטש אַלץ האָט געזאָלט זיין בסוד, האָט ער פונדעסטוועגן אַכטונג גע־געבן, אז נחמה זאָל דאָס זען. לכתחילה האָט מאַנעס נישט געקאָנט אויסשטרעקן די האַנט, נישט געוואָלט בשום־אופן נעמען דאָס געלט און אז ער האָט סוף־כּל־סוף גענומען, האָט ער געהאַט בושהדיק־אויסגע־קנייפּטע באַקן און די אויגן האָבן געקוקט ערגעץ אַוועק.

— כ'נעם דאָס געלט מיטן תנאי, אז ס'איז א הלוואה... — האָט ער א מורמל געטון ווי צו זיך — כ'וועל אָפּגעבן ביז צו דער לעצטער פּעני...

— אַוודאי! ווי דען אַנדערש? שור. דאָנט וואָרי... — האָט מיסטער פינקל הנאה געהאַט וואָס מאַנעס האָט צעפלאַמטע באַקן פון בושה און זיינע אויגן האָבן א בליץ געטון מיט צופרידנקייט און זעלבסט־זיכערקייט פון א בעל־טובה.

נחמה איז געווען איבערצייגט, אז ראָבערט פינקל האָט געבאָרגט דאָס געלט פון דער אייגענער קעשענע — אָבער אַרויסגעשטעלט האָט זיך, אז ער האָט געהאַט צו דעם שותפים. בעת זי איז פון דעם געוויר

געוואָרן, איז זי געוואָרן זייער אויפגעבראַכט און אויפסניי אויסגעלאָזט דעם כעס אויף מאַנעסן:

— וואָס וויל ער פון אונדז, דער מיסטער פינקל? וואָס קומט ער כסדר? כ'האָב פיינט, אַז ער קומט צו אונדז! — האָט זיך נחמה גע־בייזערט אויפן מאַן.

מאַנעס האָט אויסגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר אויגן, וואָרן איצט האָט ער שוין אינגאַנצן נישט פאַרשטאַנען וואָס נחמה האָט צו ראובן פינקל. אויך נחמה האָט נישט געוווּסט גענוי וואָס זי האָט צו אים. זי האָט טאַקע כסדר טענות פאַרוואָס ער קומט צו זיי, אָבער שטילערהייט וויל זי ער זאָל קומען און זי וואַרט אויף אים. זי וויל בלויז זיך אַליין אין דעם נישט מודה זיין.

מען האָט איצט אָפט געטראָפן מאַנעסן אין דער פלינדערס ליין, ווו ער איז געקומען איינקויפן סחורה פאַר זיין געשעפט. ווי אַלעמאָל זענען ביי אים די קעשענעס אָפּגעשטאַנען פון די פיל אָנגעפּאַקטע בראָשורן, צייטונגען און זשורנאַלן — אָבער ער האָט מער נישט געלייענט אין גאַס. די הענט זענען אים געווען פאַרנומען מיט די פּעקלעך, וואָס האָבן זיך אים נאָכגעשלעפּט און געקערט די ערד. אַ סך מאָל איז נחמה מיט אים מיטגעגאַנגען, ווייל מען האָט אים געקאָנט פאַררוקן דעם ערגסטן באָוול.

פונדעסטוועגן האָבן די סוחרים אויף דער פלינדערס ליין דווקא געהאַלטן, אַז מאַנעס וועט מאַכן גרויסע געשעפטן. בשעת עס האָט אים אַמאָל געטראָפן אין דער „ליין" דער מיסטער שוועבל, אַ קליין און קיי־לעכיק מענטשל, וואָס פלעגט אַפילו ביים שטיין אומגעדולדיק אונטער־האָפּסלען ווי אַ באַלעם, וואָרן ער האָט קיינמאָל נישט קיין צייט, איז ער אים אַקעגנגעלאָפן מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך:

— כ'האָב נישט קיין צייט!... כ'האָב נישט קיין צייט!... — האָט ער איבערגעחזרט דעם זאַץ, ווי עס איז אַלעמאָל געווען זיין טבע צו זאָגן די זאַצן צו צוויי מאָל, כאָטש ער האָט זיך אייביק געאיילט — טיים איז מאַני... טיים איז מאַני... כ'איל זיך! כ'האָב אַן אַפּאָינטמענט מיט אַ גרויסן באָיער אויף דער בערק סטריט... איר וועט זיין אָל־רייט, מיסטער רעזנער... איר וועט מאַכן גרויסע ביזנעס. אָלץ איז ביזנעס! די גאַנצע וועלט שטייט אויף ביזנעס! איר הערט וואָס מיסטער שוועבל זאָגט אייך. כ'האָ נישט קיין צייט! כ'איל זיך!

אָבער מאַנעס האָט נישט געמאַכט קיין גרויסע ביזנעס און נחמה האָט געפילט, אַז ער וועט פאַרלירן דאָס געלט, וואָס מען האָט אים געבאָרגט. כאָטש זי האָט אים געוואָרנט ער זאָל נישט געבן קיין קרעדיטן,

האט ער זי נישט געפאלגט. חוץ דעם האבן אים די סוחרים אלעמאל ארייננעשטופט אזא יוקס, וואס מען האט נישט געקאנט פארקויפן...

מיסטער פינקל איז אלע מאנטיק און דאנערשטיק געקומען געוויער ווערן צו זיי ווי עס גייען די געשעפטן. ער איז געקומען צומייסטנס אין דער צייט, ווען מאנעס איז געווען אין געוועלב און רפאליק אין דער שול. ער האט זיך איצט געפירט ביי זיי אין הויז, ווי א גאנצער בן־בית. ער פלעגט ברענגען פארשידענע קליינע מתנות: א באנבאניערע, א שאכטל מיט אויסלענדישע ביסקעטס און אפילו א בראשקעלע. די מתנות זענען מער נישט געווען פאר רפאליקן, וואס איז שוין געווען א גרויסער בחור, נאר בפירוש פאר איר, פאר נחמה'ן.

און געשען איז עס דעמאלט, בעת זי האט געגרייט א „קאפ אף טי" פאר ראבערטן און פאר זיך. כאטש זי האט זיך שוין אויף דעם געריכט א לאנגע צייט, איז עס דאך געקומען פאר איר אומגעריכט. ווען זי האט פארבריט טיי אינעם טשייניקל, האט זי מיטאמאל דערפילט ראבערטס אטעם אויף זיך און זייערע ליפן האבן זיך באגעגנט. נאר זי האט באלד מיט אימפעט אוועקגעריסן דעם קאפ און א געשריי געטון, פול מיט באליידיקונג:

— לאזט מיך געמאך!... פארוואס האט איר דאס געטון?!.. גייט ארויס פון דאנען!...

זי האט אזוי געשריגן, אז מיסטער פינקל האט נישט געהאט קיין ברירה און איז באלד אוועק. זי איז דערנאך געשטאנען ביים שפיגל און זיך א וויש געטון דאס פנים. זי האט זיך דערמאנט, אז זי האט פונקט דאס זעלבע געטון מיט יארן צוריק, ווען זי איז נאך געווען א קליין מיידעלע און א פעטער האט זי אנגעכאפט און מיט געוואלט א קוש געטון. ווען מאנעס איז אהיים געקומען, האט זיך איר כסדר געדאכט, אז ער ווייסט וועגן אלץ...

מאנעס האט אבער נישט געזען וואס עס קומט פאר אין זיין ווייב. דער קאפ איז אים פול געווען מיט זיינע אייגענע צרות. ער האט גע־שוויגן א לאנגע צייט און ערשט שפעטער זיך צו נחמה'ן שטיל אנגע־רופן, אז ער וועט מוזן אויפגעבן די ביזנעס. ער שטעקט ביז איבערן קאפ אין חובות. דאס געלט, וואס ער איז שולדיק, וועט ער אפגעבן — ער זאל אפילו וויסן צו צאלן דאס גאנצע לעבן!...

— וואסי?... פארוואס מוזטו דאס אזוי באלד אפצאלן די חובות?! מיינסט אוודאי אז ס'וועט צופעלן דעם מיסטער פינקל צו דער פרנסה? — האט אין נחמה'ן צוריק אויפגעפלאמט א צארנדיקע להכעיסדיקייט — ער פארמאגט גענוג! אלע האבן זיי גענוג!...

— כ'האב נישט געציילט ביי קיינעם די קאַסע... גלייב מיר, זיי האָבן זיך זייערע אייגענע דאגות... כ'בין נישט מקנא קיינעם! — האָט מאַנעס נישט געוואָלט מער רעדן וועגן דעם און אָפּגעהאַקט דעם שמועס.

* * *

פּונקט ווי ער האָט צוגעזאָגט, האָט מאַנעס אָנגעהויבן אויסצוצאָלן די חובות. ער האָט פּינקטלעך געטראָגן די ראַטעס, כאָטש אין שטוב איז געווען אַ דחקות. ער האָט צוריק געאַרבעט בייטאָג אין דער „התחיה", זיך אויך פּאַרנומען מיט דער ביבליאָטעק. זונטיק איז ער געווען אַ לערער אין דער יידישער שול און אינמיטן דער וואָך איז די אָוונטן, האָט ער געגעבן פּריוואַטע לעקציעס. מחמת דער אָפּטער מידקייט, וואָס איז אים באַפאַלן אין סאַמע מיטן טאָג, האָט אים נחמה געצוווּנגען אויפצוגעבן אַ טייל פּריוואַטע לעקציעס און זי האָט אים געשלעפּט צו אַ דאָקטאָר. נאָר ער האָט נישט געוואָלט אויפגעבן די לעקציעס און נישט געוואָלט הערן און געדענקען פון אַ דאָקטאָר.

— ווער דאַרף אַ דאָקטאָר? — האָט ער אָפּגעלאַכט פון נחמה'ן — אַ געזונטער מענטש גייט נישט צו אַ דאָקטאָר...

ס'איז שוין דעמאָלט געווען נאָך דער מלחמה און מאַנעס האָט געוווּסט, אַז ס'איז אַלץ אמת, וואָס מען האָט די גאַנצע צייט גערעדט און געשריבן אין די צייטונגען — די יידן אין פּוילן זענען אומגעקומען אין די געטאָס, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן!... נישטאָ מער זיינע קרובים און חברים; ס'איז קיינער נישט געבליבן פון נחמה'ס משפּחה!...

נישט איינמאָל האָט שוין נחמה געפּאַקט מאַנעסן דערביי ווי ער האָט אינמיטן טאָג געכאַפּט אַ דרימל אין דער „התחיה". בשעת זי האָט אים געטראָפן דזשימיען מיטן קאָפּ אָנגעלענט אויפן טיש, האָט ער זיך בשום־אופן נישט געוואָלט אין דעם מודה זיין און געהאַט טענות צו איר הלמאי זי מאַכט אויף אים אַ בלבול. מאַנעס האָט נישט געוואָלט נחמה'ן דערציילן, וואָס מען האָט אים צוגעטראָגן. רפאליק האָט זיך אָנגעהויבן אַרומצופירן מיט קאַניז, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אויפן אוניווערזיטעט. מען האָט זיי שוין געזען אַ סך מאָל צוזאַמען. פּונקט ווי די קינדער האָבן זיך אַמאָל פיינט געהאַט, אַזוי האָבן זיי זיך פּלוצים ליב באַקומען — ס'איז אויסגעוואַקסן צווישן זיי אַ גרויסע ליבע.

צוליב דעם וואָס מיסטער סילווער האָט באַמערקט, אַז מאַנעס פילט זיך לעצטנס נישט מיט אַלעמען, האָט ער איבערגערעדט מיט ראובן פינקל, אַז מען זאָל איינאָרדענען פאַר מאַנעסן אַ יובל, כדי צו שאַפן פאַר אים

אביסל געלט. אז מאנעס איז דערפון געווויער געווארן, האט ער זיך פון דעם אפגעזאגט. ער האט אריינגערעדט אין סילווערן, אז מען דארף מאכן גיכער א יובל פאר ראבערט פינקל, ווייל די „התחיה" איז אויף צרות און דארף האבן געלט. מאנעס האט אריינגעארבעט, אז דער יובל־באנקעט פאר פינקלען זאל אויסזען וואס שענער און וואס בעסער. בשעת ס'איז געקומען די נאכט פונעם באנקעט און די פארשטייער פון די פארשידענע ארגאניזאציעס און לאנדסמאנשאפטן האבן זיך מיט זייערע אויסגעפוצטע, אויסדערקאלטירטע ווייבער געשטופט פארויס, כדי צו פארנעמען א בכבור־דיקן פלאץ אויבן־אן ביים טיש, איז מאנעס געזעסן ביי דער טיר און איינגענומען געלט פאר די בילעטן. קיינער האט אפילו נישט באמערקט, אז ער זיצט ביי דער טיר. מ'האט אין אים פארגעסן, ווי ער וואלט זיך אינגאנצן נישט געפונען אויפן זאל...

באטש מאנעסן איז אפט באפאלן די מידקייט אינמיטן טאג, האט ער פונדעסטוועגן ביז שפעט ביינאכט געשריבן דעם רעפעראט, וואס האט געזאלט הייסן: „צי האט אונדז די יידישע טראגעדיע עפעס גע־לערנט". אינמיטן דער נאכט, ווען נחמה האט זיך איבערגעוועקט פון שלאף, האט איר אריינגעשטאכן אין די אויגן דאס ליכט פון דער אנדערער שטוב און זי האט פארשלאפענערהייט געמינטערט מאנעסן:

— וואס טוט זיך מיט דיר, מאנעס? לייג זיך שלאפן... אינדרויסן טאגט שוין!

נחמה איז געווען זיכער, אז רפאליק וועט קומען אויפן רעפעראט הערן דעם טאטן — אבער ער איז נישט געקומען. נחמה האט באמערקט ווי מאנעס האט צווישן די שיטער־באזעצטע בענק געזוכט רפאליקן. ער האט גערעדט מיט פיל צער וועגן דעם, אז די יידן האבן זיך שוין אנגע־הויבן צוגעוווינען צום חורבן, ווי ס'וואלט געווען א נארמאלע זאך... די יידן זענען געווארן גלייכגילטיק... דער חורבן איז צו א סך מתחיב!...

דעם אנדערן טאג, ווען נחמה האט געהאט טענות צום זון פארוואס ער איז נישט געקומען הערן דעם טאטן, האט ער איר געענטפערט, אז ער האט געהאט א וויכטיקן „אפאינטמענט".

— וואס האט שוין געקענט זיין וויכטיקער ווי אויסצוהערן דעם טאטן!... — איז נחמה ארוים מיט לשון.

— כ'האב נישט געקענט קומען... פארוואס דארף איך אלע מאל קומען? פארוואס קומען נישט די אנדערע?!

— ווייל דו ביזט מאנעס רעזנערס זון! דאס פארפליכטעט צו א סך! דו דארפסט זיין א מוסטער פאר אנדערע...

— כ'וויל נישט זיין קיין מוסטער! כ'וויל זיין ווי אלע...

נישט לאנג נאך דעם איז רפאליק אמאל אהיים געקומען און געזאגט, אז ער גייט חתונה האבן מיט קאניז. לאיד נארמען, קאנים טאטע, האט שוין געגעבן זיין הסכמה, איצט וויל ער, רפאליק, אז זיינע עלטערן זאלן צו דעם מסכים זיין. אז רפאליק האט אליין גארנישט געפועלט, איז ער דערנאך געקומען מיט קאניז. ווען נחמה האט געזען די קינדער צוזאמען אנקומען, האבן אירע אקסלען אנגעהויבן שטארק צו צוקן און זי האט זיך שטיל צעהעשעט. מאנעס האט גארנישט געזאגט, דאס מויל איז געווען ביי אים פארהאקט. אבער אז ער האט אויפגעהויבן דעם בליק און דערזען פאר זיך די יונג־צעשטראלטע פנימער פון די קינדער, וואס האבן געקוקט אויף אים מיט געבעט און אינגאנצן געציטערט פון גרויס דערווארטונג, האבן זיך זיינע אויגן פארצויגן מיט צער. זיינע בלאס־אויסגעקרומטע ליפן האבן עפעס א מורמל געטון, וואס מען האט נישט געקענט פארשטיין.

ווי זי וואלט עפעס פארויסגעפילט, האט נחמה אלץ מערער אנגעהויבן צו קומען צו מאנעסן בעת דער ארבעט אין דער „התחיה". ער האט איר דעמאלט אפט דערציילט, אז ערשט נישט לאנג צוריק זענען צו אים אראפגעקומען פון די פאליצעס אין דער ביבליאטעק די היימישע העלדן פון די ביכער... זיי זענען געווען אפגעריסן־אפגעשליסן, דאס לייב אויסגעדארט — הויט־און־ביין. אויף די אויסגעמאגערטע גופים האבן זיך נאך בולט געצייכנט רויט־אויפגעלאפענע קישקעס פון שמיץ, בלויז־און־בלויע ביילן פון קלעפ, בלוטיקע וווגדן פון קוילן... די אויגן זענען געווען ביי זיי איינגעפאלן, אז מען האט זיי אינגאנצן נישט ארויסגעזען. אנשטאט אויגן האבן געקוקט אויף אים אויסגעהוילטע לעכער, ווי ביי סקעלעטן... ביי א סך זענען די בערד געווען אויסגעפליקט צוזאמען מיט דער הויט. אויפן פלייש האבן געגליווערט פארהארטעוועטע שטיקער שווארץ בלוט... ער האט קוים דערקענט: באנטשע שוויג, טוביה דעם מילכיקן, דעם תהילים־ייד...

מיטאמאל האבן זיך די יידן צערעדט, דערציילט וואס פארא שבעה מדורי גיהנום זיי זענען פארן טויט דורכגעגאנגען אין די געטאס און קאנצענטראציע־לאגערן... זיי האבן געגראבן פאר זיך אליין קברים, געשטאנען אויף אומשלאג־פלעצער, געווען אין סעלעקציעס, זיך געשטיקט אין גאז־קאמערן...

בשעת מאנעס האט איר דאס אלץ דערציילט, איז נחמה'ן באפאלן א פחד. זי האט מורא באקומען, אז ס'האלט מיט אים שמאל. זי האט אים געצוווגגען ער זאל גיין צו א דאקטאר, געמאכט פאר אים נישט איין

„אפאינטמענט" — נאר ווען זי איז שוין געווען זיכער, אז זי איז מיט אים פארטיק, האט ער אין דער לעצטער רגע חרטה געהאט.

איינמאל אין א הייסן נאכמיטאג, ווען ס'האט שוין געבלאזן א הייסער נארד־ווינט עטלעכע טעג נאכאנאנד, האט נחמה זיך ארייגגע־כאפט אין דער „התחיה", כדי צו זען וואס מאנעס מאכט. זי האט אים ווידער געטראפן דרימלען, אבער דאס מאל נישט אנגעלענט מיטן קאפ אויפן טיש, נאר אויף דער ברוסט. ס'האט אויסגעזען ווי ער וואלט פון מידקייט אנטשלאפן געווארן אויף עטלעכע רגעס און ער וועט זיך באלד אויפכאפן — אבער ער האט זיך שוין מער נישט אויפגעכאפט...

* * *

נאך דער לוויה, ווען מיסטער פינקל האט אפגעפירט אין זיין אויטא נחמה'ן אהיים, איז זי אליין געבליבן אין שטוב. זי איז אלץ געזעסן אויף איין ארט און איר מידער פארשוועקטער בליק האט ארומגעבלאנדזשעט אויף די שלעכט־געמאלענע ווענט, אויפן ארעמען מעבל. די קארגע דרייסיק יאר, וואס זי האט אפגעלעבט מיט מאנעסן אין דעם הויז, האבן זיך נאך אלץ געוועבט אין איר מידן קאפ. אין אירע אויערן האט געשארכט דער הייסער ווינט, וואס האט שרפהדיק געוואלגט צווישן די מצבות און עס האבן אפגעקלונגען די ווערטער פון מיסטער פינקל, וואס האט מספיד געווען מאנעסן:

— ער איז געווען פון די ערשטע, וואס האבן צעאקערט די קרקע־בתולה פון דעם פרעמדן לאנד און זי פארזייעט מיט יידישער קולטור... א דעמב איז געפאלן! א גייסטיקער ריז...

דערנאך האט זי געהערט ווי די הארטע גרודעס ערד פאלן אויף דער מיטה, ווו עס איז געלעגן מאנעס... זי האט געהערט ווי רפאליק זאגט גרייזיק קדיש...

נחמה האט געוווסט, אז עס וועלן באלד קומען מענטשן זי מנחם־אבל זיין. די שטוב וועט ווערן פול. אבער זי האט נישט געוואלט קיינעם זען. געוואלט זיין אליין...

אברהם ציקערט

# בלויער שפּיגל

— פֿאַר ה. מינץ

אינעם טונקל בלויען שפּיגל
ברענט דאָס ליכט פֿון גאָט׳ס גענאָד —
פֿאַר מנוחה פֿונעם מענטשן
איינזאַם איז מתפּלל — גאָט.

שטיל אין טרויער ס׳קלינגט די תּפֿילה
ווי דאָס ליכט אין בלויען שפּיגל
נישט פֿאַרפֿעלן פֿאַרן פֿלעמל
ס׳זאָל דער טראָפּן אויל אין קריגל.

אינעם טונקל בלויען שפּיגל
צאַנקט נאָך ס׳ליכט פֿון גאָט׳ס גענאָד — — — —
ס׳איז ווער אין שטילקייט איצט מתפּלל:
— אָ, ווי איינזאַם ביסטו גאָט...

# שטערן...

— פֿאַר י. ראַפּאָפּאָרט

אויף זילבערנע פֿליטן, אין גאַנג דורך די ספֿערן
די ערד זינגט בייגאַכטיק איר שירה צו שטערן —
קאַפּיטלעך פֿון הלל.

און ס׳קרוינט זיי לבֿנה מיט גילדערנע קרוינען
און שענקט זיי ווייס-פֿייער פֿון אותיות קדמונים —
זיי זענען מתפּלל

אַ תּפֿילה פֿון וועגן פֿון קרייז און טויערן
ווי ס׳קנוילט זיך אַ גוסס צו ווערן געבוירן
אין פֿינצטער צעהעלטן.

און דער וואָס פאַרשטייט דעם גאַנג און דעם אומעט
פאַרוואַנדלט די יאָרן אין אויל פאַר נר תמיד
און לייכט דורך די וועלטן.

— — — — — — — — — — — — —

נאָר דער וואָס איז בלינד צום קרייז פון די שטערן
וואָס שטיין איז זיין הארץ — ער וויל נישט דערהערן
די וועלט אין איר טראָט

דער זינקט אין תהומען מיט פאַלשקייט אויף גומען
און הארבסטיק פאַרוועלקט און ס׳צעפוילט זיין נשמה
און ס׳וויינט אויף אים גאָט.

# שליחות

— פאַר דוד טושינסקי

אין מיין אומרו איך בין דיין רואיקייט מקנא
(קען זיין, אַז ס׳איז אויך קנאה פון דערגרייכן)
פאַר דיר אַ בליענדיקער מאַנדלשטאָק איז אומעטום פאַראַנען,
און איך — איך וואַרט נאָך אַלץ אויף יענעם אומבאַקאַנטן צייכן.

און ס׳דאַכט זיך מיר, אַז עפּעס האפּט איך זאָל נאָר פרעגן
און אויפגיין וועט אַן ענטפער פאַר מיין וואַרטן,
ווי ס׳גייט אויף דאָס פאַרבן-ליכט אין בויגן נאָכן רעגן — —
ס׳וועט ווערן קלאָר מיר, אַלצדינג קלאָר אין נייעם ליכט אין צאַרטן.

נאָר ווי אַזוי דעם שורש פון אַן אות פאַרפלאַנצן
אַז אויפגיין ס׳זאָל דער קלאַנג אוים דעם פאַרשטומען,
אַז ס׳איינע וואָרט זאָל ווערן — וואָרט פון אַלע ניואַנסן
וואָס אייביקייט נאָר לייגט בנשיקה אויף אַ זינגערם גומען?

און וויאַזוי דאָס פייער-וואָרט דערנאָך אויף ערד דערנערן
מיט ברויט אַזאַ, וואָס זאָל דאָס איינע וואָרט צעפלעכן
צו אַלץ וואָס איז שוין און וואָס דאַרף ערשט ווערן,
צו מאָרגן אייביקייט וואָס איז פאַרנעפּלט שוין אין נעכטן?

איז דאָ אַן אָרט ווו ס'ווערן אויסגעקריצט די בליצן
וואָס וואַרטן נאָר אויפֿן באַריר פֿון שם המפֿורש?
און קען מען דאָרט פֿון יעדן שטיין נשמות אויך דערקריצן
מיט לעבן, וואָס זאָל גיין און גיין לדורות?

איז דאָ אַ צייט וואָס הויבט זיך אָן נאָך ערב ווערן
מיט יענעם ניגון וואָס ליגט שטום אויף אַלע צינגער
און ווען ס'גייט אויס דאָס לעצטע ליכט פֿון לעצטן שטערן
ווערט ס'נייע ליכט מיט כוחות פֿון יענעם ניגון אויסגעזונגען?

איז דאָ אַ סוד, וואָס עפֿנט ברייט אויף אַלע זיגלען
צו טרינקען פֿונעם קוואַל וואָס שטילט איין יעדן ציטער
און באַשאַפֿט אין בלוט רובינען, רויטע שפּיגלען
וואָס לייכטן אויס פֿון יעדערן געוויטער?...

— — — — — — — — — — — — — —

איך וואַרט נאָך אַלץ... איך האָף, אַז קומען וועט מיין צייכן
כ'וועל לערנען ס'וואָרט און וויאַזוי צו פֿרעגן...
נאָר אויב ס'איז מיר באַשערט, אַז איך זאָל נישט דערגרייכן
זיי דו געבענטשט אין דיין שליחות — שוין אויך פֿאַר מיינעטוועגן.

מ. אייזענבוד

# די מצה־מאַשין

## (אַ קאַפּיטל פון בוך: „ניעסוויזשער יידן")

עס איז געווען צומאָרגנס נאָך פּורים.

ערשט נעכטן איז זלמן כאַשע־מושעס אַרומגעגאַנגען איבערן שטאָט מיט זיין פידעלע. אַ פּורים־שפּילער. אויסגעוויינט ניגונים אין יידישע הייזער; געשאָטן מיט גראַמען וועגן המנען און ושתין און איינגעמאַנט פּורים־געלט.

געווען אפילו אַ צייט ווען זלמן האָט געפּורימט מיט אַ גרופּע אַר־טיסטן, וואָס האָבן געקענט דערלאַנגען אַ שפּיל אָפּ די מגילה מיט אַלע פּיטשעווקעס, אין אַ וואָסערע האַלבע שעה צייט. נאָר זינט פון דער טרופּע איז געוואָרן אויס, ליגט דער יאָך אויף אים אַליין. דאָס איז שוין ביי אים אַ חזקה־זאַך. וואָרים מען קען דען איבערלאָזן אַ שטאָט אָן אַ פּורים־שפּילער?

אַ חברה יאַטלעך זענען אים נאָכגעלאָפן. יאַטלעך מיט צעפּלאָמטע בעקלעך, אויסגעקניפּטע פון פראָסט. זיי זענען אים נאָכגעגאַנגען פוס־טריט פון שטוב צו שטוב. און נאָך איידער זלמן האָט אַ סטרויע געטאָן די סטרונעס, פאַרוואָרפן ס׳קעפּעלע אָן אַ זייט, גרייט אַ צי טאָן מיטן סמיטשיק, זענען זיי אים פאַרלאָפן דעם וועג און אַלע ווי איינער אויס־גערופן:

— מאַכט אַ וואַרע. זלמן כאַשע־מושעס קומט אָן!

עס האָט נישט געהאָלפן זלמנס רעדן צו זייער סאָוויעסט, טרייבן זיי. אָט דוכט זיך זענען זיי פאַרשוווּנדן הינטער די קופּעס שניי. שוין, פּטור געוואָרן. האָט ער אָבער אויפגעמאַכט אַ טיר, זענען די ווייסע חברה אויסגעוואַקסן אויפן שוועל. נישט געקענט זיך פון זיי אָפּיאָגן, ווי אַ פערד פון די זלידנע פליגן, וואָס דאַקוטשען אים.

— אַוועק בייסטרוקעס! — האָט ער זיך געמאַכט זיי נאָכיאָגן. ערשט דעמאָלט האָבן זיי אים באַכליאַפּעט מיט שניי־קוילן אַזש דער אָטעם האָט אים פאַרכאַפּט.

— בעסער נישט מאַכן זיך זעענדיק, כאַפּט זיי דער שוואַרטשאַר — האָט ער אַ רעד געטאָן צו זיך אַליין. — ס׳איז דאָך עפּעס פּורים אויף דער וועלט...

די היימישקייט פון די פורימדיקע באַגלייטער האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנץ יאָר. ווען נאָר זיי האָבן אים דערווישט אַרום די שולן, האָבן זיי אים אָפּגעגעבן כּבוד, ווי אויסגעדרעסירטע זעלנער אַ גענעראַל:

— מאַכט אַ וואַרע! זלמן כּאַשע־מושעס!

צומאַרגנס איז זלמן געוואָרן דער אייגענער מוליער וואָס אייערנעכטן.

דעמאָלט האָט שטאָט געהאַלטן: אויף צומאַרגנס נאָך פּורים. דאָס האָט באַדייט אַ ווענד־פּונקט, די דאַטע, דער צייט־אָפּשניט: פּונקט אין אַ חודש אַרום איז פּסח.

צומאַרגנס נאָך פּורים האָט זיך געשטעלט דער מצה־סעזאָן.

אַ שטיק אין ווינטער נאָך האָבן די „פּאַדריאַט"־אַרבעטער גענומען אַריינשמעקן צו צדוקן, דעם פּערעמאַלניק אין דער אָפּענער קראָם אַריין:

— אַ פּרעסטעלע אַביסל, האַ, ר' צדוק? און הינטערווייַלעכץ, טאַקע פֿאַראיינסוועגן, גיך געכאַפּט אַ בליק אויב דאָס פּסח'דיק מעל איז שוין אָפּגעלייגט אין אָפּגעצוימטן שפּייַכלער. צדוק האָט אַ וויש געטאָן די פֿאַרמעליקטע, אַנגעפּרוירענע וואָנצן און אַ קרעכץ געטאָן דאָס עניוותדיק קרעכצעלע, וואָס האָט געמיינט אי אַלץ און אי גאָרנישט.

— אַ שווער ווינטער דאָס יאָר. עפּל אין די קעלערן ווערן געפּרוירן. סאַדאָווניקעס וועלן דערלייגן אַ סך געלט...

מערקט שוין יאָשע דער ראַמאַנאָוועך אַז פּונטום איז אים פֿאַרלאָפֿן דעם וועג און זיך באַצייטנס באַזעצט אויפֿן בענקל פֿון מאַשיניסט. און ווי די זאַך זאָל נישט זיין — דערווייל אַריינגעכאַפּט אַן אַדערויף.

— און חזקה איז טאַקע גאָרנישט, האַ ר' צדוק? — פּרוווט יאָשע אַריינוואַרפֿן אַ וואָרט.

— אַ פֿינפֿערל פֿון אַ מיירע אַראָפּגעלאָזן. ס'איז אַ שווערע צייט. טוט ער ווידער אַ וויש די וואָנצן.

— דוכט זיך, אַז עמיצער איז פֿאַרפֿאַרן אין דרויסן, האַ?

לאָזט ער יאָשען שטיין און גייט אַרויס צום שליטן, וואָס איז גראָד פֿאַרפֿאַרן פֿאַרן טיר.

— נו שטאַ כאַזיאַין — וויל דער פּויער וויסן — בודיעם קרוטיט? מ'וועט דרייען?

— בודיעם — מאַכט ר' צדוק — פּאַסכאַ אוזשע זאַ האַראַיו...

טוט ער אַ וווּנק מיטן פֿינגער ווי דער פּסח וואָלט געדאַרפֿט אָנקומען מיטן אַלבער טראַקט. ער איז צופֿרידן, וואָס די גויים פֿון פֿאַראיאָרן ווילן ווידער דרייען דאָס גרויסע ראָד פֿון דער מצה־מאַשין. געהאַט אַ שווער לייענען מיט די גויים ביז זיי האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז זיי דאַרפֿן נישט מיטברענגען צום עסן נישט קיין חזיר, און נישט קיין ברויט, ווייל אין „פּאַדריאַט" דאַרף אַלץ זיין כּשר.

— נו אדרבא — זענען מסכים די פּויערים, כאָטש דאָס קראַצן זיך אין די פּאַטיליצעס האָט באַדייט, אַז גאָר אינגאַנצן קלאָר איז עס נישט פאַר זיי.

— און פונוואַנען וועט מען נעמען כוח צו דרייען דאָס ראָד, ווייד טיאַשקאַ?

— סיעלאַדקי — זאָגט צדוק איין וואָרט. א שפּרוד אזא — מ׳קאָן האָבן כוח אויך פון הערינג...

און אַזוי האָט צדוק דער פּערעמאַלניק, דער הויפּט־שותף פון דער מצה־בעקערײַ צוגעגרייט די אַרבעטער, זייטיק, ווי ער וואָלט יעדן א טובה געטאָן וואָס ער מאַכט איבערהויפּט אויף דעם „פּאַדריאַט“, פאַר־גרייט ס׳מעל און גייט פאַרזאָרגן א שטאָט מיט מצה...

טאָקע צומאָרגנס נאָך פּורים האָט מען גע׳כשרט דעם גרויסן אויוון בײַ שלמה עלינקעס, וואָס איז דעם גאַנצן ווינטער געשטאַנען א נישט־געהייצטער, פאַרשטעלט מיט א ווענטל. די ערשטע האָבן זיך א נעם געטאָן די זיפּערקעס, אויסצוזיפּן ס׳מעל. קנעטערקעס האָבן אויסגעשייערט קופּערנע בעקנס כדי צו פאַרקנעטן די ערשטע מירע. יאַטן פרײַלעכע, אויסגערוטע, ווי רייט־פערד, וואָס רײַסן זיך אין גאַלאָפּ, זענען געזעסן אויף די גלאַנציקע, מיט בלעך באַשלאָגענע טישן. בײַ יעדן עק פון אַט די טישן איז צוגעשמידט א שווערער, פירעקיקער פּרענט, א גאַנצע שטאַבע פון וועלכער עס הענגט נאָך אויף א קייט, די שפּאַר, ווי ביים זאַטל פון פערד, פאַר דעם רייטערס פיס. די קנעטעריז האָט געטאָן א וואַרף אַרויס א רונדע מירע אויפן טיש. די איז נאָך געווען פעסט אײַנגעקלאַפּט, גוט צעמישט.

— נו, ס׳איז דאָך די ערשטע. מעג זיך נאָך געווען אויסעסן ס׳האַרץ פון סייטשען בײַ די לעצטע מירעס. — מאַכט איין קנעטערקע צו דער צווייטער, ווי זי וואָלט זיך פאַרענטפערט.

דערזען די מירע, האָט דער „טרעמבאַוושטשיק“ זי געטאָן א מעסט אָפּ מיט א מבינישן אויג, אַרויפגעלייגט אויפן מיטן טיש, אַריינ־געוואָרפן די פוס אין שפּאַר ווי א געניטער קאַוואַלעריסט און היידאַ! וויאָ! זיך אַוועקגעלאָזט אין א גאַלאָפּ איבער דער מירע. דער פירעקיקער פּרענט האָט געקוועטשט דאָס ווייכע טייג, אָבער עס נישט צעריסן. אין דעם איז אייגנטלעך באַשטאַנען די גאַנצע חכמה. איז ער איין מאָל אַדורכגעלאָפן איבער דער קיילעכדיקער מירע און דעם קרייז באַוואָרפן מיט האַריזאָנטאַלע קנייטשן: זי פלינק איבערגעדרייט און אָנגעהויבן זי אויסצוקלאַפּן ווערטיקאַל. אויפן טייג האָבן זיך באַוויזן ראָמבן, קוואַד־ראַטן, לעקעכער. ער האָט די קנייטשן געווירעט פון זיך און צו זיך.

ווען די מיירע איז ענדלעך אנגעקומען צו דער מאשין, איז עס געווען א גוט אויסגעקנאטן, פעסט שטיק טייג, אבער נאך אלץ א פארעמלאזעס, וואס ווארט אויף דער האנט פון מייסטער.

דער מאשיניסט נעמט אריינלאזן די מיירע צווישן שטאלענע וואלצן, איין מאל און נאכאמאל. האט זי זיך גענומען בלעטלען, וויקלען און באקומען די פארם פון א לאנגן האנטוך, וועלכן דער מאשיניסט טורעמט אויף קעגנאיבער זיך, אויף דער פלאטפארם.

— מאכט א ביסעלע דינער — בעט א גבירישע באלעבאסטע און שטעקט דערוויל אפּ א האלבע זלאטע אין דער אפענער האנט פון מאשיניסט. ווארים די אויגן פון מאשיניסט הענגען אויף די וואלצן, דעם מעסער. נאר די האנט דערפילט שוין דאס זילבער, נעמט די מצה זיך ציען דינער, איידעלער...

עס דויערט נישט לאנג און פון דער זייט פון אויוון דערהערט זיך געוואלדן:

— ס'מעג אריין א פייער אין דיינע זייטן אריין, פונטע — שרייט דער זעצער — מאכסט שוין פאפיעראס-פאפיר, מאכסטו שוין! ס'מעג א פלאם אריין אין דיינע קישקעס. דער אויוון פרעסט דאך מיר די מצות!

— הער נאך בעניע „בליץ" — דו קוק וויניקער אין פלעשל און מער אין אויוון — בלייבט פונטע נישט שולדיק קיין ענטפער.

א נייע מיירע איז פארטיק. דערלאנגט דער מאשיניסט א שלעפּ ס'הענטל פון מעסער און אויפן ווייסן האנטוך, וואס לויפט ווי א באוועגלעכער באנד, נעמען זיך אויסלייגן פירקאנטיקע, געלעכערטע מצות.

פלינק זאמלט זיי צענויף דער געהילף און ווארפט אריבער קליינע פעקלעך צום בלער, איבער וועלכן עס הענגען די קאטשעלקעס. מיידלעך צעהענגען די רויע מצות, ווי טאשן-טיכלעך צום טריקענען, אויף די לאנגע וואלגער-האלצן. א גענייטע האנט טוט זיי א נעם, א וויקל פאנאנדער און שוין ליגן אויף דער צעגליטער פאסאדזקע אויסגעלייגט די מצות, שורה נאך שורה, ווי אויסגעמושטרירטע זעלנער אויף א פאראד. אז בעניע „בליץ" לייגט אריין די לעצטע שורה, נעמט זיך שוין ס'ערשטע בלעזלען, אדורכגענומענע פון דעם טרוקענעם גלי, ווערט זי ברוין, און די ברעגן הויבן זיך אן וויקלען. דעמאלט נעמט די לאנגע לאפעטע שפּרינגען אין בעניעס האנט, זי זאמלט איין ריי נאך ריי. זיי פאלן פרישע, שמעקעדיקע אין גרויסן קאסטן.

— א ביסעלע גרעבער, — בעט זיך דער יידישער פויער גוטמאן — ס'זאל גוט זיין צו די בוריקלעך... דאס גיט שוין פונטע נאך מיטן גוטן ווילן...

די פּאַקערס קערן אַ וועלט. מיט פלינקע פינגער בויען זיי די מצות אײַן אין פּירעקיקע שטרויענע קאַרבן, איינס אין איינס. אַ בנין ממש.

אַז דער קאָרב שטייט אַ פּאַרפעקטער, איבערגעצויגן מיט אַ ווייסן לײַוונט, פּאַרוואָרפט מאָטל גאָד אַ שטריק איבער אים און לאָזט זיך אַוועק שפּאַנען איבער דער נאָך פּורימדיקער בלאָטע.

דאָס טראָגט ער אַריין דעם פּסח אין שטוב אַריין.

אַרום אַ זייגער צוועלף, נעמט דער זעצער קלאַפּן מיטן לאָפּעטע אין קאַסטן אַריין:

— נו, פרײַלעכער מיידלעך, פרײַלעכער! וואַרמעס! וואַרמעס!

די „טרעמבאַוושטשיקעס" נעמען קלינגען מיט די אײַזערנע פּרענטן, ווי מיט מאַשין־געווער, אַזש די מיירעס שפּרינגען אונטער ווי לעבעדיקע. צעקלינגען זיך די קייטן ווי פערד וואָלטן געהירזשעט...

די לעצטע מיירע — לאָזט ווײַסן פונטע, דער מאַשיניסט.

נאָר דעמלט זענען שוין די קנעטערקעס נישטאָ. זיי מוזן נאָך באַ־ווײַזן אַנצוואַרעמען נעכטיקן קרופּניק. אָדער צושטעלן די פיש־קאַרטאָפל. אַז די לעצטע קאַטשעלקעס פאַרשווינדן אין אויוון, צעליינגן זיך די מיידלעך, וואָס זענען שעהן געשטאַנען איבערגעבויגן איבער די שטעקנס — אויף די בלעכן.

די פּויערים, אָט די וואָס טרײַבן מיט זייער כוח די מאַשין, פאַר־קלייבן זיך אינדרויסן צווישן די ברעווניעס האָלץ: צעעפענען לײַוונטענע זעקלעך און נעמען מאָלן אויף אַלע ציין, כדי אין דער קאַרגער שעה, צוריקקריגן די פאַרלוירענע ענערגיע, עס זאָל זיי סטייען פאַרן גאַנצן נאָכ־מיטאָג ביז אַ שטיק אין אָוונט אַריין.

געקייט האָבן זיי ווייסן צוואָראָד מיט שוואַרצן קאָרן־ברויט און צו־געטרונקען קאַלט וואַסער פון אַ קופּערנער קוואָרט.

בעניע „בליץ", דער זעצער, האָט פאַנאַנדערגעשאַרט דעם זשאַר אי־בערן גאַנצן אויוון, די „פּאַסאַדזקע" זאָל נישט קאַלט ווערן.

— אַנישט ברענען אויבן מצות, און אונטן בלײַבן זיי רוי...

נאָכער וויקלט ער אײַן אַ הערינג אין אַ רויער מצה און לייגט אים אַריין אָפּצובראָטן.

אין קליינעם, זייטיקן חדרל, וואָס הייסט, אַזוי צו זאָגן, קאַנטאָר, האָט פּרומטשע בענעראָף, די בוכהאַלטערשע, אַ הויכע, געשטאַלטיקע יידענע, וואָס האָט אַליין אויסגעפּילט אַ האַלבן קאַנטאָר, זיך געפּאַרעט אַרום די חשבונות. זי איז נישט געווען סתם אַ בוכהאַלטער, גערונגענער מענטש, נאָר אַ שותּף צום „פּאַדריאַט".

אין וועדליק דעם שטײַגער, ווי עס פירט זיך די וועלט, איז עס אַזוי געגאַנגען יאָר בײַ יאָר...

## ב.

געדיכט באַזעצט זענען די צוויי צימערלעך ביי מיליעצקי, דעם זייגער־מאַכער, אין הויז. דאָ איז איינגעקוואַרטירט דער פאַראיין מיט זיין ביבליאָטעק, וואָס הייסט: „אַרבעטער־ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון רבקה גאַלין". ענג צוזאַמענגעקוועטשט אַרום טיש זיצן די פּאַדריאַט־אַר־בעטער. אין אַ וואַסערע צוויי חדשים אַרום איז שוין פּורים. מען הערט שוין זלמן כאַשע־מושעס איינשפּילן אויפן פידל נייע ניגונים, וואָס דער־ווייל איז עס נאָך נישט מער ווי געגרימפּלט. האַלבע טענער, פערטל טענער. נאָר צדוק ווישט זיך פּויל די וואָנצעס, ווי אַזאַ זאַך ווי פּסח, אַ מצה־פּאַדריאַט און פּרנסה, אויף וועלכער מען וואַרט אַ גאַנץ יאָר, וואָלטן גאָר נישט עקזיסטירט. עפּעס ווי ער וואָלט גאָר פאַרגעסן ר׳ צדוק, און רעדט רק פאַרשטעלט.

— אַ שלעכטער אוראַזשיי געווען דאָס יאָר. שוועך מיט ווייץ פאַרן נוליאַוון מעל.

און אַנדערש מאָל מאַכט ער:

— אַז קראַשעווסקע יאָגט זיך נישט צו כשרן די מיל. כ'קען אים עפּעס נייטן?

אַזוי לייגט אויס זיינע טענות פאַר דער פאַראיינס־פאַרוואַלטונג איטשע לעמעש, וועמען מען רופט גוט־ברודעריש: בוראַק. און אַנדרייט אויף זיין זייען גערטנער, פרעגן זיך מיט זיי אַ גאַנצן זומער און נאָכער שטעלן פעסלעך אוגערקעס אין אוזשינקער טייך.

— ווילן מיר טאַקע, — מאַכט איטשע, — אַז דער פאַראיין זאָל עפּעס טאָן אין דער זאַך, אַז נישט איז ביז גאָר ביטער...

דוד „סאַראַוועדקע", דער סעקרעטאַר פון פאַראיין האָט אויסגעזען מיד, נישט אויסגעשלאָפן. זומער האָט ער זיך „געמאַטערט" כדי אַרויס פון פּריזיוו. פון דערנצמאָלט אַן קען ער נאָך אַלץ צו זיך נישט קומען. אַפילו די צוגעלעגענע פּאַמעראַנצן, וואָס ער קויפט ביי גערשל „לאַצאַץ" אין קנייפּע, קענען נישט צוריקברענגען זיין מראה.

— דער פאַראיין, דאַרפט איר וויסן, זאָרגט פאַר די אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אַ גאַנץ יאָר ביי סטאַלע באַלעבאַטים — אַזוי האָט דוד אָנגע־הויבן — איר זענט נאָר סעזאָניקעס. אָפּגעאַרבעט די פּאָר וואָכן און אויס. איינער זעצט בוריקעס, אַן אַנדערער דינגט סעדער און נאָך איינער טוט גלאַט גאָרנישט ביזן פרישן סעזאָן. טאָ ווי אַזוי קענט איר ווערן אונדזערע מענטשן, פון פאַראיין טאַקע. און צוריק געשמועסט, זענען מיר דאָך „לינקע" און מצה איז אַ קלעריקאַלע אָנשיקעניש, וואָס איז גוט פאַר...

— וואָס הייסט — האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד ליזער געצאָוו — מענטשן ווענדן זיך, דאַרף מען העלפן. די צייט שטייט נישט אויף איין אָרט, נישט נאָר אין דער וועלט, נאָר אַפילו נישט אין „פּאָדריאַט". אַט האָט מען ערשט געדרייט די מאַשין מיט די הענט, פּויערים האָבן זיך אין איר איינגעשפּאַנט. ערשט דרייט שוין די מאַשין אַ מאַניעזש מיט פּערד און דאָס יאָר וועט מען אוודאי דרייען מיט עלעקטערע. אָבער צדוק באַהאַנדלט די אַרבעטער ווי שקלאַפן, פּונקט ווי זיי וואָלטן קיינמאָל נישט באַפרייט געוואָרן פון „פּאַנשטשיזנע". ס'איז נישט די פראַגע: יאָ מצה אָדער נישט מצה. עס איז אַ קלאַסן־קאַמף. אַט האָט קאַרל מאַרקס געזאָגט — טוט ליזער אַ ווייז מיט אַ צעשפּרייטער האַנט אויפן וואַנט, ווו עס איז געהאַנגען מאַרקס פּאָרטרעט, געצייכנט מיט קויל פון היימישן מאָלער מאָטל ליס, און אונטערן בילד האָט עס מיט רויטע אותיות אַרויסגעפּייערט: „די אַרבעטער קענען נאָר פאַרלירן די קייטן פון די פיס, געווינען קענען זיי אָבער די גאַנצע וועלט". ער האָט געמאַכט אַ פּויזע ווי ער וואָלט איטשע „בוראַקן" און יוסף פּונטען געבן די מעגלעכקייט איבערצולייענען דאָס וואָס קאַרל מאַרקס האָט געזאָגט און באַשליסן צי זיי ווילן טאַקע, אַז צו זיי זאָל געהערן די גאַנצע וועלט, אָדער צי זענען זיי גרייט אַדורכצוקומען אויף עפּעס ווייניקער...

— נישט שייך צו איבערזאָגן אַלץ וואָס מאַרקס האָט געזאָגט — האָט ליזער מאַרקסן אַזוי שנעל נישט אָפּגעלאָזן — מאַרקס האָט געזאָגט, אַז וואָס מער אַרבעטער מירן האָבן אונטער אונדזערע פענער, אַלץ נענטער וועלן מיר זיין צום זיג...

דער עולם האָט געשוויגן סיי צוליב דער וויכטיקייט פון דעם, וואָס מאַרקס האָט געזאָגט און סיי צוליב דעם, וואָס מען נעמט זיי צו אַלס שותּפים צום זיג...

דוד „סאַראַוואַדקע" (ריקלין, האָט ער אייגנטלעך געהייסן, נאָר ווער גיט עס אַכטונג אויף אַזעלכע זאַכן) האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן, וואָס איז געווען אַ הויכער, למדנישער און איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן, גלאַנציקן פּליך, זיך געפּרוווט דערמאַנען, ווו געפינט זיך דאָס ביי מאַרקסן דער אָפּזאָץ מיט די פענער. אין צימערל איז אָבער געווען אַנגערויכערט, דושנע, און דער מוח האָט זיך נישט געלאָזט עקספּלואַטירן.

— נו מילא — האָט ער אַ רעזיגנירטער גע'פּסקנט פאַר זיך — אויב אַפילו עס איז נאָר ליזערס תּורה, איז עס אויך נישט שלעכט. און צו די אַרבעטער מאַכט ער:

— מירן זען אַז עצה, און דערווייל זיי נישט געפאַלן...

* * *

**נאָך שבת האָט לייבל אייזענבוד זיך אַראָפּגעכאַפּט קיין ווילנע. כאָטש** ער איז נישט געווען איינער פון די פּאַראייִנס־לייט, איז ער אָבער געווען דער אָנפירער ביי די „לינקע" און אויך צייט געהאַט מער ווי אַנדערע. דער ווילנער לערער מאיר גליאַט האָט אים מיטגעגעבן אַ בריוול צו זיין מאַמען...

**ג.**

געלאָזן אין גאַנג די „אַקציען־געזעלשאַפט" האָט דוד ריקלין. זיין קאָפּ, נאַקעט ווי אַ ביינערנע ביליאַרד־קויל, איז אָבער אָנגעפילט מיט תורה, פון וועלכער ער האָט מער נישט געהאַלטן. גאָר פּשוט. איבערגע־דרייט דעם דישל און אויס ישיבה־בחור. פאַר אים צו באַנעמען אַ בוכ־**האַלטערישע סברא איז געווען ווי ביי אַ ייִוון אויפעסן אַ צוקער־לעקאַר.**

אין זיין מוח האָט ער אַלץ איינגעטיילט אין רובריקן ווי אַ צעווירעט בלאַט: דעבעט און קרעדיט. ציפערן. צוויי מאָל צוויי איז פיר.

— דאָ — האָט ער אָנגעוויזן איטשע „בוראַקן" — שטייען פאַר־שריבן דיינע פּראָצענטער. דאָ איז נישט ביי צדוקן. דאָ שלינגט מען נישט אַראָפּ קיין מיירעס. דאָ — האָט ער אונטערגעשטראָכן דעם „דאָ", וואָס האָט געמיינט אי דאָס גראָבע בוכהאַלטעריע־בוך, אי דעם נייעם אַרטיקל. אָנגעפירט פון פּאַראייִן — דאָ באַקט מען מצות לויט דער נייער אָרדנונג פון מאַרגן, — האָט ער נישט פאַרפעלט צו באַמערקן כדי אויך איינער פון דער מאַסע זאָל באַגרייפן דעם אויפטו.

**דער אויפטו מיטן מצה־פּאַדריאַט האָט זיך ווי אַ קליין וואַסערל,** וואָס ווערט אָנגעפילט מיט פּרילינגס־שטראָמען, זיך צעגאָסן ווייט איבער זיינע ברעגן. יעדע ריטשקעלע וואָס האָט זיך אַריינגעגאָסן, האָט דערפילט אין זיך דעם כוח פון ברייטן שטראָם.

— קודם וועט מצה ביליקער ווערן — האָבן געשמועסט ייִדן־באַלע־באַטים וואָס קענען זיך נישט פאַרגינען צו צאָלן צדוק׳ס פּרייזן.

— יום־כיפּור קעמפט איר קעגן קלער און אויף פּסח באַקט איר מצות — האָבן גאָר־לינקע געמוסרט די פּאַראייִנס־לייט — פיין דערלעבט, סאָציאַליסטן באַקן מצות האַנט אין האַנט מיט כלי־קודש!

— דאָס האָט איר טאַקע אַ באַווייז, אַז מען קען אויסקומען אַז באַלעבאַטים. דער מערוועגט געהערט דעם אַרבעטער און דער געזעלשאַפט — האָט זיך געהיצט שלמקע „ציגעלע" שטאַרק צופרידן מיטן אויפטו פון פּאַראייִן און אויך מיט דעם וואָס עס איז דאָ אַ געלעגנהייט צו באַ־ווייזן זיך מיט מאַרקסיסטישן וויסן.

— טו נאָר א קוק, מיט וועמען זיך פאַראייניקט אין קלאַסן־קאַמף. מיט פונטעז און איטשע לעמעש. זיי זענען דאָך אפילו קיין לומפּן־פּראָלעטאַריער אויך נישט. זיי זענען פּשוט אָרימעלייט מיט קליינבירגער־לעכע השגות...

— אָבער לעבן, פּרנסה דאַרפן זיי? זיי דאַרפן. זאָל צדוק זיך צע־שטאָפּן דעם טייסטער און די ארבעטער זאָלן האָבן קדחות מיט כשרן פּאַדעם? אויך אויף די אָרימעלייט מוז רעכענען דער ארבעטער־קלאַס.

— איר צעבייט א גרויסע רעוואָלוציע אויף קליינגעלט — האָבן די גאַר־לינקע זיך געפּרווט אויסטענה'ן. כדי כאָטש לפּנים וועגן בלייבן גערעכט.

אין דעם אויסגעשליפענעם מוח פון דוד ריקלין האָט זיך פּאַמיעש־טשעט די גאַנצע „אַקציאָן־געזעלשאַפט" מיט אַלע אירע פּלענער, ציפערן און חשבונות. יעדערער האָט באַקומען זיין גלייכן חלק פּראָפיט, אחוץ אויסגעצאָלט פאַר דער ארבעט. אַלץ ווערליק עס איז פאַרשריבן אין בוך. און ארבעטער האָבן הנאה געהאַט. אי מען ארבעט און אי מען האָט אַן אייגענע מאַשין...

— די קהלה דאַרף קויפן מעות־חיטין־מצה פון דעם ארבעטער־אַרטעל — אַזוי האָט פאַרלאַנגט דער דאָזער פון דער ליסטע נר. 4, לייבל אייזנבוד — ערשטנס, איז עס ביליקער ווי ביי צדוקן מיט פּרומטשע בענעראַף און צווייטנס — דאַרף יעדער ייד, וואָס רעגיסטרירט זיך נאָך מעות־חיטים, קריגן מצות און נישט קיין געלט. געלט דעמאָראַליזירט אי דעם געבער אי דעם נעמער. עס טיילט איין קבצנים אויף בעסערע און ערגערע. און יעדערער דאַרף קריגן מצות לויט דער גרויס פון זיין פאַ־מיליע...

האָט די קהילה נאָכגעגעבן. קען מען איינרייסן מיט א שטאָט?

יאַנקל דער שמיד האָט אויך צוגעלייגט א האַנט צו דעם זיג פון אַרבעטער־קלאַס. יעדן אויפדערנאַכט, נאָך דער ארבעט, איז ער ווי צוגע־וואַקסן צו דער גרויסער מאַשין־ראָד און זי געהאָלפן דרייען. דער פּלאַץ אין אויוון האָט געפּלאַקערט און געוואָרפן א רויטלעכן שיין אויף די ווענט, אויף די פּנימער. אויף איבערגעדרייטע קאַסטנס זענען געזעסן די פאַראיינס־לייט, סטאָלאַרעס און שניידער און הנאה געהאַט.

— עס ארבעט זיך אַז באַלעבאַטים און פונדעסטוועגן גייט א גאַנג...

— דאָ ווערט געשמידט דער מאָרגן פון דער וועלט — האָט זיך לייזער געצאָוו נישט געקאָנט איינהאַלטן כדי נישט צו זאָגן עפּעס וויכ־טיקעס...

## ד.

דער אַלטער פוקס איז געלעגן אין זיין נאָרע, געקוקט אויף דער ווייס־פאַרשנייטער וועלט, געזען די אַלע געפאַרן וואָס לויערן אויף אים, אויב ער וועט זיך אַצינד אַרויסלאָזן אויף יאַגד. אומעטום, וווּ ער וועט נאָר שטעלן אַ פוס, וועלן זיינע טריט בלייבן אָפּגעדרוקט אין שניי און די שפּיר־הינט וועלן זיי דערשמעקן, אַרומשפּרינגען. די מענטשן וועלן פעסטער מאַכן די צוימען אַרום די הינער־שטייגן.

ער איז געלעגן דעריבער אין זיין וואַרימער, מיט היי אויסגעבעטער נאָרע, געגריזשעט אַן אַלט ביינדל, וואָס איז נאָך געבליבן פון פאַראיאָרן און געוואַרט אויף דער געלעגנהייט. אין זיין פוקסישן קאָפּ האָט ער אויסגעשפּינט די פּלענער ווי צו פאַנגען די נאַרישע הינער. ער האָט אויס־גערעכנט די קלוגיטשקע גענג זיינע, וואָס וועלן פאַרפירן די שפּיר־הינט ווייט פון זיין נעסט. ער איז געווען זיכער אין די אויסגעפּלאַנירטע גענג, ווייל דאָס איז דאָך דער סדר פון דער וועלט:

— די הינער זענען באַשאַפן געוואָרן דערצו, אַז דער פוקס זאָל האָבן וואָס צו עסן...

צופרידן מיט דער לעבנס־פילאָזאָפיע האָט דער פוקס געדרימלט אויף זיין ווייכן געלעגער...

אַזוי האָט אויסגעזען אין יענע ווינטער־טעג דער אַלטער פוקס — צדוק.

— פאַראיאָרן זיך אַ קאַפּיטשקע באַנאַרישט. אַז מ'ציט ס'שטריקעלע צו פיל אַן, פּלאַצט עס. נאָר דאָס יאָר וועל איך עס מירצישעם אָפּנעמען...

מיט ביטערע, פאַרפּירערישע ווערטער האָט ער געבראַכט צו זיין טיש יוסף פּונטוסן און איטשע לעמעש, די צוויי הויפּט־אַקציאָנערן פון דער מאַשין.

דער פינקלדיקער, מעשענער סאַמאָוואַר, וואָס האָט געשטאַמט אַזש פון טולע, האָט געאָטעמט שווער, אַרויסשיסנדיק פון צייט צו צייט אַ פּאָר וואָלקנדלעך דאַמף. ער איז געשטאַנען אויבן־אָן ווי עס פּאַסט פאַר אַ גבירישן סאַמאָוואַר און אין זיין קרוין האָט זיך געפּאַרעט אַ פאַר־צעלייען טשייניקל מיט שמעקעדיקן וויסאָצקעס טיי.

אַנטקעגן אים, פּונקט מיט אַזאַ ווירדע, מיט אַזאַ אַנגעוואָודיקייט און זיכערקייט אין זיך, ווי זיי וואָלטן קאָנקורירט מיטאַנאַנדער, איז געזעסן פרומטשע בענעראַף. איר שוואַרצער קאָפּ שיינט מיט די גלאַט־פאַרקעמטע האָר, איר פּנים לייכט מיט אַ כמעט יוגנטלעכער פרישקייט, עלעהיי אַ פּופּינקע און דער גאָלדענער צאָן הנדלט זיך מיט אַן אומשולדיקן שמייכל. דער שמייכל האָט איר צוגעגעבן אַן אַראָמאַט פון ווייבלעכקייט.

דער הויכער בוזים האָט זיך ביים אָטעמען באַוועגט זייער דיסקרעט און דאָך האָט מען אים געמוזט באַמערקן. געוועזן איז זי אַן אַלמנה און אַ מאַמע פון צוויי יונגע, שוואַרץ־חנוודיקע טעכטער. איר גאַנצע ענערגיע האָט זי אַריינגעוואָרפן אין מסחר.

דער מעל־סוחר, וועלכן מ'האָט גערופן נאָר מיט איין נאָמען — צדוק, האָט זיך בנעימותדיק געטרונקען אַ גלאָז טיי מיט פּריקוסקע. זיין הויכע, דאַרע געשטאַלט מיט די גרוילעכע וואַנצן האָט געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַ פּריץ, אַ שליאַכציץ, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין די ווייסרוסישע קאַנטן. געוועזן איז ער אָבער אַ מעל־סוחר, וואָס האָט אויך אָפּגעקויפט תבואה און געלאָזט עס איבערמאָלן. אַ פּערעמאַלניק. און ווי ווייט איז עס פון אַ פּערעמאַלניק ביז אַ מצה־בעקערײַ? איינס איז גע־קנופּט אין צווייטן. נאָר ווייל איין מענטש קען זיך דאָך נישט צעריסן, איז פּרומטשע צוגעשטאַנען פאַר אַ שותף צום פּאַדריאַט.

יוסף פּונטוס האָט זיך ביי דעם טיש געפילט נישט באַקוועם. אויפ־געוואַקסן פון אַ פּיזשיק ביז אַ מאַנצפּאַרשוין אין חיים „שוועטליעס" געסל, וו גאָר אָפּט האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט שיכורע זעלנער, הפקר'דיקע שקצים, וועלכע חיים האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיין „הייזל", האָט זיך אויך אַ שפּאָר ביסל ריזיקאַליש־הפקר'דיקעס אָפּגעזעצט אין זיין בלוט. עס האָט אים געקיצלט ביים פּופּיק, וואָס אַזאַ ייד אַ גביר און למדן ווי ר' צדוק, רעדט צו אים ווי צו זיינס גלייכן און וואָס די געשטאַלטיקע פרוי בענעראַף שמייכלט צו אים מיט איר גאָלדענעם צאָן.

דער קאַלכנער אויוון האָט געוואַרימט — אַ מחיה. די קאַכיקע גלאָז טיי האָט ער געזען צו טרינקען איינגעהאַלטן. באַלעבאַטיש, נישט מיט צו גרויסע זופּן, און דעם צוקער נישט צו כראַמשטשען מיט די ציין, נאָר לאָזן עס צעגיין אויפן צונג. סיי דער הייסער אויוון און סיי די אָנ־שטרענגונג צו האַלטן שטאַט, האָבן אַרויסגעקוועטשט גראָבע טראָפּנס שוויים אויף זיין שטערן.

זופּנדיק פון טעצל די הייסע טיי, האָט ער געהאַלטן אַן אויג אויף דער פרוי בענעראָפס הויכן בוזים, וואָס האָט זיך געוויגט כמעט פאַר זיין נאָז, אַזש ער האָט געפילט די וואַרימקייט וואָס שטאַמט פון אים. דער בוזים האָט זיך געהוידעט ווי אַ שיף אויפן כוואַליענדיקן ים און אים איינגעוויגט. ער האָט כמעט ווי פאַרגעסן נאָך וואָס ער איז אַהערגעקומען. עפּעס אין אים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט אַ שווערקייט, וואָס געווייגלער קומט עס פון טרינקען אַלטן מעד. אַ שווערקייט, פון וועלכער מען האָט הנאה.

איטשע לעמעש, דער אַגאַראָדניק, אַ נידעריקער, אַ דאַרער, ווי אַ דאַרנדיק געוויקס אין זיין גאָרטן, איז געזעסן איינגענורעט מיטן קאָפּ

אין טיי־טעצל און גערולדיק געטרונקען. א בחור׳ל פון א נישט־פארמעג־לעכער היים ארום די שולן, האט ער געוווסט ווי שווער מען מוז ארבעטן אויף חיונה, אז א ווייב מיט קינדער פארלאנגען פאפע. פאר אים איז פרומטשע געווען נישט מער ווי צדוק — צוויי גלייכע שותפים צום פאדריאט.

— זי האט א מאנסבילשן קאפ אויף זיך, די יידענע — דאס איז געווען די איינציקע מחשבה, וועלכע ער האט וועגן איר געקענט טראכטן.

— איך האב א ניוד נאר וואס צדוק האט פארבעטן, נאר א קרענק וועל איך נעמען רעדן דער ערשטער. געזען האט ער זיך שוין ווי א גלייכער שותף צו א נייעם פאדריאט.

איטשע איז געווען ווי א געוויקס, וואס שטעקט טיף מיט די ווארצלען אין דער ערד און לאזט קוים ארויס עטלעכע בלעטלעך אין דרויסן.

— ווארים וואס זענען די בלעטלעך, בלויז פאנטאזיע, זאפט האט נאר די מאמע־ערד.

— דאס איז די פילאזאפיע פון א ,בוראק״ — האט געפסקנט אלטער מארגאליז, דער נישט־דערגאנגענער רבי׳לע, וואס איז אנשטאט א רב — געווארן א שניידער.

דער אלטער פוקס האט אלץ געזען. מיט פונטוסן איז ער געווען אויף א דרך. דערפילט, אז איצט דארף ער נעמען די זאך אין זיינע הענט.

— כ׳מיין איטשע, וואס איז דער תכלית אנצושטאפן א שטאט מיט אומזיסטע מצה — האט ער געזאגט דרך־אגב, גארנישט מיינענדיק חלילה, ווארים ער איז דען א שונא דער שטאט?

— און ווידער, אז מען קען עס מאכן ביליקער, דארף מען טרייבן צוויי מאל מאשינען מיט מענטשן, מיט הוצאות? איינע קען זיך דען נישט ס׳פראווען? עט מען ארבעטן א פאר שעה לענגער...

אז איטשע האט געגעבן תקיעת־כף:

— אפגעמאכט איז אפגעמאכט — האט זיך פונטע אויפגעוועקט ווי פון זיסן דרימל, א כאפ געטאן פרומטשעס האנט אין זיינער און אויסגעברומט:

— אפגעמאכט...

### ה.

ביים שרייב־טיש אין ביורא פון „טאז״ איז געזעסן אייזל משה פעט־טערבורגערס. מען קען אפילו זאגן: אייזל אלבענסקי, ווארים צו געדענקען

משה פּעטערבורגער, דעם שוסטער, איז אַ גאָר לאַנגע מעשה. ער האָט אַדורכגעקוקט די אָנגעקומענע בריוו, און אונטערגעברומט.

— אַ פּראַסט אַ ביסל, אַז די הענט צעגעמען זיך גאָרנישט...

ביים קאַכל־אויוון, וואָס איז מיט צוויי זייטן אַריין אין צימער, האָבן זיך געוואַרימט לייבל און איטשע טשאַרנע, דער אַרבעטסלאָזער פּראָוויזאָר, וואָס געדענקט נאָך די צייטן ווען ער האָט געאַרבעט אין זוסמאַנס אַפּטייק.

— ס'וואָלט נישט געשאַדט עפּעס אויסצוטרינקען און צובייסן מיט אַ פּערטעלע „באַטשעק" — האָט איטשע געפּסקנט — ס'איז די אמתע רפואה צום פּראַסט!

— הויבסט שוין אָן, סענדער, מיט דיינע רפואות — האָט אים אייזל גערופן מיטן נאָמען פון אַפּטייקער.

מיטאַמאָל האָט זיך די גאַס־טיר צעפּראַלט און שלמקע „ציגעלע" איז אַריינגעפאַלן אין איין אָטעם און אַרויסגעשאָסן מיט וועלכן דאַמף, וועלכן ער האָט מיטגעבראַכט פון גאַס:

— זיי האָבן געמאַכט יד־אחת!

— דיינע רעוואָלוציאָנערן — האָט אייזל זיך נישט געקענט איינ־האַלטן...

— אָבער וואָס וועט מען טאָן מיט אַזוי פיל אַרבעטער, זיי בלייבן דאָך אָן ברויט. זיי וואַרטן אויפן סעזאָן אַ גאַנץ יאָר?

— דאָס, וואָס מען האָט געטאָן איין מאָל, קען מען טאָן אַ צווייטן מאָל. קיין מצה־מאַשינען פעלן נישט אויס אין ווילנע...

משה־רוווע דער מוליער, כאָטש ער איז געוועזן אַ היפּש ביסל טויבלעך, האָט פונדעסטוועגן יאָ דערהערט וואָס עס האָט פּאַסירט:

— ווי איינער זאָגט: פון אַ חזירישן עק קען מען קיין שטריימל נישט מאַכן... נאָר גאָט פאַרן באָרד האַלטן זיי נאָך נישט.

צומאָרגנס האָט ער זיך געשטעלט צו דער אַרבעט אין אַלטן בנין פון עלעקטראָווניע, וואָס איז געשטאַנען לײדיק, ביי זוסמאַנען אויפן הויף. ער האָט גענומען אויפשטעלן אַ בעקער־אייוון.

— די רעוואָלוציע טאָר נישט פאַרשפּילן.

פון גאָראָדיע זענען געקומען שליטנס פאַרלאָדענע מיט מעל, צוויי נולן כשר לפּסח. פון זוסמאַנס קינאָ איז געוואָרן אַ מעל־סקלאַד.

אויף צומאָרגנס נאָך פּורים איז די מצה־מאַשין פון פאַראיין אַוועק אויף עלעקטרע מיטן גאַנצן קנאַק.

די שטאָט האָט אָנגעקוואָלן: מיט דער חברה שפּילט מען זיך נישט!!!

י. מ. לעווין

# די עקידה

אין אַ פריען פרימאָרגן
נאָך פאַרן שפּראָץ פון טאָג,
ווען ס'איז נאָר וואָס געוואָרן דערוואָרגן
דער לעצטער, וויינענדיקער געקלאָג
פון שאַקאַלן, וואָס לויפן פונעם באַגינען
מיט געוווי ווי געשלאָגענע הינט,
צוזאַמען מיטן חושך ערגעץ-ווו צו אַנטרינען
פאַר זייערע ביינאַכטיקע זינד —
ווען ס'האָט ווי אַ פליסטער, צאַרט און שטיל
אַ בלאָז געטאָן דער פרימאָרגן-ווינט —
האָט אברהם צו די זאַמדן קילע
פרום דעם קאָפּ געבויגן,
און מיט גרויס כוונה אין די געשלאָסענע אויגן
זיין שחרית-תפילה
אָנגעהויבן זאָגן —
דערווייל, שטאַרבט אָפּ די בלאַסע לבנה
בנשיקה,
די זון נעמט ירושה — איר חלוקה —
ס'הויבט אָן טאָגן.

באַלד נאָכן דאַווענען איז אברהם דער אַלטער
מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, פול מחשבות שווער,
מיט פּאַמעלעכע טריט, מיט שווערע הענט,
ווי ער וואָלט טראָגן פולע מילך-קאַנען,
טאָפּטשענדיק פאַרלוירן צווישן אייגן-היימישע ווענט,
זיין אייזעלע גענומען שפּאַנען.

דערנאָך האָט ער שטיל, זיפצנדיק,
זיין זון פון שלאָף געוועקט,
און צוואַרפנדיק שרה'ן אַ בליק פול מיט שרעק
איז ער, בגנבה, מיט יצחקן פון הויז אַוועק.

גייט זיך אברהם, דער ראש פון אַ שבט,
דער גאָט-זוכער און זעלבסט דערקענער,
אינעם שטילן פרימאָרגן, פון זיין היים אין באר-שבע
צום הר-המוריה זיין זון צו פאַרברענען.

פאַרטראַכטערהייט,
דאָס אייזעלע ער טרייבט,
וואָס קלאַפּט מיט דראָבנע טריט
איבערן זאַמדיקן וועג.
ער בליקט צו יצחקן,
ווי ער שפּאַנט לעבן אים אָן סימן פון שרעק,
מיט אַ פּנים אַ רואיקס, ווי עפּעס פאַרקלערט.
און ער טראַכט, אברהם, ער טראַכט
נאָכטראַכטעניש נאָך פון ביינאַכט —
האָט ער דאָך אַ חלום געהאַט,
אין וועלכן זיין אויסדערוויילטער גאָט
האָט צו אים געזאָגט מיט געבאָט:
— „כ׳בין מיט ציגן זאַט
און מיט לעמער,
וואָס דו ברענגסט פאַר מיר —
איך קען דיך, אברהם, ביסט נגידיש-ברייט,
דאָס מאָל
פון יצחק׳ן, דיין זון
אַ קרבן מיר גרייט״ —

גייט אברהם און טראַכט,
טראַכט און גאָרנישט ער פאַרשטייט —
וואָס וויל אלהי?
ער ווייסט דאָך באַשייד,
אַז צו זיין אייגן קינד איז יעדער פאָטער געטריי —
וויל ער אים פּרוּוון — ווייַ! —
צי איז נישט עפּעס אַ שינוי
געקומען אין זיין אמונה?!

### י. מ. לעווין

ווי זאָל ער פאַרשטיין?...
ער האָט דאָך בחוש געהערט
מיט זיין אינערלעכער שמיעה:
— „אברהם, אברהם,
גיי אויף צום הר־המוריה
אַ אַ לאַם אָדער אַ רינד,
און אויב דו געפינסט נישט קיין קרבן אַ גרייטן
אַ ציג, אַ קאַלב, אַ שטיער —
ברענג נישט קיין קרבן אַ צווייטן,
נייערט פאַר מיר
זאָלסטו ברענגען פאַר אַ קרבן דיין קינד!"

ציטערט דאָס הארץ ביים אַלטן טאַטן.
פאַרן קינד עס ציטערט
און פאַר גאָט —
אָבער אברהם אַ טיפן גלויבן האָט,
אַז זיין אויסדערוויילטער אלהים,
דער באַשעפער פון כל הברואים,
וואָס פירט די וועלט מיט חכמהדיקן דין
איז אויך מיט רחמים פול — — —
און געבויגן טיף האָט ער דעם קאָפּ פאַר אים
און פאַרן גרויסקייט פון זיין ווילן —
נישט צו חשבונען צופיל — — — —

— — — — — — — — — — — — —

אַלע ווייסן דאָס פון חומש ווייל
אַז ע ק י ד ה —
אַפילו
מיט קדושה און תפילה
איז גרויל!
אַז ווען אברהם צום באַרג זיך געהויבן
האָט
און געהאַט מיט זיך אַלץ —
דעם קרבן, דאָס מעסער, פייער און האָלץ,
און אויך אַ פעלדזן־פעסטן גלויבן
אַז אַזוי ו י ל ג אָ ט —

איז נישט אַזוי סתם
אַ נס געשען מיטן בראשיתדיקן ראָם —
אַז געוועזן צו דער מעשה דער שליסל
און איר טיפער מוסר:
דער קרבן יצחק און זיין פאָטער אברהם
זאָלן אַרויס פון פּרווו אָן אַ פּגם — —

עס זענען געוועזן גוטע, אַלטע צייטן
מיט מעשהלעך גרויסע און שיינע,
ווו אַלץ האָט זיך געענדיקט בכי-טוב —
קאָן מען האָבן אמונה אין די צייטן נייע
מיט אמתע עקידות פון יצחקלעך קליינע,
מיט מעשהלעך מיט אַ גרויליק סוף? —
— — — — — — — — — — — — — —
ווען צוזאַמען מיט די יצחקלעך,
וואָס זענען געגאַנגען
מיטן עלנט אַלס שפּילצייג,
זענען אויך געגאַנגען די אברהם׳ס,
די צעטרייסלטע טאַטעס,
זענען אויך געגאַנגען די שרה׳ס,
די פאַרחושכטע מאַמעס,
זענען מחנות געגאַנגען געטריבן צוזאַמען,
די קערפּערס פאַרהונגערט, געוויקלט אין שמאַטעס,
נשמות געפּייניקטע אין יסורים-פלאַמען.

אַ פאָלק איז געגאַנגען אכזריותדיק געפּייניקט,
אַ זעקס מיליאָן קעפּיקע עדה —
פאַר אַ קרבן געפּירט — צום שונא׳ס תענוג,
פאַר מאָדערנעם בעל, צו אַ נייער עקידה.
— — — — — — — — — — — — — —
ווו נעמט מען אמונה אַזוי ווי דער אַלטער אברהם,
וואָס האָט טיף אין הארצן געוואַרט אויף אַ נס —
אַז מען זאָל נישט דאַרפן פרעגן דעם בורא-עולם
אַ נישט פאַרענטפערטן פאַרוואָס?...
— — — — — — — — — — — — — —

1960

י. מ. לעווין

# עלנטע גאַסן

קאַלינגווּוד, פּיצראָי,
מעלבורן „נאָרט" און „סאַוט",
פאַראייניקטע אימפּעריע
פון גלאַררייכער נויט —
מיט דחקות-שטעמפּלען
שפּאַן-ביי-שפּאַן
אויף אַלץ און אַלעמען,
וואָס דאָרט פאַראַן.

אויף ראַכיט פון קינדער,
אויף בלאַסע בלומען,
אויף פאַרוויאַנעטער יוגנט
פון יונג-פרויעשער שיינקייט,
וואָס בליט אויף, צערינט
אין געצווונגענער אומרײַנקייט,
אויף בלינדקייט פון זקנים
און האַלב-טויטע קעץ,
וואָס וואַרעמען זיך ווי שאָטנס,
נישט נויטיקע קיינעם,
אויף צעבראָכענע טעראַסן
פון דיינע עלנטע גאַסן
פאַרשפּונען מיט זאָרגן
פון אביון׳ס געזעץ.

טיילמאָל,
ווען ס׳פאַרפירט מיך אַהינצו מיין שפּאַן
און כ׳זאַפּ איין דער עלנטס
פאַרסמטע גערוכן —
טויכן אויף אין דמיון מיט מאָנענדיקן דערמאָן
ווי מיט כישוף-שפּרוכן,

### לידער

פון סמאַטשע,
פון פּיעפּזשאָווע,
קעלערן נאַסע,
וואַרשעווער און לאָדזשער
עלנטע גאַסן,
וועלכע כ׳האָב אַזוי גוט פון מיין קינדהייט געקענט —
איצט פאַרברענט —

כ׳פאַרגלייך די גאַסן פון היינטיקן וואָר
מיט די אַנדערע,
פאַרגאַנגענע אָן שפור —
דאָרטן — הייזער מאַמוטן,
דאָ — הייזלעך ליליפּוטן,
די עלנט —
די זעלבע,
די זעלבע. — —

מאַי, 1961

י. האָניג

# די דריי עסערס

## (פעליעטאָן)

אין די צוואנציקער יארן, ווען קארלטאן איז נאך דעמאלט געווען קארלטאן, זענען אין דעם גאלדענעם טייל פון פרינצעס סטריט ביז פארק סטריט געווען יידישע רעסטאראנען און יידישע פריוואטע בארדינג־הייזער.

אין איינעם פון די פריוואטע בארדינג־הייזער בין איך געזעסן מיט נאך צוויי בחורים־אימיגראנטן ביים זעלבן טיש.

איינער איז געווען א בחור פון דער היים, א פרומער, און געגעסן האט ער מיט א קאשקעט אויפן קאפ, זיך געוואשן צום עסן, געמאכט א ברכה „המוציא לחם" און געבענטשט נאכן עסן. גערעדט האט ער מיט הפסקות און זיין סוף פסוק איז געווען „ברוך השם" און „בלי נדר". האבן אים די חברה עסערס א נאמען געגעבן בערל מאיר „בלי נדר".

דער צווייטער איז געווען א בחור אן א היטל, א שטיקל פריידענקער און א שטיקל אפיקורס, קיין ברכה האט ער נישט געמאכט און בענטשן האט ער נישט געבענטשט. רעדן האט ער גערעדט ווי א מענטש וואס האלט שטארק פון דער נאטור און זיין סוף פסוק איז געווען „נאטירלעך", „נאטורעל", „געזעצן פון דער נאטור", האבן אים די חברה עסערס דערפאר מכבד געווען מיט א צונאמען: מעקס דער נאטוראליסט.

און איך? איך בין געזעסן און געגעסן אינמיטן, צווישן די צוויי בחורים. אויף דער רעכטער זייט — בערל מאיר „בלי נדר" און פון דער לינקער זייט — מעקס דער נאטוראליסט. האבן די חברה עסערס מיר צוגעקרוינט א נאמען: לא ביום ולא בלילה — נישט בייטאג און נישט ביינאכט.

* * *

פון די צוואנציקער יארן ביז די זעכציקער האט זיך די וועלט נישט איינמאל איבערגעדרייט פון טאג אויף נאכט, און פון זומער אויף ווינטער. און די מענטשן? אנדערע האבן זיך געדרייט מיט דער וועלט און אנדערע האבן זיך געדרייט ארום דער וועלט. גאט'ס וואונדער, וואס

מענטשן זענען נישט געבליבן איבערגעדרייט מיטן קאפ אויף דער ערד און מיט די פיס אויפן הימל.

די דריי בחורים־אימיגראנטן־עסערס זענען ארויס פון קארלטאן און ווער וויס ווו זיי האבן זיך ארומגעוואלגערט איבער גרויס מעלבורן און איבער גרויס אויסטראליע, ביז דער צופאל האט זיי ווידער צוזאמענ־געטראפן.

און מעשה שהיה כך היה.

מיין מיסעס איז דאך א יידישע מאמע, און די אויגן פון א יידישער מאמע, ווען זי קוקט אריין אין די אויגן פון אירע קינדער, ווער קאן עס דערציילן?

— דער! שמייכלט מיין מיסעס צו מיר ווען איך בין אהיימגעקומען אין א פראסטן דאנערשטיק פארנאכט, דערי! א סארפרייז פאר יו!

— א סארפרייז? וואס איז עס פארא סארפרייז?

— אונדזער שערלי גייט שוין סטעדי!

— מזל־טוב! און ווער איז עס דער לאקי באי?

— „א יונגער, א הויכער, א טונקעלער, א פיינער, א גוטער, א געלערנטער, א לאיער, ענד...

— ענד?

— ענד... רעלידזשעס, ווערי רעלידזשעס באי. זיין פאטער איז א גבאי אין דער ישיבה, א מאכער ביי די ליובאוויטשער, און זיין מוטער טראגט א שייטל, און דער באי פארזוכט נישט פון פרעמדע טישן.

— סאו? רעלידזשעס, א שייטל, א גבאי אין דער ישיבה, פארזוכט נישט פון פרעמדע טישן, סאו! און ווי אזוי וועט עס אונדזער שערלינקע, די לעבעדיקע, די בלאנדינקע, די טענצערקע און די זינגערקע זיך צוזא־מענפארן מיט אזא רעלידזשעס באי? און ווי אזוי וועלן זיך משדך זיין אזעלכע יידישע גויים, ווי מיר, מיט אזעלכע שווערע יידן, ליובאוויטשער חסידים, ישיבה־לייט? דו אן א שייטל און איך אן א היטל?

— איך זאג גארנישט דארלינג! איך רעד בלויז איבער דיינע איי־גענע ווערטער: אין היינטיקע צייטן און אין דער היינטיקער וועלט דארפן יידן זיך צופאסן צו דער וועלט און צו די צייטן.

— ענד הו דו יו טינק? — די סאו קאלד צופאסונג, מיין דארלינג? מיר צו זיי, אדער זיי צו אונדז?

— ענד הו דו יו טינק? — קיצלט מיר די מיסעס מיטן פינגער אונטער דער גאמבע, — אז די גאנצע וועלט ווערט היינט רעלידזשעס, וועסטו פארלאנגען פון אזעלכע מחותנים זיי זאלן צוליב אונדזער שער־לינקע ווערן אויס רעלידזשעס?

מיט אַזאַ שטערן ביז איך געבוירן געוואָרן אין הימל. אויב אימיצער דאַרף זיך צופּאַסן, איז חלילה נישט מיין מיסעס, נישט מיינע קינדער, נישט מיינע שכנים, נישט מיינע שותפים און אַפילו נישט מיינע מחותנים. אויב צופּאַסן זיך איז: — הו דו יו טינק?

און מיט אַזעלכע מחותנים ווייס איך דאָך, און מיין מיסעס ווייס, און איך גלויב, אַז איר ווייסט עס אויך, אַז נישטאָ קיין האַרץ מעזשערס. אדרער, אַדער! זיי קומען צו אייך און זאָגן צו אייך אַז רעטעניישן און אַז פּאָליטיקע: „מיינע ליבע יידן! איר ווילט זיך משדך זיין מיט אונדז? אייער טאַכטער וויל האָבן אונדזער זון פאַר אַ מאַן? זענט איר געווען ביז היינט וואָס איר זענט געווען, האַלבע יידן, פערטל יידן, אינגאַנצן נישט קיין יידן, זאָל אייך דער, וואָס וווינט אין הימל, מוחל זיין פאַר אייערע זינד, אָבער פון היינט אַן דאַרפט איר ווערן יידן! יידן! פון היינט אַן דאַרפט איר אָפּהיטן שבת און יום־טוב, פון היינט אָן איז אויס קאַרס, אויס טעלעפאָן, אויס ראַדיאָ און טעלעוויזיע, אויס קאַרטן, אויס פערד אום שבת! פון היינט אַן זאָלן די קעפּ ווערן צוגעדעקט, אין שול גיין, מיר דאַרפן דאָך אייך נישט זאָגן, איר פאַרשטייט דאָך אַליין, מיט איין וואָרט: מיינע טייערע יידן, איר דאַרפט ווערן יידן!"

לסוף האָבן מיר באַשטימט — מיין מיסעס, אונדזער שערלי און איך: אַרויסוואַרפן אַלע כלים פון שטוב, אַריינשטעלן צוויי נייע סינקס, טוישן דעם יידישן בוטשער, קויפן פון באַלבערישסקים בוכהאַנדלונג אַ שוואַרצע צוויי־שטאָקיקע יאַרמולקע, אַ לאַנגן וואָלענעם טלית, שבת אָפּשטעלן דעם טעלעפאָן און טעלעוויזיע, נישט פאָרן מיט די קאַרס, אַרויסוואַרפן די פּעקלעך קאָרטן און איינלאַדן די מחותנים, אונדזערע אומבאַקאַנטע מחותנים צו אונדז אַהיים.

דעם גרעסטן סורפּריז האָב איך געהאַט ווען איך האָב געעפנט די טיר פאַר אונדזערע מחותנים. מיר האָבן זיך ביידע דערקענט — די צוויי עסערס אין דעם קאָרלטאַנער באָרדינג־הויז. וואַ, וואַ, ווי די וועלט דרייט זיך! מעקס! דער פריידענקער, דער אַפּיקורס, מעקס, אַז אַ היטל, אַז אַ ברכה אין מויל, אַז בענטשן, „מעקס דער נאַטוראַליסט" מיט אַ בערדל, מיט אַ שוואַרצן הוט, מיט אַ מיסעס וואָס טראָגט אַ שייטל, מעקס אַ גבאי אין דער ישיבה!

אים דערמאָנען די זינד פון זיין יוגנט? חס ושלום, אַזאַ שוטה בין איך דאָך נישט! אדרבא ואדרבא, אַגב זענען מיר דאָך שוין ביידע גלייכע מחותנים, אַגב האָבן מיר זיך דאָך ביידע צוגעפּאַסט צו די היינטיקע צייטן און צו דער היינטיקער וועלט.

ביז דעם שטן האָט זיך ווידער פאַרגלוסט אַ הוליע צו טאָן און איז מיט אונדז אַרויס אין אַ נייעם טענצל.

— דער! שמייכלט מיין מיסעס צו מיר ווען איך בין אהיימגעקומען אין א מיטוואך פארנאכט. — דערי! א סארפרייז פאר יו!

— וואס איז עס פארא סארפרייז?

— אונדזער טאוני גייט שוין סטעדי!

— מזל־טוב! און ווער איז עס די לאקי גערל?

— „א שיינע, א פיינע, א בלאנדע, א רייכע, זייער א רייכע, א געלערנטע, א מווי־סטאר! ענד...

— ענד?...

— ענד... נישט קיין רעלידזשעס, דער פאטער איז א מיטגליד אין ראביי זענגערס טעמפל.

— סאו! ענד...?

— „זיי זענען ליבעראל דזשוס, ראש השנה און יום כפור פארן זיי אין א קאדילאק אין שול! רייכע יידן, זייער רייכע יידן.

— סאו! רייכע, זייער רייכע יידן. לכבוד יום כפור מיט א קאדילאק אין שול, און ווי אזוי וועט עס אונדזער טאונינקע, אונדזער תלמוד תורה־באי מיטן טלית קטן און מיטן טלית גדול זיך צוזאמענפארן מיט א בלאנדע מווי סטאר? מיט א יום כפורדיקן קאדילאק? און ווי אזוי וועלן זיך משדך זיין אזעלכע שווערע יידן ווי מיר זענען, מיט אזעלכע, יא יידן נישט יידן, פון טעמפל?

— איך זאג גארנישט דארלינג? איך רעד בלויז איבער דיינע אייגענע ווערטער: אין היינטיקע צייטן און אין דער היינטיקער וועלט דארפן יידן זיך צופאסן צו די צייטן און צו דער וועלט!

— און ווער וועט עס מאכן די סאו קאלד צופאסונג, מיין דארלינג? זיי צו אונדז אדער מיר צו זיי?

— ענד הו יו טינק? קיצלט מיר די מיסעס מיטן פינגער אונטער דער גאמבע, ווערסטו פארלאנגען, אז צוליב דיין טאונינקע זאלן אונדזערע מחותנים ווערן אוים ליבעראל?

מיט אזא שטערן אין הימל בין איך געבוירן געווארן — אויב אימיצער דארף זיך צופאסן איז חלילה נישט מיין מיסעס, נישט מיינע קינדער, נישט מיינע שכנים און אפילו נישט מיינע מחותנים. אויב צופאסן איז:

— הו דו יו טינק?

און מיט אזעלכע ליבעראל מחותנים ווייס איך, און מיין מיסעס ווייס, און איר ווייסט שוין אויך — זיי קומען צו פארן שבת נאכמיטאג מיט דער קאר און שטעלן זיך אפ אין א זייטיקער גאס, און מען דריקט אייך די הענט מיט אזא כוח, אז איר וווּנדערט זיך צי די יידן האבן געפאסט צום־גדליה. זיי נעמען נישט אראפ די אויגן פון אייער יארמולקע און איר ווייסט אז זיי ווילן עפעס פרעגן און איר ווייסט אפילו וואס

זיי ווילן וויסן. זיי האַלטן אַ הענקי אין האַנט און ווישן זיך די נאָז. זיי דרייען זיך אַרום אין די צימערן און איר ווייסט נישט צי זיי זוכן דעם טעלעפאָן, דעם ראַדיאָ, די טעלעוויזיע, אַ פּעקל קאַרטן אָדער זיי ווילן אייך פרעגן צי זיי מעגן פאַררויכערן אַ ציגאַרעט צו שטילן די נערוון, פּקוח נפש! זי רעדט צו אים שטיל און ער מאַכט מיטן פינגער אַ לאַנגן נון אויף דער נאָז, און איר פאַרשטייט וואָס זי זאָגט: סאָטש אינטעלידזשענט פּיפּל, האַו קען זיי ליוו לייק זיס? אין זיס קאַנטרי?

און ווען זיי ווערן שוין היימיש ביי אייך אין הויז, פאַרפירט ער שוין אַ שמועס וועגן רעליגיע: זיס איז נאָט דזשודאַאיזם! דער ראַדיאָ איז נישט יידישקייט, און דער טעלעפאָן איז נישט יידישקייט און די כלים מיט די סינקס זענען נישט יידישקייט, און קלאַפּט זיך אויפן האַרצן: זיס איז דזשודאַאיזם: זי האַרט!

לסוף האָבן מיר באַשטימט — די מיסעס, אונדזער טאָני און איך, איינלאַדן די מחותנים צו אונדז אַהיים און דערנאָך וועלן מיר זען וואָס מען דאַרף אַרויסוואַרפן, וואָס מען דאַרף און וואָס מען דאַרף נישט אַשטעלן.

דעם גרעסטן סורפּריז האָב איך געהאַט ווען איך האָב געעפנט די טיר פאַר אונדזערע אומבאַקאַנטע מחותנים. מיר האָבן זיך דערקענט: די צוויי עסערס אין דעם קאַרלטאָנער באָרדינג־הויז. וואַ, וואַ, ווי די וועלט דרייט זיך — בערל מאיר "בלי נדר" מיטן קאַשקעט, מיטן בענטשן, בערל מאיר דער וויים־פּרעזידענט פון די ליבעראַלס פון טעמפּל, אַן אַ הוט מיט אַ מיסעס אַ בלאָנדע ווי אַ מוווי סטאַר.

אים דערמאַנען די צדקות פון אַמאָל? חס ושלום. אַזאַ שוטה בין איך דאָך נישט! אדרבא ואדרבא. אגב זענען מיר דאָך שוין ביידע גלייכע מחותנים, אגב האָבן מיר זיך דאָך ביידע צוגעפּאַסט צו די היינטיקע צייטן און צו דער היינטיקער וועלט.

טאָ וואָס, אַז די וועלט דרייט זיך? און ווען אייער זיידע האָט געלעבט, איז דען די וועלט געשטאַנען אויף איין אָרט?

אָט זיצן מיר ווידער, די דריי עסערס צוזאַמען ביים זעלבן טיש פערציק יאָר שפּעטער. מער נישט וואָס דעמאָלט איז בערל מאיר, דער פרומער, געזעסן אויף דער רעכטער זייט, און מעקס דער אפּיקורס אויף דער לינקער זייט, און היינט זיצט מעקס דער גבאי אין דער ישיבה, אויף דער רעכטער זייט און בערל מאיר, דער וויים־פּרעזידענט פון טעמפּל, אויף דער לינקער זייט.

אָבער איך זיץ דאָך ווידער אינמיטן: נישט ביימאָג און נישט ביי־נאַכט.

די זעלבע דריי עסערס.

יצחק ווינער

# וועלט און מענטש

א וועלט אזא גרויסע, ס׳קען אויג נישט דערבליקן
מיט ווייטן, מיט הייכן, ארום און ארום.
ערד א צעשפראצטע מיט דופטן, מיט זאפטן,
הימל מיט שטערן, לבנה און זון.

טיילמאל מיט כמארעס ווערט הימל פארצויגן
און רעגן נעמט פאלן פון הייכן אראפ:
ווער-נאר ס׳איז דורשטיק, זאל טרינקען לחיים, —
און קושן שיקט ווידער דער זוניקער-קאפ.

הויבט-זיך און גרויסט-זיך א קנאספל, א בלימל,
מיט בלעטער באקליידט זיך דער נאקעטער בוים:
א וואלד מיט געדיכטע צעוואקסענע קרוינען,
שפרייט זיך אלץ העכער און ברייטער אין רוים.

פעלדער מיט תבואה, און סעדער מיט פרוכטן,
מעכטיקער אטעם באצווינגט יעדע זאך.
און איבער מרחקים מיט שפע באלאדן —
שפאנט גאט׳ס אויסדערוויילטער, דער מענטש אויף דער וואך.

אז איינציק גאט-ענלעך איז מענטש נאר געבוירן,
און ס׳צויבערט די רחבות און חנ׳דלט אים „קום!”
א וועלט אזא גרויסע, ס׳קען אויג נישט דערבליקן —
מיט לעבן, מיט בליאונג, אין איר און ארום.

# לופט-אנגריף

וויקלען כמארעס זיך און וויקלען,
שלינגען איין דעם בלוי פון הימל:
איינגעהילט אין טוכלע טראנטעס —
רוט די שטאט אין זיסן דרימל...

פיקט זיך לאַנגזאַם אַ פרימאָרגן,
אַזוי כמורנע, אַזאַ גרויער — — — — —
פליען אָן אַ טשאַטע ראָבן,
קראַקעןווילדן אָנזאָג-לויער...

גרילצן — רוצחישע פאַרשייטע
האָגלען פייער מיט געוויטער.
שפּאַרט אַ לאַווע — פעך-צעשפּריצטער,
בליצט אַ שטורעם — בליי-צעגליטער...

ווילד געבֿרום פון באָמבע-צינדער,
הוזשעריי פון מאָרד-מאַשינעס.
סאָפּעט לופט מיט גסיסה-עכאָס —
פליסטערט לעבן, לעצטע תּפֿילות...

# געזעגענונג

אַ טריבער פרימאָרגן
סע שנייט און סע רעגנט.
אין פלאַמיקן ציטער
מיין לעבן געזעגנט.

אָרעם אין אָרעם
פאַרפלאָכטן, פאַרבונדן,
צעכראַסטעטע הערצער
צעגליטע, צעצונדן.

ס'צאַפּלט דער ווייטיק
מיט בראַנדיקע ווייען,
ס'כאַרכלען אין העלזער
פאַרקלעמטע געשרייען.

האַרבסט איז אינדרויסן
סע שנייט און סע רעגנט,
מיט היים און מיט לעבן —
געקושט זיך, געזעגנט...

## שבע גלאַס־ווינער

# כל נדרי אין אוישוויץ

שוין פון לאַנג האָט דער שונא צעשטערט ביי אונדז אַלע טראַדיציעס און אויסגעלאָשן יעטוועדע פרייד פון יום־טובדיקע טעג. מיר האָבן שוין געהאַט פאַרלאָרן דעם חשבון פון צייט. הגם אין האַרצן האָט דאָך גע־טליעט דער באַוווּסטזיין, אַז ערגעץ־ווו, אונטער פרייע הימלען, פייערן אונדזערע ברידער דעם יום־הדין — ס'איז ערב יום־כפור.

— — — — — — — — — — — — — —

באַהערשט פון פייגלעכער שרעק, דערוואַרטן מיר דעם יום־טוב און אונדזערע הערצער ווערן צעריסן... שטענדיק, אויף להכעיס, האָבן די סאַדיסטן געטשאַטעוועט אויף אונדז אין אַ יום־טוב־טאָג. ווי אַ לאַנגער פּאַדים שוועבן פאַר אונדז די ימים־נוראים אין אונדזערע צעשטערטע היימען. מיר לעבן מיט זיי, מיט די שאָטנס און סילועטן פון דער פאַר־גאַנגענהייט. עס בלאַנדזשען אונדזערע געמיטער איבער נעכטיקע טעג און היינטיקע קברים. מיר טראַכטן דערפון און ציטערן אין אונדזער שרעקלעכן סוד. שווערע זיפצן פון צעבראָכענע הערצער שניידן אַדורך די לופט און פאַרשטאַרקן דאָס פאַרווייטיקטע געמיט. מיר ווייסן, אַז אַ טייל פון אונדז וועט נאָך היינט זיך צונויפטרעפן דורך דער שוואַרצער מאַכט פון טויט מיט אונדזערע ליבסטע...

אויפן פייכטן ליימענעם דיל זיצן מיר איינגעקאָרטשעט, צונויפגע־פּרעסט. נאַקעטע סקעלעטן. בינטלעך ביינער טוליען זיך. אַ בלאַסע זון — בלאַס ווי דאָס לעבן — שלאָגט אַדורך די באַראַקן־פענצטערלעך. אַ קאַלטער אוישוויצער ווינט רייסט זיך אַריין און מיר וואַרטן פאַרגעסענע, פאַרלאָרענע — ווי אויפן ים־גרונט — אויף אונדזער גורל.

ס'ווערט אַנגעזאָגט אַ „הויך־וויזיט". ס'באַווייזן זיך צוויי „בליץ־מיידלעך". מיט שטאָלצע, פעסטע שטיוול־טריט מאַרשירן זיי דורך דער לענג פון באַראַק, באַטראַכטנדיק די אויסגעבליכטע, פאַרמאַטערטע שאָטנס.

ווי אַ דונער האָט זיך צעהילכיקט אַ געזונטער, באַפעלערישער טאָן, אַזש די ווענט האָבן אַ ציטער געטאָן:

— „זאָפאָרט זאָל זיך מעלדן די שפּיאָנין, וועלכע האָט היינט ביינאַכט זיך אַרויסגעגנבעט צו די דראָטן". עס הערט זיך יעדער שאָרך

פון װינט, װאָס הױבט אױף אונדזערע סטרעמפּעס־קלײדער אױף די נאַקעטע אױסגעדאַרטע לײַבער.

— „איך בין דאָס געװען", — האָט אַ ציטער געטאָן אַ קעלעכל פון דער 17־יאַריקער בעטי. זי איז אױפגעשטאַנען. ס'האָט זיך אױסגע־שלענגלט איר דאַרע פיגור. איר צאַרט פּנים האָט זיך פאַרצױגן מיט אַ כמאַרע.

— „װאָס האָסטו באַדאַרפט מאַכן בײַ די דראָטן? דו יונגע שפּיאָנין"!

— „איך בין קײן שפּיאָנין, איך האָב נאָר געװאָלט באַגײן זעלבסט־מאָרד און דאָס איז מיר געשטערט געװאָרן. איך װיל זיך באַפרײַען פון מײַן נישטיק לעבן און מיט פרײד אװעקשענקען מײַן נשמה. איך זוך אַן אָפּרו פאַר מײַנע אױגן, װעלכע קענען נישט צוקוקן מער צו דעם, װאָס עס טוט זיך מיט מײַנע שװעסטער און ברידער".

— „דו האָסט קײן רעכט איבער דיר, דײַן טױט און לעבן געהערן מיר, דו מוזט קראַפּירן אױף מײַן באַפעל".

בעטי װיל נאָך עפּעס רעדן, אָבער זי קען נישט מער. טיפע װײַען שרײַען אַרױס פון איר צעשלאָגענעם קערפּער. אַ שװערע גומי־בײַטש טאַנצט איבער איר נאַקעטן גוף. בעטי קאַרטשעט זיך פון די קלעפּ. זי װיגט זיך אין דער לופטן. איר קאָפּ נידערט זיך צו דער ערד. שװערע שטיװל קאָפּען איר אַן אױפהער. זי פאַרלירט דעם באַװוסטזײַן און ליגט װי אַ פאַרגליװערטע אין אָנמאַכט.

— „שטײ אױף"! — שרײַט מען צו איר. בעטי פּרוּװט אױפשטײן. אירע פיס זענען אָבער צו שװאַך אױף צו קענען טראָגן איר מידן קערפּער און זי פאַרקאַטשעט זיך אין אַ זײַט.

— „קניען זאָלסטו, דו דרעקיש פאָלק"! — בעטי קניט הילפלאָז. איר אַראָפּהענגענדיקער קאָפּ װיגט זיך, איר נאַקעטער קערפּער זינקט װי אַ צוגעװאַקסענער צום לײמענעם דיל. אירע פיס װאַקלען זיך אונטער די קני, װעלכע טונקען זיך אין קאַלוזשעס פון אײגן בלוט.

די קאַלטע זונען־שטראַלן פון דאַך־פענצטער פאַלן און באַלײַכטן אַלע צײכנס פון איר צעשלאָגענעם גוף. צװײ אױסגעלאָשענע, פאַרנעפּלטע, פאַריאָושטע אױגן קוקן אַפילו פון איר פאַרמוטשעט פּנימל, װאָס מאַכט איצט דעם אײַנדרוק פון אַן אַלטער זקנה. צעשלאָגענע קאַלך־װײַסע הענט פאַרפלאַכטן אין דער הױך ציטערן. זי האַלט פעסט פאַרשלאָסן דאָס מױל און פאַרבײַסט מיט די צײן.

בעטי װיל רעדן. אַך װאָלט זי איצט װעלן רעדן. זי װאָלט מיט אַ לאַנגן שפּײ אױף דער עקלהאַפטער נישטיקער װעלט, אַן יושר, אָן גע־רעכטיקײט, פאַרענדיקט איר לעצטן גאַנג. אָבער זי װײסט, אַז פאַר

יעדן איר ארויסגעזאגטן ווארט, באצאלן מיר אלע — און זי שווייגט מיט א שטיינערנער שטילקייט. ס'הערט זיך א שווער אטעמען. איר שטערן באפאלט א קאלטער שווייס. זי פילט צוועלפהונדערט פאר אויגן אויף איר צוזאמענגעבראכענעם קערפער און ס'ווערט איר נאך מער פיינלעך. זי האלט פארשלאסן די אויגן, פארטראכט. פון וואס טראכט איצט די 17־יאריקע בעטי? זי איז שוין מער נישט מיט אונדז, זי ווערט איינע פון די, וועלכע זענען מער שוין נישט דא. זי פילט, אז באלד הערט זי אויף צו ליידן, צו פילן, און ווערט פארוואנדלט אין א הייפעלע שטויב און עס ווערט איר אזוי לייכט...

— — — — — — — — — — — — —

ס'זענען געקומען ערנסטע, שווארצע מינוטן. צוויי קאפאס זענען אריין אוועקצופירן בעטין.

זי איז שווער און לאנגזאם אויפגעשטאנען, א טיפן זיפץ געגעבן, א קוק געטאן אין הימל, זיך געזעגנט מיט דער לעצטער זון, א ווארף געטאן די אויגן אויף אונדז, די דערנידעריקטע — און מיט אפגעהאקטע ווערטער אויסגערופן: „גאט פון גערעכטיקייט באוויז זיך!". וואקלענדיק זיך ווי א שאטן, איז זי פארזונקען אין מבול פון קלעפ.

— — — — — — — — — — — — —

אין דרויסן בוקט זיך דער טאג צו דער נאכט. א לייכטער ווינט יאגט דורך די אפענע טירן. מיט הילכיקע טריט פאטראלירט א וואך. עס פארשפרייטן זיך קלאנגען וועגן „בלאק־שפערע", וועלכע זאגן אן, אז עפעס הענגט אין דער לופטן. די גאס אטעמט מיט מארד און יום־כפור־דעמערונג...

— — — — — — — — — — — — —

און אויך מיר גרייטן זיך צו כל־נדרי. ס'שטייט שוין א טיש, געמאכט פון א טיר, אויף צוויי גראבע סלופעס, באדעקט מיט א טישטוך פון דער פרומער „בלאקאווע". צוויי ליכט האט געשענקט א „בארמהארציקער קאפא".

אויפן טיש ליגט א קרבן־מנחה־סידור. א בלאסע לבנה דרינגט אריין דורך די קליינע דאך־פענצטערלעך און קוקט זיך צו צו אלעמען. אפשר דערציילט זי וועגן אונדז אונדזערע ברידער אויף דער פריי...

אינדרויסן פראוועט זיך אויך א „שמחה". גאטס שטראף נידערט איבער די גאסן פון אוישוויץ. ווי א שלאכט־פעלד זעט אויס דער ארום. די בלויקייט פון הימל איז פארווישט דורך שווארצע וואלקנס. א חשכדיקע פינצטערניש...

דורך אַ לאַנגער קייט פון אויסגעשטעלטע עס־עס־זעלנער יאָגט מען יידישע מענער. פיס פאַרמאַטערטע, געבויגענע אונטער דער שווערער לאַסט פון מענטשלעכע לעבנס, ווערן זיי געטריבן אין אַ ווילדן געיעג, און ווער אַ מידערער, אַ שוואַכערער, בלייבט אין וועג. דער פּאַטער פאַלט, דער זון לויפט ווייטער... טראַד... טראַד... אַ שיסעריי. אַ מישמאַש פון לעבעדיקע און טויטע גופים.

און ווען טויטע קערפּערס וואַלגערן זיך אין אוישוויצער געסל, שטייען יידישע פרויען־קנעכטינס, פאַרשעמטע קעגן גאָט און מיט געבויגענע קעפּ טוען זיי ליכט־בענטשן. פלאַמיק שטייגן אויף די ליכטלעך אין די קאַר־טאָפל־לייכטערלעך און וואַרפן בלאַסע פלעקן.

טיפע האַרץ־געוויינען רייסן זיך אַרויס פון די געשענדעטע פרויען, ווי פון בית־עולם וואָלטן אַרויסגעוויינט טויטע...

פאַרמשפּטע, טויטע הענט דריקן איינע די אַנדערע. מ'פאַלט זיך אין די אָרעמס, מ'טוליעט זיך, מ'קושט זיך און מ'ווינטשט זיך צו דערלעבן כאָטש אַ שטראַל פון דער פריי.

עס צאַנקען אויס די ליכטלעך, און אויך מיר, צאַנקנדיקע נשמות, זאָגן היינט אפשר דעם לעצטן כל־נדרי...

ל. פרידמאַן

# מאַדאַם אַדלער

## דראַמע אין דריי אַקטן

**די אַקציע קומט פאָר אין אַ יידישן שטעטל אין פוילן ערב און בעת דער דייטשער אָקופּאַציע**

פּערזאָנען לויט דער ריי פון זייער דערשיינען:

ד"ר אַלעקסאַנדער אַדלער — אָנגעזעענער דאָקטאָר מעדיצין אין שטעטל.
אַננאַ אַדלער — אָנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע טוערין, פרוי פון אַלעקסאַנדער אַדלער. אַפּוטרופּוס איבער אַן אינטערנאַט פאַר היימלאָזע מיידלעך און בחורים, מערסטנטייל יתומים.
אסתר לעוו — אַ לערערין אין אינטערנאַט.
משה פאַנאַבעריע — אַ לערער אין אינטערנאַט.
ד"ר זאַוואַדזקי — פּוילישער דאָקטאָר מעדיצין.
אַ צעשלאָגענער ייד
יאַן — אַ פּוילישער וועכטער פון הויז.
חנה'לע און רבקה'לע — מיידלעך פון אינטערנאַט, 15-16 יאָר אַלט.
אברהמ'ל — דער פּאַרטיזאַנער.
קלאַרבערג — דער פאָרזיצער פון יודען־ראַט.

ל. פרידמאַן

# ערשטער אַקט

וואָרט־צימער פון ד״ר אַלעקסאַנדער אַדלער. אייניקע סאָפעס, שטולן, אַ שאַנק מיט מעדיקאַמענטן, אַ טישל מיט אַ טעלעפאָן און אַ ראַדיאָ.

אַננאַ אַדלער גייט אַרום נערוועז איבערן צימער. פּלוצלונג הויבט אָן דער ראַדיאָ צו רעדן — „אַכטונג, אַכטונג, אַן עסקאַדרע פון פיר און צוואַנציק דייטשע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען פליט פון דרום־מערב צו צפון־מזרח. די עראָפּלאַנען האָבן אויסגעמיטן וואַרשע און פליען אין דער ריכטונג פון בוג. די איינוווינער פון די שטעט און דערפער אויפן וועג דאַרפן זיין גרייט אויף באָמבאַרדירונגען. די ציווילע באַפעלקערונג דאַרף אַריינגיין אין די אונטערערדישע באַהעלטענישן. די סאַניטאַרע דינסט דאַרף זיך זאַמלען אין די באַשטימטע פּונקטן. די פייערלעשער־מכשירים דאַרפן געשטעלט ווערן אין פולער גרייטקייט.

„אַכטונג, אַכטונג, אַן עסקאַדרע פון פיר און צוואַנציק דייטשע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען פליט פון דרום־מערב צו צפון־מזרח. די עראָ־פּלאַנען..."

(אַננאַ גייט צו צום ראַדיאָ און דרייט אים אויס. אין דעם מאָמענט הויבן אָן צו וואָיען די סירענעס).

(עס קומט אַריין אַלעקסאַנדער אַדלער).

**אַלעקסאַנדער:** אַננאַ, וואָס טוסטו דאָ? דייטשע עראָפּלאַנען קענען באַלד וואַרפן באָמבעס און דו דרייסט זיך דאָ אַרום. פאַרוואָס נייסטו נישט אַראָפּ אין קעלער?

**אַננאַ:** קעלער, קעלער, — וואָס וועט דער קעלער העלפן? אויב די באָמבעס וועלן פאַלן, וועט דער קעלער אויך נישט העלפן. צו וואָס זיך אַליין נאַרן?

**אַלעקסאַנדער:** מעגלעך אַז דו ביסט גערעכט. דער קעלער איז אויך נישט זיכער, אָבער דאָך פילט מען זיך דאָרט מער זיכער בעת מ׳איז מיט אַלעמען צוזאַמען.

**אַננאַ:** דאָס גיט מיר נישט קיין געפיל פון זיכערקייט. פאַרקערט, עס שווינדערט מיך אויף ווען איך טראַכט, אַז אַלע קענען דאָרט פאַר־שאָטן ווערן לעבעדיקערהייט. אָבער ווי קומסטו איצט אַהער, אַלעק־סאַנדער? דאַרפסט דאָך זיין אויף דעם סאַניטאַרן פּונקט?

**אַלעקסאַנדער:** איך גיי באַלד אַהין. איך האָב געוואָלט פריער אַריינ־לויפן אַהער און זען וואָס דו מאַכסט. יאָ, אַננאַ, אַ שווערע צייט שטייט פאַר אונדז. עס ווערט נאָך שווערער ווען איך טראַכט, אַז מיר האָבן געקאָנט דאָס אַלץ אויסמיידן.

**אננא:** דו מיינסט אונדזער געפּלאַנטע רייזע קיין שווייץ. ניין, איך באַדויער עס נישט. איך וואָלט נישט געקאָנט דאָרט רואיק זיצן.

**אלעקסאַנדער:** איך האָב זיך געבעטן ביי דיר — לאָמיר פאָרן אויף אַפּרו קיין שווייץ. שוין געהאַט כמעט אַלץ פּאַרטיק. מיר וואָלטן גערוט צווישן די בערג, שניי אויבן, גרינע פעלדער אונטן — שטיל, רואיק, ווייט אַוועק פון דער מלחמה. איך קען זיך נישט שענקען וואָס איך האָב דיך געפּאָלגט און אָפּגעלייגט די רייזע. איצט איז שוין אַלץ פאַרפאַלן. מ'קען זיך נישט רירן פון אָרט.

**אננא:** איך באַדויער עס נישט. איך וואָלט נישט געהאַט דאָרט קיין רו, ווייסנדיק, אַז די קינדער זענען דאָ באַדראָט. עס איז שוין בעסער וואָס איך בין מיט זיי צוזאַמען.

**אלעקסאַנדער:** קינדער, קינדער — מ'וואָלט געקענט מיינען, אַז דאָס זענען אונדזערע קינדער. פאַרוואָס דאַרפסטו זיין מער באַזאָרגט וועגן די קינדער ווי די לערער, די שטאָט־פאַרוואַלטונג אָדער די קאָמי־טעט־מיטגלידער?

**אננא:** דאָס זענען מיינע קינדער. זיי האָבן נישט קיין עלטערן. איך פאַרטרעט זיי זייערע מאַמעס, אַפילו זייערע טאַטעס. איך לעב מיט זייער לעבן און זיי זענען געוואוינט צו מיר. יעדער פון זיי איז אַ וועלט פאַר זיך. נעם יאַנעקן. אויב אַלץ וועט גיין כשורה, וועט ער זיין אַ מאָלער. ער מאָלט שוין איצט אַזוי פּרעכטיק, אָן קיין שום אָנווייזונגען. אָדער רבקה'לע, זי וועט זיכער זיין אַ קראַנקן־שוועס־טער. זי איז אַזוי פילבאַר אויף יענעמס ווייטאָק און איז גרייט יעדן איינעם צו העלפן. און חנה'לע, — זי איז אַזוי פּעאיק און האָט ליב קינדער. זי וועט זיין אַ לערערין. אָדער נעם סרולעק'ן — ער וועט זיין אַ פּאָעט — ער שרייבט אַזעלכע רייפע לידער, גאָר־נישט ווי פאַר זיין עלטער. ווייסט וואָס איך האָב נעכטן איבער־געלעבט? איך בין אריין אין קלאַס. די קליינע רחל'ע איז גע־שטאַנען אין מיטן צימער אַ פאַרוויינטע. די קינדער אַרום איך זענען געשפּרונגען אין אַ קאַראַהאָד און געשריגן „פאַרך, פאַרך!". רחל'ע האָט געהאַט אַ קליין קרעצעלע אויפן קאָפּ. איך בין אינס־טינקטיוו צוגעגאַנגען צו איר און אַ קוש געטאָן איר אין קעפּל. זי האָט אויפגעהויבן אויף מיר אירע שיינע, פאַרוויינטע אויגן און געשמייכלט צו מיר מיט אויסערגעוויינטלעכער דאַנקבאַרקייט. די מיידלעך אַרום איר האָבן פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזן די קעפּ. איך בין זיכער, אַז די קינדער וועלן דאָס לאַנג געדענקען. ווער ווייסט — אפשר דאָס גאַנצע לעבן. זעסט, זיי דאַרפן מיך האָבן.

**אלעקסאַנדער:** אננא, טייערע, ווערסט עקזאַלטירט פון יעדער זאַך.

ווען דו האָסט זיך פאַרנומען מיט דער ביבליאָטעק, איז עס געווען פאַר דיר די וויכטיקסטע זאַך אין דער וועלט, שפּעטער די שול און איצט די קינדער פון אינטערנאַט. שטענדיק לעבסטו מיט אימיצנס לעבן. קיינמאָל האָסטו נישט קיין צייט פאַר זיך. וועגן דיין אייגענעם לעבן טראַכטסטו נישט.

אננאַ: איך בין גליקלעך ווען איך קען יענעם מאַכן גליקלעך. איך מיין, אַז דאָס איז דער זין פון לעבן, אַלנפאַלס פון מיין לעבן. איך פיל, אַז מיין גורל איז פאַרבונדן מיט אָט די קינדער, וועלכע הויבן איצט אָן זייער באַוווסטזיניק לעבן. אָפט דאַכט זיך מיר, אַז דער גורל האָט געוואָלט, אַז אין דער שווערער צייט, וואָס שטייט אונדז פאַר, זאָל איך זיין מיט די קינדער, באַשיצן זיי און געבן זיי דאָס ביסל וואַרעמקייט, וואָס עס פעלט זיי.

אַלעקסאַנדער: אננאַ, ווייסט ווי איך האָב דיך ליב, אָבער אָפט קען איך דיך נישט פאַרשטיין. ביסט צו עקסצענטריש. איצט, ווען מ׳דאַרף טראַכטן ווי אַליין זיך צו ראַטעווען, טראַכטסטו בלויז וועגן די קינדער.

אננאַ: איך ווייס, אַז איך בין נישט קיין גוטע פרוי. איך גיב זיך צו ווייניק אָפּ מיט דיר און מיט אונדזער שטוב, אָבער גלויב מיר, אַז איך קען נישט אַנדערש. איך פיל, אַז די קינדער דאַרפן מיך האָבן. איך פאַרגעס אָבער קיינמאָל נישט אָן דיר, מיין בעסט קינד. דו ביסט דאָך ביי מיר אויפן ערשטן אָרט. וועסט אפשר איבער־בייסן איידער דו גייסט אויפן סאַניטאַרן־פּונקט? עס קען זיך פאַרציען און וועסט זיין הונגעריק.

אַלעקסאַנדער: ניין, טייערע, איך בין נישט הונגעריק. איך האָב אַ פאַרגעפיל, אַז די מלחמה וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן. מיר וועלן האָבן גאָר אין גיכן די דייטשן ביי אונדז. ווען זיי וואָלטן נישט געווען ערגער פון די דייטשן בעת דער אָקופּאַציע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָלט נאָך נישט געווען אַזוי שלעכט. געדענקסט ווי די דייטשן האָבן דאַן געוואָלט פאַרברענען אונדזער מעבל און דו האָסט זיי נישט געלאָזן, האָבן זיי געזאָגט: „מיר וועלן דיזע דאַמע דורך דאָס פענסטער הערונטערשמייסן” און דער מאַיאָר פאָן מאָלטקע האָט זיי באַרויקט און געזאָגט: „דאָס זאָל ניכט געשעען”. וואָס פאַרא פריינד זענען מיר געוואָרן מיט דעם מאַיאָר!

אננאַ: דער מאַיאָר האָט מיר געמאַכט פאַר דעם פאָרזיצער פון דער סאַניטאַרער קאָמיסיע. די ייִדן אין שטאָט האָבן געהאַלטן, אַז איך מאַך זיי אָן צרות פאָדערנדיק פון זיי ריינקייט, אָבער דערפאַר האָבן

מיר אויסגעמיטן די אַנטלויזונגס־אַקציעס, וועלכע די אַנדערע שטעט האָבן געהאַט.

אַלעקסאַנדער: דערנאָך האָט ער דיר דערלויבט צו עפענען די יידישע שול. וואָס פּאַראַ יום־טוב איז עס געווען!

אַננאַ: דערמאָנסט זיך די פּראַכטיקע קינדער־קאָנצערטן און דאָס גליטשען זיך מיט די קינדער אויפן אייז ווינטער, ווען דער טייך איז געוואָרן פאַרפרוירן. יאָ, דאָס זענען געווען וווּנדערבאַרע טעג!

אַלעקסאַנדער: יאָ, יענע דייטשן זענען גאָרנישט געווען אַזוי שלעכט. דאַן זענען אָבער נאָך נישט געווען קיין נאַצים. ווער ווייסט ווי די היינטיקע דייטשן וועלן זיין?

אַננאַ: מעגלעך, אַז אין אָקופּירטן פּוילן וועלן זיי גאָרנישט זיין אַזוי שלעכט צו די יידן ווי ביי זיך אין לאַנד. צו וואָס זאָלן מיר זאָרגן פון פאָראויס. די צייט וועט שוין ווייזן.

אַלעקסאַנדער: איך מוז גלייך גיין. שוין אַזוי אויך פאַרשפּעטיקט. מעגלעך, אַז מ׳דאַרף מיך דאָרט האָבן. (עס הערט זיך אַ קלונג אין דער טיר). ווער איז עס? ווער קען עס זיין אין דער צייט? (גייט אַרויס עפענען די טיר). אָ, עס איז אסתר און פּאַנאַבעריע. וואָס מאַכט איר? וואָס האָט אייך געבראַכט אַהער אין דער צייט? איר ווילט, מסתמא, זען מאַדאַם אַדלער. זי איז אין וואַרט־צימער. איך מוז לויפן צום סאַניטאַרן פּונקט. זיי געזונט, אַננאַ. איך וועל מן הסתם, באַלד זיין צוריק. אַ גוטן טאָג אייך, אסתר און פּאַנאַבעריע.

(עס קומען אַריין אסתר לעוו און משה פּאַנאַבעריע)

אסתר: גוט מאָרגן, מאַדאַם אַדלער. זייט מוחל וואָס מיר באַאומרואיקן אייך אין אַזאַ צייט.

אַננאַ: גוט מאָרגן אייך, אסתר און פּאַנאַבעריע. עס מאַכט נישט אויס. איך בין געווען אומרואיק וועגן די קינדער. גוט וואָס איר זענט געקומען. וואָס מאַכן די קינדער? איז עפּעס געשען?

פּאַנאַבעריע: גאָרנישט געשען, מאַדאַם אַדלער. מיר זענען געקומען מיט אייך זיך בעראַטן. די קינדער זענען אומרואיק, נערוועז. די ראַדיאָ־מעלדונגען און דאָס וואָיען פון די סירענעס וואַרפט אַן אַ פּחד אויף זיי. עס איז שווער צו פירן מיט זיי די לעקציעס. זיי קאָנצענטרירן זיך נישט און לייגן נישט קיין אַכט אויף דעם וואָס ס׳ווערט געלערנט. מ׳דאַרף זיי מיט עפּעס באַשעפטיקן, כדי אָפּצוּלענקען זייער אויפמערקזאַמקייט פון דעם אַרום.

אַננאַ: איך האָב געטראַכט וועגן דעם, אַז עס וועט שווער זיין איצט צו פירן מיט זיי נאָרמאַלע לעקציעס. עס וואָלט געווען גוט צו־

גרייטן מיט זיי אַ פאָרשטעלונג. פאַרוואָס טאַקע נישט שטעלן „נס חנוכה". צו חנוכה איז שוין נישט ווייט. דאָס וועט זיי צוגעבן מוט. חנה מיט די זיבן זין, דער אויפשטאַנד פון די מכבייער, דער נס מיט דעם ברענענדיקן אויל...

**אסתר:** לײדער זענען די נסים געשען בלויז אין די אַמאָליקע צייטן, ווען גאָט איז געווען גוט צו די ייִדן. הײנט געשעען נישט קיין נסים. וואָס מיר קעמפן אַליין נישט אויס, האָבן מיר נישט.

**אננאַ:** די נסים זענען שטענדיק געוועזן פון די מענטשן. אָן מענטשן געשעען נישט קיין נסים. דער נס געשעט דאַן, ווען מען טוט און מ'גלויבט, אַז דער טאַט וועט שאַפן אַ גרויסע זאַך. דאַן געשעט דער ווונדער וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ נס. אַלנפאַלס דאָס וועט זיין אַ גלענצנדע געלעגנהייט צו ציען אַ פּאַראַלעל מיט אונדזערע צייטן.

**פאַנאַבעריע:** די פּיעסע איז דורכגעדרונגען מיט רעליגיעזן און שאָוויניסטישן גייסט און איר ווייסט, מאַדאַם אַדלער, אַז איך בין קעגן רעליגיע און קעגן שאָוויניסטישן נאַציאָנאַליזם.

**אסתר:** רעדסט נאַרישקייטן, פאַנאַבעריע, מ'דאַרף די קינדער געבן אַ געפיל פון שטאָלץ און דערהויבנקייט. אַך, ווען מיין פּלאַן פון ברענגען די קינדער קיין ארץ־ישראל וואָלט רעאַליזירט געוואָרן, וואָלטן די קינדער איצט געווען געראַטעוועט און מיר וואָלטן געווען מיט זיי.

**פאַנאַבעריע:** ארץ־ישראל, ארץ־ישראל — ביי דיר לייזט ארץ־ישראל אַלע פּראָבלעמען. און פון וואַנען ווייסטו, אַז אין ארץ־ישראל זענען די ייִדן זיכער?

**אסתר:** איך ווייס טאַקע נישט, אָבער איינס ווייס איך, אַז חס־וחלילה אַזאַ געפאַר וועט געשען, וועלן די ייִדן דאָרט שטעלן אַ ווידערשטאַנד. זיי וועלן קעמפן ווי אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק. דאָ זענען מיר מאַכטלאָז, אָן געווער, אָן פריינד...

**פאַנאַבעריע:** וואָס קען אונדז ראַטעווען, איז די רויטע אַרמיי. בלויז די רויטע אַרמיי קען ראַטעווען אונדז און די גאַנצע וועלט. די פאַשיסטישע פּוילישע רעגירונג איז שולדיק אין דער מלחמה. ווען זי דערלויבט די רויטע אַרמיי אַריינמאַרשירן דורך פּוילן קיין טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָלט הײנט קיין מלחמה נישט געווען.

**אסתר:** ביסט פאַרבלענדט אין דעם כוח פון מזרח ווי אַלע דיינע חברים. ווען דיין סטאַלין וואָלט נישט נעגעבן די האַנט היטלערן איבער אונדזערע קעפּ, וואָלטן מיר נאָך פריי געאָטעמט. דיין סטאַלין האָט ווענן אונדז נישט געטראַכט.

פאנאבעריע: וואָס האָסטו געוואָלט, אַז סטאַלין זאָל צוליב אונדז וואַרטן ביז היטלער וועט אַנפאַלן אויף ראַטנפאַרבאַנד. ער וויל געווינען צייט.

אננא: אסתר, פאנאבעריע, לאָזט אָפּ. איך קען זיך מער נישט צוהערן. דאָס אַלץ, וואָס איר זאָגט, איז אַ ברכה לבטלה. עס וועט גאָרנישט געבן און צו גאָרנישט פירן. איך האָב מיין גאַנץ לעבן זיך נישט פאַרנומען מיט פּאָליטיק און איך האָב נישט בדעה מיט דעם זיך צו פאַרנעמען. נישט די פּאָליטיק בייט דעם מענטשן, נאָר ממשותדיקע אַרבעט, טאַטן, וועלכע דערציען דעם מענטשן. דאָס מיינט נישט, אַז די פּאַרטייען טוען גאָרנישט פאַר די מענטשן, זיי טוען, אָבער זיי פאַרווענדן מער ענערגיע אויף צו באַקעמפן איינע די צווייטע, ווי צו שאַפן נוצלעכע זאַכן.

פאנאבעריע: איר וועט מיר אַנטשולדיקן, מאַדאַם אַדלער, ווען נישט די אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָלט דער אַרבעטער געלעגן טיף אין דער ערד. איר ווייסט דאָס זייער גוט, מאַדאַם אַדלער. ווען די אַרבעטער וועלן איבערנעמען די מאַכט, וועלן געלייזט ווערן אַלע פּראָבלעמען און די מענטשהייט וועט ווערן בעסער.

אננא: איך בין נישט אַזוי זיכער, פאַנאַבעריע. די בעסערונג פון דער מענטשהייט איז אַ לאַנגזאַמער פּראָצעס. עס איז געווענדט פון פיל פאַקטאָרן און קודם־כל פון דעם חלק, וואָס יעדער פון אונדז לייגט אַריין אין דעם. אַזוי האָב איך עס פאַרשטאַנען און דערפאַר גע־גרינדעט די ערשטע ביבליאָטעק און לייען־זאַל אין שטאָט, היינט זענען שוין פאַראַן עטלעכע. איך האָב געשאַפן די ערשטע שול, היינט זענען שוין דאָ פיל שולן. עס איז דאָך בעסער געוואָרן אין די לעצטע 10—20 יאָר. אָבער צו וואָס זיך פאַרנעמען איצט מיט טעאָרעטישע פראַגן. אונדזער הויפּט־אויפגאַבע איצט איז צו ראַ־טעוועון די קינדער; זאָן זיי זאָלן איבערלעבן די מלחמה און פאָרזעצן דאָס לערנען, כדי נישט צו פאַרלירן קיין צייט.

(מיהערט אימיצן אַריינגיין. עס קומען אַריין אַלעקסאַנדער און ד״ר זאַוואַדזקי).

ד״ר זאַוואַדזקי: גוט מאָרגן אייך, מיינע הערשאַפטן.

אננא: גוט מאָרגן אייך, ד״ר זאַוואַדזקי.

אַלעקסאַנדער (שטעלט פאָר): פריילין לעוו און הער פאַנאַבעריע — לערער פון אינטערנאַט.

ד״ר זאַוואַדזקי: גוט מאָרגן אייך, מיינע הערשאַפטן.

אַלעקסאַנדער: מיר זענען געקומען דורכצורעדן אַ וויכטיקן ענין. עס זעט אויס, אַז די דייטשן זענען שוין נאָענט. די שטאָט בלייבט אָן

אַ מאכט. די פּאָליציי און די באַאַמטע פון שטאָט־ראַט פּאַקן זיך. זיי ווילן שוין לאַנג נישט פאַרבלייבן. עס קען קומען צו אומרוען. מען דאַרף פאַרמיידן מעגלעכע אויסברוכן פון געוואַלד־טאַטן פון אומפאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן.

**ד״ר זאַוואַדזקי:** אין אַזאַ צייט, מיינע הערשאַפטן, הויבט אָן די כוליגאַנעריע צו בושעווען. ווי איר ווייסט, בין איך נישט קיין באַזונדערער פריינד פון די יידן. איך האַלט, מיינע הערשאַפטן, אַז די פּאָליאַקן פאַלן אָפּט אַ קרבן פון יידישע סוחרים. דערפאַר האָב איך געשאַפן די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג ביי אונדז צו באַפרייען דעם פּוילישן פּויער און אַרבעטער פון יידישן מסחר, אָבער איך וועל קיינמאָל נישט מסכים זיין, מיינע הערשאַפטן, עס זאָל הערשן אַ ברוטאַלער פיזישער טעראָר, אָדער די כוליגאַנעריע זאָל פּראַווען אירע שטיק. די יידן זענען בירגער פון פּוילן און האָבן די זעלבע רעכט צו לעבן דאָ ווי די פּאָליאַקן.

**אסתר:** מ׳קען נישט פּרעדיקן שנאה צו יידן און דערנאָך ווילן שאַפן אַ צוזאַמענאַרבעט. דאָס גייט נישט צוזאַמען.

**ד״ר זאַוואַדזקי:** אַנטשולדיקט, מיינע הערשאַפטן, איך האָב נישט געפּרעדיקט קיין שנאה צו יידן. וואָס איך האָב געטאָן איז געווען אין די ראַמען פון פרייער קאָנקורענץ. איך האַלט נישט, מיינע הערשאַפטן, אַז יידן האָבן געטאָן גוטס פּוילן אויפן עקאָנאָמישן באָדן.

**אסתר:** און ווער האָט אַנטוויקלט דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן פון פּוילן, געבויט פאַבריקן, געשאַפן נייע האַנדלס־צווייגן?

**ד״ר זאַוואַדזקי:** אין דעם ליגט דער גאַנצער אומגליק, מיינע הער־שאַפטן, די יידן האָבן זיך געווידמעט בלויז דעם האַנדל און גע־פירט האָבן זיי אים נישט שטענדיק מיט ערלעכע מיטלען.

**פאַנאַבעריע:** ווער איז שולדיק אין דעם? עס איז די שולד פון דער רעגירונג און פון דער פּוילישער בורזשואַזיע, וועלכע האָט נישט צוגעלאָזט די יידן צו אַנדערע צווייגן פון דער ווירטשאַפט. ווען מ׳לאָזט צו, וואָלטן געווען יידישע באַאַמטע, יידישע פּויערים און פיל מער יידישע אַרבעטער, אַפילו אין דער שווערער אינדוסטריע.

**ד״ר זאַוואַדזקי:** מעגלעך, אַז אונדזער רעגירונג איז געווען טיילווייז שולדיק, מיינע הערשאַפטן, אָבער די יידן האָבן ליב אַ גרינג גע־שעפטל, מיידן אויס שווערע אַרבעטן. דאָס זענען באַקאַנטע זאַכן.

**פאַנאַבעריע:** דאָס איז גילטיק פאַר אַ טייל יידן און מעגלעך פאַר אַ קליינעם טייל. דער גרעסטער טייל אַרבעט שווער אויפן ביסן ברויט.

ד״ר זאוואדזקי: איך בין מיטן גאנצן הארצן מיט די ארעמע יידן, מיינע הערשאפטן, מיט די, וועלכע ארבעטן שווער. איך האב פיל יידישע פאציענטן און ביי די ארעמע נעם איך נישט קיין געלט. ביי מיר, מיינע הערשאפטן, איז יעדער מענטש גליידָ.

אננא: נישט אלע פאליאקן טראכטן לוידער אזוי ווי איר, ד״ר זא־וואדזקי.

ד״ר זאוואדזקי: דערפאר, מיינע הערשאפטן, האב איך געוואלט זיך פארשטענדיקן מיטן קאלעגע אדלער וועגן שאפן א ספעציעלע מיליץ פון פאליאקן און יידן, וועלכע זאל האלטן ארדענונג אין פאל די מאכט וועט פארלאזן די שטאט.

אלעקסאנדער: עס וועט נישט זיין לייכט צו שאפן, קאלעגע זא־וואדזקי. דער באדן איז נישט געווארן צוגעגרייט דערצו. דאך רעדט איבער אין די קרייזן פון דער פוילישער אינטעליגענץ און ארבעטערשאפט, איך וועל איבעררעדן אין מיינע קרייזן.

פאנאבעריע: אין פרינציפ איז דער געדאנק פון ד״ר זאוואדזקי זייער א ריכטיקער. עס דארף געשאפן ווערן א פאלקס־מיליץ פון אלע פראגרעסיווע כוחות, וואס זאל שטיין אויף דער וואך...

(עס הערט זיך א האסטיקער קלונג אין דער טיר. אלעקסאנדער גייט עפענען. עס קומט אריין א פארבלוטיקטער ייד).

ייד: ד״ר אדלער, ד״ר אדלער, ראטעוועט! זיי האבן פארכאפט מיין טאכטער, מיין לאה'ן, מיין איין־און־איינציק קינד...

אלעקסאנדער: ר' ייד, בארואיקט זיך. ווער האט פארכאפט אייער טאכטער?

ייד: די כוליגאנעס! זיי האבן זיך צו אונדז אריינגעריסן, געשלאגן און געממיתט, צעבראכן די מעבל, צעריסן די קישנס. מיין קינד, מיין איינציק קינד פארכאפט און אוועקגעפירט. זי האט געשריגן: „טאטע, טאטע, ראטעווע, זיי ווילן מיך דערהרגענען!". איך האב אבער גארנישט געקאנט העלפן. זיי האבן מיר געבונדן די הענט מיט די פיס. איך האב געשריגן: „רוצחים, באנדיטן, לאזט אפ מיין קינד!" ביז איך בין הייזעריק געווארן און פארלוירן דאס לשון. אוי, מיין לאה, מיין איינציק קינד...

אננא: וווהין האבן זיי איר פארשלעפט?

ייד: איך ווייס נישט, איך ווייס נישט. ווען איך האב זיך באפרייט פון די שטריק און ארויס אין דרויסן, האב איך זיי נישט געזען. איך בין אוועק אין פאליציי, אבער קיין לעבעדיקער נפש איז דארט נישטא. איך בין געווען אין מאגיסטראט — אויך דארט איז קיינער

נישטאָ. די גאַסן זענען ליידיק, בלויז די כוליגאַנעס בושעווען. ראַטעוועט מיין איינציק קינד, ראַטעוועט, זיי וועלן זי פּאַרטיק מאַכן...

ד״ר זאַוואַדזקי: קענט איר אימיצן פון די, וואָס האָבן פאַרכאַפּט אייער טאָכטער?

ייד: בלויז איינעם, זיגמונט, דעם אַדוואָקאַט'ס זינדל.

ד״ר זאַוואַדזקי: איך וועל גיין זוכן זיין טאָכטער. אפשר וועל איך זי קענען געפינען.

אַלעקסאַנדער (צום יידן): ד״ר זאַוואַדזקי גייט זוכן אייער טאָכטער. קומט אַריין אין קאַבינעט. איר אַליין דאַרפט אויך האָבן הילף.

(פירט אַרויס דעם יידן)

פּאַנאַבעריע: עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

ד״ר זאַוואַדזקי: מיר האָבן פאַרשפּעטיקט. איך וועל גיין זען וואָס איך קען טאָן צו באַרואיקן די כוליגאַנעריע. צום ווידערזען, מיינע הערשאַפטן.

אַננאַ: צום ווידערזען, ד״ר זאַוואַדזקי. אַדאַנק פאַרן קומען און פאַר אייער גוטן ווילן. איך האָף, אַז איר וועט קענען באַרואיקן די כוליגאַנעס.

ד״ר זאַוואַדזקי: איך וועל טאָן וואָס עס וועט זיין מעגלעך, מיינע הערשאַפטן. צום ווידערזען.

אסתר: אַן אַנטיסעמיט, אָבער דאָך אַן אַנשטענדיקער קריסט.

פּאַנאַבעריע: אַ כיטרער פוקס. אַרבעט אויף ביידע פראָנטן. איך גע־טרוי אים נישט.

אסתר: ביי דיר איז יעדער אונטער אַ חשד. קענסט נישט פאַרשטיין, אַז אויך צווישן דער פּוילישער בורזשואַזיע זענען אויך פאַראַן אָרנטלעכע מענטשן. ער געהערט דאָך צו דער אינטעליגענץ.

פּאַנאַבעריע: איך געטרוי דער אינטעליגענץ אויך נישט.

אַננאַ: ער זעט אויס צו זיין אַן אָרנטלעכער מענטש. אָבער וואָס איז דאָ זיך צו שפּאַרן. מיר האָבן פאַרשפּעטיקט מיטן צוגרייטן די זעלבסטשוץ און אפשר איז עס געווען אוממעגלעך. אַלץ איז געשען אַזוי פּלוצלונג. פּשוט נישט געווען ווען.

(עס קומט אַריין אַלעקסאַנדער).

אַלעקסאַנדער: דער ייד דערציילט שרעקלעכע זאַכן. די כוליגאַנעס רויבן יידישע געשעפטן, האָבן זיך אַריינגעריסן אין די הייזער, צעמזיקט און צעממיתט פיל יידן.

אננאַ: דער פּאָגראָם האָט זיך, הייסט עס, אָנגעהויבן. אסתר און פאנאבעריע, מ׳טאָר נישט לאָזן די קינדער אַליין. גייט גלייך צו די קינדער און זעט צו פאַרפעסטיקן אַלע טירן און פענצטער. די כוליגאַנעס זאָלן זיך נישט אַריינרייסן. איך וועל קומען שפּעטער זיי באַרואיקן. זייט פאָרזיכטיק. גייט מיט די הינטערשטע גאַסן מ׳זאָל אייך נישט זען.

אסתר: זייט געזונט, מאַדאַם אדלער, ד״ר אדלער. מיר וועלן זיך באַמיען צו זיין אין קאָנטאַקט מיט אייך. לאָמיר האָפן, אַז עס וועט זיך אַלץ גוט ענדיקן.

פאנאַבעריע: אַ גוטן אייך. איך ווייס נישט, איך האָב עפּעס אַ שלעכטן פאָרגעפיל. דאָך האָף איך, אַז די רויטע אַרמיי וועט אונדז ראַטעווען. זייט געזונט.

(גייען אַרויס).

אלעקסאַנדער: ער וועט פאַלן פון די ערשטע קרבנות. אַלע ווייסן, אַז ער איז אַ לינקער. די לינקע וועלן די דייטשן זיכער אומברענגען.

אננאַ: יאָ, איך טראַכט וועגן דעם. מ׳וואָלט אים געדאַרפט אויסבאַהאַלטן, אָבער ווו ?

אלעקסאַנדער: און וואָס וועגן אונדז ? דו מיינסט די דייטשן וועלן שוינען די יידישע אינטעליגענץ ?

אננאַ: איך האָף, אַז דיר אַלס דאָקטאָר וועלן די דייטשן לאָזן צו רו און אפשר מיר אין דיין זכות, און ווער ווייסט, אפשר אַדאַנק אונדז וועלן מיר קענען ראַטעווען די קינדער.

אלעקסאַנדער: יאָ, אַ שווערע צייט שטייט פאַר אונדז. ווער ווייסט מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן ? איך גיי אין קאַבינעט דורכקוקן די דאָקומענטן. געוויסע דאָקומענטן וועל איך דאַרפן פאַרניכטן איידער די דייטשן קומען.

(גייט אַרויס).

(עס הערט זיך אַ קלונג אין דער טיר. אַננאַ גייט אַרויס עפענען).

אננאַ: אָ, דאָס ביסטו יאַן ?

יאַן: איך בין געקומען וואָרענען די גנעדיקע פרוי און דעם דאָקטאָר נישט אַרויסצוגיין איצט. אין דרויסן שלאָגט מען די זשידקעס און די גנעדיקע פרוי און דער דאָקטאָר זאָלן בעסער בלייבן אין דער וווינונג. די גנעדיקע פרוי דאַרף נישט מורא האָבן. איך וועל היטן דאָס הויז. קיינעם נישט צולאָזן.

אננאַ: אַ דאַנק דיר יאַן, פאַר דיין גוט האַרץ.

יאַן: איך געדענק די גוטע זאכן וואָס די גנעדיקע פרוי און דער דאָק־טאָר האָבן פאר מיר געטאָן און איך וועל נישט לאָזן דער גנעדיקער פרוי און דעם דאָקטאָר צו טאָן שלעכטס, אָבער אנדערע זשידקעס זענען ווערט דעם שטעקן, זיי באַקומען באַצאָלט פאר זייגן אונדזער בלוט. איך וואָלט זיי אַליין אָנגעלערנט, ווען איך וואָלט נישט געדאַרפט היטן די גנעדיקע פרוי און דעם דאָקטאָר.

אננאַ: עס איז נישט שיין אַזוי צו רעדן, יאַן. וואָס האָבן דיר די יידן שלעכטס געטאָן?

יאַן: איך רעד נישט וועגן דער גנעדיקער פרוי. די גנעדיקע פרוי און דער דאָקטאָר זענען גוט און בריטהאַרציק, אָבער די זשידקעס זענען אַנדערש.

אננאַ: דארפסט זיך שעמען, יאַן, אַזוי צו רעדן. אַלע מענטשן זענען גלייך, אָן אויסנאַם, פּאָליאַקן און יידן, און די יידן זענען אויך אַלע גלייך. נישטאָ קיין בעסערע און ערגערע.

יאַן: זאָל זיין אַזוי. די גנעדיקע פרוי ווייסט מסתמא בעסער. זאָל די גנעדיקע פרוי מיר מוחל זיין וואָס איך האָב איר געשטערט.

(גייט אַרויס. אננאַ גייט אַרום איבערן צימער. זעצט זיך ביים טיש. דרייט אויף דעם ראַדיאָ. עס הערט זיך:

„אכטונג, אכטונג, א פרישע עסקאדרע פון דרייסיק דייטשע באָמ־באַרדיר־עראָפּלאַנען פליט פון מערב קיין מזרח. די עראָפּלאַנען האָבן אויסגעמיטן פויזן און פליען אין דער ריכטונג פון ווארשע. די איינוווינער פון די שטעט און דערפער אויפן וועג דארפן זיין גרייט אויף באָמבארדירונגען. די ציווילע באַפעלקערונג דאַרף אריינ־גיין אין די אונטערערדישע באהעלטענישן. די סאַניטאַרע דינסט דאַרף זיך זאמלען אין די באַשטימטע פונקטן. די פייערלעשער־מכשירים דאַרפן געשטעלט ווערן אין דער פולער גרייטקייט.
„אכטונג, אכטונג, א פרישע עסקאדרע פון דרייסיק דייטשע באָמ־באַרדיר־עראָפּלאַנען פליט פון מערב קיין מזרח. די עראָפּלאַנען האָבן אויסגעמיטן...

(אננאַ פאַרדרייט דעם ראַדיאָ. אין דעם מאָמענט הויבן אָן צו וואָיען די סירענעס).

דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ.

# צווייטער אַקט

דער זעלבער צימער מיט אַ יאָר שפּעטער.

**אַלעקסאַנדער** (קומט אַריין): אַננאַ, ווו ביסטו?
(אַננאַ קומט אַריין)

**אַננאַ**: איך בין דאָ. וואָס איז מיט דיר, אַלעקסאַנדער? וואָס ביסטו אַזוי אויפגערעגט?

**אַלעקסאַנדער**: שרעקלעכע זאַכן, אַננאַ, שרעקלעכע זאַכן... איך האָב בייגעוווינט אַ מאַקאַבריש בילד. די דייטשן האָבן אַרויסגעשלעפּט דעם אַלטן, פרומען משה מינץ, געהייסן אים אָנטאָן טלית און תפילין, אָפּגעשוירן אַ האַלבע באָרד, פאַראָרדנט אים שפּרינגען און זינגען און אַזוי אים פאָטאָגראַפירט. איך ווייס נישט וואָס זיי האָבן מיט אים שפּעטער געטאָן. איך בין אוועק. עס איז געווען צו פּײַנלעך זיך צוצוקוקן...

**אַננאַ**: שרעקלעך, שרעקלעך... שוין באַלד אַ יאָר ווי מיר ראַנגלען זיך מיט די דייטשן. אין אָנהייב האָט אויסגעזען, אַז זיי זענען גאָרנישט אַזוי געפערלעך... שלעכטע מענטשן, אָבער נישט קיין געפערלעכע. איצט הויבן זיי אָן צו ווייזן זייער אמתן פּרצוף. ווער ווייסט וואָס עס וועט נאָך אונדז איבערצולעבן?...

**אַלעקסאַנדער**: זעט אויס, אַז די דייטשן האָבן געביטן זייער טאַקטיק. זיי הויבן אָן צוטראַכטן פאַרשידענע שיקאַנעס, אַרויסגעבן פרישע פאַראָרדענונגען. איך האָב מורא, אַז עס רוקט זיך אָן אויף אונדז אַ גרויזאַמע צייט.

**אַננאַ**: ווי איז די שטימונג אין שטאָט? לאָזט זיך פילן וועלכער נישט איז ווידערשטאַנד?

**אַלעקסאַנדער**: די דייטשן האָבן זייערע מעטאָדן צו ברעכן אפילו דעם מינדסטן ווילן צו אַ ווידערשטאַנד. יעדן טאָג גרייטן זיי אַ פרישן קלאַפּ. זיי וועלן איצט נישט געבן קיין מינוט רו און דער יודן-ראַט מיט קלאָרבערגן אין שפּיץ דינט זיי געטריי, גיט נאָך אַלע זייערע פאַראָרדענונגען. איך גיי אין יודן-ראַט צו דערליידיקן עטלעכע ענינים. איך וועל באַלד זיין צוריק, אַננאַ.

(עס הערט זיך אַ קלונג אין דער טיר. אַלעקסאַנדער גייט עפענען. עס הערט זיך זיין שטימע): גוט מאָרגן אייך קינדער. אַננאַ, דיינע קינדער זענען געקומען. (שטימען פון די קינדער): גוט מאָרגן ד"ר אַדלער. (קומען אַריין): גוט מאָרגן, מאַדאַם אַדלער.

**אננאַ:** גוט מאָרגן אייך, קינדער. וואָס מאַכט איר, חנהלע, רבקהלע? וואָס הערט זיך אין אינטערנאַט?

**חנהלע:** אַלץ אין אָרדענונג, מאַדאַם אדלער. די בחורים ארבעטן אויפן שאַסיי און מיר זענען פארנומען אין קיך, ראַמען און לערנען זיך.

**אננאַ:** ווי גייט איר אָן מיט דער פאָרשטעלונג „נס חנוכה"?

**רבקהלע:** עס וואָלט שוין געווען פארטיק, אָבער די בחורים קומען מידע פון דער ארבעט, דאָך מאַכן מיר פּראָבעס אין די אָוונטן. מיר האָבן שוין אויפגענייט די קאָסטיומען און גרייטן צו די דע־קאָראַציעס.

**אננאַ:** איר קענט דאָך די פאָרשטעלונג פון פארגאַנגענעם יאָר. דאַן האָבן מיר זי געשטעלט בלויז פאַר קינדער. דאָס מאָל וועלן מיר עס שטעלן פאַר דערוואַקסענע. די שטאָט נויטיקט זיך אין דער־מוטיקונג. ווי קלערט איר, קינדער — די פאָרשטעלונג וועט זיין אַ געלונגענע?

**חנהלע:** זיכער, מאַדאַם אדלער. עס איז אַ שיינע פאָרשטעלונג. איך בין מקנא די יידן פון יענער צייט. זיי זענען געווען אַזעלכע גרויסע העלדן.

**אננאַ:** זיי זענען געווען די זעלבע יידן ווי מיר, זיי האָבן בלויז געהאַט אַ שטאַרקערן גלויבן.

**רבקהלע:** און גאָט האָט זיי געהאָלפן...

**אננאַ:** גאָט העלפט די, וואָס וואַגן.

**חנהלע:** און אונדז וועט גאָט העלפן?

**אננאַ:** אויב מיר וועלן זיין שטאַרק און וואַגן אַזוי ווי די יידן אין יענער צייט. מ'דאַרף קעמפן און זיין גרייט אפילו צו פאַלן אין קאַמף, אויב מ'וויל לעבן ווי פרייע מענטשן. פיל פון די העלדן אין יענער צייט זענען געפאַלן, אָבער דאָס פאָלק האָט באַקומען די פרייהייט.

**חנהלע:** איך בין גרייט צו קעמפן און אפילו אוועקגעבן דאָס לעבן פאַר דער פרייהייט פון אונדזער פאָלק.

**רבקהלע:** „בעסער צו שטאַרבן ווי פרייע מענטשן, איידער צו לעבן ווי שקלאַפן".

**אננאַ:** דאָס זאָגסטו דיין ראָל אין דער פאָרשטעלונג, רבקהלע, אָדער דו טראַכטסט עס אויף אַן אמת?

**רבקהלע:** דאָס זאָג איך אין דער פאָרשטעלונג, אָבער איך וואָלט עס געטאָן ווען איך וויים, אַז דורך דעם וועל איך העלפן אונדזער פאָלק.

אננאַ: איר זענט נאָך קינדער. איר דאַרפט לעבן און נישט טראַכטן וועגן טויט. די איצטיקע פינצטערע צייט וועט אַריבער און עס וועט פאַר אייך ווידער אויפלייכטן די שיינע, זוניקע צוקונפט. זייער שיין קינדער וואָס איר זענט געקומען מיך באַזוכן. וואָס מאַכט רחלע? איז זי נאָך אַלץ אין בעט?

חנהלע: זי פילט זיך שוין בעסער, גייט אַרום און העלפט אונדז אין דער אַרבעט.

אננאַ: און וואָס מאַכן די לערערין אסתר און דער לערער פּאַנאַבעריע?

רבקהלע: זיי זענען מיט אונדז די גאַנצע צייט, אַרבעטן מיט אונדז, לערנען, פירן אָן מיט די פּראָבעס.

אננאַ: גייט איצט צוריק אין אינטערנאַט, קינדער, נאָר זייט פאָרזיכטיק, איר זאָלט נישט אָנטרעפן קיין דייטשן. גיט איבער פון מיר הארציקע גרוסן דער לערערין אסתר און דעם לערער פּאַנאַבעריע. גריסט אויך אַלע קינדער. זעט, אַז די פאָרשטעלונג זאָל גוט אַרויס-קומען.

חנהלע און רבקהלע: אַ גוטן טאָג, מאַדאַם אַדלער.

אננאַ: אַ גוטן טאָג אייך, קינדער. זייט פּאָרזיכטיק אויפן וועג. איך וועל שפּעטער קומען צו אייך.

(די מיידלעך גייען אַרויס. אין אַ ווײַלע אַרום הערט מען אימיצן אַריינגיין).

אננאַ: ביסט שוין דאָ צוריק אַלעקסאַנדער? וואָס אַזוי גיך? איז עפּעס געשען?

אַלעקסאַנדער: ווידער אַ נייע גזירה! די דייטשן האָבן פאַראָרדנט אַ גאָלד-אַקציע. די שטאָט מוז צושטעלן 10 קילאָ גאָלד.

אננאַ: צען קילאָ גאָלד?

אַלעקסאַנדער: יאָ, 10 קילאָ גאָלד און כדי אָנצוּוואַרפן אַ מורא און צוּאײַלן דאָס צושטעלן פון דעם גאָלד האָבן זיי גענומען 10 ערוב-ניקעס, צווישן זיי אויך אונדזערע באַקאַנטע, מאָרגענשטערנען און איידלבוימען, אויך אייניקע פון יודן-ראַט.

אננאַ: און וואָס ווערט געטאָן וועגן דעם?

אַלעקסאַנדער: וואַרט, דאָס איז נאָך נישט אַלץ. זיי האָבן פאַרפּייניקט דעם רב אויפן מאַרק, שרעקלעך צעשלאָגן פאַרן טויט, אַרויסגעריסן די באָרד מיטן פלייש, באַשפּיגן און געקאַפּעט מיט די שטיוול ביז ער איז נפטר געוואָרן. איצט זוכן זיי אַרום דעם מורה הוראה. זעט אויס, אַז זיי ווילן אומברענגען אַלע רעליגיעזע פירער.

אננאַ: שרעקלעך! ווי איז די שטימונג אין גאַס? דאָס גאָלד ווערט געשאַפן?

**אלעקסאַנדער:** פרעג גאָרנישט. אַלע זענען זייער אומרואיק. ווער ווייסט מיט וואָס עס וועט זיך די אַקציע ענדיקן?

**אננאַ:** נעם צונויף אונדזער גאַנצע צירונג און טראָג עס אַוועק. עס וועט אונדז שוין סיי ווי נישט צונוצקומען. דאָ האָסטו אויך מיין רינג.

**אלעקסאַנדער:** מיר טאָרן נישט אַלץ אַוועקגעבן, אננאַ. מיר ווייסן נישט וואָס עס שטייט אונדז פאָר און חס ושלום אין אַן עת־צרה וועלן מיר נישט האָבן מיט וואָס זיך צו ראַטעווען.

**אננאַ:** אויב יעדער וועט אַזוי טראַכטן, וועט מען דאָס גאָלד נישט שאַפן. ווער ווייסט וויפל יידישע קרבנות דאָס וועט קאָסטן?

**אלעקסאַנדער:** איך וועל גיין, אַלנפאַלס, צונויפזאַמלען די צירונג און מאַכן אַ רשימה.

**אננאַ:** דאָס צירונג ליגט אין שלאָפצימער, אין דעם צווייטן שופלאָד פון דער טאַאַלעט.

(אַלעקסאַנדער גייט אַרויס)

(עס קלינגט דער טעלעפאָן. אַננאַ הויבט אויף דאָס טרייבל).

**אננאַ:** יאָ, דאָ רעדט מאַדאַם אַדלער. ווער וויל מיט מיר רעדן? — הער קלאַרבערג. גוט, איך הער. גוט מאָרגן אייך, הער קלאַרבערג. איך הער אייך. (הערט זיך איין אַ לענגערע ווײַלע. ווערט אויפגעבראַכט). וואָס? וואָס האָבן די דייטשן פאַראָרדנט? אַרויסצוגעבן די מיידלעך? מאַכט מיט מיר נישט קיין שפּאַסן, הער קלאַרבערג (אַ פּויזע) וו־אָ־ס? איר מיינט עס ערנסט? איך וועל דערויף קיינמאָל נישט מסכים זיין... איך וועל צו דעם נישט דערלאָזן. ניין... איך קען לענגער מיט אייך נישט רעדן וועגן דעם. איך בין אינגאַנצן אויפגעציטערט. איך ווייס נישט... איר ווילט קומען שפּעטער איבעררעדן דעם ענין מיט מיר?... איך ווייס נישט... לאָזט מיר צונויפזאַמלען די געדאַנקען... איך בין אינגאַנצן פּאַראַליזירט... איך קען אייך בלויז זאָגן, אַז איך וועל דערצו נישט דערלאָזן... איך וועל איינלייגן וועלטן... עס וועט נישט געשען...

(וואַרפט אַוועק דאָס טרייבל און גייט אַרום נערוועז איבערן צימער. אַלעקסאַנדער קומט אַריין מיט אַ שאַכטל).

**אלעקסאַנדער:** אָט איז דאָס צירונג. דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַלץ. אַננאַ, וואָס איז מיט דיר? דו ביסט אַזוי בלייך.

**אננאַ:** דער פאָרזיצער פון יודנראַט האָט מיר נאָר וואָס געקלונגען...

**אלעקסאַנדער:** קלאַרבערג, וואָס האָט ער געוואָלט?

**אננאַ:** די דייטשן האָבן פאַראָרדנט אַ שרעקלעכע זאַך...

**אלעקסאַנדער:** וואָס ווידער? וואָס האָבן זיי פאַראָרדנט?
**אננאַ:** ניין ... אוממעגלעך ... זיי וועלן עס נישט טאָן ...
**אלעקסאַנדער:** וואָס?
**אננאַ:** אפשר האָב איך שלעכט געהערט ... ניין ... ער האָט עס אויס־דריקלעך געזאָגט.
**אלעקסאַנדער:** אָבער וואָס?
**אננאַ:** די דייטשן האָבן פאַראָרדנט אַרויסצוגעבן די מיידלעך פון אינטערנאַט פאַרן דייטשן שאַנד־הויז ...
**אלעקסאַנדער:** וואָס? אַרויסגעבן די מיידלעך פאַרן דייטשן שאַנד־הויז? ...
**אננאַ:** איך האָב נישט געגלויבט מיינע אייגענע אויערן. קלאַרבערג זאָגט, אַז עס איז אַ באַפעל פון געסטאַפּאָ. איך קען צו זיך נישט קומען ...
**אלעקסאַנדער:** וואָס האָסטו געזאָגט קלאַרבערגן?
**אננאַ:** איך האָב אין אָנהויב געמיינט, אַז ער מאַכט אַ שפּאַס. ווען איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער מיינט עס ערנסט, בין איך געבליבן געפּלעפט, ווי אימיצער זאָל מיר דערלאַנגען איבערן קאָפּ. איך האָב נישט געקאָנט קומען צו זיך. צום סוף האָב איך אים געזאָגט, אַז איך וועל דערצו נישט דערלאָזן ... אַז עס וועט נישט געשעען. ער האָט אָנגעזאָגט זיין וויזיט ביי מיר 11 אַזייגער.
**אלעקסאַנדער:** וואָס וועסטו טאָן, אננאַ?
**אננאַ:** איך ווייס נישט ... איין זאַך ווייס איך ... איך וועל דערצו נישט דערלאָזן ... איך וויל אַרויסרופן אסתרן און פאַנאַבעריען. איך וויל זיך מיט זיי באַראַטן.
**אלעקסאַנדער:** אוממגלויבלעך! איך שטעל זיך נישט פאָר, אַז די דייטשן וועלן אויספירן די פאַראָרדענונג. מעגלעך, אַז עס איז בלויז אַ דראָאונג אָנצוואַרפן אַ שרעק אין שייכות מיט דער גאָלד־אַקציע. מאַך די רשימה פון דעם צירונג. איך דאַרף באַזוכן אייניקע קראַנקע. אויפן וועג וועל איך אַריינגיין אין אינטערנאַט און אָנזאָגן אסתרן און פאַנאַבעריען זיי זאָלן קומען צו דיר.
**אננאַ:** קום וואָס פריער אהיים ...
**אלעקסאַנדער:** איך וועל זיך באַמיען צו זיין וואָס פריער. זע נישט אויפצורעגן קלאַרבערגן. ער קאָן אָנמאַכן גענוג צרות ...
**אננאַ:** איך וועל זיך באַמיען צו זיין רואיק, אָבער איך וועל אים נישט נאָכגעבן.
**אלעקסאַנדער:** ווער ווייסט וואָס עס דערוואַרט אונדז נאָך. איך זע נישט קיין אויסוועג.

אננאַ: זאָרג נישט אויף שפּעטער. דערווייל מוז מען ראַטעווען די קינדער.

אלעקסאַנדער: זיי געזונט, אננאַ (קושט איר).

אננאַ: זיי געזונט, זאָל זיך נישט לאַנג...

(אַלעקסאַנדער גייט אַרויס. אַננאַ גייט אַרום נערוועז איבערן צימער. עס הערט זיך אַ שוואַכער קלונג אין דער טיר. אַננאַ גייט אַרויס. עס הערט זיך איר שטימע): ווער איז דאָרט? (עס הערט זיך אַ קול): דאָס בין איך אברהמל בערקאָוויטש, אייער געוועזענער שילער. (קומט אַריין).

אננאַ: אברהמל? ווי קומסטו אַהער? וואָס האָט דיך געבראַכט?

אברהמל: איך קום פון וואַלד מיט אַ שליחות.

אננאַ: פון וואַלד?

אברהמל: יאָ, פון וואַלד, פון די פּאַרטיזאַנער.

אננאַ: פון פּאַרטיזאַנער? וווּ געפינט איר זיך? וויפל זענט איר?

אברהמל: אין זשעראַטינער וואַלד. אַרום 30 פּערזאָן. אַלץ יונגע חברה.

אננאַ: דער דייטש וועט אייך נישט כאַפּן?

אברהמל: האָט נישט קיין מורא, מיר זענען גוט באַהאַלטן.

אננאַ: האָט איר געווער?

אברהמל: מיר האָבן עטלעכע שפּייערס און אביסל דינאַמיט.

אננאַ: דינאַמיט? וואָס טוט איר מיט דעם?

אברהמל: מיר לערנען אָן די דייטשן, רייסן אויף בריקן, שעדיקן באַן־רעלסן — וואָס עס לאָזט זיך.

אננאַ: ווער איז אייער פירער?

אברהמל: אויך אייערס אַ תלמיד. פּתחיה גאָלדפאַרב, יאָסל וויטאָר־זשערס אַן אייניקל. אַ ווילער יאַט. האָט אַ גאָלדן האַרץ, אָבער ער האַלט אײַן אַ שטרענגע דיסציפּלין. ער האָט עס מיך געשיקט צו אייך.

אננאַ: וואָס וויל ער?

אברהמל: ער לייגט פאָר, אַז איר און ד"ר אדלער זאָלן קומען צו די פּאַרטיזאַנער.

אננאַ: מיר זאָלן גיין צו די פּאַרטיזאַנער?

אברהמל: יאָ, די צייט איז קורץ. ווער ווייסט וואָס ס'קען געשען מאָרגן. ער זאָגט, אַז אַזעלכע מענטשן ווי איר און ד"ר אדלער דאַרף מען ראַטעווען. אגב, דאַרפן מיר האָבן אַ דאָקטאָר. ביי אונדז זענען פאַראַן עטלעכע פאַרוווּנדעטע. מיר האָבן געהאַט אַ צוזאַ־מענשטויס מיט די דייטשן.

אַננאַ: איך ווייס נישט, אברהמל, צי מיר וועלן קענען קומען צו אייך, אַלנפאַלס נישט איצט. איך מוז אכטונג געבן אויף די קינדער אין אינטערנאַט. וועגן די פאַרווונדעטע וועל איך איבעררעדן מיטן מאַן. קום ארום 2 אַ זייגער. (אברהמל פאַרנעמט זיך צו גיין) וואַרט אברהמל, איך האָב אַ פּלאַן. וואָלט מעגלעך געווען, אַז די בחורים און די מיידלעך פון אינטערנאַט זאָלן זיך אַנשליסן אין אייער גרופּע?

אברהמל: איך רעכן, אַז יאָ, אָבער איך מוז פריער פרעגן פּתחיהן. ער דאַרף באַשליסן. וויפל זענען זיי?

אַננאַ: עטלעכע און צוואַנציק בחורים און אַזוי פיל מיידלעך. זאָג פּתחיהן, אַז עס דראָט זיי אַ געפאַר, באַזונדערס די מיידלעך.

אברהמל: עס וואַרט זיי אָבער נישט קיין לייכט לעבן ביי אונדז און עס דראָט אַ שטענדיקע סכנה פון טויט.

אַננאַ: אַלץ בעסער ווי אַריינצופאַלן צום דייטש.

אברהמל: איך וועל איבעררעדן מיט פּתחיהן און געבן אייך שפּעטער אַ תשובה. און איצט, מאַדאַם אַדלער, מוז איך לויפן, איך האָב צו דערלייזיקן פיל ענינים.

אַננאַ: גיי געזונטערהייט, אברהמל, און קום שפּעטער. מיר וועלן אויסאַרבעטן אַ פּלאַן, ווי אַזוי אַרויסצונעמען די קינדער פון אינטערנאַט.

אברהמל: אַ גוטן טאָג, מאַדאַם אַדלער. איך וועל זיין ביי אייך שפּעטער. (גייט אַרויס).

(אַננאַ טראַכט אַ ווײַלע און אין אַ בעסערער שטימונג זעצט זי זיך אַוועק צו מאַכן די רשימה פון צירונג. עס הערט זיך אַ קלונג אין דער טיר).

אַננאַ (גייט אַרויס): ווער איז עס? אַ, אסתר און פאַנאַבעריע, גוט וואָס איר זענט געקומען.

אסתר: איר האָט אונדז גערופן, מאַדאַם אַדלער, זענען דאָ נייעס?

פאַנאַבעריע: וואָס פרעגסטו, זיכער זענען דאָ נייעס און אוודאי נישט קיין גוטע.

אַננאַ: יאָ, נישט קיין גוטע נייעס. קלאַרבערג האָט צו מיר היינט געקלונגען אין שייכות מיט דעם אינטערנאַט.

אסתר: וואָס ווידער, וואָס וויל ער?

אַננאַ: אַ פאַראָרדענונג פון די דייטשן...

אסתר: אַז...

אַננאַ: אַרויסצוגעבן די מיידלעך פאַרן דייטשן שאַנד־הויז!

אסתר: וואָ־אָ־אָס? אוממעגלעך! ניין!

אננאַ (שאָקלט מיט קאָפּ אויף יאָ).

אסתר: ניין! ניין! ניין! (צעוויינט זיך).

פאַנאַבעריע: איך האָב געזאָגט, אַז עס וועט זיך ענדיקן שלעכט מיט די קינדער. די דייטשן וועלן נישט רוען ביז זיי וועלן זיי אַלע פאַרטיליקן.

אסתר: וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? (וויינט).

אננאַ: באַרואיק זיך, אסתר. וויינען וועט גאָרנישט העלפן. באַלד וועט קומען אַהער קלאַרבערג. איך האָב אים פאַראויס געזאָגט, אַז איך וועל קיינמאָל נישט מסכים זיין אַרויסצוגעבן די קינדער. איך וועל טאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך נישט צו דערלאָזן צו דעם.

פאַנאַבעריע: און אויב די דייטשן וועלן פאָדערן אויסצופירן זייער באַפעל?

אננאַ: איך האָב אַ געוויסן פּלאַן. היינט איז ביי מיר געווען אברהמל בערקאָוויטש — אונדזער אַמאָליקער תלמיד. ער איז געקומען פון די פּאַרטיזאַנער. איך האָב אים געבעטן אויסצוגעפינען צי די פּאַר־טיזאַנער וואָלטן גענומען צו זיך די בחורים און די מיידלעך פון אינטערנאַט. ער דאַרף קומען שפּעטער מיט אַ תשובה.

פאַנאַבעריע: פּאַרטיזאַנער? דאָס איז אַן ענין! וווּ זענען זיי? ווי וועט מען זיי ברענגען אַהין?

אננאַ: זאָרג נישט. ער וועט זיי שוין ברענגען אַהין.

אסתר (קוקט אויפן טיש): פון וואַנען קומט אַהער אַזוי פיל ביזשו־טעריע?

אננאַ: איר ווייסט נישט וועגן דער גאָלד־אַקציע?

אסתר און פאַנאַבעריע: גאָלד־אַקציע?

אננאַ: די דייטשן האָבן פאַראָרדנט צו שאַפן 10 קילאָ גאָלד. עס זענען שוין דאָ פיל קרבנות צוליב דעם. מעגלעך, אַז די פאַראָר־דענונג וועגן די מיידלעך איז אין שייכות מיט דעם. אפשר איז עס בלויז אַ דראָאונג אָנצוּוואַרפן אַ שרעק. איך מאַך איצט די רשימה פון אונדזער צירונג אַוועקצוטראָגן אין יודנראַט. עס ווערט אָבער שפּעט. באַלד וועט קומען קלאַרבערג. איך וועל עס בעסער צונעמען דערווייל פון דאַנען. (קלייבט צונויף די ביזשוטעריע און טראָגט אַוועק אין צווייטן צימער).

פאַנאַבעריע: איך האָב דיר געזאָגט — די דייטשן וועלן אויספּאַמ־פּעווען פון אונדז אַלץ וואָס זיי קענען, דערנאָך וועלן זיי צונעמען אונדזערע נשמות — אָך, ווען די רויטע אַרמיי וואָלט געקומען צו אונדז!

**אסתר:** הער שוין אויף מיט דיין רויטער ארמיי. די קינדער זענען אין א געפאר און מ'דארף זען זיי צו ראטעווען.

**פאנאבעריע:** דער איינציקער אויסוועג איז צו ברענגען זיי צו די פארטיזאנער. איך האָב שוין לאַנג געטראַכט וועגן גיין צו די פארטיזאַנער. נישט געוווּסט ווו זיי זענען און נישט געוואָלט איבער־לאָזן די קינדער אַליין.

(אַננאַ קומט אַריין)

**אַננאַ:** קלארבערג וועט באַלד קומען. איך בעט אייך צו פארהאַלטן זיך רואיק. איך גלויב נישט, אַז מיר וועלן עפּעס פּועלן ביי אים. עס איז דעריבער בעסער נישט צו פארשארפן די לאַגע, כדי צו געווינען צייט אויסצופירן אונדזער פּלאַן.

**פאנאבעריע:** ער איז אַ ביטערער פוקס. איך גאַראַנטיר נישט צי איך וועל זיך קענען איינהאַלטן נישט אַריינצוזאָגן אים. צוליב אים און זיינס גלייכן האָבן מיר פיל צרות. ער דינט געטריי די דייטשן און מיינט, אַז דורך דעם וועט ער ראַטעווען זיין אייגענע הויט. די דייטשן נוצן אים אויס כל־זמן זיי דאַרפן אים. דערנאָך וועלן זיי אים זאָגן — „דער נעגער האָט זיינס געטאָן, דער נעגער קען גיין". ער וועט האָבן אַ וויסטן סוף.

**אסתר:** דערוויילּ איז ער דער האַר און מיר די שקלאַפן. ער קאָן דאָך אַ סך העלפן. לאָמיר פּרווון דורך אים ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך.

**פאנאבעריע:** איך האָב ביז איצט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו טרעפן זיך מיט אים פּנים־אל־פּנים און איך פיל, אַז איך דאַרף אים זאָגן וואָס איך מיין וועגן אים. אפשר וועט ער זיך דאָך באַזינען.

**אסתר:** דו שפּילסט זיך מיט פייער.

**פאנאבעריע:** וואָס האָב איך שוין צו פאַרלירן? איך וווּנדער זיך אַזוי אויך וואָס די דייטשן האָבן מיך ביז איצט געלאָזן צו רו. אויב איך וועל נישט גיין מיט די קינדער צו די פּאַרטיזאַנער, בין איך סיי ווי פאַרלוירן.

**אַננאַ:** לאָמיר זען וואָס מיר קענען ביי אים פּועלן. מיר וועלן רעדן צו זיין געוויסן. ער איז דאָך אַ ייד און איך האָף, אַז ער וויל נישט אַז יידישע קינדער זאָלן געשענדט און פאַרפייניקט ווערן. אפשר וועט ער דאָך עפּעס טאָן אָפּצושרייען די גזירה.

(עס הערט זיך אַ פעסטער קלונג אין דער טיר. אַננאַ גייט עפענען. עס הערט זיך קלארבערגס שטימע): גוט מאָרגן אייך, מאַדאַם אדלער.

**אננאַ:** איר זענט דאָך געקומען!

**קלאַרבערג:** יאָ... איך בין געקומען בלויז דערפאַר ווייל איך האָב רעספּעקט פאַר אייך. איר ווייסט ווי שטאַרק איך בין איצט פאַרנומען, גראָד אין מיטן פון דער גאָלד־אַקציע, אַלזאָ קורץ און בינדיק... (קומט אַריין און דערזעט אסתרן און פאַנאַבעריען) אָ, איר האָט געסט...

**אננאַ:** דאָס זענען לערער פון אינטערנאַט — אסתר לעוו און משה פאַנאַבעריע. איך האָב זיי געבעטן צו קומען צו זיין אַנוועזנד בעת אונדזער געשפּרעך.

(אסתר און פאַנאַבעריע פאַרנייגן זיך פאַר קלאַרבערגן)

**קלאַרבערג:** זייער גוט. זיי דאַרפן אויך וויסן וועגן דער פאַראָרדענונג. איך מוז עס מאַכן קורץ און בינדיק. מיין צייט איז זייער באַגרענעצט.

**אננאַ:** הער קלאַרבערג, איך האָב געהאָפט, אַז איר וועט דאָך ראַטעווען די קינדער. איר האָט דאָך אַ יידיש האַרץ און דאָס זענען יידישע קינדער. וועט איר קענען רואיק שלאָפן אויב די קינדער וועלן געשענדעט און פאַרפּייניקט ווערן?

**קלאַרבערג:** מאַדאַם אַדלער, אין נאָרמאַלע צייטן וואָלט איך זיכער שטאַרק איבערגעלעבט און נישט געשלאָפן אין די נעכט, אָבער נאָך די אַלע זאַכן, וואָס מיר האָבן שוין דורכגעמאַכט אין משך פון דעם יאָר, קען מיך שוין גאָרנישט אויפטרייסלען. קורץ און בינדיק — מיין אויפגאַבע איז צו ראַטעווען די שטאָט און נישט קיין יחידים.

**פאַנאַבעריע:** און איר טראַכט, אַז איר וועט ראַטעווען די שטאָט דורך נאָכגעבן כסדר די דייטשן. זעט איר נישט, אַז די דייטשן זויגן אויס פון אונדז דעם מאַרך פון די ביינער און שפּעטער וועלן זיי אויך אונדזערע ביינער באַגראָבן?

**קלאַרבערג:** מיר האָבן נישט קיין ברירה. דורך קעגנשטעלן זיך קענען מיר בלויז ערגער מאַכן. קורץ און בינדיק — אונדזער איינציקער אויסוועג איז אויסדויער, איבערהאַלטן ביז עס וועט זיך בייטן צום בעסערן.

**פאַנאַבעריע:** אַלץ מוז אָבער האָבן אַ גרענעץ. דורך נאָכגעבן כסדר די דייטשן פאַרשאַרפט איר זייער אַפּעטיט. דערפאַר איז געקומען זייער פאָדערונג אַרויסצוגעבן די מיידלעך פאַר דעם שאַנד־הויז.

**קלאַרבערג:** הער פאַנאַבעריע, איר וועט מיר נישט לערנען ווי צו האַנדלען. איר האָט בלויז די אויפזיכט איבער דעם אינטערנאַט און איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גאַנצער שטאָט.

**פאנאבעריע** (אויפגעבראַכט): און איך זאָג אייך, אַז איר ווילט נישט ראַטעווען די שטאָט, נאָר אייער אייגענע הויט. אָבער איך וואָרן אייך — די דייטשן נוצן אייך בלויז אויס און צום סוף וועלן זיי פון אייך אויך אָפּשינדן די הויט.

**קלאַרבערג** (אויפגעבראַכט): יונגערמאַן, רעכנט זיך מיט אייערע ווער־טער. די דייטשן האָבן שוין פון לאַנג אַן אויג אויף אייך און אויב איר לעבט נאָך, האָט איר עס מיר צו פאַרדאַנקען.

**פאנאבעריע** (איראָניש): איך האָב נישט געוווּסט, אַז איר זענט מיר אַזאַ גוטער פריינד.

**קלאַרבערג** (שטרענג): האָט עס אין זינען. איך האָב עס געטאָן נישט צוליב אייך, נאָר צוליב די קינדער אין אינטערנאַט.

**אסתּר** (מיט טרערן): הער קלאַרבערג, ראַטעוועט, געפינט אַן אויסוועג. דאָס זענען נאָך קינדער. לאָזט זיי נישט שענדן. עס וועט דאָך זיין אַן אייביקער פלעק אויף אונדז, אויף אייך, אויף דער גאַנצער שטאָט. מיר טאָרן נישט דערלאָזן צו פאַרפּייניקן די אומשולדיקע נשמות, וועלכע הויבן איצט אָן זייער באַוווּסטזיניק לעבן. געפינט אַן אויסוועג, ראַטעוועט... (וויינט, פאַלט איר צו די פיס).

**קלאַרבערג** (צעמישט און ווייכער): שטייט אויף. באַרואיקט זיך. איך קען ליידער גאָרנישט העלפן. עס איז אַ באַפעל פון געסטאַפּאָ און מיט געסטאַפּאָ טאָר מען זיך נישט שפּילן. עס קאָן קאָסטן דאָס לעבן נישט בלויז פון די קינדער, נאָר פון אַ סך יידן. אין דער ערשטער ריי איז אייער אַלעמענס לעבן איינגעשטעלט.

**אננאַ**: וואָס זאָל נישט זיין און וואָס זאָל מיט מיר נישט געשען, וועל איך דערויף קיינמאָל נישט מסכים זיין, איך וועל נישט לאָזן שענדן מיינע קינדער!

**קלאַרבערג**: איך האָב מורא, אַז איר וועט גאָרנישט געווינען דערמיט, מאַדאַם אַדלער. דער באַפעל וועט סיי ווי מוזן אויסגעפירט ווערן. די געסטאַפּאָ וועט שוין זען, אַז אַלץ זאָל צוגיין כשורה. קורץ און בינדיק — מיין הסכּמה און אייער הסכּמה, מאַדאַם אַדלער, איז בלויז אַ פאָרמאַליטעט.

**אננאַ**: ניין... איך וועל קיינמאָל נישט געבן דערויף מיין הסכּמה!

**קלאַרבערג**: דאָס וועט מען זען. אויב איך וועל נישט האָבן אייער הסכּמה ביז 4 אַ זייגער, קענט איר זיך ריכטן אויף אַ באַזוך פון געסטאַפּאָ. קורץ און בינדיק — 7 אָוונט דאַרפן די מיידלעך איבערגעגעבן ווערן די דייטשן.

**אסתּר** (מיט טרערן): הער קלאַרבערג, האָט רחמנות. איר זענט דאָך אַ ייד, ווי קענט איר דאָס טאָן צו יידישע קינדער?

קלארבערג: איך קען לײדער גאָרנישט העלפן. אפשר וועל איך קענען ראַטעווען אײניקע מײדלעך. קלײבט אויס א 3—4 ייִנגערע מײדלעך. איך וועל זאָגן, אז זײ זענען נויטיק אין דער קיך. אַלע אַנדערע וועלן מוזן גײן. קורץ און בינדיק...

אַננאַ: װי אַזוי וועט איר נעמען די מײדלעך? איר וועט שיקן די פּאָליצײ?

קלארבערג: די דײטשן ווײסן שוין ווי אַזוי צו פאַרזיכערן, אַז זײערע באַפעלן זאָלן ווערן אויסגעפירט. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז דער אינטערנאַט איז שוין אונטער אַ וואַך. (אין אַ שטרענגערן טאָן) און איך זאָג אײך אָן קורץ און בינדיק — מאַכט נישט קײן קונצן, ווײל מיר אַלע וועלן פאַר דעם טײער באַצאָלן. און פון אײך, מאַדאַם אדלער, ווײל איך האָבן אַ פאָרמעלע הסכמה נישט שפּעטער ווי 4 נאָך מיטאָג. געדענקט די געסטאַפּאָ איז פּינקטלעך. מײנע הערשאַפטן, איך מוז אײך פאַרלאָזן. איך האָב נאָך פיל צו טאָן. קורץ און בינדיק — זעט, אַז אַלץ זאָל צוגײן כשורה, אין קעגנטײל וועט איר זײן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די קאָנסעקווענצן. צום ווידער־זען. (גײט אַרויס).

פאַנאַבעריע: אַ פּאַסקודניאַק, אַ סוואָלאָטש, איר האָט געהערט זײן באַפעלערישן טאָן. ווי געמײן האָט ער מיר געדראָט. ער וועט נאָך כאַפּן זײן פּסק.

אסתר: וואָס טוט מען איצט? מיר זענען פאַרלוירן.

אַננאַ: איך ווײס נישט. אײן זאַך איז פאַר מיר קלאָר. איך וועל די הסכמה נישט געבן. זײ קאָנען מיט מיר טאָן וואָס זײ ווילן.

אסתר: איר שטעלט אין געפאַר אײער לעבן. די דײטשן וועלן זיך נישט שפּילן מיט אײך.

אַננאַ: און דאָס לעבן פון די קינדער איז נישט אײנגעשטעלט? איך האָב נישט דאָס מאָראַלישע רעכט אַרויסצוגעבן זײ די דײטשן. מײנע קינדער אַרויסגעבן די דײטשן! אָ, נײן, קײנמאָל נישט אין לעבן!

פאַנאַבעריע: מאַדאַם אדלער, גיט איר זיך אָפּ אַ חשבון, אַז אײער פּלאַן מיט די פּאַרטיזאַנער איז דורכגעפאַלן? די דײטשן האָבן שוין די מײדלעך אויפן אויג. מעגלעך, אַז דער אינטערנאַט איז שוין באַוואַכט.

אַננאַ (צעשטרײט): יאָ, איך ווײס. די לאַגע ווערט שווערער. נישטאָ פון וואַנען צו דערוואַרטן הילף. מיר טאָרן אָבער נישט נאָכגעבן. איך מוז נאָכאַמאָל דורכטראַכטן דעם גאַנצן ענין. מיר האָבן נאָך

עטלעכע שעה. פאַנאַבעריע, וואָס מיט די בחורים? איך האָב מורא, אַז די דייטשן וועלן די בחורים אויך נישט לאָזן צו רו. ווו זענען זיי איצט?

פאַנאַבעריע: זיי אַרבעטן אויפֿן זשעראַטינער שאָסיי. האַקן און לייגן אויס שטיינער.

אַננאַ: זענען זיי באַוואַכט?

פאַנאַבעריע: עטלעכע דייטשע זשאַנדאַרן היטן זיי.

אַננאַ: איך קלער, אַז זיי קען מען ראַטעווען. ווי קלערסטו, פאַנאַבעריע, וואָלסטו געקאָנט צוקומען צו די בחורים, די דייטשן וואָלטן דיר צוגעלאָזן צו זיי?

פאַנאַבעריע: איך קלער, אַז יאָ. איך בין שוין עטלעכע מאָל געווען ביי זיי.

אַננאַ: אפשר וועט זיך לאָזן זיי ראַטעווען. איך וועל רעדן שפּעטער מיט אַברהמלען. איך קלער, אַז איר דאַרפֿט איצט גיין אין אינטער־נאַט. מ׳דאַרף נישט לאָזן די קינדער אַליין. אויב עס איז שוין דאָ אַ וואַך, וועט זי אייך נאָך זיכער דורכלאָזן.

אסתר: איך האָב מורא פאַר אייך, מאַדאַם אַדלער, איר ריזיקירט מיט אייער לעבן.

אַננאַ: זיי רואיק, אסתר. מיר ריזיקירן אַלע. אונדזער אַלעמענס לעבן איז באַדראָט. מיר אַלע שטייען פאַר אַ גרויסן נסיון — צו זיין געטריי אונדזער געוויסן און אונדזערע פּרינציפּן אָדער אָראָפּגליטשן זיך אין תהום פון רשעות, צו ווערן גלייכגילטיק צו יענעמס ליידן און טראַכטן בלויז וועגן זיך.

פאַנאַבעריע: איך האָב אַ פאָרגעפיל, אַז גוט וועט זיך עס נישט ענדיקן. איך בעט אייך, מאַדאַם אַדלער, אויב די פּאַרטיזאַנער ווילן אונדז העלפן, זאָלן זיי אויסאַרבעטן אַ גענויעם פּלאַן. אין קעגנפאַל וועט עס זיין אַ דורכפאַל.

אַננאַ: איך וועל אויסאַרבעטן מיט אַברהמלען די דעטאַלן פון דעם פּלאַן און איבערגעבן זיי דיר שפּעטער. און איצט גייט. יאָ, איינער פון אייך זאָל קומען אַהער אין עטלעכע שעה אַרום. איך האָף, אַז איך וועל דאַן וויסן ווי די לאַגע זעט אויס. אסתר, קום דו, אויב וועסט קענען.

אסתר (צעקושט זיך מיט אַננען): זייט געזונט, מאַדאַם אַדלער. איך ציטער איינגאַנצן איבער אייך, איבער די קינדער, איבער אונדז אַלעמען. איך וועל זיין ביי אייך שפּעטער.

**אננאַ:** גייט געזונטערהייט און באַרואיקט די קינדער. ווער ווייסט צי עס זענען נישט דערגאַנגען צו זיי די קלאַנגען? די גאַנצע שטאָט ווייסט שוין מסתמא וועגן דעם.

**פאַנאַבעריע:** אַ גוטן אייך, מאַדאַם אדלער.

(אסתר און פאַנאַבעריע גייען אַרויס).

(אננאַ גייט אַרום אַ ווײַלע איבערן צימער. זעצט זיך בײַם טיש. קוקט פאַרטראַכט אין איין פונקט. עס ווערט טונקעלער ביז די ליכט גייט אויס).

דער פאַרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ.

## דריטער אַקט

(דער זעלבער וואַרט־צימער מיט איייניקע שעה שפּעטער. אננאַ זיצט בײַם טיש. עס הערט זיך אַ שטילער קלונג אין דער טיר. אננאַ גייט עפענען).

**אננאַ:** דאָס ביסט דו, חנהלע? מ'האָט דיך געלאָזט אַרויסגיין פון אינטערנאַט?

**חנהלע:** איך בין געגאַנגען מיט רבקהלען. די לערערין אסתר האָט אונדז געשיקט אַנזאָגן, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג און אַז זי וועט שפּעטער קומען צו אייך. די וואָך האָט אונדז פאַרהאַלטן. מיר האָבן געזאָגט, אַז מיר גייען צו אייך, האָבן זיי דערלויבט בלויז איינער פון אונדז צו גיין. בין איך געגאַנגען.

**אננאַ:** וואָס טוען די מיידלעך?

**חנהלע:** גרייטן צו אָוונט־ברויט פאַר די בחורים. מיר וועלן נאָך הײַנט־אָוונט מאַכן אַ פּראָבע פון דער פאָרשטעלונג. מאַדאַם אדלער, פאַר־וואָס שטייט די דײַטשע וואָך אַרום דעם אינטערנאַט? פאַרוואָס היטן זיי אונדז?

**אננאַ:** דו ווייסט, חנהלע, אַז מיר זענען הפקר בײַ די דײַטשן. קיינער פון אונדז איז נישט זיכער מיטן לעבן. זיי דערנידעריקן אונדז און מאַכן צו שפּאָט. מיר האָבן נישט קיין מעגלעכקייט זיך קעגנצו־שטעלן. דאָס איינציקע וואָס עס איז אונדז געבליבן איז צו האַלטן

זיך ווירדיק, צו זיין שטאָלץ און נישט פאַלן ביי זיך אַפּילו ווען עס דראָט אונדז די גרעסטע געפאַר.

חנהלע: די דייטשן וועלן אונדז נישט טאָן קיין שלעכטס. זיי טשעפּען נישט קיין קינדער. די דייטשן וועלן אונדז נישט טשעפּען, אמת, מאַדאַם אַדלער?

אננא: איך ווייס נישט, חנהלע, איך האָף, אַז נישט, אָבער זיכער קען מען נישט זיין.

חנהלע: איר וועט נישט לאָזן אונדז שלעכטס טאָן, מאַדאַם אַדלער.

אננא: איך וועל זיכער נישט לאָזן, אָבער נישט אַלץ איז געווענדט פון מיר, חנהלע. דו געדענקסט חנהן מיט אירע זיבן זין פון „נס חנוכה"?

חנהלע: יאָ, איך געדענק.

אננא: דו געדענקסט ווי זיי האָבן זיך מוטיק געהאַלטן אַפּילו אין אָנבליק פון טויט?

חנהלע: יאָ, איך געדענק, זיי זענען אָבער געווען העלדן.

אננא: יעדער פון אונדז קען זיין אַ העלד אויב ער וויל עס מיטן גאַנצן הארצן, אויב ער איז גרייט צו שטאַרבן פאַר זיינע איבערצייגונגען.

חנהלע: איז נישט בעסער צו לעבן פאַר די איבערצייגונגען?

אננא: זיכער. אָבער מ׳דאַרף אויך קענען שטאַרבן פאַר איבערצייגונגען.

חנהלע: איך בין נאָך אַזוי יונג. איך וויל נאָך לעבן. די וועלט איז אַזוי שיין...

אננא: איך ווייס, חנהלע. לאָמיר האָפן, אַז דו וועסט נאָך לעבן לאַנגע און גליקלעכע יאָרן, אָבער אויב עס וועט דיר אויסקומען צו שטאַרבן, געדענק, זאָלסט שטאַרבן ווי אַ העלד, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, שטאָלץ. דיין טויט וועט נישט פאַרגעסן ווערן. דאָס יידישע פאָלק, די גאַנצע וועלט וועט עס געדענקען.

חנהלע: מאַדאַם אַדלער, איך האָב מורא, איך האָב מורא פאַרן טויט.

אננא: האָב נישט קיין מורא, מיין קינד, מיר לעבן אין אַ שרעקלעכער צייט. איך האָף און בעט גאָט עס זאָל זיך ענדערן. איך זאָל נישט דאַרפן רעדן וועגן טויט. מיין קינד, מיר לעבן אין אַן ענלעכער צייט ווי די יידן אין דער פאַרשטעלונג „נס חנוכה", ניין, אין אַ פיל ערגערער צייט. זיי האָבן געהאַט געווער, געקעמפט, געהאָפט... אָבער ווער ווייסט, אפשר וועט דאָך געשען אַ נס, אַ נס חנוכה — דער נס וועט אָבער געשען, אויב מיר וועלן זיין העלדן — געדענק עס חנהלע...

**חנהלע:** יאָ, מאַדאַם אַרלער, איך וועל עס געדענקען. איך מוז שוין לויפן צוריק. די וואָך קען מיך נאָך פאַרהאַלטן.

**אַננאַ:** גיי חנהלע, קוש אַלע קינדער פון מיר. דערציייל זיי וועגן וואָס מיר האָבן גערעדט. אפשר וועט דער נס חנוכה דאָך געשען און מיר וועלן קענען ווייטער לעבן פריי און רואיק...

(אַננאַ קושט חנהלען פיל מאָל. חנהלע לויפט אַרויס. אַננאַ זעצט זיך ביים טיש. עס קומט אַריין אַלעקסאַנדער).

**אַננאַ:** אַלעקסאַנדער, דאָס ביסטו? איך האָב שוין איבערגעקלערט. געוואָלט גיין נאָכפרעגן זיך אויף דיר.

**אַלעקסאַנדער:** איך האָב זיך פאַרהאַלטן ביי איייניקע קראַנקע, דערנאָך זיך ארומגעזען, אַז עס ווערט שפעט, בין איך גלייך אַוועק אַהער. די גאַנצע צייט געווען אומרואיק וועגן דיר און וועגן די קינדער. וואָס הערט זיך? קלאַרבערג איז דאָ געווען?

**אַננאַ:** יאָ, ער איז געווען, אָבער מיר האָבן גאָרנישט געקאָנט פועלן ביי אים. ער איז מסכים איבערצולאָזן איייניקע מיידלעך מיטן אויס־רייד, אַז זיי זענען נויטיק אין קיך. אַלע אַנדערע דאַרפן ווערן ארויסגעגעבן. איך האָב אים געבעטן, אַפעלירט צו זיין געוויסן. אויך אסתר און פאַנאַבעריע האָבן געפרוווט אים איבערצוצייגן. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. ער טענהט, אַז ער מוז אויספירן דעם באַפעל פון געסטאַפּאָ. און אפשר קען ער גאָרנישט מאַכן. סוף־כל־סוף זענען מיר אַלע אין זייערע הענט.

**אַלעקסאַנדער:** שרעקלעך, שרעקלעך, איז טאַקע נישטאָ קיין וועג צו ראַטעווען די מיידלעך?

**אַננאַ:** איך האָב געוואָלט דיר איבערגעבן. דאָ איז געווען אברהמל בערקאָוויטש — געדענקסט אים זיכער, מיין אַמאָליקער תלמיד. ער געפינט זיך מיט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער אין דעם זשעדראַטינער וואַלד. זיי האָבן איייניקע פאַרוווּנדעטע און דאַרפן האָבן דיין הילף. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל מיט דיר איבעררעדן. ער וועט דאָ שפּעטער זיין.

**אַלעקסאַנדער:** פּאַרטיזאַנער? עס איז פאַרבונדן מיט אַ גרויסער געפאַר. אויב מ׳וועט אויסגעפינען, אַז איך האָב זיי געהאָלפן, זענען מיר ביידע פאַרלוירן. די דייטשן וועלן אונדז אומברענגען.

**אַננאַ** (צעשטרייט): יאָ, עס איז פאַרבונדן מיט אַ געפאַר, אָבער קענסטו אָפּזאָגן זיי דיין הילף? אגב טראַכט איך, אַז אפשר איז אַ פּלאַן זאָלסט ביי זיי פאַרבלייבן. דאָס וועט מעגלעך אונדז ראַ־טעווען. איך גלויב נישט, אַז מיר וועלן קענען איבערלעבן אין

שטאָט. די דייטשן פאַרליינן דאָ אַלץ שטאַרקער די פּעטליע אַרום אונדזערע העלדזער. ווער ווייסט? עס קען נאָך ווערן צו שפּעט. מעגלעך, אַז די בחורים וועלן קענען אַנטלויפן צו די פּאַרטיזאַנער. איך וועל שפּעטער איבעררעדן וועגן דעם מיט אַברהמלען.

אַלעקסאַנדער: און וואָס מיט די מיידלעך? וועט זיין מעגלעך אויך זיי צו ברענגען צו די פּאַרטיזאַנער?

אַננאַ: ליידער נישט. איך האָב שוין וועגן דעם גערעדט מיט אַברהמלען. געמאַכט פאַרשידענע פּלענער ווי אַרויסנעמען זיי פון אינטערנאַט. דער פּלאַן האָט אָבער געפּלאַצט. די דייטשן באַוואַכן דעם אינטער־נאַט. זיי ווילן צוהיטן, אַז זייער באַפעל זאָל אויסגעפירט ווערן.

אַלעקסאַנדער: אַלע וועגן פאַרשפּאַרט. מיר זענען אַרומגעצוימט ווי אין אַ שטייג און וואַרטן אויפן זיכערן טויט. נישטאָ צו וועמען צו גיין. נישטאָ צו וועמען צו שרייען. מיר גייען דאָ אויס פון בלוט און די וועלט שווייגט. אפשר ווייסט מען דאָרט נישט וואָס דאָ קומט פאָר? איך שטעל זיך נישט פאָר, אַז די וועלט וואָלט געשוויגן, ווען זי ווייסט וואָס מיר לעבן דאָ איבער.

אַננאַ: יאָ, מיר האָבן געגלויבט אין דער וועלט. געגלויבט, אַז דער מענטש ווערט בעסער. אָפּגעגעבן דערויף אַ לעבן, געבויט שולן, געשאַפן ביבליאָטעקן, געהאַלטן לעקציעס, געאַרבעט אומדערמידלעך צו ברענגען פריינדלעכע באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש און איצט — צעפאַלט זיך דאָס אַלץ ווי אַ קאַרטן־שטיבל. אַרום אונדז איז נאָר האַס, מענטשנפרעסעריי, קיין איין פריינטלעך פּנים.

אַלעקסאַנדער: אינגאַנצן פאַרגעסן. איך האָב היינט געטראָפן ד״ר זאַוואַדזקי. ער האָט אויסגעדריקט זיין גרויסן צער צוליב די ליידן, וואָס יידן שטייען אויס און האָט צוגעזאָגט צו העלפן אויב עס וועט זיין מעגלעך. ער האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס פון אַ פּויער אין דאָרף סטאָלפּצי, וועלכער וועט אונדז אויסבאַהאַלטן אין פאַל פון נויט.

אַננאַ: כאָטש איין אָרנטלעכער מענטש צווישן די טויזנטער, וועלכע האָבן זיך געלאָזט מיטרייסן פון דער דייטשער שנאה צו יידן. טאַקע איינער — אַ טראָפּן אין ים, אָבער דער טראָפּן האַלט נאָך אויף די מענטשלעכע ווירדע, דאָס לעצטע פּיצל גלויבן אין דעם מין מענטש, לאָזט נישט פאַלן אין תהום פון פאַרצווייפלונג.

אַלעקסאַנדער: עס איז, אַלזאָ, נישטאָ קיין רעטונג פאַר די מיידלעך. וואָס וועסטו טאָן, אַננאַ?

אננאַ: איך ווייס נישט. איך האָב נאָך עטלעכע שעה. איך וועל נאָך דורכטראַכטן די לאַגע. ווי איז די שטימונג אין גאַס? ווייסט מען אין שטאָט וואָס עס דראָט די מיידלעך?

אַלעקסאַנדער: עס גייען אַרום קלאַנגען. די שטימונג איז זייער אַ שווערע. די געסטאַפּאָ איז שוין געווען אין אייניקע הייזער, פון וואַנען מ'האָט נאָך נישט געבראַכט קיין גאָלד. זיי האָבן צעשלאָגן און צעממיתט די איינוווינער. עס זענען שוין דאָ פרישע קרבנות. איך מיין, אַז די פאַראָרדענונג וועגן די מיידלעך אין אינטערנאַט איז דאָך אין שייכות מיט דער גאָלד־אַקציע, כדי אַנצוואַרפן אַ פחד אויף דער שטאָט.

אננאַ: וועסט דאַרפן וואָס גיכער אַוועקטראָגן אונדזער צירונג. אפשר וועט עס פאַרמיידן ווייטערדיקע קרבנות. עס ווערט שוין שפּעט.

(עס הערט זיך אַ קלונג אין דער טיר. אַלעקסאַנדער און אננאַ ווערן אויפגעציטערט).

אַלעקסאַנדער (שטיל): ווער ווייסט? אפשר איז עס די געסטאַפּאָ?

אננאַ (גייט צו צו דער טיר און פרעגט שטילערהייט): ווער איז עס?

(עס הערט זיך אַ שטימע): דאָס בין איך, אברהמל.

אננאַ (באַרואיקט): אַ, דאָס ביסטו, אברהמל. (לאָזט אים אַריין) מיר האָבן זיך איבערגעשראָקן, געמיינט די געסטאַפּאָ. דו ווייסט, מסתמא, וועגן דער גאָלד־אַקציע?

אברהמל: צי איך ווייס? עס טוט זיך חושך אין שטאָט. די דייטשן נישטערן די הייזער, שלאָגן מכות רצח. זיי האָבן אַרויסגעפירט חיים ברוקאַזשן פון שטוב און אויפגעהאָנגען. מ'זאָגט, אַז מ'האָט געפונען ביי אים אַ סך גאָלד. אוי, אונדזערע יידעלעך, יידעלעך. זיי מיינען, אַז דאָס גאָלד וועט זיי ראַטעווען.

אננאַ: וואָס הערט זיך אברהמל? האָסט גערעדט מיט פּתחיהן?

אברהמל: זיכער גערעדט. איך האָב איבערגעגעבן פּתחיהן און דער חברה אונדזער געשפּרעך. מיר האָבן באַשלאָסן אַריינצונעמען די בחורים און מיידלעך אין אונדזער גרופּע. איר מוזט זיי אָבער וואָרענען וועגן די באַדינגונגען ביי אונדז. זיי וועלן אין וואַלד קיין האָניג נישט לעקן און מיט זייערע לעבנס וועלן זיי אויך גישט זיין זיכער.

אננאַ: וועגן דעם זאָרג נישט. פאַר דער צייט, וואָס דו ביסט דאָ נישט געווען, איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג. דער אינטערנאַט איז באַוואַכט דורך די דייטשן. די מיידלעך קענען נישט אַרויסגיין, דאַקעגן די בחורים אַרבעטן אויפן זשעראַטינער שאָסיי. זיי זענען שוואַך באַוואַכט און איך קלער, אַז זיי קען מען באַפרייען.

אַבּרהמל: איך האָב זיי געזען אַרבעטן. זיי צו באַפרייען איז אַ קינדער־שפּיל. מיר קענען אַוועקלייגן אַפילו אָן אַ שאָס די פּאָר שוואַבעס, וואָס באַוואַכן זיי. און פון דאָרטן צום זשעראַטינער וואַלד איז אַ קאַצן־שפּרונג. וואָס מיט די מיידלעך?

אַננאַ: די מיידלעך האָבן די דייטשן פאַראָרדנט אַרויסצוגעבן זיי. דער־ווייל זענען זיי באַוואַכט. איך ווייס נישט ווי שטאַרק איז די וואַך.

אַבּרהמל: דאָס וועלן מיר זען. עס וועט נישט זיין קיין לייכט שטיקל אַרבעט אויב עס שטייט דאָרט אַ שטאַרקע וואַך. די חברה וועט נישט וועלן ריזיקירן. עס קען קאָסטן צו פיל קרבנות.

אַננאַ: אויב איר וועט קענען עפּעס טאָן, מוז עס ווערן געטאָן נישט שפּעטער ווי 6 אָוונט, ווייל 7 אַזייגער וועלן די דייטשן קומען נאָך די מיידלעך.

אַבּרהמל: יאָ, עס איז אַ שווערע מלאכה. ווען קומען די בחורים צוריק פון דער אַרבעט?

אַננאַ: 6 אָוונט.

אַבּרהמל: 6 אָוונט איז שוין היינט גאַנץ טונקל, עס וועט אָבער זיין שווער צו אַרבעטן אויף צוויי פראָנטן, דערצו האָבן מיר נאָך עטלעכע שווער פאַרווּנדעטע.

אַלעקסאַנדער: וויפל זענען זיי? ווו זענען זיי פאַרווונדעט?

אַבּרהמל: פינף יאָטן. ביי אייניקע זיצן נאָך די קוילן אין בויך און אין די לונגען. מיר קענען זיי גאַרנישט העלפן. זיי ליגן און קאַר־טשען זיך פון ווייטאָג. איר וועט גיין מיט מיר? בלויז איר קענט זיי העלפן, ד״ר אַדלער.

אַלעקסאַנדער: איך וויל זיי זייער העלפן, אָבער דו ווייסט דאָך, אַבּרהמל, מיט וואָס פאַראַ געפאַר דאָס איז פאַרבונדן.

אַבּרהמל: איך ווייס. מיר צווינגען אייך נישט, ד״ר אַדלער. מיר לאָזן עס צו אייער געוויסן. אייער פליכט איז צו העלפן קראַנקע.

אַלעקסאַנדער: זיכער, אָבער אין די אומשטענדן? דער קלענסטער פאַרדאַכט און די דייטשן וועלן מיך אויסענדיקן. (מאַכט אַ באַווע־גונג מיט דער האַנט אַרום דעם האַלדז).

אַננאַ: טאָרסט נישט אָפּזאָגן דיין הילף די פאַרווונדעטע, אַלעקסאַנדער. און איך בין אַלץ מער איבערצייגט, אַז דו דאַרפסט איצט פאַר־בלייבן מיט די פּאַרטיזאַנער. אונדזער לעבן דאָ ווערט אַלץ מער אומזיכער. דאָרט וועלן מיר האָבן אַ מעגלעכקייט איבערצולעבן און וועסט קענען העלפן די פּאַרטיזאַנער.

אַלעקסאַנדער: און וואָס מיט מיינע קראַנקע אין שטאָט? זיי דאַרפן מיך אויך האָבן.

**אננאַ:** דאָ זענען דאָ נאָך דאָקטוירים און זיי דאַרטן האָבן קיינעם נישט.

**אַלעקסאַנדער:** וואָס מיט דיר, אננאַ, וועסט גיין מיט מיר?

**אננאַ:** איך וועל קומען צו דיר שפּעטער. דערווייל קען איך נישט לאָזן די קינדער אַליין.

**אַלעקסאַנדער:** זייער גורל איז שוין געחתמעט, וועסט שוין גאָרנישט קענען ענדערן.

**אננאַ:** ווער ווייסט. עס קען זיך נאָך ענדערן אין דער לעצטער מינוט. און אויב, חס וחלילה, די דייטשן וועלן זיי נעמען, מוז איך זיי צוגעבן מוט אויף זייער, אפשר, לעצטן וועג.

**אברהמל:** אנטשולדיקט, איך מוז לויפן. ווען די בחורים האָט נישט קיין מורא. מיר וועלן זיי היינט באַפרייען. גיט זיי איבער, אַז אַרום אַ פערטל צו זעקס וועלן מיר איבערפאַלן די וואַך און דאַן דאַרפן זיי לויפן גלייך אין וואַלד אַריין און פון דאַרטן וועלן מיר זיי שוין פירן. איך וועל איצט פּרוּוון פעסטשטעלן ווי שטאַרק איז די וואַך ביים אינטערנאַט, כאָטש איך צווייפל צי מיר וועלן קענען באַפרייען די מיידלעך. ד״ר אַדלער, איר וועט גיין מיט מיר אין וואַלד שפּעטער?

**אַלעקסאַנדער** (צעטומלט): גוט, וואָס זאָל נישט זיין, וועל איך גיין געבן הילף די פאַרוווּנדעטע.

**אברהמל** (צופרידן): זייער גוט. זייט מיט אַלע נויטיקע אינסטרומענטן אַרום 4 אַ זייגער ביים עק פון וואַרשעווער גאַס. מיר וועלן זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן. עס וועט ווערן טונקל, וועל איך אייך פירן אין וואַלד אַריין. איך וועל שטיין מיט אייך אין קאָנטאַקט, מאַדאַם אַדלער, זייט געזונט.

**אננאַ:** גיי געזונטערהייט, אברהמל. היט זיך פאַר די דייטשן.

**אברהמל:** האָט נישט קיין מורא, מאַדאַם אַדלער. איך קען אַלע וועגן און שטעגן. די דייטשן וועלן מיך נישט כאַפּן. אַ גוטן אייך. (גייט אַרויס).

**אַלעקסאַנדער:** עס ווערט שפּעט. איך וועל אַוועקטראָגן דאָס צירונג און זען צו דערליידיקן עטלעכע דרינגענדע ענינים כדי צו זיין צוריק אין צייט.

**אננאַ:** גיי, טייערער און זאַם זיך נישט.

**אַלעקסאַנדער:** איך וועל זיך באַמיען צו זיין צוריק אַזוי גיך ווי מעגלעך.

(נעמט דאָס קעסטל מיט דער רשימה און פאַרלאָזט דאָס צימער)

(אננאַ זעצט זיך ביים טיש, טראַכט, גייט איבערן צימער אייניקע

מאַל. גייט צו צו דער שאַנק מיט די מעדיקאַמענטן, עפנט, זוכט, נעמט אַרויס אַ פלעשל. גייט צו צום טיש, שיט אויס פילן פון פלעשל, ציילט. עס הערט זיך אַ שוואַכער קלונג אין טיר. אַננאַ גיט אַ ציטער, באַהאַלט די פילן. גייט צו צו דער טיר און פרעגט שטיל) — ווער איז עס?

(אַ שטימע): דאָס בין איך, אסתר.

**אַננאַ:** איך האָב זיך דערשראָקן. די נערוון זענען אָנגעשטרענגט. יעדער קלונג אין טיר פאַרגרעסערט די שפּאַנונג. וואָס הערט זיך אין אינטערנאַט?

**אסתר:** נישט גוט, מאַדאַם אַדלער. דער אינטערנאַט איז שטאַרק באַוואַכט. עס איז מיר קוים געלונגען דורכצוגיין. מ׳האָט מיר פאַרהאַלטן. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך גיי צו אייך, האָט מען מיר דורכגעלאָזן. חנהלע איז געקומען פון אייך אַ צעטומלטע. זי האָט דערציילט די קינדער דעם געשפּרעך, וואָס איר האָט געהאַט מיט איר. די מיידלעך זענען צעשראָקן, האָבן אַ שלעכטן פאָרגעפיל. איך ווייס נישט וואָס זיי צו זאָגן. איך קען קוים איינהאַלטן די טרערן.

**אַננאַ:** עס איז דאָ געווען אברהמל. מיר האָבן באַטראַכט גענוי די לאַגע. די בחורים וועלן זיי היינט באַפרייען. וועסט זאָגן פאַנאַבעריען ער זאָל גיין צו די בחורים און אָנזאָגן זיי, אַז אַרום אַ פערטל צו זעקס וועלן די פאַרטיזאַנער איבערפאַלן די דייטשע היטער און זיי וועלן דאַרפן גלייך לויפן אין וואַלד. פון דאָרטן וועלן די פאַרטיזאַנער פירן זיי צו זייער באַהעלטעניש.

**אסתר:** און וואָס מיט די מיידלעך?

**אַננאַ:** ער האָט צוגעזאָגט צו זען ווי שטאַרק איז די וואַך אַרום אינטערנאַט. אויב עס וועט מעגלעך זיין, וועלן די פאַרטיזאַנער אָוועקלייגן די וואַך און באַפרייען די מיידלעך. ער האָט אָבער מורא, אַז עס וועט קאָסטן פיל קרבנות.

**אסתר:** די וואַך איז אַ שטאַרקע. די דייטשן שטייען מיט גרייטע מאַשין־ביקסן. איך גלויב נישט, אַז די פאַרטיזאַנער וועלן וואַגן אויף זיי אָנצופאַלן.

**אַננאַ:** איך האָב עס פאַראויסגעזען. ניין, עס איז נישטאָ קיין רעטונג. עס איז דאָ בלויז איין אויסוועג.

**אסתר** (מיט טרערן אין די אויגן): איבערצוגעבן די מיידלעך די דייטשן...

**אַננאַ:** ניין, נישט דאָס...

**אסתר**: וואָס דען?...

**אננאַ** (גייט צו צום טיש): אָט דאָ האָב איך עטלעכע און צוואַנציק פּילן. עס איז זייער אַ שטאַרקער סם. איינגעשלונגען און גלייך קומט דער טויט... אין פאַל ווען די פּאַרטיזאַנער וועלן נישט קאָנען באַפרייען די מיידלעך.

**אסתר** (דערשראָקן): מאַדאַם אַדלער, טויטן די מיידלעך? ניין, ניין, איך וועל עס נישט טאָן.

**אננאַ**: און אַז די דייטשן וועלן זיי שענדן און שפּעטער טויטן, וועט זיין בעסער. זיי וועלן כאָטש פאַרשפּאָרן זיך פּייניקן פאַרן טויט.

**אסתר** (הייגט): וואָס האָבן מיר דערלעבט! וואָס האָבן מיר דער־לעבט! ווי קען עס גאָט זען און צולאָזן? טויטן קינדער, אַליין טויטן יידישע קינדער! ניין, ניין, איך וועל אַרויסגיין אין גאַס, מאַכן געוואַלדן, איך וועל זיך וואַרפן אויף די דייטשע ביקסן. זאָלן זיי מיך בעסער דערשיסן.

**אננאַ**: אסתר, באַרואיק זיך. געוואַלדן וועלן גאָרנישט העלפן. וועסט דאַרפן זאָגן די מיידלעך דעם גאַנצן אמת און איבערצייגן זיי, אַז בעסער דער טויט ווי אַריינצופאַלן אין דייטשן שאַנד־הויז. איך ווייס, אַז עס איז נישט לייכט זיי דאָס אויפצוקלערן, אָבער עס איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג.

**אסתר**: ווער האָט אונדז געגעבן דאָס רעכט צו נעמען די לעבנס פון די קינדער? אפשר וועלן זיי בלייבן לעבן, טאַקע געשענדעטע, באַשפּיגענע, פאַרפּייניקטע, אָבער אפשר, אפשר וועלן זיי דאָך בלייבן לעבן.

**אננאַ**: איך האָב וועגן דעם געטראַכט, געשלאָגן זיך מיט דער דעה צי מיר טאָרן עס טאָן. ניין. עס איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג. מיר וועלן זיי לאָזן פרייע הענט, וועסט דאַרפן זיי אָבער גענוי אַלץ אויפקלערן, זאָלן זיי אַליין באַשליסן. די דייטשן וועלן זיי נישט לאָזן לעבן. נאָכן שענדן, וועלן זיי פאַרפּייניקן זיי צום טויט. און אויב אַפילו אייניקע פון זיי וועט געלינגען צו בלייבן לעבן, וואָס וועט שוין זיין ווערט זייער לעבן?

**אסתר**: מיר זאָלן זיך אַליין אונטערגעבן. די דייטשן זאָלן חוזק מאַכן פון אונדז, אויסשפּאָטן. די יידעלעך האָבן זיך דערשראָקן, זיך אַליין גענומען דאָס לעבן.

**אננאַ**: ניין, אַפילו די דייטשן וועלן באַקומען פאַר אונדז דרך ארץ. זיי וועלן זאָגן — זיי האָבן אויסגעקליבן דעם טויט, איידער גע־שענדט צו ווערן. אָבער נישט וועגן די דייטשן גייט עס. אויף אונדז קוקן אַלע פאַרגאַנגענע און צוקונפטיקע דורות. עס קוקן אויף

אונדז די אַלע יידן, וואָס זענען געגאַנגען אויף קידוש השם, אויס־געקליבן פאַרברענט צו ווערן אויף די שייטער־הויפנס איידער צו פאַרראַטן זייער גלויבן. עס קוקן אויף אונדז די יידישע מאַמעס און טעכטער, וועלכע האָבן זיך גענומען דאָס לעבן כדי נישט געשענדט צו ווערן דורך די קריסטלעכע רוצחים בעת די פּאָגראָמען. עס קוקן אויף אונדז די צוקונפטיקע מאַמעס און טעכטער, וועלכע וועלן זוכן אין דער געשיכטע אַן אָנשפּאַר פאַר זייער ווייטערדיקן לעבן. פון אונדזער האַנדלונג איז געוועגדט אין וועלכער ריכטונג וועט זיך די יידישע געשיכטע אַ קער טאָן. קענען מיר פאַרראַטן דאָס יידישע פאָלק? נאָך מער! די צוקונפטיקע רעפלעקטאָרן פון דער וועלט וועלן זיין אָנגעשטעלט אויף אונדז...

**אסתר:** וועלט, וועלט! וואָס רעדט איר וועגן וועלט־געוויסן. ווו איז די וועלט? ווו איז די מענטשהייט? פאַרוואָס שווייגט זי? פאַר־וואָס לאָזט זי אונדז פייניקן?

**אננא:** אמת. די וועלט איז איצט שטום און טויב. אפשר ווייסט זי נישט וואָס דאָ קומט פאָר. אפשר וויל מען נישט זי זאָל ווייסן צוליב פּאָליטישע אָדער מיליטערישע סיבות, אָבער וואָס פאַרא מאָטיוון עס זאָלן נישט זיין, ווערט באַגאַנגען אַ געוואַלדיקער פאַר־ברעכן נישט נאָר לגבי אונדז, נאָר לגבי דער גאַנצער מענטשהייט. איך בין זיכער, אַז מיליאָנען מענטשן וואָלטן רעאַגירט, וואָלטן אויסגעשריגן זייער פּראָטעסט, ווען זיי ווייסן וואָס מיר לעבן דאָ איבער. אָבער מיט אונדז דאָ גייט נישט אונטער די וועלט. עס גייט נישט אונטער דאָס יידישע פאָלק. עס וועט ווייטער לעבן. עס וועט זוכן אַ מאָראַלישן אָנשפּאַר פאַר זיין עקזיסטענץ און דער קרבן, וואָס מיר וועלן ברענגען, וועט אַרויסלויכטן ווי איינער פון די סימבאָלן, וואָס וועט אים געבן כוח ווייטער צו לעבן.

**אסתר:** איך וויל נישט זיין קיין סימבאָל. איך וויל נישט זיין קיין מוסטער. איך וויל לעבן. איך וויל קעמפן. אָך, ווען איך בין אין ארץ ישראל. דאָרט קענען מיר כאָטש לעבן פריי און קעמפן פאַר אונדזער לעבן.

**אננא:** ווען מ'גיט אונדז דאָ אַ מעגלעכקייט צו קעמפן. ווען מיר האָבן כאָטש געווער, וואָלט איך געווען די ערשטע צו קעמפן נישט גע־קוקט אויף מיין עלטער. ליידער איז אונדז געגעבן געוואָרן בלויז די מעגלעכקייט פון פּאַסיוון קאַמף און דעם קאַמף טאָרן מיר נישט אויפגעבן.

**אסתר:** וויפל, וויפל קרבנות דאַרפן מיר ברענגען? מיר ברענגען כסדר קרבנות, קומען אום מיטן גלויבן, אַז די וועלט וועט ווערן

בעסער, אַז די רשעות וועט פאַרשווונדן. לײדער האָט זיך גאָר־
ניט געביטן.

**אננאַ:** איך ווייס נישט צי דאָס וועט זיין דער לעצטער ידישער קרבן. עס וועלן זיכער זיין נאָך פיל יידישע קרבנות. אָבער דער קרבן, וואָס מיר וועלן ברענגען, וועט זיין פון אַ באַזונדערן כאַראַקטער.

**אסתר:** איר האָט אַ שטאַרקן גלויבן אין דער וועלט, מאַדאַם אדלער. איר זעט אין אונדזער קרבן אַ קידוש־השם־סימבאָל, וואָס וועט שטאַרקן אונדזער פאָלק, וואָס וועט בעסער מאַכן די וועלט. איך זע אָבער אין דעם די אכזוריות פון אונדזער צייט, די בעסטיאַליש־קייט פון די דייטשע מערדער. איך זע אין דעם די געוויסנלאָזיקייט פון דער וועלט, די געמיינקייט פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אַרום אונדז, די עקלהאַפטיקייט פון אונדזער לאַגע אָן אַן אויסוועג. מיר וועלן אומקומען און ווער וועט נעמען נקמה פאַר אונדז? ווער וועט באַצאָלן די דייטשן פאַר די ענויים, וואָס זיי טוען אונדז אָן, פאַר זייערע מערדערייען, פאַר פייניקן אומשולדיקע קינדער?

**אננאַ:** די צייט, אין וועלכער מיר לעבן איז זיכער די פינצטערסטע אין אונדזער געשיכטע און אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. איך גלויב, אַז די דייטשן וועלן סוף־כל־סוף באַזיגט ווערן און באַ־קומען זייער שטראָף.

**אסתר:** און וואָס וועט זיין נאָך אונדזער אַוועקגיין. וועט די וועלט טאַקע בעסער ווערן? וועט די רשעות פאַרשווינדן? וועלן די מענטשן לעבן פריי?

**אננאַ:** יאָ, נישט געקוקט אויף דער פינצטערניש אַרום אונדז, זע איך דעם ליכטיקן שטראַל פון דער צוקונפטיקער, שיינער, בעסערער וועלט. מעגלעך, אַז עס וועט דויערן צענדליקער יאָרן, מעגלעך הונ־דערטער יאָרן ביז אָט די צייט וועט קומען. אָבער זי וועט קומען. אַנדערש וואָלט נישט געהאַט קיין זינען אונדזער לעבן און אונדזער קרבן.

**אסתר:** וואָס וועגן אייך, מאַדאַם אדלער, האָט איר שוין געגעבן די דייטשן אייער תשובה?

**אננאַ:** ניין, איך וועל זיי קיין תשובה נישט געבן.

**אסתר:** מאַדאַם אדלער, איר דאַרפט פון דאַנען אַוועקגיין. איר דאַרפט זיך ראַטעווען. איר דאַרפט איבערלעבן און דערציילן דער וועלט וואָס איז געשען מיט די קינדער.

**אננאַ:** ניין, אסתר, איך האָב פריער געטראַכט צו גיין מיט אַלעקסאַנדערן צו די פאַרטיזאַנער, אָבער איך קען נישט אויסקלייבן פאַר מיינע קינדער דעם טויט און אַליין זיך ראַטעווען. איך וועל גיין מיט זיי.

אסתר: טויט, טויט, ארום טויט. מאַדאַם אַדלער, לאָמיר זיך ראַטעווען. לאָמיר אַנטלויפן. פאַרוואָס דאַרפן מיר אוועקגיין פון דער וועלט? פאַרוואָס דאַרפן מיר זיך נעמען דאָס לעבן מיט די אייגענע הענט? מיט וואָס האָבן מיר זיך פאַרזינדיקט?

אננאַ: און מיט וואָס האָבן זיך די קינדער פאַרזינדיקט? וואָס זענען זיי שולדיק? עס איז זייער און אונדזער ביטערער גורל. עס איז די פינצטערע צייט, אין וועלכער מיר לעבן. טו ווי דו פאַרשטייסט, אסתר. אויב דו וועסט זיך נישט אומקערן צו די קינדער, וועל איך זיין מיט זיי ביזן סוף.

אסתר (באַרויִקט און מיט איבערצייגונג): ניין, איך קען נישט פאַרלאָזן די קינדער. איך וועל זיין מיט זיי ביז זייערע לעצטע מינוטן. די וואַך וועט אייך, וואַרשיינלעך, נישט דורכלאָזן און די קינדער קענען נישט בלייבן אַליין. איר האָט אַרויפגעלייגט אויף מיר אַ שווערע מיסיע, מאַדאַם אַדלער, אָבער זייט רויִק, איך וועל די מיסיע אויספירן ווי שווער זי זאָל נישט זיין.

אננאַ: עס ווערט שוין שפּעט. דאַרפסט גיין, אסתר. די וואַך קען דיך שפּעטער נישט דורכלאָזן. דאָ האָסטו דאָס פלעשל מיט די פּילן. באַהאַלט עס גוט. מ'קען דיך רעווידירן. דו מוזט עס ברענגען צו די מיידלעך. עס איז מיר שווער צו שיידן זיך מיט דיר, אפשר צום לעצטן מאָל. עס לויפן דורך אין מיין זכרון די לאַנגע יאָרן פון אונדזער פריינדשאַפט, יאָרן פון שווערער אַרבעט און האָפענונג, דאָך גלויב איך, אפילו איצט, אַז זיי זענען נישט נעגאַנגען פאַרלוירן. ערגעץ־ווו וועלן אויפקומען די פאַרזייטע זוימען. קוש יעדעס קינד פון מיר און גיב זיי איבער וועגן וואָס מיר האָבן גערעדט. עס וועט זיי שטאַרקן אין זייערע לעצטע מינוטן. אַ גוטע נאַכט, טייערע אסתר, גיב איבער מיין לעצטן גרוס פּאַנאַבעריען. איך האָף, אַז ער וועט זיך ראַטעווען מיט די בחורים. אַ גוטע נאַכט, גאָט זאָל שטאַרקן דיך און די קינדער אין די לעצטע שעהן.

(זיי צעקושן זיך. אסתר באַהאַלט דאָס פלעשל און גייט אַרויס).
(אננאַ זעצט זיך בײַם טיש פאַרטראַכט. עס קומט אַריין אַלעקסאַנדער).

אַלעקסאַנדער: אננאַ, עפּעס זעט מיר אויס פאַרדעכטיקט אַרום אונדזער הויז, ווי עס וואָלט געוווען באַוואַכט. וואָס זאָל עס זיין?

אננאַ: איך ווייס נישט. מ'האָט דיך פאַרהאַלטן?

אַלעקסאַנדער: ניין, אָבער איך האָב אַ פאַרגעפיל, אַז עפּעס קומט דאָ

פאַר. אפשר קומען זיי נאָך דעם גאָלד. איך האָב דעם שיין, אַז מיר האָבן אונדזער גאָלד אַריינגעטראָגן.

**אננאַ:** אַלעקסאַנדער, דאַרפסט וואָס גיכער גיין אויף דעם אָפּגערעדטן פּונקט מיט אברהמלען. עס ווערט שפּעט.

**אַלעקסאַנדער:** און וואָס וועגן דיר, אננאַ, וועסט גיין מיט מיר?

**אננאַ:** איך בלייב דערווייל דאָ. איך קען נישט פאַרלאָזן די קינדער. אַלעקסאַנדער, זאָלסט זיך נישט צוריקקערן ביז וואַנען דו וועסט נישט וויסן גענוי, אַז עס איז זיכער צו קומען צוריק. וועסט אַרויסשיקן אברהמלען אויסצוגעפינען. אויב דו וועסט זיך געפינען אין אַ געפאַר, קאָנטאַקטיר ד"ר זאַוואַדזקין, ער וועט דיר העלפן.

**אַלעקסאַנדער:** איך וויל דיך נישט לאָזן אַליין, אננאַ. איך האָב אַ שלעכטן פאָרגעפיל.

**אננאַ:** האָב נישט קיין מורא, טייערער. איך וועל זיך דאָ אַן עצה געבן. גיי. עס איז שוין באַלד 4 אַ זייגער. וועסט פאַרשפּעטיקן זיך צו טרעפן מיט אברהמלען.

**אַלעקסאַנדער:** איך גיי נעמען די נויטיקע מכשירים און מעדיקאַמענטן.

**אננאַ:** איך וועל דיר מיטגעבן אביסל וואַרעמע וועש אין פאַל עס וועט זיין נויטיק.

(גייען ביידע אַרויס. אַלעקסאַנדער קומט צוריק מיט אַ קליינער וואַליזקע. גייט צו צום שאַנק מיט די מעדיקאַמענטן. נעמט אַרויס איייניקע פלעשלעך און לייגט זיי אַריין אין וואַליזקע).

**אַלעקסאַנדער:** אננאַ, דאָ איז געווען אַ פלעשל מיט ציאַנקאַלי. איך קען עס נישט געפינען.

**אננאַ** (קומט אַריין מיט אַ פּעקל וועש): האָסט עס, מן הסתם, אוועקגעלייגט ערגעץ אַנדערש־ווו. צו וואָס דאַרפסטו ציאַנקאַלי?

**אַלעקסאַנדער:** אין פאַל איך וועל אַריינפאַלן צו די דייטשן. איך וויל אויסמיידן אויספאָרשונגען. טאָמער קען איך נישט אויסהאַלטן די יסורים און זיין געצוווּנגען אַרויסצוגעבן ווו איך בין געווען און וועמען איך האָב געגעבן הילף.

**אננאַ:** לאָז אָפּ. אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג. גיי גיכער, זאָלסט נישט פאַרשפּעטיקן.

**אַלעקסאַנדער:** דאָ איז דער שיין פאַר דעם צירונג, וואָס איך האָב אוועקגעטראָגן. עס איז מיר זייער שווער צו שיידן זיך מיט דיר, אננאַ. אויב די באַדינגונגען ביי די פּאַרטיזאַנער זענען דערטרעגלעכע, וועל איך שיקן נאָך דיר. זיי געזונט, מיין טייערע, גיב אַכטונג אויף זיך.

**אננאַ:** זיי געזונט, מיין טייערער, און געדענק וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט — דו זאָלסט זיך נישט אומקערן ביז וועסט נישט וויסן, אַז אין שטאָט איז אַלץ אין אָרדענונג. זאָלסט זיך אָפּהיטן און זיך אומקערן אַהיים געזונטערהייט.

(צעקושן זיך. אַלעקסאַנדער גייט אַרויס. אַננאַ ווישט די טרערן. גייט אַרום נערוועז איבערן צימער. עס הערט זיך אַ קלונג אין טיר. אַננאַ ווערט אויפגעציטערט. גייט צו צו דער טיר).

**אננאַ:** ווער איז עס? דאָס ביסטו יאַן? וואָס האָסטו געוואָלט?

**יאַן:** איך בין געקומען זאָגן דער גנעדיקער פרוי, אַז מען האָט מיך גערופן אין דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע און געזאָגט איך זאָל זיך אַריינציען אין אייער וווינונג.

**אננאַ:** אַריינציען אין אונדזער וווינונג? וואָס מיינסטו? מיר וווינען נאָך דאָ.

**יאַן:** נו יאָ, זיכער, גנעדיקע פרוי, אָבער די זשידקעס באַפרייען די דירות און אונדזערע גייען אַריין אין זייי וווינען.

**אננאַ:** ווילסט מיך ירשענען, הייסט עס, נאָך ביים לעבן?

**יאַן:** די גנעדיקע פרוי פאַרשטייט מיך נישט. איך האָב גאָרנישט צו דער גנעדיקער פרוי. איך געדענק גוט וואָס די גנעדיקע פרוי האָט פאַר מיר געטאָן בעת אונדזערע זענען געווען ביי דער מאַכט. אָבער די גנעדיקע פרוי וועט שוין דאָ, וואַרשיינלעך, לאַנג נישט פאַר־בלייבן. איך זע, אַז דער דאָקטאָר איז נישטאָ. די דייטשן שטייען אַרום הויז. זיי וועלן אין גיכן די גנעדיקע פרוי פון דאַנען אַרויס־פירן. פאַרוואָס זאָל די דירה פאַרנעמען אימיצער אַנדערש? שוין בעסער איך, וואָס האָט אַזוי פיל יאָרן געדינט דעם דאָקטאָר און דער גנעדיקער פרוי.

**אננאַ:** גיי גלייך אַרויס פון דאַנען, יאַן. דערווייל בין איך דאָ די באַלעבאָסטע. וועסט באַווייזן מיך צו ירשענען ווען איך וועל שוין דאָ נישט זיין. גיי אַרויס פון דאַנען, יאַן. לאָז מיך איצט צו רו.

**יאַן:** איך גיי, איך גיי. איך האָב בלויז געוואָלט וואָרענען דער גנעדיקער פרוי זי זאָל זיך צוגרייטן. די דייטשן שטייען אַרום. גאָר אין גיכן וועט די גנעדיקע פרוי דאַרפן פאַרלאָזן דאָס הויז. איך ווינטש אַלדאָס גוטס דער גנעדיקער פרוי.

(גייט אַרויס. אַננאַ גייט צו צום טישל. קוקט אויף דעם האַנט־זייגערל).

**אננאַ:** אַ פערטל צו פיר. נאָך פופצן מינוט.

(גייט צו צו דער וואַנט. עפנט אַ באַהאַלטענע טירל און נעמט אַרויס אַ טאָג־בוך. זעצט זיך צום טיש, שרייבט אַריין און לייענט אויפן קול):

דאָס איז, וואַרשיינלעך, דאָס לעצטע בלעטל, וואָס איך שרייב אַריין אין דעם טאָג־בוך. היינט האָבן די דייטשן פאַראָרדנט אַרויס־צוגעבן די מיידלעך פון אינטערנאַט פאַרן דייטשן שאַנד־הויז. זיי האָבן געפאָדערט מיין הסכמה. איך האָב זיי די הסכמה נישט גע־געבן, הגם זיי וועלן די פאַראָרדענונג סיי ווי אויספירן. מיר האָבן די מיידלעך געגעבן אַ פרייען אויסוואַל — זיך איבערגעבן די דייטשן אָדער זיך נעמען דאָס לעבן. איך האָף, אַז זיי וועלן האָבן דעם כוח אויסצוווילן דאָס צווייטע איידער זיך איבערצוגעבן די דייטשן און אויסשטיין דעם פיין פון שענדונג.

איך האָב נישט דערוואַרט צו דערלעבן אַזאַ שענדלעכע צייט. איך האָב געגלויבט, אַז די וועלט ווערט בעסער און איצט ווילן די דייטשע בעסטיעס שענדן און פאַרפייניקן מיינע אומשולדיקע קינדער... חנהלע, רבקהלע, רחלע... אַלע, אַלע מיינע קינדער... איך האָב אייך געהאָדעוועט, געלערנט, געשיצט, געהאָפט איר וועט אויסוואַקסן, ווערן נוצלעכע מענטשן און איצט... חנהלע, רבקהלע, רחלע... קינדער מיינע... (ברעכט זיך איין, וויינט. באַרואיקט זיך. זעצט פאָר אין אַ מער זיכערן טאָן): זייט מיר מוחל קינדער מיינע. איך האָב נישט געזען קיין אַנדערן אויסוועג. איך האָף, אַז אונדזער קרבן וועט אויפרודערן די וועלט. די שולדיקע וועלן באַשטראָפט ווערן, די וועלט וועט זיך באַזינען און קיין מענטש וועט נישט געשטעלט ווערן פאַר דעם נסיון, פאַר וועלכן איר און איך זענען געשטעלט געוואָרן. יונגע יידישע מיידלעך און אַלע קינדער פון דער וועלט וועלן קוקן מיט פרייד און האָפענונג אין דער צוקונפט און דאָס, וואָס וועט היינט שפּעטער געשען, וועט בלייבן אַ שענד־לעכער פלעק אויפן געוויסן פון דער וועלט און וועט זיך שוין מער נישט איבערחזרן...

מיינע לעצטע געדאַנקען זענען מיט דיר, טייערער אַלעקסאַנדער. איך האָף, אַז דו וועסט זיך ראַטעווען. איך האָב אַזוי שטאַרק גע־וואָלט גיין מיט דיר, אָבער איך האָב עס נישט געטאָרט טאָן. זיי נישט בייז אויף מיר. איך ווייס ווי גרויס עס וועט זיין דיין ווייטאָק און פיין, ווען דו וועסט מיך נישט געפינען. שטאַרק זיך. דערציייל דער וועלט וואָס איז מיט אונדז געשען. נעם נקמה אין די שולדיקע און העלף בויען אַ בעסערע, שענערע וועלט. איך נעם דיר אַרום

צום לעצטן מאָל, מיין טייערער... אָ, גאָט, און קיין נס איז נישט געשען...

(עס הערן זיך שווערע שטיוול־טריט. אַ האַסטיקער קלונג אין דער טיר. אַננאַ ווערט אויפגעציטערט. שווערע קלעפּ הויבן אָן צו דונערן אין טיר און אין וואַנט. עס הערן זיך הויכע, פּרעכע שטימען) — **עפענען. דאָס איז די געסטאַפּאָ. פאַרפלוכטע יודען, דאַנערוועטער. עפענען!**

(אַננאַ פאַרמאַכט דאָס טאָג־בוך. לייגט עס אַריין אין באַהעלטעניש אין וואַנט, פאַרמאַכט דאָס טירל. גייט צו צום טיש, זעצט זיך, נעמט איין אַ פּיל און פאַרטרינקט מיט וואַסער. פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אויף הינטן. עטלעכע גסיסה־סעקונדן. זי איז טויט. עס הערן זיך ווייטערדיקע קלעפּ און אויסגעשרייען) : — **עפענען. יודע פאַרעקע! דאַנערוועטער! עפענען!**

(דאָס ליכט ווערט אַלץ טונקעלער און טונקעלער ביז עס לעשט זיך אויס. אַ פּראָזשעקטאָר באַלויכט דאָס פּנים פון מאַדאַם אַדלער. די געשרייען און דאָס קלאַפּעריי ווערט שוואַכער און שוואַכער. דער פאָרהאַנג פאַלט אַראָפּ פּאַמעלעך).

— סוף —

## עסייען

י. קערש

# די ראָל פון וועלטלעכקייט אין יידישן לעבן

וועלטלעכקייט און פרייִדענקעריי ווערן אָפט פאַרטוישט, אָדער עס ווערן פאַרווישט די גרענעצן צווישן זיי, אַמאָל אומבאַוווּסטזיניק און אָפט באַוווּסטזיניק. אָפּוואָרפנדיק אַז אַ זייט די סוביעקטיווע מאָמענטן, לאָמיר באַטראַכטן די אָביעקטיווע סיבות פון דער זאַך.

אונדזערע עלטערן האָבן געזען אין אַ געקירצטער, אונטערגעשניטענער קאַפּאָטע (אָגב אַן אַלט פּויליש אַדעליק בגד) אַ סימן פון פרייִדענקעריי, פון אויפגעקלערטקייט. יעדער מינדעסטער אָפּנויג פון דער טראַדיציאָנעלער קליידונג, עסן, מנהגים זענען באַטראַכט געוואָרן ווי אַפּיקורסות, האָט עס געמעגט זיין פולשטענדיק אין הסכם מיט דער שטרענגסטער אויסטייטשונג פון די דינים.

אויך די הייַנטיקע וועלט מאַכט נישט קיין גרויסן חילוק צווישן פרייִדענקעריי און וועלטלעכקייט. דעריבער איז נויטיק קלאָר צו דעפינירן וואָס עס איז אַזוינס וועלטלעכקייט און וואָס איז דער מהות פון פרייִדענקעריי.

פרייִדענקעריי הייסט דענקען אַן פאַרויס באַשטימטע אורטיילן און פאָראורטיילן, אַן אַקסיאָמען און אַן דאָגמען. מיט אַנדערע ווערטער — פולשטענדיקע אַבסאָלוטע פרייהייט פון דענקען און אורטיילן, נישט אָננעמענדיק אַלס באַזע באַשטימטע „אמתן", וועלכע עס איז נישט נויטיק נאָכצופאָרשן און צו באַווייזן. לאָמיר אַלס ביישפּיל נעמען דעם גרויסן ראַציאָנאַליסטישן דענקער רמב"ם, וועלכער האָט די וועלט־דערשיינונגען געפּרוּווט דערקלערן מיטן שכל. ער האָט אָבער אָנגענומען אַלס באַזע די 13 אני מאמינס, וועלכע נויטיקן זיך נישט אין קיין אויפקלערונג, נאָר זענען אומבאַשטרייטבאַרע אמתן, אין וועלכע ער גלויבט נישט־ראַציאָנעל. דער רמב"ם איז ווי באַוווּסט געווען ווייט פון פרייִדענקעריי, ווי אַ סך ראַציאָנאַליסטן, פריער און שפּעטער, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן וועג און נישט געוואָגט, אָדער נישט געקאָנט צוליב פאַרשיידענע סיבות, צו דערפירן זייער געדאַנקען־וועג נאָך אַ טריט פאַרויס.

רעליגיע ווי א גלויבן אין פארזים פעסטגעשטעלטע און נישט אויפ־געקלערטע אורטיילן און פאראורטיילן, און דאָגמען, וועלכע נויטיקן זיך בכלל נישט אין דערקלערונג — איז דער היפוך פון פרייַדענקעריי.

וועלטלעכקייט דאַקעגן איז נישט קיין קעגנזאַץ, קיין אַלטערנאַטיוו צו רעליגיע און איר תוך, פונקט ווי זי באַשטעטיקט נישט דעם אַטע־איזם. זי פאַרנעמט זיך בכלל נישט מיט דער פראַגע ווער עס איז גערעכט: רעליגיע אָדער אַטעאיזם. וועלטלעכקייט הייסט אָנערקענען די רעליגיעזע אָדער אַנדערע (טאָקע אַנדערע אויך) איבערצייגונגען אַלס אַן אינערלעכן ענין פון מענטש גופא מיט זיין האַרץ און געוויסן. אין דער רעליגיעזער טערמינאָלאָגיע הייסט עס בין אדם למקום. אָבער בין אדם לחברו — צווישן מענטשן גופא — דאַרפן הערשן אַלגעמיין־מענטשלעכע הומאַניס־טישע פּרינציפּן, וואָס דאַרפן קיין שום שייכות נישט האָבן מיט די רעליגיעזע אָדער אַנטירעליגיעזע געפילן פון מענטש אָדער פון דער גע־געבענער גרופּע. עס מוזן אויסגעאַרבעט ווערן אַזעלכע לעבנס־פּרינציפּן, וואָס זאָלן מעגלעך מאַכן דאָס צוזאַמענלעבן פון אַלע קולטורן און גלויבנס, ווי אויך אומגלויבנס. אין דער פרייער דעמאָקראַטישער וועלט איז היינט פּאָפּולער דער לאָזונג פון קאָמאָנוועלט. עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ מאָדוס וויווענדי אין דער געזעלשאַפט פאַר פעלקער, גרופּן און יחידים, וואָס האָבן פאַרשיידנאַרטיקע איבערצייגונגען, גלויבנס און כאַראַקטערן.

אונדזער אַלטער משכּילישער לאָזונג: „זיין אַ מענטש אין גאַס און אַ ייד אין שטוב" איז געווען אַ דורכאויס וועלטלעכער, באַזירט אויף טאָלעראַנץ און פאַרשטענדעניש, צוזאַמענאַרבעט און שלום. צום גרויסן באַדויערן איז אָט דער ריכטיקער לאָזונג געוואָרן שלעכט פאַרשטאַנען. טייל משכּילים האָבן אים אויסגעטייטשט אַלס „אַ גוי אין גאַס און אַ ייד אין שטוב" און דערפון איז געוואָרן **„אַ ייד אין גאַס און אַ גוי אין שטוב"**. פאַר דער גאַס זענען זיי אפילו אין דער פרעמדער הויט, וועלכע זיי האָבן אָנגעטאָן, געבליבן יידן, און אין דער אייגענער שטוב איז אַלץ פאַרפרעמדט געוואָרן, ווייל זיי האָבן וועלטלעכקייט אויסגעמישט מיט גויאישקייט, מיט אַסימילאַציע, מיט אָננעמען פרעמדע געדאַנקען און אידייען. צוזאַמען מיט דער באָרד פון פּנים האָבן זיי אויסגעשניטן פון האַרצן זייער גאַנץ וועזן און געבליבן הוילע און פּוסטע.

מיר פאַרשטייען, אַז דאָס איז טיילווייז געשען צוליב דער שווערער, ביטערער מלחמה קעגן דעם פינצטערן מיטלעלטער, וואָס האָט באַהערשט דאָס יידישע לעבן צוליב דער מאַכט פון די כּלי קודש. אין דעם קאַמף איז שווער געווען צו אונטערשיידן צווישן גוטן און שלעכטן. אין שטרייט מיט דער אומטאָלעראַנץ פון די רעליגיעזע קרייזן האָבן אַ סך משכּילים

זיך זייער ווייט פאַרגאַלאָפּירט און צוזאַמען מיטן שמוציקן וואַסער אַרויס־געגאָסן אויך דאָס קינד. די משכילים האָבן צום באַדויערן, אָפּגעוואָרפן אַלע פּאָזיטיווע ווערטן פון אונדזער דורותדיקער פּראָגרעסיווער טראַדיציע, וואָס האָט פון יידישן פאָלק געמאַכט איינס פון די פאָרגעשריטנסטע פעלקער אין דער וועלט. לאָמיר אַלס ביישפּיל נעמען בלויז איין כאַראַק־טעריסטישן פאַקט: פאַר טייל קורצזיכטיקע משכילים איז שווער געווען אויסצושיילן פון די שווערע, האַמעטנע, היינט נישט־רעאַלע שבת־דינים דעם פּראָגרעסיוון כאַראַקטער פון דעם גרויסן סאָציאַלן געזעץ: דער רעכטלעך גאַראַנטירטער, געצוווּנגענער רו־טאָג פאַר אַלע, פאַרן קנעכט און לוין־אַרבעטער.

ביי קיין שום פאָלק האָט די רעליגיע נישט אַזויפיל באַהערשט יעדן טריט און שריט פון יחיד, זיין פּריוואַט און אינערלעך לעבן, ווי ביי יידן. עס איז נישט קיין ריין־יידישע דערשיינונג. ביי אונדז איז עס נאָר בולטער אַרויסגעטרעטן. דורות־לאַנג, פון אור־אַלטערטום ביז די נייע ציימן, איז די גאַנצע מענטשלעכע קולטור געוואָרן אויסגעדריקט אין רעליגיעזע אידיאַמען. די גרעסטע מייסטער פון בילד און וואָרט האָבן געשאַפן אויף רעליגיעזע טעמעס: דער גריכישער אָלימפּ און דער תנ״ך, אפילו דער רענעסאַנס האָט געשאַפן אויף דער רעליגיעזער טעמאַטיק.

די רעליגיעס האָבן אין זיך כולל געווען אַלע דערגרייכונגען פון מענטשלעכן גייסט, איבערגעגאָסן די מענטשלעכע שעפערישע קראַפט אין גלויביקע פאָרמען.

עס שטעלט זיך דערביי אַן אינטערעסאַנטע פראַגע: אויב רעליגיע האָט אָפּגעשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל אין דער מענטשלעכער קולטור און מיר מעסטן די אַנטוויקלונג לויט די פאַזן פון איבערגאַנג פון נידעריקער מגושמדיקער געצנדינערייי (ביי די פּרימיטיווע פעלקער) דורך גריכישן פּאָליטעאיזם, צום יידישן מאָנאָטעאיזם — אויב די ליניע ווייזט דעם וועג פון מענטשלעכן פּראָגרעס, צי דאַרפן פּרימיטיווע פעלקער, וועלכע לעבן היינט, און זענען נאָך אויף אַ זייער נידעריקער שטופע, אַדורכמאַכן אָט דעם אָנגעוויזענעם וועג, כדי צו דערגיין צום פרייען געדאַנק. אַזאַ עקספּערימענט איז באַלד נאָך דער רעוואָלוציע דורכגעפירט געוואָרן אין רוסלאַנד. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז נישט נויטיק געווען דער דאָזיקער עוואָלוציאָנערער וועג. דער יונגער בוריאַט אָדער אודמורט האָט צוזאַמען מיטן אַלף־בית באַהערשט אויך די פאָרשטעלונגען און דער־גרייכונגען פון דער נייער פיזיק און כעמיע. דער טשוואַשישער קאָס־מאָנאַוט איז געפלויגן אין הלל צוגלייך מיט די רוסן און אַמעריקאַנער.

רעליגיע איז געווען אַן אויסדרוק פון מענטשלעכן געדאַנק, פון דער

מענטשלעכער קולטור. נישט דער מענטש איז באשאפן געווארן אין גאטס געשטאַלט. ווי די יידישע מסורה וויל; נאר גאט איז באשאפן געווארן אין מענטשלעכן געדאַנק, אין זיין, דעם מענטשנס געשטאַלט. אזוי טאקע האבן די גריכן זיך פארגעשטעלט די געטער.

אויב מיר ווילן זיך באקענען מיט אונדזער געשיכטע, מיט די דער־גרייכונגען פון יידישן געדאנק אין משך פון אונדזער לאנג־דורותדיקער געשיכטע — מוזן מיר אנאליזירן די געשיכטע פון רעליגיעזן געדאנק.

די יידישע רעליגיע איז געווען און געבליבן אן עטיש־מאראלישע רעליגיע מיט א סאציאל־פראגרעסיוון אינהאלט. דאס פאלק פון יהודה און ישראל איז געווען אן ארעם פאסטעך־ און פויערים־פאלק, וואס האט נישט געקענט קיין לוקסוס. די ארעמע שטייניקע ערד צווישן בערג און מדבריות האט פארלאנגט א פויער, וואס זאל מיט גרויסער מי און איבער־געגעבנקייט באארבעטן און אפהיטן דעם באדן. נאר א פרייער מענטש האט געקענט ציען חיונה. שקלאפן־ארבעט האט געקאנט געמאלט זיין נאר אין די ווינציקע פרוכטבארע טאלן, אדער אויף די הייף. די פראדו־ציר־קרעפטן אין לאנד זענען געווען און געבליבן די פרייע, קליינערדדיקע פויערים, וועלכע האבן פארטיידיקט זייער פרייהייט סיי קעגן אייגענע אונטערדריקער, סיי קעגן פרעמדע באצווינגער. ביי די יידן איז פרעמד געווען די אינסטיטוציע פון שקלאפעריי, אויף וועלכער עס האט זיך גע־שטיצט דער גאנצער אלטערטימלעכער סדר. די באזונדערקייט און אנ־דערשקייט פון די יידן איז באשטאנען נישט בלויז אין דעם, וואס די יידן האבן אנערקענט דעם פרימאט פון איין גאט, נאר אין דעם קודם כל, וואס מען האט אין זיין נאמען געפריידיקט.

די נביאים האבן געפאדערט און טיילווייז אדורכגעפירט א רייע געזעצן, וועלכע וואלטן אין דער היינטיקער נאמענקלאטור אנגערופן גע־ווארן סאציאלע געזעצגעבונג. געוג צו דערמאנען שבת־רו, לקוט, שכחה, פאה, שמיטה און יובל, דאס צונאגלען א פרייוויליקן שקלאף צום ביי־שטידל פון דער טיר, דאס ארויסהויבן די תפילה איבערן קרבן־ברענגען, די דעמאקראטיזירונג פון ריטואל (קעגן דער כהונה, וואס האט זיך שטארק פארהאסט ביים פאלק, סיי אין די צייטן פון די נביאים, סיי ביי די חשמונאים).

דאס אלץ האט די יידן, צעשפרייטע איבער דער גאנצער וועלט, צווישן געצנדינערישע מערהייטן, געגעבן די אפגעזונדערטקייט, דעם אתה־בחרתנו־געפיל און גלייכצייטיק דערמיט די סטימולן אויסצוהאלטן, נישט צעשוומען ווערן און מיט דער צייט ווערן די טרעגער פון אלע קולטורן אין אונדזער העמיספער.

נישט בלויז דער תנ"ך האָט אָפּגעשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין אַלע סאָציאַל־רעליגיעזע שטרייטן אין קריסטנטום, ווי אויך אַ דאָמינירנדיקע ראָל אין אויספורעמען סיי דאָס קריסטנטום און סיי דעם איסלאַם, נאָר יידישע דענקער און פילאָזאָפן זענען געווען די פאַרבינד־רינגען צווישן דער לאַטייניש־רוימישער (און גריכישער) קולטור מיט דער אַראַבישער און שפּעטער ווידער פון דער אַראַבישער מיט דער לאַטייניש־מערב־אייראָפּעאישער. אין די מאָדערנע צייטן טרעפן מיר יידן אויף אַלע פאָדערשטע פּאָזיציעס פון אייראָפּעאישן געדאַנק.

* * *

די יידישע קולטור־געשיכטע, אין איר רעליגיעזער פאָרם, האָט צו פירן אַן אינערלעכן קאַמף צווישן צוויי עקסטרעמען: נאַציאָנאַליזם און אוניווערסאַליזם.

עס איז נאַטירלעך, אַז יעדע קולטור זוכט איר אויסשפּרייטונג, באַזונדערס אַ פאַרגעשריטענע קולטור, וואָס אירע הויפּט־לאָזונגען זענען אוניווערסאַליזם און סאָציאַלער יושר. שוין די נביאים האָבן אין זייערע וויזיעס געזען אַן אויסגעלייזטע און געדערכטע וועלט. זיי זענען נישט געווען פאַרבונדן מיט לאָקאַלע, שמאָלע באַגריפן פון טעריטאָריעלע געטער (דער קאַמף קעגן די במות). יונה הנביא וויל אַנטלויפן פון יידישן לאַנד, כדי דער גאָט פון דער יידישער מלוכה זאָל אים נישט קענען דערגרייכן, אָבער דער גאָט פון די יידן איז ווייט נישט קיין גאָט בלויז פון יידישן לאַנד — ער גרייכט יונהן אויסער די גרענעצן פון דער יידישער מלוכה און ער באַפעלט אים ראַטעווען גאָר דעם שטענדיקן שונא פון יידישן לאַנד — די צעשטערער פון ישראל און די באַרויבער פון יהודה — אשור און איר הויפּטשטאָט נינוה.

גלייכצייטיק דערמיט זעען מיר גרויסע נאַציאָנאַלע עמאָציעס אין דער צייט פון די שופטים, נביאים און שפּעטער ביי די תנאים. עס איז געווען אַ נאַטירלעכע מורא, אַז אין געצנדינערישן און זינדיקן אַרום זאָלן פאַרלוירן גיין די גרויסע עטישע ווערטן (ווי עס איז געווען דער פאַל מיטן קריסטנטום). דער נאַציאָנאַלער לבוש און די אָפּגעזונדערטקייט האָבן געהאָלפן דורכטראָגן די גרויסע אידייען דורך דער פינצטערער נאַכט, מיט דער האָפענונג זיי צו ברענגען אומבאַרירט צום ליכטיקן מאָרגן, צו משיח'ס צייטן. אמת, נישט איינמאָל האָבן די היטער פאַרגעסן, וואָס זיי היטן, און אַנשטאָט אָפּהיטן פון בייזע ווינטן דעם עמוד האש האָבן זיי אים פאַרוויקלט, איינגעטוליעט און... דערשטיקט.

דער קאַמף צווישן דעם ווילן צו פאַרשפּרייטן דאָס יידנטום צווישן די פעלקער — און דער טענדענץ אָפּצוזונדערן זיך, שווערער מאַכן דאָס באַקענען זיך צום יידנטום — גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך אונדזער גאַנצער געשיכטע. שווער צו זאָגן ווער עס איז געווען גערעכט?

די גרויסע טראַגעדיע פון דעם דאָזיקן שטרייט איז וואָס ביידע זייטן זענען געווען גערעכט און אומגערעכט, ווייל דאָס לעבן איז נישט קיין גראָדע ליניע, נאָר אַ זיג־זאַג־וועג. פאַרן מענטש, אפילו דעם געניאַלסטן, איז שווער געווען צו באַשטימען ווען צו מאַכן דעם אָפּנויג און פאַרקירעווען אויף אַ נייער ליניע. אָבער מיר מוזן געדענקען, אַז יעדער איינער, וואָס פאַרקירעוועט, גייט פון דעם מאָמענט אָן דאָך אַ שטיקל וועג אויף אַ גראָדער ליניע.

צוליב דעם דאָזיקן קאַמף איז די יידישע רעליגיע נישט געוואָרן קיין נאַציאָנאַלע רעליגיע, וואָס שייך איר אינהאַלט, און נישט קיין אוניווערסאַלע — וואָס שייך איר פאָרם. זי איז אָבער דאָך געוואָרן אַ מיטל אויפצוהאַלטן די נאַציע.

דערצו האָבן אָבער געמוזט אָנגעווענדט ווערן נייע באַגריפן. דער טעריטאָריעלער פּרינציפּ, וואָס האָט אַזוי אַלמעכטיק געהערשט ביי אַנדערע פעלקער אין די אַלטערטימלעכע און מיטלעלטערלעכע צייטן (און האַלט נאָך אַן ביז אונדזער צייט) האָט ביים יידישן פאָלק געמוזט פאַרביטן ווערן אויפן פאָלקישן פּרינציפּ. אַנשטאָט אָרטשאַפט — מענטש. אַנשטאָט לאַנד — פאָלק.

די קעגנערשאַפט צו דער מלוכה האָט אַחוץ דעם אויך געהאַט סאָציאַלע סיבות: די מלוכה איז אַלטערטום איז געווען די פאַרקערפּערין און אויסדריקערין פון שקלאַפערייסיסטעם. אין זכרון פון דער דעמאָלסדיקער מענטשהייט איז נאָך געווען די דערמאָנונג, אַז אין די צייטן פאַר דער מלוכהשאַפט — אין די יעגער־און פאַסטעך־צייטן — האָט געהערשט דער פּרימיטיווער אורקאָמוניזם. הגם די נייע צייטן, די פאַרגרעסערטע באַפעלקערונג, די אָפּטע צוזאַמענטרעפן און צוזאַמענשטויסן האָבן געפאָדערט נייע סאָציאַלע פאָרמען, האָבן דאָך אַ ריי דענקער, וועלכע האָבן געזוכט דאָס סאָציאַל־גערעכטע, געווענדעט זייערע בליקן צוריק. אַזוי איז שמואל הנביא געווען אַ קעגנער פון דער מלוכהשאַפט, געוואָרנט דאָס פאָלק, און ווען צוליב נאַציאָנאַלע מאָטיוון איז ער געווען געצוווּנגען אויסצוקלייבן אַ קעניג, האָט ער אויסגעקליבן אַ מאַן פון שוואַכסטן שבט, דערצו אַ פּראָסטן ערד־אַרבעטער.

די כהונה, וואָס איז געווען אַ מלוכה־אַפּאַראַט, באַזונדערס אין דער צייט פון בית שני, איז געווען פאַרהאַסט ביים פאָלק. (דרך אגב: אין

דער הגדה איז מען זיך גאַנץ גוט באַגאַנגען אָן משהן און אהרנען. משה ווערט צופעליק און דאָס נאָר איינמאָל דערמאָנט).

זייער שאַרף קעגן די כהנים און די מלכים זענען אַרויסגעטראָטן די נביאים. זיי האָבן אַרויסגערוקט אַ פּאָליטיש־מאַטעריעלן וואָפן קעגן זיי. זיי זענען אַרויסגעטראָטן קעגן קרבנות ברענגען. וואָס איז געווען אין די אינטערעסן פון די רייכע, וועלכע האָבן דערפון גענאָסן. קעגן קרבנות האָבן די נביאים אַרויסגעשטעלט די תפילה, וואָס איז צוגענגלעכער פאַר אַלע, דעמאָקראַטיש און שאַפט אָפּ די פּריווילעגירטע שיכטן.

די בני יהונדב (רכבים) און שפּעטער אסיים האָבן אינגאַנצן מבטל געמאַכט די מלוכהשאַפט. אַפילו די ערשטע פּרושים האָבן אָנגעהויבן זייער טעטיקייט אין קאַמף מיטן מלוכה־אַפּאַראַט, און שפּעטער האָבן די באַדייטנדיקסטע פּרושים אָפּגעזאָגט זיך, צוליב פּאָליטישער צוועקמעסיקייט, פון דער מלוכהשער פאָרם פון נאַציאָנאַלן לעבן. אין יענעם מאָמענט און אין יענע באַדינגונגען איז די פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט געווען אַ פיזישע געפאַר פאַרן קיום פון פאָלק.

די שעפער פון תלמוד און זיינע מפרשים האָבן דעטעריטאָריאַליזירט די יידישע רעליגיע. יוחנן בן זכאי האָט געשטעלט העכער יבנה ווי דעם קאַמף פאַר דעם בית המקדש. ר' סעדיה גאון מיט זיין געדאַנק פון איינפירן דעם סידור און דאָס כמעט איינהייטלעכע דאַווענען אין אַלע ערטער פון דער וועלט (ר' סעדיה'ס חומש אַליין האָט זיך נישט אָנגענומען, אָבער דער איינפיר געהערט אים) האָט צעמענטירט דאָס פאָלק און געשאַפן דאָס וועלט־פאָלק. זיי אַלע האָבן מעגלעך געמאַכט, אַז די יידן צעשפּרייטע איבער ארבע פינות העולם, צווישן פאַרשיידענע קולטורן, זאָלן בלייבן אַן איינהייט, אַ נאַציע.

אינטערעסאַנט, אַז די יידישע געלערנטע האָבן קיין שום וויכטיקייט נישט צוגעשריבן, וואָס הונדערטער יאָרן האָט עקזיסטירט אַ גרויסע מלוכה, וואָס האָט אַלס איר אָפיציעלע רעליגיע אָנערקענט די יידישע. אַפילו יהודה הלוי, וואָס האָט וועגן זיי אָנגעשריבן אַ בוך, דעם „ספר הכוזרי", האָט דאָס נאָר אויסגענוצט צו אונטערשטרייכן די מאָראַליש־עטישע גרויסקייט פון יידישן גלויבן, נישט איר עקספּאַנסיע און אירע באַזיצן. אַזוי זענען אויך אַדורך כמעט אומבאַקאַנט אַ סך יידישע מלוכות אין מיטלעלטער.

אין אַן אומטאָלעראַנטער וועלט, אין אַ וועלט פון רעליגיעזע רדיפות און שחיטות, האָבן דאָך די יידן נישט פאַרוואָרפן דעם געדאַנק פון אויסלייזן די גאַנצע וועלט. דווקא צוליב די פאַרפאָלגונגען האָבן די יידן איינגעזען, אַז אַליין בלויז וועלן זיי קיינמאָל נישט קענען זיין אויסגע־

לייזט. זיי האבן נאר פאר זיך גענומען דעם איינציקן שכר פאר זייערע ליידן צו זיין די פארגייער, דער אוואנגארד פון דער אויסלייזנדיקער און אויסגעלייזטער וועלט.

אבער דער מיטלעלטער האט דאך געהאט זיין השפעה. אין דער יידישער רעליגיע (אמת ווייניקער ווי אין אנדערע) האבן זיך אריינגע־באפט עלעמענטן פון אנטראפאמארפיזם און געצנדינעריי. דער סוף פון אלטערטום איז בלי ספק געשטאנען אויף א פיל העכערער מדרגה פון דענקען ווי דער מיטלעלטער.

די גאנצע אפגעשטארבענע געצנדינערישע געטער־וועלט האט מען צוגעפאסט און אריינגעפאסט אין די מאנאטעאיסטישע רעליגיעס, געגעבן זיי „נידעריקערע אמטן" פון הייליקע און מלאכים, אבי ווייטער צו לאזן זיי ביי די מענטשן.

מיטן קומען פון דער נייער צייט, מיטן אויפלעבן דעם ראציאנאליזם אין אייראפע, האט אויך ביסלעכווייז דער יידישער ראציאנאליזם זיך דורכגעשלאגן א וועג, באזונדערס ווען מיר האבן אין אונדזער טראדיציע געהאט א רמב"ם, וועלכער איז פאר דער יידישער אינטעליגענץ געווארן אן אמתער מורה נבוכים. דער גרויסער ווילנער גאון האט ווי דער רמב"ם געוואלט גלייכשטימען די רעליגיע מיטן שכל, געפרווט ראציאנעל אויפ־קלערן די אלע אומקלארע ערטער, וועלכע האבן געקענט אויסגעטייטשט ווערן מיסטיש אדער אנטראפאמארפיש.

דער ראציאנאליזם האט אין אייראפע געשטעלט זיגרייכע טריט. אלע גרויסע געזעלשאפטלעכע דערשיינונגען, יעדער פראגרעס איז געווען געבונדן מיטן ראציאנאליסטישן געדאנק. סיי די ליבעראלע בורזשואזיע, סיי די אויפוואכנדיקע סאציאליסטישע באוועגונג האבן זיך אנגעשפארט אויפן ראציאנאליזם. אין מיטלעלטער האבן די סאציאלע באוועגונגען אנגעשפארט זיך אויפן תנ"ך, דער מארקסיזם דאקעגן האט זיך געשטיצט אויפן פרייען געדאנק, אויפן שכל.

די השכלה, די ראציאנאליסטישע באוועגונג פון דער אויפקומענדיקער יידישער בורזשואזיע האט גענומען באהערשן די מוחות פון דער יידישער אינטעליגענץ אין מערב־אייראפע. צוליב א רייע סיבות האט אין די מערב־לענדער זיך ארויסגעהויבן נאר די אסימילאטארישע ריכטונג. אנדערש האט די סיטואציע אויסגעזען אין מזרח־אייראפע, וווּ עס האט נאך גע־הערשט דער פעאדאלער סיסטעם אין לאנד־מאסשטאב. דא אין יידישן לעבן האט דער מאדערנער שכלדיקער צוגאנג אנגערירט א קליינעם קרייז, דער עיקר אין דער ליטע, וווּ עס האט געווירקט דער ווילנער גאון, וואס נישט געקוקט אויף זיין אויסערגעוויינלעכער פרומקייט האט ער דורכ־

געהאַקט א וועג פאַרן ראַציאָנעלן באַנעמען די פּראָבלעמען. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אויך אין יידישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע וועט דער אויפקלערערישער געדאַנק זיין דער פירנדיקער. די השכלה האָט דאָ אַנגע־רירט א גרויסן אינטעליגענטן־קרייז, וואָס איז סאָציאַל געווען פאַרוואָרצלט אין די ברייטע פאָלקס־שיכטן — דאָס זענען געווען די ישיבה־בחורים. עס איז אויפגעקומען א דריטע ריכטונג אין דער השכלה די ראַדיקאַל־פאָלקסטימלעכע, צו די פריער עקזיסטירנדיקע: אַסימילאַטאָרישע און נאַ־ציאָנאַל־קאָנסערוואַטיווע.

דאָס האָט אָבער באַדראָט נישט בלויז דעם אַלטן וועלט־באַנעם, נאָר אויך די סאָציאַלע פּאָזיציעס פון דעם הערשנדיקן שיכט. דאַמאָלסט האָבן זיך געגעבן די הענט סיי די אַביסל ראַציאָנאַליסטישע מתנגדים, סיי די קבלה'סטישע חסידים.

די חסידישע באַוועגונג איז אויפגעשטאַנען אין וואָלין און פּאָדאָליע און גאַנץ שנעל באַהערשט אַלע לענדער פון מזרח־אייראָפּע, ליטע בתוכם. י. ל. פּרץ, ש. אַש, י. אָפּאַטאָשו א.א. האָבן אין זייערע ווערק שטאַרק באַשיינט חסידות. אויך היינט באַמיען זיך א רייע שרייבער ארויסהויבן די געשטאַלטן פון פּראָמינענטע חסידישע רביים. מיר מוזן אָבער געדענ־קען, אַז אַזעלכע געשטאַלטן ווי ר' שניאור זלמן ליאַדער, אָדער ר' לוי יצחק מבארדיטשעוו זענען געווען קליינע, גאָר קליינע אויסנאַמען אין א ים פון רבילעך, וואָס האָבן ווי אַלטע באָבעס אָפּגעשפּראָכן עין הרע'ס, געגעבן קמיעות, גענומען פּדיונות, געטאָן מופתים, מיט איין וואָרט, זיך באַנוצט מיטן גאַנצן מיטלעלטערלעכן קלאָפּערגעצייג, וועלכן די מתנגדים האָבן שוין געוואָלט אַרויסוואַרפן. נישט געקוקט אויף די פּאָזיטיווע מאָ־מענטן פון פאָלקסטימלעכקייט, קאַמף פאַר די רעכט פון פּשוטן תהילים־זאָגער אויף א פּאָזיציע אין סאָציאַלן לעבן, פון פאַרטיפן די ל"ו־לעגענדע, האָבן די חסידים צוריק אויפגעלעבט מיטלעלטערלעכע באַגריפן און פאַר־שטאַרקט דעם פאַנאַטיזם.

אָבער דעם גרעסטן שאָדן אין יידישן לעבן האָבן די חסידים גע־בראַכט מיטן אָוועקשטעלן די אַלטערנאַטיוו, וועלכע מיר האָבן באַרירט אין אָנהויב: אָדער אָפּגעשטאַנענע פינצטערע מנהגים אָדער אפּיקורסות. „אויב נישט נאָך העכער" איז נאָר געווען ביי פּרצן אין די ווערק. אין יידישן לעבן האָט עס אויסגעזען גאַנץ אַנדערש. האָט ווער נישט געגלויבט, אַז דער רבי געפינט זיך סליחות־צייט אין הימל, שרייבט און מעקט דאָרט, איז ער שוין געווען א כופר בעיקר, אַן אפּיקורוס און מען האָט אים אויסגעשלאָסן פון יידישן כלל. גענוג איבערצולייענען לינעצקיס „דאָס

פוילישע יינגל״ און אנדערע ווערק פון די עלטערע יידישע שרייבער, כדי צו זען און צו פארשטיין די געפאר.

אזא צוגאנג האט באדראט דעם יידישן קיום. די צייט איז געווען שטארקער פון אט דעם מיטלעלטערלעכן סדר. טויזנטער, צענער טויזנטער יידישע אינטעליגענטן זענען אוועק צו פרעמדע, ווייל זיי זענען נישט געווען געניג שטארק אויפצונעמען דעם קאמף קעגן דער פינצטערניש. דער דאזיקער פראצעס פון אפשוואכן די וויטאלע כוחות פון פאלק וואלט אנגעהאלטן ווייטער, ווען נישט דאס, וואס אויף דער יידישער גאס האט זיך באוויזן דאס וועלטלעכע יידנטום: דער „בונד״ און דער ציוניזם.

דער סאציאליזם ביי יידן, און די אויפוואכנדיקע נאציאנאלע באוועגונג האבן צוריק פארבונדן מיטן פאלק די אינטעליגענץ, די שעפערישע כוחות.

די נאציאנאלע באוועגונג ביי יידן איז מעגלעך געווארן אדאנק דער סאציאליסטישער וועלט־אויפפאסונג, אדאנק דעם אומדערמידלעכן קאמף פון די יידישע סאציאליסטן פאר מענטשנרעכט, קעגן נאציאנאלע רדיפות. די סאציאליסטישע באוועגונג האט סעקולאריזירט דאס יידישע לעבן און מעגלעך געמאכט צום אויפשטיין פון א נייעם סעקולערן באגריף וועגן פאלק. דער סאציאליזם האט צעאקערט דעם באדן פאר דער אידייע פון נאציאנאלער באוועגונג, באזונדערס ווען לאנגע יארן איז דער „בונד״ געווען די איינציקע סעקולערע מאסן־באוועגונג ביי יידן און ערשט שפעטער האט דער ציוניזם באקומען זיינע גרויסע צאל אנהענגער.

דער סאציאליזם ביי יידן, דער „בונד״, און דער ציוניזם זענען ביי זייער אנטשטייאונג געווען נישט בלויז אנטי־קלעריקאל, נאר אויך אנטי־רעליגיעז. אויף יידן האט געווירקט די השכלה. די סאציאליסטן האבן אין קאמף קעגן די כלי קודש געזען נישט בלויז א קאמף פארן פרייען געדאנק (אז וועלכן עס איז זיך נישט פארצושטעלן די סאציאליסטישע באוועגונג), נאר אויך א קלאסן־קאמף, ווייל די גאטס־סטראפטשעס האבן געטריי געדינט די רייכע.

אויך דער ציוניזם (נישט די ציוניסטן) איז געווען א רעוואלוציע אין יידישן לעבן. דער עצם געדאנק פון צואיילן דעם קץ איז געווען אן איבערקערעניש אין טראדיציאנעלן געדאנקען־וועג. דערצו נאך האט דער ציוניזם, וואס האט אנגענומען די העברעאישע שפראך, במילא זיך פארבונדן מיט דער נייער אויפוואכנדיקער העברעאישער ליטעראטור, וואס איז געווען אפיקורסיש־קעמפעריש (סלאנימסקי). דאס אפווארפן דאסווארטן אויף ביאות משיח און אליין ווערן די אויסלייזער פון לאנד איז געווען א גאר געוואגטער שריט. ביז היינט האט מען נאך צרות פון די נטורי קרתא.

סיי דער „בונד", סיי דער ציוניזם האָבן געגעבן נייע אויפפאַסונגען פון יידישן לעבן, געשטאַלטיקט נייע פאָרמען פון נאַציאָנאַלן קיום און המשך. דער סאָציאַליזם און דער ציוניזם האָבן באַשאַפן דאָס וועלטלעכע יידנטום. שפּראַך, סעקולערע קולטור, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע — זענען די פאָרמען פון נאַציאָנאַלן אויסלעבן זיך. רעליגיעזע איבערצייגונגען דאַרפן נישט זיין דער סימן פון אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק. זיי קענען בלייבן די אינערלעכע איבערצייגונג, אַן אינערלעכער עניין, פון די, וועלכע פילן אַזוי און קיינער האָט נישט קיין רעכט זיי דעריין צו שטערן. מיר ווייסן, אַז צום „בונד" אין לאָדזש, למשל, האָבן געהערט אַ סך עלטערע וועבער, וועלכע זענען שבת געגאַנגען אין שול, געפירט טראַדיציאָנעלע היימען און דאָך געווען מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דער פּאַרטיי. רבנים האָבן פון ערשטן מאָמענט אָן פאַרנומען אַ חשוב אָרט אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן און צוזאַמען מיטגעאַרבעט מיט קעמפערישע פרייַדענקער.

אין יידישן לעבן האָבן אָנגעהויבן ווירקן וועלטלעכע פאַקטאָרן. דאָס האָט פיל בייגעשטייערט, אַז די אַלע, וועלכע האָבן זיך דערווייטערט פון רעליגיע, זאָלן נישט פאַרלאָזן דאָס פאָלק, נאָר זעען יידישקייט אין אַ ניי, מאָדערן ליכט.

אַז וועלטלעכקייט וואָלטן הונדערטער טויזנטער יונגע מענטשן, וועלכע האָבן אין דער ראַציאָנעלער עפּאָכע אויפגעהערט גלויבן, אוועק פון יידישן שטאַם, זיך אָפּגעריסן פון יידישן פאָלק. די וועלטלעכקייט האָט געראַטעוועט דעם נאַציאָנאַלן קיום.

אויך דער רעליגיעזער סעקטאָר האָט זיך גענומען מאָדערניזירן, כדי נישט צו פאַרשפּילן אַלץ. אונטערשערן אַ בערדל, אַפילו אָפּשערן די באָרד אינגאַנצן, איז שוין נישט געווען אַזאַ גרויסער חטא (זעט ביי מענדעלע מוכר ספרים „פישקע דער קרומער", די מעשה מיט דער אָפּגעשניטענער פאה). „בעסער אַ ייד אָן אַ באָרד, איידער אַ באָרד אָן אַ יידן". נישט אַזוי לייכט און שנעל האָט דער רעליגיעזער סעקטאָר זיך מאָדערניזירט. זיי האָבן אָבער איינגעזען די גרויסע נאַציאָנאַלע ראָל, וואָס די וועלטלעכקייט (אַכטונג, נישט פאַרמישן מיט פרייַדענקעריי!) האָט אָפּגעשפּילט. פּונקט ווי ר' סעדיה גאון אין זיין צייט מיטן סידור, אַזוי האָבן די יידישע קלאַסיקער מיטן יידישן בוך צעמענטירט דאָס יידישע פאָלק.

אין דער היינטיקער צייט פון ראַקעטן און פליען אין קאָסמאָס, רייזעס צו דער לבנה, ביי דער היינטיקער טעכניק פון אַטאָם־קראַפט, ווען עס קענען צעשטערט ווערן גאַנצע וועלטן — אין אַזאַ צייט מוז פאָרקומען אַ רעוויזיע אין טראַכטן און דענקען פון יעדן מענטש. פאַר אַ

רעליגיעז־פילנדיקן מענטש געגוגענעז שוין נישט די פשוטע, אמת אויס־געאיידלטע און נישט פערזאניפיצירטע פארשטעלונגען וועגן דער גאטהייט, פון א רמב״ם. היינט זענען מיר צוגעקומען צום סוד פון באשאף. אין דער רעליגיעזער עפאכע איז נישט געווען קיין סוד פון באשאף, ווייל גאט האט פארענטפערט אלע קשיות. די ראציאנאליסטישע עפאכע האט נישט געזען קיין סוד, ווייל די פיזישע געזעצן האבן בעארפן אלע פארענטפערן און דערקלערן. אבער די היינטיקע אטאם־פיזיק האט אונדז געוויזן, אז עס איז יא פאראן א סוד, וועלכן מיר זענען נישט בכוח אויפצוקלערן. עס איז אנטשטאנען א נייע רעליגיאזיטעט. מעג עס איינער אנרופן גאט און אן אנדערער קאסמישער געזעץ — ביידע זענען אומקלאר און אומ־באשטימט. דעריבער מוז מען דאס איבערלאזן יעדן יחיד, ער זאל עס באטראכטן אין זיין אייגענעם הארץ, אין זיין געוויסן, זיין פרייע אינער־לעכע איבערצייגונג.

אין אונדזער צוזאמענלעבן מוז אבער הערשן וועלטלעכקייט. מיר זענען קעגן צוואנגס־רעליגיאזיטעט, אבער אויך קעגן צוואנגס־פרייערנ־קעריי. גלויבן און אטעאיזם זענען און מוזן בלייבן נאר אינערלעכע עמאציעס.

בישלעכווייז איז אין די יידישע תפוצות אויסגעלאשן געווארן דער שארפער אנטי־רעליגיעזער קאמף. עס האבן דערביי געווירקט פארשיידענע סיבות: נאכן חורבן איז דאס ארטאדאקסישע יידנטום פון מזרח־אייראפע אינגאנצן פארשוואונדן ווי א געזעלשאפטלעכער פאקטאר. די פרומע יידן האבן זיך וויניקער געקענט אויסבאהאלטן. דער קאנפארמיזם פון דער היינטיקער צייט האט ארומגעכאפט אלע שיכטן. די ארטאדאקסיע גופא האט זיך געענדערט. עס זענען פארשוואונדן אין די תפוצות „גאטס קאזאקן״. די רעליגיעזע מנהיגים זוכן היינט צו שאפן אזא יידישקייט, וועלכע עס זאלן קאנען פארדייען די מחללי שבת און „אפיקורסים״. אמת, עס שפילן דערביי גאר א גרויסע ראלע מאטעריעל־עקאנאמישע מאטיוון, עס איז א קאמף פאר סאציאל־מאטעריעלע פאזיציעס אין זין פון ווערטל „זאל זיין פון א קאזאק, אבי צום לעבן״. אבער אומאפהענגיק דערפון מוז די ארטאדאקסיע זיך מאדערניזירן, אויפנעמען די פראבלעמען וועלט־לעך. פאראן אפילו געוויסע רעליגיעזע קרייזן, וועלכע באנעמען, אז אין געזעלשאפטלעכן לעבן מוזן צוזאמענארבעטן רעליגיעזע, ארעליגיעזע און אפילו אנטירעליגיעזע. אמת, אונדזערע רעליגיעזע פירער זענען נאך גענוג אפגעשטאנען און הינטערשטעליק אפילו לגבי די פירער פון דער קאטוילי־שער קירך, וועלכע איז יארהונדערטער געווען א פעסטונג פון רעאקציע, פינצטערקייט און אפגעשטאנענקייט. אבער אויך דאס וועט זיך ענדערן.

אויך דער וועלטלעכער סעקטאָר איז געגאַנגען אויף קאָמפּראָמיסן. די ציוניסטן האָבן שוין לאַנג אָפּגעשטעלט זייער אַנטירעליגיעזן קאַמף, שוין בלויז צוליב דעם וואָס דער רעליגיעזער „לשנה הבא בירושלים" האָט מער געווירקט ווי צענדליקער ביכער, קאָנגרעסן, רעדעס און אויפרופן. די בונדיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז פון חורבן אַן (טיילווייז פאַרן חורבן) נישט געווען פריי פון געוויסע סענטימענטן צוליב דער פאַר־וואָרצלטער פאָלקסטימלעכקייט פון די פרומע קרייזן.

דער קער פון אונדזערע סעקולערע באַוועגונגען איז אָבער נישט געווען צו דער רעליגיע נאָר צו דער טראַדיציע. זיי האָבן אין דער טראַ־דיציע און פאָלקסטימלעכקייט געזוכט אַן אָנשפּאַר פאַרן נאַציאָנאַלן קיום.

ווי מיט יעדן ריכטיקן געדאַנק, וואָס פאַלט אַריין צו פאַלשע אויס־טייטשער, ווערט עס פאַרקריפּלט, אַזוי איז אויך געשען מיט דעם דאָזיקן געדאַנק. אַן אויבערפלעכלעכער, איינזייטיקער דאָלטאַניסטישער צוגאַנג צו דער פראַגע האָט די אַמאָליקע אפּיקורסים אַ יאָג געגעבן אין שול — צוליב באַקוועמלעכקייט נאָר איינמאָל אין יאָר. זיי האָבן קאָנטינואירט דעם זעלבן „אַמעראַצישן" בליק פון די אַמאָליקע חלב־פרעסער, אַז רעליגיע און טראַדיציע זענען איינס.

אַזאַ צוגאַנג איז געווען אויף דער האַנט פון פאַרשיידענע היפּאָקריטן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן פּרעדיקן רעליגיע פאַר יענעם (און פאַר די אייגענע קינדער), אָבער נישט פאַר זיך. זיי פאַרלאַנגען אין עפנטלעכן לעבן דווקא רעליגיאָזיטעט און איז דער אייגענער שטוב — שוין אָפּגערעדט פון אייגענעם האַרץ — איז פּוסט. זיי זשאַלעווען נישט קיין געלט אויף רעליגיעזע צוועקן, אָבער זייער אייגן לעבן ווילן זיי נישט פאַרבונדן מיט דעם גלויבן.

דאָס איז דער גרעסטער היפּוך,— די פאַרלייקענונג פון וועלטלעכקייט. ווען פאַנאַטיקער, סיי פרומע, סיי פרייַדענקער זענען נישט וועלטלעך איז עס אַ שלעכטע מידה: דאָס פעלן פון טאָלעראַנץ. אָבער ווען נישט־פרומע ווילן אויפצווינגען פרומקייט אין עפנטלעכן לעבן איז עס צביעות, היפּאָ־קריטישקייט פון העכסטן גראַד.

באַטראַכטנדיק אונדזער טראַדיציע מוזן מיר געדענקען דעם געשיכט־לעכן פאַקט, אַז אונדזער גאַנצע קולטור איז געשאַפן געוואָרן אין רעליגיעזע אידיאָמען. די פרייע מאָלער און סקולפּטאָרן פון רענעסאַנס האָבן געמאָלט קריסטלעך־הייליקע געשטאַלטן, הגם דער גאַנצער זין פון זייער שאַפן און זייער אויסווירקונג איז געווען אַ פאַרלייקענונג פון דער קירכלעכער וועלט־אַנשויאונג.

אַזוי זענען אויך אונדזערע קולטור־אוצרות, דער תנ"ך און די אגדות

אַ אוצר פון וועלטלעכן פאָלקס־שאַפן, אַזוי איז דער תּלמוד און די דינים נישט בלויז אַן אויסדרוק פון אויסטייטשן רעליגיעזע דינים, נאָר אַ רעכט־קאָדעקס, געזעצן, וועלכע האָבן רעגולירט דאָס וועלטלעכע לעבן. געזעצן, וועלכע היינט־צו־טאָג נעמען דאָס אַן געזעצגעבער פון פאַרשיידענע גלויבנס און אומגלויבנס.

באַזונדערס וועלטלעך און דער עיקר נאַציאָנאַל זענען אונדזערע יום־טובים. אַן אַ יום־טוב איז נישטאָ קיין שטייגער. יעדעס נאַציאָנאַל לעבן שאַפט זיך זיין אייגנאַרטיקן שטייגער. אונדזערע יום־טובים האָבן באַצייכנט די טעטיקייטן פון מענטש, זיינע טאָג־טעגלעכע טואונגען. (ערשטער שניט, איינזאַמלען די פּרוכט) אויך גרויסע נאַציאָנאַלע געשעענישן זענען אָפּגעמערקט געוואָרן דורכן פאָלק. אָבער די יידישע כּלי־קודש, וועלכע האָבן גענומען אויף זיך די ראָל פון די איינציקע אויסטייטשער און דערקלערער האָבן ביסלעכווייז אָפּגעווישט דעם אייגנטלעכן זין פון יום־טוב און איבערגעלאָזט נאָר זיין רעליגיעזן צוגאָב, וואָס איז נאָר געווען אַמאָל אַ נעבנזאַך. פּסח, דער יום־טוב פון פרילינג און פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג איז געוואָרן אַ מצה־יום־טוב מיט אַ סך נאַרישע מנהגים (פאַרקויפן חמץ אַ גוי אדגל.) שבת איז פון פאַרגעשריטנסטן געזעץ אין דער מענטשלעכער געשיכטע (אַ גרעסערע רעוואָלוציע אין סאָציאַלן לעבן, ווי די היינטיקע פּראָיעקטן וועגן 4־טאָגיקער אַרבעטס־וואָך) געוואָרן אַן אָפּקומעניש. אפילו אַזאַ פרייער יום־טוב ווי פּורים, וואָס איז אַ נאַציאָנאַלער סימבאָל פון דער מפּלה פון אַלע המן־היטלערס, איז אויך דער תּענית געוואָרן דער עיקר. טשיקאַווע איז נאָר דאָס, וואָס אין דער מגילה ווערט צומאָל גאָטס נאָמען נישט דערמאָנט, און כּסדר רעדט זיך וועגן פאָלק.

אַ געהעריקע וועלטלעכע באַלייכטונג פון אונדזער געשיכטע און טראַדיציע, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דעם ניוואָ פון אַ היינטצייטיקן מענטש, וואָס זאָל אונדזער יוגנט געבן אַ געהעריק בילד פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט, פון אונדזער קעגנוואָרט, פון די גרויסע מאָראַליש־עטישע ווערטן פון אונדזער טראַדיציע און קולטור, וואָלט פיל מיטגעהאָלפן צום קאַמף פאַר אונדזער קיום און המשך. ווי וויכטיק דער קאַמף פאַר געבן דער יוגנט די נאַציאָנאַלע שפּראַך זאָל נישט זיין, מוז מען פיל כּוחות אָפּגעבן פאַר געשיכטע. דאָס נאַציאָנאַלע געפיל וואָלט פיל שטאַרקער געווען.

צום באַדויערן פאַרשטייט מען דאָס נישט אין יידישן לעבן. וועלטלעכקייט ווערט אָפּגערוקט אויפן וויטערדיקן פּלאַן. עס הערשט אַ טעמפּקייט בנוגע די נאַציאָנאַלע נויטן אין גייסט. עס געוועלטיקט אַ קאָנפאָרמיזם. די יידישע מאַסן אין פּוילן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַזאַ פּרעכטיק

קאַפּיטל פון נאַציאָנאַלער דערוואַכונג דורך דעם וועלטלעכן געדאַנק, זענען אכזריותדיק פאַרשניטן. דער אַמעריקאַנער ישוב האָט נאָך נישט אויסגעפורעמט זיין פּנים. דער חורבן פּוילן האָט אים יינג פאַריתומט און ער שלאָגט זיך מיט שוועריקייטן דורך א וועג. אַנדערע ישובים זענען קוואַנטיטאַטיוו צו קליין צו קענען אויפטאָן. בלייבט די האָפענונג אויפן גרויסן יידישן ישוב אין ישראל, וווּ די פּאָליטישע, סאָציאַלע און מאַטעריעלע מיטלען זענען גרויס אין קאַמף פאַרן קיום. הערשט אין ישראל אָבער א קאָנפאָרמיסטישער צוגאַנג צום פּראָבלעם וועלטלעכקייט.

סיבות זענען פאַראַן אָביעקטיווע און סוביעקטיווע. די אָביעקטיווע סיבה איז דער אידעאָלאָגישער קריזיס אין ציוניזם. דער ציוניסטישער אויסלייזונגס־געדאַנק האָט נאָכן דערגרייכן די אַנטשטייאונג פון דער מדינה נישט באַוויזן צו לייזן די הויפּט־פּראָבלעמען פון יידישן לעבן: דער קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע פון פאָלק און די ליקווידאַציע פון אַנטיסעמיטיזם. דער ציוניזם איז צו שוואַך צו טראָגן אַליין דעם עול פון נאַציאָנאַלן קיום און המשך. זוכט ער אַ אַנשפּאַר אין דער אָרטאָדאָקסיע, איינגעטלעד אין „אָרטאָדאָקסיזם".

די סוביעקטיווע סיבה איז די פּאָליטישע קאָנסטעלאַציע אין ישראל. מפּא"י, די רעגירנדיקע אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס דאַרף פאַרטרעטן דעם וועלטלעכן געדאַנק, האָט נישט קיין מערהייט אַליין. די לינקע אָפּאָזיציאָנעלע אַרבעטער־פּאַרטייען באַלאַנדזשען צווישן קרעמל און הר ציון און געפינען נישט קיין תיקון. איז די איינציקע ברירה — נישט אַנצוקומען צו חירות — א קאָמפּראָמיס מיט די רעליגיעזע, וואָס האָט שוין אַרויסגערופן א סך בייז בלוט.

צו דעם אַלעם ליידט נאָך דער וועלטלעכער סעקטאָר פון דעם, וואָס ווי א מיטן־וועג, איז ער לויט זיין כאַראַקטער נישט מיליטאַנטיש, נאָר איז אָפּהענגיק פון גוטן ווילן צו פאַרשטענדיקונג. נאָר דערביי האַלטן מיר נאָך נישט.

נישט געקוקט אויף אַלעם וועט דאָך דער וועלטלעכער געדאַנק מוזן זיגן, אויב מיר ווילן עקזיסטירן ווי א פאָלק און לעבן ווי א פאָלק. דאָס לעבן האָט זיך זיין גאַנג. אין דער צייט, ווען מען פליט צו דער לבנה האָט שוין נישט קיין זין צו שפּרינגען אַקעגן דער לבנה. די וועלט ווערט א קאָמאָנוועלט, זי סעקולאַריזירט זיך. ביי אונדז אין יידישן לעבן איז דער פּראָצעס א שווערער און לאַנגזאַמער. מיר פאַרשפּעטיקן זיך אין גאַנג. אָבער די מענטשהייט מאַרשירט פאָרויס, ווער אין שפּיץ, ווער צום סוף. אָבער אַפילו די לעצטע רוקן זיך אויך פאָרויס.

די יידישע וועלטלעכקייט האָט נאָך נישט אָנגענומען קיין באַשטימטע

פארמען. עס איז נאר פאראן דער אינערלעכער אינהאלט, די נויטווענדיקייט פון דער זאך פארן קיום און המשך פון פאלק. אבער אויסערלעכע פארמען וועלן קומען, ווייל זיי מוזן קומען. יעדער אינהאלט באקומט זיין אויסערלעכע פארם, אזא איז דער געזעץ פון דער נאטור.

מיר וועלטלעכע יידן דארפן, ביים אויסארבעטן אונדזער נייעם שטייגער, נישט מורא האבן פאר דער טראדיציע פון אמאל. מיר קענען, מיר דארפן, מיר מוזן אויסארבעטן א נייעם נוסח אין גייסט פון אונדזער גרויסער פראגרעסיווער געשיכטע און אין איינקלאנג מיט דער מאדערנער נייער צייט.

וויאזוי — א באזונדער קאפיטל פאר זיך.

חיים ראָזנשטיין

# אַפּגענאַרט געווּסן און קיום יידישקייט

פעלקער מאַכן דורך פאַרשידענע עטאַפּן אויף זייער גורל־וועג. און אין אַט די עטאַפּן פאַרנעמען אַלערליי קריזיסן א גאַר אַנגעזעט אָרט.

מיר, יידן, פאַרנעמען אויף דעם געביט, דאַכט זיך, דאָס ערשטע אָרט צווישן פעלקער, ווייל, איידער מיר באַווייזן ווי געהעריק אָפּצו־עטעמען נאָך א קריזיס, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס געענדיקט, באַווייזן זיך שוין סמנים פון א נייער געפאַר, וועלכע הויבט אָן צו לויערן אויפן יידישקייט־האָריזאָנט.

אָבער א קריזיס צו א קריזיס, פונקט ווי א געפאַר צו א געפאַר, איז נישט אַלעמאָל גלייך. ס׳קאָן געשען, אַז א גרויס פאָלקס־אומגליק טרעפט זיך צענויף מיט אַן אינערלעכן פאָלקס־קריזיס, אַזעלכן ווי יידיש־קייט לעבט איצט איבער, דעמאָלט מוז מען אָנקומען צו כירורגישע מיטלען, אויסשניידן דאָס קראַנקע געוויקס, וועלכעס איז גורם דעם קרי־זיס, כדי צו ראַטעווען דעם פאָלקס קערפּער פון א שעדלעכן אַנוווקס.

די פראַגע, וועלכע ווערט דאָ באַרירט, איז אונדזער אַלעמענס יידיש־קייט ווײ־געשריי, וועלכן מיר הערן איבער דער גאַנצער יידישער וועלט. און ווייל ס׳איז א ווײ־געשריי פון א פאָלק, קאָן מען וועגן דעם נישט ריידן דורך א זיידן טיכל. ווי האַרב און אַנגעווייטיקט דער פּראָבלעם איז, אַזאַ מוז זיין די שפּראַך. וואָס ווייניקער מיר וועלן זיך שעמען אָנ־צורופן זאַכן ביים נאָמען, אַלץ לייכטער וועט עס מאַכן צו געפינען א לייזונג.

קיום־יידישקייט, היינט־צו־טאָג, איז אונדזער שווערסטער פּראָבלעם. און פּראָבלעמען האָבן א טבע, אַז זיי לאָזן זיך נישט לייזן מיט א שטריך פון א פעדער, צי מיט א שניט פון א שווערד. אפילו א רעוואָלוציע איז נישט בכוח צו לייזן שווערע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון היינט אויף מאָרגן.

פּראָבלעמען קאָנען געלייזט ווערן נאָר אויפן וועג פון עוואָלוציע. דער ערשטער שריט אין דער ריכטונג צו לייזן אַזאַ שווערן פּראָבלעם

ווי אונדזערער, איז אנצווייזן אויף די אַלע נעגאַטיווע מאָמענטן, וועלכע העלפן פאַרשאַרפן דעם קריזיס. און דער צווייטער, נאָך וויכטיקערער שריט, איז צו העלפן אויסגעפינען די אַמבעסטן צוגעפּאַסטע מיטלען און מעטאָדן אויף צו קאָנען באַזייטיקן די קרענק, וועלכע צעפרעסט אַזוי מוראדיק אונדזער ייִדיש לעבן..

אַרויסגייענדיק פון אָט דער הנחה, שרייב איך דאָס ווייטערדיקע.

איך שטעל מיר פאָר, אַז דאָס פאַרבינדן אָפּגענאַרט געוויסן מיט קיום־ייִדישקייט קאָן פאַר א סך אויסזען מאָדנע. האַלט איך אָבער, אַז ביידע פראַגן האָבן א גאָר נאָענטן שייכות. און אויב מען וויל אָפן ריידן וועגן ייִדישקייט־קריזיס, לאָזט עס זיך היינט נישט אַנדערש, ווי אין פאַרבינדונג מיט אונדזער אָפּגענאַרט געוויסן.

סיבות דערפאַר זענען פאַראַן מער ווי גענוג. אָבער די וויכטיקסטע איז, וואָס אַזוי פיל ייִדן, פון אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען, באַמיען זיך אויף די פאַרשידנסטע אופנים לייכטער צו מאַכן זייער ביסל ייִדיש־קייט. זיי ווילן זיך וואָס מער באַפרייען פון דעם ייִדישקייט־עול, אויף וועלכן אונדזער קיום האָט זיך אַלעמאָל געשטיצט און וועלכער האָט מעגלעך געמאַכט, במשך אַזוי פיל דורות, המשך ייִדישקייט.

דאָס פאַרבינדן אָפּגענאַרט געוויסן מיט קיום־ייִדישקייט דאַרף נישט פאַרשטאַנען ווערן ווי א באַשולדיקונג, נאָר ווי א פּרוּוו אָנצוווייזן אויף א רייע פאַקטן און סיבות, וועלכע ווערן ביי אונדז כסדר פאַרשוויגן, און וועלכע זענען, אין גאָר א גרויסער מאָס, גורם, אַז אונדזער ייִדיש־קייט איז נישט היינט דאָס, וואָס מיר וואָלטן געוואָלט עס זאָל זיין.

איידער מיר גייען איבער צו דער אייגנטלעכער פראַגע פון אָפּגענאַרט געוויסן אין שייכות מיט קיום־ייִדישקייט, ווילן מיר זיך פריער אָפּשטעלן אויפן פּראָבלעם אָפּגענאַרט געוויסן אַלס אַזעלכן, וועלכער איז, לויט מיר, איינער פון די דאָמינירנדיקסטע פאַקטאָרן אין אַלע מענטשלעכע האַנדלונגען, און וועלכן מיר, ייִדן, זענען פּונקט אַזוי אונטערגעוואָרפן ווי די נישט־ייִדן, אַלע איינס, צי מיר לעבן אין דער צעשפּרייטקייט צווישן אַנדערע פעלקער, צי אין אונדזער אייגענער מדינה.

דאָס, וואָס וועט דאָ ווייטער געזאָגט ווערן, האָט בלויז פאַר א צוועק אָנצודייטן אויף דעם זייער קאָמפּליצירטן פּראָצעס פון דער אַזוי אייגנאַרטיק־פּסיכאָלאָגישער דערשיינונג. אָבער שוין די אָנדייטונג, וויל איך האָפן, וועט אונדז לייכטער מאַכן צו פאַרשטיין די כוונה פון דער באַהאַנדלטער דאָ פראַגע.

ס'איז נישט פאַראַן נאָך אַזאַ פּסיכישער פאַקטאָר, וועלכער זאָל זיך קאָנען פאַרגלייכן מיט דער קאָלאָסאַלער השפּעה, וועלכע ס'האָט אויף

אונדזער גאַנץ לעבן, אויף מייסטנס אונדזערע האַנדלונגען, דער כּוח פון געווויסן־אָפּנאַרעריי. און ס'איז שווער צו גלויבן, צי ס'איז פאַראַן נאָך אַ געביט, פון וועלכן דער מענטשלעכער מין זאָל האָבן געליטן אַזוי פיל עוולות, ווי אינם רעזולטאַט פון דער ראַל, וועלכע אָפּגענאַרט געווויסן האָט געשפּילט און דער געשטאַלטיקונג פון דער וועלט־געשיכטע.

פון לאַנגער געשיכטלעכער דערפאַרונג ווייסן מיר, אַז דאָס אָפּנאַרן פון מענטשלעך געווויסן אין נאָמען פון די העכסטע אידעען און רעליגיעס האָט גורם געווען נישט ווייניקער פּיין, ליידן און גרויל־עוולות, ווי די קאַמפן, וועלכע די מענטשלעכע בעסטיע פירט זייט דורות קעגן אירע אייגענע ברידער און מיטבירגער.

דער באַגריף — אָפּגענאַרט געווויסן, ווי איך פאַרשטיי אים, לאָזט זיך אין קורצן אַזוי פאָרמולירן:

דער אונטערשיד צווישן דעם, וואָס ווערט טעאָרעטיש באַגרינדעט און דעם וואָס קאָן פּראַקטיש פאַרווירקלעכט ווערן, באַטרעפט דעם סכום פון אָפּגענאַרט געווויסן.

טעאָרעטישע באַגרינדונגען, געשטיצט אויף אַ לאָגיק, וועלכע איז אין סתירה צום אמת, בילדעט דעם יסוד פון אָפּגענאַרטן געווויסן.

דאָס פּרוּוון אויפצווינגען כּלומרשטע אמתן, וועמענס באַזע און אַנשפּאַר איז גלויבן אין עפּעס, וואָס קאָן נישט מיטן שכל קאָנטראָלירט ווערן, שאַפט די ברייטסטע מעגלעכקייטן פאַר געווויסן־אָפּנאַרעריי.

אַבסטראַקטע באַגריפן און זייערע אויסטייטשונגען זענען דאָס גרעסטע פעלד פאַר אַלערליי ווילד־געוויקסן פון געווויסן־אָפּנאַרעריי.

און צום סוף — ליגן און זעלבסט־אָפּנאַרעריי, — די פּאָפּולערסטע שטריכן אין מענטשלעכן כאַראַקטער, זענען די קרוין פון געווויסן־אָפּנאַרעריי.

די געשיכטע לערנט, אַז אין די פּרוּוון צו רעאַליזירן די אויפגאַבעס און צילן, וועלכע ס'האָבן זיך געשטעלט רעליגיעס, אידעען, פעלקער און לענדער, זענען אַנגעווענדט געוואָרן אַזאַ שיעור מיטלען, וועלכע זענען געווען דער היפוך פון דעם, וואָס זיי האָבן געפּרעדיקט. און אַז אין אַלע צייטן האָט מען זיך פאַר די צוועקן, קודם־כּל, אַרויסגעהאָלפן דורך אָפּנאַרן אונדזער געווויסן.

געווויסן־אָפּנאַרעריי איז אַזוי אַלט, ווי אַלט ס'איז דער מענטשלעכער באַוווסטזיין. דאָס מיינט, פון די צייטן פון דעם פּרימיטיוווסטן מענטש און זיין שבט. אָבער דווקא אין אונדזער, אַזוי וויסנשאַפטלעך־פּראָגרעסיווער, און טראַגיש־קאָמפּליצירטער צייט, איז אָפּגענאַרט געווויסן אויס־

געוואַקסן, איז אַ רייע לענדער, צו דער מדרגה פון פאַרברעכערישן אומזין.

דער פּסיכאָז פון אָפּגענאַרטן געוויסן פאַרבלענדט נישט בלויז די מוחות פון דער גרויער מאַסע. ער פאַרבלענדט אויך די מוחות פון געלערנטע, קינסטלער, כּלי־קודש און אַ סך אינטעליגענטע מענטשן. דווקא צווישן אָט די ספֿערן קאָן מען געפֿינען די אייפֿערדיקסטע פּאַרטיידיקער פון אַלע יענע געזעלשאַפֿטלעכע משוגעת'ן, אין רעזולטאַט פון וועלכע די וועלט טונקט זיך כּסדר אין אַ ים פון רשעות און אומזין.

נאָך אין אָנהויב פון אונדזער יאָרהונדערט האָט מען זיך אין פֿראַגן פון געזעלשאַפֿטלעכן קאַמף באַמיט צו האַלטן ביי דער הנחה, אַז טעאָריע און פּראַקטיק זאָלן זיין וואָס מער אין איינקלאַנג. אָבער זינט דעם סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז פֿאַרגעקומען אַ שאַרפֿער איבערברוך אין באַצוג צו אידעאישע אַני־מאַמינס און אין דער נויטווענדיקייט זיי אָפּצוהיטן. צווישן טעאָריע און פּראַקטיק האָט אָנגעהויבן אויסצווואַקסן וואָס אַמאָל אַ טיפֿערער תהום, וועלכער האָט נישט געקאָנט נישט באַאיינפֿלוסן דאָס פּריוואַטע לעבן פֿונם יחיד און פֿירן אים אויף די זעלבע אומוועגן פון געוויסן־אָפּנאַרעריי, וועלכע רעגירונגען און פּאַרטייען, און צוזאַמען מיט זיי רעליגיעזע ריכטונגען, ווירטשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס און אַנדערע אינסטיטוציעס פּראַקטיצירן אַזוי אינטענסיוו.

און דער יחיד, אויסער זעלטענע אויסנאַמען, אַ פּאַרטשאַדעטער פון דעם מעכטיקן אָפּנאַר־אַפּאַראַט, וועלכער גיט אים שוין באַלד נישט קיין פֿרייע מינוט אויף אָפּצושטעמען, האָט שלום געמאַכט מיטן אַלמעכטיקן ליגן און איז אַוועק אין זיינע, דעם ליגנס, דרכים.

עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז געוויסן־אָפּנאַרעריי איז שטענדיק אַ נעגאַטיווער פֿאַקטאָר. אין דעם זייער קאָמפּליצירטן לויף פון געשיכטלעכע געשעענישן, פּונקט ווי אין נישט ווייניקער קאָמפּליצירטן לעבנס־לויף פון אַ יחיד, קאָן זיך שאַפֿן אַ לאַגע, ווען געוויסן־אָפּנאַרעריי מיט אַ גוטער כּוונה, איז אומפֿאַרמיידלעך און אַפֿילו באַרעכטיקט. אָבער דאָס זענען זייער זעלטענע פֿאַלן און זייער באַרעכטיקונג אַ נאָך מער זעלטענע דערשיינונג.

מיט דעם ביז־איצט באַטאַנטן ביז איך נישט אויסן געווען אָפּצולייקענען דאָס פּאָזיטיווע, וואָס איז פֿאַראַן אין יענע פֿאָרמען פון געזעלשאַפֿטלעכן קאַמף, וועלכע שטרעבן אויפֿריכטיק צו שאַפֿן באַדינגונגען פֿאַר אַ בעסער און גערעכטער לעבן. כ'האָב בלויז געוואָלט אָנדייטן אויף דער אַזוי קאָלאָסאַלער ראָל און שעדלעכער אויסווירקונג פון געוויסן־

אַפּגאַרעריי־גולם, וועלכער איז אויסגעוואַקסן צו אַ מאַכט, מיט וועלכער די וועלט קאָן זיך וואָס אַמאָל וויניקער אַן עצה געבן.

* * *

ס׳איז נויטיק געווען זיך אָפּצושטעלן אויף דער פראַגע אָפּגעגאַרט געווינען, כדי צו קאָנען פאַרשטיין ווי אַזוי מיר, יידן, זענען במשך אונדזער טויזנט־יאָריקער צעשפּרייטונג צווישן אַזוי פיל פעלקער, באַווירקט געוואָרן פון אַט דעם מאָנסטער־פּראָבלעם, און דאָך באַוויזן צו בלייבן אַ געשלאָסענע פאָלקס־איינהייט.

דאָס מיינט נישט צו זאָגן, אַז מיר זענען אַנדערש אין דעם פּרט ווי די נישט־יידן, אָבער דאָס גיט אונדז דאָס רעכט צו גלויבן, אַז אין אונדזער אויסדויער און אין דעם כוח פון קאָנען זיך אַנטקעגנשטעלן אַזוי פיל געווינען־אָפּנאַרעריי, ליגט אַ שטיק סוד פון אונדזער יידישקייט.

דאָס יידישקייט־פּראָבלעם איז במשך דורות געוואָרן אַ סך קאָמפּליצירטער, ווי מיר אַלע, פון די פאַרשידנסטע ריכטונגען אויף דער יידישער גאַס, מיינען. וועלכע כוחות אָבער זענען געווען די דעציזירנדיקסטע פאַר אויפהאַלטן יידישקייט, איז נאָך אַלץ אַ שטרייט־פראַגע צווישן יידן.

נישט וועלנדיק מינימיזירן די ראָל, וועלכע רעליגיע האָט געשפּילט אין יידישן לעבן און איר השפּעה אין אויספורעמען די טראַדיציאָנעלע יידישקייט, איז זי נישט געווען, ווי אַ סך ווילן עס האָבן, דער איינציקער און דעציזירנדיקער כוח פאַר אויפהאַלטן יידישקייט.

פאַר דער גאַנצער יידישער געשיכטע, אין אַלע תקופות און אין אַלע לענדער, זענען געווען באַדייטנדע פאָלקס־שיכטן, אריינגערעכנט זייער פיל פון אונדזער גייסטיקער עליטע, וועמען דער גייסט פון דער הערשנדער יידישער רעליגיע איז נישט געווען צום הארצן, וואָס האָט זיי נישט געשטערט צו זיין זייער גוטע יידן. און אַ סך לערעם און ביישפּילן פון אַט די טרייע און איבערגעגעבענע יידן האָבן געהאָלפן פעסטער מאַכן דעם בונד פון פאָלקישער יידישקייט פאַר ווייטערע דורות.

פרעגט זיך: אויב רעליגיע איז נישט געווען דער איינציקער כוח, וועלכער האָט זיי געבונדן מיט יידישקייט, פונקט ווי זי בינדט היינט נישט די מערהייט פון אונדזער פאָלק, טאָ וועלכער כוח האָט דאָס יאָ באַוויזן?

דער איינציקער, דער נאָענטסטער צום אמת, ענטפער זעט אויס צו זיין — דער כוח פון נאַציאָנאַלן אינסטינקט.

פאָלק, דאָס איז יענע גרויסע לאַבאָראַטאָריע, אין וועלכער ס׳ווערט,

פון אַלע מינים יידישקייט, אויסגעפורעמט דער געזונטער נאַציאָנאַלער גערדאַנק, די קערנדיקע טעזע פאַרן קיום.

אָבער איז דער באַגריף נאַציאָנאַל נישט סטאַטיש. ער ענדערט זיך מיטן לויף פון דער צייט, אָפּהענגיק פון די עקאָנאָמישע באַדינגונגען און געענדערטע קולטור־פאָרמען, אין וועלכע עס קומט אויס די פעלקער צו לעבן.

ווי שוין פריער דערמאָנט, זענען מיר אויף אונדזער שווער־געשיכט־לעכן וואַנדער־וועג, מער ווי אַלע אַנדערע פעלקער, כסדר באַווירקט געוואָרן פון אָפּגענאַרטן געוויסן. באַווירקט געוואָרן אונטער די פאַרשידנסטע רעזשימען און באַדינגונגען, און אין נאָמען פון אַלערליי גלויבנס, אידעען און קולטורן. ס'איז דעריבער נאַטירלעך, אַז דער אַזוי פאַרשידנאַרטיקער און מעכטיקער דרוק האָט געמוזט לייגן אַ ספּעציפישן חותם אויף אונדזער פּסיכיק און אויף אונדזער איינשטעלונג צו אַ שיעור פּראָבלעמען, אויך אין יידישן לעבן.

רעליגיע האָט אַלעמאָל געקעמפט פאַר סופּרעמאַציע אין יידישן לעבן און האָט זיך ביטער אַנטקעגנגעשטעלט דעם נאַציאָנאַלן גערדאַנק, ווען עמעס אַנזען איז כסדר געוואַקסן. און אין דעם קאַמף האָבן מיר אַפּט פאַרטויִשט ביידע באַגריפן.

דורך דער גאַנצער יידישער געשיכטע ציט זיך ווי אַ בלוט־רויטער פאָדעם דער מאָטיוו פון קידוש־השם. עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז קידוש־השם, אַזוי ווי די יידישע פאָלקס־מאַסן האָבן עס אַלעמאָל פאַר־שטאַנען, האָט געמיינט אונטערצושטרייכן די אַנגעהעריקייט צום פאָלק דורך אַ גרויסער נאַציאָנאַלער און נישט דווקא רעליגיעזער טאַט, וועלכע האָט געדאַרפט באַצוועקן המשך יידישקייט.

די לערע פון די גרויסע נביאים אונדזערע איז פול געווען מיט וויזיע, מיט מאָנונגען פאַר יושר און גערעכטיקייט. זייערע שטראָף־רייד האָבן, מער ווי אַלץ, געהאַט פאַר אַ צוועק צו וועקן דעם נאַציאָנאַלן באַוווּסט־זיין. אָט די שטראָף־רייד זענען געווען דער אָנהויב פונם קאַמף פאַר המשך יידישקייט, אַ קאַמף, וועלכער גייט אָן אין אַלע צייטן אין דער יידישער געשיכטע.

מיר זענען לעצטנס עדות פון אַ טיילווייזן צוריקקער צו אַ מין שות־פות פון געוויסע טראַדיציאָנעלע פאָרמען מיט פאָלקישקייט, וואָס דאַרף נישט פאַרשטאַנען ווערן ווי אַ צוריקקער פון וועלטלעכקייט צו פרומקייט, נאָר ווי אַ ווילן צו שטאַרקן נאַציאָנאַל דעם אָפּגעשוואַכטן יידישקייט־גייסט דורך אויפהאַלטן יענע טראַדיציעס, וועלכע קאָנען העלפן פאַר־פעסטיקן יידישן שטייגער היינט־צו־טאָג.

און אז מיר רעדן וועגן שותפות פון טראַדיציע מיט פאָלקישקייט, דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אז די יידישע פאָלקס־מאַסע איז היינט נישט מער די אַמאָליקע יידישע פאָלקס־אַרעמקייט. עקאָנאָמיש גייט אונדז היינט א סך בעסער ווי פריער. און אז מען לעבט איין אָן עפּאָכע פון אזוי פיל באַקוועמלעכקייטן, וויל מען אויך האָבן א באַקוועמערע רעליגיע און א באַקוועמערע יידישקייט, וואָס זאָלן ווייניקער בינדן און ווייניקער שטערן צו לעבן אזוי ווי ס'איז אונדז ליב און ניחא.

דערפון נעמט זיך, וואָס מיר האָבן היינט אזוי פיל יידישקייטן ווי קיינמאָל פריער אין אונדזער געשיכטע. און ווייל עס זענען דאָ אזוי פיל יידישקייטן, זענען זיי אזוי ווייניק יידיש אין אויפריכטיקן גלויבן.

רעליגיע און וועלטלעכקייט טיילן איצט שותפות דעם זעלבן גורל. זיי פאַרלירן די השפעה איבער די פאָלקס־מאַסן.

וווּ ליגט דער סוד, אָדער וועלכער כוח איז גורם דאָס פאַרלירן די השפעה?

דער ענטפער איז: —

א. — די געשיכטלעכע געשעענישן פאַר די לעצטע יאָרצענדליקער לויפן מיט א ביז־איצט אומבאַקאַנטן אימפּעט, רעוואָלוציאָניזירנדיק איין לעבנס־געביט נאָכן אַנדערן;

ב. — די קאָלאָסאַלע וויסנשאַפטלעך־טעכנישע דערגרייכונגען און די כסדרדיקע איבערגרופּירונג פון פעלקער און לענדער זענען גורם סאָציאַלע ענדערונגען פון א פאַרנעם, וועלכן די מענטשהייט האָט פריער נישט געקענט;

ג. — די סטאַנדאַריזאַציע פון מאָדערנעם לעבן איז אויסגעוואַקסן צו אזא כוח, אז דער יחיד, אויסער זעלטענע אויסנאַמען, קאָן נישט און וויל זיך אים נישט אַנטקעגנשטעלן;

ד. — קיין שום געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג קאָן נישט מער מיטמאַכן דעם טעמפּאָ פון די אַלע מעכטיקע ענדערונגען און דערפאַר קאָנען זיי נישט מער אויסאיבן אזא השפעה ווי אין די אַמאָליקע יאָרן.

די געשעענישן וואַקסן אַריבער יעדע ריכטונג און באַוועגונג. אַלע זענען זיי הינטערשטעליק לגבי דעם שטורמישן לויף פון דער צייט און דעם גורם פון אירע פאַלגן. זיי הערן אויף צו זיין די פירשפּרעכער פון פעלקער און מאַסן ווי דאָס איז נאָך געווען אין אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט.

אַלע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען זענען געשטעלט געוואָרן פאַר א ריי נייע אויפגאַבן, וועלכע זיי האָבן נישט געקאָנט פאָראויסזען און

וועלכע פאָדערן, צוליב די שטאַרק געענדערטע באַדינגונגען, אַ נייעם צוגאַנג צו אַן אַ שיעור פּראָבלעמען. אַ צוגאַנג, וועלכער איז זייער אָפט אין סתירה צו די פריער געפּרעדיקטע אמתן.

און נאָך עפּעס דאַרף דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן. די היינטיקע יוגנט איז נישט פאַראינטערעסירט אין קיין אידעען, און ווער שמועסט פּראָגרעסיווע אידעען. ווייל אַ יוגנט, וועלכע לעבט אין אַ צייט פון געזעל־שאַפטלעכער דעזאָרגאַניזאַציע און אידעאישער סטאַגנאַציע, מוז זיין פּונקט אַזוי כאַאָטיש ווי די באַדינגונגען אַרום איר. דערפון נעמט זיך די אידעאישע אויסגעהוילטקייט פון דער יוגנט היינט־צו־טאָג.

דער אַ אמת וועגן אידעאישן כאַאָס, וועלכער האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע וועלט, נעמט אַרום אַלע פעלקער און לענדער און באַזונדערס יענע פעלקער און לענדער, וועלכע פּרעטענדירן צו זיין אין די פאָדערשטע רייען פון אונדזער גאַלאָפּירנדער צייט.

אונדזער יידיש לעבן, אין דער צעשפּרייטונג און אויך אין ישראל, אונטערליגט די זעלבע געזעצן, ווי דאָס נישט־יידישע לעבן איבער דער גאַרער וועלט. ווייל קיין שום פאָלק קאָן נישט אויסמיידן דעם אימפּולס פון די מעכטיקע געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען, וועלכע קומען איצט פאָר.

אונדזער יידישקייט, ווי ס׳איז געווען מיט דרייסיק יאָר צוריק, איז, צום באַדויערן, פאַרביי. צוריק עס אויפלעבן, אַזוי ווי עס איז געווען, איז איבער אונדזערע כוחות, און עס וועט אגב נישט מער שטימען מיטן גייסט פון דער צייט און נאָך ווייניקער מיטן גייסט פון די לענדער, אין וועלכע מיר לעבן. און אונדזער יידישקייט פון מאָרגן, ישראל אריינגע־גערעכנט, איז דערווייל אונטער אַ גרויסן פראַגע־צייכן.

די צייט צווינגט אונדז צו שאַפן אַ סינטעזע פאַר יידישקייט, צוגע־פאַסט צו די געענדערטע באַדינגונגען. אַ סינטעזע, געשטיצט אויף די בעסטע און ווערטפולסטע אַלט־נייע יידישקייט־אוצרות, וולכע זאָלן פאַר־פליכטן סיי די יידן אין דער צעשפּרייטקייט, סיי די יידן אין ישראל.

* * *

דער גרויסער יידישער רענעסאַנס פאַר די לעצטע הונדערט יאָר האָט ממש אויפגעטאָן וווּנדער אין יידישן לעבן. די יידישע מאַסן האָבן זיך באַפרייט פון דער אויפגעצווינגענער אַפּוטרופּסות. דער פון דאָס ניי אויפגעוואַכטער נאַציאָנאַלער באַוווּסטזיין האָט באַקומען אָדלער־פליגל, זיך אַ ריס געטאָן צו די הימלען און מיטגעריסן מיט זיך מיליאָנען יידן. און געווען איז עס אַ נאַציאָנאַלע אויפוואַכונג מיט אַלע אַטריבוטן פון

פּראָגרעסיװער װעלטלעכקייט. אָט דער װוּנדערלעכער נאַציאָנאַלער אױפֿשטײַג האָט געהאַט צו פֿאַרדאַנקען כמעט אַלע זײַנע דערגרייכונגען דעם אױפֿשטײַג פֿון ייִדיש, װעלכער איז געװען טיף פֿאַרװאָרצלט אין דער פֿאָלקס־נשמה און באַװיזן זי אַזױ גײַסטיק צו באַרײַכערן.

אָבער אױך די גרױסע ייִדישע רענעסאַנס־באַװעגונג איז נישט פֿרײַ געװען פֿון פֿעלערן. די ייִדישע גאַס איז מיטאַמאָל פֿאַרפּלײצט געװאָרן פֿון פֿאַרשידענע פּאַרטייען און ריכטונגען אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס װי די דיפֿערענציאַציע פֿון דעמאָלסטיקן ייִדישן לעבן האָט עס געפֿאָדערט. אַ טײל פּאַרטייען האָבן זיך װײניק װאָס אונטערשײדט אײנע פֿון די אַנדערע. זײער עקזיסטענץ האָבן זײ נאָר געקאָנט באַרעכטיקן מיט דער הילף פֿונם אַלט־אױסגעפּרוּװטן מיטל — געװיסן־אָפּנאַרערײַ. װאָס האָט דער גרױסער נאַציאָנאַלער פֿאָלקס־באַװעגונג און דער ייִדישער קולטור קײן טובה נישט געטאָן.

און הײַנט?

ס'איז נישט פֿאַראַן הײַנט אױף דער ייִדישער גאַס אַ געזעלשאַפֿטלעכע באַװעגונג, װעמענס אידעאַישע אמתן פֿון פֿאַרן גרױסן חורבן זאָלן זיך נישט נױטיקן אין אַ באַדײַטנדער רעװיזיע פֿון זײערע פֿאַרעלטערטע טעאָריעס. עס זענען אױך נישטאָ די פֿירער, װעלכע זאָלן דאָס האָבן פֿאַרשטאַנען און האָבן דעם מוט צו װעלן רעװידירן די צעקרישלטע אמתן, כּדי געענדערטע און באַנײַטע צופּאַסן זײ צו די פֿאָדערונגען און באַדערפֿענישן פֿון אונדזער ייִדישן הײַנט.

און אַז מיר רײדן װעגן דער נױטװענדיקײט פּראַגראַמאַטיש צו רעװידירן די אידעאַישע באַװעגונגען אין ייִדישן לעבן, קאָנען מיר נישט מער מעסטן, מיט די אַמאָליקע אַלטע מאָסן, אונדזערע הײַנטיקע ציוניסטן, סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, אָדער רעליגיעזע ייִדן. איך האָב אין זינען גרױסע מחנות ייִדן, װעלכע האַלטן זיך נאָך אַלץ פֿאַר די, װעלכע זײ זענען אַמאָל געװען, אָבער פֿאַקטיש זענען זײ עס נישט.

װער עס קען די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען, אין װעלכע ייִדן לעבן הײַנט אין די נײַע לענדער, דעם אַבסאָלוט אידענטישן לעבנס־אופֿן אױף כמעט אַלע געביטן, נישט אָפּהענגיק פֿון פּאַרטײ אָדער ריכטונג, צו װעלכער מען געהערט, דאָס כּסדרדיקע שטרעבן װי געטרײַער צו קאָפּירן דעם אַנדערנס הײם און דעם שאַבלאָן פֿון אַ זאַט, אידעענלאָזן לעבן, דער װעט פֿאַרשטײן װי פֿאַלש ס'איז צו װעלן אונדז הײַנט צו סעגרעגירן לױט פּאַרטײ, אידעע, ריכטונג, אַזױ װי מיר האָבן עס, מיט רעכט, געטאָן מיט 40—30 יאָר צוריק.

דאָס איז נישט אַ פּראָצעס, װעלכער גײט איצט אַז בלױז אין ייִדישן

לעבן, אבער ביי אונדז האָט ער, צוליב ספּעציפישע סיבות פון שנעלער סאָציאַלער איבער־אָריענטאַציע, אָנגענומען אַ גאַנץ באַשטימטן כאַראַק־טער. מיר שטרעבן אַלע מיט אַלע כוחות צו געהערן עקאָנאָמיש צו איין שיכט, צו איין קלאַס. די גרעסטע מערהייט יידן געהערט איצט צום מיטל־קלאַס, און די ווייניקע, וועלכע געהערן נאָך דאָרט נישט, ווילן עס וואָס שנעלער דערגרייכן. זיי זענען אָבער פּאָטענציעל שוין דאָרט גייסטיק.

יידן פּאָרטראַגן היינט נישט קיין בונט און האָבן ממש מורא פאַר יעדער ענדערונג, וועלכע קאָן שטערן דעם צושטאַנד פון באַקוועמער יידישקייט, פון אָפּקומען מיט אַבי וואָס.

רעליגיעזע פּונקט ווי וועלטלעכע יידישקייט לעבט איבער אַ שווערן קריזיס. ביידע האָבן נישט מער דעם מוט, כוח און קוראַזש, מיט וועלכע זיי פלעגן קעמפן פאַר זייערע איבערצייגונגען. ביידע שטייען פאַר אַן אַנטי־יידישקייט מויער, וועלכע איז אַזוי פלוצלונג און אַזוי מוראדיק אויסגעוואַקסן אין יידישן לעבן. ביידע האָבן אין אַ גרויסער מאָס שלום געמאַכט מיט דעם קאָנפאָרמיזם, וועלכער האָט באַהערשט דאָס נאָך־מלחמהדיקע יידישע לעבן און פאַרוואָסערט אונדזער גרויסן יידישקייט־אוצר.

אַמאָל האָט יידישקייט פאַרמאָגט האַרץ, איז פול געווען מיט אַן אינערלעכן ברען און ניגון, וואָס האָט געגעבן אונדזער לעבן אַ ספּעציפישן און אייגנאַרטיקן נוסח, באַהויכט עס מיט חן פון פאָלקישער שיינקייט.

האַרץ און ניגון איז געווען דער אויסדרוק פון אַ טיף־אינערלעכן גלויבן, וועלכער האָט דערהויבן יידישקייט צו דער מדרגה פון אַ גרויסער אידעע.

אונדזער היינטיקע יידישקייט איז אָרעם אין ביידע. איז נישט קיין וווּנדער, וואָס דער רעזולטאַט איז אַזאַ טרויעריקער.

די צעריסענע און צעקריגטע רעשטלעך פון דער נאָך נעכטן גרויסער יידישקייט, קאָנען נישט צוריק געפונען דעם וועג פאַר אַ באַנייט יידיש לעבן.

היינט, ווען יידישקייט איז געוואָרן פעדער־לייכט און באַקוועם, פאַר־געסט מען, אַז דאָס איז אַ יידישקייט, וואָס קאָן נישט האָבן קיין תיקון.

אין אונדזער צייט פון מוראדיקן געיעג נאָך מאַטעריעלן האָב און גוטס און באַקוועמלעכקייט, איז פאַראַן אַ סך מער פּלאַץ פאַר פּאַרטיי־אישער פּיקציע און געוויסן־אַפּנאַרעריי, ווי פאַר ערנסטן ווילן איבער־צושאַצן די אַלטע אידעאישע באַגאַזשן, וועלכע האָבן אַזוי פיל פאַרלוירן פון זייער אַמאָליקן ווערט.

קיינער קוועסטיאָנירט נישט די נויטיקייט און וויכטיקייט פון אידעע־

אישע באוועגונגען, אזוי לאנג ווי זייער טעטיקייט איז אין איינקלאנג מיט די באדערפענישן פון אונדזער אזוי שטארק געענדערטער צייט. און נאך עפעס, א טעטיקייט אנגעפירט און אויסגעטראגן דורך מענטשן, וועמענס לעבן איז נישט אין סתירה צו די אויפגאבן פון דער באוועגונג, פאר וועלכע זיי קעמפן. דאס איז, צום באדויערן, געווארן א זעלטנקייט אין יידישן לעבן.

דאס יידישע לעבן, אונדזער גרויסער יידישקייט־אוצר ווערט כסדר געפאלמעסט דורך ריכטונגען און פארטייען, וועלכע האלטן זיך נאך אלץ פאר די איינציק־גערעכטע אויף דער יידישער גאס. אונדזער געזעלשאפטלעכע טעטיקייט, וועלכע איז צעשפליטערט צוליב דער איינגערעדטער איינציק־גערעכטיקייט, מוז, אין קאנסעקווענץ פון אט דער פאלשער איינשטעלונג, פירן צו א פארברייטערטן פראנט פון אפגעטארטן געוויסן אויף א סך געביטן אין אונדזער כלל־ארבעט.

די מאס, אויף צו בארעכטיקן די צוגעהעריקייט פון א יחיד צו אן אידעע אדער ריכטונג, איז נישט באגרענעצט בלויז צו זיין געזעלשאפטלעכער טעטיקייט. די היים, דער פריוואטער לעבנס־אופן און דאס אויפפירן זיך אין געשעפט, צי פאבריק, זאגן א סך מער עדות, זענען מער פרעפטיקע באווייזן, ווו מיר געהערן אידעאיש, ווי אונדזער געזעלשאפטלעכער פליטער־פלאטער.

מיר האבן פארטייען, אבער זייערע מיטגלידער, אויסער זעלטענע אויסנאמען, האבן אידעאיש ווייניק געמיינזאמעס מיט דער באוועגונג, צו וועלכער זיי געהערן. דער אמת איז, אז די ווייט־גרעסטע מערהייט יידן זענען היינט פארטיילאזע פארטיי־מיטגלידער. די סיבות, פארוואס ס'איז אזוי, האב איך פריער אנגעוויזן. זיי געהערן צו איין געזעלשאפטלעכן קלאס, האבן די זעלבע עקאנאמישע פאראינטערעסירונגען, און קאפירן איינער ביי אנדערן ביז צו די קלענסטע איינצלהייטן דעם פריוואטן לעבנס־שטייגער, אזוי, אז ס'איז זיך שווער פונאנדערצוקלויבן ווער איז ווער און ווו אהין עמיצער געהערט.

פרעגט זיך, ווי אזוי איז עס מעגלעך, אז אין באדינגונגען פון אזא איינשטימיקייט און הארמאניע אויף כמעט אלע לעבנס־געביטן, זאלן קאנען אנטשטיין אידעאישע חילוקי־דעות? וועלכע סיבות קאנען זיי בארעכטיקן? און אויב עס אנטשטייען יא כלומרשטע חילוקי־דעות, טא וואס פארא ווערט קאנען זיי שוין האבן?

דאס וויכטיקסטע, וואס דארף כסדר אונטערגעשטראכן ווערן איז, אז קיום־יידישקייט איז נישט קיין פראבלעם, וועלכע קאן היינט געמאסטן

ווערן מיט א פּאַרטיי־מאָס און אוודאי נישט געלייזט ווערן דורך איין ריכטונג.

די נייע קיום־יידישקייט־סינטעזע טאָר אונדז נישט אנגעוואָרפן ווערן. מיר דאַרפן זי פרייוויליק אננעמען.

איך גלויב, אז אונדזער דורות־לאַנגע דערפאַרונג פון טראָגן פרייוויליק דעם עול־יידישקייט אין די שווערסטע באַדינגונגען, וועט אויך ווייטער העלפן אויסטראָגן די נייע יידישקייט.

* * *

איידער מיר גייען איבער רעזומירן אונדזער שטעלונג, מוזן מיר באַרירן נאָך א מאָמענט, אפשר דעם וויכטיקסטן, אין שייכות מיט דער דאָ באַרירטער פראַגע.

ווי האַלט עס מיט אונדזער יוגנט, ווען עס קומט צו יידישקייט?

אויב מיר נעמען אָן, אז אָפּגעגאַרט געוויסן האָט אזוי פאַרכאַפּט די יידישע גאַס, אין וואָס איך צווייפל נישט, איז דען א וואונדער, אז די השפעה פון עלטערן דור אויף אונדזער יוגנט איז אזוי געפאַלן.

ס'איז אן אלט־באַקאַנטער אמת, אז די נישט־יידישע גאַס מוז באַווירקן אונדזער לעבן און ספּעציעל אונדזער יוגנט. זייט סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געשעט עס אין א סך א גרעסערער מאָס ווי ווען ס'איז פריער. אגב גייט דער דענאַציאָנאַליזאַציע־פּראָצעס אן מיט דער זעלבער קראַפט ביי אלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אויף דער עמיגראַציע.

און נישט נאָר דאָס. דער פּראָצעס פון צווישן־פעלקערלעכער אַסימילאַציע, דאָס פאַרווישן פון אזוי פיל טראַדיציאָנעלע מנהגים פאַרכאַפּט וואָס אמאָל גרעסערע שיכטן אין אלע לענדער און ביי אלע פעלקער. מען דאַרף דערצו נישט זיין קיין נאַציאָנאַלע מינדערהייט אויף דער עמיגראַציע.

אָט דערגרייכן לעצטנס כסדר ווייט־געשרייען דווקא פון ישראל, פון דאָרטיקע דערציער, שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער, אז באַדייטנדע טיילן פון דער ישראל־יוגנט, וועלכע קומט אינגאַנצן נישט אין פיזישן קאָנטאַקט מיט דער נישט־יידישער וועלט, גייט אויך אוועק פון יידישקייט.

מיר דערמאָנען די ווייט־געשרייען ווי א טרויעריקן קוריאָז פון אייגנאַרטיקע באַדינגונגען, ווען יידישער היפּער־נאַציאָנאַליזם גייט האַנט ביי האַנט מיט אזא אנטי־יידישער לאָזונג ווי ככל הגוים. און ווי מיר ווייסן פון די גרויליקע דערפאַרונגען פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר, איז ככל הגוים נישט לויטער גוטס, נישט עפּעס אזעלכעס, פון וואָס אונדזער יוגנט אין דער אייגענער מדינה דאַרף דווקא נעמען א ביישפּיל.

און אַז מיר האָבן דערמאָנט די ככל־הגויים לאָזונג, דאַרף מען פעסט־שטעלן, אַז זייטן אָנהויב פון הייַנטיקן יאָרהונדערט, איז די יידישע יוגנט אין אַלע די לענדער, וועלכע זענען פריי פון יידן־דיסקרימינאַציע, אויס־געוואַקסן אַ ככל הגויימדיקע, וואָס האָט יידישקייט קיין טובה נישט געטאָן. דאַקעגן דאָרט, ווו די רעאַקציע האָט אונדז אָנגעטאָן אַלערליי צרות, איז אונדזער נישט ככל־הגויימדיקע יוגנט גרייט געווען צו קעמפן קעגן די פיל־שטאַרקערע פאַשיסטיש־כוליגאַנישע באַנדעס און נישט איין־מאָל האָט זי עס אויך געטאָן, און מיט דערפאָלג. און דווקא אָט די יוגנט אונדזערע איז געווען דורך און דורך יידיש. מיר האָבן אויף איר געלייגט אַלע אונדזערע יידישקייט האָפענונגען. אויב די יידישע יוגנט אין די תפוצות איז נישט אַוועק אויף די וועגן פון קריסטלעך־מערדערלעכן טאָ־טאַליטאַריזם, דאַרף עס געזאָגט ווערן צום שבח פון אונדזער יידישקייט, פאַר וועלכער ככל־הגויים איז נישט געווען קיין אידעאַל.

וואָס שייך דעם איינפלוס פון דער נישט־יידישער גאַס אויף אונדזער יוגנט, איז עס, ווי שוין דערמאָנט, אַ נאַטירלעכער פּראָצעס קעגן וועלכן מיר קאָנען קיין מלחמה נישט פירן. מיר מוזן אָבער פאַרטיידיקן אונדזער יוגנט קעגן יענע שלעכטע און שעדלעכע ככל־הגויים אייגנשאַפטן, מיט וועלכע מיר ווילן קיין מגע־ומשא נישט האָבן.

און אויף דער יידישער גאַס?

אויף דער יידישער גאַס מוז יידישקייט ווידער דערהויבן ווערן צום ראַנג פון אַ גרויסער יידיש־מענטשלעכער אידייע, וועלכע זאָל אַרום זיך פאַראייניקן אַ מערהייט פון פאָלק.

יוגנט קאָן מיטגעריסן ווערן פון אַן אידייע, ווען זי זעט אַרום זיך אַ קעמפערישע, גלויביקע מחנה, און ווען די מחנה דינט איר ווי אַ בייַ־שפּיל, וואָס זי וועט איר דעם וועג פאַר נאָכפאָלגערשאַפט.

צי איז דער דור, מיטליאָריקע און עלטערע יידן, הייַנט אָט די מחנה יידיש־גלויביקע, וועלכע דאַרף דאָס דינען פאַר אַ ביישפּיל אונדזער יוגנט ווי אַזוי אויפצוהאַלטן יידישקייט?

כ'האָב מורא, אַז נישט!

ווי אַזוי זאָל אונדזער יוגנט, צו וועלכער מיר קומען כסדר מיט טענות צו זיין מער יידיש, צו זיין דאָס וואָס מיר ווילן, ווען זי זעט דעם יידישקייט ליגן אַזוי אויבנאויף אין אַזוי פיל יידישע היימען און אין אונדזער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

ווי אַלט דאַרף דאָס זיין אַ יוגנטלעכער צו פאַרשטיין, אַז דעם טאַטנס ציוניזם, סאָציאַליזם, קאָמוניזם אָדער פרומקייט איז מער אָפּגעוואָרט גע־וויסן ווי דאָס, וואָס דער טאַטע רעדט זיך און אַנדערע איין, אַז ער איז?!

און קיינער וועט דאָך נישט לייקענען, אַז די יוגנט זעט און פאַר־שטייט וואָס עס טוט זיך אַרום איר.

און פאַרוואָס זאָל די יוגנט, וועלכע איז אַזוי דערצויגן געוואָרן, אַז זי קאָן זיך נישט פונאַנדערקלייבן אין די אַמאָליקע, פאַר זיי היינט אַזוי ווייניק וועזנטלעכע, אידעאָיש־יידישע חילוקי־דעות, זיין אַנדערש ווי זי איז?

עס וואָלט געווען אַ גרויס אומרעכט נישט צו באַטאָנען דאָס פּאָזי־טיווע און ווערטפולע, וואָס ווערט געטאָן לטובות המשך יידישקייט דורך פאַרשידענע ריכטונגען, גרופּן און יחידים. מיר האָבן יידן איבערגעגעבענע מיט לייב און לעבן דער יידישקייט־אַרבעט. צווישן זיי אַ יידישע אינטע־ליגענץ, אויף וועלכער מיר קאָנען שטאָלץ זיין און וועמענס יידיש־אַרבעט שטייט איבער אַלע פּאַרטייאישקייטן.

מיר האָבן אויך יידן, וואָס העלפן מיט אין דער יידישקייט־אַרבעט. גוטע און געטרייע יידן, אַקטיוויסטן, די מערהייט פון וועלכע איז פּאַר־טייאיש־געשטימט און פאַר פּאַרטייאישער יידישקייט איינגעשטעלט. אַלע צוזאַמען אָבער בילדן זיי קוים אַ קליינע מינדערהייט אין גרויסן שטראָם פון אָפּגעשוואַכטן און בלויזאָזן יידישן לעבן.

איז נישט קיין ווונדער, וואָס אונדזערע יידישקייט־אַקטיוויסטן זענען אומבאַהאָלפן ביי ליזן יידישקייט־פּראָבלעמען און נאָכמער אומבאַהאָלפן ווען עס קומט צו ליזן די פראַגע יידישקייט ביי אונדזער יוגנט.

די איראָניע פון גורל האָט געוואָלט, אַז דער קאַמף פאַר אויפהאַלטן יידישקייט זאָל מוזן גלייכצייטיק געפירט ווערן אויף צוויי פראָנטן. איין פראָנט — אַ מעכטיקער אויסערלעכער שונא, די נישט־יידישע וועלט, קעגן וועלכער מיר זענען כמעט ווי אוממעכטיק און דער צווייטער פראָנט — אַן אינערלעכער, אַ ריין־יידישער.

עס איז נישט בלויז אַ קאַמף קעגן דעם אַסימילאַציע־מולך, וועל־כער וויל אונדז פאַרשלינגען, נאָר אויך אַ ביטערער קאַמף אין די אייגענע רייען, צווישן נאַציאָנאַל־געשטימטן יידנטום. דאָס איז אַגב דער בעסטער באַווייז, אַז דער שווערער מצב פון יידישקייט היינט־צו־טאָג איז נישט בלויז אַ רעזולטאַט פון אויסערלעכע, פון אונדז נישט־אָפּהענגיקע סיבות, נאָר אויך דער רעזולטאַט פון אַ קאַמף פון פאַרשידענע יידישקייטן, וועל־כע קיין איין ריכטונג איז נישט בכוח געווען צו דעפינירן.

בלויז ווייניקע פון אונדז פאַרשטייען, אַז ס'איז אַן אילוזיע צו גלויבן, אַז יידישקייט, אַזאַ ווי מיר האָבן זי געקענט פאַר דער לעצטער מלחמה, קאָן ווייטער אָנגיין אין דער גאַלאָפּירנדיקער צייט פון אַזאַ קאָלאָסאַלער טעכנאָלאָגיש־וויסנשאַפטלעכער רעוואָלוציע, וועלכע מוז ענ־

דערן דעם סדר פון דער וועלט. די מערהייט גיט זיך דערפון נישט אַפּ קיין חשבון.

א טייל יידן וועגדן זייערע אויגן צו ישראל, ווי צו דעם איינציקן יידישקייט-קוואל, פונוואנען זיי דערווארטן א לייזונג פאר אלע אונדזערע אנגעווייטיקטע קיום-פּראָבלעמען.

דאס אפיציעלע ישראל אבער האט זיך איר וועג פון מדינה-יידישקייט, וועלכער זי האלט, אלץ דארף ווערן אונטערגעוואַרפן. און מדינה-יידישקייט, ווי מיר ווייסן פון דער פּראַקטיק, שטימט ווייט נישט מיט אונדזער דאַאיקער יידישקייט, וועלכע האט הינטער זיך, אויסער דורות-לאַנגע קאמפּס-דערפאַרונגען, אויך אן אנגעזאמלטן יידישקייט-אוצר, פון וועלכן די ישראלים וואלטן געקאנט און געדאַרפט א סך לערנען.

פאר מדינה-יידישקייט עקזיסטירן נישט די צוויי טויזנט יאר קאַמף אויפצוהאלטן א נאַציאָנאַל-יידיש לעבן. א קאַמף, אן וועלכן מיר וואלטן היינט נישט געהאט קיין זעלבסטשטענדיק ישראל.

און דווקא פון ישראל איז געקומען די לאָזונג צו פארשווייגן אונדזער דורות-לאַנגן מסירת-נפש, ווייל מען וויל דאַרט נישט, אז די ישראל-יוגנט זאל עס וויסן, זאל דערפון לערנען.

ישראל קאן און דאַרף שפּילן א גרויסע ראָל אינעם קאַמף פאר קיום-יידישקייט איבער דער גאָרער וועלט, אין וועלכן זי איז בלויז פּאַראינטערעסירט. אבער די ישראלים מוזן זיך אָפּזאָגן פון פארלייקענען צוויי טויזנט יאר יידישע מאַרטיראָלאָגיע, פּונקט ווי זיי מוזן זיך אָפּזאָגן פון וועלן דיקטירן זייער יידישקייט. זיי מוזן איינגיין אויף ווייט-גייענדיקער קאָאָפּעראַציע מיט די יידן אין די תפוצות, נעמען אין אַכט אלע זייערע יידישקייט-נויטן און באַדערפעגישן.

ווער עס קען די פּסיכאָלאָגיע פון דער יוגנט, דער ווייסט, אז זי האט נישט ליב באַטראַכט צו ווערן אלס א צווייטראַנגיקע. פּאָוואַריזירן איין טייל יידישע יוגנט לגבי א צווייטער, איז א נישט-געזונטע דערשיי-נונג. און ווידעראַמאָל איז פון ישראל געקומען דער שלעכטער ביישפּיל. ווייל וואס באַרעכטיקט דאס כסדרדיקע אַרויסהייבן די ישראל-יוגנט, כדי אַזוי אַרום וועלן דערנידערן אונדזער יוגנט אין די תפוצות?

האבן מיר דאַך פריער דערמאַנט די וויי-געשרייען פון ישראל וועגן דעם וואס א גרויסער טייל פון דער דאָרטיקער יוגנט שטעלן מיט זיך פאר. און אפשר נישט בלויז די יוגנט?

דער געדאַנק אַריבערצושפּרינגען צוויי טויזנט יאר יידישע געשיכטע מיינט דאך אויסמעקן א העלפט עקזיסטענץ פון אונדזער פאָלק. אלע אונדזערע קאַמפן, אויפטוען און דערגרייכונגען. נישט דאָ איז דאס אָרט

זיך געגוי דערמיט צו פאַרנעמען. אָבער לאָמיר אויסרעכענען עפּעס פון דער נישט אַזוי ווייטער פאַרגאַנגענהייט.

דאָס האָט די יידישע יוגנט פון די תפוצות אויסגעטראָגן, פאַרן פּרייז פון אַזוי פיל קרבנות, די חלוצים־באַוועגונג אין ארץ־ישראל, געווען די ערשטע אין די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען אין מזרח־אייראָפּע, געוואָרן פאַרשפּאַרט אין צאַרישע און אַנדערע תפיסות, געטריבן קיין סיביר, געגרינדעט זעלבסטשוץ־אָרגאַניזאַציעס, אָרגאַניזירט געזעלשאַפטלעך דאָס יידישע לעבן, געשאַפן פּאַרטייען. דאָס האָט אונדזער יוגנט פון די תפוצות אַזוי העלדיש געקעמפט אין די געטאָס, פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען און אין אַלע אַרמייען קעגן דער נאַצישער בעסטיע. דאָס האָט אונדזער יוגנט פון די תפוצות שפּעטער געקעמפט האַנט ביי האַנט מיט די סאַברעס אין דער באַפרייאונגס־מלחמה אין ישראל.

כראָנאָלאָגיש זענען מיר, אין די תפוצות, לויט אַלע געשיכטלעכע פאַקטן, געווען די, וועלכע האָבן די ערשטע אָנגעהויבן יערן מין קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער און מענטש־באַפרייאונג, די יידישע מדינה אַריינגע־רעכנט. מיר האָבן געגעבן דעם ביישפּיל און פון אונדז האָבן אַנדערע געלערנט.

טאָ ווי קומט עס, אַז מען פאַרלייקנט געשיכטלעכן אמת? ווי קאָן מען פאַרלייקענען אַזוי פיל היסטאָרישע פאַקטן און ספּעציעל די, פון וועלכע מיר אַלע זענען לעבעדיקע עדות?

איז דאָס דער וועג אויפצוהאַלטן יידישקייט?

אַגב, אויב מען מעקט אויס די לעצטע צוויי טויזנט יאָר יידישע געשיכטע, איז דאָך די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל, נאָך אַזאַ דורות־לאַנגן געשיכטלעכן בלויז, נישט קיין יידישקייט קאָנטינואיטעט אינעם נאַציאָנאַלן זין. נאָך אַזאַ צוויי טויזנט־יאָריקן שפּרונג, וואָס איז אין דער געשיכטע פון פעלקער פיזיש נישט מעגלעך, וואָלט די „נייע יידישקייט" אין מדינת ישראל נישט געקאָנט זיין יידיש. איז אָבער מדינת ישראל יאָ יידיש, הייסט עס, אַז זי איז געשיכטלעך יאָ אַ קאָנטינואיטעט פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר יידיש לעבן, וועלכע זי באַמיט זיך צו פאַר־שווייגן און פאַרמיאוסן.

און אַז מיר האָבן דערמאָנט עפּעס, וואָס איז אַזוי נישט פאַר־שטענדלעך, וואָלט זיך געוואָלט וויסן, ווי אַזוי קאָן דער גייסט פון ככל־הגויים פון אונדזער צייט שטימען מיטן גייסט פון די נביאים, די צווייטע פּראָפּאָגירטע ישראל־לאָזונג?

איז אַ וואונדער אַז אונדזער יוגנט ווייסט נישט אויף וואָס פאַר אַ וועלט זי איז? אַזוי פיל יידישקייט־כאַאָס. סיי אין ישראל, סיי אין די

תפוצות. אין ישראל טרייסלט מען זיך אָפּ פון צוויי טויזנט יאָר יידישע געשיכטע און אין די תפוצות האָט דער עלטערער דור, אין איבערגעטריבענעם גייעג נאָך פּראָפּיטן, לוקסוס און באַקוועמלעכקייט, אויף אַן אַנדער אופן פאַרתכלעוועט זיין גלויבן אין יידישקייט. אין אַזעלכע באַדינגונגען איז שווער, אַז די יוגנט זאָל אַרויסווייזן אידייאיסטישע פּראָינטערעסירונגען, אַז זי זאָל האָבן אַ באַדערפעניש פאַר אַ טיפערן גלויבן, אַ גלויבן אין יידישקייט בכלל.

און ווער עמיצער קומען און זאָגן, אַז אַן אייגענע מדינה איז היינט די איינציקע און זיכערסטע גאַראַנטיע פאַר אויפהאַלטן די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט פון אַ פאָלק און איר קולטור, וועט ער דערמיט באַווייזן, אַז ער קען נישט דיווירקלעכקייט פון די לעצטע יאָרצענדליקער.

נאָך אין אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט האָט אַן אייגענע מדינה געקאָנט פאַרזיכערן, אַז זי דיספּאָנירט מיט אַלע נויטיקע אַטריבוטן אויפצוהאַלטן אַ פיל נאַציאָנאַל לעבן פון אַ פאָלק. היינט וואָלט אַזאַ פאַרזיכערונג שוין געקלינגען זייער צווייפלהאַפט, ווייל וואָס פאַרגעשריטענער אַ מדינה ווערט, אַלץ מער ווערט זי אַריינגעצויגן אינעם ווירבל פון וועלט־אַסימילאַציע און אַלץ ווייניקער איז זי בכוח אויפצוהאַלטן איר נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט.

די קאָלאָסאַלע וויסנשאַפטלעך־טעכנאָלאָגישע דערגרייכונגען פאַר די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר האָט די גלאָבאַלע וועלט־אַסימילאַציע אַזאַ רוק געטאָן פאַראויס, אַז ס'איז ממש צו באַוווּנדערן ווי שנעל מיר הערן אויף צו זיין דאָס, וואָס מיר גלויבן, אַז מיר זענען.

מיר לעבן אין אַ צייט פון דער גרעסטער וויסנשאַפטלעכער רעוואָלוציע אין דער מענטשלעכער געשיכטע, אין רעזולטאַט פון וועלכער ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער מעכטיקסטער אַסימילאַציע־פּראָצעס אינעם וועלט־פאַרנעם. לענדער קאָפּירן איינע די אַנדערע ווי נאָר זיי קאָנען. די קולטור־אייגנאַרטיקייט פון אַן אַ שיעור פעלקער ווערט מיט יעדן יאָר מער איינגעשרומפּן און פאַרווישט. אויסגלייכן דעם לעבנס־סטאַנדאַרד און לעבנס־שטייגער איז געוואָרן דער מאָטאָ אין צווישן־פעלקערלעכן געיעג. און דאָס פירט צו גלאָבאַלן קאָנפאָרמיזם אויף כמעט אַלע לעבנס־געביטן. עס דערגייט שוין אַזוי ווייט, אַז שפּראַך און טראַדיציע, די הויפּט־זיילן פון נאַציאָנאַלן בנין, האָבן זיך אַ שטאַרקן וואַקל געטאָן, ווייל אויך דאָ ווערט וואָס אַמאָל מער פאַרווישט דאָס ספּעציפיש־אייגנאַרטיקע, וואָס האָט געשאַפן די מחיצה צווישן פעלקער און לענדער.

אַט דער פּראָצעס גייט איצט אָן, ווו שטאַרקער און ווו שוואַכער אין אַלע לענדער, ביי אַלע פעלקער. און מיר, יידן, האָבן אים נישט

געקאָנט אויסמיידן, אַלץ איינס צי מיר לעבן אין דער צעשפּרייטונג, צי אין דער אייגענער מדינה.

אוודאי איז אַ סך לייכטער פאַר די, וועלכע מוזן כּסדר זוכן אַז אָנשפּאַר פאַר זייער יידישקייט, צו לעבן אין אַ יידישער מדינה. עס קאָן אַ טייל העלפן. צי איז עס אָבער דער זיכערסטער, דער איינציקער אויס־וועג צו לייזן די פראַגע יידישקייט? ספּעציעל ווען מיר נעמען אין באַ־טראַכט די אייגנאַרטיקע ישראל־באַדינגונגען, ווו דער איבערגאַנג פון אַ מזרח־אייראָפּעאישער צו אַן אָריענטאַלישער יידישקייט הענגט אויף דער וואָגשאָל פון די נאָנטסטע צוויי צענדליק יאָר, און קיינער ווייסט נישט אין וואָס אַזאַ יידישקייט וועט זיך אויסדרוקן.

כּד צו זיין היינט אַ ייד מוז מען, מער ווי ווען ס'איז פריער, האָבן אַ טיפן אינערלעכן גלויבן, אַז מען איז אַ ייד און מען וויל בלייבן אַ ייד. און אַז מען וויל בלייבן אַ ייד געפינט מען דעם וועג צו יידישקייט.

אויב אַזאַ גלויבן מיינט פאַר אַ טייל יידן רעליגיע, איך מיין נישט אָפּגענאַרטע רעליגיע, איז געזונטערהייט. און וואָס שייך וועלטלעכע יידן, מוז אונדזער יידישקייט פון דאָס ניי געגעבן ווערן דער גלויבן פון אַ גרויסער נאַציאָנאַל־יידישער און מענטש־באַפרייענדער אידייע. נאָר אַזאַ יידישקייט קאָן האָבן גלייכע שאַנסן נישט צעמאָלן צו ווערן דורך די ריזן־רעדער פון טאָטאַלער וועלט־אַסימילאַציע פריער ווי די קולטורן און גלויבנס פון די גרעסערע און שטאַרקערע פעלקער.

נאָר דער גלויבן אין אַ גרויסער יידישקייט־אידייע וואָלט געקאָנט באַ־גייסטערן אונדזער יוגנט. די יוגנט מוז אָבער זיין זיכער, אַז הינטער אָט דער יידישקייט־אַקציע שטייט אַ פרייוויליק־געאייניקטע פאָלקס־מערהייט, שטייען אַלע די, וועלכע פאַרשטייען, אַז מיר קאָנען זיך נישט מער היינט דערלויבן צעשפּליטערטע פּאַרטיי־יידישקייטן.

דער לעבנס־שפּאַן פון גרויסע אידייען ווערט געמאָסטן מיטן סכום איבערגעגעבנקייט און אַקטיוויקייט פון די, וועלכע גלויבן אין זיי, און מיט דער פעאיקייט נאָכצוקומען די אומפאַרמיידלעכע און נויטיקע ענ־דערונגען, וועלכע די צייט צווינגט כּסדר אויף.

געזעלשאַפטלעכער קאַמף איז אין זיין עצם איין לאַנגע קייט פון כּסדרדיקע קאָמפּראָמיסן, פון מוזן זיך צופּאַסן צו דער נייער, געענדער־טער ווירקלעכקייט.

דאָס וואָס מיר, יידן, האָבן אַדאַנק אונדזער דערוואָרבענעם חוש פאַר פּראַקטישקייט, זיך במשך דורות געהאַלטן נאָענט צו אָט דעם אמת, האָט מעגלעך געמאַכט, אַז אַ פאַרהעלטנישמעסיק קליין און צאָל פאָלק

זאָל, אפילו אין אזא צעשפּרייטקייט, בלייבן א געשלאָסענע און דיסצי־פּלינירטע פאָלקס־מחנה.

אָבער איצט, ווען דער אסימילאַציע־מבול צעשפּרייט זיך מיט אזא ריזן־כוח איבערן גאנצן ערד־קיילעך, און ווייל ער דראָט אונדז, דעם וועלט־פאָלק, מער ווי אַנדערע פעלקער, קאָן יידישקייט האָפן אויסצו־האַלטן, אפשר איר שווערסטן פּרווו, נאָר דורך א גרויסער נאַציאָנאַלער אָנשטרענגונג, דורך א ברייט־פאַרצווייגטער נאַציאָנאַלער טאַט.

יעדער ייד, וועלכער אַקצעפּטירט אָדער גלויבט אין האַלבע מיטלען, העלפט אומברענגען יידישקייט.

די צייט איז קעגן אונדז. אויב מיר וועלן נישט באַלד מאָביליזירן אַלע אונדזערע כוחות פאַר דעם צוועק צו אייניקן יידישקייט, וועלן מיר זיין די פאַרשפּילטע.

ווער עס קאָן אָט דעם אמת נישט באַגרייפן, דער אַנט נישט דעם טראַגישן גורל פון יידישן מאָרגן.

* * *

ס'איז נישט די אויפגאַבע פון א יחיד צו פאָרמולירן די נייע יידיש־קייט־טעזן. דאָס קאָן אמבעסטן טאָן א פאָלקס־פאַרטרעטערשאַפט, ספּע־ציעל פאַר דעם צוועק געוויילט. א פאַרטרעטערשאַפט פון פאָרשטייער פון אַלע ריכטונגען אויף דער יידישער גאַס, וועלכע וועלן אין פּרינציפּ מסכים זיין פאַר א געאייניקטער יידישקייט־אַקציע. זאָל מיר אָבער דער־לויבט זיין צו פאָרמולירן עטלעכע פּונקטן, וועלכע וואָלטן געקאָנט דינען ווי אַן אָנדייטונג פאַר דער גרויסער אויפגאַבע:

עס מוז גלייך אויפהערן דער צווישן־פּאַרטייאישער קאַמף קעגן דעם צווייטן צד'ס יידישקייט, ווייל דאָס מיינט א קאַמף קעגן יידישקייט בכלל;

פעסטשטעלן א רייע פונקציעס פון יידישקייט, אויף וועלכע אַלע ריכטונגען וואָלטן געקאָנט מסכים זיין ווי אויף באַשטאַנדטיילן פון אונדזער אַלעמענס יידישקייט;

פאַראייניקן אָדער פאַראיינהייטלעכן אַלע וויכטיקסטע דערציאונגס־און קולטור־אינסטיטוציעס, כדי צו קאָנען דערגרייכן די בעסטע רעזול־טאַטן פאַר יידישער דערציאונגס;

דער קאַמף צווישן יידיש און העברעאיש מוז גלייך אָפּגעשטעלט ווערן;

ביידע שפּראַכן דאַרפן זיין גלייכבאַרעכטיקט אומעטום ווו יידיש לעבן גייט אָן. ביידע שפּראַכן מוזן אין א גלייכער מאָס אונטערגעשטיצט ווערן אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן;

די קאָלאָסאַלע ראָל פון יידיש פאַר אויפהאַלטן יידישקייט טאָר אין קיין פאַל נישט געמינערט ווערן, ווייל אָן יידיש וועט קיין יידישקייט נישט עקזיסטירן;

אויסגעפינען וועגן און מיטלען ווי אַזוי קלענער צו מאַכן די חילוקי־דעות וועגן שטרייטבאַרע יידישקייט־פראַגן;

ישראל איז דאָס לאַנד פון אַלע יידן. דערפאַר קאָן יידישקייט אין ישראל נישט אונטערגעוואָרפן ווערן דעם ווילן פון איין פּאַרטיי אָדער ריכטונג. די עקזיסטענץ פון ישראל, פּונקט ווי די עקזיסטענץ פון יידישקייט איז אָפּהענגיק פון אַ געאייניקטן ווילן אויפצוהאַלטן אומעטום אַן אַקטיוו יידיש לעבן. אויב עס וועט נישט קומען צו אַזאַ אייניקייט, דראָען ישראל די זעלבע געפאַרן, וועלכע עס דראָען יידישקייט.

די לאַגע פון יידישקייט היינט־צו־טאָג איז אַזאַ, אַז מען מוז גלייך מאָביליזירן אַלע אונדזערע כוחות, כדי אָפּצושלאָגן די דראָענדע געפאַרן. יעדעס פּערספּעקטיוו יאָר פאַר אַ געאייניקטער אַקציע לטובת יידישקייט, איז אַ פאַרלוירענע שלאַכט, נישט אָפּצוגעווינען.

אינעם קאַמף פאַר אויפהאַלטן יידיש לעבן מוזן גענוצט ווערן די לאַנד־שפּראַכן פאַר אַלע די, וועלכע זענען אָפּגעריסן פון יידישקייט. עס דאַרף אָבער בסדר אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די לאַנד־שפּראַך איז בלויז אַ מיטל אויף צו דערנענטערן צו די אָריגינעלע קוואַלן פון אונדזערע נאַציאָנאַלע קולטור־אוצרות.

איך פאַרענדיק.

מ'קאָן נישט היינט רעדן וועגן קיום־יידישקייט ווי וועגן אַ פּראָבלעם אָפּגעזונדערט פון דער נישט־יידישער וועלט, אויף וועלכער מיר, יידן, לעבן אויף אַלע אירע ערד־טיילן, און פון די קאָלאָסאַלע רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען, וועלכע קומען אַרום אונדז פאָר.

דערפאַר איך די פאַרבינדונג פון אָפּגענאַרט געוויסן ווי אַן אַלגעמיין־אָנגעווייטיקט פּראָבלעם מיטן פּראָבלעם קיום־יידישקייט, וואָס איז די עצם־פראַגע פון אונדזער פאָלקישער עקזיסטענץ.

די וועלט איז אַריין אין אַן עפּאָכע פון גלאָבאַלער אַסימילאַציע, וועלכע קיין שום פאָלק קאָן נישט אויסמיידן. און נאָר פעלקער מיט אַ גאָר שטאַרקן ווילן, געאייניקט אַרום אַ גרויסער נאַציאָנאַלער אידייע, וועלן קאָנען מיטמאַכן דעם וועג פון אונדזער אַזוי שטורמישער צייט און נישט באַלד פאַרשווינדן אינעם איבער־מעכטיקן אַסימילאַציע־קעסל.

סעקטע־יידישקייט, איז צעקרישלטע יידישקייט, פאַרשפּילטע יידיש־קייט!

א פאָלק מוז האָבן א וויזיע.

און אונדזער וויזיע דאַרף זיין — א באַנייטע גרויסע יידישקייט־אידייע, געפּאָרט מיט גלויבן אין א גרויסער אַלמענטש־אידייע, ווייל נאָר אזא שותפות וועט אונדז העלפן, אַלס יידן, מיטגיין מיט דער צייט פון דער גרעסטער טעכנאָלאָגיש־וויסנשאַפטלעכער רעוואָלוציע.

א רעוואָלוציע, וועלכע וועט אין די נאָענטסטע עטלעכע צענדליק יאָר ענדערן אונדזער גאַנצן לעבנס־שטייגער.

א רעוואָלוציע, וועלכע גיט דער מענטשהייט פליגל פאַר אַן אויפשטייג, וועלכער האָט נישט זיינס גלייכן אין דער געשיכטע פון בן־אדם.

א רעוואָלוציע, וועלכע וועט מוזן פאַרברידערן די גרויסע פעלקער־משפּחה אויפן ערד־קיילעך.

ווי כ׳האָב שוין פריער געזאָגט: — איך גלויב, אז א פאָלק אזוי געפּרווט במשך יאָר־טויזנטער ווי מיר יידן, און מיט דער עקשנות און אַלע די דערפאַרונגען, וועלכע זענען אונדז אייגן, וועט געאייניקט זיכער קאָנען געווינען די שלאַכט פאַר א באַנייטער יידישקייט.

יוסף סאָלוויי

# פּראָבלעמען פון יידישן לעבן

אין דעם האַלבן יאָרהונדערט פון דער עקזיסטענץ פון דער „קדימה" האָט דאָס פאָלק ישראל אַדורכגעמאַכט די גרעסטע טראַנספאָרמאַציע אין זיין געשיכטע. עס איז אינגאַנצן איבערגעבויט געוואָרן דער צוזאַמענשטעל פון פאָלק, זיין סטרוקטור און זיין געאָגראַפישע פאַרטיילונג; עס איז אויך אינגאַנצן איבערגעאַנדערשט געוואָרן דער צוזאַמענשטעל פון די פּראָבלעמען, וואָס זענען געשטאַנען און שטייען נאָך עד היום פאַר אונדז.

מיט פופציק יאָר צוריק זענען אין דער ערשטער ריי געשטאַנען די פּראָבלעמען פון יידישן יחיד. דאָס פּראָבלעם פון עם ישראל און קיום יידישקייט איז געווען, לכל הפחות אויסערליך, נישט קריטיש און האָט נישט פאַרשאַפט פאַר דעם רוב יידן קיין באַזונדערע זאָרג.

דאָס הויפּט־פּראָבלעם איז געווען דער קאַמף פאַר יידישער עמאַנציפּאַציע און בירגער־רעכט פאַר דעם יידישן יחיד. אין צאַרישן רוסלאַנד, וווּ עס האָט געוווינט כמעט מער ווי אַ העלפט פון יידישן פאָלק, זענען יידן געווען צווייט־ראַנגיקע בירגער, כמעט ווי רעכטלאָז. אין רומעניע זענען זיי אָפיציעל באַטראַכט געוואָרן ווי אויסלענדער א.א.וו. דאָס הויפּט־פּראָגראַם איז געווען דער קאַמף פאַר „גלייכע רעכט".

אַ נישט ווייניק אָנגעווייטאָקטער ענין איז געווען די יידישע אָרעמקייט אין מזרח־אייראָפּע. דאָס פאָלק איז געווען פאַרשפאַרט אין דער „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי". די גרויסע שטחים פון גרויס־רוסלאַנד זענען געווען פאַרבאָטן פאַר יידן. דער דראַנג נאָך פּרנסה איז געווען דער אימפּולס, וואָס האָט געטריבן דעם יידן צום אַרויסוואַנדערן און אַזוי אַרום געשאַפן דאָס דריטע פּראָבלעם — די עמיגראַציע.

די עמיגראַציע האָט פאַרקלענערט די יידישע קאָנצענטראַציע אין מזרח־אייראָפּע און האָט געשאַפן נייע קיבוצים, ביחוד אין די ענגליש־רעדנדיקע לענדער: צפון־אַמעריקע, קאַנאַדע, דרום־אַפריקע און אויסטראַליע, ווי אויך אין לאַטיין־אַמעריקע. דער שטראָם איז געגאַנגען פון צענטער צו דער פּעריפעריע.

וואָס שייך דעם יידישן כלל, דעם עם ישראל, איז די לאַגע, לכל הפּחות אויפן אויבערפלאַך, געווען זיכער. דאָס רוב פאָלק איז נאָך געווען טראַדיציאָנעל־רעליגיעז געשטימט. עס האָט נאָך עקזיסטירט כמעט ווי אייניקייט אין שפּראַך. 80 פּראָצענט פון פאָלק האָט גערעדט, אָדער געקענט זיך צוזאַמענרעדן אין יידיש. און אויב אפילו אין באַ־שטימטע לענדער האָט די אסימילאַציע פאַרכאַפּט שיכטן פון דער יידי־שער געזעלשאַפט, זענען דאָס געווען פאַרהעלטנישמעסיק קליינע ישובים. דער רוב מנין יידן איז געווען פעסט אין זיין גלויבן אָדער איבערצייגונג.

אמת, גרויסע דענקער האָבן געזען די אָנקומענדיקע געפאַר און די נייע פּראָבלעמען. די זאָרג פאַרן קיום פון יידישקייט איז דווקא געקומען פון די נישט רעליגיעז־דענקענדיקע פירער, ווי צ.ב. אחד־העם א.א. אָבער דער אינדיווידועלער ייד האָט נישט געפילט קיין געפאַר פאַר אונדזער קיום.

דאָס אַלץ איז געווען מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. היינט האָט זיך די לאַגע לחלוטין געביטן און די גאַנצע פּראָבלעמאַטיק האָט אָנגע־נומען אַ פאַרקערטן כאַראַקטער. די יוצרות האָבן זיך איבערגעדרייט און דאָס פּראָבלעם שטייט מיטן קאָפּ אַראָפּ. די סיבות פון דער ענדערונג זענען גוט באַקאַנט און ווערן דאָ נישט אַנאַליזירט.

דאָס פּראָבלעם פון היינט איז נישט דער יחיד, נאָר כלל ישראל. דער יחיד האָט זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן. עס איז ביים היינטיקן טאָג נישטאָ קיין לאַנד, וווּ די יידן זאָלן זיין אָפיציעל אונטערדריקט און ווו די געזעצגעבונג זאָל אַנטהאַלטן אַנטי־יידישע געזעצן. אפילו די לענדער, וואָס דיסקרימינירן קעגן די יידן, טוען דאָס אומאָפיציעל און פילן זיך באַליידיקט ווען מען ווייזט אָן אויף זייער אַנטיסעמיטיזם. עס זענען דאָ ווייניק טירן, וואָס זענען פאַרמאַכט פאַר יידן. דער קאַמף פאַר אָפיציע־לער עמאַנציפּאַציע האָט זיך כמעט ווי פאַרענדיקט.

עקאָנאָמיש איז עס בעסער ווי גוט. יידישע אָרעמקייט פאַרנעמט נישט קיין גרויסן פּלאַץ אין אונדזער פּראָבלעמאַטיק. עס איז כמעט נישטאָ קיין לאַנד, ווו מען קען רעדן וועגן יידישער אָרעמקייט, אַזוי ווי עס איז געווען אין אַמאָליקן פּוילן. אויב דער מאַטעריעלער ניוואָ פון די אינדוסטריאַליזירטע אָדער האַלב־אינדוסטריאַליזירטע פעלקער האָט זיך געהויבן אין די לעצטע פופציק יאָר, איז עס זיכער חל אויף יידן. כמעט אין אַלע לענדער איז די דורכשניטלעכע מדרגה פון יידן העכער ווי פון דער לאָקאַלער באַפעלקערונג.

וואָס שייך דער יידישער אַרומוואַנדערונג, האָט זיך אויך דער פּראָצעס געענדערט. אַנשטאָט דער וואַנדערונג פון צענטער קיין פּעריי־

פעריע, וואַנדערן יידן פון פעריפעריע צום צענטער. און דאָס איז שייך עמיגראַציע בכלל, צ.ב. קיין ישראל (קיבוץ גלויות), און דאָס עמיגרירן פון קליינע ישובים אין די גרויסע שטעט. אַמאָל האָט זיך אַ ייד געפילט בעסער ווען עס זענען געווען וויניקער יידן אַרום אים; היינט איז פּונקט פאַרקערט, ער פילט זיך בעסער צווישן יידן. עס זענען דאָ, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אויסנאַמען, אָבער זיי ענדערן נישט דאָס אַלגעמיינע בילד.

אָבער פּונקט ווי דעם יחידס לאַגע האָט זיך פאַרבעסערט, אַזוי איז דאָס פּראָבלעם פון יידנטום געוואָרן אַ סך, אַ סך הארבער. די זאָרג פאַרן יידישן קיום איז פּלוצלונג געוואָרן אַ פּראָבלעם, מיט וועלכן אַ סך יידן פאַרנעמען זיך און פאַרנעמען זיך זייער ערנסט.

קודם כל איז פאָרגעקומען אַ קאַלאָסאַלע אָפּשוואַכונג פון רעליגיעזן לעבן און פון יידיש־רעליגיעזער טראַדיציע. דער יידישער לעבנס־שטייגער ווערט אַלץ מער אויסגעליידיקט פון טראַדיציאָנעל־רעליגיעזן אינהאַלט. דער פּראָצענט יידן, וואָס באַטראַכטן די רעליגיעזע טראַדיציע ריין פאָרמעל, אָן אינערלעכער כוונה, וואַקסט פון טאָג צו טאָג. נישט קוקנדיק אויף דער פאַרגרעסערטער צאָל בתי־מדרשים און שולן, איז די צאָל גלויביקע יידן נישט געוואַקסן. דער היינטיקער ייד אין אַ „דריי־טעג" ייד. ער קומט אין שול נאָר אויף ימים נוראים. די אַלגעמיינע לאַגע איז נאָך מער פאַרערגערט געוואָרן דורך דעם, וואָס די שפּאַלטונג אין די רעליגיעזע גרופּירונגען איז געוואָרן גרעסער, און דער אַנטאַגאָניזם צווישן זיי איז געשטיגן. מען קאָן שוין נישט רעדן וועגן יידישקייט ווי וועגן אַן אַבסאָלוט מאָנאָליטישן גלויבן, אַזוי ווי מיר האָבן עס פריער באַטראַכט.

אויך די שפּראַכלעכע אייניקייט איז פאַרשוווּנדן. יידיש איז נישט מער די שפּראַך פון דער יידישער מערהייט. זי ווערט ביים היינטיקן טאָג באַנוצט נאָר דורך אַ מינדערהייט און די צאָל יידיש־רעדנדיקע פאַלט פון טאָג צו טאָג. דער גרויסער פאַראייניקנדיקער פאַקטאָר פון יידישן לעבן — מאַמע לשון, — פאַרשווינדט. עס איז געקומען אַ צייט ווען יידן קענען זיך שוין נישט מער צוזאַמענרעדן.

אַסימילאַציע, — אונדזער גרויסער שונא, — דראָט היינט נישט נאָר דעם יחיד, נאָר דעם גאַנצן כלל. די באַזע פון נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ איז אין געפאַר, ווייל די אַסימילאַציע גרייפט אָן גאַנצע קיבוצים. דאָס פּראָבלעם פון אַסימילאַציע איז געוואָרן אָפיציעל אַנערקענט און ווערט באַהאַנדלט אויפן אינטערנאַציאָנאַלן יידישן פאָרום, סיי דורך דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס, סיי דורך דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

עס איז געוואָרן אַן ענין נישט נאָר פאַר יחידים — גרויסע דענקער, נאָר פאַר דעם דורכשניטלעכן ייד אין כמעט אין אַלע לענדער. אָבער דאָס איז נאָך נישט דאָס גאַנצע בילד. די איינפאַכע סכעמע ווערט קאָמפּליצירט דורך דעם, וואָס אייניקע פון די דערשיינונגען זענען מער אויבערפלעכלעך ווי טיף, און דאָס ריכטיקע בילד איז גאַנץ אַנדערש.

דער אַנטיסעמיטיזם איז שוואַכער געוואָרן. אָבער צי האָבן זיך די אָביעקטיווע סיבות פון אַנטיסעמיטיזם אַזוי קאַרדינאַל געענדערט? איז אונדזער אומנאָרמאַלע סטרוקטור אין גלות געוואָרן נאָרמאַל אין די תפוצות? עס הויבט זיך נישט אָן. פּונקט פאַרקערט. די פּיראַמידע, וואָס שטייט איצט מיטן קאָפּ אַראָפּ, איז נאָך ערגער ווי פריער. ווי שטענדיק זענען די יידן אין מיטן פון דער סאָציאַלער פּיראַמידע און האָבן נישט קיין באַזע. דער מיטלשטאַנד באַשטייט איצט אין דער גאַנצער וועלט אין אַ גרויסער מאָס פון פּראָפעסיאָנאַלן. די נייע געזעלשאַפט נויטיקט זיך אַלץ מער אין טעכניקער, דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן. האָבן זיך יידן אַ לאָז געטאָן צו די פרייע פּראָפעסיעס. דער פּראָצענט פון יידן צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט אין די אוניווערזיטעטן אין אַמעריקע איז דריי מאָל גרעסער ווי צווישן די קאַטאָליקן און טאָפּלט ווי צווישן די פּראָטעסטאַנטן. דאַקעגן דער פּראָצענט פון יידישע אַרבעטער פאַלט פון טאָג צו טאָג. מיר האָבן שוין דערגרייכט די שטופע ווען אַ יידישער אַרבעטער באַטראַכט זיין באַשעפטיקונג אַלס אַ צייטווייליקע — ביז ער קאָן ווערן זעלבסטשטענדיק. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין די תפוצות וועט אינגיכן באַשטיין נאָר פון צוויי סאָציאַלע שיכטן: סוחרים און פּראָפעסיאָנאַלן. דאָס איז זיכער נישט קיין געזונטע דערשיינונג. מען דאַרף זיך נאָר דערמאָנען, אַז ערב היטלערס קומען צו דער מאַכט איז אין בערלין כמעט אַ העלפט פון אַלע אַדוואָקאַטן און דאָקטוירים געווען יידן. דער אַנטיסעמיטיזם איז אין דעם מאָמענט נישט „פעשאָנעבל" צוליב אַ ריי סיבות. אָבער צי איז דאָס אַ גאַראַנטיע קעגן אַנטי־יידישע האַנדלונגען? דער ביישפּיל פון רוסלאַנד איז אַ קלאָרער ענטפער אויף דער פראַגע. אָפיציעל איז דער אַנטיסעמיטיזם דאָרט פאַרבאָטן, אָבער פאַקטיש ווערט אָנגעפירט אין רוסלאַנד אַן אַנטי־יידישע פּאָליטיק. מען דריקט און מען לאָזט נישט שרייען. דאָס איז אַ דערמאָנונג פאַר די, וואָס גלויבן, אַז אונדזער עמאַנציפּאַציע איז פאַרזיכערט אויף דורות.

פון דער אַנדערער זייט, מוז מען היינט אַנדערש אָפּשאַצן די אַסימילאַציע. דאָס אַסימילירן זיך פון יידן איז נישט נאָר אַ פּראָצעס פון אויסמישן זיך מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין דער פאַרגאַנגענהייט. עס איז נאָר איין זייט פון דער מטבע.

מיר זענען עדות פון אַן אַלגעמיינעם פּראָצעס. די גאַנצע וועלט איז היינט פאַרכאַפּט פון אַן אַסימילאַציע־פּראָצעס. די אונטערשיידן צווישן פעלקער ווערן אַלץ מער קלענער און מיר ווערן גלייכגעשאַלטעט אין דער מערב־קולטור. די דיפערענץ אין קליידונג, בוי־סטיל, פילם, טעאַטער, מוזיק, לעבנס־שטייגער, ווערט אַלץ קלענער. מען קאָן פליען טויזנטער מיילן מיט אַן עראָפּלאַן און אויסשטייגן פּונקט אין אַן ענלעכער אומ־געבונג, ווי די, פון וואַנען מען איז אַרויסגעפלויגן. בלויז די שפּראַך איז אַנדערש. אַפילו די ראַסן־דיפערענצן ווערן לייכט פאַרטושט דורך דעם פּראָצעס. אויך מיר יידן באַטייליקן זיך אין אָט דעם אויסגלייכונג־פענאָמען און מען מוז זיך מיט דעם רעכענען. אָבער דאָס אַלץ איז נאָר אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם בילד, ווייל עס איז נישט גענומען געוואָרן אין חשבון דער הויפּט־עלעמענט פון דער נייער סיטואַציע — די אַנט־שטייאונג פון מדינת ישראל. יעדער פּרווו צו אַנאַליזירן אונדזערע פּראָב־לעמען אָן דעם פאַקטאָר, איז אַבסאָלוט זינלאָז. דאַקעגן נעמען אין באַטראַכט די עקזיסטענץ פון דער מדינה, איז גאָרנישט אַזוי לייכט, אויב מען וויל דאָס מאַכן אָביעקטיוו, אָן שום דעמאַגאָגישע צילן, סיי פּאָזיטיווע, סיי נעגאַטיווע.

עס איז קיין צווייפל נישט, אַז די אַנטשטייאונג פון דער מדינה האָט פאַרשטאַרקט דאָס יידישע נאַציאָנאַלע געפיל, אומאָפּהענגיק פון פּאַרטייאישער צוגעהעריקייט, אָדער באַציאונג צום ציוניזם. איר איינפלוס אָבער אויף אונדזער פּסיכאָלאָגיע איז נאָך נישט מערקבאַר. עס וועט נאָך דויערן צענדליקער יאָרן ביז דאָס וועט זיך אויסקריסטאַליזירן. אויף וויפל דאָס געפיל פון היימלאָזיקייט איז שוין פאַרשוווּנדן, איז שווער אָפּצומעסטן. ווי אַזוי עס באַאיינפלוסט אונדזער באַנעמען זיך מיט דער סביבה, איז נאָך נישט באַקאַנט, אָבער מען קען שוין פילן דעם אָנהויב.

דאַקעגן איז די זאָרג פאַר דעם יידישן קיום נישט אומעטום און נישט שטענדיק פאַרשטאַרקט געוואָרן. עס זענען דאָ באַדייטנדיקע שיכטן פון פאָלק, וואָס באַטראַכטן די גרינדונג פון דער מדינה אַלס אַ פאַר־זיכערונג פאַר יידישער עקזיסטענץ, וואָס באַפרייט זיי פון וועלכער נישט איז זאָרג פאַרן קיום פון יידישקייט.

עס איז אויך קיין צווייפל נישט, אַז די מדינה איז שוין געוואָרן דער גייסטיקער צענטער פון עם ישראל, ווי מען האָט דאָס געקאָנט פאָראויסזען מיט אַ היפּש ביסל יאָרן צוריק. דער פאַקט גופא, אַז אַ יידישע צייטונג — אין וועלכער שפּראַך זי זאָל נישט דערשיינען — מוז אָפּגעבן אַ היפּש ביסל אָרט דעם ענין מדינת ישראל; אַז דאָס, וואָס

קומט פאַר אין נהלל אָדער באַר־שבע שיינט צו זיין פיל וויכטיקער ווי דאָס, וואָס קומט פאַר אַ סך נענטער, איז אַ בולטער באַוויז פאַר דעם.

דאָס אַליין גענינט נאָך נישט. כדי דער צענטער זאָל זיין אַקטיוו און ווירקן, מוז געלייזט ווערן דאָס הויפּט־פּראָבלעם פון הייטניקן טאָג — די באַציאונג פון דער מדינה צו די תפוצות און פון די תפוצות צו דער מדינה.

דאָס פּראָבלעם איז פיל מער קאָמפּליצירט ווי מען וויל עס אָנער־קענען. אין דער פאַרגאַנגענהייט איז דער גייסטיקער צענטער געווען אַ געאָגראַפישער באַגריף — דאָס אָרט, אָדער בעסער געזאָגט, דאָס לאַנד, ווו עס האָט זיך קאָנצענטרירט אונדזער גייסטיקע שאַפונג, אונדזער צענטער פון לערנען, אונדזערע פאָלקס־אינסטיטוציעס. דער עיקר זענען געווען די גייסטיקע ווערטן. דאָס אָרט איז געווען צופעליק און פרעמד, נישט אונדזערס.

דאָס אָרט, וואָס מדינת ישראל פאַרנעמט אין אונדזער וועלט־אָנשוי־אונג איז גאָר אַנדערש. די מדינה האָט איבערגענומען לכל הפחות טייל־וויַיז, די ראָל, וואָס אונדזער אמונה האָט געשפּילט אין דער פאַרגאַנ־גענהייט. עס איז ביים היינטיקן טאָג דער פאָקאַלער פונקט אין אונדזער וועלט. זיין עקזיסטענץ, אַן און פאַר זיך, איז דער הויפּט־עלעמענט אין אונדזער יידישן מהות — צי מען וויל דאָס אָנערקענען, אָדער נישט. צוליב דעם איז דאָס פּראָבלעם פון קעגנזייטיקע באַציאונגען פיל קאָמפּלי־צירטער און די ריכטליניעס פון דער בציאונג זענען נאָך גאָרנישט קלאָר.

צום ביישפּיל: די פראַגע פון דער שפּראַך. עס איז קלאָר, אַז דער איינפאַכסטער אויסוועג איז צו דערציען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין דער העברעאישער שפּראַך, אָדער לכל הפחות, דערגרייכן דעם צושטאַנד ווען די מערהייט פון פאָלק וועט קענען העברעאיש, כדי זיך צו פאַר־בינדן מיט דעם גייסטיקן צענטער אין ישראל. דאָס איז דער ציל, אָבער צי קען מען אים דערגרייכן? עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז ענגליש וועט ווערן די לינגוואַ־פראַנקאַ פון דער וועלט אין גאָר דער נאָענטסטער צוקונפט — פונקט אַזוי ווי אַמאָל לאַטיין אין אייראָפּע — און אַלס אַ פּועל יוצא פון אָט דער אַנטוויקלונג וועט דערשיינען אַ נייע יידישע שפּראַך, באַזירט אויף ענגליש, פונקט ווי מאַמע־לשון איז באַזירט אויף דייטש. צי וועלן מיר קענען בייקומען אָט דעם אָנגריף?

אַן אַנדער פּראָבלעם איז דאָס וועלן פון דער מדינה צו פאַרשטיין די תפוצות. ביז איצט איז געווען אָנגענומען, אַז די תפוצות מוזן זיך צופּאַסן צו דער מדינה. די סיבות פון דעם זענען גאַנץ קלאָר און פאַר־שטענדלעך. אָבער, פריער צי שפּעטער, וועט קומען די צייט, ווען די

מדינה וועט דאַרפן פאַרשטיין, אַז מען מוז געפינען אַ בשותפותדיקן וועג. אויב מיר ווילן, אַז די תפוצות זאָלן ציִען יניקה פון דער מדינה, מוז געשאַפן ווערן פסיכאָלאָגישע מעגלעכקייטן דערצו. איינער מוז פאַר־שטיין דעם צווייטן (און נישט נאָר שפּראַכלעך). דאָס וועט פאָדערן צו רעווידירן אַ היפּש ביסל די דערציאונגס־פילאָזאָפיע פון מדינת ישראל און געבן אַ נייע אָפּשאַצונג פון דעם גלות און זיינע ווערטן.

אמת, עס זענען שוין דאָ סימפּטאָמען פון אָט דער ענדערונג, אָבער דאָס איז אַ לאַנגזאַמער פּראָצעס, וואָס וועט דויערן פיל יאָרן. פון וועלכער זייט מען זאָל דאָס יידישע לעבן נישט באַטראַכטן, קומט מען ווידער צום זעלבן אויספיר — אַלע אונדזערע פּראָבלעמען פון קיום, סיי פון יידישן יחיד און סיי פון כלל ישראל, קאָנען נישט ערנסט אַנאַליזירט ווערן אויב מען מיידט אויס דעם הויפּט־פאַקטאָר — מדינת ישראל. יעדער פּרווו זי אויסצומיידן אָדער איגנאָרירן פירט צו פּוסט־קייט און זינלאָזיקייט. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז מדינת ישראל וועט אויף אַ מאַגישן אופן לייזן אַלע פּראָבלעמען. ניין, זי קאָן נישט און זי וועט נישט לייזן קיין שום פּראָבלעם אויטאָמאַטיש. עס גיט אונדז אָבער אַ באַזע צו באַטראַכטן די פּראָבלעמען פון אונדזער עקזיסטענץ אין די תפוצות אויף רעאַלע יסודות און וועט העלפן צו פירן אין די תפוצות אַ מער נאָרמאַלע עקזיסטענץ, אומאָפּהענגיק פון דעם ווי לאַנג די תפוצות קענען און וועלן עקזיסטירן. עס גיט אונדז אַ מעגלעכקייט צו באַאיינפלוסן אונדזער גורל אַזוי, אַז אונדזער געשיכטע זאָל נישט זיין אַ געשיכטע פון פאַרפאָלגונגען און גזרות.

## יצחק קאַהאַן

# יעקב ווייסליץ — דער וועטעראַן פון דער יידישער בינע

### (צו זיינע פופציק יאָר טעאַטראַלער טעטיקייט *)

דער באַוווסטער פראַנצויזישער שרייבער, אַנדרעי מאַרואַ, גיט אין זיין בוך וועגן וויקטאָר הוגאָ אַזאַ דעפיניציע וועגן יוגנט:

> „ווי רופט מען דאָס, ווען אַלע חושים זענען אויפן פייער, און דאָס האַרץ איז ריין און זינגט אין ברוסט מיט אַזאַ גבורה, אומגעדולדיק, פאַרצווייפלט און דאָך — איבערפולט מיט האָפנונג: ווען דער מענטש פילט זיך שטאַרקער, ווי די וועלט, אָבער מאַכט־לאָז אויסצופרווון זיין גבורה, ווען דאָס לעבן, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אָנגעהויבן איז שוין אָנגעפּאַקט מיט אויסטערלישע פּאַ־סירונגען און דערינערונגען?... דאָס האָט אַ נאָמען, מען רופט עס: יוגנט".

יעקב ווייסליץ האָט געהערט צו דער־אַ־יוגנט, ווען ער האָט מיט פופציק יאָר צוריק געשטעלט זיינע ערשטע טריט צו דער יידישע בינע, ער האָט געהערט צו אַן אידעאַליסטישער יוגנט, אַן אומרואיקער, אַ זוכנ־דיקער, וואָס איז געווען גייסטיק־יונג און דינאַמיש; אַ יוגנט, וואָס איז געטריבן געוואָרן פון אַן אינערלעכן דראַנג נישט צו פּראַקטישער תכלית־דיקייט און קאַריעריזם, נאָר צום העכערן תכלית פון אמת און יושר־זוכעריי: אַ יוגנט וואָס האָט געמאַכט אַ געשיכטלעכן ראַנדעווו מיט אידייען פון אַ שטורמישער עפּאָכע און זיך אויפגעהויבן צו די וווּנדער־לעכסטע הויכן פון מסירת נפש פאַר ליכטיקע אַלמענטשלעכע אידעאַלן, וועלכע האָבן אַזוי פיל צוגעזאָגט און פאַרכישופט...

די יאָרן 1907—1914 האָבן זיך (נאָכן דורכפאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע) באַזונדערס אויסגעטיילט מיט דעם גרויסן אויפשוווּנג פון דער אַנטשטייענדיקער, נאַציאָנאַל־וועלטלעכער יידישער קולטור, וואָס האָט געזוכט אַ נייעם אויסדרוק פון יידישקייט און פון יידישער שעפע־רישקייט, אַ נייעם נוסח, אין וועלכן עס האָבן געזוכט האַרמאָניש צו באַהעפטן זיך דער נעכטן, היינט און מאָרגן.

---

*) געשריבן אין יאָר 1963.

עס האט זיך אנגעהויבן פונאנדערבליען די א. ג. פרץ־תקופה, וואס האט אויסגעבייטערט די יידישע האריזאנטן, עפענענדיק נייע פערס־פעקטיוון פארן יידישן לעבן און שאפן דורך מאדערנער קולטור־שעפע־רישקייט: ווי ליטעראטור, קונסט, וויסנשאפט און טעאטער. דער נאמען י. ל. פרץ איז פארוואנדלט געווארן אין א צויבער־ווארט פאר דער יידישער פאלקסטימלעכער אינטעליגענץ, ארבעטערשאפט און א טייל פון דער שטודירנדיקער יוגנט, וועלכע האבן ארויפגעקוקט צו אים, ווי צו א מדריך און רבין.

יעדן טאג האט מען געקאנט זען אין זאקסישן גארטן אין ווארשע, בחורים און מיידלעך, וועלכע האבן געוווסט די צייט פון פרצעס שפאצירן אויף דער א. ג. „ליטעראַרישער אליע". נישט דרייסטע, פלעגן זיי נאכ־גיין אים מיט ליבשאפט און פארערונג, נישט האבנדיק קיין מוט אפצו־שטעלן און פרווון אנקניפן א שמועס.

צווישן די לעצטע איז אויך געווען א יונגער, שלאנקער בחור פון דער פראווינץ — יעקב וויסליץ.

עס האט אים געצויגן צו פרצן, וועמענס ארויסטרעטונגען ער האט געהערט אויף פארלעזונגען און קעסטל־אוונטן. פרצעס קינסטלערישער פלי, זיין פלאמיקער פאטאס, די פאלקסטימלעכע ווארעמקייט האט פאר־כאפט, פארכישופט דעם יונגן בחור מיט די פארחלומטע אויגן. פרצעס ראמאנטיש־רעאליסטישע קולטור־פילאזאפיע, זיין באפליגלטע יידישקייט־וויזיע באהויכט מיט אוניווערסאלן הומאניזם, דער מיסטעריעזער פלאטער פון זיין קינסטלערישער פערזענלעכקייט, וואס איז געווען איינגעהילט נישט בלויז מיט דער אויסערלעכער פעלערינע, נאר אויך מיט אינער־לעכער, גייסטיקער אריסטאקראטישקייט, האט ביי דעם יונגן וויסליץ (ווי ביי פיל אנדערע) ארויסגערופן טיפן פיעטעט און יראת הכבודיקע באוואונדערונג, ווי עס וואלט אויף דער גאס זיך פלוצלונג באוויזן דער כהן־גדול פון בית־המקדש...

* * *

1912. אין ווארשעווער פילהארמאניע־זאל קומט פאר א גרויסע פאלקס־פארזאמלונג צו באהאנדלען דעם טרויעריקן מצב פון יידישן טעאטער. אויף דער טריבונע — די גייסטיקע עליטע פון דער יידישער קולטור. גערעדט האט י. ל. פרץ. ניין, נישט גערעדט האט ער, נאר געשלײדערט זודיקע, צארנדיקע ווערטער אין פול־געפאקטן זאל קעגן דעם שונד־טעאטער, די „בינקע־פינקע" פיעסעס, וואס האבן ווי ווילד־גראז, זיך צעוואקסן אויף דער יידישער גאס. ער האט גערופן צו פאר־

ניכטן, ווי עבודה־זרה, אַט דעם שונד און אויפשטעלן אויף זיינע חורבות דעם בעסערן יידישן טעאַטער מיט אַ קינסטלערישן, ליטעראַרישן רעפּערטואַר: „רופט זיך אָפּ נייע קאַדרן, קומט רעוואָלטירן און בויען!" האָט געדונערט פּרץ.

אין דער פייערלעכער שטימונג, בעת אין זאַל האָבן נאָך געפּלאַטערט פּרצעס באַפליגלטע ווערטער, האָט דער יונגער וויסליץ, ווי אַ שבועה געטאָן, צו פאַרבינדן זיין גורל מיט דער יידישער בינע. מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה האָט ער געוואָלט שפּילן טעאַטער — און טאַקע פון בעסערן רעפּערטואַר. עס איז געוואָרן זיין חלום און לעבנס־ציל, אָבער דאָן אַן מעגלעכקייטן נאָך עס צו פאַרווירקלעכן...

דער בעסערער יידישער טעאַטער איז נאָך דאַן געווען הינטערוועגנס, און דער פּרווו, וואָס פּרץ הירשביין האָט געמאַכט (1908—1910) איז נישט געלונגען. דאָס איינציקע, וואָס איז יאָ אין יענער צייט דערגרייכט געוואָרן איז געווען אַ דראַמאַטישער קרייז ביים „הזמיר", אונטער דער אָנפירונג פון י. ל. פּרץ און דוד הערמאַן, צו אַט דער סטודיע האָט זיך וויסליץ געוואַנדן.

דער „הזמיר"־קרייז איז געווען אַ במקום־טעאַטער, אַ שול אויסצובילדן די קומענדיקע פּאָטענציעלע, פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן און אויך אַ לאַבאָראַטאָריע פאַר סצענישע עקספּערימענטן: פון זוכן אַ יידישן נוסח פאַר דער יידישער בינע. נישט צו שאַפן אַ טעאַטער אויף יידיש, נאָר אַ יידיש טעאַטער, וואָס זאָל אַרויסברענגען די יידישע דראַמע און דעם יידישן מענטש; אַ טעאַטער, וואָס זאָל פאַרקערפּערן די יידישע תנועה און רעיון, חלום און וואָר, דעם שבת־קודש, ווי דעם אינדערוואָכן.

אין „הזמיר"־סטודיע האָט ד"ר מוקדוני געלערנט טעאָריע פון טעאַטער; פּרץ — יידישע ליטעראַטור מיט אויסטייטשונגען פון דער יידישער דראַמע. יעדע לעקציע זיינע האָט באַצויבערט און געכישופט ווי אַ סעאַנס פון היפּנאָז. בעתן ריידן פלעגט ער מער סוגעסטירן ווי רעפּערירן, דורך אַ רמז, אַ זשעסט, אַ בליק, פלעגן אַרויסקומען דיכטערישע אָנונגען און שפּירונגען, דאָס אינטואיטיווע, וואָס לאָזט זיך מיט קיין ווערטער נישט באַצייכענען. ער פלעגט קענען דאָס גראָע באַשטראַלן מיט יומטובדיקער ליכטיקייט, מסביר זיין דאָס אימפּראָוויזירטע און דאָס מיסטישע פון טיפערן חסידישן רעיון.

פאַרן יונגן וויסליץ האָט זיך געעפנט אַ נייע וועלט. פּרצעס פּאָעטישער אינטעלעקטואַליזם, אַרויסגעבראַכט אין אַ באַפליגלטער פאָרם, האָט אָנגעטראָפן ברענענדיק־באַגייסטערטע אויגן פון אַן אוידיטאָריע, וואָס האָט געפילט אחריות פאַר דער קומענדיקער ראָל, וואָס זי האָט צו שפּילן אינעם יידישן לעבן בכלל און אויף דער בינע בפרט.

נישט נאָר צו פּרצן, נאָר אויך צום רעזשיסער דוד הערמאַן, האָבן זיך די שילער באַצויגן, ווי חסידים צום רבין. הערמאַן, אַ טיף־ראָמאַנטישע און קינסטלערישע פּערזענלעכקייט, איז געקומען צום טעאַטער פון דער חסידישער מיליע. פון דער סביבה האָט ער מיטגענומען זיין חסידישע התלהבות פאַר דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און טעאַטער; זיין אומרו און בענקשאַפט, זיין חסידישע מיסטיק, ברען און אַראָמאַט האָבן געזוכט אַ סצענישן תיקון פון אויסלעבונג. זיין אַרבעט אין דראַמאַטישן „הזמיר"־קרייז איז געווען אַ תורה־לשמה, אַ צוגרייטונג צום מאָרגנדיקן יידישן טעאַטער, און פון זיינע תלמידים זענען טאַקע אַרויסגעקומען די שפּעטערדיקע גרויסע קינסטלער פון מאָסקווער קאַמער־טעאַטער, פון דער „ווילנער טרופּע" און אַנדערע יידישע בינעס.

אין דער סטודיע האָט דוד הערמאַן נישט געלערנט קיין פּאַרטיקע רעצעפּטן פון שפּילן טעאַטער, נאָר אַ לעבנס־וועג, אויף וועלכן מען דאַרף כסדר פאָרשן און זוכן מיט אַ סך אויסדויער און בטחון. עס האָט זיך נישט געפילט די אומגעדולדיקייט פון אַ יוגנט, וואָס וויל וואָס שנעלער שפּילן אויף דער בינע, נאָר אויסטראָגן און אַריינאָטעמען אין אייגן בלוט־און־פלייש ביז עס ווערט אַ צווייטע נאַטור, אַן אָרגאַנישער טייל פון אייגענעם וועזן.

גרויסע קינסטלער באַגעגענען זיך אויף אַ בשותפותדיקן באַרג. דאָס, וואָס אַלעקסאַנדער גראַנאַך דערציילט וועגן ריינהאַרטן, איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דוד הערמאַנס רעזשי. ער האָט יעדע קלענסטע אידייע, געפיל, טאָן, און אויסדרוק באַטאַפּט און אויסגעפאָרשט, די קלענסטע באַוועגונג און זשעסט באַרעכנט, דערקלערט און איינגעשטעלט. אַלץ איז געווען אויסגעפּלאַנט — און ווי דאָס ווערק פון אַ פיינעם זייגערל — האָט ער יעדעס שרייפל, רעדל און פעדערל, באַטראַכט און געפּוצט. ווען ער האָט עס צוזאַמענגעשטעלט איז ערשט דאַן געוואָרן אַ שלימותדיקע זאַך פון איין גוס.

הערמאַן האָט געזוכט ביי זיינע שילער נישט בלויז פונקען פון טאַלאַנט (פון וועלכע ער זאָל קאָנען אויפבלאָזן אַ פלאַם), נאָר אויך אינטעלעקטועלע באַנעמונג. ער האָט אויסגעברייטערט זייער וויסן פון קונסט און ליטעראַטור, און אויך אַנדערע אַספּעקטן, כדי דורך יאָרן און יאָרן פון לערנען, אויסצובעסערן און פאַרפולקאָמען זייערע נאַטירלעכע טאַלאַנטן. ער האָט געלערנט און איינגעפלאַנצט אחריות ביים שפּילן, אַז פּונקט, ווי דער בעל־תפילה דערפילט ביים דאַווענען די אַנוועזנהייט פון ארון־קודש, אַזוי דאַרף אויך דער אַרטיסט מיט אַ הייליקן ציטער זיך באַציען צו זיין טעאַטער־עבודה. און דער וואָס איז צו דעם אומפעאיק, וועט קיינמאָל קיין קינסטלער נישט ווערן.

דוד הערמאַן האָט מיט א זעלטענעם חוש אַרויסגעשפּירט אַרטיס־טישע פונקען און בינע־פעאיקייטן. ער האָט פון די שילער א סך גע־פאָדערט. געלערנט זיי ליב צו האָבן קונסט אין זיך, אָבער נישט זיך אין קונסט. ער פלעגט צוגרייטן אינטימע אוונטן, רעציטאַציעס און מוזיק־שפּילן, וועלכע פלעגן דעם אינדערוואַכן פאַרוואַנדלען אין יום־טובים. פון אַזעלכע אוונטן פלעגן די תלמידים אַוועקגיין באַרוישטע און דערהויבענע. עס האָט פאַרשטאַרקט די התמדה צום לערנען און אַרבעטן איבער זיך.

גרויס איז געווען דער יום־טוב פון די אַרויסלאָזן: א סיום פון אַר־טיזם, פון פאַרמעסטונגען און דערגרייכונגען, פון אויסבילדן די אויסגע־טרוימטע קאַדרן אַרטיסטן פאַרן פּאָטענציעלן טעאַטער. אויפן זאַל די פּני פון דער יידישער אינטעליגענץ: יידישע שרייבער און קינסטלער מיט פּרצן בראש. פייערלעכע רעדעס פון פּרעזידיום, און עס באַקומט אויך א וואָרט איינער פון די תלמידים.

דער גורל איז געפאַלן אויף ווייסליצן. זיין ערשטע רעדע פאַר אַזא עולם! די נישט דרייסטקייט, די אימותא־דציבורא רופט אַרויס א ציטער אין יעדן אבר, די ערשטע ווערטער א ביסל שטאַמלדיק, די קני בויגן זיך פון אינערלעכער אויפרעגונג, אָבער ביסלעכווייז קומט דאָס וואָרט אַרויס זיכערער, קלאָרער. ער רעדט וועגן דעם „וואָס די שול האָט אונדז גע־געבן", א ציל אין לעבן, א העכערן תכלית. ער רעדט מיט א הייסן אָטעם, די ווערטער ווערן פלאַמיקער. זיינע אויגן טרעפן זיך מיט דוד הערמאַנס, וועלכער האָט אינטואיטיוו דערשפּירט אין יונגן תלמיד א גייסטיקן יורש, א נאָכפאָלגער פון זיינע אידייען, רעזשי און קרעאַציעס. שוין דאַן האָבן זיך פאַרקניפּט די אומצערייסבאַרע פעדים פון פּיעטעט און קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש פון תלמיד מיטן רבין, וואָס ווייסליץ טראָגט איבער אָקעאַנען און קאָנטינענטן...

אומפאַרגעסלעך זענען געווען די יום־טובדיקע אוונטן אין וואַרשע־ווער „הזמיר", ווען נאָמבערג, אַש און נאָך אַנדערע, נאָך־דאָן יונגע שרייבער, פלעגן מאַכן א קרייז אַרום פּרצן און זינגען: „אונדזער רביניו" מיט דעם אמתן חסידישן ברען און פּרץ אַליין פלעגט אַן אויפגערוימטער אונטערברומען זיין באַליבט לידל „פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא"... די אַלטע זענען געווען דאַן יונג אין גייסט און די יונגע האָבן געזען פאַר זיך א נייעם אויפגאַנג, א הערלעכן פרילינג, אויפשפּראָץ, רענעסאַנס, דער חלום פון אויסלייז, פון א נייעם דערהויבענעם יידישן לעבן. און דאַן איז אויסגעבראָכן דער גרויסער שטורעם — די ערשטע וועלט־מלחמה.

* * *

1915. פאַרברענטע יידישע שטעט און שטעטלעך דורך דער אָפּ־טרעטנדיקער רוסישער אַרמיי, מחנות וואַנדערנדיקע און שווער־געפּרוווטע היימלאָזע, שטראָמען אויף אַלע וועגן, קומען קיין וואַרשע און פּילן־אָן די בתי־מדרשים. אויפן גמינע־הויף, אויף גזשיבאָווסקע — האַרצרייסנדיקע בילדער פון אויסגעוואָרצלטע יידישע שטעטלעך. י. ל. פּרץ קוקט אַרויס פון זיין אַרבעטס־צימער אויפן יידישן עלנט, זיין האַרץ אָנגעזאַפּט מיטן גרויסן צער פון חורבן האַלט מער נישט אויס... גאַנץ פּוילן איז, דוכט זיך, דאָ אויף זיין גרויסער לויה! אַלע, אַלט און יונג, פּילן זיך אבלים, פּילן דעם זין פון תנכישן פּסוק: „שר גדול נפל היום בישראל"...

אין אומענדלעכן לויה־צוג גייען אויך זיינע תלמידים פון „הזמיר"־קרייז, צווישן זיי — יעקב וויסליץ. זינט דעם אַרויסלאָז האָט ער שוין פאַרזוכט דעם טעם פון שפּילן אויף דער בינע. צום ערשטן מאָל געזען די ראַמפּע־ליכט אין אַ סענסאַציאָנעלער פּיעסע וועגן **בייליס פּראָצעס.** די טעמע איז נאָך געווען אַ צאַפּלדיקע און די פאָרשטעלונג איז געגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג במשך פון אַ קנאַפּן יאָר. עס איז נישט געווען קיין ליטעראַרישע, קינסטלערישע פּיעסע, אָבער די כאַראַקטעריזאַציע פון אַדוואָקאַט גרוזנבערג האָט דעם יונגן אַרטיסט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו שפּילן אַ דראַמאַטישע ראָל, געשפּילט צוויי מאָל אַ טאָג און... געחלומט וועגן אַ בעסערן יידישן טעאַטער, און דאָ פּלוצים, אַ שווערע כמאַרע איבערן יידישן לעבן...

די דייטשע אָקופּאַציע איז באַגלייט געוואָרן מיט נויט און הונגער. מען הויבט אָן שמוגלען (צוליב פּקוח־נפש), אָבער דאָס דערפירט אין אַ סך פאַלן צו דעמאָראַליזאַציע, צו מאָראַלישער געפאַלנקייט ביי אַ ריי משפּחות...

גלייכצייטיק האָט זיך איבער די יידישע שטעט און שטעטלעך אָנגעהויבן אַן אויפלעבונג אויפן קולטור־געביט. מען זוכט צו שטילן אַ גייסטיקן הונגער. גרינדעט מען ביבליאָטעקן, כאָרן, דראַמאַטישע קרייזן, עס ווערן איינגעאָרדנט לעקציעס און רעפעראַטן. מען זוכט זיך אויסצולעבן גייסטיק און אָפט שטילט מען דערמיט אויך דעם פיזישן הונגער... עס באַקומט אַ רוח־חיים אויף דער גרויסער פּראָווינץ אַ נייע פאָרם פון יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, אַ קולטורעלע, אַ וועלטלעך־נאַציאָנאַלע. ישיבה־בחורים און אַרבעטער, באַלעבאַטישע זין און טעכטער ווערן אַריינגעצויגן אין דעם נייעם שטראָם. די אוצרות פון דער יידישער ליטעראַטור, אירע פּראָבלעמען און גייסטיקע ראַנגלענישן, ווערן דער קנין פון באַנייטן יידישן לעבן. די פּראָווינץ קוקט אַרויף צו דער מעטראָפּאָליע — וואַרשע — מיט טיפער בענקשאַפט, מען שלינגט יעדעס וואָרט פון דער פּרעסע און פון די רעדנער, וואָס באַזוכן די שטעטלעך.

ווייסליץ האָט כסדר געזען פאַר זיך די מאַנענדיקע אויגן פון „רבין" — ווי א גייסטיקע צוואה צו די תּלמידים זיינע, זיי זאָלן גיין אין פאָלק, אים אויפריכטן, און זייערע טאַלאַנטן שטעלן אין דינסט פונעם יידישן לעבן. ער האָט ווי אַ נדר געטאָן, מקיים צו זיין אָט די צוואה און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט אַרויספאָרן אויף דער פּראָווינץ און העלפן אויפ־ריכטן דאָס יידישע קולטור־לעבן.

„איך האָב זיך געלאָזט, — האָט ער שפּעטער געשריבן, — איבער שטעט און שטעטלעך אויפן אַקטיאָרישן וואַנדער־וועג מיטן טעאַטער־חלום און האָפענונג"...

ער פאָרט אַרום איבער דער פּראָווינץ, גרינדעט אַמאַטאָרן־קרייזן צו שפּילן יידיש טעאַטער. ער ווערט אַ וואַנדער־רעזשיסאָר און פירט אויף בעסערע ליטעראַרישע פּיעסעס אין קוטנע, וולאָצלאַוועק, מלאווע, און אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך.

כּדי צו וועקן אינטערעס און דראַנג פאַר דער יידישער דראַמאַטישער קונסט, באַגנוגנט ער זיך נישט בלויז מיט אַקטיאָרישער און רעזשיסע־רישער אַרבעט, נאָר ער האַלט אויך פּאַרטראַגן וועגן טעאַטער, גיט לעקציעס וועגן שרייבער און זייערע ווערק, ער רעציטירט לידער און פּאָעמעס און זאַמלט אַרום זיך אַ גרופּע ענטוזיאַסטן פאַרן טעאַטער און יידישער קולטור בכלל.

זייענדיק אַ שיינער, עלעגאַנטער יונגערמאַן, באַהעמיש אין דער קליי־דונג, באַנעמונג און האַלטונג, ציט ער צו אויך פון שיינעם מין, ביי וועמען ער אַנטדעקט אַ ניצוץ פון דראַמאַטישן טאַלאַנט, — אַלס ליבהאָבער פון טעאַטער.

אונדזער יוגנט האָט דאָן געזוכט שיינקייט, דערהויבנקייט. און די דראַמאַטישע אַמאַטאָרן־קרייזן, וועלכע זענען אויפגעגאַנגען איבער דער לענג און ברייט פון דער ליבער פּראָווינץ, האָבן דורך זייערע לייסטונגען געטראָגן ציגל צום בנין פון יידישן טעאַטער און דראַמאַטישער קונסט.

דער פונדאַמענט, וואָס איז געלייגט געוואָרן בימי פּרץ אין וואַרשע־ווער „הזמיר", האָט אַנגעהויבן, אין די יאָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע, צו באַקומען פיר ווענט און ראָן איז אויך געלייגט געוואָרן דער דאַך אויפן בנין—די גרינדונג פון דער „ווילנער טרופּע". איר אַנטשטייאונג אין 1916 האָט אַרויסגערופן טיפע פרייד ביי די אַלע נע־ונד אַקטיאָרן, וואָס האָבן געחלומט פון אַ סטאַבילן יידישן טעאַטער אויף אַ קינסטלערישן ניווא. עס איז אויך געוואָרן ווייסליצעס חלום בעת זיין אַרומוואַנדערן איבער די שטעט און שטעטלעך מיט רעציטאַציעס און טעאַטראַלע אינסצעני־זאַציעס.

אין 1919 איז זיין חלום רעאַליזירט געוואָרן. די „ווילנער טרופּע" איז אנגעקומען קיין וואַרשע, וויסליץ טרעט אַריין אין דער טרופּע און עס הויבט זיך אָן דאָן זיין אַרטיסטישע קאַריערע און קינסטלערישער אויפשטייג.

* * *

די „ווילנער" האָבן מיט אַ מאַגנעטיש קראַפט צוגעצויגן צו זיך טאַלאַנטפולע כוחות פון די רוסישע און פּוילישע דראַמאַטישע שולן.

פון אַ פּויליש־דראַמאַטישער שולע איז געקומען די בילד־שיינע מרים אָרלעסקאַ. זי איז שוין געשטאַנען אויפן שוועל פון מלוכה־געשטיצטן פּוילישן טעאַטער, וווּ עס האָט איר דערוואַרט רום און מאַטעריעלע זיכערקייט, און זי האָט דאָס אויסגעטוישט אויפן שווערן גורל פון יידישן טעאַטער. עס איז געווען קולטור־פּרילינג אויף דער יידישער גאַס מיט אַזוי פיל זונשיין, הערלעכע האָפענונגען פון רענעסאַנס אויף אַלע געביטן פון גייסטיקן שאַפן.

די יונגע, באַגאַבטע שוישפּילער האָבן דערשפּירט זייער אינערלעכן, יידישן נשמה־ציטער. די ראַמפּע־ליכט פון דער יידשער בינע האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער ליכט פון זייער אינערלעכן פייער, מיט זייער אידעאַליזם און התלהבות פאַרן שעפערישן יידישן וואָרט און דראַמאַ־טישער קונסט. צו דער קאַטעגאָריע האָט געהערט יעקב וויסליץ.

זיין פּראָבע־ראָל אין דער „ווילנער טרופּע" איז געווען די דראַמאַ־טישע ראָל פון פּראָקאָפּאָוו אין קאַברינס „דאָרפס־יונג". ער האָט די דראַמאַטישע ראָל אויסגעשפּילט אַזוי, אַז די רעצענזענטן האָבן דאָן גע־שריבן, אַז די קרעאַציע איז געווען „אַ קלאַסישע פיגור פון אַן אַלטן רוסישן פּויערל". די גוטע פּרעסע, די אַפּלאַדיסמענטן פון פּובליקום האָבן נאַטירלעך געגעבן פליגל דעם יונגן שוישפּילער.

און דאָן זענען געקומען ראָלן אין אַנדערע פּיעסעס: אין אָסיפּ דימאָוס „שמע ישראל", אין אַנדרעיעווס „דער וואָס קריגט די פּעטש", אין זודער־מאַנס „יאָהאַנס פייערן". אָבער דער ערשטער גרויסער דערפאָלג זיינער איז געווען אין דער ראָל פון דע־סילוויאַ אין גוטשקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ". אין דער קרעאַציע האָט די רעזשי אַרויסבאַקומען פון אים דעם מאַקסימום אַרטיזם. ער האָט זיך אויסגעלערנט ליב צו האָבן די ראָל אין זיך און אַריינדרינגען אונטער דער הויט פון אַט דער געשטאַלט.

די רעזשי אין דער „ווילנער טרופּע" האָט דעם אַקטיאָר געשטעלט הויכע פאָדערונגען. דוד הערמאַן איז קיינמאָל נישט געוואָרן שעפעריש באַפרידיקט, תמיד נאָכגעפאָרשט, גענישטערט און געזוכט.



יעקב ווייסליץ אין דער ראָל פון „שיילאָק".

מען דערציילט פון אַ באַרימטן מאָלער, אַז קריטיקירנדיק איינמאָל אַן אַרבעט פון זיינעם אַ שילער אין אַ קונסט־שול, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַ פּענדזל און אַ באַוועג געטאָן אויף דעם נישט פאַרענדיקטן לייוונט און מאָמענטאַל האָט דאָס בילד באַקומען לעבן. „קונסט, האָט ער אַ זאָג געטאָן צום שילער, ווערט שלימותדיק דורך דער לייכטסטער באַרירונג".

דאָס איז געווען דער דרך פון רעזשי ביי די „ווילנער": אַרויסצוברענגען, אויסצושפּילן די צאַרטסטע און דינסטע טענער פון דער דראַמאַטישער קונסט. יעדער קלאַנג פון טאָן, עקספּרעסיע, מימיק, געפיל און זשעסט האָט געמוזט זיין אַ פּולקאַמע. און ביים צוהערן זיך אויף די פּראָבעס, האָט מען געקאָנט זען, ווי יעדער איינדרוק און באַוועג שפּיגלט זיך אָפּ אויפן רעזשיסערס אויסדרוקספולן פּנים.

ער פלעגט מיט אַ זעלטענער קראַפט אילוסטרירן די עקספּרעסיע פון אַן אויסגעשריי, וואָס קאָן קלאָר מאַכן אַ געדאַנק, לעבעדיק מאַכן אַ געפיל; וואָס אַ קליינע האַנט־באַוועגונג קאָן אַרויסבאַקומען פון אַ פּשוטן זאָג; די באַדייטונג פון אַ קליינער פּויזע, דער אויסשפּיל פון אַ שטומער סצענע, און אויך וויזן ווי ער „שרויפט" אַרויף אָדער „שטילט" איין אין געוויסע שטעלן...

ווי אַ כעמיקאַליש פּאַפּיר פלעגט ער אָננעמען די באַאַרבונג און ענדערונג אין דער אַטמאָספער מיט די אַקטיוויטעטן אויף דער בינע, און פּונקט, ווי דער פידלער ציט אָן די סטרונעס פאַרן אַרויסטריט, כדי אַרויסצוברענגען דעם עכטן, אמתדיקן טאָן, אַזוי האָט דוד הערמאַן געפאָדערט פון אַקטיאָר, ער זאָל פאַרן אַרויפגיין אויף דער בינע זיך באַפרייען פון טויזנט שקרים, ער זאָל קיינמאָל נישט אַריין אין טעאַטער מיט דער בלאָטע אויף די פיס, נאָר לאָזן דעם גראָען שטויב און די בלאָטע אויסנווייניק...

ביי אַזאַ רעזשיסערישער דיסציפּלין איז פאַרשטענדלעך הלמאי עס איז אים שווער געווען פּאַרטיק צו ווערן מיט אַן אויפפירונג, און ווען עס האָט שוין מיט מזל דערזען די ראַמפּע־ליכט, האָט עס געמוזט האָבן אַ הויכן קינסטלערישן ניוואָ, אַ פּשרותדיקייט, מיט טריישאַפט צום בעסערן טעאַטער.

האָבן טאַקע די אויפפירונגען פון דער „ווילנער טרופּע" אַריינגעבראַכט גייסטיקע דערהויבנקייט, טיפע איבערלעבונג, געניוס — פאַרן פּובליקום און שוישפּילער. יעדע פּרעמיערע איז געווען אַ געשעעניש, אַ יום־טוב אינעם וואָכנדיקן לעבן. און אוודאי זענען דאָס געווען די גרויסע

אויפפירונגען (פון בעסערן רעפערטואַר), וועלכע האָבן זיך בשעתו, אַנגע־הויבן מיט ש. אַנסקים „דיבוק”.

דוד הערמאַן האָט דעם גאַנצן טראַגיזם צווישן צוויי וועלטן — די גשמיותדיקע און די רוחניותדיקע: דאָס געלייטערטע פון דער חסידיש־מיסטישער וועלט, די וועלט פון לעגענדע, און די מיסטעריע פון אינע־ווייניקסטן מענטשלעכן געראַנגל — געגעבן אַ סצענישן תיקון.

די אויפפירונג האָט ער באַטראַכט, ווי אַ הייליקע עבודה, אין וועלכער עס האָט זיך צעפלאַמט דער ניצוץ פון זיין חסידישער נשמה. די מי און פּיעטעט, וואָס ער האָט אריינגעגעבן ביים אינסצעניזירן, קענען נאָר אָפּשאַצן די מיטבאַטייליקטע שוישפּילער. האָט ער טאַקע וווּנדער באַוויזן אין איינרעזשיסירן סצענקעס אַז ווערטער, אַז שפּראַך, בלויז באַגענטע בליקן צווישן לאהן און חנן, אָדער מרים אַרלעסקאַס באַריר מיט אירע ליפּן די הייליקייטן (ביים אָפענעם ארון־קודש), האָבן געשאַפן אַ מאָנומענטאַל בילד.

הערמאַן האָט פיל אַכט געלייגט אויף דעם מינדסטן שטריך. מיט זיין שאַרפן אויג און עמפּינדלעכן אויער האָט ער אויפגעכאַפּט דעם דינסטן דיסאַנאַנס. ביים אָפּקלויב פון ראָלן, האָט ער אינטואיטיוו ארויס־געפילט די פּאַסיקע אַקטיאָרן, וועלכע וועלן זיין בכוח אריינצוּוואַקסן און זיך איינלעבן אין אַ כאַראַקטער־ראָל.

ער האָט יעקב ווייסליצן איבערגעגעבן די באַדייטנדיקע קרעאַציע פון מיראָפּאָלער צדיק, גלויבנדיק, אַז ער וועט זיין בכוח צו פאַרקערפּערן אָט די גייסטיקע גרויסקייט און גבורה פון מיראָפּאָלער צדיק, וועלכער שטעלט זיך אַליין אין דעם טראַגישן געראַנגל צווישן מענטש און העכערע כוחות. עס איז אַ ראָל פון אַ פּראַמעטעאוס־געשטאַלט אין אַ חסידיש־מיסטישן לבוש. אי דאָס לעבעדיקע תורה זאָגן, וואָס האָט אין זיך דעם הייסן אָטעם פון תורה שבעל־פּה, ארויסגענומען פונעם פּאַלקס־מויל, אי זיין צער און דורכדרינגונג מיט די ליידן און יסורים פון יחיד און כלל, פאָדערט אינטעלעקטועלן באַנעם און אַ סך נשמה; עס איז אַ ראָל, דורך וועלכער עס ווערט לעגענדע און פאָלקלאָר טראַנספאָרמירט אין אַ דראַמע פון טיפער סימבאָליק און סצענישער דערהויבנקייט.

נישט די אויסערלעכע מאַסקע, נאָר די אינערלעכע כאַראַקטערי־זאַציע האָט ארויסגעבראַכט די גרויסע אינדיווידועלע פּערזענלעכקייט, דעם אימאַזש פון דער הייליקער געשטאַלט.

אויף דער בינע רעדן, מיינט צייכענען זעבאַרע אימאַזשן: צו הערן — מיינט זען וועגן וואָס עס איז גערעדט געוואָרן. עס איז דער ארויסרוף פון עמאָציע, איבערלעבונג און בילד.

די טיפע מעלאַדישקייט פון דעם חסידיש־מיסטישן טאָן אין „דיבוק״, די וויבראַציע פון דעם יידישן נשמה־ציטער, די סובטעלע ניואַנסירונגען פון געפיל און דראַמאַטישער האַנדלונג קומען צום אויסדרוק אין דער כאַראַקטעריזאַציע.

אין דער ראָל פון מיראַפּאָלער צדיק האָט ווייסליץ אַרויסגעבראַכט דעם לעבעדיקן גייסט פון דראַמאַטישן יידישן פאָלקלאָר, און פון דער קרעאַציע האָט זיך ממשיך געווען זיין טעאַטראַלע און קינסטלערישע אַנטוויקלונג.

אין דער „ווילנער טרופּע״ אונטער דער רעזשי פון דוד הערמאַן, אַברהם מאָרעווסקי און ד״ר וויכערט, באַקומט ווייסליץ אַזעלכע קרוין־ראָלן ווי דער „בדחן״ אין פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״, דאָס הייליק שניידערל אין אַש׳ס „קידוש השם״, דער מהר״ל אין לייוויקס „גולם״, דער רבי ר׳ דן אין אַנסקים „טאָג און נאַכט״, אַליקום אין „יידן־שטאַט״ פון אהרן צייטלין, — נאָר אַנצורופן עטלעכע פון זיינע קרוין־ראָלן.

ווי מיר ווייסן ליגט די מאַגישע קראַפט פון טעאַטער אין די הענט פון דראַמאַטורג, רעזשי און אַקטיאָר. די פּיעסע וואָס איז צוערשט אויסגעטראַגן געוואָרן אין דער פאַנטאַזיע פון דיכטער, מוז שפּעטער באַקומען אַ תיקון אין דעם לעבעדיקן אַקטיאָר. די פּיעסע גופא איז אַ כלי, וואָס טאָר נישט זיין אין גאַנצן פול. עס מוז בלייבן פּלאַץ פאַר דעם שטאַט פון רעזשיסאָר און אַקטיאָר, וועלכע ברענגען אַריין אין דער ראָל טאַלאַנט, וויסן און אויפּפאַסונג.

אין „בדחן״ האָט ווייסליץ אַרויסגעבראַכט דאָס פייערדיקע, יושר־דיקע און טראַגיש־גלויביקע וואָרט פון פּרצן אין דער כהנישער עבודה פון אויפמונטערן געפאַלענע און הכנעהדיקע. ווי אַ שוישפּילער האָט ער געלאָזן דעם פּובליקום מיטשאַפן אויפן זאַל, צו דערפילן, אַז אויך אין צווייפל קען ליגן אַ סטימול צו נייע געראַנגלען, צו שטאַרקייט פאַר נייע אָנשטרענגונגען און דערגרייכונגען.

די כאַראַקטעריזאַציע האָט אַנטשפּראָכן דעם אימאַזש און קאָמוניקירט צו די צושויער דעם אינערלעכן, לעבעדיקן גייסט פון גרויסן דיכטער, זיין צער און ראַנגלעניש צו וויטאַליזירן דאָס לעבן.

אין הייליקן שניידערל („קידוש השם״) האָט זיך ווייסליץ שטאַרק דערהויבן אין דער כאַראַקטעריזאַציע־ראָל. די קרעאַציע פון יידישן למד־וואָווניק אין יעדן יידישן דור, וואָס זינגט אויס דעם עפּאָס פון יידישן קידוש השם פאַר אַ הויכער אידעע, איז געקומען צום אויסדרוק אין יעדער באַוועגונג און טאָן.

מיט אינערלעכע פיינקייטן האָט ווייסליץ געשטאַלטיקט די וווּנדער־לעכע פּשטות, צאַרטקייט און ליבלעכקייט פון הייליקן שניידערל — אַ שלימותדיקע, קינסטלערישע קרעאַציע, וואָס האָט אַרויסגערופן די רוישיק־סטע אַוואַציעס פון פּובליקום און אויך באַגייסטערונג ביי די רעצענזענטן.

טעאַטער־קריטיקער האָבן דאַן באַצייכנט ווייסליצן אַלס די נשמה־יתירה פון דער „ווילנער טרופּע", דעם אינטעליגענטן יידישן אַקטיאָר, וועל־כער באַזיצט אין זיך דעם כּוח אַריינצוגעבן לעבן און עכטן געפיל אין עם וואָרט.

אַ עכטע דראַמע, איז ליטעראַטור אין דריי דימענסיעס. אַ ליטע־ראַטור, וואָס גייט, קען בטבע נישט טראָגן אויף זיך אַ צו־שווערע משא. אָבער אַ יידיש־ליטעראַרישע דראַמע פון לייוויקן איז אָנגעלאָדן מיט טיפע אידייען, וואָס זענען מיט אַזאַ שפּעדיקייט פאַרקערפּערט אין „גולם".

ווייסליץ האָט אין דער קרעאַציע פון מהר"ל פאַרקערפּערט די גרויסע חבלי־לידה פונעם קינסטלער, זיינע זעלבסט־פּייניקונגען אין פּראָצעס פון יצירה, אין דעם געראַנגל צווישן גייסט און חומר. דורך שיינע סקאַנדי־רונגען און דיסקרעטער באַהאַנדלונג פון וואָרט, אויסגעשפּילט אין לירישע, האַרציקע טענער, האָט ער געבראַכט צום אויסדרוק לייוויקס דיכטערישן וואָרט, אין וועלכן טאָן־באַאַרבונג און אויסשפּיל האָבן אין זיך דעם כּוח צו שאַפן אַן אינטעלעקטועלן און עמאָציאָנעלן עפעקט אויפן צושויער.

אַ קרוין־ראָל האָט ווייסליץ געהאַט אין דער דראַמאַטישער כאַראַק־טעריזאַציע פון קריניצער רבין ר' דן (אין אַנסקים „טאָג און נאַכט"). דער קאָנפליקט צווישן אינסטינקט און גייסט: תּאווה און הימלישע דבקות. דער שלאַנקער סלאַוו, וואָס ווערט פאַרבערנט אין קעגנזייטלעכע פייערן דורך דעם געראַנגל מיט דער סיטרא אחרא, דער געראַנגל צווישן צדיקס תּעניתים און סגופים מיט זיין קאָזאַקישן בלוט, איז געשטאַלטיקט געוואָרן אין יעדער באַוועגונג פון קערפּער, אין די אינטאָנאַציעס פון וואָרט און אין שווייגן, וואָס נעמט אַרום די נישט־אויסגעדריקטע ווער־טער... ווייסליצעס עמפּינדלעכקייט אין דער שטופּע פון אונטערשטרייכן, פון באַווירקן דורך אימאַזש, עמאָציע און זכרון, האָט געגעבן קוואַלי־טאַטיווע וואָג דער קרעאַציע. דעם אַקטיאָרס לעבעדיקע כאַראַקטעריזאַציע האָט באַוויזן פייער און טעמפּעראַמענט מיט די געהעריקע שאַטירונגען.

אונטער דער רעזשי פון ווייסליצן איז אין דער „ווילנער טרופּע" אויפגעפירט געוואָרן אַסיפּ דימאָווס „דער זינגער פון זיין טרויער", אַ פּיעסע, וואָס פאַרמאָגט אַ סך שפּיל־מעגלעכקייטן פון אַ פאַלקסטימלעכן ספּעקטאַקל. דער רעזשיסער האָט אויסגענוצט געלונגענע דראַמאַטישע עפעקטן פון דער סצענישער קאָנסטרוקציע, שאַפנדיק אַ שלימותדיקן צו־

זאַמענשפּיל פון פּיין־געצייכנטע געשטאַלטן, וועלכע אונטערשטרייכן דעם אמת פון פאַנטאַזיע, אין וועלכער עס ווילט זיך גלויבן און לעבן...

ווען עס איז געשטעלט געוואָרן בערגעלסאָנס „ברויט מיל" האָט וויסליץ באַקומען די שווערע ראָל פון „טויבן". ער האָט אויך געשפּילט די הויפּט־ראָל אין יודזשין אָנייעלס „דאָס שוואַרצע געטאָ" און דעם רבין ר' דודל אין „הערשעלע אָסטראָפּאָלער", (ווו עס קומט צום אויסדרוק די ראַנגלענישן צווישן אינערלעכן אמת און אויסערלעכן שקר).

מיט גרויס דערפאָלג האָט ער געשפּילט **שימעלע סאַראַקער** אין דעם „גרויסן געווינס" און אַרויסגעבראַכט אין סובטעלע טענער די פרייד פון פאַנטאַזיע און דעם טרויער פון דלות...

דער אַקטיאָר איז ביים שפּילן צעטיילט אויף צווייען: אויף דער בינע לעבט ער, לאַכט און וויינט און ביים וויינען און לאַכן אָבסערווירט ער זיינע פּערזענלעכע טרערן און פרייד. אין דער באַלאַנסירונג צווישן לעבן און שפּיל — שאַפט זיך די קונסט, די טאָפּל־עקזיסטענץ פון קינסטלער.

דעם אַקטיאָרס טאַלאַנט צו שאַפן לעבן אין א ראָל, ווערט אויסגעפורעמט שטופנוויז, און ס'איז שטאַרק אָפּהענגיק פון אינטואַציע, דערפאַרונג, וויסן און געשמאַק — און טאַקע טאַלאַנט! ער נעמט זיין חלום פון א כאַראַקטער־ראָל און דורך וואָרט, באַוועגונגען און עמאָציאָנעלן כוח, רעאַליזירט דורך זיין אונטערבאַוווסטזיין און קאָנטראָלירט דורך זיין אינטעליגענץ, שאַפט ער אַן אומשטערבלעכן מאָנומענט פון איבערלעבונגען און ליידנשאַפטן, פון ליבע און האָס, פון שרעק און צאָרן... געפילן, מחשבות, פאַנטאַזיע און חלום גיבן אַריין לעבן אין ווערטער, פולקייט אין לעבעדיקע קלאַנגען.

דער נסיון איז שווערער נאָך דערמיט, וואָס פראַזן איבערגעחזרט אַזוי פיל מאָל אויף פּראָבן, אָדער אין פיל פאָרשטעלונגען, קאָנען ווערן מעכאַניש, די לעבעדיקע נשמה קען דורך דעם ווערן אויסגעוועבט — א ליידיקער קלאַנג פונעם וואָרט.

דער אַקטיאָר מוז דעריבער ביי יעדן אויפטריט זיך אליין באַנייען, אויפסניי זיך פאַרטיפן אין די קרעאַציעס, עס זאָל זיך אַנצינדן דאָס אינערלעכע פייערל, די געפילן און איבערלעבונגען, פון וועלכע עס איז אַזוי אָפּהענגיק די קינסטלערישע וויטאַליטעט.

אין דער „ווילנער טרופּע" האָט מען שטאַרק אַכט געלייגט אויף די דערמאָנטע עלעמענטן. א פּיעסע איז שטודירט געוואָרן, ווי א גאַנצע זאַך און אַזוי אויך די אַראַנזשירונגען און אַריינפּאַסונגען פון פאַרשידענע טיילן אין א האַרמאָנישער גאַנצקייט. דער אַקטיאָר האָט זיך דורך און דורך



יעקב ווייסליץ אַלס „שימעלע סאָראָקער"
אין „200,000" שלום עליכמס.

אַנאַליזירט, זיך געפילט ווי אַ לעבעדיקער אין זיין גאַנצער ראָל. זיינע באַוועגונגען, זשעסטן, ווערטער, מחשבות, געפילן און האַנדלונג האָבן אויף אַ פּרעציזירטן אופן געמוזט זיין אין דער געהעריקער פּערספּעקטיוו. דער איינפאַכסטער אריינקום און ארויסגיין פון דער בינע, ארויסצוזאָגן אַ פראַזע, אַ האַנדלונג דורכצופירן — דאָס אַלץ האָט געמוזט זיין אויף דעם האַרמאָנישסטן אופן אויסגערעכנט און פּרעציז דורכגעפירט.

דאָס איז געווען נוסח „ווילנער טרופּע", פון וועלכער ווייסליץ האָט זיך קיינמאָל גייסטיק נישט צעשיידט (אפילו נאָכן אויפלעזן דעם אַנ־סאַמבל, וואָס איז געשען אין 1935).

נאָכן אויפלעזן זיך (צוליבן עקאָנאָמישן קריזיס) פון דער „ווילנער טרופּע", וואַגלט ארום די יידישע טעאַטער־קונסט איבער דער וועלט. יעקב ווייסליץ מאַכט דאַן אַ טורנע איבער די יידישע ישובים אין איי־ראָפּע, אויפטרעטנדיק אין בריסל, אַנטווערפּן, לאָנדאָן, קאָפּענהאַגן, א.א.וו. ער באַזוכט אויך האָלאַנד און יוגאָסלאַוויע און ברענגט אריין אַ גייסטיקע אויפלעבונג אין די פאַרוואָרפענע יידישע ווינקלען.

נאָך אַ דערפאָלגרייכן אייראָפּעאישן טורנע, לאָזט זיך יעקב ווייסליץ אוועק איבער אָקעאַנען און קאָנטינענטן, ווי אַ קול־מבשר פון יידישן טעאַטער און קינסטלערישן יידישן וואָרט. ער גיט טעאַטער־אויפפירונגען און וואָרט־קאָנצערטן אין דרום־אַפריקע און דרום־אַמעריקע (נאָכן קריג אויך אין צפון־אַמעריקע, קאַנאַדע און ישראל). זיינע אויפטריטן פאַר־וואַנדלען זיך אין יום־טובים פאַר די פאָלקסטימלעכע יידן און דאָס קומט צום אויסדרוק אין די ענטוזיאַסטישע אַרטיקלען אין דער אָרטיקער יידישער פּרעסע. אויך די נישט־יידישע פּרעסע גיט אָפּ פּלאַץ מיט וואַרעמע אָפּרופן וועגן די סצענישע אויפפירונגען און וועגן ווייסליצעס שפּילן בפרט.

אָנהויב 1938 קומט ווייסליץ אַן קיין אויסטראַליע. מיר פּערזענלעך איז אויסגעקומען מיטצולעבן דעם באַגייסטערטן אופן, ווי דאָס יידישע מעלבורן האָט אויפגענומען און באַגריסט יעקב ווייסליצן.

אין דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל פון דער גרויסער יידישער וועלט, האָט ווייסליצעס אָנקום באַדייט אַ קולטור־געשעעניש פון גאָר אַ הויכער מדרגה. שוין דער קבלת־פּנים גופא איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אימפּאָזאַנטער מאַניפעסטאַציע פאַר דער יידישער קולטור און יידישן טעאַטער. נאָכער, זיין ערשטער וואָרט־קאָנצערט, אין וועלכן ווייסליץ האָט מיט זיין לירישער רעציטאַציע־קונסט און דראַמאַטישן אויסשפּיל באַגייסטערט און מיטגעריסן דעם עולם. די פּרעסע האָט דאַן געשריבן: — „פאַר דעם יידישן עולם איז זיין אויפטריט ממש געווען אַ רעוועּ־

לאַציע. דאָס ערשטע מאָל איז דאָ פאַר אונדז געשטאַנען אַ גרויסער יידישער אַרטיסט, וואָס האָט אין דער פולסטער מאָס רעפּרעזענטירט מיט זיך די מאָדערנע יידישע דראַמאַטישע קונסט". דער זעלבער רעצענזענט (פּ. גאָלדהאַר ע"ה) האָט ווייסליצעס אויפפירונג פון „די גאָלעלאַטע" באַצייכנט, ווי „אַ ווענד־פּונקט אין דער אַנטוויקלונג פון הינן יידישן טעאַטער".

כדאי דאָ צו דערמאָנען אַז פאַר ווייסליצעס אַנקומען קיין מעלבורן איז הי געפירט געוואָרן אַ טעאַטער־טעטיקייט פון אומדערמידלעכן אַקטיאָר יאַנקל גינטער ע"ה, וועלכער האָט צעאַקערט דעם האַרטנעקיקן אויסטראַליער באָדן און געשאַפן אַ ליבהאָבער־קרייז, וואָס האָט פיל מי אָפּגעגעבן צו שפּילן יידיש טעאַטער. עס זענען אויך געווען אויפטריטן פון שרה און נתן גינטער. עס איז שוין אויך געווען דאָ אַברהם ברייזבלאַט. די אימיגראַציע האָט געבראַכט צו די ברעגעס עטלעכע טאַלאַנטירטע אַמאַטאָרן — אַ דאַנקבאַר מאַטעריאַל פאַר אַ גוטן רעזשיסער.

יעקב ווייסליץ האָט נאָכגעפאָרשט, געזוכט אין יעדן ווינקעלע, ווו עס האָט נאָר ערגעץ זיך פאַרוואַלגערט אַ ניצוץ טאַלאַנט און צוזאַמען מיטן טעאַטער־קרייז געשאַפן אַן אַנסאַמבל פאַר קינסטלערישע אויפפירונגען, וואָס זאָלן זיין געטריי דעם נוסח „ווילנער־טרופּע".

נאָך די דערפאָלגרייכע וואָרט־קאָנצערטן האָט ווייסליץ געגעבן אַ הערלעכע י. ל. פּרץ־פאָרשטעלונג צום יאָרצייט פון גרויסן דיכטער. ער האָט אויפגעפירט שלום עליכמס „200.000", וואָס איז געווען אַן אומפאַרגעסלעכער, דערהויבענער יום־טוב פאַרן יידישן עולם. נאָכער דעם „דיבוק", וואָס האָט אויסגעזען ממש אומגלויבלעך, אַז דאָס האָט געקאָנט אויפגעפירט ווערן אין אויסטראַליע.

אין די היגע באַדינגונגען, האָט דאָס ווייסליץ וואונדער באַוויזן. אַ גרויסער שטאָטישער, „פּרינצעס"־טעאַטער איז אויסגעפילט געוואָרן מיט אַ יידישן עולם צו זען דעם „דיבוק".

אין אַ קלענערן פאַרנעם האָט זיך דער זעלבער „נס" איבערגעחזרט אין סידנעי, ווו דער אומדערמידלעכער ווייסליץ האָט מיט עקשנות און אויסדויער ממש געמוזט דורכהאַקן אַ וואַנט... אין פאַרלויף פון זיינע ערשטע צען מאָנאַטן אין אויסטראַליע האָט ווייסליץ געהאַט 37 אויפטריטן אין מעלבורן און אין סידנעי — אַ קאָלאָסאַלע דערגרייכונג אין אַ ישוב וואָס איז געווען אַזוי קליין. (כמעט אַ העלפט פון דער היינטיקער צאָל).

נאָך די אויפטריטן איז ווייסליץ אַ פּאָר מאָל אוועק איבער דער יידישער וועלט. ער האָט אויפגעשטעלט זיינע טעאַטער־געצעלטן אין

קאַנאַדע, דרום־אַמעריקע און ישראל און צוריקגעקומען קיין אויסטראַליע, וווּ ער האָט שוין געטראָפן וווינען די קינסטלעריַן רחל האַלצער און צוזאַמען מיט איר אויפגעפירט אַ רייע פּיעסעס פון יידישן און אייראָ־פּעאישן רעפּערטואַר. שפּעטער איז פון די לאַנגערן געקומען זיין טאָכטער מילאַ ווייסליץ און דער איידעם משה פּאָטאַשינסקי און צוזאַמען מיט זיי איז ווייסליץ אויפגעטראָטן אין אייניקע פאַרשטעלונגען.

אויב ציפערן קאָנען געבן אַ שטיקל באַגריף פון טעאַטראַלע דערגרייכונגען, וועט גענוג זיין צו זאָגן, אַז ביז 1953 זענען דאָ אויפגעפירט געוואָרן 79 פאַרשטעלונגען, 47 וואָרט־קאָנצערטן, 25 ליטעראַרישע אָוונטן און 39 פּאָרטראַגן. (און ווייסליצעס אַ פּאָרטראַג האָט באַדייט אינהאַלט און עלעגאַנץ פון פאָרם, וואָס איז געווען אויף דער גרענעץ פון אַ וואָרט־קאָנצערט). אין רעציטירן ווי אין פּאָרטראַג, האָט ער געבראַכט צום אויסדרוק די פּערל פון דער אייראָפּעאישער און יידישער ליטעראַטור (אָנהויבנדיק פון „זיידן" מענדעלע ביז זיין אוראייניקל חיים גראַדע).

אין די לעצטע 10 יאָר האָט ווייסליץ אויפגעפירט פיל נייע פּיעסעס (אַ ריי צוזאַמען מיט רחל האַלצער. וועגן איר גופא — ביי אַן אַנדער געלעגנהייט). איך וועל דאָ נאָר אָנרופן אייניקע פון די נייע אויפפירונגען:



אַנטיילנעמער אין דער אויפפירונג „די הילצערנע שיסל", רעזשיסירט דורך יעקב ווייסליץ אין 1958.

(פון ל. צו ר.): יאַשאַ שער, שיע טיגעל, חיהלע שטאָרן, יעקב ווייסליץ, רחל לעוויטאַ, ישראל ראָטמאַן, יעקב לעווין, שמעון קינג.

יעקב ווייסליץ — דער וועטעראַן פון דער יידישער בינע



יעקב ווייסליץ אַלס „יואל שוואַרץ" אין די „הילצערנע שיסל".

„דער פּאָעט איז בלינד געוואָרן”, „אונדזער ערד”, „הערשעלע אָסטראָ־פּאָליער”, „קידוש השם”, „די גרעפּין פון פּלאָץ”, „בית הילל”, „די הילצערנע שיסל”, „דער טויט פון א סעילסמען”, „בעק־לעין צענטער” און אנדערע.

אין די אויפפירונגען האָט ווייסליץ זיך באַמיט מיט אַלע כוחות **אַפּצוהיטן די רומפולע פאַרגאַנגענהייט זיינע. (און די טראַדיציעס פון** דער „ווילנער טרופּע”). ער האָט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט די קולטור־באַדייטונג פון טעאַטער, ווי אַן איינפלוסרייכער און פּאָפּולערער פאַקטאָר, וואָס קאָן עפענען פאַרן ברייטן עולם דעם קוואַל פון קינסטלערישן גענוס, **עסטעטישער באַפרידיקונג און עטישער דערהויבונג.**

ווייסליץ ווי אַן אידעאַיש־געזעלשאַפטלעכער מענטש **(פון זיינע יינגסטע יאָרן אין „בונד”), האָט דורך זיין טעאַטראַלער עבודה געטריי** געדינט דער מאָדערנער יידישער קולטור. (אין די לעצטע יאָרן האָט ער דאָס אויך געטאָן אַלס פאַרוואַלטער און לערער פון דער היגער שלום־עליכם־שול, וואָס איז אַ באַזונדערע טעמע).

* * *

דער גורל האָט געוואָלט, ער זאָל אויפשטעלן אין די לעצטע **פּאָר** צענדליק יאָר זיין טעאַטער־געצעלט אין אויסטראַליע, וווּ ער **האָט — אַלס רעזשיסער, אַקטיאָר, רעציטאַטאָר און וואָרט־קינסטלער — מיט אַלע זיינע כוחות געדינט דער יידישער קולטור און דעם טעאַטער.**

ווען עס וועט געשריבן ווערן די געשיכטע פון דעם היגן יידישן ישוב, פון זיין קולטור־לעבן אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר, וועט אַ גאָר חשובן אָרט פאַרנעמען דער יידישער טעאַטער, ווי אַן איינפלוסרייכער, פּאָפּולערער קולטור־פאַקטאָר, וואָס האָט געעפנט פאַרן ברייטסטן יידישן עולם דעם קוואַל פון טעאַטראַלן גענוס און פון עסטעטישער באַפרידיקונג.

אין אַט דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין אויסטראַליע וועט פאַרנעמען אַ צענטראַלן אָרט יעקב ווייסליץ.

זיינע אויפטוען און פאַרדינסטן פאַרן יידישן טעאַטער און יידישער קולטור אין אויסטראַליע און מ ח ו ץ — זיינע טעאַטער־געצעלטן און זיין בינע איז דאָך אין לויף פון אַ האַלב יאָרהונדערט געווען כמעט די גאַנצע יידישע וועלט — מאַנען ביי אונדז אַ גרויסן חוב, צו פאַראייביקן אויף אַ שיינעם, ווירדיקן אופן זיין נאָמען דורך אויפשטעלן אין מעלבורן אַ בכבודיקן יידישן טעאַטער־בנין און אים אָנרופן אויפן נאָמען פון יעקב ווייסליץ.



יעקב ווייסליץ איז נפטר געוואָרן אין מעלבורן
דעם 24טן אויגוסט 1966

## הערש מינץ

# יידן־פינאַנערן אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון אויסטראַליע

דער בייטראַג פון די יידן צום ווירטשאַפטלעכן לעבן פון דער פריסטער אויסטראַליע איז געווען אַ באַדייטנדיקער.

אין איינקלאַנג מיטן גאַנג פון דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון אויסט־ראַליע, וואָס איז מלכתחילה באַזעצט געוואָרן דורך ענגלישע פאַרשיקטע פאַרברעכער און שפּעטער דורך בריטישע אימיגראַנטן, איז אויך דער יידישער בייטראַג צום ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד געמאַכט געוואָרן דורך ענגלישע יידן. דאַן זענען געווען פּראָמינענט די מאָנטעפיאָרעס, די ראָטשילדס דורך זייערע פינאַנסיעלע און האַנדלס־פאַרשטייער, די לייווים און אַנדערע אָנגעזעענע ענגליש־יידישע פאַמיליעס.

אַ טייל פון די פאַמיליעס, ווי די מאָנטעפיאָרעס, זענען געווען פאַר־בונדן מיט דעם אורשפּרונג פון דרום־אויסטראַליע אַלס גרינדער פון דעם שטאַט ווי אויך פון אַנדערע שטאַטן, ווי וויקטאָריע און ניי־זיד־וויילס. זייער טעטיקייט האָט אויך דערגרייכט צו ניי־זעלאַנד אין די ערשטע יאָרן, ווען דאָס לאַנד איז באַזעצט געוואָרן דורך די ענגלענדער. דזשאָזעף סאָלאָמאָן, איינער פון די ערשטע קאָלאָניסטן אין „וואַן־דימענס־לאַנד״ — די איצטיקע טאַסמאַניע, איז געווען צוזאַמען מיט דזשאָן בעטמען — אַ מיטגרינדער פון „פּאָרט־פיליפּ״, וואָס איז איצט באַקאַנט אַלס וויק־טאָריע. סאָלאָמאָן האָט געקויפט אין וויקטאָריע די ערשטע שטחים לאַנד פאַר שאָף־צוכט און אַנדערע האַנדלס־אונטערנעמונגען.

איינער פון די ערשטע פּיאָנערן, און כראָנאָלאָגיש דער ערשטער ייד אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד, איז געווען דזשיימס (יעקב) לאַרא. אַ פאַרשיקטער קיין אויסטראַליע, איז ער אָנגעקומען מיטן צווייטן טראַנספּאָרט פאַרברעכער אויף דער שיף „סקאַרבאָראָ״ דעם 28טן יוני 1790. אויב דזשיימס לאַראס יחוס איז נישט קיין געהויבענער, דאַרף מען אָבער געדענקען, אַז די ערשטע איינזידלער האָבן זיך ווערבירט פון פאַרשיקטע, און ווי מיר וועלן אָנווייזן שפּעטער, זענען אַ סך פון זיי נישט געווען קיין קרימינעלע פאַרברעכער, נאָר ריכטיקער געזאָגט — קרבנות פון אוממענטשלעכע, דראַקאָנישע געזעצן, וואָס האָבן געשטעמפּלט

אַלס פאַרברעכער די דעקלאַסירטע קליינבירגער און דעם לומפּן־פּראָלע־טאַריער אין דעם צייט־אָפּשניט פון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע, ווי די תקופה ווערט אָנגערופן אין דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון ענגלאַנד אין סוף פון 18טן יאָרהונדערט.

בכדי צו באַקענען זיך מיט דעם הינטערגרונט פאַר דעם וויכטיקן בייטראָג פון די יידן־פּיאָנערן אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד, איז געווונטשן, אַז דער לייענער זאָל זיך באַקענען מיטן היסטאָרישן און געאָגראַפישן איבערזיכט, ווי באַשריבן אין מיין אַרטיקל — „אויסטראַליע" אין ערשטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך.

## דזשיימס (יעקב) לאַרא

איינע פון די קאָלירפולסטע געשטאַלטן אין לעבן פון דער דעמאָלט נאָך גאָר יונגער קאָלאָניע ניי־זיד־וויילס, וואָס האָט דאַן פאַרגעשטעלט מיט זיך גאַנץ אויסטראַליע, איז, אָן צווייפל, געווען דזשיימס לאַרא. גאָר ווייניק איז באַקאַנט געווען ביז לעצטנס וועגן לעבן פון דעם אַמעריקאַנער אָדער פראַנצויזישן ייד פון ספרדישן אָפּשטאַם, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין ענגלאַנד אין מיטן 18טן יאָרהונדערט. (דער קאַפּיטל איז באַזירט אויף מאַטעריאַלן, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פאַרשידענע היסטאָרישע זשורנאַלן אין ענגלאַנד און אין אויסטראַליע, ווי אויך אין זשורנאַל פון דער יידישער היסטאָרישער געזעלשאַפט).

ד. לאַראס אורשפּרונג איז נאָך אַלץ איינגעהילט אין אַ סוד. עס איז אָבער פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז ער שטאַמט פון אַ יחוסדיקער יידישער משפּחה פון שפּאַנישע מאַראַנען, וואָס האָט אַ סך בייגעטראָגן צו לומדות און רבנות, ווי אויך צום האַנדל און פינאַנסן.

די פאַמיליע לאַרא האָט געשטאַמט פון שפּאַניע. נאָך דעם גירוש ספרד האָט די משפּחה אָנגענומען דעם פאַמיליע־נאָמען לאַרא אָדער דע־לאַרא, אַלס אַ צייכן פון דאַנקבאַרקייט צום שפּאַנישן פירשט מאַנריק־דע־לאַרא, וועלכער האָט געהאָלפן אין אָנהויב פון 16טן י.ה. אַ סך אנוסים זיך צוריקצוקערן צום יידישן גלויבן.

די וייט־פאַרצווייגטע פאַמיליע האָט זיך באַזעצט אין האָלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און שפּעטער אין ענגלאַנד. אַזוי אַרום ווערט אָנגעגעבן אין „וואַלענטינס יידישער ענציקלאָפּעדיע", אַז הרב דוד הכהן לאַרא איז געבוירן געוואָרן אין ליסבאָן אָדער האַמבורג אין יאָר 1602. ער איז געווען אַ באַרימטער רב און דער חכם פון דער ספרדישער קהילה אין האַמבורג.

הרב לאַרא האָט פאַרפאַסט אַ תּלמודישן לעקסיקאָן, וואָס איז נאָר טיילווייז געדרוקט געוואָרן. ער איז אויך געווען דער מחבר פון אַנדערע ספרים וועגן עטיק און מאָראַל. הרב לאַרא איז געשטאָרבן אין האַמבורג אין יאָר 1674.

די פאַמיליע לאַרא האָט אויך בייגעטראָגן צו מוזיק. דער ענגליש־יידישער מוזיקער איזידאָר דע לאַרא איז געבוירן געוואָרן אין לאָנדאָן אין יאָר 1858 און איז אין זיין צייט געווען באַרימט אַלס קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט.

אַנדערע מיטגלידער פון דער פאַמיליע לאַרא זענען געווען גוט באַקאַנט אין די פינאַנס־ און האַנדלס־קרייזן פון האָלאַנד, דייטשלאַנד און פראַנקרייך.

אַ טייל פון דער פראַנצויזישער משפּחה לאַרא האָט זיך באַזעצט סוף פון 18טן י.ה. אין אַלזשיר, אין מאַראָקאָ, וווּ זיי זענען געווען טעטיק אין מסחר און אין אינדוסטריע.

עס איז נאָך ביז איצט נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן ווו דזשיימס לאַרא איז געבוירן געוואָרן. עס איז אָבער קיין צווייפל נישט, אַז ער געווען אַ ייד און האָט געשטאַמט פון דער לאַרא־פאַמיליע אין פראַנקרייך. געוויסע היסטאָריקער שרייבן, אַז ער איז געבוירן אין 1749 אין מאַראָקאָ. קיין ענגלאַנד איז ער אָנגעקומען פון באַיאָן אין פראַנקרייך, אין סוף פון די זעכציקער יאָרן פון 18טן י.ה. קיין גרוים כבוד האָט ער די יידן אין ענגלאַנד נישט געבראַכט. אין אָקטאָבער 1787 איז ער געשטאַנען פאַר אַ געריכט אין לאָנדאָן אַלס באַשולדיקטער אין גנבענען אַ בעכער אין אַ רעסטאָראַן אין טישערינג קראָס. דער בעכער איז געווען ווערט, לויט דער אָנקלאַגע, פינף פונט. דער בעל־דבר האָט זיך אַליין פאַרטיידיקט פאַרן ריכטער, אַז ער, דער גנב, איז געווען זייער שיכור. דער ריכטער האָט דעם תּירוץ נישט אָנגענומען און האָט געזאָגט דעם אָנגעקלאָגטן, אַז אַפילו זייענדיק שיכור וואָלט אַן אנשטענדיקער און ערלעכער מענטש נישט געגנבעט אַ בעכער און פאַררוקט אים אין קעשענע.

דזשיימס לאַרא איז פאַרמשפּט געוואָרן לויט די האַרבע געזעצן פון יענער צייט אויף לעבנסלענגלעכע תּפיסה. ווי עס איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, איז לאַרא פאַרשיקט געוואָרן קיין אויסטראַליע מיטן צווייטן טראַנספּאָרט פון פאַרברעכער. ער איז אָנגעקומען אין סידנעי אין 1790. דאָ איז פאָרגעקומען אַן איבערענדערונג אין לעבן פון דעם „איינמאָליקן פאַרברעכער”. לאַרא האָט זיך זייער לייטיש אויפגעפירט אין פּאַראַמאַטאַ, נעבן סידנעי, ווו ער האָט געדינט אַלס אַן אַרעסטאַנט. פון די באַריכטן פון דער טורמע אין פּאַראַמאַטאַ דערוויסן מיר זיך, אַז אין סעפּטעמבער 1794 איז ער געוואָרן טיילווייז באַפרייט. אין דער

יורידישער שפּראַך פון יענער צייט האָט עס געהייסן, אַז ער איז געווען פון די ערשטע פאַרשיקטע, וואָס האָבן געקריגן אַ „קאָנדישאָנעל פּאַרדאָן". די פּראָקלאַמאַציע וועגן זיין טיילווייזער באַפרייאונג האָט צוויסן געגעבן, אַז ער איז באַגנעדיקט געוואָרן צוליב זיין „מוסטערהאַפטן אויפפירן זיך אַלס אַרעסטאַנט".

לאַרא האָט דעם זעלבן יאָר חתונה געהאַט מיט אַ קריסטלעכער פרוי, וואָס איז וואַרשיינלעך אויך געווען אַ „טיילווייז באַפרייטע". זי האָט געהייסן סוזאַנאַ לאַנגפאָרד. לאַרא האָט באַלד נאָך דער חתונה אָנגעגעבן אַ ביטע מ'זאָל אים צוטיילן אַ שטיק לאַנד, בכדי ער זאָל זיך קענען באַזעצן אויפן לאַנד אַלס פּאַרמער. זיין ביטע איז אָנגענומען געוואָרן נאָך אַ לאַנגן שקלאַ־וטריא, וואָס איז אָנגעגאַנגען גאַנצע 3 יאָר. מיר ווערן געוואויר אַז אין מאַי 1797 האָט אים דער גובערנאַטאָר האַנטער צוגעטיילט אַ שטח פון 50 אַקערס לאַנד אין דעם דיסטריקט פון פּאַראַמאַטאַ. דאָס לאַנד איז אים צוגעטיילט געוואָרן מיטן באַדינג, אַז ער מוז זיך באַזעצן אויפן לאַנד און עס באַאַרבעטן לכל הפחות פינף יאָר און ער טאָר עס נישט פאַרקויפן פאַר דעם טערמין. אין פאַל ווען ער פירט נישט אויס די באַדינגונגען, וועט דאָס לאַנד צוגענומען ווערן פון אים.

לאַראס ענדגילטיקע באַפרייאונג איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין יאָר 1800. ד. לאַרא, דער באַפרייטער פאַרברעכער איז געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע בירגער אין פּאַראַמאַטאַ. ער איז באַפריינדעט געוואָרן מיט אַ ריי הויכע אָנגעשטעלטע אין דער אַדמיניסטראַציע פון דער קאָלאָניע, ווי אויך מיטן באַרימטן דזשאָן מעקאַרטור, וואָס איז דאַן געווען אַ קאַפּיטאַן אין מיליטערישן גאַרניזאָן פון ניי־זיד־ווילס. קאַפּיטאַן מעקאַרטור האָט איינגעפירט די מערינאָ־שאָף אין אויסטראַליע און ווערט באַטראַכט אַלס דער „פאָטער" פון שאָף־צוכט און וואָל אין לאַנד.

לאַראס איינפלוסרייכע פריינט אין דער קאָלאָניע האָבן אים זיכער געהאָלפן אין קריגן די ערשטע דערלויבעניש צו האַנדלען מיט אַלקאָהאָל אין פּאַראַמאַטאַ. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז די דערלויבעניש האָט ער געקריגן צוזאַמען מיט אַן אַנדערן ייד דזשאָן הערים, אויך אַ באַפרייטער אַרעסטאַנט, וואָס איז געווען איינער פון די ערשטע פּאָליציאַנטן אין ניי־זיד־ווילס. צו דער געשיכטע פון הערים וועלן מיר זיך אומקערן ביי אַ צווייטער געלעגנהייט.

לאַרא האָט געבויט זיין האָטעל, אָדער ריכטיקער: זיין טראַקטיר, אין פּאַראַמאַטאַ, אויף אַ שטיק לאַנד, וואָס ער האָט באַקומען פון קאַפּיטאַן מעקאַרטור. ער איז אויך באַשטימט געוואָרן אין 1801 אַלס דער

צושטעלער פון תבואה פארן מיליטערישן גארניזאָן, ווי אויך פאר דער רעגירונג אין נײַ־זיד־וויילס.

לארא איז געווען זייער פּאָפּולער און זייער אָנגענומען אין די רעגירונגס־קרייזן פון דער קאָלאָניע. ער איז געווען באַקאַנט אַלס דער „ערלעכער ייד" (דהעי האָנעסט דזשו) און אויך אַלס דער „פּרינץ פון די סוחרים". אין יאָר 1809 האָט דער גובערנאַטאָר פּעטערסאָן געגעבן אים אַ „קריסמעס פּרעזענט" — 600 אַקער פרוכטבארן לאַנד. לארא האָט אין דער זעלבער צייט אויסגעבריייטערט זיינע האנדלס־טעטיקייטן אין אַ ריי געביטן פון אימפּאָרט און עקספּאָרט און ער האָט דערוואָרבן גרויסע פארדינסטן אין עקאָנאָמישן לעבן אין דער קאָלאָניע. דאָס זענען געווען דריי יאָר — 1809־1811, ווען ער האָט דערגרייכט דעם שפּיץ פון זיין קאַריערע אַלס אַ פאַרדינסטפולער און זייער אָנגעזעענער סוחר מיט גרויס אנערקענונג סיי אין די מלוכה־קרייזן, סיי אין מיליטערישן גאַרניזאָן פון דער יונגער קאָלאָניע. זיין מזל אָבער האָט זיך אָפּגעקערט פון אים אין 1814 מיטן טויט פון זיין פרוי. אַ צווייטע אומגליקלעכע הייראַט מיט אַ יונגער שווישפּילערין און אַ ריי נישט־געלונגענע אונטער־נעמונגען האָבן געפירט צו זיין באַנקראָט. זיינע לעצטע יאָרן זענען געווען שווערע, פארביטערטע און אומגליקלעכע.

ד. לארא האָט אין די יאָרן פון גליק און אומגליק זיך שטענדיק געהאַלטן פאַר אַ ייד. ער איז געשטאָרבן דעם 11טן פעברואַר 1839, אין עלטער פון 90 יאָר. ער איז באַערדיקט געוואָרן אויפן ערשטן בית־עולם פון דער יידישער געמיינדע אין סידניי, וואָס האָט זיך געפונען אין דעוואָנשייער גאַס.

אַזוי פאַלט דער פאָרהאַנג אויפן לעבן פון ערשטן ייד־פּיאָנער, דזשיימס לארא. זיין קאַלירפול לעבן האָט באמת געהאַט די שפּאַנונג פון אַ דראַמע. אַ ייד, וואָס האָט אַריינגעשריבן אַ וויכטיקן קאַפּיטל אין דער פריסטער געשיכטע פון אויסטראַליע. זאָל דאָ געזאָגט ווערן צו זיין זכות, אַז געקומען, אָדער ריכטיקער: פאַרשיקט געוואָרן, איז ד. לארא קיין אויסטראַליע דורך צוואַנג, אָבער אַדאַנק זיין אייגענעם רצון, זיין גוטן ווילן, האָט ער זיך רעהאַביליטירט, זיך ריינגעוואַשן און איז געוואָרן אַן אָנגעזעענער און חשובער בירגער אין לאַנד. די מאָנטע־פיאָרעס דאַקעגן זענען מלכתחילה געקומען פרייוויליק, אַלס מיטגלידער פון אַ בכבודיקער און רומפולער יידישער פאַמיליע, מיט גרויסע פאַר־דינסטן אין דער געשיכטע פון ענגלאַנד און אויסטראַליע.

אויספירלעכער וועגן דער אינטערעסאַנטער געשיכטע פון דער פאַ־מיליע מאָנטעפיאָרע רעקאָמענדיר איך דעם לייענער צו באַקענען זיך

מיט מיין אַרטיקל „צוויי יידישע קהילות", געדרוקט אין צווייטן אויסט־ראַליש־יידישן אַלמאַנאַך, זייטן 70־76.

## יידן־פּיאָנערן אין דרום־אויסטראַליע

אין דרום־אויסטראַליע, ווו די מאַנטעפיאָרעס זענען געווען אַזוי טעטיק אויף אַלע געביטן פון ווירטשאַפטלעכן לעבן, האָט זיך אויך אָנגעהויבן די גרויסע פאַרדינסטפולע פּיאָנערישע טעטיקייט פון יידן אין אַגריקולטור, בעיקר אין שאָף און וואָל־צוכט.

די דרום־אויסטראַלישע רעגירונג האָט לאַנגע יאָרן פאַרוואַלטעט מיט צפון־ און צענטראַל־אויסטראַליע. די נאָענטע געאָגראַפישע שכנות פון דרום־אויסטראַליע מיט די גרויסע טיילן פון קאָנטינענט, האָבן איר מלכתחילה פאַרבונדן מיט זיי אין אַ ריי אַדמיניסטראַטיווע און עקאָנאָ־מישע פונקציעס. פון דעם שטאַט האָבן זיך דעריבער אָנגעהויבן די ערשטע אונטערנעמערישע טעטיקייטן אין אַנטוויקלען די גרויסע שטחים פון אויסטראַליע, וואָס פאַרנעמען קרוב צו 40% פון דער גאַנצער טע־ריטאָריע. אַ היפּשער טייל פון לאַנד איז נישט געאייגנט פאַר אַגריקולטור, צוליב דעם מאַנגל פון וואַסער. דאָ קענען מיר אָבער זאָגן, אַז „די רפואה איז אָנגעגרייט געוואָרן פאַר דער מכה". עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז די שאָף־צוכט, וואָס איז נאָך עד־היום דער וויכטיקסטער צווייג אין אויסטראַליעס אַגריקולטור, קען גאַנץ גוט אָנגיין אין צפון־און אין צענטראַל־אויסטראַליע, נישט קוקנדיק אויפן מאַנגל פון וואַסער. דער סאָרט שאָף, וואָס האָט זיך אַמבעסטן אַקלימאַטיזירט אין אויסט־ראַליע, נעמלעך די מערינאָ־שאָף, קען דאָרט עקזיסטירן און אפילו זיך גוט אַנטוויקלען, ווייל זי קען זיך באַגיין מיט גאָר ווייניק וואַסער. די פלאָרא אין צפון־אויסטראַליע, באַזונדערס די קוסטעס, באַקאַנט אַלס „סאָלט־בוש" און „מיטשעל־גראַס", וואָס וואַקסן דאָרט, זענען גענוג פאַר די מערינאָ־שאָף, וועלכע שטעלן צו די פיינסטע וואָל אין לאַנד און ווערט עקספּאָרטירט אין דער גאַנצער וועלט.

אין צפון־אויסטראַליע האָבן זיך אַזוי אַרום געגרינדעט אין די פופציקער און זעכציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט די גרויסע שאָף־פאַרמס — די „שיפּ־סטיישנס", וועלכע זענען לויט זייער שטח געווען די גרעסטע אין דער וועלט. דאָרט זענען געווען פאַרמס, וואָס האָבן געגרייכט הונדערטער קילאָמעטער אין גרויס און האָבן פאַרמאָגט איבער הונדערט טויזנט שאָף. דאָס האָט זיך באַדייטנדיק געביטן אין די לעצטע צענדליקער יאָרן צוליב אַ ריי סיבות, וועלכע קענען דאָ נישט באַטראַכט ווערן.

אין דער פיאָנערישער טעטיקייט פון „עפענען״ די גרויסע שטחים פון לאַנד — די קרקע בתולה — פון צפון־ און צענטראַל־אויסטראַליע פאַר שאָף־צוכט, האָבן די יידן פון אַדעלייד געגומען זייער אַ גרויסן אָנטייל. יידן, ווי לעווי און פיליפּסאָן, האָבן אין דער צייט „געדוקט״ די גרענעצן פון דער באַוווינטער אויסטראַליע אין דער ווילדעניש פון צפון־ און צענטראַל־אויסטראַליע, נישט אַלס אינוועסטאָרן פון גרויס־קאַפּיטאַל, נאָר בפועל־ממש, זיי האָבן דאָרט געגרינדעט שאָף־פאַרמס און זיי אַליין באַארבעט צוזאַמען מיט הי־געבוירענע אַבאָרידזשינים, וואָס זענען געווען זייערע פּאַסטוכער און אַרבעטער און האָבן אַנטוויקלט די שאָף־צוכט און וואָל־אינדוסטריע.

בענעט און פישער — צוויי יידישע קצבים פון לאָנדאָן — וועלכע פאַרדינען אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג, זענען געוואָרן די גרעסטע וואָל־פאַרקויפער (וואָל־בראָקערס) אין אַדעלייד. די פירמע עקזיסטירט נאָך עד היום, אָבער נישט אין יידישע הענט. עס איז כדי צו באַמערקן, אַז די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון די יידן אין אויסטראַליע האָט זיך ביים היינטיקן טאָג אינגאַנצן געביטן אין פאַרגלייך מיטן פאַרגאַנגענעם יאָר־הונדערט. אויב איצט איז די יידישע באַפעלקערונג כמעט ווי אויס־שליסלעך אַן אורבאַניסטישע, ד.ה. אַ גרויס־שטאָטישע, וואָס פאַרנעמט זיך הויפּטזעכלעך מיט האַנדל און קליין־אינדוסטריע, האָבן מיר געהאַט אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט אָנגעזעענע יידן, באַזיצער פון גרויסע אַגראַר־אונטערנעמונגען, באַזונדערס אין שאָף־צוכט און וואָל, נישט נאָר אין דרום־אויסטראַליע, נאָר אויך אין אַנדערע שטאַטן.

מיר האָבן שוין דערמאָנט דזשאָזעף סאָלאָמאָן, וועלכער האָט צו־זאַמען מיט דזשאָן בעטמען געגרינדעט מעלבורן און אַנטוויקלט וויק־טאָריע אַלס אַ שטאַט. סאָלאָמאָן איז געווען איינער פון די ערשטע און גרעסטע באַזיצער פון שאָף־צוכט־פאַרמס אין וויקטאָריע. מען קאָן דאָ אויך אָנווייזן אויף די פאַמיליעס כהן און לעווין אין ניי־זיד־וויילס, וועלכע זענען געווען זייער טעטיק אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט אין אַגראַר־לעבן פון שטאַט, באַזונדערס אין שאָף־צוכט. די פאַמיליע לעווין איז אויך געווען טעטיק אויף דעם זעלבן געביט אין ניי־זעלאַנד.

איינע פון די גרעסטע וואָל־פירמעס אין ניי־זעלאַנד טראָגט נאָך איצט דעם נאָמען לעווין, אָבער קיין יידן זענען מיט דער פירמע שוין לאַנג נישט פאַרבונדן.

דער ווייטערדיקער גאַנג פון אַ גאָר וויכטיקן בייטראָג פון יידן אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון אויסטראַליע ליגט אויסער די ראַמען פון דעם אַרטיקל.

גדליה שאַיאַק (טשאַרנעזאָן)

# שוואַרץ און ווייס אין אויסטראַליע

### אַריינפיר

אין 1958 האָב איך געמאַכט א 12־טויזנט־מייליקן טור איבערן אויסטראַלישן קאָנטינענט, כדי פון דער נאָענט זיך באַקענען מיט די נאַטירלעכע פּאָטענציאַלן פון די נישט־באַוווינטע ריזיקע הינטערלאַנד־שטחים, סיי שטודירן דאָס צוזאַמענלעבן צווישן דער ווייסער און איינגעבוירענער, טונקל־הויטיקער באַפעלקערונג.

מיינע איינדרוקן פון דער דאָזיקער רייזע זענען שפּעטער דערשינען אין 30 המשכים אין דער „יידישער פּאָסט", וועלכע איך האָב רעדאַגירט העכער 13 יאָר.

במשך פון דעם אַכט־יאָריקן צייט־אָפּשניט, זענען קיין וועזנט־לעכע ענדערונגען נישט אַריינגעטראָטן אין באַצוג צו לייזן דאָס אַבאָרי־דזשיני־פּראָבלעם: מיטן אויסנאַם אפשר, וואָס פון צייט צו צייט ווערט די עפנטלעכע מיינונג דערמאָנט, אַז אַזאַ פּראָבלעם עקזיסטירט דאָ אין אויסטראַליע. לעצטנס האָט די פראַגע געקראָגן אויך מער פּראָמינענץ אין דער טעגלעכער פּרעסע, ווען עס האָבן זיך געהערט מער ניכטערע שטימען מיט אַ פאָדערונג, אַז די פעדעראַלע רעגירונג זאָל אין דער ריכטונג געפינען א מער צוגענגלעכע פאָרמולע צו לייזן דאָס אַבאָרידזשיני־פּראָבלעם און זייער אָרט אין דער אויסטראַלישער געזעלשאַפט.

(דאָס ווייטערדיקע איז אַ קיצור פון אַ גרעסערער אַרבעט.)

* * *

איך האָב באַזוכט אַלע גרעסערע שטעט און אָנגעשפּאַרט אין די פאַרוואָרפנסטע רעזערוון און ווילדענישן: פון די ברעגעס פון פּאַציפיק ביז דעם קאָראַלן־ריף, אינדישן אָקעאַן און דעם אַראַפורא־ים. געזען די שענסטע טראָפּישע ווינקלען, אינדזלען, באַרג־הויכקייטן און איינגעזאַפּט אין זיך די שיינע און קאָליר־בייטנדיקע לאַנדשאַפט פון לאַנד.

עס איז אפשר דער ערשטער פרווו פון אַ יידישן שרייבער צו מאַכן אַזאַ ברייט-פּאַרמאַסטענע רייזע און קריגן דערביי די שטיצע פון רעגי-רונגס-אינסטיטוציעס, פלי-געזעלשאַפטן און טעגלעכער אויסטראַלישער פּרעסע.

* * *

נאָכן צוריקקומען מיט עטלעכע יאָר צוריק פון מיין רייזע איבערן שוואַרצן קאָנטינענט פון דרום-אַפריקע, ווו איך האָב פון דער נאָענט זיך באַקענט מיט דעם הארבן פּראָבלעם פון דער דאָרטיקער באַנטו-באַפעלקערונג, זיך צוגעהערט צו די אונטערערדישע ברומען פון זייער אויפוואַכן אין דעם געראַנגל פאַר זייערע מענטשלעכע רעכט: שילדערנדיק די ווילקירלעכע „אַפּאַרטהייט"-פּראָבלעמען — האָב איך שטענדיק געטרוימט אויך צו זען אויסטראַליע מער פון דער נאָענט; קענען לערנען דאָס לאַנד פון מיין אַדאָפּטירטער היים און געפינען אַ דעפיניציע פאַר דער אַזוי-גערופענער „ווייס-אויסטראַלישער פּאָליסי".

ווען איך בין אין דער צווייטער העלפט פון חודש מאַי 1958 אָפּגעפלויגן אויף דער דאָזיקער שטודיע-רייזע, האָב איך נישט דערוואַרט, אַז איך וועל אין קאַרגע זעקס וואָכן באַוויזן צו זען דאָס אַלץ, וואָס איך האָב פּלאַנירט אין מיין רייזע-צעטל. און געטאָן האָב איך דאָס, מיט קליינע ענדערונגען, מיט גרויס אימפּעט און איילעניש, באַנוצנדיק זיך מיט נאָרמאַלע פּאַסאַזשיר-עראָפּלאַנען, קליינע פלי-מאַשינען פאַר דריי מענטשן, אויטאָקאַרן, שיפלעך און צו פוס.

איך האָב כסדר אָפּגעלייגט מיטן שרייבן, זוכנדיק אַ מער פּאַסיקן מאָמענט דערצו. און דער ערשטער שטויס דערצו איז געקומען אין שייכות מיטן טומל אַרום דעם פּראָצעס אין אַליס ספּרינג, (צענטראַל-אויסטראַליע), פון דעם באַרימטן אַבאָרידזשינישן מאָלער אַלבערט נאַמאַדזשירא, מיט וועמען כ'האָב פּערזענלעך פאַרבראַכט עטלעכע מאָל אין זיין היים אין שאָטן פון די מאַק-אָנעל-בערג, וועלכע ער האָט פאַראייביקט אין זיינע מייסטער-בילדער. (אַלבערט נאַמאַדזשירא איז געשטאָרבן אַ יאָר שפּעטער נאָך מיין באַזוך ביי אים).

אַ צווייטע אָנרעגונג איז געקומען מיט דער ידיעה, אַז די מערב-אויסטראַלישע רעגירונג האָט באַשטימט אַ צוואַנציק-מיליאָניקן בודזשעט צו אַנטוויקלען אַ טייל פון די מערב-קימבערלעיס, דעם טייל אויסטראַליע, וואָס ליגט נאָך אַלץ אין זיין בראשיתדיקן שלאָף און ווערט נישט באַפעלקערט; אַ טייל פון אויסטראַלישן קאָנטינענט, אַרום וועלכן עס איז מיט קנאַפּע 20 יאָר צוריק אָנגעגאַנגען אַ שטרייט אין מערב-אויסטראַ-

לישן סטייט־פּאַרלאַמענט און אין קאַנבערא, צי די גרויסע שטחים לאַנד צווישן די טייכן וויקטאַריע און אָרד זאָלן באַשטימט ווערן פאַר אַ בריי־טער יידישער קאָלאָניזאַציע.

אגב, האָט די רעגירונג אין פּערט אין 1958 אויסליציטירט צוויי גרויסע נחלות אין דער געגנט, גרויסע פאַרמס פאַר פּי־צוכט, וואָס האָבן צו קרוב צוויי מיליאָן אַקער לאַנד. די נחלות זענען געגעבן געוואָרן פריי. זיי געפינען זיך אַן ערך 500 מייל פון ווינדהיים, די פלייש־אינדוסטרי אין די קימבערלעיס. קוים זעקס אַפּליקאַנטן האָבן זיך פאַרשריבן צו דעם דאָזיקן פאַרמעסט, דאָס אילוסטרירט אַמבעסטן דעם פּיאָנערישן גייסט פון דעם ווייסן אויסטראַליער.

אין דער זעלבער צייט איז אין מערב־אויסטראַלישן פּאַרלאַמענט אנגעגאַנגען אַ הייסע דעבאַטע וועגן אַ בירגערשאַפט־געזעץ פאַר דער איינגעבוירענער באַפעלקערונג. דער פּאַרלאַמענט האָט באַשלאָסן, אַז די אַבאָרידזשינעס דאַרף אַנערקענט ווערן פולע בירגערשאַפט־רעכט, אָבער דער געזעץ איז דורכגעפאַלן אין דעם געזעצגעבערישן ראַט. פאַר דעם געזעץ האָבן געשטימט 12, קעגן — 15. אין דער דעבאַטע אַרום דאָזיקן געזעץ האָט דער ליבעראַל אַ. קאַנינגהעם דערקלערט:

„עס איז נישט לאָגיש און אכזריותדיק צו מאַכן אַ פּרווו צו פאַרוואַנדלען מיט איין קלאַפּ די מענטשן (די איינגעבוירענע) פון אַ שטיין־תקופה אין מענטשן פון דער אַטאָמישער תקופה. דאָס אַרויסרייסן אַלבערט נאַמאַדזשירא פון זיין אייגענער סביבה צו ציוויליזאַציע האָט געבראַכט צו געשעענישן, וואָס איז אַ חרפה פאַר אונדז".

איך ברענג דאָ די דאָזיקע אינפאָרמאַציעס, ווייל זיי רירן אָן די עצם־פּראָבלעמען, וועלכע איך וועל שפּעטער באַרירן.

ווען איך האָב געוויילט אין דאַרווין האָט דער באַקאַנטער אויסטראַ־לישער זשורנאַליסט פון מעלבורנער „העראַלד" און פון לאַנדאָנער ציי־טונגען, דאָגלעס לאָקווּוד, אין אַ שמועס מיך געפרעגט:

„וואָלט נישט געווען קיין יושר מען זאָל דאָ אַראָפּברענגען אַ צאָל יידן וואָס זאָלן העלפן אַנטוויקלען דעם טייל פון אויסטראַליע?"

די מיינונגען האָב איך אויך געהערט אין אַנדערע ערטער פון אַנדערע פאַראַנטוואָרטלעכע וואָרטזאָגער וועגן דעם קרעדיט וואָס ווערט צוגעשריבן די יידן אַלס בויער און נוצלעכע בירגער פון לאַנד.

דער אייגנטלעכער שטויס צו שרייבן די איינדרוקן איז געקומען בעת אַן אויפנאַמע לכבוד דעם ישראל־מיניסטער משה יובל (אויגוסט 1958), וואָס איז פאַרגעקומען אין הויז פון יידישן הילפס־פאָנד. עס

זענען דאָרט געווען אַז ערך 100 געסט: מיניסטאָרן, סענאַטאָרן, דעפּו־טאַטן פון פעדעראַלן און סטייט־פּאַרלאַמענט, ריכטער און פּאָליטיקער.

בעת עס זענען געהאַלטן געוואָרן די אָפיציעלע באַגריסונג־רעדעס איז מיר אויסגעקומען זיך צו געפינען אין דער געזעלשאַפט פון צוויי דעפּוטאַטן פון פעדעראַלן פּאַרלאַמענט. מיט איינעם האָב איך שוין פריער געהאַט אַ געלעגנהייט צו שמועסן וועגן פאַרשידענע ענינים. נאָך די רעדעס ווענדעט זיך צו מיר דער דעפּוטאַט סטאָוקס:

— וואָס זאָגט איר נישט דערצו, ווי וואָלט אויסטראַליע היינט אויסגעזען, ווען די „צוויי ברידער" קריגן זיך נישט, און יידן וואָלטן זיך באַזעצט אין די קימבערלעים. די געגנט וואָלט דאָרט היינט געבליט. אַזוי איז עס געבליבן אַ וויסטעניש...

ווען כ'האָב אים געענטפערט, אַז איך בין אַליין ערשט נישט לאַנג דאָרט געווען, האָט ער אויסגערופן מיט באַגייסטערונג:

— אַזוי, ווייסט איר דאָך אַליין וואָס יידן וואָלטן דאָרט געקאָנט אויפטאָן... דאָרט וואָלטן זיי דאָך נישט געדאַרפט מורא האָבן פאַר איבער־פאַלן פון אַראַבער, אין איין האַנט האַלטן אַ ביקס און אין דער צווייטער דעם אַקעראייזן... יידן וואָלטן מיט זייער ענערגיע אַנטוויקלט די קימ־בערלעים...

אויף די דאָזיקע התפּעלותדיקע רייד האָב איך געענטפערט מיט אַ נישט־קלאָרן:

— נישט אויסגעשלאָסן...

איך האָב נישט געוואָלט אָפּקילן דעם ענטוזיאַזם פון מיין מיט־שמועסער און אים דערציילן וועגן מיינע ספקות: צי דער פּלאַן פון אַ יידישער קאָלאָניזאַציע דאָרט וואָלט זיך בכלל איינגעגעבן.

ווענדיק אָפּהאַקן די טעמע וועגן די קימעבערלעים, האָב איך אים אַ פרעג געטאָן:

— אפשר קאָנט איר מיר געבן אַ קלאָרע דעפיניציע וועגן דער „ווייס־אויסטראַלישער פּאָליסי"?

ער האָט צוגערופן דעם סטייט־וויצע־פּרעמיער, מר. ריילאַ, און אים געבעטן אַרויסצוהעלפן מיט אַן ענטפער:

„איך וואָלט געזאָגט, אַז די ווייס־אויסטראַלישע פּאָליסי מיינט געבן אַ מעגלעכקייט יעדער פּערזאָן אָן אונטערשייד פון הויט־קאָליר אָדער רעליגיע צו לעבן אין אונדזער געזעלשאַפט אויב ער פּאַסט זיך אין איר אַריין".

איך בין נישט באַפרידיקט געווען מיט דער דאָזיקער דעפיניציע און דאָס אָפן געזאָגט מיינע מיטשמועסער.

אין דעם קומט צו דער וווינונגס־מיניסטער, מר. פעטי און רופט אוים:
— קענט איר, מיינע הערן, די געשיכטע פון דעם הויז? דער פּלאַץ איז אַמאָל געווען אַ הקדש פאַר די אַבאָרידזשינעס, אַפּגעלאָזן און פאַר־וואָרלאָזט...

און דער מיניסטער דערציילט:
„מיט יאָרן צוריק האָט דאָ געוווינט אַן אַלטע עקסצענטרישע דאַמע. זי איז געווען אַ גרויסע בעל־רחמנותניצע און האָט צונויפגעזאַמלט אַלע אַבאָרידזשינעס אין וויקטאָריע און זיי אָפּגעגעבן דאָס הויז אַלס זייער היים. דאָס הויז איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שרעק־אָרט: פייערן האָבן געברענט אויפן הויף, אין די קאָרידאָרן און צימערן, ווו זיי האָבן געבראָטן די רויע שטיקער פלייש. שיכורע אָרגיעס האָבן אָנגעהאַלטן גאַנצע טעג און נעכט און די ווילדע געשרייען האָבן געשראָקן די שכנים. די לעצטע האָבן אַריינגעטראָגן פּעטיציעס און מ׳האָט די איינוווינער פון הויז עקסמיטירט. און זעט וואָס פון דעם הויז איז איצט געוואָרן אין די הענט פון די איצטיקע באַלעבאַטים: אַ הערלעכער וווין־אָרט, ממש נישט אָפּצוווונדערן זיך!"

אַלע אַרום זענען געווען מסכים מיט דער מיינונג פון דער וווינונגס־מיניסטער, אַז דער לאָקאַל פון יידישן הילפס־פאָנד שטעלט מיט זיך פאָר אַ הערלעכע געביידע.

אויף מיין טור האָב איך זיך געטראָפן מיט אויסטראַלישע פּערזענלעכקייטן, קינסטלער, גייסטלעכע, הויכע רעגירונגס־באַאַמטע און מיט זיי אָפן און פריי גערעדט וועגן דעם פאָלגנדיקן פּראָבלעם: די פאַראורטיילן צו די אַבאָרידזשינעס און זייער סעגרעגאַציע אין די שטעט פון דער ווייסער באַפעלקערונג.

איך האָב געזען פון דער נאָענט עטלעכע פּרימיטיווע שבטים: טאַבים, אַראַנטו, מאַיאַ, מערב־אַראַנטו און פיל אַנדערע. זייער שטייגער לעבן דערמאָנט אין דער שטיין־תקופה און זיי לעבן אין די פאַרשידענע באַשטימטע פאַר זיי רעזערוון, רעגירונגס־ און קירכן־מיסיעס אין די שטעט. איך האָב אויף דער רייזע אָנגעטראָפן אויף פאַריתומטע יידן, וואָס לעבן אין איזאָלירטקייט אין די פאַרוואָרפענע ווינקעלעך פון אויסטראַליע און וועגן זיי וויל איך דערציילן אַן שום באַפּוצונגען.

## אַן אויסבליק צום וווּנדערלאַנד פון קאָראַלן

דער עקסטער טייל פון צפון־קווינסלענד איז באַקאַנט אַלס טראָפּישער גן־עדן־ווינקל. דער באַזוכער האָט דאָ אַן אַ שיעור צויבער־ווינקלען

צו באַזוכן. מ׳דאַרף נאָר האָבן צייט, מיטלען און זיין געניג פאַרהאַר־טעוועט צו דעם דאָזיקן ספּאָרט, וואָס שעפּט ממש פיזיש אויס אין דעם הייסן קלימאַט.

צפון־מזרחדיק, אין די וואַסערן ליגן אַן אַ שיעור אינדזלעך און אין דער פּאַרקערטער ריכטונג הויבט זיך משופּעדיק די ערד־פלאַך, טורעמט זיך העכער און העכער אין פאַרשידענע קאַפּריזנע־אויסטערלישע פאָרמען, אויסבאַהאַלטנדיק אין זיינע פאַלדן צעגרינטע טאָלן.

פון די וויכטיקסטע אינדזלען פון פּאַציפישן ברעג געפינען זיך דאָ דער אַבאָרידזשינישער סעטלמענט אין טשאַלענדזש־בעי, גרעיט פּאַלם־איילענד און גרין איילענד.

די קאָראַלן־קייט מיניעט דאָ מיט אַ זעלטענער פאַרשידנאַרטיקייט פון וואַסער־פאַרבן־טענער, וואָס צויבערט מיט זיינע בורשטינענע פּאַליעס און זעלטענע ים־מושלעס. איר געפינט זיי דאָ בשפע לענגאויס דעם ים־ברעג אין פאַרשידענע פאָרמען און גרויס.

אין קאָראַלן־הויז אין קעירנס געפינט זיך אַן אויסשטעלונג פון 10 טויזנט ים־מושלעס, וואָס זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן פון אַלע טיילן וועלט, דער רוב פון באַריער־ריף. דאָס איז איינע פון די זעלטנסטע קאָלעקציעס פון דעם מין אין דער וועלט.

דער „גרינער אינדזל" ליגט סך־הכל 18 מייל אויף צפון־מזרח פון דעם האַלב־לבנהדיקן ברעג פון דער יבשה און ווערט פאַררעכנט פאַר איי־נער פון די שענסטע קאָראַלן־אינדזלען. די רייזע אַהין דויערט 1½ שעה מיט אַ מאָטאָר־שיפל.

מיר פאָרן אַרויס זייער פרי. די שיף איז אָנגעפּאַקט מיט אַ פאַר־שידנאַרטיקן טוריסטן־עלעמענט, וואָס קומט פון אַלע ווינקלעך פון אויס־טראַליע. סיי די פּנימער, סיי די קליידער שאַפן אַן אויסטערליש־לעבע־דיקע מאָזאַאיק אויפן פאָן פון די ווייסע שיף־ווענט מיט די ברייטע, גרויסע פענצטער־ראַמען. די שיף פאָרט לענגאויס דעם ברייטן, נאַטיר־לעכן וואַסער־קאַנאַל. וואָס ווייטער מיר פאָרן, אַלץ ברוינדיקער ווערט דער ים און הויבט אָן פּאַטשן מיט ווייסע וואַסער־שטראָמען, וואָס שיפּלען זיך אַריבער די שיף־קאַריטע און דורך די פענצטער. דער קאָליר פון ים־שפּיגל האָט מיר דערמאָנט אין די וואַסערן פון קאַספּישן ים.

נאָך איבער אַ לאַנגער שעה רייזע זעט זיך פון דער ווייטנס אַרויס־הויבן אַ טונקעלער פלעק אויפן וואַסער־האָריזאָנט. דער פלעק ווערט וואָס אַמאָל גרעסער מיטן דערנענטערן זיך פון אונדזער שיף. באַלד אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדזערע אויגן אין פולן כישופדיקן לבוש אַ גרינלעכער רינג, וואָס וואַקסט אַרויס פון די גרינלעך־בורשטינענע ים־פּאַליעס — אַזוי

ווי דורך א מענטשנס האַנט אויסגעפּאַרעמט. דער גרינלעכער קיילעכדיקער אינדזל איז אַרומגענומען מיט א גאָלדיק־זאַמדיקן רינג. וואָס נענטער מיר קומען, אַלץ פאַרבאַפּנדיק־קאָלירפולער ווערט די טראָפּישע גרינקייט פון די פלאַנצן אוןביימער.

דערנעבן וואַקסט אויס א קליין־בריק, צו וועלכער די שיף פאַראַנקערט. און פון דער אַנדערער זייט פון דער שמאָלער הילצערנער בריק, וואָס פּאַסט זיך נישט אַריין אין דעם שלווהדיקן מאָלערישן ווינקל, הויבט זיך אַרויס פון ים־שפּיגל דער אויבערשטער טייל פון דער אונטערוואַסער־אָבסערוואַטאָריע מיט אירע ווייסלעכע ווענט און רויטן דאַך.

דער „גרינער אינדזל" איז אַ ערד 30 אַקער־לאַנד, וואָס איז רעזער־ווירט אַלס נאַציאָנאַלער פּאַרק און ליגט האַרט אויף דער שוועל פון דער קאָראַלן־קייט. דאָס איז אַן אומאיבעררייסלעכער ראָמאַנטישער און ריזיק־לעבעדיקער מוזעאום.

די פאַרבן אַרום דעם אינדזל־ברעג מיניען און בייטן זיך כסדר מיט זייערע פּאַסטעל־טענער און קאָנטראַסט צו די קאָראַלן־אָנוווּקסן און זעל־טענע פלאַנצן. דאָס איז אויך אַ גן־עדן פאַר באָטאַניקער.

אויפן אינדזל וווינען עטלעכע דאַטשניקעס. צווישן די ריזיקע פּאַלמען־ביימער, פון וועלכע עס הענגען אַראָפּ ריזיקע קאָקאָס־ניס און צעצווייגטע פלאַנצן־קריכער, שטייען קליינע הייזקעס מיט ריזיקע וואַסער־טאַנקן. און די, וואָס זוכן מנוחה און ווילן אַנטלויפן פון ציוויליזאַציע, געפינען דאָ אַן אידעאַלן מקום פאַר זייערע מעדיטאַציעס און קאָנען אומגעשטערט קוקן פאַרגאַפט אויף די וווּנדער פון דער נאַטור.

נישט אומזיסט ווערט דער ווינקל אָנגערופן די זיבן וווּנדער פון דער וועלט און איינער פון אירע נאַטירלעכע פענאָמענס.

וויסנשאַפטלער האָבן נאָך יאָרן מיזאַמער אַרבעט שטודירט און פאַר־צייכנט די אַקטיוויטעט און אַנטוויקלונג פון די קאָראַלן־אָנוווּקסן, וועמענס מיליאַרדן שקעלעטלעך האָבן אויסגעבויט די ריזיקע וואַנט אויפן בעט פון אָקעאַן, וואָס ציט זיך לענגאויס כמעט דעם גאַנצן קווינסלענדישן ברעג.

אין די לעצטע יאָרן זענען דאָ געמאַכט געוואָרן אומצאָליקע עקספּע־דיציעס, כדי צו פילמירן די דאָזיקע פאַנטאַסטישע וועלט אין בילד און קלאַנג.

זינט 1954 געפינט זיך דאָ אַן אונטערוואַסער־אָבסערוואַטאָריע. אויף וויפיל דאָס קען דינען פאַר וויסנשאַפטלעכע אָבסערוואַציעס וועגן דעם לעבן און געוווינהייטן פון כל המינים ים־צמחים, איז עס אויך אַ גוט געשעפט פון טוריסטישן שטאַנדפּונקט. במשך דעם טוריסטן־סעזאָן קומען דאָ צענדליקער טויזנטער טוריסטן.

12 חדשים האָט געדויערט דאָס בויען די ספּעציעלע שטיינערנע קאַמער און איר איבערפירן די 18 מייל פון דער יבשה, וואָס שטייט אַריינגעזונקען אין ים אַז ערך 40 פוס פון אינדזל. דער שטאָלענער בנין פון דער אָבסערוואַטאָריע, וואָס זיין גרעסטער טייל געפינט זיך אויפן ים־דעק, וועגט בלויז 100 טאָן. אמת, די פּראָיעקט־געבער האָבן פיל אויפגעטאָן פאַר דער וויסנשאַפט, אָבער נאָך מער פאַר זיך אַליין.

דער פּלאַן פון בויען אַזאַ אָבסערוואַטאָריע־קאַמער מיט גלאָז־ווענט וואָס זאָלן זיך קעגנשטעלן דעם הויכן וואַסער־דרוק און שטורעמס, סיי די שטאַרקע צופלוסן און וואַסער־אָפּפלוסן, האָט געמוזט פּרעציז אויסגעאַרבעט ווערן. די קאַמער ליגט אַז ערך 16 פוס טיף אַראָפּגעלאָזט אויף אַ גראַטן־נעסט פון קאָראַלן־פעלדזן. און ווען די זון שפּאַרט זיך דורך די וואַסער־פּאַליעס, אַנטפּלעקט זיך פאַר אייערע אויגן אַ בילד פון פאַנטאַסטישע פאַרבן פון פּלאַנצן און קאָראַלן. ס'שווימען מאַיעסטאַטיש־גרויסע פיש און זייערע זילבערנע שיפן טובלען זיך אין רעגנבויגן פון די רייצנדיקע פאַרבן. דערנעבן לויפן לאַנגע שמאָלע פיש, אויבן דעפּילירן גרויסע בייכיקע, אַנדערע מיט לאַנגע שנאָרקל־שפּיצן, פליגל און גאָר פּיצינקע, קוים זעבאַרע מיטן אויג. 360 מינים פיש זענען אויסגערעכנט אויפן צעטל פון דער וואַנט, מיט אילוסטראַציעס וואָס גיבן אָן די משונה־דיקסטע נעמען פון די פאַרשידענע ים־פיש, אַנהויבנדיק מיט לבנה־פיש, מאָרד־פיש, קאָראַל־פיש, שירעם־פיש א.א.וו.

שטייען מענטשן און פּרעסן צו זייערע פּנימער צו די שויבן און בלויז די גלאָז־וואַנט טיילט זיי אָפּ פון אָט דער דרויסנדיקער, אונטער־וואַסערדיקער ים־וועלט, צעשפּילט אין די וווּנדערלעכסטע רעגנבויגן־קאָלירן און שרייען אויס זייער התפּעלות, ווען גרויסע גילדענע פיש מיט גרינלעך־בורשטינענע אויגן שטעלן זיך אָפּ האַרט פאַר די פענצטער און קוקן אויף די וואָס באַוווּנדערן זיי. מענטש און פיש קוקן זיך שטומער־הייט אָן און צווישן איינעם און אַנדערן איז איצט נישטאָ דער מינדסטער שאָטן פון שרעק, אויסער באַוווּנדערונג.

## איך זוך אַ ייד אין טאַונסוויל

אין בריזבעין האָט מען מיר געזאָגט, אַז אין טאַונסוויל דאַרף וווינען אַן איינציקער ייד. אָבער ווי ער הייסט, אָדער מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך, האָט מיין אינפאָרמאַנט מיר נישט געקאָנט געבן זאָגן.

איך האָב דעריבער באַשלאָסן אויף אייגענער האַנט אים אויפצוזוכן.

אַז מען איז פאַרוואָרפן אין אַזאַ פרעמדער וועלט, אַפילו ווען אַלע

אַרום איז אַזוי זוניק און שיין, בענקט זיך דאָך נאָך אַ ביסל היימישקייט, און וואָס קען שוין זיין היימישער פאַר אַ ייִד, ווי דאָס שמועסן מיט אַ צווייטן ייִד? און דער עיקר — אים אויספרעגן, ווי אַזאַ איינער פילט זיך און ווי אים לעבט זיך אין אַזאַ איזאָלירטקייט.

איך האָב געזוכט אין טעלעפאָן־בוך, אויף די שילדן פון די געשעפטן און אין די פּנימער פון די פאַרבייגייער, אָבער אַלץ אָן הצלחה. זיצנדיק ביי אַ גלעזל שוואַרצע קאַווע אין גרויסן קאַפע־הויז אויף פלינדערס גאַס, אין שכנות פון שטאָט־ראָט, איז מיר איינגעפאַלן צו פרעגן דעם אייגנ־טימער, וועלכן כ'האָב געזען הינטערן בופעט, אפשר קען ער מיר אָנ־ווייזן וווּ עס וווינט דער איינציקער ייִד אין טאַונסוויל.

געמאַכט האָב איך דאָס אויף אַ דיסקרעטן אופן, אומדירעקט. איך האָב צוגערופן איינע פון די קעלנערקעס און געבעטן זי זאָל מיר צושיקן דעם באַלעבאָס.

נעבן מיר האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ הויכער און ברייטפּלייציקער פּאַרשוין. זיין האַרבאַטע נאָז און טונקל אַליוור־פּנים האָט עדות געזאָגט, אַז ער איז ישמעאלס אַן אור־אייניקל, אַ טערק. ער האָט עס באַשטעטיקט.

איך האָב אים געזאָגט ווער איך בין און אַז איך זוך דעם בעסטן שניידער פון שטאָט, אויב ס'איז מעגלעך איינער פון „יענער זייט ים"...

— פאַראַן אַזאַ שניידער ביי אונדז אין טאַונסוויל — פאַרזיכערט מיך דער טערק — און אַז ער וועט אייך מאַכן אַ מלבוש, וועט איר זיין זייער צופרידן. ער איז פון פּוילן, אַ ייִד.

איך קוק אים אָן מיט אַ שמייכל און דאַנק אים. ער רופט צו די קעלנערקע און הייסט זיך ברענגען דעם טעלעפאָן־בוך, און אין עטלעכע מינוט שפּעטער בין איך אין באַזיץ פונעם נאָמען און טעלעפאָן־נומער פון ייִדישן שניידער. איך לייען איבער נאָך אַמאָל דעם נאָמען און זע, אַז ער איז חצי־ייִדיש און חצי־אויסטראַליש.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָב איך אַ דערפרייטער אָנגעקלונגען אויפן אָנגעגעבענעם טעלעפאָן. געענטפערט האָט מיר אַ פרויען־שטימע, וואָס האָט נישט אויסגעזען צו זיין היימיש. זי האָט מיך געבעטן קלינגען 7 אין אָוונט ווען איך קענען רעדן מיט איר מאַן. איך האָב אַזוי געטאָן. די שטים האָט שוין געקלונגען מער היימיש. ער האָט מיך פאַרזיכטיק געפרעגט מיין נאָמען. איך האָב אים געזאָגט ווער איך בין אָבער געווען גענוג פאַרזיכטיק נישט צו זאָגן וואָס איז מיין באַרוף, אויס מורא, אַז דאָס קען אים אפשר צונעמען דעם חשק צו וועלן זיך זען מיט מיר.

מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט אויף צו מאָרגנס 6 אָוונט ביי אים אין הויז. ער האָט מיר אָבער געראָטן פאַר מיין אַרויספאָרן זאָל איך

אַנקלינגען צו אים און זאָגן גענוי ווען איך וועל קומען. איך האָב אַזוי געטאָן און דאָס מאָל האָט מיר ווידער געענטפערט די פרויען־שטימע. זי האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס איר מאַן האָט פּלוצלונג געמוזט אַוועקפאָרן פון שטאָט און זי ווייס נישט ווען ער וועט צוריקקומען. איך האָב גוט פאַרשטאַנען דעם תירוץ און נישט געדאַרפט וויט זוכן די סיבה, פאַרוואָס דער ייִד האָט אין דער לעצטער מינוט באַשלאָסן אויסמיידן דאָס טרעפן זיך מיט מיר.

דאָס איז געווען אַן אַנטלויפן פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון זיך אַליין און פון דעם וואָס בינדט אים מיט ייִדן.

דעם זעלבן טאָג, ווען איך האָב געזאָלט אים באַזוכן, איז דערשינען אויף דער ערשטער זייט פון „טאַונסוויל דעילי ביולעטין" אַן אינטערוויו מיט מיר, און ווייל די צייטונג האָט באַשריבן מיין באַזוך אין טאַונסוויל, האָט זי נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען מיין געבוירנלאַנד פּוילן און מיין פולן ייִדישן נאָמען.

דער אומבאַקאַנטער ייִד האָט זיכער געלייענט וועגן דעם און דאָס האָט דערפירט דערצו, אַז די האָפענונג פון אָפּגעפונען אַ ייִד אין דער איזאָלירטקייט, איז אין דער לעצטער מינוט אויסגערונען.

## דער אָפּשטאַם פון די אַבאָרידזשינעס

מיר האָבן נישט בדעה צו מאַכן דאָ וועלכע ס'איז אַנטראָפּאָלאָגישע אויספאָרשונג. דאָס לאָזן מיר איבער פאַר באַרופענע אויף דעם געביט. מיר וועלן אָבער פּרובירן געבן אַן אַלגעמיינעם איבערבליק, וואָס זאָל אונדז נענטער באַקענען מיט די אַבאָרידזשינעס. דאָס וועט אונדז העלפן בעסער צו פאַרשטיין דאָס פּראָבלעם, וואָס מיר וועלן ווייטער באַרירן: זייער אָפּשטאַם, זייער לעבנס־שטייגער, שבטים־געזעצן, אַבערגלויבנס, זייער איצטיקער צושטאַנד און פּערספּעקטיוון אונטער דער אויפזיכט פון דער רעגירונג און די פאַרשידענע רעליגיעזע מיסיעס. און לסוף — זייערע עמאַנציפּאַציע־מעגלעכקייטן און די באַציאונג צו זיי פון דעם ווייסן אויסטראַליער.

דאָס וועלן מיר טאָן אויפן סמך פון שילדערונגען פון אַנדערע און לויט דעם, וואָס מיר האָבן געזען מיט די אייגענע אויגן בעת אונדזערע פילמאַליקע צוזאַמענטרעפן מיט מיטגלידער פון פאַרשידענע אַבאָרידזשישע שבטים.

כדי צו דערגיין צום אָפּשטאַם פון אויסטראַלישן אַבאָרידזשין, מוזן מיר מאַכן אַ שטיקל אומוועג, כדי צו דערוויסן זיך וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער אויסטראַלאָיד, ווי ער ווערט עטנאָגראַפיש אָנגערופן.



אַבאָרידזשינישע מענער אין צפון פון אויסטראַליע

אַנטראָפּאָלאָגן קלאַסיפיצירן דעם מענטשן מין אין דריי פאַרשידענע הויפּט־ראַסן. פיל געלערנטע האַלטן אָבער, אַז עס זענען פאַראַן אַזש 17 ראַסן־גרופּן. לויט דזשעמס ג. לעיבורן, אין זיין „האַנטבוך פון עטנאָ־גראַפיע", זענען אויף דער וועלט פאַראַן 12,000 פאַרשידענע שבטים, פון דעם בלויז אין אויסטראַליע 381.

לאָמיר דאָ אויסרעכענען די פיר וויכטיקסטע ראַסן־קלאַסיפיצירונגען. זיי זענען: קאַווקאַזישע אָדער ווייסע; מאָנגאָלישע אָדער געלע; נעגראָיד אָדער שוואַרצע, און אויסטראַלאָיד — פּראָטאָ־קאַווקאַזישע. צו דער לעצ־טער קאַטעגאָריע געהערט טאַקע דער אויסטראַלישער אַבאָרידזשין און די אינו־ און וועדדאַ־שבטים, וואָס באַוווינען די פּאָלינעזישע אינדזלען.

ווי פאַרשער שטעלן פעסט, האָבן די לעצטע נישט קיין שום שייכות צו די אַבאָרידזשינעס, נישט אַנטראָפּאָלאָגיש, נישט עטניש און סיי נישט מיט זייער לעבנס־שטייגער. די פּאָלינעזער לעבן פון ערד־אַרבעט און וווינען אין אויפגעשטעלטע שאַלאַשן אָדער פּרימיטיווע הייזקעס, בעת דער אויסטראַלישער אַבאָרידזשין פירט אַ וואַנדער־לעבן און איז איינער פון די אָפּגעשטאַנענסטע נאַציעס.

די סיבה פאַר דעם ווערט צוגעשריבן דעם פאַקט, וואָס דער אַבאָ־רידזשין איז אַריינגעקומען אויפן היגן קאָנטינענט אין אַ זייער פריער תקופה און דעריבער איז ער געבליבן אָפּגעריסן, אָן וועלכן ס'איז קאָנ־טאַקט מיט אַנדערע מענטשלעכע שבטים. ער האָט זיך זייער לאַנגזאַם אַנטוויקלט און איז געבליבן אָפּגעשטאַנען און פּרימיטיוו.

די מאָדערנע ציוויליזאַציע, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין אַלע ווינ־קעלעך פון ערד־קיילער, האָט נישט געשוינט די ווילדע שבטים. זיי האַלטן אין איין פאַרשווינדן צוזאַמען מיט זייערע קולטורן.

די ווייסע ציוויליזאַציע האָט פאַריאָגט און פאַרטיליקט די ווילדע איינוווינער פון די לענדער, וווּ דער ווייסער מענטש איז אַריינגעדרונגען. דאָס זעלבע איז געשען מיט דעם אור־איינוווינער פון אויסטראַליע.

דער אַבאָרידזשין איז פון נידעריקן וווּקס און טונקל־ברוינע הויט, געדיכט־געקרייזלטע האָר. זיין נאָז איז קורץ און פּלאַטשיק, די ליפּן פולע און דער שטערן אַריינגעצויגן, מיט געדיכטע ברעמען, פון אונטער וועלכע עס קוקן אַרויס טרויעריק־גליענדיקע אויגן. אָט אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ דער טראַגישער גורל פון זיין ראַסע. זייערע גופים זענען פּראָפּאָרציאָנעל געבויט און זייערע עטוואָס קרומלעכע און דינע פיס זענען געשיקט און גיך אין גאַנג. זיי זענען דויערהאַפט אין לויפן איבער די זאַמדיקע און וויסטע באַרג־וועגן, וואָס איז אַ ירושה־זאַך פון זייער כסדרדיקן וואַנדער־לעבן. מיט זיין גאַנצן אויסערלעכן אויסזען שטעלט מיט זיך פאַר דער



אַבאָרידזשינישע פרויען און קינדער

נאָמאַדישער אַבאָרידזשין דעם אַממייסט־אוראַלטן עקזיסטירנדיקן מענטש־לעבן טיף אויף דער ערד.

דער ווייסער מענטש האָט צום ערשטן מאָל באַטראָטן די ערד פון אויסטראַליע אויף דעם אינדזל טאַסמאַניע. דאָ אַהער זענען געקומען די ערשטע פראַנצויזישע און שפּעטער בריטישע עקספּעדיציעס. זיי האָבן געפונען אַ ווילדע באַפעלקערונג, וואָס האָט געפירט אַ פּרימיטיוו לעבן און געלעבט פון יאַגד. די אַבאָרידזשינעס האָבן נישט געהאַט קיין הויז־חיות, נישט באַאַרבעט די ערד. זיי זענען געשטאַנען אויף דער זעלבער קולטור־שטופע, וואָס דער פּרימיטיווער נעאַנדערטאַל־מענטש אין די הייל פון אייראָפּע מיט אַן ערך 50,000 יאָר צוריק. די ווייסע „תושבים" אין אויסטראַליע, ביים סוף פון 18־טן יאָרהונדערט, האָבן געפונען אַ גוט פעלד פאַר יאַגד. זיי האָבן איינגעאָרדנט יאַגד־עקספּע־דיציעס אויף די דאָזיקע ווילדע מענטשן פּונקט ווי אויף חיות. אין אַ קורצער צייט איז זייער ווייניק פון זיי געבליבן.

נישט בעסער איז געווען דער גורל פון דעם אַבאָרידזשין אויף דעם היגן הויפּט־לאַנד, ווען דער ווייסער מענטש האָט גענומען אַריינדרינגען טיפער אין לאַנד אַריין.

וועגן דעם ריקזיכטלאָזן אומברענגען די הי־איינגעבוירענע רעדט אַמבעסטן דער פאָלגנדיקער פאַקט: אין דער צייט וואָס אין אַמעריקע און אַפריקע האָט די דאָרטיקע איינגעבוירענע באַפעלקערונג — נאָך דער אַריינדרינגונג פון דעם ווייסן מענטש אויף ביידע קאָנטינענטן — זיך פאַרטאָפּלט אָדער פאַרדרייפאַכט, נישט געקוקט אויף די לינטשונגען אין איין לאַנד און די „אַפּאַרטהייט"־געזעצן אין צווייטן, איז די אַבאָ־רידזשינישע באַפעלקערונג אין אויסטראַליע שטאַרק געפאַלן.

עס ווערט געשאַצט, אַז אין יאָר 1788 האָבן דאָ געלעבט 259,000 אַבאָרידזשינעס, און ביים איצטיקן מאָמענט — קוים 46,000.

לויט אַ ציילונג אין יאָר 1929 האָט מען גערעכנט, אַז עס לעבן דאָ 61,000 ריין־בלוטיקע אַבאָרידזשינעס. אָבער 10 יאָר שפּעטער, אין 1939, איז זייער צאָל געפאַלן מיט 10,000. דער נאַטירלעכער צוּוואוּקס איז זייער קליין ביי זיי און מיט די עטלעכע טויזנט אומגעציילטע נאָמאַדן אין געגנטן וווּ דער ווייסער מענטש האָט נאָך נישט אַריינגעדרונגען, דאַרף מען רעכענען, אַז עס לעבן היינט־צו־טאָג 46,000 ריין־בלוטיקע אור־איינוווינער פון דעם קאָנטינענט. עס קומט אַלזאָ אויס, אַז במשך קנאַפּע 200 יאָר זינט דער ווייסער מענטש האָט באַטראָטן דעם היגן באָדן, זענען פאַרשוווּנדן 200,000 אַבאָרידזשינישע נפשות.

אין וויקטאָריע האָבן אַמאָל געלעבט 12,000 אַבאָרידזשינעס; היינט

געפינען זיך דאָ קוים 200 פון זיי. צוזאַמען מיט מישלינגען ציילט היינט די אַבאָרידזשינישע באַפעלקערונג אין אויסטראַליע אַן ערך 74,000 נפשות.

זייער פאַרשווינדן דאַרף צוגעשריבן ווערן צוויי הויפּט־סיבות: דאָס נישט קענען צופּאַסן זיך צו דער ווייסער ציוויליזאַציע, און פון דער אַנדערער זייט — די ברוטאַלע באַהאַנדלונג פון ווייסן מענטש. דאָס האָט אויפגעשטעלט אַ וואַנט פון קעגנזייטיקער שנאה און אומצוטרוי. די יאָרן־לאַנגע באַמיאונגען מצד פאַרשידענע וועלפאַר־טוער און רעליגיעזע מיסיעס זענען נישט אימשטאַנד געווען אויסצוואָרצלען דעם אומצוטרוי פון די איינגעבוירענע צום ווייסן מענטש.

## וועגן אויסשטאַרבנדיקע ישובים

אין 1951 איז אין דער אויסטראַלישער פּרעסע און אין פעדעראַלן פּאַרלאַמענט אויפגעהויבן געוואָרן אַ וויכוח וועגן גורל פון די אַבאָרידזשינעס אין צענטראַל־אויסטראַליע.

דאָס איז געווען נאָך דעם ווי פון דער טראַפּיקאַלישער וויסטע האָט זיך אומגעקערט אַ פּאַרלאַמענטאַרישע אויספאָרשונג־קאָמיסיע פון דער מערב־אויסטראַלישער רעגירונג, וועלכע האָט פאַרעפנטלעכט אויפטרייסלענדיקע רעוועלאַציעס וועגן שוידערלעכן הונגער און אומקום פון די דאָרטיקע אַבאָרידזשינעס.

פאַר אַ קורצער ווייל איז אָנגעגאַנגען אַ הייסער וויכוח וועגן די מיטלען ווי אַזוי צו פאַרבעסערן דעם גורל פון די פון הונגער שטאַרבנדיקע אַבאָרידזשינעס. אין ברען פון דאָזיקן וויכוח האָט מען אַ ביסל איבערגעלופטערט די טרויעריקע קאַפּיטלעך פון דער „ווייס־ראַסישער פּאָליטיק" לגבי די אור־איינוווינער פון דעם קאָנטינענט. און — עס איז ווידער שטיל געוואָרן.

## דער פריינד פון די אַבאָרידזשינעס

דער נישט־לאַנג־פאַרשטאָרבענער וו. ע. האַרנעי שרייבט אין זיין בוך „דאָס לעבן צווישן די אַבאָרידזשינעס":

„אונדזער דורכפאַל במשך 150 יאָר פון ווייסער ציוויליזאַציע צו אַסימילירן אָדער לכל הפּחות אויפצוהייבן זיי צו אַן אייראָפּעאישן סטאַנדאַרט, בלייבט איינע פון די פראַגן וואָס מוז ווי אַמ־

שאַרפסטן קריטיקירט ווערן און מוז אין אַלגעמיין באַטראַכט ווערן ווי איינע פון די סאַמע דיסקרעדיטירנדיקע אַספּעקטן אין דער אַנט־וויקלונג פון אויסטראַליע".

וויליאַם ע. האַרנעי איז אַ באַקאַנטער אַנטראָפּאָלאָג און אויטאָר, וועלכער האָט 40 יאָר געלעבט צווישן די אַבאָרידזשינעס. זיין פרוי איז געווען אַ קאָלירטע. ער איז געווען איינער פון די געציילטע אַנטראָפּאָלאָגן אין לאַנד, וועלכער האָט געקאַנט אויסגעצייכנט דעם לעבנס־שטייגער, מנהגים, אייגנאַרט און געזעצן פון די פּרימיטיווע שבטים, וועלכע האָבן געהאַלטן אים פאַר זייערס אַן איבערגעגעבענעם פריינד.

עס איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס בעת דער באַרימטער אַבאָרידזשינישער מאָלער אַלבערט נאַמאַדזשירא איז געמאַכט געוואָרן פאַר אַ פולן אויסטראַלישן בירגער, איז וויליאַם ע. האַרנעי אַרויס מיט דעם געריכטן געשריי, דערקלערנדיק דעם אַקט פון געבן נאַמאַדזשיראַן בירגערשאַפט אַלס צביעות.

אַט דער קינסטלער, אַ זון פון די אור־אַלטע שבטים פון אויסטראַלישן קאָנטינענט, וועלכער האָט מיט זיינע בילדער פאַרשאַפט כבוד און אַנזען דער אויסטראַלישער קולטור, איז אין 1958 פאַרמשפט געוואָרן דורך אַ ווייסן געריכט אין אַליס ספּרינגס אויף זעקס חדשים תפיסה פאַר געבן משקה אַ קאָלירטן קאָלעגע — אויך אַ מאָלער. דאָס אַפּעלאַציע־געריכט אין דאַרווין האָט פאַרקלענערט די שטראָף אויף דריי חדשים.

אמת, דער רוב פון די אַבאָרידזשינעס איז ווייט נישט ציוויליזירט און לעבט אין זיין בראשיתדיקן מעמד און לעבנס־שטייגער. אָבער די טיילן וואָס האָבן געגעסן פון דער ווייסער ציוויליזאַציע בלייבן ווייטער אויף יענער זייט גדר. די „ווייסע פּאָליטיק" סעגרעגירט זיי אַלס נישט־געוווּנטשענעם עלעמענט אין דער אַל־אויסטראַלישער געזעלשאַפט.

זיי ווערן קלאַסיפיצירט אַלס פול־בלוטיקע, האַלב־ און פערטל־אַבאָרידזשינעס.

אַזאַ אַבאָרידזשין, ווי געבילדעט ער זאָל נישט זיין און שטיין אויף דער זעלבער סאָציאַלער הויך וואָס דער ווייסער אויסטראַליער, זענען פאַר אים געשלאָסן טיר און טויער צו דער ווייסער געזעלשאַפט און מוז לעבן אין דעם אַנגעצייכנטן פאַר אים „תחום המושב".

ער וועט נישט באַקומען קיין אָרט אין אַ האָטעל פאַר ווייסע און זיינע קינדער קאָנען נישט גיין אין שול צוזאַמען מיט ווייסע קינדער, מיטן אויסנאַם פון געוויסע אָרטשאַפטן.

עס הערן זיך לעצטנס שטימען אין דער אויסטראַלישער פּרעסע וועגן אויסבעסערן דעם גורל פון די אַבאָרידזשינעס. די אַלע שטימען זענען

אבער לעבלעכע סימפּאַטיע־אויסדרוקן. עס זענען געשאַפן געוואָרן פאַר־שידענע וועלפער־סאָסייטיס, וואָס האָבן פאַר אַ ציל צו העלפן דער שטאַ־טישער אַבאָרידזשינישער באַפעלקערונג זיך אַריינצולעבן אין דער ווייסער געזעלשאַפט.

ווען מיר טאַקע זען ווי אַזוי עס גייט צו דער דער דאָזיקער פאַר־שלעפּטער אַבסאָרבירונגס־פּראָצעס און ווי אַזוי עס נעמט אים אויף די ווייסע אויסטראַלישע געזעלשאַפט.

## דער אַבאָרידזשין אויפן שייד־וועג צווישן צוויי וועלטן

דער שורש פונעם נאָמען אַבאָרידזשין, וואָס עס טראָגט דער אויסט־ראַלישער אור־איינוווינער קומט פון לאַטייניש ab origine — „פון אנהויב", ד.ה. די ערשטע באַוווינער פון קאָנטינענט. טראָץ אָט דער באַ־צייכענונג פון דעם אַבאָרידזשין, זענען די אַנטראָפּאָלאָגן נישט געאייניקט צווישן זיך, צי זיי זענען טאַקע געווען די ערשטע איינוווינער פון אויסט־ראַליע. פאַרשער ווייזן אויף מיט ראיות, אַז די סאַמע ערשטע איינוווינער דאָ זענען גאָר געווען אַנדערע שבטים מיט אַ מער טונקעלער הויט און פוכיק־לאַנגע האָר.

אין זייער נאָמאַדישן לעבן האָבן זיי געוואַנדערט איבערן לאַנד נענטער צו אויף דרום. גאָר אַ קליינע צאָל פון די שבטים האָט נאָך גע־לעבט אין טאַסמאַניע ביזן אָנהויב פון אונדזער יאָרהונדערט.

די זעלבע פאָרשער האַלטן, אַז די אויסטראַלישע ראַסע, איינע פון די דריי הויפּט־ראַסעס אין דער וועלט, האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אויף די צפון־אינדזלען אַרום אויסטראַליע. די יאַגד־זוכער און שפּייז־זאַמלער האָבן אין זייערע וואַנדערונגען אָנגעשפּאַרט ביז אויף צפון, פון דאָרט קיין מאַלאַיאַ און אינדיע, ווו אַ קליינע צאָל לעבט נאָך עד היום. אַנדערע ווידער האָבן אויסגעוואַנדערט קיין ניי־גינע און אויסטראַליע.

אינזש. פּרעד טאָמפּסאָן, אַ וועלפער־טוער ביי די אַבאָרידזשינעס, האָט יאָרן לאַנג געפאָרשט זייער לעבן און די מעגלעכקייט פון זייער איינגלידערונג אין דער ווייסער געזעלשאַפט. אויפן סמך פון די פאָר־שונגען האָט ער צונויפגעשטעלט אַ גרויסע אַרבעט, אין וועלכער ער פאַר־אורטיילט די שטרענגע רעגירונגס־פאַרשריפטן, וואָס רעגולירן דאָס לעבן פון דער קאָלירטער באַפעלקערונג, ספּעציעל אין די צפון־געביטן, דאַרווין און צענטראַל־אויסטראַליע.

כדי מיר זאָלן בעסער פאַרשטיין דאָס פּראָבלעם, לאָמיר איינטיילן די אַבאָרידזשינישע באַפעלקערונג אין דריי באַזונדערע גרופּעס:

א) די נאַמאַדישע שבטים — די וואָס פירן אַ פולן פּרימיטיוון לעבנס־שטייגער;

ב) האַלב־נאַמאַדישע — די וואָס זענען אונטער דער אויפזיכט פון דער רעגירונג און רעליגיעזע מיסיעס;

ג) די שטאָטישע „ציוויליזירטע”, מערסטנטייל מישלינגען.

מיט דער עקספּאַנסיע פון ווייסן מענטש אין זיין זוכעניש פון מינע־ראַלן און אַנדערע נאַטור־אוצרות אין די ווילדערנישן פון אויסטראַלישן קאָנטינענט, ווערן יאָר־יערלעך אַרויסגעשטויסן פון זייערע יאַגד־שטחים די פּרימיטיווע שבטים.

גרויסע מינען־געזעלשאַפטן האָבן אויסגעשפּרייט זייער השפּעה אין די ביז איצט איזאָלירטע מקומות. די מאַפּע פון אויסטראַליע ווערט וואָס אַמאָל מער באַצייכנט מיט פּונקטן פון וויכטיקע מינעראַל־אַנטדעקונגען ווי: קופּער, צינק, בליי, אַלומיניום, מאַגנעזיע, גאָלד, בעריל (אַ טייערער שטיין פון גרינער קאָליר) און באָקסיט.

מיט אַנטדעקן די דאָזיקע וויכטיקע מעטאַלן, ווערן גלייכצייטיק פאַר־טריבן פון זייערע וווין־ערטער די אַבאָרידזשינעס, ווו זיי האָבן געלעבט זינט דורות; זייער לעבנס־רוים ווערט קלענער און באַגרענעצטער. אין דער צייט ווען דער ווייסער מענטש ווערט רייכער פון די אַנטדעקטע נאַטור־אוצרות, ווערט דער באַוווינער פון די דאָזיקע ערטער באַרויבט פון זיין יאַגד־שטח. ער ווערט פאַרטריבן פון זיין „מדבר־היים” און קריגט נישט דערפאַר קיין שום פאַרגיטיקונג. די אַבאָרידזשינעס בלייבן אין אַן אויסזיכטלאָזן מצב, איבערגעלאָזט אויף הפקר. און ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל זיך אָננעמען זייער עוולה, אָדער אויפקלערן זיי וועגן זייער רעכט, אַז זיי קאָנען מאָנען אַנטשעדיקונג פאַר די צוגערויבטע יאַגד־שטחים.*)

אוודאי איז גוט אַז דאָס לאַנד ווערט אַנטוויקלט, עס אַנטשטייען נייע אונטערנעמונגען וואָס גיבן באַשעפטיקונג טויזנטער מענטשן און באַרייכערן די אויסטראַלישע ווירטשאַפט. דער פּרימיטיווער מענטש דאַרף אָבער געניסן פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג און זיין ווווילשטאַנד דאַרף צוליב דעם אויסגעבעסערט ווערן.

אָבער אַזוי געשעט עס נישט. דער פּראָצעס פון געווינען דעם אַבאָ־רידזשין פאַר דער ווייסער ציוויליזאַציע איז איין גרויסער שטרויכלונגס־וועג, וואָס וועקט אין אים בלויז שנאה און אומצוטרוי צום ווייסן

*) די פראַגע איז אין 1964 באַהאַנדלט געוואָרן אין קאַנבעראַ, און די שבטים אין דער צפון־טעריטאָריע, ווו ס'געפינען זיך רייכע קופּער־דעפּאָזיטן, וועט אויסגעצאָלט ווערן אַ ריזיקע סומע אַנטשעדיקונג.

מענטש, וואָס שטעלט אויף אַ נישט־דורכבראַכבאַרע מויער. הינטער דער דאָזיקער מויער איז דער קאָלירטער מענטש פאַראורטיילט צו אַ לאַנג־זאַמען אומקום אָדער אין גאַנצן אָפּגעווישט צו ווערן פון דער אויבער־פלאַך.

ווידער די האַלב־שבטימדיקע אַבאָרידזשינעס, די וואָס לעבן אין די פּי־סטאַציעס (גרויסע פאַרמעס), ווערן אויסגענוצט ביזן ביין. זיי זענען ממש פאַרשקלאַפּט צום ווייסן באַלעבאָס. דער ווייסער באָס טרייבט זיי אומברחמנותדיק צו אַזאַ עבודת־פּרך, וואָס איז קעגן זייער פרייען נאָמאַדישן גייסט. וואָלט דער פּראָצעס פון איינשפּאַנען זיי אין דער אַרבעט פון דער ווייסער ציוויליזאַציע געווען אַ מער שטופנווייזער, וואָלט דאָס אפשר געבראַכט פיל בעסערע רעזולטאַטן.

די אַבאָרידזשינישע באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון בוש, איבערגעריסן מיטן פרימיטיוון לעבנס־שטייגער און גענאָסן עפּעס פון דער ציוויליזאַציע פון ווייסן מענטש, איז פעאיק צו אַרבעט און מלאכה, זי קען אָבער נישט אַריינקומען אין דער ווייסער געמיינשאַפט. דער אַבאָרידזשין לעבט אָפּט אין דער שטאָט, בשכנות מיטן ווייסן, ווייל אים נאָכטאָן אויף פאַרשידענע געביטן, קליידט זיך ווי דער ווייסער און פילט זיך דאָך אומבאַהאָלפן, אויב נישט פאַרראַטן; פאַרראַטן פון דער ווייסער ציוויליזאַציע, וואָס האָט אים געלאָזט שטיין אין מיטן וועג...

דעם אַבאָרידזשין איז דערלויבט צו וווינען אין באַשטימטע פאַר אים קוואַרטאַלן אויף דער פּעריפעריע פון שטאָט, וואָס איז פּאַקטיש אַן אַבאָרידזשינער געטאָ. דאָס זענען אָפּגעריסענע בלעכערנע הייזקעס, וווּ דער סאַניטאַרער מצב איז אַ קלאָגעדיקער. קראַנקהייטן און אַ גרויסע שטערבלעכקייט פאַרקלענערט זייער צאָל. זייערע קינדער פילן זיך פאַר־שטויסענע און קוקן מיט אייפערזיכטיקע אויגן אויף די שכנותדיקע קינדער פון די ווייסע אין די ווייטערע גאַסן. זיי ווערן נישט צוגעלאָזט צו קיין העכערער בילדונג. אויב זיי קריגן אַ געוויסע בילדונג, איז עס אויפן שפּיץ פינגער, צו דער מדרגה פון אַ ווייסן קינד אין 10־טן לעבנס־יאָר. עס קומען נישט דעריבער פון זייערע רייען קיין מענטשן מיט העכערער בילדונג. די אַבאָרידזשינישע באַפעלקערונג האָט נישט ביז איצט קיין אייגענע אינטעליגענץ, מענטשן פון פרייע באַרופן, וואָס וואָלטן געקאָנט ווערן זייערע פירער און באַאיינפלוסן זייער לעבן.*)

*) זינט די לעצטע 5 יאָר זענען צוגעלאָזט עטלעכע צענדליק אַבאָ־רידזשיני־קינדער אין די מיטל־שולן און קוים דריי לערנען זיך אין די הויכשולן.

פעדאַגאָגן און פּסיכאָלאָגן האָבן נאָך יאָרן־לאַנגע פאַרשונגען מודה געווען, אַז דאָס קאָלירטע קינד איז אַבסאָלוט נישט הינטערשטעליק אין אינטעליגענץ לגבי דעם ווייסן קינד. אין פיל פאַלן איז עס פיל פעאיקער און האָט אַ בעסערן זכרון.

אַן אַנדערער נעגאַטיווער פאַקטאָר וואָס ווירקט אויף דער צעריסנ־קייט און אָפּגעזונדערטקייט פון די שבטים איז די פאַרשידנאַרטיקייט פון זייערע דיאַלעקטן. זיי פאַרשטייען זיך נישט איינע די אַנדערע, סיידן מיט די נאָענטסטע שכנים. דאָס נישט האָבן קיין געמיינזאַמע שפּראַך איז איינע פון די הויפּט־סיבות, וואָס שטערט זייער דערנענטערונג און דאָס פאַרוואַנדלען זיי אין איין נאַציאָנאַלער איינהייט.

עס הערן זיך לעצטנס פון דאָ און דאָרט שטימען מצד „ציוויליזיר־טע" אַבאָרידזשינעס אין די שטעט, וועלכע ווערן דיסקרימינירט מצד די ווייסע. די פּראָטעסט־שטימען באַגרענעצן זיך צו אַזעלכע אויסרופן:

„איר האָט צוגערויבט אונדזער לאַנד, איר זייט דאָ פרעמדע, אויס־טראַליע איז אונדזער און נישט פון דעם ווייסן מענטש..."

די דאָזיקע פּראָטעסט־שטימען מצד ציוויליזירטע אַבאָרידזשינעס קו־מען מערסטנטייל בעת זיי זענען שיכור און האָבן זיך אָנגעטרונקען מיטן פאַרבאָטענעם וויסקי, צו וועלכן זייער אָרגאַניזם איז נישט געוווינט.

דער ווייסער מענטש נעמט אויף גוטמוטיק די דאָזיקע „באַליידיקונג" און פרעגט צוריק דעם קאָלירטן: „ווען נישט דער ווייסער מענטש, ווען וואָלסטו געטראָגן אויף דיין לייב אַ וויים העמד און אַ פּאָר הויזן?"...

מיט דעם פאַרענדיקן זיך לרוב די דאָזיקע „פּאָליטישע וויכוחים".

* * *

פעברואַר 1958 איז געווען אַ היסטאָרישע דאַטע פאַר די אַקטיווע אָרגאַניזאַציעס, וואָס אַרבעטן פאַר דעם פאַרשריט און אויסבעסערונג פון די לעבנס־באַדינגונגען פון אַבאָרידזשין.

אין דעם חודש איז אין דער הויפּט־שטאָט פון דרום־אויסטראַליע, אַדעלייד, פאָרגעקומען אַ פעדעראַלע קאָנפערענץ פון פאַרשידענע אָרגאַ־ניזאַציעס און עס איז דאָרט אויסגעוויילט געוואָרן אַ ראָט פאַר דעם פאַרשריט פון די אַבאָרידזשינעס. די דאָזיקע קערפּערשאַפט האָט די אויפ־גאַבע צו פירן אַן אויפקלערונגס־אַרבעט און זוכן מיטלען אויסצובעסערן און העלפן דער קאָלירטער באַפעלקערונג אין אויסטראַליע צו פאַרטיידיקן אירע ציווילע און בירגער־רעכט.

די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען פינף פּרינציפּיעלע פּונקטן אַלס די הויפּט־באַזע פאַר העלפן די אַבאָרידזשינעס:

1) גלייכע רעכט פאַר די אַבאָרידזשינעס מיט אַנדערע אויסטראַלישע בירגער;

2) אַלע אַבאָרידזשינעס זאָל געגעבן ווערן אַ לעבנס־סטאַנדאַרד וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט פאַר זייער געזונט און אויסקום: שפּייז, באַקליידונג, וווינונג און מעדיצינישע אויפזיכט, פּונקט ווי עס קריגן זיי אַנדערע אויסטראַליער;

3) אַלע אַבאָרידזשינעס זאָלן באַקומען אַ גלייכן לוין פאַר דער זעלבער אַרבעט, און די זעלבע אינדוסטריעלע שוץ ווי אַנדערע אויסטראַליער;

4) בילדונג זאָל זיין פריי און אַבליגאַטאָריש פאַר די אַבאָרידזשינעס וואָס זענען אַוועק פון זייער שבטימדיקן לעבנס־שטייגער;

5) די פולשטענדיקע אויפלייזונג פון די אַבאָרידזשינישע רעזערוואַטן.

דאַ קומען מיר צו די דראַסטישע פאַרשריפטן, וואָס רעגולירן דאָס לעבן פון די שוואַרצע אין די אָפּגעשלאָסענע רעזערוואַטן. די דאָזיקע פאַרשריפטן, וואָס דאַרפן כלומרשט שיצן דעם אַבאָרידזשין, באַגרענעצן אין דער אמתן זיין פרייהייט. ער האָט נישט קיין רעכט צו באַזיצן אומבאַוועגלעכע גיטער און איז פאַקטיש באַרויבט אין זיין סאָציאַלן סטאַטוס.

די דאָזיקע פאַרשריפטן זענען זייער קאָמפּליצירטע און אַ ווייסער ריכטער קען זיך טיילמאָל נישט פאַנאַנדערקלייבן אין זיי, ווען ער דאַרף משפּטן אַ קאָלירטן. וועלכער ווערט אָפט זייער האַרב באַשטראָפט פאַר דעם מינדסטן עובר זיין אויפן געזעץ, פאַר וועלכע אַ ווייסער ווערט בכלל נישט באַשטראָפט.

די דאָזיקע פאַרשריפטן זענען לויט דער מיינונג פון קאָמפּעטענטע מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט וועלפער־אַרבעט צווישן די אַבאָרידזשינעס, זייער פאַרעלטערט און אפילו אַנטי־סאָציאַל. די דאָזיקע „רע־פאָרמען" זענען אין סתירה צו די מנהגים און טראַדיציעס פונעם אַבאָרידזשין און שטעלן אים אויפן שיידוועג צווישן צוויי וועלטן.

## ווען וועלן די אַבאָרידזשינעס אַסימילירט ווערן אין דער ווייסער אויסטראַליע?

וואָס מער מיר רירן זיך צו צום אַבאָרידזשינישן פּראָבלעם, אַלץ מער דרינגען מיר אַריין אין אַ פאַרפּלאָנטערטן קאָמפּלעקס פּראָבלעמען, וואָס קאָנען נישט על רגל אחת באַלויכטן ווערן, ווייל זיי נויטיקן זיך אין אַ מער גרינטלעכער באַהאַנדלונג.

דאָס מוז געטאָן ווערן ניכטער, אָביעקטיוו ,מער מן הצד, כדי צו זעןביידע זייטן פֿון דער מטבע. פֿון איין זייט, די באַציאונג פֿון די רעגירונגס־קרייזן און דער עפֿנטלעכער מיינונג; פֿון דער צווייטער זייט ווי אַזוי נוצט אויס דער אַבאָרידזשין זיין דערוואָרבענע פֿרייהייט און רעאַגירט אויף דער אומיושרדיקער באַהאַנדלונג לגבי אים, און לסוף: ווי אַזוי נוצט אויס דער אַבאָרידזשין זיין דערוואָרבענער פֿרייהייט און בירגערלעכע רעכט, צו וועלכע ער איז מיט דער צייט זוכה דורך ספּע־ציעלע פּריווילעגיעס.

דאָס איז אַ זייער קיצלדיק פּראָבלעם, וואָס מען מוז שטופּנווייז פֿאַנאַנדערקלייבן און באַלייכטן.

מיר, יידן, וואָס האָבן במשך דורות דורכגעמאַכט אַזוי פֿיל נגישות, פֿאַרפֿאָלגונגען, פּאַראָורטיילן, געליטן פֿון דער צרעת פֿון אומצוטרוי, וועז מ'האָט אונדז געהאַלטן פֿאַר פֿאַרשטויסענע: געשפּאָט פֿון אונדזער טראַכט, אונדזערע מנהגים, אונדזער לעבנס־שטייגער און טראַדיציעס — דאַרפֿן קוקן אויף די אַבאָרידזשינעס מיט מער פֿאַרשטענדעניש.

דאָס איז אַ ראַסע, וואָס איז אויף אַ ברוטאַלן אופֿן אַרויסגעריסן געוואָרן פֿון איר פּרימיטיוון לעבנס־שטייגער און האָט ביז איצט נישט געפֿונען קיין וועג צו דעם ווייסן מענטשס געזעלשאַפֿט: דאָס זענען מענטשן, וואָס לעבן ווי פֿאַרשטויסענע און פּאַראָורטיילטע: מענטשן וואָס זענען מיט כוח אָפּגעזונדערט געוואָרן פֿון דער אויסטראַלישער געמיינשאַפֿט, און דאָס אין אַ לאַנד וואָס שמט מיט זיין הויכער דעמאָ־קראַטישער איינשטעלונג.

פֿאַרוואָס געשעט דאָס אַזוי?

אמת, פֿון צייט צו צייט לייענען מיר אין דער פּרעסע וועגן איינצלנע אויסטראַלישע פֿאַמיליעס, ביי וועמען עס דערוועקט זיך אַ הומאַניטאַרער פֿאַרלאַנג עפּעס צו טאָן פֿאַר דעם יונגערן דור אַבאָרידזשינעס: זיי אַדאָפּ־טירן קינדער פֿון די צפֿון־געגנטן, ברענגען זיי אין זייערע רייכע היימען און גיבן זיי, צוזאַמען מיט זייערע אייגענע קינדער, דאָס אַלץ וואָס אַ קינד דאַרף האָבן פֿאַר אַ נאָרמאַלער אַנטוויקלונג.

פֿאַר טויזנטער אויסטראַליער קלינגט דאָס ממש אויסטערליש, עק־זאָטיש.

אַנדערע ווידער ברענגען אַראָפּ אַבאָרידזשינישע קינדער פֿון צענטראַל־אויסטראַליע אויף זומער־וואַקאַציעס. ס'רוב טוען דאָס אַזעלכע, וואָס האָבן אַליין אַמאָל געוווינט אין יענע געגנטן, אָדער געאַרבעט אויף פֿאַרשידענע מיסיעס אין די אַבאָרידזשינישע רעזערוואַטן.

זיי ווילן געבן די קאַלירטע קינדער אַ געלעגנהייט צו פאַרזוכן דעם טעם פון לעבן אין די גרויסע שטעט פונעם ווייסן מענטש.

אין אָנהויב איז דאָס קינד צעטומלט, שעמעוודיק, קוקט מיט אומ־צוטרוי. ס'איז צוריקגעהאַלטן, אָבער זיין אינסטינקט פון אַ פּרימיטיוון מענטש, וואָס קען אייך דורכנעמען אויף מײלן ווייט, פילט שוין אַרויס ווי עס דאַרף זיך האַלטן און נאָכטאָן דעם ווייסן מענטש. גאָר שנעל לעבט זיך עס אַריין אין דער נייער סביבה.

דאָס איז נאַטירלעך, ווייל אַ קינד איז עלאַסטיש. זיין וועלט־באַנעמונג איז אַנדערש פון אַ דערוואַקסענעם, זאָל עס זיין אַ קינד פון פּרימיטיווע שבטים. דער רוב פון די קינדער זענען אָבער אַזעלכע, וואָס האָט שוין געגאַסן אין די רעזערוואַטן פון דעם אלף־בית פון דעם ווייסן מענטשס ווייסן.

ווי דראַמאַטיש עס איז זיין באַגעגעניש מיט דער וועלט און סביבה פונעם ווייסן מענטש אין די שטעט, איז אָבער נאָך טראַגישער זיין צוריקקערן זיך אין דער ווילדערניש. דאָ קומט ערשט דער ויתרוצצו אין דעם קינדס מוח און האַרץ. ער איז האַלב אַרויסגעריסן פון זיין דורות־לאַנגן שבטים־לעבן, און פון דער אַנדערער זייט — פאַרכישופט פון דעם, וואָס ער האָט געזען און פאַרזוכט ביים טיש פון דעם ווייסן מענטש.

* * *

דער געוועזענער מיניסטער פאַר טעריטאָריעס, האַסלוק (היינט — אויסערן־מיניסטער), האָט דערקלערט, אַז עס וועט דויערן אַ יאָרהונדערט ביז די אויסטראַליש אַבאָרידזשינעס וועלן פולשטענדיק אַסימילירט ווערן אין דער ווייסער אויסטראַליע.

„איך קאָן נישט זען דאָס פּראָבלעם זאָל געלייזט ווערן אין וויניקער צייט ווי במשך דריי דורות, דאָס מיינט אין ניינציק יאָר צייט. אויב מיר וועלן טאָן אונדזער אַרבעט, וועט דאָן, אין 90 יאָר אַרום, נישט זיין מער קיין אַבאָרידזשיניש פּראָבלעם. אויב אָבער מיר וועלן נישט ריכטיק און ווי געהעריק טאָן אונדזער אויפגאַבע, וועט די ווייסע געמיינדע אין אויסטראַליע דאַרפן ווייטער צאָלן פאַר אויפהאַלטן נישט בלויז די איבער 70 טויזנט אַבאָרידזשינעס וואָס מיר האָבן היינט, נאָר פאַר פיל מער".

דער מיניסטער פאַר טעריטאָריעס, אונטער וועמענס השגחה עס פאַלט אַרונטער די אויפזיכט איבער דער איינגעבוירענער באַפעלקערונג, האָט אויסגעדריקט זיין אָפּטימיזם, אַז עס מוז קענטיק ווערן אַ באַדייטנדיקער פאָרשריט אין דער אַסימילאַציע פון די אַבאָרידזשינעס במשך איין דור — אין דרייסיק יאָר אַרום.

## שמעון מירעלם

# מיניאַטורן

## יידיש און עברית

יידיש און עברית, צוויי ליבלעכע שוועסטער פון איין טאטע־מאמע. ביידע האבן באקומען א נאציאנאלע דערציאונג, ביידע האט מען געקעכלט, געצערטלט, זיי באזונגען, שטאלצירט מיט זיי און באשיינט.

זענען געקומען מערדער, אויסגעהרגעט א דריטל פון יידישן פאלק, טאטע־מאמע זענען אומגעקומען, אבער די צוויי שוועסטער זענען געבליבן לעבן. זענען זיי אוועק אין דער ווייטער וועלט אריין צו די לעבנגעבליבענע קרובים, אבער די קרובים האבן די צוויי שוועסטער — דעם שטאלץ פון מזרח־אייראפעאישן יידנטום, — פארשטופט אין א ווינקל און זיי זענען געווארן דינסטן ביי דער רייכער ענגלישער און שפאנישער מאדאם. און ווען ארץ־ישראל איז געווארן א יידישע מדינה, האט זי די שוועסטער עברית פארבעטן צו זיך און זי איז דארט אויפגעריכט געווארן, אבער ביי די ענגליש־שפאניש־ און פראנצויזיש־רעדנדיקע איז זי נישט קיין גרויסער יחוס. ווו א יידישע שמחה איז די פרעמדע מאדאם אויפן אויבנאן, און די צוויי שוועסטער — יידיש און עברית — זיצן פארשעמטע אין זאל צווישן עולם.

טרעפט נאך, אז א ישראל־שליח אדער אן אפיציעלער ישראל־פארשטייער נעמט א ווארט, באגריסט ער זיך מיט דער שוועסטער עברית, נאר אויס העפלעכקייט; דאקעגן די שוועסטער יידיש זיצט א פארשטומטע, אן איינזאמע. ארגאניזירט עפעס עמך, איז זי נאך די געשעצטע, די חשובע, אבער ביי די גרויסע יידישע ליט שעמט מען זיך מיט איר. זיצט זי נעבעך, די שוועסטער יידיש און לײַדט און וועלקט ווי א בלום און ס'טוט ווי דאס הארץ, אז זי זאל, חלילה, נישט אויסגיין אין דער שטיל, פון בענקשאפט און שאנדע, אין איינזאמקייט, אן א פריינד און אן א גואל...

## דער דרויסן

געווען אמאל א דרויסן. דאס איז געווען אמאל, אמאל ווען יידן האבן נאך געלעבט אין די מזרח־אייראפעאישע שטעט און שטעטלעך: אין די פוילישע, אין די ליטווישע, אין די ווייסרוסישע און אין די בעסאראבישע. איז דער דרויסן געווען — די גאס, דער מארק, ווו מען האט

געהאַנדלט און געוואַנדלט מיט גערשטן און קאָרן, מיט קוקורידזע און ווייץ, מיט זאַלץ און מיט שטיוול. דער ייד האָט געקויפט און פאַרקויפט. דאָס זעלבע האָט געטאָן דער פּויער און דער גאַנצער מסחר איז געפירט געוואָרן — „אינדרויסן”.

דער דרויסן איז שוין אַזוי אַלט ווי די וועלט און — אפשר נאָך עלטער. ווייל ווען עס איז נאָך קיין וועלט נישט געווען, איז אַלץ געווען אינדרויסן — אַ תוהו־ובוהו. און שפּעטער, ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער זי אויך געלאָזט אינדרויסן, אַ ברירה האָט ער געהאַט? שפּעטער זענען געקומען מענטשן. האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט און געזען, אַז זיי געפינען זיך אינדרויסן, אויסגעשטעלט אויף ווינט, שניי און רעגן, איז זיי געוואָרן אומהיימלעך־טרויעריק. האָבן זיי זיך אויסגעזוכט הייל און שפּעטער אויסגעבויט שטובן, וווּ זיי האָבן געוווינט און דער דרויסן איז געבליבן אויף דער גאַס...

און מיטן פאַרמערן זיך פון מענטשן האָבן זיך אויך פאַרמערט זייערע שטובן. זענען אויסגעבויט געוואָרן גאַנצע שטעט און דער דרויסן איז פאַרשטופּט געוואָרן — הינטער דער שטאָט.

איז דאָך דער מענטש בטבע אַן אומצופרידענער, האָט ער אָנגעהויבן בענקען נאָכן דרויסן. זייענדיק פאַרשלאָסן הינטער טיר און טויער, האָט ער דורכן פענסטער גענומען אַרויסקוקן און פון צייט צו צייט זיך אַרויס־געכאַפּט געוויזער צו ווערן וואָס עס הערט זיך אינדרויסן.

אָבער נישט אַלע מאָל האָט דער דרויסן אים גוט אויפגענומען. אַ באַליידיקטער, אַ נאַקעטער, האָט ער טיילמאָל דורך ווינט און שטורעם־רעגנס דעם מענטשן פאַריאָגט צוריק אין שטוב אַריין. טיילמאָל האָט ער טעג און נעכט געוווינט אויף זיין ביטערן דרויסנדיקן מזל און פאַרגאָסן אַלץ אַרום: די פעלדער און וועגן און געמאַכט אויפשוועלן די טייכן. דעמאָלט האָבן מענטשן זיך פאַרמאַכט אין זייערע וואַרעמע שטובן, גע־זידלט און געשאָלטן: פוי, אַ פּאַסקודנער דרויסן, אַן עברה אַ הונט אַרויס־צולאָזן אויף דער גאַס.

מיטן וווּקס פון די אורבאַנישע צענטערן, מיטן פאַרכאַפּן וואָס אַמאָל גרעסערע שטחים פאַרן מענטש און זיין באַקוועמלעכקייט, מיטן בויען גי־גאַנטישע הייזער און וואָלקן־קראַצערס, איז דער דרויסן געוואָרן אַ פּאָעטי־שער באַגריף. מענטשן האָבן אויפגעהערט צו גיין אינדרויסן, מען פאָרט מיט אונטערערדישע באַנען און מיט אויטאָמאָבילן; דער דרויסן איז גע־וואָרן פאַריאָגט אין די וווייטע פעלדער און וועלדער און ער ווערט באַזונגען דורך די פּאָעטן. אויך כאַפּן זיך פאַרליבטע פּאָרלעך טיילמאָל אַריין אין אַ דרויסנדיקער סביבה, ערגעץ הינטער דער שטאָט, כדי אומ־געשטערט פון אַ מענטשלעך אויג צו געניסן פון דער באַגערטער ליבע.

דעמאָלט איז דער דרויסן מילד צו די פאַרליבטע פּאָרלעך. עס שיינט די לבנה, די בוימער זינגען שירה, עס בלאָזט אַ קיל ווינטל און דאָס גראָז איז אַזוי מחיהדיק ווייך. דעמאָלט שווערן זיך פאַרליבטע פּאָרלעך אייביקע ליבע, וואָס דויערט ביז נאָך דער חתונה...

אין די נעכט, ווען מענטשן שלאָפן אין זייערע וואַרעמע בעטן און דער דרויסן איז איינגעהילט אין אַ געדיכטער פינצטערניש, קומען פאָר געשעענישן און די איינציקע עדות זענען נאָר הימל און ערד — די שטענדיקע דרויסנדיקע באַגלייטער, אָבער סוד בלייבט סוד, ווייל אַלץ איז פאַרהוילן פאַרן מענטשלעכן אויג אין דער דרויסנדיקער, סודותפולער נאַכט.

## דער מענטש און להבדיל... דאָס פערד

וואָס מער די טעכניק און די וויסנשאַפט גייט פאָראויס, אַלץ ווינציקער וויכטיק ווערט דער מענטש און להבדיל — דאָס פערד ווערט וואָס אַמאָל מער חשוב...

די מענטשלעכע ראַסע מערט זיך מיט אַן אַסטראָנאָמישער שנעלקייט, אָבער די פערדישע ראַסע ווערט וואָס אַ יאָר — אַלץ מער איינגעשרומפּן.

פון די גאָר אַלטע צייטן ביזן אויפקומען פון ערשטן אויטאָמאָביל איז דאָס פערד געווען „מיט מענטשן גלייך". דער מענטש האָט זיך אָן פערד נישט געקאָנט רירן פון אָרט. דאָס פערד האָט געדינט דעם מענטשן ווי אַ טרייער פירער און באַגלייטער.

הונדערטער יאָרן פון אָנגעשטרענגטע פאָרשונגען און דערפינדונגען האָבן אַוועקגעשטעלט דעם מענטש אויפן סאַמע אויבנאָן פון גאָטס באַשעפענישן און דאָס פערד איז געבליבן פערד.

אָבער אין דער זעלבער צייט, ווען די מאַשין קאָן שוין פאַרטרעטן דעם מענטש ביי דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט: אין ביוראָ ביי שווערע חשבונות, ביים באַדינען די קליענטעלע אין די געשעפטן, און דער עיקר ביים הרגענען מענטשן אין דער מלחמה, האָט דער מענטש פאַרלוירן זיין ווערט און געוואָרן „אויס מענטש". אָבער דאָס פערד איז נאָך אַלץ חשוב.

ווען די הונען האָבן אויף זייער מלחמה־מאַרש פאַרפלייצט אייראָפּע און געזייט טויט און פאַרוויסטונג, האָט דאָס פערד זיי געטריי געדינט. היינט טראַנספּאָרטירט מען צו די שלאַכט־פעלדער מיט דער הילף פון דער מאָדערנסטער קאָמוניקאַציע־מאַשין מיליאָנען מענטשן אויף טויזנטער מיילן.

צוליב דער קאָנקורענץ פון דער מאָדערנער קאָמוניקאַציע־מאַשין איז דאָס פערד געוואָרן אַ שפּילעכל און מען צאָלט פאַר אים שווערע טויזנ־טער. טראָגן אַוועק צענדליקער טויזנטער און אפשר מיליאָנען מענטשן איבער דער וועלט זייער וואָכן־לוין אויף די פערד־געיעגן אין: עפּסאָם, אַסקאָט, פלעמינגטאָן אָנצוקוקן דאָס פערד אין זיין וועט־לויף און באַגערן, אַז עס זאָל זיי באַגליקן.

דער מענטש איז געוואָרן אַ ביליק מאַטעריאַל פאַר אַלערליי מלחמה־מאַכערס און מלחמה־פירערס, און דאָס פערד... איז געוואָרן אַ זעלטן באַשעפעניש צו ווילן די הויכגעשטעלטע דאַמען און הערן פון דער אַריסטאָקראַטיע און אַ גליקלעכער צופאַל פאַר טויזנטער אָרעמע. צאַצקעט מען זיך מיט דעם פערד און מען היט אים ווי אַן אבן־טוב.

אָרעמער מענטש... ווער פוןביידן איז גליקלעכער?

מ. באַלבערישסקי

# די יידישע קאַטעדרע ביים ווילנער אוניווערזיטעט

געווידמעט דעם אָנדענק פון די פאַרפייניקטע
נח און פאַאולאַ פרילוצקי.

## דאָס לעבן אין ווילנע אין סעפּטעמבער — דעצעמבער 1939

צוויי וואָכן נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז ווילנע, לויטן ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו־אָפּמאַך, פאַרנומען געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי. די ערשטע אַרבעט פון די נייע מושלים איז געווען אָפּצורעבענען זיך מיט פּאָליטישע קעגנער. עס זענען גלייך אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט געוואָרן די אָנגעזעענסטע טוער פון יידישן פּאָליטישן לעבן, פון די יידישע דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, קולטור־טוער, זשורנאַליסטן וכדומה. למען האמת מוז מען צוגעבן, אַז מען האָט אויך נישט ווייניק אַרעסטירט נישט־יידישע טוער און ספּעציעל געוועזענע מיליטער־לייט.

די געשעפטן זענען נישט נאַציאָנאַליזירט געוואָרן, אָבער די שטימונג אין שטאָט איז געווען זייער אַ געדריקטע צוליב דער נישט־זיכערער פּאָליטישער לאַגע. מען האָט נישט געוווסט וואָס פאַר אַ גורל ווילנע וועט האָבן: צי ווילנע וועט בלייבן סאָוויעטיש, אָדער די סאָוויעטן־מאַכט וועט צוריק באַנייען איר אַלטן אַקט פון אָפּגעבן ווילנע צו ליטע. און דאַן, וואָס וועט זיין מיט ליטע? ערשט צום סוף אָקטאָבער האָט די לאַגע גענומען קלאָר ווערן: די רויטע אַרמיי גייט אַוועק, ווילנע גייט איבער צו ליטע און ווערט די הויפּט־שטאָט פון ליטע, אנשטאט קאָוונע. אַזוי איז טאַקע געשען. די רויטע אַרמיי האָט פאַרלאָזן ווילנע און ליטע, איבערלאָזנדיק בלויז געוויסע מיליטערישע טיילן און אַ קאָנסולאַט אין קאָוונע.

די ליטווישע רעגירונג פון קאָוונע האָט ביסלעכווייז גענומען באַזעצן אַלע מלוכהשע און שטאַטישע אינסטיטוציעס און אַמטן, אַראָפּגעבראַכט

איר אייגענע פּאָליציי, אירע באַאַמטע און פעסט איבערגענומען די מאַכט. די לאַגע האָט זיך סטאַביליזירט און די שטימונגען האָבן זיך עטוואָס באַרואיקט.

## אָנהויב פון יידישער קולטור-אַרבעט

אין די קרייזן פון די ווילנער יידישע קולטור-טוער איז מען צוגעטראָטן צו אַ ברייט-פאַרצווייגטער קולטור-אַרבעט. אין ווילנע פלעגן אַרויסגיין דריי יידישע טעגלעכע צייטונגען, אין קאָוונע — צוויי. עס האָט זיך זייער שטאַרק אַנטוויקלט דער יידישער און העברעאישער שול-וועזן. עס זענען דערשינען נייע ביכער, דערהויפּט לערן-ביכער. די ליטווינער האָבן דאַן אַרויסגעוויזן אַ סך פאַרשטענדעניש פאַר יידישע קולטור-ענינים. זיי האָבן געוואָלט געווינען יידן אויף זייער זייט, כדי בעסער צו באַקעמפן די פּאָליאַקן און זיך אויך ריינוואַשן פון דעם פּאָגראָם, וועלכן זיי האָבן איינגעאָרדנט אין די ערשטע טעג פון איבערנעמען ווילנע. לויטן אויפטראַג פון מיינע פּאַרטייאישע און קולטור-טוערישע פריינט, האָב איך אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט אַ ריי ליטווישע פּאָליטיקער און געלערנטע. די ערשטע באַגעגעניש צווישן דער ליטווישער און יידישער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ איז פאָרגעקומען ביי חבר קאַפּלאַן-קאַפּלאַנסקי אין שטוב. זיין הויז איז געווען גלייכצייטיק דאָס הויז פון דער אַלטער, רייכער, אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע — כאַלעם. די וווינונג האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מוזעאום פון ווילנער אַלטערטימלעכקייטן. די אַנוועזנדיקע ליטווישע פּראָפעסאָרן האָבן מיט גרויס אינטערעס באַטראַכט פיל היסטאָרישע בילדער, אַנטיקן, וועלכע דער ווילנער אוניווערזיטעט האָט נישט פאַרמאָגט. אין דעם צוזאַמענטרעף האָבן מצד די ליטווינער אָנטייל גענומען: די ברידער פּראָפעסאָרן מיכאל און וויקטאָר בירזשישקאַ, דער שטאַט-פּרעזידענט, ד"ר סטאַשיץ און נאָך אייניקע פּראָפעסאָרן פון ווילנער און קאָוונער אוניווערזיטעטן. מצד יידן זענען געווען: ד"ר ג. קאָוואַרסקי — פּאָרזיצער פון צענטראַלן בילדונגס-קאָמיטעט, דער דירעקטאָר פון דער יידישער רעאַל-גימנאַזיע — טורבאָוויטש, ברוך ליובאָצקי, ד. קאַפּלאַן-קאַפּלאַנסקי, נח פּרילוצקי און איך. מען האָט פיל געשמועסט וועגן די לויפנדע פּאָליטישע ענינים, אָבער ספּעציעל וועגן דער קולטור-טעטיקייט. קאָנקרעט האָט מען דעם אָוונט פּאָזיטיוו דערליידיקט די פראַגע וועגן דער לעגאַליזאַציע פון יידישן שול-וועזן. דאָס איז פאַר דער יידישער געזעלשאַפט געווען אַ קאָלאָסאַל וויכטיק פּראָבלעם און אַ געווינס.

מ. באַלבעריטסקי

# יידישע קאַטעדרע אין ווילנער אוניווערזיטעט און דער קאַמף אַרום דער פּערזאָן פון ערשטן פּראָפעסאָר

אין דער צייט, האָב איך גענומענע רעדן מיטן רעקטאָר פון ווילנער אוניווערזיטעט, פּראָפ. מיכאַל בירזשישקאַ, מיט וועלכן איך בין געווען זייער גוט באַפריינדעט און אַדאַנק וועמען איז מיר געלונגען אַרויסצו־ראַטעווען מיין פרוי און קינדער פון לאָדזש, אַז ער זאָל אויספועלן ביים אוניווערזיטעט־סענאַט און רעגירונג, אַז מען זאָל עפענען ביים ווילנער אוניווערזיטעט אַ קאַטעדרע פאַר יידיש און אַז נח פּרילוצקי זאָל נאָ־מינירט ווערן אַלס לעקטאָר. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו שטיצןביידע פּראָיעקטן. עטוואָס שפּעטער האָט ער מיר געמאָלדן, אַז פּרינציפּיעל איז די זאַך פּאָזיטיוו דערליידיקט.

ווען מיינע באַמיאונגען צו שאַפן די קאַטעדרע און באַשטימען נח פּרילוצקין אַלס דאָצענט האָבן זיך דערוווּסט די בונדיסטן אין ווילנע און קאָוונע און זיי האָבן אויפגעהויבן אַ קאַמפּיין, אַז אַלס דאָצענט זאָל באַשטימט ווערן ד״ר מאַקס וויינרייך פון „ייוואָ״, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אין אויסלאַנד. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ד״ר וויינרייך האָט צוגעשיקט אַ בריוו, אַז ער איז גרייט צו קומען קיין ווילנע, אויב ער באַקומט די קאַטעדרע. מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז די קאַנדידאַטור פון ד״ר וויינרייך איז געווען זייער אַן ערנסטע. עס האָט זיך דאָ אַנטוויקלט אַ שטילער, אָבער פאַרביסענער קאַמף צווישן אונדז און די בונדיסטן. ווען ס׳איז פּעסט באַוווּסט געוואָרן, אַז ס׳איז דאָ אַ באַשלוס וועגן עפענען אַזאַ קאַטעדרע, האָבן זיך אַריינגעמישט די ציוניסטן, פאַרלאַנגענדיק, אַז די קאַטעדרע זאָל זיין אַ העברעאישע און אַלס פּראָפעסאָר זאָל באַשטימט ווערן דער דאָצענט פון קאָוונער אוני־ווערזיטעט — שאַפּיראָ, דער זון פון קאָוונער שטאָט־רב. דאָ איז שוין דער קאַמף מער פאַרשאַרפט געוואָרן און אַלע גרופּירונגען האָבן מאָבי־ליזירט זייערע כוחות צו געווינען דעם קאַמף פאַר זיך. אין קאַמף זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אַ סך פּאָליטישע און קולטור־טוער. אין קאָוונע איז אונדזער זאַמל־פּונקט געווען אין הויז פון ד״ר מאַטיס. דאָרטן פלעגן זיך טרעפן די יידישע שרייבער, ווי לאה רודניצקי, גראַדע, סוצקעווער, קאַטשערגינסקי, וואָגלער, חיים סעמיאַטיצקי, נח פּרילוצקי און אַ ריי מיטאַרבעטער פון דער יידישער פּראָגרעסיווער צייטונג אויף קאָוונע „נייעס״. די רעאַליזאַציע פון דער זאַך האָט זיך פאַרצויגן אויף עטלעכע חדשים צוליב פאַרמעלע טעמים, בודזשעט־פראַגן א.א.וו., ווי אויך צוליב די אינעווייניקסטע קאַמפן פון די יידישע גרופּירונגען, הויפּטזעכלעך מצד די ציוניסטן, וועלכע האָבן בשום אופן נישט געוואָלט

דערלאָזן, אַז די קאַטעדרע אין ווילנע זאָל זיין פאַר יידיש און נישט פאַר העברעאיש.

## י. ל. פרץ אַקאַדעמיע צום 25־טן יאָרצייט

ווענלנדיק דורכפירן עטוואָס קאָנקרעטס, יום־טובדיקס און הויפּט־זעכלעך צו פּאָפּולאַריזירן נח פּרילוצקין אין די אַקאַדעמישע קרייזן פון ווילנער אוניווערזיטעט, האָב איך זיך פאַרנומען מיטן אָרגאַניזירן אַ רעפעראַט פון נח פּרילוצקי אין ווילנער אוניווערזיטעט, אויסנוצנדיק דעם 25טן יאָרצייט נאָך י.ל. פּרץ (1940, פּסח־טעג).

דער רעקטאָר, פּראָפ. בירזשישקאַ, צו וועמען איך האָב זיך געווענדעט וועגן דער זאַך, האָט מיר זיין דערלויבעניש געגעבן מיטן תנאי, אַז דאָס וועט איינאָרדענען אַן אַקאַדעמישע אינסטיטוציע פון אוניווערזיטעט. אַזוי האָט עס געמוזט זיין, ווייל לויטן אוניווערזיטעט־רעגולאַמין, האָט אין אַן אוניווערזיטעט־זאַל געקאָנט אַרויסטרעטן אַן אַנגעהעריקער פון אַקאַדעמישן פּערסאָנאַל, אָדער אַ רעקאָמענדירטער פון אַן אַקאַדעמישער אינסטיטוציע. די זאַך האָב איך דערליידיקט דורך דעם יידישן סטודענטן־פאַראיין, וועלכער איז מסכים געווען צו זיין דער אָרגאַניזאַטאָר פון דעם רעפעראַט. און דאָ איז ווידער אויסגעבראָכן אַ קאַמף מצד די ציוניסטן, וועלכע האָבן אָפּגעשלאָגן די טירן פון רעקטאָר, אַז זייער דאָצענט שאַפּירא פון קאָוונע זאָל זיין דער פּרעלעגענט. היות אָבער, סיי דער רעקטאָר און סיי דער פּראָרעקטאָר האָבן מיר צוגעזאָגט און די פאָרמאַליטעטן האָב איך דערליידיקט, איז געבליבן אַז אויף דער אַקאַדעמיע טרעט אַרויס נח פּרילוצקי.

חול המועד פּסח איז דער אַלטער, היסטאָרישער, פּרעכטיקער שניאַדעצקי־זאַל פון אוניווערזיטעט פאַרפולט געוואָרן מיט אַ יידישן עולם. דאָס שענסטע און בעסטע, וואָס דאָס אַלטע ירושלים דליטא האָט פאַרמאָגט, איז געקומען צו דער אַקאַדעמיע. ס׳איז געווען אַן אמתער יום־טוב ביי דער יידישער אינטעליגענץ און ביים באַוווסטזיניקן עולם, אַן אונטערשייד פון פּאַרטיי־ריכטונג. אין זאָל האָט מען געזען די עלטסטע און פאַרדינסטפולסטע בויער און שעפער פון דער יידישער און העברעאישער שול, די פירער פון „ייוואָ״, די גאַנצע יידישע לערערשאַפט, יידישע אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ, סטודענטן, יידישע שרייבער און קינסטלער, הן ווילנער, הן פּליטים פון פּוילן. מיט איין וואָרט — דאָס שענסטע און בעסטע וואָס דאָס יידישע ווילנע האָט אין דעם מאָמענט פאַרמאָגט.

לויטן פּראָגראַם האָט די אַקאַדעמיע געדאַרפט עפענען דער פּאַר־זיצער פון יידישן סטודענטן־פאַראיין. לויטן באַשלוס פון פאַראיין האָט ער געזאָלט האַלטן זיין דערעפענונגס־רעדע אין ליטוויש און העברעאיש. וועגן דעם באַשלוס האָב איך זיך דערוווסט אין לעצטן מאָמענט. נאָכן פאַרזיצערס רעדע האָט דער פּראָרעקטאָר געזאָלט פאַרשטעלן פּרילוצקין. ווען ס'איז געקומען די צייט, האָב איך געבעטן דעם פאַרזיצער צו עפענען די אַקאַדעמיע. דאָ כאַפּט זיך דער פאַרזיצער, אַז ער האָט זיין אָנגעשריבענע רעדע פאַרגעסן אין שטוב. ער האָט מיר געבעטן צו וואַרטן נאָך אַ ווײַלע און איז געלאָפן אַהיים צו ברענגען די רעדע. איך האָב געבעטן אַ סטודענטין, אַ מיטגליד פון קאָמיטעט, זי זאָל שנעל עפענען די אַקאַדעמיע אין ליטוויש און יידיש. דאָס איז גלייך געמאַכט געוואָרן. און ווען דער פאַרזיצער איז געקומען אַ פאַרסאַפּעטער צו לויפן, האָט שוין גערעדט דער פּראָרעקטאָר. נישט אַלע האָבן דאָן פאַרשטאַנען די ליט־ווישע שפּראַך, אָבער די גאַנצע רעדע פון פּראָרעקטאָר איז געווען איין גרויסער לויב־געזאַנג פאַר פּרילוצקים פאַרדינסטן אַלס וויסנשאַפטלער אויפן געביט פון דער יידישער פילאָלאָגיע און שפּראַך־פאָרשונג בכלל. דריקנדיק פּרילוצקין די האַנט, האָט ער אים צוגעפירט צו דער קאַטעדרע. מיט אַ שטורעם אַפּלאָדיסמענטן איז נח באַגריסט געוואָרן פון פאַר־זאַמלטן עולם.

אַ טיף גערירטער האָט נח אָנגעהויבן זיין רעפעראַט וועגן י.ל. פּרץ און זיין שאַפונג. דער רעפעראַט האָט געטראָגן אַ ריין אַקאַדעמישן כאַ־ראַקטער און האָט געדויערט אַ קאַרגע שעה. וואָס פאַר אַ נחת רוח איז דאָס געווען! וואָס פאַר אַ שיינקייט און וואָס פאַר אַן אינטער־פּרעטאַציע פון י.ל. פּרצן! גוט־באַקאַנטע קולטור־טוער, שרייבער האָבן אין איין קול געזאָגט, אַז מיט דעם אַרויסטריט האָט ער זיך אַליין איבער־געשטיגן.

„אַזאַ אויסטייטשונג פון פּרצן האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט געהערט", — האָט דערנאָך, אַ טיף גערירטער, געזאָגט דער נעסטאָר פון די יידישע קולטור־טוער אין ווילנע, דער באַוווסטער פּעדאַגאָג, גרשון פּלודערמאַכער. נאָכן רעפעראַט האָבן אַלע אָפּגעגעבן פּרילוצקין מזל־טוב און געווונטשן אים ווי אַמשנעלסטן צו ווערן דער אָנפירער פון דער ערשטער יידישער קאַטעדרע. נאָך דעם איז פאָרגעקומען אַ פייער־לעכער באַנקעט אין רעסטאָראַן „סאַוואָי" (אַמאָליקער פּרנסעס רעסטאָ־ראַן). אויפן באַנקעט האָב איך דערציילט די מעשה מיטן פאַרזיצער און זיין שלימזלדיקער רעדע, וועלכע איז ביי אים געבליבן. מען האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער, ווייל קיינער האָט וועגן דעם נישט געוווסט און קיינער האָט גאָרנישט באַמערקט.




**אַ פֿאָטאָ פֿון נח פּרילוצקיס קאַרטע אין ווילנער געסטאַפּאָ.**

אין דער קאַרטע ווערט אָנגעוויזן, אַז נח פּרילוצקי איז אַריינגענומען געוואָרן אין געסטאַפּאָ דעם 28טן יולי, 1941. אין דער שורה „אַרויסגעלאָזן" איז ציניש אַריינגעשריבן „ליקווידירט" 12.8.41. אונטערגעשריבן: אונטערשטורמפֿירער פּאַלענסיווען.

(פֿון סאָוויעטיש היימלאַנד", נומ. 3, פֿון 1965).

דער דאָזיקער יום־טוב האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק. די באַגייסטערונג, די גערירטקייט פון העכסט קולטורעלן עולם איז געווען אין לשער. לאַנג האָט מען וועגן דעם פּרימאַרגן גערעדט אין די אינטע־ליגענטע יידישע קרייזן אין ווילנע.

דאָס האָט אונדז שוין פיל פאַרלייכטערט דעם ווייטערדיקן וועג צו באַקומען די קאַטעדרע פאַר נחן. נח האָט באַקומען די נאָמינאַציע אַלס דאָצענט פאַר דער יידישער קאַטעדרע, אָבער שוין גאָר ביי אַנדערע, גע־ענדערטע פּאָליטישע באַדינגונגען.

די אַלטע ליטווישע רעגירונג איז אַנטלאָפן. דאָס לאַנד איז אַריבער צו ראַטנפאַרבאַנד און די נייע רעגירונג, לויטן סאָוויעטישן שטייגער, האָט איבערגענומען דעם אוניווערזיטעט, ווו פּרילוצקי האָט אָנגעפירט מיט דער קאַטעדרע. נח האָט זיך אין דער אַקאַדעמישער אַרבעט אַריינ־געוואָרפן מיט לייב און לעבן. ער איז, ווי באַוווּסט, שטענדיק געווען אַן אויסערגעוויינלעך אַרבעטזאַמער מענטש. ער האָט געאַרבעט בוכ־שטעבלעך אַ 20 שעה אין מעת־לעת. זיין הויפּט־אַרבעט, זייט ער איז אָנגעקומען קיין ווילנע אַלס פּליט, איז געווען דאָס שרייבן אַ גרויס ווערק וועגן דער יידישער שפּראַך, וואָס האָט אים געזאָלט דינען אַלס אַ דיזערטאַציע פאַר אַ דאָקטאָר־טיטל און וואָס איז אויך נויטיק געווען צו באַקומען אַ דאָצענט — און שפּעטער אַ פּראָפעסאָר־טיטל. ווען ער האָט באַקומען די נאָמינאַציע אַלס דאָצענט, האָט ער אָנגעהויבן אויסצואַרבעטן אַ פּראָגראַם פאַר די לימודים אויף זיין קאַטעדרע. ער איז געווען געוואַלטיק באַגייסטערט און האָט מיר פיל מאָל געזאָגט: „ערשט איצט האָב איך באַקומען מיין תיקון. אין קיין שום פּלאַץ אין דער וועלט קאָן איך נישט האָבן דאָס, וואָס איך האָב דאָ". (פאַרביי־גייענדיק מוז איך באַמערקן, אַז פּאָלאַ איז געווען זייער צופרידן פון זיין וויסנשאַפטלעכן דערפאָלג, אָבער זייער ווייט נישט אַזוי באַגייסטערט צוליב אירע גרויסע ספיקות אין דער סטאַבילקייט פון דער פּאָליטישער לאַגע).

אַנפירנדיק מיט דער קאַטעדרע, איז פּרילוצקי גלייכצייטיק באַ־שטימט געוואָרן אַלס הויפּט־אָנפירער פון „ייוואָ". פון אָנהויב זענען דאָרט געווען גרויסע רייבונגען צווישן די מיטאַרבעטער, אָבער שפּעטער איז געוואָרן אָרדענונג און יעדער באַשלוס זיינער איז געווען אַ באַפעל.

אין משך פון יאָר, וואָס ער האָט געאַרבעט אין אוניווערזיטעט, האָט ער מיט מיר פיל מאָל גערעדט וועגן דער מאָראַלישער און גייס־טיקער באַפרידיקונג, וואָס ער האָט ביי זיין אַרבעט און פיל מאָל אונ־טערגעשטראָכן, אַז זיינע סטודענטן זענען אַנטציקט פון אים און אויסער־געוויינלעך צופרידן. אָבער, אין אַ צייט אַרום, ווען איך האָב איז

ווילנער געטאָ, געוועזענעם מיטן גערעדט קאָמיסאַר פאַר קולטור־ענינים אין ליטע, הרב קורליאַנטשיק, וועלכער איז אויך געווען דער משגיח איבער דער קאַטעדרע, האָט ער אין אַ שמועס מיט מיר וועגן פּרילוצקיס טעטיקייט אין אוניווערזיטעט, איינמאָל אַ זאָג געטאָן:

„די סטודענטן פון ווילנער אוניווערזיטעט זענען זייער נישט צופרידן געווען מיטן זיין אופן פון לערנען. זיי האָבן זיך באַקלאָגט, אַז זיינע אויסטייטשונגען זענען נישט נאָר נישט לויט דער מאַרקסיסטישער ליניע, נאָר זייער אָפט קעגן. מיר האָבן אים נישט געוואָלט צונעמען אין מיטן לערן־יאָר, אָבער צום נייעם יאָר וואָלטן מיר געבראַכט אַן אַנדערן לעקטאָר פון מינסק אָדער קיעוו און פּרילוצקין וואָלטן מיר געשיקט אַהין אויף אַקאַדעמישער אַרבעט״...

צו אַ נייעם לערן־יאָר איז נישט דערגאַנגען. דעם 21טן יוני 1941 זענען די דייטשן באַפאַלן ליטע און אין 6 וואָכן שפּעטער איז פּרילוצקי דערמאָרדעט געוואָרן אין געסטאַפּאָ.

ביים שאַפן אַ יידישע קאַטעדרע אין ווילנער אוניווערזיטעט און דאָס באַשטימען מיין לערער, וועגווייזער און אונדזער האַרציקן פאַמיליען־פריינט נח פּרילוצקי אַלס אָנפירער פון דער קאַטעדרע, האָב איך אַריינגעלייגט אַ ים פּראַצע, געזונט און נערוון, און דאָס איז געווען מיין צווייטער ריזיקער אויפטו נאָכן אַרויסראַטעווען מיין פרוי און קינדער פון היטלערס נעגל, סוף דעצעמבער 1939.

כבוד זיין ליכטיקן אָנדענק און דעם אָנדענק פון זיין פרוי, די שריפטשטעלערין פּאָלאַ!

דער גורל האָט געוואָלט, אַז אָט די שורות זאָלן צום ערשטן מאָל געדרוקט ווערן אין ווייטן, ווייטן אויסטראַליע, אין דריטן אַלמאַנאַך, וואָס גיט אַרויס די „קדימה״.

י. אַרבאַד

# די שטורמישע טראַנספאָרמאַציע פון די שטעט און שטעטלעך אין מדינת־ישראל

(רייזע־איינדרוקן)

פונקט ווי דער קלימאַט און די באַפעלקערונג, אַזוי זענען אויך פאַרשידנאַרטיק די שטעט און שטעטלעך אין מדינת ישראל. וואָס עס כאַראַקטעריזירט זיי באַזונדערס, איז דאָס, וואָס אַלטערטימלעכקייט און מאָדערניזם הויזן דאָ צוזאַמען. מערקווירדיק איז אויך די רייכקייט פון פאַרשידענע טיפּן און אויך דער ראַשיקער לעבנס־טעמפּאָ, אויף וועלכן מען טרעפט זיך אָן אויף טריט און שריט אין די דאָזיקע „כולו־תכלת" שטעט און שטעטלעך, וואָס זענען אויפגעבויט געוואָרן פון „לויטער" יידישע הענט.

און להיפוך צו די קיבוצים, וועלכע אונטערשיידן זיך ווייניק איינער פון צווייטן — הגם צווישן זיי זענען אויך דאָ אידעאָלאָגישע און עטנאָגראַפישע דיפערענצן — איז דער אונטערשיד צווישן די פאַרשידענע שטעט, שטעטלעך, וואָס זענען אַנטשטאַנען פון די אַמאָליקע קאָלאָניעס, אַ סך גרעסער. תל־אביב איז נישט גלייך צו חיפה און חיפה איז נישט גלייך צו ירושלים. טבריה און צפת האָבן אַ סך געמיינזאַמעס, אונטערשיידן זיך אָבער זייער שטאַרק פון פתח־תקוה און חדרה. באר־שבע איז נישט ווי עכו און עס איז דאָ אַ גרויסער אונטערשיד צווישן דימונה און אשדוד; צווישן אילת און אשקלון, טראָץ דעם וואָס די לעצטע פיר זענע אויפגעבויט געוואָרן כמעט אין דער זעלבער צייט און פון דעם זעלבן מענטשן־עלעמענט.

נאָך אַ זאַך וואָס איז גאָר כאַראַקטעריסטיש, איז דאָס, וואָס דער אונטערשיד איז אַזוי גרויס, אַז דער מרחק ווערט נישט אין מיילן אָפּגעשאַצט, נאָר אין יאָרן, איך וואָלט געזאָגט: הונדערטער יאָרן... ווען מען פאַלט אַריין פון די קבלה־שטעט טבריה און צפת קיין חיפה און תל־אביב, אָדער פון רחביה אין ירושלים קיין מאה־שערים, דוכט זיך דיר, אַז מיט דער שנעלקייט פון אַ „מיסיל" ביסטו אָנגעקומען פון מערב־אייראָפּע אין

אַ געמאַ פון אַנהויב 19טן יאָרהונדערט, ערגעץ־ווו אין אַ יידישן ישוב אין פוילן אָדער ליטע. קאַבצאַנסק און איירָאָפּע, מאָדערניזם און אָפּגע־שטאַנענקייט ווארפן זיך איבעראַל אין די אויגן און דאָך האָב איך געזען אונטערשידן צווישן תל־אביב און חיפה —ביידע מאָדערנע וועלטלעכע שטעט, — פונקט אַזוי ווי איך האָב געזען אַן אונטערשיד צווישן באר־שבע און טבריה — ביידע אַלטערטימלעכע שטעט.

# תל־אביב

תל־אביב איז די גרעסטע שטאָט פון מדינת ישראל. צוזאַמען מיט יפו, וואָס איז מיט איר פאַרבונדן אין דעם זעלבן שטאָט־ראַט, און מיט די איבעריקע פאָרשטעט ווי: רמת־גן, בת־ים, חולון, בני־ברק און גבעתים, ציילט די שטאָט איבער 800 טויזנט איינוווינער, אַ דריטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון מדינת־ישראל. די שטאָט ווערט שוין באַלד אַ זעכצי־קערין. זי איז אויך דער צענטער פון קולטור־לעבן אין לאַנד און גלייכ־צייטיק די גרעסטע אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע שטאָט אין דער מדינה. זי איז די צעבאַלעוועטסטע און צעבראַשטשעטסטע פון אַלע ישראל־שטעט, גלייכצייטיק די אַממיינסטן האָרעפּאַשנע שטאָט לויט דער צאָל אַרבעטער און האַנטווערקער.

ווען מען שפּאַצירט איבער די גאַסן פון תל־אביב און מען זעט דעם גרויסן מענטשן־שטראָם, וואָס פאַרפילט די גאַסן, די אומצאָליקע אויטאָס, וועלכע האָבן נישט ווו זיך אַוועקצושטעלן, די גרויסע צאָל קאַפע־הייזער, אָנגעשטאָפּטע מיט קאָנסומענטן בייטאָג און ביינאַכט, די נישט־קליינע צאָל נאַכט־לאָקאַלן און סתם קלובן, באַקומט זיך דער איינדרוק פון אַ צעלאָזענער אָריענט־שטאָט מיט מאָדערנע איינריכטונגען און אַ סך לײדיק־גייער. ספּעציעל ווארפן זיך אין די אויגן די פרויען, וועלכע פילן אויס די קאַפע־הייזער אין די אַרבעטס־שעהן מיט זייער — שוין צו פיל — עלעגאַנטער און שטאַרק מאָדערנער קליידונג... די איבערפולטע קינאָ־ און טעאַטער־זאַלן און די פאַרשידענע נאַכט־לאָקאַלן גיבן צו דער שטאָט אַן אויסזען פון רייכער פאַרשווענדערישקייט. אָבער אין דער דאָזיקער כלומרשט צעבאַלעוועטער שטאָט, איז דאָ אַ סך אָרעמקייט — פאַמיליעס, וואָס האַלטן זיך קוים אויס.

מען מוז אויך אונטערשטרייכן, אַז צו די קען־צייכנס פון תל־אביב דאַרפן צוגעגעבן ווערן די פיל ביכער און צייטונגען, וואָס ווערן געדרוקט אין דער שטאָט, אירע פילצאָליקע ביבליאָטעקן און בוכהאַנדלונגען, קונסט־אויסשטעלונגען, לעקציע־ און קאָנצערט־זאַלן און ספּעציעל דער באַרימ־

טער היכל־התרבות. דאָס אַלץ צוזאַמען קען נישט פאַרשעמען די דאָזיקע שטאָט לגבי אַנדערע מעטראָפּאָליעס אין דער גאַנצער וועלט.

# חיפה

חיפה איז שוין פון אַ גאָר אַנדערן שניט. קודם כל מאַכט זי דעם איינדרוק פון אַ מאָדערנער אַרבעטנדיקער שטאָט, ספּעציעל ווען מען באַזוכט דעם פּאָרט־קוואַרטאַל מיט די נייסטע איינריכטונגען.

די שטאָט ציילט מער ווי 200 טויזנט איינוווינער. 11 פּראָצענט פון די באַשעפטיקטע אין דער ישראל־אינדוסטריע לעבן אין חיפה. אין דער געגנט פון חיפה געפינען זיך אייניקע פון די גרעסטע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען אין לאַנד, ווי: די פּעטראָל־ראַפינעריעס, די כעמישע אינדוסטריע, די גרויסע אייל, צעמענט און טעקסטיל־פאַבריקן: „שמן", „נשר" און „אתא". אין דער דאָזיקער שטאָט זעט מען די סאָציאַלע דערגרייכונגען פון די ישראלדיקע אַרבעטער, זייערע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן און ספּעציעל זייערע אַרבעטער־ראַטן, וועלכע מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען צו געבן דעם אַרבעטער אַ גאַנצע ריי סאָציאַלע פאַרבעסערונגען, וואָס זענען נישט בנמצא אין גאָר פאָרגעשריטענע לענדער, אויסטראַליע בתוכם.

אין חיפה איז אויך פאַראַן אַ מער פריינטלעך צוזאַמענלעבן צווישן יידן און אַראַבער. דאָ לעבן מער ווי 10 טויזנט אַראַבער, ממילא קומט אויס, אַז דער יידישער און אַראַבישער אַרבעטער איז צוזאַמען אויף איין אַרבעטס־פּלאַץ און דער פאָרשטייער פון די „מועצות הפועלים" (די אַרבעטער־ראַטן) זאָרגט פאַר זיינע מיטגלידער — די יידישע און די אַראַבישע.

די פּאַנאָראַמע פון חיפה איז וווּנדערבאַר ,ספּעציעל פון הר־הכרמל, וואָס איז ענלעך צו דעם אויבערשטן שטאָט־טייל אין נעאַפּאָל.

# ירושלים

ירושלים איז שוין גאַנץ אַנדערש פון תל־אביב און חיפה. נישטאָ דאָרט קיין אינדוסטריע און נישט קיין האַנדל. סך־הכל 5 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל אינדוסטריעלע אַרבעטער אין לאַנד, לעבן אין ירושלים. דער ווערט פון דער הויפּט־שטאָט פון מדינת־ישראל ליגט אין דעם, וואָס זי איז געווען און וועט בלייבן די צוציאונגס־קראַפט פאַר יידן אין ישראל און איבער דער גאָרער וועלט.

ירושלים איז צום היינטיקן טאָג דער אַדמיניסטראַטיווער צענטער פון דער מדינה און אויך אַן אוניווערזיטעט־שטאָט. אַ שטאָט פון באַאַמטע און פּראָפעסאָרן, אין וועלכער מען טרעפט אָן אויף טריט און שריט אַ מאָדערנע שטודירנדיקע יוגנט און טיפּן פון אַמאָליקן חסידישן שטייגער.

אין די נײַ־אויפגעבויטע קוואַרטאַלן פילט מען דעם גייסט פון דער מאָדערנער צייט און אין די אַלטע קוואַרטאַלן טרעפט מען נאָך יידן מיט שטריימלעך, פּיאות און לאַנגע קאַפּאָטעס, פּונקט ווי אין אַמאָליקן קאַזשע־ניץ און טשאָרטקאָוו. אָט די גאָטספאָרכטיקע יידן, וואָס גיבן צו מאַלעריש־קייט דער דאָזיקער קרוב 6000־יאָריקער שטאָט, זענען די הויפּט־אַטראַקציע פאַר די יידישע און נישט־יידישע אַל־רייטניקעס־טוריסטן.

# טבריה און צפת

די דאָזיקע צוויי שטעט, וואָס פאַרבינדן היסטאָריש דעם אַמאָל מיטן היינט, האָבן אַ קלימאַט ענלעך צו די אַלפּן פון איטאַליע און פראַנקרייך. דער היסטאָרישער טייל פון די דאָזיקע שטעט שפּילט אַ גרויסע ראָל פאַר דער יידישער טוריסטיק. דאָס זענען שטעט פון תלמוד און קבלה; עס האָבן דאָ געלעבט: ר׳ עקיבא, דער רמב״ם און ר׳ מאיר בעל הנס, אויף וועמענס נאָמען זענען אָנגערופן געוואָרן די באַרימטע פּושקעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אין יעטוועדן יידישן הויז פון פּוילן און ליטע.

אין טבריה זענען דאָ מינעראַל־בעדער, וואָס ווערן רעקאָמענדירט דורך מעדיקער־ספּעציאַליסטן און אַ סך קראַנקע קומען באָדן זיך אין די „חמי־טבריה". אין די לעצטע יאָרן איז די צאָל געסט אין דעם דאָזיקן קור־אָרט באַדייטנדיק געשטיגן, ספּעציעל פון אויסלאַנד.

טבריה האָט אַ פאַרדינסט פאַר די נייע עמיגראַנטן פון מאַראָקאָ, קורדיסטאַן און אַפגאַניסטאַן, וועלכע האָבן כמעט נישט געוווּסט פון קיין ציוויליזאַציע. אין טבריה האָבן זיך די דאָזיקע פּרימיטיווע נייע עולים אייננגעאָרדנט אין פיש־פאַנג. מען קען זען אויפן כנרת אין די אָוונט־שעהן די שיפלעך מיט די יונגע פישער, וואָס לאָזן זיך אַרויס אויף פאַנג און טיילמאָל פאַרליינגן זייערע נעצן אונטער די קוילן פון די סירישע האַר־מאַטן.

אין צפת פילט מען דעם גייסט פון דער קבלה אין די שמאָלע געסלעך פון דער אַלט־שטאָט, אין די אוראַלטע שולן, אויפן אַלטן בית־עולם, וווּ עס געפינט זיך דער קבר פון דעם מחבר פונעם שולחן־ערוך, יוסף קאַרו און צופוסנס פון דעם באַרג מירון, וווּ עס געפינט זיך דער קבר פון רבי שמעון בן יוחאי. אויף דעם דאָזיקן קבר ווערן יעדעס יאָר

איינגעאָרדנט ספּעציעלע פּייערונגען און טויזנטער ייִדן, יונג און אַלט, גלויביקע און פרייע קומען דאָרט צו פאָרן. עס ווערן אָנגעצונדן גרויסע פלאַקערן און ארום זיי קומען פאָר אַ גאַנצע נאַכט פאָלקס-טענץ, באַגלייט פון געזאַנג.

אין די גאַסן און געסלעך פון צפת פילט מען דעם אַראָמאַט פון דעם אַמאָליקן פוילישן קאַזשימיעזש. די ייִדישע מאָלער פון ישראל און פון דער גאַנצער וועלט האָבן צפת — מיט דער הערלעכער לאַנדשאַפט — אויסגע־קליבן אַלס זייער זיץ־אָרט. אַ גאָר באַזונדערן חן גיט צו דער מאַלערישער שטאָט דער בלויער הימל, די לויטערע קילע לופט און די פּאַשרידענע קאָליר־רעפלעקסן פון דעם שכנותדיקן באַרג הרמון, וואָס איז באַדעקט מיט אַ בלענדענדיקן ווייסן שניי. די, מיט לעגענדעס און מיסטעריע אָנ־געפילטע צפתער טעג און נעכט, ווערן איבערגעטראָגן אויף די לייוונטן פון די אַלטע און יונגע מאָלער און אויך אויף די ספּעציעלע קופּער־ און מעש־טאָוולען פון די גראַוויר־ און מיניאַטור־קינסטלער.

* * *

עס וועט זיין אינטערעסאַנט זיך אויך אָפּצושטעלן אויף דער פאַר־שידנאַרטיקייט פון די ניי־אַנטשטאַנענע שטעט און שטעטלעך נאָכן אויפ־קומען פון דער ייִדישער מדינה. איך האָב זיך באַגרענעצט בלויז אויף די באַזונדערקייטן פון די פינף שטעט, וועלכע האָבן געלייגט אַ חותם אויף דעם לעבן פון דעם ייִדישן ישוב אין ישראל.

די שטעט און שטעטלעך פון דער מדינה אונטערשיידן זיך נישט בלויז אין קלימאַט און פּייזאַזש, נאָר אויך אין דער צייט. פּונקט אַזוי ווי דאָס לאַנד ענדערט איר פּנים — וויסטענישן באַדעקן זיך מיט גרינע פעלדער און וועלדער — אַזוי אויך די שטעט און שטעטלעך, וואָס וואַקסן אין דער לענג, אין דער ברייט און אין דער הויך. אויפן אָרט פון הייזקעס וואַקסן אויס וואָלקן־קראַצער; דאָס אָרט פון קליינע בשמים־קרעמלעך פאַרנעמען סופּער־מאַרקעטן און „כל־בו"־געשעפטן — אַ שטורמישע טראַנספאָרמאַציע אויף אַלע געביטן.

בן ציון פטקין

# דפים מיומן

אם אי־פעם יכתוב מישהו את דברי ימי התנועה הציונית באוסטרליה, ומה ששיך להתפתחותה במדינת ויקטוריה בכלל ומלבורן העיר בפרט, יתן בלי ספק תשומת לב ראויה לאגודות העבריות שנוסדו והתקימו במלבורן במשך עשרות שנים.

התפתחות התנועה הציונית וחיי הקהילה היהודית, השתלבו תמיד אחד בשני. יסוד מוסדות שונים בתוך הקהילה היהודית גרם להתרחבות הפעולות בהסתדרות הציוני. וכן, יסוד ארגונים ציוניים השפיע באופן ישיר על התפתחות חיי הקהילה.

השפעת הארגונים הציוניים על מהלך חיי הקהילה הורגשו תמיד; אבל היתה תקופה שדוקא ארגון דוברי עברית, הוא הוא שהשפיע על התפתחות התנועה הציונית וגם על חיי הקהילה היהודית עם רוב מוסדותיה.

מי שהכיר ועוד זוכר את היהדות באוסטרליה ומלבורן בפרט, בסוף שנות ה־1920 והתחלת שנות ה־1930, יודע שכל החיים הצבוריים בקהילה היהודית התרכזו סביב בתי הכנסת המועטים שחיו אז. פעילות זו נגעה רק בדור הותיקים פחות או יותר. היו אגודות ספורטיביות אחדות, וכל ההבדל ביניהן ובין האגודות הספורטיביות הלא יהודיות היה — שבראשונות החברים היו יהודים אבל ללא שמץ של הכרה ציונית או שאיפות לאומיות יהודיות.

היו מושבי־זקנים שהתנהלו לפי נוסח אנגלי־אוסטרלי והיתה „קדימה", עם ספריה ותיאטרון חובבים שסביבם התרכזו בעיקר מהגרים חדשים מאירופה המזרחית. אלה הצליחו ליסד מוסדות „גמילות חסד", „קבלות פנים" למהגרים שבאו אחריהם וכדו׳.

ההסתדרות הציונית דאז, התעסקה רק באוסף כמה מאות לירות לקרנות שונות ושמשה כתובת לבאי־כח של ההסתדרות הציונית העולמית, שבקרו באוסטרליה מפעם לפעם.

אם המהגרים מאירופה המזרחית בתקופה של השנים הראשונות אחרי מלחמת העולם הראשונה, הצליחו לארגן את עצמם סביב „קדימה" שהיתה קימת כבר אזי ולפתח במה באידיש, ספריה, בעיקר בשפת האידיש וגם פעולות תרבות, שאורגנו במיוחד באידיש — הרי שהמהגרים מארץ ישראל

מאותה התקופה, לא הצליחו להקלט, לא בין החלק היהודי האנגלי־אוסטרלי ולא בחיק „קדימה".

בני מושבות הגליל העליון והתחתון שהגיעו אז, לא מצאו את מקומם בין שני חלקי הישוב היהודי דאז, והרגישו את עצמם כזרים. אולי בגלל התעסקותם, על פי רוב, במסחר פירות וירקות שדרש מהם את רוב זמנם בין ביום ובין בלילה. גם אי יכולתם של אכרי הגליל להתמזג עם המציאות היהודית האוסטרלית, גרמה לכך שהם נשארו כחלק נפרד, חלק בפני עצמו.

בסוף שנות העשרים לספירה האזרחית, הגיע לחופי אוסטרליה ובעיקר למלבורן, מספר ניכר של אנשים מארץ־ישראל, שלא היו לא הם ואף לא ילדיהם ילידי הארץ, הם באו לאוסטרליה „לשנה־שנתים", „לעשות" מעט כסף ולחזור.

הרבה מאלה חזרו, אך רובם השתקעו כאן, למרות שאחדים מהם, אחרי 30־35 שנים, עוד חיים כאילו „על המזודות". ישנם גם כאלה שחזרו לישראל בתקופות שונות ושוב הגרו לאוסטרליה. אם משום שאבדו את כספם ש„עשו" כאן, או בגלל אי־יכולתם להסתדר מחדש בארץ ישראל. אנשים אלה התמזגו בחיי הקהילה המקומית.

בשנות השלושים הגיעו למלבורן גם כמה עשרות אנשים, בוגרי בתי הספר התיכוניים העבריים של „תרבות" בפולין וליטא וגם כאלה שהתחנכו בארגונים שונים של נוער ציוני, ביניהם גם קשישים שהשתיכו לתנועה הציונית באירופה על מפלגותיה הרבות.

## התחלת „העבריה"

בשנת 1929 במוצאי שבת אחת התאספו בביתם של יוסף ואניה גינזבורג מספר חברים, דוברי עברית, ותוך כדי שיחה, נולד הרעיון ליסד אגודה בשם „חברת ארץ ישראל — „עבריה" ומטרותיה היו: ללכד סביבה דוברי עברית ולהפיץ את השפה העברית ותרבותה בקהילה היהודית דכאן ולהפיץ את הרעיון הציוני בין היהודים והלא יהודים, ליסד בתי ספר עבריים וכדו'.

עוד לא הספיקה ה„עבריה" להתארגן כראוי, והנה פרצו הפרעות בחודש אוגוסט 1929 בירושלים, חברון, צפת ומקומות אחרים, מבלי שזה יהיה בתוכנית פעולתה של ה„עבריה", יזם הועד אספת מחאה פומבית שאורגנה באולם „מונש" בקרלטון.

הותיקים מבין תושבי מלבורן אמרו אז, שזאת היתה הפגנה עממית מאין כמוה בקהילה היהודית. רושם כביר עשה אז נאומו העברי של

אחד מחברי ועד ה„עבריה", שמואל איידלמן ז"ל. זה היה הנאום העברי הראשון שנישא בפומבי באוסטרליה. האולם היה מלא עד אפס מקום, וחוץ מהתרוממות הרוח שנוצרה, נאסף גם סכום גדול של כסף לטובת נפגעי־הפרעות.

אחרי זמן קצר נקראה שוב אספת עם גדולה באולם הגדול של בניני העיריה „טאון האל". סיר דג'ון מונש ע"ה היה היושב ראש.

כדאי לציין עובדה אופינית בקשר עם ארגון האספה הזאת: כשנודע לפרנסי הקהילה, היהודים המתבוללים, שעומדים למחות נגד עמדת שלטון המנדט בארץ ישראל בקשר עם התנהגותו בימי פרעות של אוגוסט 1929, הם ניסו להשתמש במין צנזורה לנואמים, בפרט ניסו להשפיע על הגנרל דג'ון מונש ע"ה שישתדל להיות מתון. גם עם הרב ישראל ברודי דיברו וגם ניסו להשפיע על נואמים אחרים בכיוון הנ"ל.

באותם הימים, כשהציונות לא היתה חביבה ביותר על היהודים האוסטרליים, שתמיד פחדו בגלל מה יאמרו ה... („הלא יהודים"), חברי ועד „עבריה" אמרו בפשטות למנהיגי היהדות המקומית דאז, „אם אתם לא תעשו את מה שהשעה דורשת מכם, אנו נעשה זאת בלעדיכם". הידיד הגדול ביותר שהיה לנו אז, הרב ישראל ברודי, לא רק ששתף פעולה אלא גם קבל אותנו כבעלי ברית וכפי שהתבטא אחר כך, סוף סוף מצא לו שותפים לפעולות ציוניות ממשיות.

היות ועתונות יהודית עדיין לא היתה קימת במלבורן, (השבועון „דז'ואיש הרלד" הגיע רק לדוברי אנגלית וקוראיה) מוכרחים היו להודיע על ארגון ה„עבריה" ע"י בקורים מבית לבית וגם ע"י מודעות כתובות־יד שהחברים הדביקו על החלונות של הנויות־בשר, מכלת וכדו', במקומות שבהם היהודים היו רגילים לבקר כדי לערוך את הקניות שלהם.

האגודה „עבריה" התרחבה. נוספו חברים, אורגנו הרצאות ושיחות חברים על נושאים שונים, והעיקר, אנשים דוברי עברית הרגישו שיכולים איך־שהוא, לקבל ספוק — מה רוחני בסביבה הזרה.

אז גם נולד הרעיון, לארגן נשף מסכות לפורים. שתי סיבות היו לכך. אחת — הזדמנות לחברים וידידים להפגש ולבלות בנשף עברי, שנית — אפשרות הכנסת סכום כסף מסוים שיאפשר ל„עבריה" לסדר ספריה עברית, לשכור חדר או בית לפעולות תכופות ולפגישות חברים.

לאחר שהנשף הראשון הצליח, הוחלט לסדר גם נשף „אסתר המלכה", בערך חודש אחד לפני חג פורים, והבחורה, או האשה שתבחר ל„מלכה" באותו נשף, תוכתר בנשף המסכות של פורים. מחצית ההכנסה תמיד נתרמה לקרן הקימת.

אבל הנשפים האלה לא סודרו אך ורק לשם בדור או רווחים. ועד ה„עבריה" השתדל לנצל את הנשפים לטובת חנוך עברי למבוגרים. וגם תעמולה ציונית.

לדוגמה: מסכות החברים הוכנו על פי נושאים שונים מעניני דיומא. כדאי להזכיר אגב מסכה מסיומת, באחד הנשפים, שהוכנה ע"י יוסף גינזבורג. אדם לבוש כחיל אנגלי, בארץ ישראל, נושא שק על שכמו, ובתוך השק שני חתולים, אחד לבן ואחד שחור. החיל כל הזמן משתדל להרגיז את החתולים ולכן במקום לשבת במנוחה, החתולים, בפרט השחור, תמיד ניסה להתפרץ על החתול הלבן, כלומר: היתול על המצב בארץ ישראל באותן השנים, תחת ממשלת המנדט. עוד מסכה אחרת היתה בנוסח של גבר לבוש חציו סמוקינג ומכנסים עם פסים ועליו כתובת: „אני פטריוט אוסטרלי, מתנגד לציונות פוליטית". וחציו השני של לבושו היה של רב עטוף בטלית עם צוארון הפוך וכתובת אחרת עליו: „ותחזינה עינינו בשובך לציון".

בגלל הביקורים התכופים והתמידיים בנשפים של „עבריה", האנשים התחילו להתרגל לשפה העברית. כל ההודעות מעל הבמה ביחס לרקודים, הסידור הפנימי, מזנון וכו' הושמעו בעברית ותורגמו לאנגלית. כל הכרטיסים והמודעות הודפסו בעברית ובאנגלית, שווה בשווה. היו מקרים כש"יהודים" אוסטרליים טלפנו או פנו במחאה נגד שמוש השפה העברית או במודעות הכתובות עברית שהודבקו על קירות בניני האולמות במקומות בהם נערבו הנשפים, בטענה „שלא צריך להרגיז את אלה שאינם יהודים". מובן שהתגובה למחאות האלה היתה חזקה מאד מצדנו.

בינתים, התבסס המועדון של „עבריה". נוסדה ספריה, ופעם בשבוע או אפילו יותר נערכו מסיבות שונות, הרצאות, סימפוזיונים וכדו'.

נוצרה כאן אוירה ציונית שבאוסטרליה לא הרגישו כמותה עד כה. התחילו לבקר במועדון „עבריה" לעתים יותר תכופות, בקרו גם אנשים שבכלל לא הבינו עברית. הם באו להנות מהאוירה השוררת במועדון. רבים מהם נצטרפו בתור חברים לאגודה.

היות והתנועה הציונית במלבורן היתה חלשה, התחיל הועד של „עבריה" כמקביל לפעולותיו הכלליות לארגן גם הסתדרות ציונית, קרנות לאומיות, ובתקופה יותר מאוחרת, גם ויצ'ו; אגודת שוחרי האוניברסיטה העברית וכדו'.

## מכירת שקלים ברחוב

אני נזכר בדבר אפיני של אותה התקופה: פעם ביום חם מאד, היה עלי לבקר אצל מישהו ברחוב ליגון בקרלטון. זה היה אם אינני טועה, בקיץ של שנת 1929. כשהגעתי לפינת רחובות לייגון ואלג'ין, עצר בי איש אחד ושאל: „איר זייט א ייד?" כשעניתי בחיוב, הוא הוציא מכיסו חבילת פנקסי שקלים ובקש: "קויפט א פאר שקלים". הסתכלתי באיש בעל הכתפים הרחבות, כרס די גדולה, חבוש מצנפת אנגלית „טהורה" והבעת פניו מלאת תחינה ובקשה. הכרתי בו שזה היה מר שלמה ורטהיים ז"ל, מי שריכז סביבו, ואולי יותר נכון, ספג לתוך עצמו את כל הציונות הרעיונית והמעשית.

אחרי שקניתי שקל אחד בשני שילינגים ואמרתי לו שאסור למכר יותר משקל אחד לאיש, הוא ענה: „און וואס זאל איך מאכן מיט די איבעריקע? נאר איין שקל פאר יעדן נפש?"

הזכרתי לו שכבר נפגשנו בכמה אספות, והבעתי תקוה שעוד נפגש פעמים רבות. וכך היה. כשנפתח המועדון „עבריה" והתחלנו בפעולות, שלמה ורטהיים, למרות שלא ידע בכלל עברית, כמעט ולא החסיר אף פעולה או מסיבה. יתר על כן, הוא התחיל לשתף פעולה באופן פעיל ביותר.

בשנת 1930 נקראה „אספה־כללית" של תורמי הקק"ל, או יותר נכון, מחזיקי הקופסאות הכחולות. שררה חגיגיות שעוד לא היתה דוגמתה במלבורן היהודית. היום, אחרי 37 שנים כשרבבות לירות נאספות ע"י קק"ל, התחלטה של אותה אספה, „לאסוף השנה את הסכום לא פחות מ־500£" תחשב אולי למישחק ילדים. אבל אותה אספה הניחה את היסוד לעבודה מאורגנת של קרן הקימת לישראל באוסטרליה.

## בית הספר „עבריה"

באותה השנה נוסד גם בית הספר „עבריה". בית ספר עברי, ברחוב ניל, בקרלטון. אחרי זמן־מה, בית הספר הזה הועבר לרחוב דרמונד, לבנין שבו התאכסנה „קדימה" לפני שנבנה בנינה החדש ברחוב לייגון. בתקופה יותר מאוחרת בית הספר „עבריה" נהפך לבית הספר ע"ש חיים נחמן ביאליק (טרם היותו לבי"ס כל־יומי).

גב' איידלמן, המנהלת הראשונה של ביה"ס „עבריה" (בעזרתו של מרדכי הוניג ז"ל) שהתמסרה לו בלב ונפש, שבה עם בעלה שמואל ז"ל לישראל בשנת 1936. הרוח תחיה בבית הספר היתה בלי ספק במשך כל השנים גב' אניה גינזבורג. עזרו לה יהודה הוניג, חיים יפה, ישראל זכס ז"ל ואחרים. אבל בתקופה יותר מאוחרת נצטרף גם י. רייזמן ז"ל מי שנתן את הדחיפה להפיכת בית הספר של יום ראשון לבית ספר יומי.

בשנת 1932 כבר הרגישו שהיטלר עומד לתפוס את השלטון בגרמניה. התחילה עלית יהודי גרמניה לישראל ובעקבותיהם גם יהודי פולניה, ליטא וארצות אחרות במזרח אירופה.

גם לאוסטרליה התחילו להגיע יהודים מאירופה המרכזית והמזרחית. הרושם היה שהנה תתחיל הגירה המונית של יהודים ליבשת זו. אבל הקשיים של השגת סרטיפיקטים לעליה לארץ ישראל וכן גם להשגת ויזות לאוסטרליה — מנעו במשך השנים הראשונות לשלטון הנאצי, להרבה אלפים יהודים בגרמניה ובארצות אחרות מלעזוב את מקומות מגוריהם.

## בקורו של איתמר בן־אבי ז"ל באוסטרליה

בשנת 1932 בקר באוסטרליה איתמר בן־אבי ז"ל. הוא בא לכאן כשליח מוסדות לאומיים. כנהוג, הודיעו המוסדות בירושלים על בואו, והמכתבים האלה נשלחו אלי. קרה שלא היה באפשרותי לפגוש אותו בנמל ביום בואו ופגשתיו לראשונה בליל ששי בבית הכנסת, תיכף אחרי תפילת מעריב. נגשתי אליו ומובן שפניתי בעברית: „שלום מר בן־אבי, תסלח לי שלא יכולתי לפגוש אותך הבוקר". הוא הפסיק אותי במלים אלו: „אם אתה רוצה להפגש אתי, תסדר את הפגישה ע"י בן ציון פטקין". אמרתי לו שאני בן ציון פטקין. הוא הסתכל בי ואמר: „אם אתה פטקין בן ציון בשביל מה הבאת אותי לכאן, למה שלחו אותי למדבר הזה, אילו אני לא הייתי כאן, היו מחפשים יהודי אחר שישלים את המנין לקבלת השבת". מהרגע הראשון היינו לידידים. מובן שעלינו, על חברי ה„עבריה" וביחוד על הרב ישראל ברודי היה להדריכו, ובפרט לעודד אותו בנסיונותיו כדי ליצור דעת קהל צבורית פרו־ציונית, בקרב הקהילה היהודית.

יחידים בין יהודי אוסטרליה ידעו על איתמר בן־אבי, בפרט על הוריו אליעזר וחמדה בן־יהודה, חלוצי השפה העברית החיה והמדוברת. למרות שאיתמר בן־אבי כבר תפס מקום חשוב בצבוריות היהודית בכלל

ובארץ ישראל בפרט, בתור עתונאי, פובליציסט וסופר, מעטים היו שהכירו אפילו את שמו. כזו היתה הקהילה היהודית באוסטרליה בימים ההם.

רק אלה שהתרכזו סביב „עבריה" יכלו להעריך את בקורו במדינה הזאת. ומובן שנצלו את הזדמנות בקורו של בן־אבי בכל המובנים. ימי־חול של מלבורן הפכו לימי חג. יותר ויותר אנשים הוסיפו לבוע ולשמע מפיו על הנעשה בעולם היהודי הרחב ובפרט בארץ ישראל. כשהיה מדבר, היה מורגש שכל אברי גופו כאילו משתתפים בהבעת רעיונותיו שמוחו החריף יוצר. כשהיה מדבר, הבלורית מכוסה שיבה כספית היתה מתנועעת הנה והנה, כאילו ראשי העצים ביער מתנועעים תחת לחץ רוח הסערה.

באחת המסיבות שסודרו לכבודו במועדון „עבריה", מישהו שאל אותו אם הוא מוכן לשיר איזה שהוא שיר. בן־אבי קם במלוא קומתו, הניף את ראשו אחורית כשבלוריתו המוכספת מתנועעת כגלי ים החזקים וידיו מושטות לצדדים והכריז: „אילו ידעתי לשיר — הייתי כובש את העולם!"

מצב הרוח במסיבות של ה„עבריה" היה תמיד מרומם. בפרט היתה האוירה נלהבת במסיבה זאת. בדרך כלל דברו רק עברית במועדון ה„עבריה", הנואמים או ברכות לקבלות פנים נישאו תמיד בעברית. אלה שלא יכלו להתבטא בעברית המדוברת השתמשו בהברה אשכנזית בערבוב של כמה מלים באידיש.

קרה שדר' אהרן פטקין ז"ל היה נוכח במסיבה זו, אשר בדרך כלל היה רגשני ולא יכל להתאפק עוד וקרא: „אם ארץ ישראלנו יכולה לחנך בנים כמו איתמר בן־אבי, אהיה לציוני עוד יותר מסור ממה שהייתי בשנים האחרונות".

איתמר בן־אבי ז"ל, לפני בקורו באוסטרליה, הספיק כבר לבקר הרבה קהילות יהודיות באמריקה ובאירופה ולא יכול היה להבין שבין העסקנים הציוניים כמעט ולא פגש יהודים מהדור השני או השלישי ואפילו לא מבין היהודים האנגליים מהדור הראשון.

ספרתי לו על נסיונות שהיו לי ולאחרים, כשבאנו במגע עם היהודים האוסטרליים — האנגליים מאותם הימים וכדאי לרשום לפחות אחד מהם.

בבוקר יום ראשון אחד שלפני פסח של אותה השנה הלכתי מבית לבית בין היהודים ברחוב דנדינונג ובקשתי תרומות לקרן הקימת, או אם היתה קופסה כחולה בקשתי לרוקן אותה. בקרתי בערך ב־15 בתים. שלושה מבעלי הבתים החזירו את הקופסאות בטענה ש„צדקה מחלקים במקום ולא שולחים אותה אל מעבר לים". אחרים לא רצו אפילו לשמע מה שיש לי לומר להם. אבל בבית אחד בו הדלת נפתחה ע"י עקרת הבית,

אשה נעימה וחיננית, ענתה לשאלתי אם אוכל לראות את בעלה ולדבר אתו, שהוא משחק גולף ואילו אחרי הצהרים, הוא גם כן צריך להנפש. אולי היא יכולה לעזור לי? אמרתי לה שאני אוסף תרומות לקק"ל ואשמח לקבל את תרומת משפחתה ובמקרה שאין בביתה קופסה, אשמח להשאיר לא אחת. היא שאלה אותי, מה זה קק"ל (דז'ואיש נשיונל פאנד) ועניתי שזהו מוסד לאומי הדואג לקנות קרקעות בארץ ישראל כדי לישב עליהן עולים חדשים וגם ותיקים. „אה" היא אמרה, „אני כבר יודעת, אבל בעלי הוא כבר חבר בחברה קדישא זה מזמן ובטוחה אני שהוא תורם למוסד הזה בנדבת לבו". הסברתי לה שקק"ל מתעסקת ומעונינת אך ורק באנשים חיים ואודה לה בעד איזו שהיא תרומה שתתן, כי בכל הבתים שבקרתי לא קבלתי ולא כלום, והבית שלה הוא האחרון ברשימתי. לא טוב להתהלך מרחקים במשך שעות מבלי להשיג כספים. כאן הרגשתי שמצב רוחה השתנה, בת הצחוק סר מפניה שנהיו קצת חמוצים ואמרה: „אתם באים למדינה זאת שלנו, מכניסים אורח חיים חדשים במקום ללמוד את המנהגים שלנו ועוד מעיזים לדרוש כספים. אתן לך שני שיל־לינגים, אבל בתנאי שלא תספר לבעלי, כי הוא מאד יכעס עלי שאני נכנסת לתוך עניניו".

מקרה אחר קרה לגב' גינזבורג, כשהלכה מבית לבית לרוקן את קופסאות קק"ל. עקרת הבית באחת הדירות אמרה לה: „בעלי אינו תורם לקק"ל ואינו רוצה קופסה כחולה". הגב' גינזבורג שאלה את האשה אם בעלה קומוניסט או בונדאי, שהוא כל כך מתנגד למוסד לאומי ארץ ישראלי. „לא" ענתה האשה באידיש: „מיין מאַן איז אַ שניידער".

בחרף 1933 הגיע לאוסטרליה ד"ר בן־ציון שיין ז"ל, שנשלח לכאן ע"י קרן היסוד בכדי לנהל מגבית לטובת יהודי גרמניה שהתחילו לזרות לארץ ישראל בהמונים הרב ברודי הביא את ד"ר שיין ל„עבריה" ומהרגע הראשון שהכרנו אותו, הרגשנו בו „כאחד משלנו".

ד"ר שיין, יליד ריגה, וחניך ב'ס עברי, חי בארץ ישראל וכולו היה מסור לעקרון ורעיון שליחותו. כנראה שזאת הפעם הראשונה שהוא יצא לשליחות כזאת ולא היה קל בשבילו וגם בשבילנו לארגן את הפעולות הדרושות. אבל בגלל זה שהוא היה נוח לבריות בלי שום דרישות ותביעות לעצמו, הוא הצליח לרכז סביבו מספר אנשים, ודוקא מבין יהודים אוסטרליים שנשארו כל חייהם נאמנים למגביות ארץ ישראליות.

למרות שאורגן ועד המגבית, התכניות והסדורים בקשר לאספות המגבית, קבלות פנים וכו' נעשו במועדון „עבריה" ע"י חברי ועד ה„עבריה" שיזמו את הפעולות ופעלו במרץ מבלי להתחשב במצבם החומרי הקשה ובפרנסתם שהזניחו.

אם כי מגביות קרן היסוד אורגנו באוסטרליה גם לפני כן (ד"ר אלכסנדר גולדשטיין ז"ל, מר אטינגן ואחרים שנשלחו לאוסטרליה ע"י קהי"ם), היסודות להקמת ועד קהי"ם הונחו במועדון „עבריה" ע"י חברי ה„עבריה".

גם הישגים אחרים נראו בתקופת שהותו של ד"ר שיין במלבורן, בפרט בשטח התרבות והשפה העברית. ד"ר שיין לא „התבייש" וגם לא „פחד" להתחיל את נאומיו לפני ה„גויים" בעברית. בכל ההזדמנות הוא דבר על הספרות העברית שנוצרת בארץ ישראל ע"י סופרים ומשוררים צעירים. הוא דבר על ה„הבימה" ו„האוהל", על ההישגים בענפי הכלכלה והמדיניות. עוד היום זוכרים את הרצאותיו ב„קדימה" בשפת אידיש על נושאים ספרותיים, באולם מלא עד אפס מקום. ד"ר שיין ביקר באוסטרליה עוד פעמיים, בשנות 1938 ו־1952. כל אחד מביקוריו השאיר רשמים בלתי נשכחים.

## יהודי מלבורן קונים קרקע בנתניה

בשנת 1933, בקר באוסטרליה אבי, ישראל־דב פטקין ז"ל. בבקורו זה היה ברצונו להשיג שלש מטרות: א) להתראות עם בני משפחתו; ב) למכר חלקות אדמה בנתניה, שנוסדה רק לפני שלוש שנים. חברת „הנוטע" נתנה לו יפוי־כח לחתום חוזים בקשר עם נטיעת פרדסים על האדמה שתמכר; ג) לאסף כספים לטובת בנין בית הכנסת בנתניה.

את שתי המטרות הראשונות הוא השיג. אבל את המטרה השלישית השיג רק במקצת. מספר אנשים קנו חלקות אדמה, וגם התחיבו לשלם סכומים מסיוימים עבור נטיעת פרדסים. בין אלה שקנו אז קרקע בנתניה היו שני ציונים וארבעה לא ציונים. חוץ מאחד, כולם מכרו את חלקם במשך הזמן, כי החליטו שיותר טוב להמשיך ולעשות רוחים באוסטרליה.

חברי אגודת „עבריה" ארגנו את שתי האספות הפומביות, שם אבא ז"ל ספר על ההתפתחות בארץ ישראל בכלל, והתפתחות נתניה בפרט. גם הרבה פגישות שלו עם המשקיעים האפשריים נתקימו במועדון „עבריה".

בשנת 1933 הוחלט ע"י „עבריה" להתחיל בפעולה לטובת יסוד בית ספר יומי עברי במלבורן. ידענו שאי אפשר בתנאים הקיימים באוסטרליה לקיים בית ספר שבו יתנהלו כל הלימודים בעברית, ז. א. המקצועות היהודיים וגם המקצועות הכלליים. בכל זאת ידענו שלפי חוקי

המדינה אפשר ללמד בעברית את השפה, התנ"ך ודברי ימי ישראל. אבל השאלה היא, איך נתגבר על ההתנגדות מצד היהודים, אפילו הציוניים וגם המתנגדים לכל זיקה יהודית לאומית ובפרט איפה נשיג את הכספים הדרושים.

קבלתי על עצמי את התפקיד להביא את ענין בית ספר עברי יומי לפני הועידה הציונית שהיתה צריכה להתקיים בשנת 1934. הכינותי הרצאה בכתב שהיה עלי להקריאה באנגלית. אבל לא היתה לי אפשרות אפילו להקריא את מה שכתבתי, מכיון שכמעט כל הצירים לועידה חשבו את רעיון בית ספר כזה כדבר בלתי רצוי ולא מציאותי.

גם בועידה שנתקימה בסידניי בשנת 1935, לא ניתנה אפשרות להרצות על שאלת בית ספר עברי. אבל נתקימה שיחה על עניני חנוך ובגלל הבקורת החריפה שמתחתי לגבי החנוך היהודי הקים, הרגשתי שסוף סוף הקיר נפרץ.

באותה ועידה, קרה דבר אופיני לציונות האוסטרלית מאותם הימים. אגודת „עבריה" הצליחה במרוצת הזמן להשריש את העקרון של נאום בשפה העברית בכל ועידה ציונית, למרות המחאות נגד „מהפכה כזאת" ע"י המתנגדים, ענין העברית נחיה כדבר המובן מאליו. באותה ועידה היה נוכח גם הרב גורביץ ז"ל, שהוזמן יחד עם רבנים אחרים ע"י נשיא הפדרציה, הרב ישראל ברודי, להשתתף בועידה בתור „אורחים פעילים". נשיאות הפדרציה החליטה שאפתח בדיונים על עניני חנוך עברי באוסטרליה ושאדבר בשפה העברית ואתרגם לאנגלית. הרב גורביץ נתבקש לקחת חלק בדיונים אלה והוא הסכים, בתנאי שידבר בשפת אידיש.

הישיבה הזאת נועדה לאחרי הצהרים וכרגיל, מספר צירים אחרו לבוא בזמן המועד, בשעה 2.30 בכל אופן, אחרי הקדמה קצרה ע"י היושב ראש של אותה הישיבה, ניתנה לי רשות הדיבור. במשך חמש הדקות הראשונות של נאומי, נכנסו לאולם מספר צירים ואחד מהם לאחר שישב והביט בי כמה דקות והסתכל לכל הצדדים, קם ובקש רשות להצעה ל„סדר היום".

הפסקתי לדבר והתישבתי. היושב ראש שאל את הציר מה היא הצעתו והלה ענה: „אני מוחה נגד העובדה שבועידה ציונית מדברים בשפה „זרה". כאשר היו"ר העיר לו, כי מר פטקין מדבר עברית, אותו אדם השיב: „טוב לדבר עברית בפלשתינה או במזרח אירופה, אבל לא בארץ אנגלו־סכסית איפה שצריך ללמוד ולדבר אנגלית".

דפים מיומן

# שירה עברית ברדיו

למרות הקושיים והאכזבות שהתנסינו בהם, אנו העקשנים המעטים לא חדלנו מלפעול באופן יעיל. ידענו שרק על ידי פוריות נצליח לחדור לקהילה היהודית כאן, לענין יהודים אוסטרליים ברעיון ציוני־לאומי, ולמשך כוחות חדשים, בפרט מתוך בני הנוער היהודי, לפעילות לאומית יעילה.

החלטנו לארגן מקהלה ושתי סיבות עיקריות היו לכך. ראשית על ידי לימוד שירים עבריים ואידיש, ילידי המקום יספגו לתוכם משהו לאומי ולהמהגרים הצעירים תנתן הזדמנות לא לשכח את מה שלמדו בילדותם, ושנית, ע"י הופעת המקהלה לפני קהל יהודי ולא יהודי, תוצרנה אפשרויות להפיץ את רעיונותינו ברבים.

וכך היה. שנה שלמה התאמנו כ־20 בני נוער יהודי מכל השכבות. המדריך והמנצח הראשון של המקהלה היה דוקא לא־יהודי, אלא בחור לאטבי. אחריו בא איזי ספיוואקובסקי ולבסוף חיים גורט, המשכיל והמורה, איש האוהב אמנות, בפרט מוסיקה, שהגיע באותה התקופה מפולין למלבורן.

המקהלה הצליחה להתקים כשלוש שנים בקירוב. הופעותיה, ראשית במועדון ה„עבריה", אחרי־כן הופעות פומביות בנשפים ובחגיגות, לפני קהל יהודי וגם לפני קהל לא־יהודי, כמן בנשפי הקלוב הבין־לאומי, בנוכחות שרי הממשלה, אנשי אוניברסיטה ואמנות, עשו רושם נעים.

המקהלה הגיעה לשיאה בשנת 1936, ע"י הופעותיה בתחנות רדיו במלבורן, ומה גדולה היתה התלהבותם של חברינו כששירי העם היהודי בעברית ובאידיש היו נשמעים מתוך מקלטי הרדיו ולפני זה הקריין היה מודיע: „ועכשיו נשמע שירי עם יהודי בביצוע המקהלה העברית של חברת ה„עבריה".

# צום אנדענק פון אונדזערע זעקס מיליאן קדושים

מיר קאָנען נישט שליסן דעם אַלמאַנאַך, נישט דערמאָנענדיק אונ־דזערע פאַרפּייניקטע צום טויט דורך די נאַציִשע מערדער זעקס מיליאָן ברידער און שוועסטער. זייער אָנדענק וועט פאַרבלייבן מיט אונדז אויף אייביק.

דער מעלבורנער יידישער ישוב האָט געשטעלט די קדושים אַ ווירדיקן מצבה־מאָנומענט אויפן היגן קאַרלטאָנער בית־עולם. די איניציאַטיוו איז געקומען פון אַ גרופּע קאַצעטלער, וועלכע האָט איינציקע מאָל אויפגעהויבן די פראַגע פון שטעלן אַ מאָנומענט ווי אַ סימבאָלישן קבר פאַר די קדושים. ווען די גרופּע האָט געזען, אַז עס ווערט גאָרנישט געטאָן וועגן דעם, האָט זי אָנהויב 1962 אַליין געגרינדעט אַ געזעלשאַפט צו שטעלן דעם מאָ־נומענט. גאָר שנעל איז די אידייע געוואָרן אויפגענומען דורך דעם גאַנצן ישוב און אַן אויסגעברייטערטער קאָמיטעט, אין וועלכן עס זענען אַריין פאָרשטייער פון „באָאַרד אָף דעפּיוטיס", „קדימה", לאַנדסמאַנשאַפטן, קאַצעטלער־פאַרבאַנד, יידישער הילפס־פאָנד, בני־ברית און גאָלדמאַרק־געזעלשאַפט — האָט ענדלעך דעם פּראָיעקט רעאַליזירט.

דעם 3טן מערץ 1963 איז פאָרגעקומען די לוויה פון קעסטל אַש פון טרעבלינקע־טויט־לאַגער, וואָס דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין וואַרשע האָט צוגעשיקט אויף דער בקשה פון דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט. אין דעם קעסטל האָבן זיך געפונען אויך ביינער פון כעלמנאָ טויט־לאַגער און איינציקע שטיקלעך זייף, געמאַכט פון פעץ פון יידישע קרבנות. ארום 8000 יידן, צווישן זיי פיל יוגנטלעכע האָבן זיך באַטייליקט אין דעם לוויה־צוג, וואָס איז געגאַנגען פון טהרה־שטיבל פון דער חברה קדישא צו דעם קאַרלטאָנער בית־עולם. דאָרט איז דאָס קעסטל באַערדיקט געוואָרן און עס איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַרן מצבה־מאָנומענט.

די אַנטהילונג פון דעם מאָנומענט איז פאָרגעקומען צום 20טן יאָר־טאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. דעם 21טן אַפּריל 1963 האָבן זיך ווידער פאַרזאַמלט איבער 8000 מענטשן, צווישן זיי מיטגלידער

פון אַלע היגע אינסטיטוציעס, אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטן, אויך א גרויסע צאָל יוגנטלעכע.

אין פונדאַמענט איז אַריינגעלייגט געוואָרן א פּאַרמעט־מגילה, אויף וועלכער עס זענען אויפגעשריבן געוואָרן אַרום 7000 נעמען פון אומ־געבראַכטע משפּחה־מיטגלידער פון די מעלבורנער יידן.

דער מאָנומענט שטעלט פאָר אין צענטער א גרויסע מנורה; רעכטס שטייען זעקס מצבות לזכר פון די זעקס מיליאָן קדושים; לינקס געפינט זיך א בראָנזענע פּלאַטע, אויף וועלכער עס זענען קינסטלעריש אויס־געאַרבעט חורבן־מאָטיוון: שטעכל־דראָט פאַרצוימונגען, געשטאַלטן פון געטאָ־קעמפער און א שול אין פלאַמען. אונטן געפינט זיך א ליגנדיקער מצבה־שטיין מיט אויפשריפטן פון די טויט־לאַגערן. אויף די פאָדערשטע זיילן זענען אויסגערעכנט די לענדער, ווו יידן זענען אומגעבראַכט גע־וואָרן. דער מאָנומענט מאַכט א שטאַרקן איינדרוק מיט זיין פאַרנעם און קינסטלערישער קאָמפּאָזיציע*).

די לוויה פון קעסטל אַש און די אַנטהילונג פון דער מצבה זענען געווען היסטאָרישע טעג פאַרן היגן ישוב. דער ראַדיאָ, די טעלעוויזיע און די טעגלעכע פּרעסע האָבן געווידמעט די צוויי געשעענישן פיל אויפ־מערקזאַמקייט.

יעדעס יאָר, ערב דעם יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, קומט פאָר ביים מאָנומענט א הזכרה. אויך פיל לאַנדסמאַנשאַפטן האַלטן אָפּ הזכרות ביים מאָנומענט אין משך פון יאָר צום אָנדענק פון די אומגעבראַכטע יידן אין זייערע שטעט.

*) דאָס בילד פון דעם מאָנומענט געפינט זיך אויף דער זייט 87 פון דעם אַלמאַנאַך.

# באַגריסונגען

## צום 55־יאָריקן יובל פון „קדימה"

באַגריס איך די אינסטיטוציע אין נאָמען פון גאַנצן ישוב אין וויקטאָריע.

די יידן אין וויקטאָריע דאַרפן זיין דאַנקבאַר די גרינדער און די קאָמיטעטן פון דער „קדימה", וועלכע האָבן מיט אַזוי פיל איבערגעגעבנקייט אויפגעהאַלטן אין משך פון גאָר שווערע צייטן דעם מעמד פון דער יידישער קולטור אין אונדזער ישוב.

שרעקט זיך נישט פאַר קיין קריטיק
און האַלט ווייטער אויף די גרויסע
און טייערע ירושה.

**לעאָן לאַסקי**
**פרעזידענט פון יידישן באָארד**
**אָף דעפּיוטיס אין וויקטאָריע**

אין נאָמען פון אונדזערע מיטגלידער באַגריסן מיר

אונדזער שוועסטער־אינסטיטוציע „קדימה"
צו איר 55־יאָריקן יובל
און צום אַרויסגעבן פון דעם דריטן
אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך

מיר ווינטשן איר אַ סך כוחות און אויסדויער אָנצוגיין
מיט דער יידישער קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.
זאָל איר טעטיקייט זיין געבענטשט מיט הצלחה.

יידישער פאָלקס־צענטער אין סידנעי

מיר באַגריסן די „קדימה"

אין נאָמען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג
אין וויקטאָריע

צו איר 55 - יאָריקן יובל

ביי דער געלעגנהייט ווילן מיר אונטערשטרייכן די וויכטיקע
ראָל, וואָס די „קדימה" האָט געשפּילט אין דעם היגן יידישן
לעבן אין משך פון דעם לאַנגן צייט־אָפּשניט.

ציוניסטישער ראַט אין וויקטאָריע

מיר באַגריסן האַרציק די פאָלקסטימלעכע
יידישע קולטור - אינסטיטוציע „קדימה״
צו איר 55־יאָריקן יובל
און ווינטשן איר הצלחה אין איר ווייטערדיקער
טעטיקייט לטובת די היגע פאָלקס־יידן.

**פעדעראַלער ראַט פון פוילישע יידן**
**אין אויסטראַליע**

**פעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן**
**אין מעלבורן**

---

מיר באַגריסן האַרציק די „קדימה״
צו איר 55־יאָריקן יובל

**און ווינטשן איר הצלחה אין איר**
**ווייטערדיקער טעטיקייט**

**„בונד״ אין מעלבורן**

## מיר באַגריסן די „קדימה"

**די עלטסטע און גרעסטע יידישע**
**קולטור־אינסטיטוציע אין אויסטראַליע**

### צו איר 55־יאָריקן יובל

**און צום דערשיינען פון דעם דריטן אַלמאַנאַך**

און ווינטשן איר דעם גרעסטן דערפאָלג אין איר וויכטיקער אויפגאַבע צו פלעגן און פאַרשפּרייטן דאָס יידישע וואָרט אין אויסטראַליע — אין דעם פאַרוואָרפנסטן ווינקל פון דער יידישער וועלט.

## קאָמיטעט, לערערס און שילערס
## פון דער י. ל. פּרץ־שול

---

מיר באַגריסן האַרציק

### די יידישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה"
### צו איר 55־יאָריקן יובל

**און צום דערשיינען פון איר אַלמאַנאַך.**

מיט אייער אַרבעט האָט איר געוויזן אייער עקשנות און געטריישאַפט, אייער ווילן ווייטער צו בויען און פאַרשטאַרקן יידיש לעבן דאָ אין אויסטראַליע.

מיר ווינטשן אייך דערפאָלג אין אייער ווייטערדיקער טעטיקייט.

## שלום עליכם שול און קינדערגאָרטן
## אין מעלבורן

## אונדזערע האַרציקסטע ווונטשן דער „קדימה“
## צו איר 55־יאָריקן יובל

זי זאָל ממשיך זיין נאָך לאַנגע יאָרן איר וויכטיקע אַרבעט
פון אויפהאַלטן יידישע קולטור-ווערטן אין אונדזער ישוב.

**לאָדזשער צענטער אין מעלבורן**

---

צום 55־יאָריקן יובל פון דער „קדימה“
ווינטשן מיר איר זי זאָל דערפילן
איר וויכטיקע אויפגאַבע
אַלס טרעגערין פון יידישער קולטור
נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

**קאַלישער צענטער אין מעלבורן**

## דער יידישער קולטור־אינסטיטוציע „קדימה"

— אונדזערע האַרציקסטע ברכות

צו איר 55־יאָריקן יובל

**און צום אַרויסגעבן דעם דריטן**
**אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך.**

זי זאָל ממשיך זיין נאָך לאַנגע יאָרן איר וויכטיקע אַרבעט.

**טאָמאַשאָווער, בזשעזשינער און ראַווער**
**לאַנדסמאַנשאַפט אין מעלבורן**

---

**אונדזערע בעסטע ברכות**
**און וואַרעמסטע ווונטשן**

**דער „קדימה" צו איר**
**55־יאָריקן יובל**

מיר ווינטשן איר הצלחה אין
איר וויכטיקער קולטור־שליחות.

זשעלעכאָווער לאַנדסמאַנשאַפט
אין מעלבורן

דער יידישער
קולטור - אינסטיטוציע
„קדימה"
אונדזערע בעסטע ווונטשן

צו איר דערגרייכן
דעם 55־יאָריקן יובל

מיר ווינטשן איר הצלחה
אין איר ווייטערדיקן גאַנג.

**טשענסטאָכאָווער**
**צענטער אין מעלבורן**

**צום אַרויסגעבן דעם דריטן**
**אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך**
**און צום 55־יאָריקן יובל**
**פון דער „קדימה"**

ווינטשן מיר איר הצלחה און
דערפאָלג ביים אויפהאַלטן די
יידישע קולטור אין אונדזער
ישוב.

**וואַרשעווער צענטער**
**אין מעלבורן**

מיר באַגריסן די
יידישע קולטור־אינסטיטוציע
„קדימה"
**צו איר 55־יאָריקן יובל**
און צום דערשיינען פון דעם
3טן אויסטראַליש־יידישן
אַלמאַנאַך.

מיר ווינטשן איר הצלחה אין
איר ווייטערדיקער טעטיקייט.

**פאַרוואַלטונג פון**
**ביאַליסטאָקער צענטער**
**אין מעלבורן**

אונדזערע ברכות דער
„קדימה"

**צו איר 55־יאָריקן יובל**

זי זאָל זיך שטאַרקן
און אַנטוויקלען פאַרן וווּל
פון אונדזער ישוב.

**לובלינער צענטער**
**און אומגעגנט**
**אין מעלבורן**

אונדזערע
וואַרעמסטע ווונטשן
דער יידישער
פאָלקס־אינסטיטוציע

„קדימה״

**צו איר 55־יאָריקן יובל**

מיר באַגריסן אויך
דאָס דערשיינען

**פון 3טן אויסטראַליש־יידישן**
**אַלמאַנאַך.**

## ביאַלער
## לאַנדסמאַנשאַפט

---

מיר באַגריסן וואַרעם די

„קדימה״

— די פלעגערין פון יידישע
נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן —

**צו איר 55־יאָריקן יובל**

און ווינטשן איר דערפאָלג אין
איר אַרבעט לטובת די פאָלקס־
יידן פון אונדזער ישוב.

## אָטוואָצק - פאַלעניצער
## לאַנדסמאַנשאַפט
## אין מעלבורן

---

אונדזער האַרציקע באַגריסונג
דער „קדימה״

**צו איר 55־יאָריקן יובל**

מיר ווינטשן איר גרויס
דערפאָלג אין איר
ווייטערדיקער טעטיקייט

## לאָמזשער
## לאַנדסמאַנשאַפט
## אין מעלבורן

---

מיר באַגריסן פייערלעך דעם
**3טן אויסטראַליש־יידישן**
**אַלמאַנאַך**
צו זיין דערשיינען
**צום 55־יאָריקן יובל**
פון אונדזער אַלעמענס
באַליבטע
קולטור־אינסטיטוציע

„קדימה״

## זאַגלעמביער
## לאַנדסמאַנשאַפט
## „פנקס זאַגלעמביע״

מיר באַגריסן די
„קדימה"
צום דערגרייכן דעם עלטער
פון 55 יאָר
און ווינטשן איר נאָך לאַנגע
יאָרן פון פּרוכטבאַרער
אַרבעט

לאַוויטשער
לאַנדסמאַנשאַפט
אין מעלבורן

אונדזערע בעסטע ברכות
און וואַרעמסטע גרוסן
דער „קדימה"
צו איר 55-יאָריקן יובל

ווילנער
לאַנדסמאַנשאַפט
אין מעלבורן

**THE MELBOURNE JEWISH FRIENDLY SOCIETY**

***Congratulates the "KADIMAH"***

on its completion of 55 years of Cultural Activities.

די איינציקע יידישע קראַנקן-קאַסע אין מעלבורן,
וועלכע איז העכער 100 יאָר אַלט,

באַגריסט האַרציק די „קדימה"
צו איר 55-יאָריקן יובל

די יידישע קראַנקן-קאַסע באַזאָרגט אירע מיטגלידער
און פאַמיליעס מיט די ליבעראַלסטע און גינסטיקסטע
צוריקצאָלונגען אין פאַל פון קראַנקהייט. אין אייער
אייגענעם אינטערעס שליסט זיך אָן באַלד אין דער
יידישער קראַנקן-קאַסע —

„די מעלבורן דזשואיש פרענדלי סאָסייעטי"

392A ST. KILDA RD., MELBOURNE, S.C.2. Tel.: 26-4561

# דער יידישער הילפס־פאַנד אין מעלבורן

## באַגריסט די „קדימה״ צו איר 55־יאָריקן יובל

**דער יידישער הילפס־פאַנד**

- שטיצט יידישע משפחות, וועלכע נויטיקן זיך אין הילף;
- העלפט יידישע אַלטע לייט און אינוואַלידן;
- גיט מעדיצינישע הילף קראַנקע;
- העלפט צו באַקומען ארבעט יידישע ארבעטסלאָזע;
- זאָרגט פאַר יידישע יתומים;
- האַלט אויס אַ וואַרשטאַט פאַר יידישע עלטערע מענטשן;
- בויט וווינונגען פאַר עלטערע לייט;
- זאָרגט פאַר יידישע אימיגראַנטן;
- גיט הילף אויף פאַרשידענע אַנדערע אופנים.

## גיב דיין באַשטייערונג פאַר

# THE AUSTRALIAN JEWISH WELFARE & RELIEF SOCIETY

**466 PUNT ROAD, SOUTH YARRA**

---

**ווען דו מאַכסט אַ צוואה געדענק וועגן דעם הילפס־פאַנד**

מיר באַגריסן האַרציק
די „קדימה"
צו איר 55־יאָריקן יובל

און צום דערשיינען פון דעם
דריטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך.

מיר ווינטשן דער אינסטיטוציע נאָך לאַנגע יאָרן
פון פרוכטבאַרער אַרבעט.

סענדער בורשטין און די זין:
ביינוש, מאָריס און דוד און זייערע משפחות

**BURSTIN**
**HOSIERY MILLS**
**PTY. LTD.**

***Manufacturers of Men's Half Hose***

**408-412 LYGON ST., EAST BRUNSWICK, N.11**

די יידישע פּאָסט

THE AUSTRALIAN
# JEWISH POST

## באַגריסט די „קדימה“ צו איר 55־יאָריקן יובל

„די יידישע פּאָסט“
שטייט אויף דער וואך פון ערנסטן יידישן וואָרט
און יידישן קולטור־שאַפן.

די צייטונג פאַרן פאָלק און אין דינסט פון פאָלק און אַלץ,
וואָס איז קאָנסטרוקטיוו־שעפעריש אין יידישן
געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן.

„די יידישע פּאָסט“
ברענגט צום אויסדרוק אין אַן אָביעקטיוון ליכט אַלע
וויכטיקע געשעענישן אין יידישן, סיי אַלגעמיינעם לעבן
אויפן אָרט, אין ישראל און אין דער וועלט, און איז
תמיד רייך אילוסטרירט.

לייענט און פאַרשפּרייט „די יידישע פּאָסט“

אַבאָנאַמענטס־אָפּצאָל — יערלעך — יידיש און ענגליש $5.

“JEWISH POST”:
256 High Street, St. Kilda, Victoria. Tel.: 94 0306-7.
City Branch: 260 Flinders Lane, Tel.: 63-7501.



אונדזערע בעסטע ברכות

דער „קדימה“

צו איר 55־יאָריקן יובל

און צום דערשיינען

פון דעם

דריטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך.

יהודית און מאיר סילמאַן

55 יאָר פון „קדימה״־עקזיסטענץ
איז גאָר אַ וויכטיקע דאַטע אין לעבן פון אונדזער ישוב.
אַ באַזונדערע באַדייטונג אין וואַגיקייט גיט צו דער דאַטע
דאָס דערשיינען פון דריטן
אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך.

איך ווינטש דער „קדימה״, אַז איר ראָל אין דער צוקונפט
זאָל נישט זיין קלענער, נאָר פיל גרעסער ווי אין דער
פאַרגאַנגענהייט.

יעקב ריימער

בעסטע ווונטשן דער „קדימה״
צו איר 55־יאָריקן יובל

שלמה ווין

S. Wynn & Co.

348 ST. KILDA ROAD, MELBOURNE

Best wines for all occasions.

מיר באַגריסן די „קדימה“
צו איר 55־יאָריקן יובל
און צום אַרויסגעבן
דעם דריטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך

ברידער פינק

UNITED
CARPET
MILLS

64 OAKOVER ROAD,
PRESTON, VICTORIA.

מיר באַגריסן האַרציק די „קדימה"

צו איר 55־יאָריקן יובל

לעאָן טשערני, פרוי און זון

מיר באַגריסן די „קדימה"

צו איר 55־יאָריקן יובל

און ווינטשן איר הצלחה אין

איר ווייטערדיקער טעטיקייט

משפחות

גאָטליב און יאַטשמעניק

מיר באַגריסן די „קדימה"
צו איר 55 ־יאָריקן יובל

מר. און מרס. ק. סאָלעוויטש
אייגנטימער פון דעם מאָדערנעם „ארמוד־האָל"

דער פּאַסיקסטער זאַל פּאַר שמחות
און געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענטרעפן.

75 אַלמאַ ראוד, סט. קילדאַ טעל. 94־6283

מיר באַגריסן האַרציק די
„קדימה"

צו איר 55־יאָריקן יובל

און ווינטשן איר דערפאָלג אין
איר ווייטערדיקער טעטיקייט.

מאַלטשע און חיים
בראַון

אונדזערע בעסטע ווונטשן
דער „קדימה"
צו איר 55־יאָריקן יובל

זי זאָל וואַקסן, אַנטוויקלען זיך
און ממשיך זיין איר וויכטיקע
אַרבעט.

MAGNET
SHOE CO.

משפחות שמערלינג

מיר באַגריסן האַרציק די
„קדימה“
צו איר 55־יאָריקן יובל

און ווינטשן איר דערפאָלג
אין איר ווייטערדיקער
טעטיקייט.

סאַראַ און פיליפּ
בלאָק

מיר באַגריסן די
„קדימה“
צו איר 55־יאָריקן יובל

און ווינטשן איר הצלחה
אין איר ווייטערדיקער
טעטיקייט.

משפּחה קראָנהיל

די יידיש־ענגלישע דרוקעריי
פון
הערשל און אַנקע
באַכראַך

E. H. GIBBS
& SONS
19 NIAGARA LANE,
MELBOURNE

באַגריסט די
„קדימה“
צו איר 55־יאָריקן יובל

צום אָנדענק פון די בויער
און שאַפער
פון דער יידישער קולטור
אין אויסטראַליע.

מר. און מרס.
פּ. אַלטמאַן

## אויסטראַלישע יידישע נייעס

געגרינדעט אין 1935

### באַגריסט די „קדימה” צו איר 55־יאָריקן יובל

**די „אויסטראַלישע יידישע נייעס”**

- איז די עלטסטע, פאַרשפּרייטסטע און אומאָפּהענגיקע יידישע וואָכנצייטונג אין מעלבורן (באַזונדערע אויסגאַבע „סידנעיער יידישע נייעס”), קומט אָן אין אַלע שטעט אין אויסטראַליע;
- גיט די לעצטע נייסטע טעלעגראַפישע ידיעות פון ישראל און פון דער וועלט („ייטאַ”, „יונייטעד פּרעס” א״א), האָט קאָרעספּאָנדענטן אין אַלע תפוצות פון דער וועלט, באַזונדערס א ספּעציעלן קאָרעספּאָנדענט אין ישראל;
- רייך אילוסטרירט, יעדע וואָך 12 זייטן אין יידיש און 24 אין ענגליש.

**די „אויסטראַלישע יידישע נייעס”**
**קומט אַריין אין יעדער יידישער היים.**

אַבאָנאַמענטן־אָפּצאָל: יידיש — $2.50 א יאָר.
יידיש און ענגליש — $4.00 א יאָר.

AUSTRALIAN JEWISH NEWS
306 Little Collins Street, Melbourne, 63-6517 (3 lines).
198 Faraday Street, Carlton, 34-9078 (3 lines).

### מיר באַגריסן די „קדימה”
### צו איר 55־יאָריקן יובל

און ווינטשן איר זי זאָל זיך אַנטוויקלען
און טעטיק זיין נאָך לאַנגע און לאַנגע יאָרן.

# SIX LITTLE TAILORS

**PTY. LTD.**

***219 ELIZABETH STREET, MELBOURNE***

משפחות מראַצקי

**Greetings from . . .**

# DAVID KEYS KNITWEAR

**PTY. LTD.**

***16 HILL STREET, RICHMOND, VICTORIA***

איך באַגריס האַרציק
דעם יידישן קולטור־צענטער
און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק
„קדימה"
צו איר 55־יאָריקן יובל

און ווינטשן איר הצלחה
אין איר ווייטערדיקער
וויכטיקער קולטור־אַרבעט.

דוד זיג

דער אָרטאָדאָקסישער
כשר־רעסטאָראַן
„צ י ו ן"

10 GLEN EIRA AVENUE,
RIPPONLEA

באַגריסט די
„ק ד י מ ה"
צו איר 55־יאָריקער
עקזיסטענץ

מיר באַגריסן
די „קדימה"
צו איר 55־יאָריקן יובל

"SCHEHEREZADE"
Restaurant - Coffee Lounge
99 ACLAND STREET,
ST. KILDA
Tel.: 94-2722

מפשחות
זשעלעזניקאָוו
און
לעווינגער

די ערשטע יידישע בוכהאַנדלונג אין אויסטראַליע פון
באַלבערישסקיס
באַגריסט די „קדימה"
צו איר 55־יאָריקן יובל
און צום אַרויסגעבן
פון דעם דריטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך.

BALBERYSZSKI'S

**198 Rathdown St., Carlton, Vic. Tel.: 34-5983**
**98 Acland Street, St. Kilda, Vic. Tel. 94-6003**

דאָרט, ווו מען קאָן באַקומען יידישע און ענגלישע ביכער, יידישע זשורנאַלן פון דער גאַנצער וועלט, סידורים, טליתים און אַנדערע רעליגיעזע חפצים, קונסט־ווערק פון ישראל, רעקאָרדס, קאַרטן צו פאַרשידענע געלעגנהייטן און אַנדערע אַרטיקלען.

מיר באַגריסן האַרציק די
„קדימה"
צו איר 55־יאָריקן יובל

**Sherwood Garment**
**PTY. LTD.**

Manufacturers of Coats,
Frocks and Suits

37 SWANSTON ST.,
MELBOURNE

א האַרציקן מזל טוב
צום דערשיינען פון
דריטן אויסטראַליש - יידישן
אַלמאַנאַך

פ. און ה. סמיט

9 EDGECOMBE STREET,
KEW

מיר באַגריסן האַרציק
די „קדימה"
צו איר 55־יאָריקן יובל

**TERRA**
**WHOLESALERS**
**SERVICE** PTY. LTD.

**42 ELIZABETH STREET, SOUTH YARRA**
**Tel.: 24-5834; 24-1268**

מיר באַגריסן דאָס דערשיינען
פון דעם
דריטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך

רייזל און שמחה בריליאַנט

מיר באַגריסן האַרציק
די „קדימה"
צו איר 55־יאָריקן יובל

**HAROS PRESS**

**Commercial & Colour Printer**

**232 HIGH STREET, NORTHCOTE**

איינגנטימער:
הדסה און שמעון ראָזענבוים

מיר באַגריסן האַרציק
די „קדימה"
צו איר 55־יאָריקן יובל
און צום דערשיינען פון דעם
דריטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך.

**Goldstein Engineering**
PTY. LTD.
223 Balaclava Road,
Caulfield, S.E.7
Structural Engineers.
Phone: 53-2108, 53-2095

**SAMSTEEL**
PTY. LTD.
4-6 WATER RD.,
PRESTON, N.18
Steel Fabricators.
Phone: 78-2416, 78-2418

שמואל און מרים גאָלדשטיין

מיר באַגריסן די
„קדימה"
צו איר 55־יאָריקן יובל
נ. און ס. סמוזשיק

**WEST END TAILORS**

High Class Mens Wear

404 LT. BOURKE ST.,
MELBOURNE
Tel. 67-4806

אויסוואַל פון אויסלענדישע
זומער און ווינטער־שטאָפן.
באַשטעלונגען
אויף ערשטקלאַסיקע אָנצוגן
און מאַנטלען, ווי אויך
פאַרטיקע מלבושים פאַר
צוגענגלעכע פּרייזן.

מיר באַגריסן די
„קדימה"
צום אַרויסגעבן דעם
דריטן אויסטראַליש - יידישן
אַלמאַנאַך

**TIP-TOP LEATHER GOODS**

199 HIGH STREET,
PRESTON

מיר באַגריסן האַרציק
די „קדימה"
צו איר 55־יאָריקן יובל

**TRIO WOLLEN MILLS**

**PTY. LTD.**

***358 JOHNSTON STREET, ABBOTSFORD***

***Tel.: 41-3606***

מיר באַגריסן האַרציק

די „קדימה"

צו איר 55־יאָריקן יובל

# Worth Hosiery

**PTY. LTD.**

***2 ST. PHILLIPP ST., EAST BRUNSWICK***

מיר באַגריסן די

„קדימה"

צו איר 55־יאָריקן יובל

# RITE WEAR

**154 HIGH STREET,**
**PRESTON, VICTORIA**

איינגנטימער:

מ. גאָטליב

און

פ. פרידמאַן

מיר באַגריסן האַרציק די

„קדימה"

צו איר 55־יאָריקן יובל

רבקה און מאָטל ראָט

**12 PALMER AVE.,**
**E. BRIGHTON**

***With Compliments of . . .***

# International Fabric Converters

**PTY. LTD.**

***50 FLINDERS LANE, MELBOURNE, C.1***

***For all your fabrics requirements see the fashion leaders in cotton, rayon, silk and coating.***

מיר באַגריסן האַרציק
די יידישע
קולטור־אינסטיטוציע
„ק ד י מ ה"
צו איר 55־יאָריקן יובל

## Meed's Fashions

7 CENTRE PLACE,
MELBOURNE.

ה. מיאַדאָווניק

Greetings from . . .

## SHERMAN EDIBLE OIL CO.

**PTY. LTD.**

24 BARKLY PLACE,
CARLTON, VIC.

משפחה אַלבאַ

מיר באַגריסן האַרציק
די „קדימה"

צום אַרויסגעבן
דעם דריטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך
און צו איר 55־יאָריקן יובל.

מר. און מרס. ש. האַנדלסמאַן

**TORONTO**

**MANUFACTURING CO.**

**PTY. LTD.**

***183 FLINDERS LANE, MELBOURNE***

מיר באַגריסן
די „קדימה"
צו איר 55־יאָריקן יובל.

**VENUS**
**MAIDEN**
**SHAPE**
**PTY. LTD.**

**262 DRUMMOND ST.,**
**CARLTON**

מיר באַגריסן די
„קדימה"
צו איר 55־יאָריקן יובל
און ווינטשן איר דערפאָלג
אין איר וויכטיקער
קולטור־אַרבעט

פעלאַ, ראָמעק און סעם
האַמבורגער

28 מיטפאָרד סטריט,
סט. קילדאַ

הארציקע ברכות דער „קדימה"
צו איר 55־יאָריקן יובל

זי זאָל ממשיך זיין איר קולטור־טעטיקייט
נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

**P. KRYSTAL**

**MEN'S CASUAL WEAR**

***119 SWANSTON ST., MELBOURNE, C.1***

מיר באַגריסן הארציק
די „קדימה"
צו איר 55־יאָריקן יובל
און ווינטשן ווייטערדיקן דערפאָלג אין דער ארבעט.

**Emporium Knitwear**

**PTY. LTD.**

**106 VICTORIA ST., FITZROY, VIC.**

***Manufacturers of Ladies', Children's and Men's Knitted Outwear.***

משפחה קאָהן

With Compliments of . . .

**P.A. Knitting Mills**

**PTY. LTD.**

594 GLENHUNTLY RD.,
ELSTERNWICK.

Tel.: 53-5639

י. האָפּע

Greetings from . . .

**HENRY R. GROVES**

**PTY. LTD.**

Manufacturers & Wholesalers Trimmings for the Whole Clothing Trade.

301 EXHIBITION ST.,
MELBOURNE
Tel.: 32-2571, 32-3580

With Compliments of . . .

**T. & H. Trading Co.**

**PTY. LTD.**

Textile Importers & Wholesalers

100 FLINDERS LANE,
MELBOURNE, C.1

Tel.: 63-5859, 63-5850

ש. טענענבוים
און
ם. מאַרגאַלים

Greetings from . . .

**Max Davids Models**

Manufacturers of High-Class Costumes and Coats.

230 BRUNSWICK STREET,
FITZROY, VICTORIA

Tel.: 41-2272

ד. אַפּפעלבוים

די בעסטע ברכות
דער „קדימה"
צו איר 55־יאָריקן יובל

**CARLTON PRESS**

Commercial Printers.

English, Yiddish, Hebrew.

148 JOHNSTON ST.,
COLLINGWOOD

משפחות בענעט

מיר באַגריסן די
„קדימה"
צו איר 55־יאָריקן יובל

**FAIRWAY EMPORIUM**

PTY. LTD.

116 Elizabeth Street,
141 Swanston Street,
Melbourne.

מר. און מרס.
מ. בורשטין און זין

*Greetings from*

**PEERLESS MILLS**

PTY. LTD.

BRUNSWICK, VICTORIA

**Greetings from . . .**

# ANTHONY MC.CAUL

**PTY. LTD.**

**257 LATROBE STREET, MELBOURNE, C.1**

ק. שמולעוויטש און ס. בענדער

Greetings from . . .

## C. W. MILLS

**PTY. LTD.**

***Bristol Knitting Mills***

432 WAVERLEY RD.,

E. MALVERN, VICTORIA.

Tel.: 211-5605

ג. טשאַרני
און
ק. ניימאַן

With Compliments from:

## DUNNE BROS & CO.

**PTY. LTD.**

***Men's Clothing Manufacturers***

106 FRANKLIN ST.,
MELBOURNE, C.1

[illegible]

With Compliments of . . .

**"ALED" LTD. of BNEY BERAQ, ISRAEL**
**Largest manufacturers and exporters of fashionable Knitted Suits and Dresses to most countries of the world.**

**"GLOVIS" LTD. of MIGDAL HAEMEK, ISRAEL**
**Manufacturers of Leather Clothing, Handbags and Gloves.**

**J. SALPETER & SONS of TEL AVIV, ISRAEL**
**Manufacturers of Rainwear for men and women.**

**APTCO DENTAL LTD. of BENYAMINA, ISRAEL**
**Dental Supplies**
**and other Israeli products.**

**Sole AUSTRALIAN representatives —**

**BENPAT PTY. LTD.,**
**(B. PATKIN)**

**108 Flinders Lane Melbourne. — Tel.: 63-8528, 63-8959.**

צום 55־יאָריקן יובל
און צום דערשיינען
פון דריטן אַלמאַנאַך
שיקן מיר איבער אונדזער
האַרציקסטע באַגריסונג
דער „קדימה"

מאלא און יוסף אָרבאַך

**Greetings from . . .**

# T. & M. HONIG
**PTY. LTD.**

**Textile Importers & Wholesalers**

**50 FLINDERS LANE,**
**MELBOURNE, C.1**

**"Lancashire House".**

*With Compliments of . . .*

**BLACKBURN & LOCKWOOD**

**R.E.S.I.**

***AUCTIONEERS & SWORN VALUERS***

Head Office: 1017 High St., Malvern 50-4221 (7 lines)

City Office: 414 Collins St. 67-3883

Branches: 676 Bourke Rd., Camberwell. 82-4154

1596 High Street, Glen Iris. 25-6856

RENT COLLECTING A SPECIALTY.

*Greetings from . . .*

**CARMEL SHOE CO.**

**2 FISHERS LANE, FITZROY**

משפחות: דאַנציגער און זילבערשטיין

Greetings from

**"SUN" PLEATING**

7 ANTHONY STREET,
MELBOURNE

Mr. M. STEINLAUF.



Greetings from

**Melbourne Hebrew Congregation**

on the occasion of the
**55th Anniversary of the KADIMAH.**

The Congregation extends its best wishes for the continued success in the interests of Jewish Community.

**Synagogue Chambers,**
**Toorak Rd., South Yarra.**



Greetings from

**M. Sanders & Co.**

Distributors of Woolen and Worsted Piece Goods.

289 FLINDERS LANE,
MELBOURNE



מיר באַגריסן האַרציק די
„קדימה"
צו איר 55־יאָריקן יובל
און צום אַרויסגעבן דעם
דריטן אַלמאַנאַך.

רבקה און נחמן
גריפענבערג

מיר באַגריסן הארציק די
„קדימה״
צו איר 55־יאָריקן יובל
און צום אַרויסגעבן דעם
דריטן אויסטראַליש־יידישן
אַלמאַנאַך

**PANAMA TRADING CO.**

233 RUSSELL ST.,

MELBOURNE

---

מיר באַגריסן הארציק די
„קדימה״
צו איר 55־יאָריקן יובל

**PLEATING STYLES CO.**

PTY. LTD.

258 BRUNSWICK ST.,

FITZROY

---

מיר באַגריסן די
„קדימה״
צו איר 55־יאָריקן יובל
און ווינטשן איר הצלחה
אין איר ווייטערדיקער
טעטיקייט.

**ROSEWEAR KNITTING MILLS**

171 ROSENEATH ST.,
CLIFTON HILL

אייגנטימערס:
מר. און מרס.
מ. ערליך

---

מיר באַגריסן די
„קדימה״
צו איר 55־יאָריקן יובל

**Preston Hairfelt Co.**

PTY. LTD.

Underfelt Mfgrs.

331 EDWARD STREET,
RESERVOIR

אייגנטימערס:
הינדע און מיכאל פינק

צום דערשיינען פון דעם
אַלמאַנאַך
באַגריסן מיר די
„קדימה"
און ווינטשן איר
ווייטערדיקן דערפאָלג.

"LUANA MODES"
109 SWANSTON ST.,
MELBOURNE, C.1

מר. און מרס.
י. ראָזענבערג

מר. און מרס.
ש. פרישער

האַרציקע ברכות דער
„קדימה"
צו איר 55־יאָריקן יובל.

פייגעלע און חיים דוד
גינטער

מיר באַגריסן די
„קדימה"
צו איר 55־יאָריקן יובל

Marein Leather
PTY. LTD.

Tanners & Leather
Manufacturers

178 COWPER ST.,
Footscray, W.11
Telephone: MW 1882

מיר באַגריסן די
„קדימה"
און ווינטשן איר הצלחה
אין איר ווייטערדיקער
טעטיקייט.

מר. און מרס.
פ. קלאָצמאַן

Jafa Cloting
PTY. LTD.

8 CARLTON ST.,
PRAHRAN

**Greetings from . . .**

**MR. & MRS. NATHAN GROSBY**

**MR. & MRS. RALPH GROSBY**

# *Grosby Shoe Manufacturing Co. Pty. Ltd.*

**371 FLEMINGTON ROAD,**

**NORTH MELBOURNE**

Greetings from

# N. KLINGS & CO.

Manufacturers of "Sovrano" Knitwear

261 ALBERT STREET, BRUNSWICK, VICTORIA
Telephones: 38-8368; 38-8372.

Showroom: 276 COLLINS STREET, Tel.: 63-4364.

With Compliments from

# Mssrs. WILLIAM PEARCE & SONS

For all timber, hardware and general building supplies.

431 VICTORIA STREET, ABBOTSFORD, VICTORIA
Telephones: 42-6855; 42-5695

Managing Director: M. F. SHEPPET

*Greetings from*

# SIEGEL BROS.
## PTY. LTD.

*Wholesale and Exporters Butchers.*

LORINER ST., SOUTH MELBOURNE, VIC.

*Greetings from*

# TALBOT & CO.
## PTY. LTD.

*(S. TOBOLOWSKI, PRINCIPAL)*

259 COLLINS STREET, MELBOURNE

Auctioneers and Real Estate Agents.

*With Compliments of*

**MAXWELL'S RADIO**

**PTY. LTD.**

269 Lonsdale Street, Melbourne
48 Elizabeth Street, Melbourne
356 Lonsdale Street, Melbourne
183 Swanston Street, Melbourne
421 Centre Road, Bentleigh
147 Nicholson Street, Footscray
47 Puckle Street, Moonee Ponds.

*Greetings from . . .*

**RECORD LEATHER MANUFACTURERS**

**PTY. LTD.**

**50 Oakover Rd., Preston, Victoria**
**Phone: 44-1771, 44-1485**

SUEDED
COLOURED
COLLAR
ELECTRIFIED
BIG TYPE

LINING
JACKET
CHROME TANNED
BARK TANNED
POLISHED

**LAMBSWOOL**

***With Compliments of . . .***

# ANDREWS BROS.

***PROPRIETARY LIMITED***

Sole Australian Distributors of:

GOLDEN SQUARE; SUNNINGDALE; VALLANDRO WORSTEDS and ARRANDALE TWEEDS.

MELBOURNE: 206 Flinders Lane. Perth: 360 Murray St.
Launceston: 5 Qadrant St. Sydney: 40 King St.
Adelaide: 76 Pirie St. Brisbane: 228 Elizabeth St.

Our Congratulation to the
"KADIMAH"
**on its 55th Anniversary**

# I. L. WISE

360 LT. BOURKE ST.,
MELBOURNE

Manufacturers of High Grade Men's Clothing, Tailoring & Ready to Wear Suits.

Greetings from

# J. L. ROZAN CO. PTY. LTD.

26-32 King St., C.1

**All Classes of Insurance.**

**Phone: 62-1266; 62-1265**

J. L. ROZAN,
Managing Director.

*With Compliments of*

# Broons Containers Ltd.

**Manufactures of Solid and Corrugated Fibre Containers**

**520 GEELONG ROAD, BROOKLYN**

**Tel. Brooklyn 66-9231**

With Compliments of

**GOLDHAR & NEWSOME**

Textile Dyers.

1 LITTLE CHARLES ST.,

ABBOTSFORD

Greetings from

**GIBGOT & KAY**

PTY. LTD.

89 CONDELL ST.,

FITZROY

With Compliments of

**C.M. Greenglass (Sales)**

PTY. LTD.

61 CHURCH ST.,

HAWTHORN

Manufacturers of CMG
Electric Motors and
Vibromotors.

With Compliments of

**LANE SWIM SUITS**

124-126 LYGON ST.,

EAST BRUNSWICK

*Greetings from*

**Messrs. F. Sender, I. Sender & M. Hoffman**

**Sentex**

**Pty. Ltd.**

**Novelty Knittings Mills**

**Pty. Ltd.**

*121 HIGH STREET, PRAHRAN, VICTORIA*

*Telephones: 51-5267; 51-4816; 51-4817*

Greetings from

Messrs. S. LENCZNER &
R. LEHRER

**M. Block**

**Pty. Ltd.**

284 VICTORIA ST.,

BRUNSWICK, VICTORIA

Tel.: 38-1181 (3 lines)

With Compliments of

**Wondafit Footwear**

375 HIGHETT ST.,

RICHMOND, VICTORIA

In memory of the late

ALICK MUSHIN

from

CENTURY WEAVING MILLS PTY. LTD.

With Compliments of

Henry Marlow

WHOLESALE
ELECTRICAL
SUPPLIES

895 HIGH STREET, ARMADALE

With Compliments of

# LEADING FASHIONS

PTY. LTD.

100 FLINDERS LANE, MELBOURNE

Greetings from

# MUSHIN & MILLER

PTY. LTD.

279 JOHNSTON ST., FITZROY, N.6

***With Compliments of . . .***

# *Charles Parsons*

**THE PEOPLE BEHIND AUSTRALIA'S
TOP CLOTHIERS
FOR OVER 50 YEARS**

***Suppliers to the Clothing Trade of all the newest and best in basic materials and accessories.***

**Reg. Office:**

**538-544 SWANSTON ST., CARLTON, VIC.
Tel.: 34-8151**

# *Cooks World Travel Service*

sincerely congratulated the Kadimah on its 55th Anniversary, and would like to convey warm and cordial greetings to their many thousands of friends in the Jewish community in Australia whom they have had the pleasure and privilege of serving in the past. COOKS convey every good wish to all in the community for their well-being and prosperity in the years to come and emphasise that their travel advice is willingly offered to any who may require it.

## THOS. COOK & SON (AUSTRALASIA) PTY. LTD.

**159-161 COLLINS ST., MELBOURNE**

***Phone 63-2442 (7 lines)***

מיר באַגריסן די „קדימה" צו איר 55־יאָריקן יובל
און צום אַרויסגעבן דעם
דריטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך:

אַבראַנטשקאַ י.
גאָלדשטיין משה
דייווים ד.
האָניג יהודה
זשאַבינסקי ח. מרס.
טרייוויש ע. ד"ר
מיטעלבערג ר.
פערטשיקאָוו בן־ציון
פרענקעל ק.
ריכטער ש.
שער יאָשאַ

**We greet the "KADIMAH" on its 55th Anniversary:**

BLICWAYS LADIES CLOTHING MNF.
CONCORDIA WOOLEN MILLS PTY. LTD.
FIELD L.
G. G. KNITWEAR PTY. LTD.
GENDALA K.
GRAND FASHIONS
HALPRIN H., CHEMIST
LINTEX TRADING CO. PTY. LTD.
LIPSON H.
LUX J.
MAGNET CO. PTY. LTD.
NINETTE CREATIONS PTY. LTD.
OPERA HANDBAG CO.
PRAHRAN CAR RADIO CENTER
REDLICH E.
RONEC FABRICS DISTRIBUTORS
SYMONDS M. J.
SOUTH YARRA HARDWARE
TAILORS TRIMMING CO.
TEXPORT CLOTHING
WAKER ROBERT
ZION RESTAURANT

# פאַרצייכעניש פון בילדער
# וואָס גייען אַריין אין דעם אַלמאַנאַך

זייט

## ק ד י מ ה

די „קדימה"־געביידע — 15
„קדימה"־קאָמיטעט ביים אריינגאַנג פון דער „קדימה"־געביידע
אין יאָר 1953 — 23
„קדימה"־קאָמיטעט מיטן גאַסט־רעדנער דוב־בער מאַלקין
אין יאָר 1963 — 25
יעקב מאַלקין ביים אָנקומען קיין מעלבורן אין 1960 — 27
קבלת־פּנים פאַרן דיכטער אברהם סוצקעווער אין 1961 — 27
פּראָפ. עזריאל נאַקס ביים אָנקומען קיין מעלבורן אין 1964 — 27
א ווינקל פון דער שלום־עליכם־אויסשטעלונג אין „קדימה"
אין יאָר 1959 — 29
אויף דער פייערונג פון 50 יאָר „קדימה" אין דעצעמבער 1961 — 31
אַקאַדעמיע צום יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד
אין שטאָט־ראַט פון מעלבורן אין יאָר 1965 — 33
ה. לייוויק טרויער־אָוונט אין „קדימה" אין 1963 — 123
פייערלעכער אָוונט אין „קדימה" צו פּרצעס 50טן יאָרצייט — 125
אויפן אָוונט אין „קדימה" לכבוד י. ראַפּאָפּאָרטן צום דערשיינען
פון זיין בוך „תנ"ך־אימפּראָוויזאַציעס" אין 1961 — 126
אָנטיילנעמער אויף דעם אָוונט אין „קדימה" צום דערשיינען
פון הערץ בערגנערס בוך „ווו דער אמת שטייט איין"
אין יאָר 1965 — 127
אויפן אָוונט צום דערשיינען פון יצחק קאַהאַנס בוך „פונקן
און פלאַמען" אין 1965 — 127
אויפן קבלת־פּנים־אָוונט פאַר מענדל מאַן אין 1962 — 172
ד"ר בערל פרימער ביים אָנקומען קיין מעלבורן אין יאָר 1965 — 175

## ט ע אַ ט ע ר

טעאַטער־קרייז א. נ. „יידישע בינע" אין יאָר 1930 — 37
דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז אין אָנהויב פערציקער יאָרן — 41
זיגמונט און ראָזאַ טורקאָוו ביים אָנקומען קיין מעלבורן
אין יאָר 1955 — 43
אידאַ קאַמינסקאַ און אַנדערע ייד. אַרטיסטן פון פּוילן
אויף א קבלת־פּנים אין „קדימה" אין 1960 — 43
יוסף שיין ביים אָנקומען קיין מעלבורן אין 1964 — 43

זייט

רחל האַלצער — — — — — — — — — — — — — — — — 45
א פּלאַקאַט פון „שמאַטעס", אויפגעפירט צו לייוויקס ערשטן
יאָרצייט. רעזשי: רחל האַלצער — — — — — — — — — — 45
אויפן קבלת־פּנים פאַר שמעון דזשיגאַן און פרוי און כוכבה
הררי אין יאָר 1965 — — — — — — — — — — — — — 46
רות בערגנער פירט אויס א טאַנץ אויף א באַל
פון טעאַטער־קרייז — — — — — — — — — — — — — 49
ש. טינעל און ש. מינדאַלעק אין „צוויי קוני לעמל"
אין יאָר 1964. רעזשי: יוסף שיין — — — — — — — 49
א טייל פון דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז און אייניקע פריינד
פון קרייז צוזאַמען מיט רחל האַלצער
און יוסף שיין אין יאָר 1964 — — — — — — — — — 51
אַנטיילנעמער אין „בית הלל" פון משה שמיר; רעזשי:
יעקב ווייסליץ, אין יאָר 1953 — — — — — — — — 52
א סצענע פון „א מזלדיקער שטרייק" פון מייקל ברעט;
רעזשי: רחל האַלצער, אין יאָר 1961 — — — — — — 52
יאַשאַ שער און חוה זילבערמאַן אין שלום־עליכמס
„בלאָנדזשענדע שטערן"; רעזשי: י. שיין, אין 1964 — 53
שמעון דזשיגאַן און כוכבה הררי מיט די שפּילער
פון דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז — — — — — — — 54

## יעקב ווייסליץ

יעקב ווייסליץ אין דער ראָל פון „שיילאָק" — — — — — — — 329
יעקב ווייסליץ אַלס „שימעלע סאָראָקער" אין „200.000"
פון שלום־עליכם — — — — — — — — — — — — — — 335
אַנטיילנעמער אין דער אויפפירונג „די הילצערנע שיסל";
רעזשי: יעקב ווייסליץ, אין יאָר 1958 — — — — — — 338
יעקב ווייסליץ אַלס „יואל שווארץ" אין „די הילצערנע שיסל" — — 339
יעקב ווייסליץ — — — — — — — — — — — — — — — — 441

## יידיש לעבן אין אויסטראַליע

## מעלבורן

די אַלטע געבײַדע פון מושב זקנים א. נ. פון משה מאָנטעפיאָרע — 61
דער נייער פליגל פון מושב זקנים א. נ. פון משה מאָנטעפיאָרע,
אויפגעבויט אין יאָר 1964 — — — — — — — — — — 62
די י. ל. פּרץ־שול — — — — — — — — — — — — — — — 67
די געבײַדע פון יידישן הילפס־פאָנד — — — — — — — — — 72
וואַרשטאַט פאַר עלטערע מענטשן ביים יידישן הילפס־פאָנד — — 73
דער גרויסער יידישער ספּאָרט־קלוב „אײַדזשעקס" — — — — — 79

זייט

דער לאָקאַל פון דער יידישער קונסט־געזעלשאַפט
א. נ. פון בן־אורי — — — — — — — — — — — — — 81
דער מצבה־מאָנומענט אויפן קאַרלטאָנער בית־עולם צום אָנדענק
פון די 6 מיליאָן קדושים, אויפגעבויט אין 1963 — — — 87
די טורעק־שול — — — — — — — — — — — — — — 89
א גרופע יידישע שרייבער אין מעלבורן
אין אָנהויב פופציקער יאָרן — — — — — — — — — 119
ערשטע יידישע קולטור־קאָנפערענץ אין אויסטראַליע
אין יאָר 1948 — — — — — — — — — — — — — 121
אויפן אָוונט לכבוד מ. אייזענבודם בוך „ניעסוויזשער יידן"
אין יאָר 1965 — — — — — — — — — — — — — 126
דער ביאַליסטאָקער צענטער — — — — — — — — — — 142
די ישיבה־טאָג־שול — — — — — — — — — — — — 143
די קאולפילד־שול — — — — — — — — — — — — — 145
יבנה־טאָג־שול — — — — — — — — — — — — — — 145
בית־רבקה טאָג־שול — — — — — — — — — — — — 145
קיו־שול — — — — — — — — — — — — — — — — 147
מוראַבין־שול — — — — — — — — — — — — — — 147
די גרויסע הר־הצופים־שול — — — — — — — — — — 149

## סידנעי

די גרויסע שול — — — — — — — — — — — — — — 92
בני־ברית־הייזער פאַר עלטערע מענטשן — — — — — — 93
מוריה טאָג־שול — — — — — — — — — — — — — — 94
דער צענטער פון נאַציאָנאַלן ראַט פון יידישע פרויען — — — — 97

## פּערט

די ק"ק שארית ישראל־שול — — — — — — — — — — — 101
די „כרמל"־שול א. נ. פון גדל קאַרסונסקי — — — — — — 101
די ליבעראַלע שול א. נ. טעמפּל דוד — — — — — — — — 103
דער „זעליגסאָן" קינדערגאַרטן — — — — — — — — — 103

## אַדעלייד

מלך ראַוויטש און הערש מינץ אין אַדעלייד אין יאָר 1933 — — 162

## אַנדערע שטעט

די באַלאַראַטער שול — — — — — — — — — — — — 106
די שול אין האָבאַרט (פּראָנט) — — — — — — — — 109
אינערלעכער אויסזען פון דער שול אין האָבאַרט — — — — — 111

## פאַרשידענע בילדער

אַבאָרידזשינישע מענער אין צפון פון אויסטראַליע — — — — — 359
אַבאָרידזשינישע פרויען און קינדער — — — — — — — — — 361
פאָטאָ פון נח פּרילוצקיס קאַרטע פון ווילנער געסטאַפּאָ — — — 381